STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09440

100 YOR YIDISHE UN HEBREYISHE LITERATUR IN KANADE

Chaim Leib Fox

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

חיים לייב פוקס

100 יאר
יידישע
און העברעישע
ליטעראַטור
אין קאַנאַדע

אַרויסגעגעבן פון
"ח.ל. פוקס בוך פאַנד קאָמיטעט"
מאָנטרעאָל 1980. תש"מ.

100 YEARS OF YIDDISH AND HEBREW LITERATURE IN CANADA

WE GRATEFULLY APPRECIATE THE
ASSISTANCE RECEIVED FROM THE
MULTICULTURAL PROGRAM DEPARTMENT OF
THE SECRETARY OF STATE OF CANADA.

COPYRIGHT BY

CH. L. FOX 1979
ALL RIGHTS RESERVED

שער־בלאט געצייכנט פון ב. שיינזאן

מאנוסקריפט פון דעם בוך האָט באַקומען די "פרעמיע פאר ליטעראטור
פון "דבורה און דר. ה. ראזנפעלד" ביים "י.י. סיגאל קולטור פאנד" פארן
יאר 1978.

PRINTED AT: געדרוקט און אויסגעפארטיקט פון:

ADLER PRINTING REG.
4180 De Courtrai, Suite 218
Montreal, Que. H3S 1C3
1980



חיים לייב פוקס

מיט דאנק ווערן דערמאנט:

די חיה און פנחס הובערמאַן פונדאַציע פאַר יידישער קולטור, אין וואַנקוווער

די יידישע פאלקס ביבליאטעק אין מאנטרעאל

דער "מולטי־קולטור דעפארטמענט פון דער קאנאדער פעדעראלער רעגירונג".

דער נאציאנאלער קאמיטעט פאר יידיש ביים קאנאדער יידישן קאנגרעס.

די פונדאציע פאר קולטור ביים פארבאנד פון יידישער קהילה באדינונג אין מאנטרעאל.

דער קאנאדער יידישער קאנגרעס

און אלע יחידים,

מיט וועמעס הילף ס'איז דערמעגלעכט געווארן דאס צוגרייטן און ארויסגעבן דאס בוך. א באזונדערן דאנק צו

ען אָרנשטיין, קיטי בעטאַן און שרה פיטערס פאר דער טעכנישער מיטהילף צום קאמיטעט.

דער מחבר

און די עקזעקוטיווע פונעם

ח.ל. פוקס בוך פאנד קאמיטעט

צווישן די וואס האבן א גרויסן חלק אין דער אנטוויקלונג פונעם יידישן קהילה־לעבן אין קאנאדע, געפינען זיך די שרייבער און קינסטלער וועלכע האבן מיט זייער שאפן באווירקט און אויסגעדריקט דעם עקשנותדיקן יידישן ווילן צו לעבן אומעטום וואו זיי וואוינען ווי א פאלק פון אַן אייגענער קולטור און גרויסע ווערטן.

שוין אין דעם לעצטן פערטל פון 19טן יארהונדערט, ווען דער יידישער יישוב אין קאנאדע איז געווען קוים עפעס מער פון 15,000 נפשות, האבן היגע יידישע שרייבער זיך געלאזט הערן דורך קאָרעספאנדענצן אין די צייטשריפטן פון די אלטע יישובים אין אייראפע און געפראוווט שאפן דא אַן אייגענע פרעסע. אנהייבנדיק פון 20טן יארהונדערט האבן זייערע פארצייכענונגען, באשרייבונגען פון היגן יידישן לעבן ווי אויך דורך קינסטלערישע שילדערונגען אין פּראָזע, פּאָעזיע, רעליגיעזע ספרים און וויכטיקע פאָרש־ארבעטן אויף פארשיידענע געביטן אין יידיש און העברעיש אוועקגעשטעלט דעם כסדר וואַקסנדיקן יישוב אויף דער וועלט־מאפע פון דער יידישער ליטעראטור. דאָ, אויפן ארט האבן א היפשער טייל פון זיי מיט זייער ווארט און טאַט צוגעטראגן זייער חלק אינעם דערציען און אויספארמירן דאס גייסטיק און געזעלשאפטלעך אחריותדיקע געשטאלט פון דעם יונגן יישוב.

צום באדויערן אבער איז א גרויסער טייל פונעם שאפן פון די ראשונים־פיאנערן און אפילו פון א סאך צוגעקומענע שפעטער, געבליבן בלויז אין די אונטערגעגאנגענע זשורנאלן און אויסגאבעס, און אויך זיי זיינען פארגעסן געווארן. אין געשיכטע ארבעטן וואס זיינען ביז איצט דערשינען ווערן זיי כמעט נישט דערמאָנט. אפילו פאר די ערנסטע פארשער פון היגן יידישן לעבן זיינען די נעמען און ווערק פון גאָר אַ קליינער צאָל פון זיי באקאנט.

עס קומט דעריבער גרויס אָנערקענונג און אַן אמתער יישר כוח צום טאַלאַנטפולן פּאָעט און לעקסיקאָגראַף חיים לייב פוקס וואס האט גלייך נאך זיין באזעצן זיך אין מאנטרעאל מיט עטלעכע יאר צוריק זיך גענומען צום צונויפזאמלען דעם ביאָ־ביליאָגראפישן מאטעריאל פון אלע שרייבער אין יידיש און העברעיש וועלכע האבן געווירקט און ווירקן היינט צו טאָג דאָ אין לאנד. מיט גרויס פלייס, קענטעניש און געניטשאפט, האט ער אויפגעזוכט דעם מאטעריאל וואס האט זיך געפונען אין צענדליקער לאנג שוין פארגעסענע צייטונגען און זאמלונגען און אין פריוואטע און עפנטלעכע ארכיוון. דאס איז דערגאנצט געוואָרן דורך אינטערוויאוען מיט א היפשער צאָל יחידים וואס האבן געקענט אדער געוואוסט פרטים וועגן דעם לעבן פון די מענטשן.

דאס בוך "100 יאר יידישע און העברעישע ליטעראַטור אין קאנאדע" איז דער רעזולטאט פון זיין פאָרש־און זאַמל־ארבעט אין משך פון קרוב צו זעקס יאר. איבער 400 נעמען פון מחברים און זייערע ווערק זיינען פארצייכנט אין דעם בוך,

וואס איז דערווייל דאס איינציקע פון דעם מין אין דער געשיכטע פארשונג פון היגן יישוב.

פון א נעענטערן באקענען זיך מיטן מאַטעריאל ווערט קלאָר, אז דעם צונויפשטעלערס צוגאנג ביים צוגרייטן דאס בוך איז, אז יעדער וואס האָט מיט עפעס צוגעטראגן צום יידיש שעפערישן פראָצעס אין קאנאדע, אפילו בלויז אויף א קורצער ווײַלע איז ווערטיק און דאַרף דערמאנט ווערן. ער האלט עס ווי א חסד של אמת צו די וועמעס שעפערישע ארבעט איז אין ערגעץ נאך נישט דערמאָנט געווארן.

ס׳איז אויך כדאי צוצוגעבן, אז בלויז א פּאָר באשיידענע סובסידיעס פון היגע געזעלשאפטלעכע אינסטיטוציעס און פונעם ״מולטי־קולטור דעפּאַרטמענט פון דער פעדעראלער רעגירונג פון קאנאדע״, האבן אים דערמעגלעכט צו דעקן א טייל פון די הוצאות וואס זיינען דערמיט געווען פארבונדן און נישט באַקומענדיק קיין שכר־סופרים.

אונדזער קאמיטעט האלט עס דעריבער פאר אַן אמתער פּריווילעגיע און אויספירן א געזעלשאפטלעך ליטערארישע שליחות מיטן האבן אים געהאלפן צו קריגן די מיטלען אויפן ארויסצוגעבן דאס בוך; און ביים אויסדריקן דעם מחבר אונדזער עפנטלעכן דאנק און אנערקענונג פאר זיין מי, ווילן מיר אויך באַדאנקען אלע יחידים און קערפערשאפטן וואס האבן זיך מיט כבוד אפגערופן און צוגעטראגן זייער חלק פארן פאָנד צו דרוקן דאס בוך.

פארן חיים לייב פוקס בוך קאמיטעט

יעקב זיפּער
דר. יוסף קיידזש
חיים שפּילבערג

אַ פּאָר ווערטער במקום הקדמה

ברוך! זאָל זיין געבענטשט און געלויבט דער יוצר הכל, וואָס האָט מיך אין מיין וואַנדער געפירט צום וואונדערלעכן און גרויסן לאַנד קאַנאַדע און פּאַר מיר געשאַפן אַ היים אין דער עיר ואם בישראל-מאָנטרעאַל, די שטאָט פון אַ פאַרשיידנאַרטיקער באַפעלקערונג מיט אייגענע קולטורן, און וואו דער יידישער טייל איז אַ האַרציק-וואַרעמער און היימיש-נאָענט צום געמיט פון דעם נאָר וואָס געקומענעם; די כמעט גאָרטן-שטאָט, וואָס מיט אירע טייכן און איר "קעניגלעכן באַרג" (מאַונט-ראָיאַל) אין סאַמע מיטן, מיט זיין באַוועלדערטקייט איז שטאַרק משפיע צו פאַרטיפטער יצירה אין אַלערליי פאָרמען און שפּראַך אויסדרוקן, ווי עס ווערט געבערענגט אין "ספר יצירה": "סופר, סיפור, וספר" (דער שרייבער, די דערציילונג און דאָס ספר) דורך זיי איז באשאפן די וועלט און דער מענטש.

פיל איך זיך דערהויבן דערמיט, וואָס אין מיינע גבורות-יאָרן האָט מיך דאָ ארומגענומען די תשוקה צום שאַפן ווי עס האָבן עס אומעטום געטאָן אין צייטן שווערע און מידע די ערשטע יידישע און העברעישע שרייבער פאַר מיר, וועלכע האָבן מיט זייער וואָרט געשטאַרקט דאָס דערשלאָגענע געמיט פון די ניי-געקומענע פון לענדער וואו מ'האָט זיי נישט געלאָזט לעבן ווי מענטשן און יידן.

שוין אין די ערשטע חדשים פון מיין זיין אין מאָנטרעאַל, ווי נאָר כ'האָב זיך דערפילט היימיש צווישן די היגע שאַפערישע מענטשן און דעם עולם אַרום זיי, האָב איך אויפגענומען אין מיין האַרץ און מחשבה דעם געדאַנק צו פאַרצייכענען אין אַ באַזונדער ספר די נעמען און ווערק פון די שעפערישע מענטשן אין יידיש און העברעיש, וואָס האָבן אין משך פון יאָרן באַווירקט דעם קאַנאַדער אייגנאַרטיקן יידישן ישוב פון איבער 300,000 נפשות, כן ירבו.

דערביי, האָב איך דער עיקר אין זינען געהאַט צו טאָן אַ חסד של אמת און געבן אַ תיקון צו די גאָר ערשטע פון זיי, וואָס אויף וויפל מיר איז באַקאַנט, זיינען בכלל אין ערגעץ נישט דערמאָנט געוואָרן און אַ גרויסער טייל איז סתם געבליבן פאַרגעסן אין די פאַרגעלטע בלעטער פון פאַרשיידענע זשורנאַלן, צייטונגען און געזעלשאַפטלעכע און פּריוואַטע אַרכיוון. קהוב זעקס יאָר האָט מיר גענומען אויפצוזוכן זייערע נעמען און דעם ביאָ-ביבליאָגראַפישן מאַטעריאַל דורך וועלכן זיי זאָלן קענען פאַרייביקט ווערן אינעם פּינוס-אוצר פון יידישן וואָרט.

לוידער, איז מיר נישט ביי אַלע דערמאָנטע אין דעם בוך געלונגען צו געפינען אַלע פּרטים וועגן זייער לעבן, שאַפן און דאָס יאָר פון זייער אָפּשיידן זיך פון דער וועלט. איך האַלט עס אָבער פאַר אַ זכות וואָס כ'האָב באוויזן אַרויסצוהייבן זייערע נעמען פון דער פולער פאַרגעסנקייט. אויב אָבער כ'האָב פאַרט פאַרפעלט עמעצן צו דערמאָנען, בעט איך דערפאַר מחילה למפרע.

ביים אַריינגעבן אין דרוק דאָס ספר אין וועלכן עס זיינען פאַרצייכנט 420 יידיש און העברעיש שרייבער און מחברים וואָס האָבן קרוב צו 100 יאָר באַגלייט מיט זייער שאַפן דעם קאַנאַדער יידישן ישוב און אים פאַרבונדן מיט די יידישע ישובים איבער דער וועלט, זאָל מיר אויך דערלויבט זיין אויסצודריקן אַ לויב און אַ דאַנק צו די וואָס האָבן מיך געמוטיקט אין דער אַרבעט און מיט ראַט און טאַט. מיר

געהאָלפן אינעם אויפזוכן די מאַטעריאַלן, און אַ ספּעציעלן יישר־כּוח צום קאָמיטעט און אַלע פריינד וואָס האָבן דערמעגלעכט דאָס דערשיינען פון דעם בוך.

און ווייל מיין לעבן און שאַפן איז דער עיקר געקומען צום אויסדרוק דורך מיין ליד, פיל איך אויך צו־צוגעבן צו מיין אַריינפיר־וואָרט אַ ליד, וואָס האָט געלעבט אין מיר די גאַנצע צייט פון מיין זיין אַריינגעטאָן אינעם צוגרייטן דאָס בוך.

על מוקדה

מיינע היינטיקע לידער,
זיינען נעמען
פון יידישע שרייבער
פאַרגעסן דורך צייטן און יאָרן
ווי זייערע פאַרשוואונדענע מעת־לעתן.
איך האַלדז זיי ווי משפחה,
ווי קרובים געטוליעט,
און איך נעם זיי ארום געאָרעמט
היימיש און אייגן...

זייערע אויגן,
ווי די נעכט פון זייער חלום,
ווי די טעג פון זייער וואָגל־
גייען אויף אין מיר
ווי די יאָרן פון זייער לעבן.

אין די חלומות מיינע,
לאָז איך זייערע נעמען קריצן
און זייערע פּנימער, ווי בליצן
לייכטן צו מיר,
וויינען, טענהנען
צו מיר אין לעצטע רגעס.

אויף די אומקום וועגן און געפאַרן,
זיי האָבן זיך געהייליקט אין מאַמישן יידיש
און געקידושט
הַשֵׁם — — —
און זייער וואָרט צו יידן געטראָגן;
און ווען זייער לעצטע שעה האָט אויסגעשלאָגן —
געשוויגן...
ניט געוואָלט און נישט געקענט
דערוועקן, דערשרעקן
דעם באַשאַף פון אַלע באַשאַפן,

וואָס האָט צו זיי געשריגן
דורך לידער און טראָפּן.

עס ווינטלען די זילבן און סטראָפּן
פון דיכטער און שרייבער, פון זינגער, בּדחנים — —
נאָר שפּעטער דורך גאַנצע מֶעת - לעתן
ווערן פול מיינע שטיבער מיט זייערע חיבורים
און יעדער וואָרט, ברענגט אויף מיר אַ פּנים,
וואָס וויל נישט ווערן פאַרגעסן — — —
און ווי מיט הענט אַרומצונעמען,
און ווי פון פלאַמען, וואָס ווילן נישט ווערן פאַרלאָשן,
צינדן זיך ווערטער, ציען זיך נעמען
פון יידישע שרייבער
וואָס ווערן מיינע בעסטע לידער...
האַר פון מיין לעבן, פון מיין ליד דער האַר;
איך רוף צו דיר, נישט בלויז אין שעה פון געפאַר
און נישט נאָר ווען עס האַלדזט מיך דער אומעט...
פאַרגיב! דו ווייסט דאָך אַז איך באַגער נישט קיין שכר
פאר מיין עבודה. פאַרגיב מיר אויך וואָס איך ווייס נישט
ווי מקיים צו זיין דיין וואָרט
וואס האָסט געשריבן אין חומש:
על מוקדה..
..טאָ זאל מיין ליד, זיין כאָטש אַ שטראַל,
ווי דאָס פלעמל פון דיין נר תמיד:
פאַר יידישע שרייבער לזכרון!
ווי די מי פון מיינע לעצטע, לעצטע יאָרן...

חיים לייב פוקס

א

אַבידע, יהודה (8 טער יאַנ' 1887 — 22 סטער סעפּט. 1962)

אַדאָפּטירטער נאָמען פון יהודה־לייב זלאָטניק. געב' אין פּלאָצק, פּוילן. פון 1911 רב אין פאַרשידענע קהילות אין פּוילן, קאַנאַדע און דרום־אַפריקע. מיטגרינדער פון דער "מזרחי" — באַוועגונג. גלענצנדיקער רעדנער און לעקטאָר.

אין קאַנאַדע אַנטוויקלט זײַן ברייטע ליטעראַרישע, וויסנשאַפטלעכע, פאָלקלאָריסטישע און ביבליאָגראַפישע טעטיקייט, וואָס ער האָט נאָך געהאַט אָנגעהויבן אין פּוילן, אין 1904, מיט יידישע און העברעישע שירים אין הקול קול יעקב און **הצפירה**, וואַרשע. די קריטיק האָט אים באַצייכנט ווי "אַ דיכטער מיט אַן אייגענעם נוסח". אָבער הרב א"ב. האָט זיך גאָר געווידמעט דער יידישער פאָלקלאָריסטיק, און דער פאַרנאַכלעסיקטער יידישער ביבליאָגראַפיע. זײַנע ערשטע אַרבעטן האָבן אַרויסגערופן גרויס אָנערקענונג צוליב זייער עכטקייט און וויסנשאַפטלעכער מעטאָדיק. ער איז געוואָרן אַ מיטאַרבעטער כּמעט פון דער גאַנצער יידישער און העברעישער פּרעסע און פעריאָדיק אין פּוילן, און זײַנע פאָרשונגען **דער וואונדער־אוצר פון יידישער שפּראַך, דער מענטשלעכער קערפּער, אידישע מאכלים** א"אַ האָבן אים באַקאַנט געמאַכט ווי איינעם פון די מיטבוּיערס פון יידישער וויסנשאַפט. אַזוי זענען אָפּגעשאַצט געוואָרן די פאָרשונג **טערמינען וועגן פלאַנצן און געוויקסן**, וואָס ער האָט צום ערשטן מאָל אין נײַעם יידיש געגעבן זייערע ריכטיקע נעמען. זײַן באַזעצן זיך אין מאָנטרעאַל, אין 1920, האָט באַרײַכערט די קאַנאַדער יידישע ליטעראַטור. ביז סוף 1950, איז הרב אַ' געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט. **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר. **דאָס יודישע וואָרט**, וויני'. **דאָס וואָרט**, וואַנק' א"אַ. דאָרטן, חוץ וועגן אַקטועל־יידישע פּראָבלעמען, אויך געדרוקט עסייען וועגן ליטעראַרישע פּראָגעס, רעצענזיעס וועגן ביכער און ספרים, אויך טיילן פון זײַנע איבערזעצונגען פון **שיר השירים, איוב, קהלת** און פאַרשידענע מדרשים און אגדות פון דער אַלטער ליטעראַטור. זײַן סעריע אַרטיקלען קעגן דער הבלגה און קעגן חלוקה־פּלאַן פאַר ארץ־ישראל, האָט גורם געווען זײַן רעזיגנאַציע פון דער אָנפירונג פון דער קאַנאַדער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און ביז ער איז געוואָרן רב אין וואַנק' געווען ממש אָן פּרנסה און געמוזט פאַרקויפן טיילן פון זײַן רײַכער ביבליאָטעק פון יידישע יקר־המציאותן, בכדי צו קענען בדוחק מפרנס זײַן די משפחה.

זײַן איבערזעצונג אויף יידיש, פון זענדישן אָריגינאַל פון דער **זענד־**

אוועסטא (געדרוקט אין זאַמלהעפט **דער קוואַל** מאנט׳ 1922) האָט דעם יידישן לייענער באַקאַנט געמאַכט מיט דער פּאָעזיע פון דער אַלטער פּארסישער קולטור.

אין דער זאַמלונג **אידישע אמעריקע** (רעד. נח שטיינבערג) נ.י. 1929, האָט ער אונטערן נאָמען יהודה עלזעט, פאַרעפנטלעכט די וויכטיקע פאָרשונג ״אונדזער פאָלקס אוצר״ (ז״ז 233-270) וואָס איז א גרויסער צושטייער צו דער פאָלקלאָר־שטודיע און גלייַכצייַטיק אויף א וויסנשאַפטלעכן אופן, געלאָזט הערן דאָס געזאַנג פון יידיש, וואָס איז ״דאָס געזאַנג פון דער יידישער נשמה״.

הרב אב׳, איז דער מחבר פון א גרויסער צאָל וויכטיקע ווערק אין יידיש, העברעיש און ענגליש. צווישן זיי אין מאָנטרעאַל דערשינענע: **שטודיען פון אַמאָליקן יידישן לעבן**, 1927, 78 ז׳, **מיט הונדערט יאָר צוריק**, 1928, 142 ז׳ **קהלת דער מענטש און דאָס בוך**, 1929, 144 ז׳, אידישער וויץ און הומאָר, 1937, 225 ז׳ און אויך טיילן פון זיינע העברעישע ספרים **מדרש המליצה העברית** (דריי בענדער) וואָס זייַנען אַ וויכטיקער צושטייַער צו דער פאָרשונג פון העברעישן און יידישן סטיל. ער איז אויך דער מחבר פון אייניקע ביכער אין ענגליש.

צו זיין 60 יעריקן יובל איז אונטער דער רעדאַקציע פון שמחה אסף, יהודה קויפמאן און ר׳ בנימין, דערשינען דאָס **ספר מנחה ליהודה**, ירושלים, 1960, וואָס אַנטהאַלט זייער וויכטיקע מאַטעריאַלן און אָפּשאַצונגען וועגן זייַן ליטעראַרישער שאַפונג.

הרב א׳ איז נפטר געוואָרן אין ירושלים.

מער וועגן זיין לעבן און שאַפן זען: זלמן רייזען **לעקסיקאָן** ב.1, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור** ב;1 מיט ביבליאָגראַפיע, ח.מ. קייזערמאַן, **אידישע דיכטער אין קאנאדע**, **מאנט׳**, 1934, אינדעקס,**ספר מנחה ליהודה**, ישראל ראבינאוויטש, **קאנאדער אדלער**, 25 טער סעפּט- 1962, דר׳ אליהו שולמאַן, **פאָרווערטס**, 22 טער אפריל 1979.

אַבעללאַ, שמואל־אליעזר (5 טער סעפּט׳ 1900).

געב׳ אין פינטשעוו, קעלצער געגנט, פוילן, אין אַ חסידישער משפחה, וואָס ציט איר יחוס פון קאָצקער רבין געלערנט אין ישיבות און בייַ לערערס. אין 1927 געקומען קיין טאָראָנטאָ, און פון 1928 ביז 1968 געווען אַ לערער אין דער ת״ת ״עץ חיים״ געווען לאַנג יאָריקער סעקרעטאַר פון ״מזרחי״ און פון ״תורה ועבודה״ אין קאַנאַדע. פון 1928 ביז 1959 געדרוקט אַרטיקלען און באַשרייבונגען אין **דער אידישער זשורנאַל**, טאָר׳, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט קלאָרקייט און סטיל. לאַנגע יאָרן באַטייליקט זיך אין קאַנאַדער אָדלער. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון **תורה־ועבודה־שטימע** (1936) **רעליגיעזע אַרבייטער־שטימע** (1944), מיטרעדאַקטאָר פון דרייַ־שפּראַכיקן **המזרחי** (1932 — 1934), אַלע אין טאָר. באַטייליקט זיך אין **המזרח**, **די מזרחי־שטימע**, **די מזרחי וועלט** א״א, מאָנט. שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **הצופה**, ירושלים, דרוקט אויך א״פ ש.א. בן יצחק.

לויט פאַרשידענע קוואַלן, אינפאָרמאַציע פון רחל בעסערמאַן, טאָר׳ קאַנאַדיאַנאַ.

אַבראַמאָוויטש, אברהם (אלבערט) 1907

געב׳ אין בזשעזשין, ביי לאָדזש, פוילן. צו 7 יאָר געוואָרן א יתום, געלערנט אין חדר און דורך

זעלבסטבילדונג. צו 15 יאָר געוואָרן א שניידער־ארבעטער און אקטיוו אין דער לינקער פ״צ־פּאַרטיי. זינט 1928 אין טאָר. טעטיק אין דער יידישער פּראָפעסיאָנעלער און פּאָליטישער ארבעטאר־באַוועגונג. גרינדער פון דער ״בזשעזשינער סאָסייעטי״. איניקע יאָרן געווען פּאָרזיצער פון טאָר. אָפּט. פון ״פּאָלקסאָרדן״ פון 1930, דרוקט ארטיקלען און באשרייבונגען פון אַרבעטער לעבן אין **דער קאַמף**, **דער וועג**, **וואָכנבלאַט** (אלע אין טאר) **מ׳. פרייהייט**, נ.י. אין **בזשעזשינער יזכור בוך**, נ.י. 1961 פאַרעפנטלעכט די ארבעט: ״בזשעזשינער ארבעטער באַוועגונג״ וואָס שילדערט דעם קאַמף פון די בזשעזשינער יידישע שניידערס. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער ענגלישער ארבעטער־פּרעסע אין קאַנאַדע.

אַבראַמאָוויטש, יוסף־הערש

(1905 — 30 טער יוני 1954)

געב׳ אין מאָליעוו ביים דניעסטער. פּאָדאָליע. בעת די פּאָגראָמען אין אוקראינע (1919) אוועק קיין בעלץ. פון דאָרטן אין 1924 געקומען קיין טאָר. ביז צו זיין פריען טויט, געאַרבעט ווי אַ האָרשערער. געווען טעטיק אין דער יידישער פּראָגרעסיווער ארבעטער־באַוועגונג. לאַנגיעריקער מיטארבע־טער פון **דער קאַמף**, **דער וועג**, **וואָכנבלאַט** (אלע אין טאָר׳) **מ׳ פרייהיט**, **נ.י.**

געשטאָרבן אין טאָר׳.

וואָכנבלאַט, טאָר׳. 3 טער יולי 1954.

אַטלאַס, יוסף (1887)

געב׳ אין לוויוויטש, פּוילן. באַקומען שטרענג רעליגיעזע דערציונג. תלמיד פון באָלימאָווער רב. ביז דער נאַצישער הערשאַפט אין פּוילן, געלעבט אין לוויוויטש, דערנאָך אין **באַהעלטעניש**. זומער 1944, געווען צווישן די ערשטע באַפרייטע יידן אין לובלין. שפּעטער געלעבט אין לאָדזש און אקטיוו אין באַנייען יידישן קהילה־לעבן און צוזאַמען מיט לייב ביאלער ע״ה, צוזאַמענגעשטעלט די ערשטע רשימה פון אָפּגעראַטעוועטע ספרים און יקר־המציאותן און זיי געהאָלפן ארויספירן פון פוילן. נאָך פאַרן חורבן געדרוקט ארטיקלען און לידער אין **מאַזאָווישער וואָכנבלאַט**, לוויוויטש און ביז 1948 אויך אין **דאס נייע לעבן**, לאָדזש. זינט 1948, אין מאָנט׳ און פון 1950, געדרוקט אַרטיקלען אויף רעליגיעזע טעמעס און וועגן יידישע צייט פּראַגעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט א רייַך יידיש לשון און מיט לומדות אין **קאנאדער אדלער**. אין **לאָוויטשער יזכור בוך**, מעלבורן, פאַרעפנטלעכט זיין ליד ״אגרת פוילן״ (געשריבן אין 1946) וואָס גיט איבער די שטימונגען און געפילן פון אַן אָפּגעראַטעוועטן ייד פון היטלערישן חורבן.

לאוויטשער יזכור בוך, קאנאדיאנא.

אַלטמאַן, יהושע (15 אויג׳ 1899 —)

געב׳ אין אָסטראָווצע, קעלצער געגנט, פוילן אין א משפחה פון אַ דיין, געלערנט אין חדר, ישיבה פון אָסטראָווצער רבין און געשמט פאַר אַ גרויסן למדן. אַ צייַט געלעבט אין קראָקע, ווו פאַרפולקומט זיין בילדונג. אין קראָקע אָנגעהויבן שרייַבן, צוערשט אין לשון־קודש און דערנאָך אויך אין יידיש. (א״פ אַברך) פון 1927 אין טאָר׳, און געטאָן פאַרשידענע מלאָכות. די ערשטע יאָרן געווען א צושניידער, שפּעטער אַ לערער, אַ

פאַרזיכערונגס־אַגענט. פון 1945 אָנגעפירט מיט קורסן פון תנ״ך, תלמוד און יידישער געשיכטע ביים ״נאַצ׳ אַרבעטער־פאַרבאַנד״ אייניקע מאָל באַזוכט מדינת־ישראל. אין טאָר׳ אַנטוויקלט זיין טאַלאַנט, געדרוקט לידער דערציילונגען און טיילן פון ראָמאַנען אין **דער יודישער זשורנאַל** צוו.א. די גרעסערע נאָוועלע־פון ביבלישן לעבן אין די צייטן פון דוד המלך־**אַבישג** 4 אקט. ביזן 29 דעצ׳ 1949, וואָס שילדערט אין קינסטלערישע בילדער און אין אַ רייכער קלאַסישער שפּראַך דאָס לעבן פון די יידישע מענטשן און געשעענישן. זיינע דערציילונגען, דער עיקר פון דער אַלטער היים, זענען חוץ אין שילדערונג און מיליע אויך רייך מיט גרויסער בענקשאַפט נאָכן פאַרשניטענעם יידישן לעבן. אַזוי איז אויך זיין גרויסע דערציילונג אין העברעיש. **נתפיסתי עם אבא** (200 זז׳), וואָס וועט בקרוב דערשיינען און וואָס שילדערט דאָס צוריקקומען נאכן חורבן פון אפגעפרעמטע און פרייע יידן צום נאַציאָנאַלן באַוווסטיין. י.א. איז לאַנגע יאָרן געוועז אַ מיטאַרבעטער פון **הדואר, בצרון, אידישער קעמפער.** ער האָט אויך פון צייט צו צייט פאַרעפנטלעכט דערציילונגען אין **טאָג** (אַלע אין נ״י) ווי אויך אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט.

לויט די אַרכיוון פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, טאָר׳, אינפאָרמאַציע פון נחמן שמן און ש.י. סימכאָוויטש, **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט, 1 סעפט׳ 1978.

אַלמאַזאָוו, ש. (24טער מארץ 1889 — 20 טער אפר׳ 1979)

אַדאָפּטירטער נאָמען פון ש. פּערל. געב׳ אין ראָוונע, וואָלין. אין 1913 געקומען קיין ווינ׳ און ביז 1924 געווען אַקטיוו אין אַרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן, דער עיקר אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער איז געווען א לערער פון ענגליש אין די יידישע שולן פון דער פ״צ פּאַרטיי. סעקרעטאַר פון מערב־קאנאדער הילפס־קאָמיטעט פאַר יידישע מלחמה — געליטענע און רעדאַקטאָר פון זיין אויסגאבע **הילף**, ווינ׳ 1918. געדרוקט אַרטיקלען אויף אַקטועלע טעמעס אין **קאַנאַדער איד, דאָס יודישע וואָרט** (ביידע אין ווינ׳) פון 1914 ביז אָנהויב 1925, געווען דער קאָרעספּאָנדענט פאר מערב־קאַנאַדע פאַרן**פאַרווערטס**, נ.י. אין 1925 אַוועק קיין נ.י. און געוואָרן אַן אינעוויינקסטער מיטארבעטער און רעדאַקציע־מיטגליד פון דער **מ׳ פּריוהייט**,באַטייליקט זיך אין **דער האמער** און אנדערע לינקע אויסגאַבעס, וואָס זיינען ביז צו זיין טויט, דערשינען אין נ.י. געשטאָרבן אין פּעטאַלומע, קאַל׳

מער פּרטים זען: ז. רייזען **לעקסיקאָן ב. 2.** (אונטער פּערל) מיט ביבליאגראפיע) אַלעקסאַנדער פאָמעראַנץ, **פּראָלעטפּען**, קיעוו, 1925, ז׳ 194, ש. בעלקין, **די פּועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס. נעקראָלאָגן אין פרייהייט, נ.י. **קאַנאַדיאַנאַ.**

אַלמי, אַ. (2טער יאַנ׳ 1892 — 25 סעפּט׳ 1963)

אַדאָפּטירטער נאָמען פון אליהו — חיים שעפּס. געב׳ אין וואַר׳ פּוילן. באַרימטער יידישער שריפטשטעלער און געלערנטער. פון 1907 טעטיק אין דער יידישער ליטעראַטור. פון 1912 אין אַמעריקע, פון 1918 ביז סוף 1922 אין מאָנט׳ אינעוויניקסטער מיטאַרבעטער פון**קאַנאַדער אָדלער**. גרינדער פון

דער ליטעראַרישער גרופּע און רעדאַקטאָר פון איר צ״ש **דער קוואַל** (1921) מיטרעדאַקטאָר (צוזאַמען מיט י.י. סיגאַל און אַ.ש. שקאָלניקאָוו) פון די זאַמלונגען **עפּאָכע** (1922) באַטייליקט זיך אין אַ צאָל ליטעראַרישע צ״ש אין קאַנאַדע און אין יידישע צייַטונגען און ליט׳ אויסגאַבעס איבער דער יידישער וועלט. מחבר פון 25 וויכטיקע ביכער אויף פאַרשיידענע געביטן פון ליטעראַטור. צוו״אַ **די צווייטע עקזיסטענץ** (וועגן פּראָבלעם פון השארת־הנפש). מאָנט׳ 1921, 160 זז׳, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פּאָלעמיק פון איין זייַט און גרויס אויפמערק פון דער אַנדערער זייט. ״זייַנע פּאָפּולער געשריבענע עסייען וועקן אַן אינטערעס צו רעליגיעז־מיסטישע פּראָבלעמען...זייַנע לידער (אַפילו די הומאָריסטישע און סאַטירישע) זענען ליריש־פילאָסאָפיש און זענען אַ צושטייַער צו דער יידישער דיכטונג..(ח.ל.פ.) געשטאָרבן אין נ״י.

אויספירלעכע פּרטים זען: ז. רייזען: לעקסיקאָן ב;1 מיט ביבליאָגראַפיע. **לעקסיקאָן פון דער נייַער יידישער ליטעראַטור** ב;1 מיט ביבליאָגראַפיע; ישראל ראַבינאָוויטש, **קאַנאַדער אָדלער**, 30 אָקט׳ 1959, קאַנאַדיאַנאַ.

אַפּטער, שמשון (15 מיי 1907 —)

געב׳ אין אַפּט, קעלצער געגנט, פּוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון 1930 ביז סוף 1936 אין טאָר׳ און דאָרטן אַנטוויקלט זייַן טאַלאַנט. אין פּוילן געדרוקט דערציילונגען אין פאַרשידענע זאַמלונגען (אונטער שמשון פּיזעל) ער איז געווען מיטגליד פון דער יונגער פּראָגרעסיווער שרייַבער־גרופּע און מיטרעדאַקטאָר פון דער זאַמלונג אייגנס (1931) באַטייליקט זיך מיט דערציילונגען און אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע טעמעס אין דער **יודישער זשורנאַל**, זאַמלהעפט **באַ אונדז**, **פּראָלעטאַרישער געדאַנק** א״אַ, טאָר׳. מחבר פון אַ צאָל דערציילונגען און ראָמאַנען. צוו׳ אַנד׳ **צווי שטעט**, נאָוועלן, טאָר׳ 1934, 131 זז׳, וואָס זענען מיט אָנערקענונג אויפגענומען פון דער קריטיק צוליב זייער עכטן און קינסטלערישן געמיט. זייַן ראָמאַן **פון רוימישן געטאָ**, האָט אים געברענגט גרויס לויב. אייניקע מאָל צוריקגעקומען קיין קאַנאַדע, אָבער צוליב פּרנסה, געמוזט צוריקפאָרן קיין נ״י. ער איז לאַנגיעריקער סעקרעטאַר פון אַמעריקאַנער צענטער פון יידישן ״פּען־קלוב״. מער פּרטים זען: **לעקסיקאָן פון דער נייַער יידישער ליטעראַטור** ב.1 מיט ביבליאָגראַפיע, קאַנאַדיאַנאַ.

אַראָנאָף, יוסף (15 מאַרץ 1882 — 18 מייַ 1974)

געב׳ אין כערסאָן, אוקראַינע, דערצויגן אין אַ דאָרף. געווען אַ משורר בייַ אַ חזן און אַ כאָריסט אין יידישן טעאַטער. 4 יאָר געווען אַ סאָלדאַט אין דער רוסישער אַרמיי און בעת מען האָט אים געשיקט אויפן יאַפּאַנישן פראָנט, אין 1904, אַנטלאָפן און געקומען קיין קאַנאַדע. שנייַדער־אַרבעטער און טעטיק אין די יוניעס אין מאָנ׳ פון די יונגע יאָרן געשריבן לידער צו וועלכע אַליין פאַרפאַסט מעלאָדיעס, וואָס אַ טייל זענען געזונגען געוואָרן ווי פאָלקסלידער. געדרוקט אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנ׳ און **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר. לידער און דערציילונגען, וואָס טיילן פון זיי זענען אַרייַן אין זייַנע ביכער **געזאַנגען און דערציילונגען**, מאָנט׳

1946, 73 זז׳ **צו דער יו־ען**, פּאָעמע, 1954 84 זז׳ **דער מענטש און די לבנה**, ליד, 1959, 26 זז׳ (אַליין איבערזעצט אויף ענגליש) ער איז אויך געווען מיטרעדאַקטאָר פון וואָכ״בל קענעדער **אידישע פּאָסט**, מאָנט׳ 1939. זיינע אַ צאָל איינאַקטערס, זענען אונטער זיין רעזשי, אויפגעפירט געוואָרן אין די קלובן פּאַר עלטערע אין מאָנטרעאַל **לויט פּאַרשידענע קוואַלן, קאַנאַדיאַנאַ.**

אַראָנסאָן מיכל (29 יוני 1879 — 1963)

געב׳ אין זשיטאָמיר, וואָלין. אין 1884 געקומען קיין אַמעריקע און געוואָרן אַ יידישער שרייבער. מיטאַרבעטער פון די ערשטע יידישע צייטונגען אין ניו־יאָרק. אין די יאָרן 1907־1908, געלעבט אין מאָנ׳. געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון **קאַנאַדער אָדלער** און שוין אין ערשטן נומער, וואָס ער האָט כמעט אַליין אויסגעפילט געדרוקט חוצן לייט־אַרטיקל, פּאָליטישע און אַלגעמיינע נייעס און רעפּאָרטאַזשן פון דער שטאָט, אויך פּאַרעפנטלעכט זיין פּאָעמע ״ר׳ אַמנון, דער ונתנה תוקף״ וואָס האָט אים באַרימט געמאַכט ווי אַ דיכטער. ער איז געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. מחבר פון אייניקע ביכער לידער און פּאָעמען מיט אַ רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער טענדענץ, וואָס זענען גוט אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק. צווישן זיי **געטאָ־לידער**, נ״י, 1901, 64 זז׳ **אין ציונס ווייַנגערטנער**, פּאָעמעס און באַלאַדעס, דאָרט, 1936, 128 זז׳ לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון **טאָגעבלאַט, מאָרגען־זשורנאַל**, וווּ געדרוקט ראָמאַנען און באַאַרבעט לעגענדעס פון **תלמוד און מדרשים** (א״פ מ. רעבטמאַן, י. מאַן א״א) מ.אַ. האָט זיך תמיד געגרייסט מיט זיין מיטאַרבעטן אין **קאַנאַדער אָדלער** און צו יעדן **יובל־נומער** צוגעשיקט זיינס אַן אַרבעט. אַזוי האָט ער אויך אין **יובל־נומער פון 1957** אָפּגעדרוקט זיינע זכרונות פון די ערשטע יאָרן זיינע אין קאַנאַדע און דאָס דעמלטיקע יידישע לעבן ווען ס׳איז דורך דער צייטונג אויסגעפורעמט געוואָרן די נאַציאָנאַלע דערוואַכונג פון קאַנאַדער ייד. ליידער איז מיר נישט געלונגען אויסגעפינען די גענויע דאַטע פון זיין פּטירה. מער פּרטים וועגן זיין לעבן און שאַפן זען: **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער** ליטעראַטור, ב.1 מיט ביבליאָגראַפיע, ב.ג. זאַק, **יובל־נומער קאַנאַדער אָדלער 1957.**

אַרקין, צבי הערש (1867 — 21 פעבר׳ 1943)

געב׳ אין סלאָנים, פּוילן. באַקומען אַ רעליגיעזע דערציונג. געענדיקט אַ רוסישע פּאָלקסשול. פון 1091 ביז 1909, געלעבט אין אַרגענטינע, געווען אַ פּאַרמער. צוליב שווערע אומשטענדן אוועק קיין קאַנאַדע. די ערשטע יאָרן געטון פּאַרשידענע אַרבעטן. אַ צייט געלעבט אין קאַלגאַרי, פּרינץ דזשאָרזש און צולעצט אין ווינ׳ אייניקע יאָרן שטודירט פילאָזאָפיע אויפן מאַניטאָבער אוניווערסיטעט. מחבר פון אַ ווערק **די דעמאָקראַטיע פון דער הלכה**, איבער וועלכן געאַרבעט איבער 35 יאָר, דאָס ווערק, צוגעגרייט צום דרוק דורך פּאַליק זאָלף, איז צוליבן פּלוצימדיקן טויט פון מחבר, געבליבן אין כתב יד. עס איז נאָר דערשינען אַ ענגלישע איבערזעצונג

מיט אַ פאָרוואָרט פון פּראָפ. א.א. ראָבאַק און אַן אַריינפיר פון פּראָפ'ר. לאָדזש (ארויסגעגעבן דורכן קעמברידזש אוניווערסיטעט) קעמברידזש, 1945, 256 ז' צ. ארקין איז געשטאָרבן אין ווינ.

פּראָמינענטע יידן אין קאַנאַדע, טאָר' 1934, ז' 83, פ. זאַלף, **דאָס יודישע וואָרט**,ווינ' 23 פעבר' 1943, **קאַנאַדיאַנאַ.**

אָסאָווסקי, אַהרן (26 דעצ' 1978 — 18 יאַנ' 1948)

געב' אין דער קאָלאָניע "יעזר" ביי בערסאָן, אוקראַינע. ביז 15 יאָר געלעבט אויפן דאָרף, דערנאָך אין ניקאָלייעוו, ווו באַקומען יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון 1903 ביז צו זיין טויט, אין ווינ'. די ערשטע יאָרן געאַרבעט ביים בויען די פּאַציפיק באַנליניעס, גלייכצייטיק געווען אַקטיוו אין יידישן לעבן. מיטגרינדער פון ערשטן פ"צ — פאַראיין אין מערב — קאַנאַדע און זיין סעקרעטאַר. געווען אַ מיטגליד פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס. לערער און פאַרוואַלטער פון דער ערשטער מאָדערנער תּלמוד־תּורה, און דאָרטן איינגעפירט צו לערנען יידיש. שפּעטער איז ער געווען דער אָנפירער פון אַ מושב־זקנים.

אַ.א. איז אויך געווען פון די גאָר ערשטע מיטאַרבעטערס פון **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט' חוץ די וועכנטלעכע "בריוו פון וויניפּעג" אויך געדרוקט דערציילונגען, אַרטיקלען וועגן אַלגעמיינע און יידישע פּראָבלעמען און טיילן פון זיינע מעמואַרן וועגן **יידישן לעבן אין אַמאָליקן רוסלאַנד.** זיי זענען אַריין אין זיין בוך **צוויי וועלטן־דריי דורות**, ווינ' 1946, 368 זז' ער איז אויך געווען פון די הויפּט־מיטאַרבעטערס און אַ צייט, מיטרעדאַקטאָר פון**קענעדער איד** (1910־1912), **די שטימע**,אויך רעדאַקטאָר (1913), **דאָס אידישע וואָרט, די אידישע פּאָסט, די נייע צייט, קענעדער אידישע וועלט** (אַלע אין ווינ') לאַנגע יאָרן איז ער געווען אַ סטאַבילער מיטאַרבעטער פון **דער יודישער זשורנאַל**, און פון אַ צאָל צייטשריפטן אין טאָר'.

ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער יידישער פּרעסע אין ני. און אין דער יידיש־ענגלישער פּרעסע אין קאַנאַדע. געדרוקט אויך א"פ ר'אַהרן. געשטאָרבן אין וויניפּעג.

פּנחס, **קאַנאַדער אָדלער**, 6 טער אויג'. 1915, ב.ג. זאַק, **געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע**, אינדעקס, **דאָס אידישע וואָרט**, ווינ' 8 דעצ' 1946, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע.

אקון ישראל (10 יאַנ' 1877 — 22 אָקט' 1941)

געב' אין באָברויסק, ווייסרוסלאַנד. געענדיקטער אינזשעניר. געווען אַקטיוו אין **בונד** און איר פאָרשטייער אין דער ערשטער געוויילטער קהילה אין פּעטראָגראַד. געלעבט אין ווילנע, בוענאָס — איירעס און פון 1930 ביז צו זיין טויט אין טאָר' לערער אין די אַרבעטער־רינג־שולן. רעדאַקציע — מיטגליד פון זשורנאַל **דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט**, טאָר' (1941־1942) מחבר פון אַ צאָל ביכער ווי אויך איבערזעצונגען פון רוסיש און דייטש אויפן וויסנשאַפטלעכן געביט. געדרוקט אויך א"פ א. דאניסקי. געשטאָרבן אין מאָנ'. ס. נאָטקעוויטש, **דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט**, נאָוו' 1941, מער פּרטים זען: ז. רייזען לעקסיקאָן ב.1. י.ש. הערץ, **באָברויסק**, ב.א. ת.א. 175. **קאַנאַדיאַנאַ.**

אָקון, מרים (1873־22 מאַרץ 1954)

געב׳ אין לאָדזש, פוילן, לאַנגע יאָרן געווען טעטיק אויפן געביט פון יידיש־וועלטלעכער פּאָרשול־בילדונג. געדרוקט אַרטיקלען אין פּעדאַגאָגישע אויסגאַבעס אין פאַרשידענע צייט־שריפטן אין פוילן און אַמעריקע. איר בוך, **באַוועגלעכע שפּילן פאַר קינדער**, (דערשינען אין עטלעכע אויפלאַגעס אין ווילנע, ביז דער מלחמה) איז באַנוצט געוואָרן אין די יידישע ציש״אָ״ שולן אין פוילן. אין 1928 באַזעצט זיך אין טאָר׳. געשטאָרבן אין נ״י. יעקב פּאַט, **קולטור און דערציונג**, נ״י, דעצ׳ 1954. **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.1 מיט ביבליאָגראַפיע.

אָרענשטיין, בנימין (23 נאָוו׳ 1914 — 2 דעצ׳ 1974)

געב׳ אין וואַר׳ פוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון סעפּט׳ 1939 ביז מײַ 1945 געווען אין וואַר׳ געטאָ, קאָנצענטראַציע לאַגערן, שפּעטער, ביז 1948, אין דער אַמעריקאַנער זאָנע פון דייטשלאַנד, פון דאַרטן געקומען קיין קאַנאַדע. שטודירט און באַקומען זײַן ד״ר — דעגרי פון מעקגיל־אוניווערסיטעט אין מאָנ׳.

אָנגעהויבן שרײַבן מיט רעפּאָרטאַזשן אין **פּאַלקסצײַטונג**, וואַר׳ (1930). שפּעטער אויך אין **עקספּרעס**, וואַר׳ ווו געדרוקט אויף טעמעס פון יידישער היסטאָריע אין פוילן. 1946 — 1948, מיטרעדאַקטאָר פון **אונדזער וואָרט**, באַמבערג, ווי אויך אין דער פּרעסע און פּעריאָדיק אין די יידישע אויסגאַבעס אין דײַטשע פּליטים־לאַגערן. פון 1949 ביז צו זײַן קאַנאַדער אַדלער מאָנ׳ ווו צוו״ אַ. געדרוקט רעצענזיעס וועגן ביכער, היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען און אויף טעמעס פון יידישן חורבן. מחבר פון אַ צאָל וויכטיקע ביכער אויף טעמעס פון חורבן. צוו״ אַ. **חורבן טשענסטאָכאָוו** (אין לאַטײַנישער טראַנסקריפּציע) מינכען, 1948, 464 זז׳ **חורבן אָטוואָצק, קאַרטשעוו, פאַלעניץ**, מינכען 1948, 92 זז׳ **ווירקלעכקייט** (פּראָבלעמען פון יידישן קאַמף און אומקום) באַמבערג, 1948, 184 זז׳ **עטישע פּראָבלעמען בײַ יידן אין דער נאַצי — עפּאָכע**, מאָנ׳ 50 זז׳ (באַקומען אַ פּרעמיע פון יידישן וועלט־קאָנגרעס) רעדאַקטירט אַ צאָל צײַט־אויסגאַבעס צוו״אַ **דער וואַרשעווער לאַנדסמאַן**. האָט זיך באַטייליקט אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳, **דער אַמעריקאַנער**, **דער טאָג**, א״אַ, נ״י, און אין דער יידיש־ענגלישער פּרעסע. זײַן איבערזעצונג פון **באַנטשע שווײַג**, (— 1945) **און זײַן אָראַטאָריע חמישה עשר בשבט**, זענען אויפגעפירט געוואָרן. געדרוקט אויך א״פ נח סאַרנע, אַנאַטאַל.

געשטאָרבן אין מאָנט׳.

לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור, ב.1 מיט ביבליאָגראַפיע, קאַנאַדיאַנאַ.

אָרענשטיין יעקב (יודזשין) 23 יוני 1945.

געב׳ אין נ״י. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. ב.א. פאר געשיכטע פון ״סיטי — קאלעדזש״ און דאקטאראט פון ״קאָלומביא — אוניווערסיטעט״ זינט 1971 אין מאָנט׳. ער איז געהילפס — פראפעסאר פאר יידישע לימודים אין

אַנגעהויבן שרייבן אין 1964 אין דער צ״ש **יוגנטרוף**, נ״י פון וועלכן געווען ביז 1967 זיין רעדאַקטאָר. באַטייליקט זיך אין **יידישע קולטור** און אין אַ צאָל יידיש — ענגלישע פּעריאָדישע זאַמלונגען, וואו ער דרוקט אויך אונטער: י.א. ער איז באַקאַנט ווי אַן אייגנאַרטיקער לעקטאָר. ספּעציעל וועגן געשיכטע, יידיש טעאַטער און מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. ער דרוקט אויך זייער פיל איבער דער נייער יידישער ליטעראַטור אין ענגליש — יידישע און ענגלישע צייטשריפטן אין קאַנאַדע.

לויט פאַרשידענע קוואַלן, **קאַנאַדיאַנאַ.**

אַשרי, אפרים (2 טער מיי 1915 —)

געב׳ אין וויל. ליטע און דערצויגן אין קאָוונע. געלערנט אין ישיבות. געווען אין קאָוונער געטאָ. אין אונטערערד, איבערגעלעבט דעם חורבן. 1946־1948, געווען רב און ראש — ישיבה אין מאָנט׳. אין יענע יאָרן געדרוקט אין **קאַנאַדער אַדלער**, אַ צאָל קאַפּיטלעך, וואָס זענען אַריין אין זיין בוך **חורבן ליטע**, מאָנטרעאַל — נ״י. 1949, 468 ז׳ (שער־בלאַט פון ב. מלחי) מיט אַ פאָרוואָרט פון חיים ליבערמאַן, וואָס שטעלט זיך ספּעציעל אָפּ אויף דער אויטענטישקייט פון די מאַטעריאַלן און באַשרייבונגען אין וועלכע דער מחבר ברענגט אַרויס צום ערשטן מאָל די טראַגיק פון ליטווישן יידנטום און זיינע גייסטיקע מנהיגים. ער איז אויך דער מחבר פון אַ צאָל ספרים וועגן חורבן פון ליטווישן יידנטום אין לשון קודש. מער פּרטים זען אשר ז. ראַנד, **תולדות אנשי שם**, נ״י. **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ב.1 מיט ביבליאָגראַפיע.**

אולמאַן, שלום־ברוך, (9 אַפּריל 1908)

געב׳ אין גאַליציע, אָפּשטאַמיקער פון אַ רבנישער משפחה. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין 1934 געענדיקט ד״ר פון הומאַניסטישע וויסנשאַפטן אין אַמסטערדאַמער אוניווערסיטעט, דערנאָך פון ירושלימער און מקגיל אוניווערסיטעט, פאַר געשיכטע־פאָרשונג. פון 1953 אין טאָר׳, מיטגליד פון דערציונג־אָפּטייל בײַם טאָר׳ יידישן קאָנגרעס, און אָנפירער פון דער שולע, בײַ דער ״בית־צדק״ — שול. געדרוקט אַרטיקלען אויף פּעדאַגאָגישע טעמעס אין **דער יודישער זשורנאַל** צ״ש **קרן עמי**, א״א, מיטרעדאַקטאָר פון די יידיש־וועלטלעכע שול, **אונדזערע קינדער, היים און שול**, און לערער־זשורנאַל. **ליקוטים** א״אַ (אַלע אין טאָר׳) מחבר פון די ביכער: **חינוך ומדע לאור היהדות**, ירושלים 1963, 291 זז׳ **מדעי הטבע ובריאות העולם**, ת״אָ, 76ע׳. זיין ענגליש בוך **עסייען**, **טאָר׳** 184 ז״ז, איז געלויבט געוואָרן. **לויט פאַרשיידענע קוואַלן, קאַנאַדיאַנאַ.**

אונגער, אליעזר (10 טער נאָוו. 1909 —)

געב׳ אין דעמביץ, מערב־גאַליציע אין אַ רבנישע משפחה, וואָס ציט איר יחוס פון ״חוזה פון לובלין״ און דער רבי נפתלי פון ראָפּשיץ. געלערנט אין טאַרנער קלויז און אין 1932 באַקומען סמיכה אויף רבנות. גלייכצייטיק געענדיקט די פּוילישע גימנאַזיע ווי אַ עקסטערן. פון די יונגע יאָרן געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער רעליגיעזער באַוועגונג. מיטגרינדער פון ״השומר הדתי״ אין פּוילן, שפּעטער געווען גענעראַל־סעקרעטאַר פון

"הפועל המזרחי" אין ארץ ישראל. פון 1938 ביז היטלערס פארנעמען פוילן, געווען דירעקטאָר פון דער "תחכמוני" גימנאַזיע אין קאַליש, שפּעטער ביז 1943 געלעבט אויף "אַרישע פּאַפּירן אין לעמבערג און וואַרשע פון וואַנען געקומען קיין סלאָוואַקיען, פון דאָרטן קיין בודאפעסט ווו געווען טעטיק אין "וועד הצלה" אין 1944 איבער טערקיי, געקומען קיין ארץ ישראל און ווי דער ערשטער גראַטעוועטער ייד פון חורבן פוילן, ארומגעפאָרן איבערן לאַנד און מעורר געווען וועגן העלפן ראַטעווען דאס רעשטל יידן. געווען פאַרשטייער פאר דער "הגנה" אין סקאַנדינאַווישע לענדער; און דער אָנפירער פון "פליענדיקן טעפּיך" און געהאָלפן ברענגען טויזנטער יידן קיין ישראל פון די אראבישע לענדער און פון תימן. 1950, דירעקטאר פון ארץ־ישאל אמט אין פאריז, דערנאָך פון 1961 ביז 1968 געלעבט אין מאָנטרעאל און געווען לעקטאָר אין העברעיש־יידישן סעמינאר און אין דער "הרצליה" מיטל־שול, וואס פארלאזט, צוליבן באַשטימט ווערן פאַרן פאַרטרעטער פון "בר אילן" אוניווערסיטעט פאר דרום־אמעריקע. געלעבט אין בוענאָס־איירעס און קאראקאס. אין ארגענטינע געווען אקטיוו אין העברעישן שול־וועזן און געשאפן העברעישע לערן־ביכער, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן אין די דאָרטיקע גימנאַזיעס אָנגעהויבן שרייבן אין העברעיש אין חודש זשורנאַל **השומר הדתי**, 1928 פון וועלכן געווען רעדאַקטאָר. שפּעטער אויך אין ההד, ירושלים און אויך אין די **אידישע שטימע** (ארגאַן פון הפועל המזרחי אין פוילן) און אין די פּוילישע פּובליקאציעס פון רעליגיעזן ציוניזם. אין די יאָרן אין פאריז, געווען א שטענדיקער מיטארבעטער פון **אונדזער וועג**, פון **הצופה**, ת.א. אין ארגענטינע געווען א מיטארבעטער פון **אידישע צייטונג**, **און חוץ ארטיקלען וועגן כלל־יידישע פראבלעמען און וועגן יידישן חינוך, אויך יעדן פרייטיק געדרוקט וועגן די "פרשה פון דער וואָך" און גענומען אנטייל סיי אין די העברעישע אויסגאַבעס הדרום, נתיבה, במישור** אויך אין שפּאַנישע צייטשריפטן. רעדאַקטירט און אויך געשריבן אייגענע ארבעטן פארן **ילקוט הספרות העיברית**, ב.א. 1955, 260 ז' ער איז דער מחבר פון אייניקע ביכער צוו' אנד' **זכור**, **ת.א.** 1945 218 ז' מיט אן ארייַנפיר פון מחבר און אַ פאָרוואָרט פון דיכטער דוד שימאנאוויטש (שמעוני) וואָס שטעלט זיך באַזונדער אפּ אויפן מאָדערנעם העברעיש און אייגנאַרטיקן סטיל פון בוך, וואס איז אויך צוגלייך דאס ערשטע העברעישע חורבן־ספר, וואס שילדערט דעם אומקום. אין 1979 צוריקגעקומען קיין קאַנאַדע און איז ווידער א תושב אין מאָנטרעאל.

אורי צבי גרינבערג, **הארץ**, ת.א. סעפּט. 1945. יוסף העפטמאַן **הבוקר**, **דאָרטן**, סוף 1945 יצחק לופּבן, **הפועל הצעיר**, דאָרטן נאָוו. 1945, ש. ניגער, **קידוש השם**, נ.י. אינדעקס.

אונטערמאַן, יצחק (15 אָקט' 1887)

געב' אין וואַרשע, פוילן. ביז 16 יאָר געלערנט אין ישיבות, דערנאָך באַקומען סמיכה אויף רבנות. אַ צייַט געלעבט אין ווילנע, דאָרטן געענדיקט דעם העברעישן יידישן לערער — סעמינאַר. זינט 1904 טעטיק אין דער יידישער פרעסע און ליטעראַטור. דעביוטירט מיט אַ ליד אין זשורנאַל **יוגענד**, ווילנע. שפּעטער געדרוקט

לידער, ראָמאַנען, סקיצן, אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע, פּעדאַגאָגישע און געזעלשאַפטלעכע טעמעס אין א ריי צײַטונגען און צײַטשריפטן אין פּוילן און רוסלאַנד. זומער 1911 געקומען קיין אַמעריקע און פון דאָרטן באַלד געפאָרן קיין קאַנאַדע. אַ צײַט געווען פּרינציפּאַל פון דער תּלמוד־תּורה אין לאָנדאָן, אָנטאַריאָ, שפּעטער פון העברעישע שולן אין מאָנט׳, גלײַכצײַטיק געווען אַ מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט׳. און זײַן רעדאַקטאָר פון דעם טאָראָנטער אָפּטייל. דאָרטן פאַרעפנטלעכט אין המשכים די סעריע אַרטיקלען "דער תּלמוד און זײַנע מחברים" וואָס זיי זענען שפּעטער אַרויס אין בוכפאָרעם אין ענגליש. זײַנע פּאָלעמישע אַרטיקלען וועגן דער חדר־פראַגע האָבן אַרויסגערופן אַ שאַרפע פּאָלעמיק, דער עיקר אין די ראַדיקאַלע קרײַזן, וואָס האָבן אָנגעהויבן בויען די מאָדערנע יידישע שול — באַוועגונג. פון 1912 ביז סוף 1915, אין טאָר׳, מיטאַרבעטער און געהילפס־רעדאַקטאָר פון דעם **יודישער זשורנאַל**. דאָרטן געדרוקט חוץ אייגענע זאַכן אויך איבערזעצונגען פון העברעיש און דײַטש. אין די שפּעטערע יאָרן (ביז 1970) געווען אַ מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אָדלער**, וואו צוו. אַ געדרוקט ליטעראַרישע קריטיק, די סעריעס אַרטיקלען וועגן "פּרושים, צדוקים און איסיים" "די מדרשים, זייער אַפּשטאַמונג און באַדײַטונג". ער איז לאַנגע יאָרן געווען אַ מיטאַרבעטער פון **דאָס יודישע וואָרט**, נ״י, **יודישער קוריער**, שיקאַגאָ. מיטרעדאַקטאָר פון **די אידישע וועלט**, פילאַ. אין די אַלע צײַטונגען פאַרעפנטלעכט חוץ זשורנאַליסטיש־פּובליציסטישע אַרבעטן אויך די ראָמאַנען **משה רבינו, די מוטער רחל** און אַנדערע אויף היסטאָרישע טעמעס, וואָס האָבן צוגעצויגן מאַסן פּאָלקסמענטשן. פון זײַנע ווערק זענען אין יידיש דערשינען: **יידישע און אַלגעמיינע דערציאונג**, שיק׳ 1916, 115 זז׳, **אין די שחיטה־שטעט**, נ״י, 1925, 160 זז׳ (אין דעם בוך ברענגט ער אַרויס די יידישע טראַגעדיע אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה) **נואַרקער אידן**, 1934, 144 זז׳, **אונדזערע ימים־טובים**, 1935, 110, זז׳ **די אידישע נביאים**, 1938, 158 זז׳ **רש״י, זײַן לעבן און שאַפן**, 1940 96 ז׳, ער איז דער מחבר פון 30 ווערק אין ענגליש אויפן געביט פון יידישער פילאָסאָפיע, געשיכטע און געזעצגעבונג, צווישן זיי זײַן ענגלישע איבערזעצונג און באַלײַכטונג פון פּרקי **אבות, די נביאים**, ווי אויך וועגן רמבם און זײַנע ספרים, צווישן זיי וועגן **ספר המאור, ספר המדע** און וועגן **מורה נבוכים**, אין וועלכע ער ברענגט אַרויס מיט גרויס קענטשאַפט די אויפטוען פון גרויסן געשטאַלטיקער פון יידישער הלכה. ער איז אַ דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע און יורי, און ביז די לעצטע יאָרן פּראַקטיצירט ווי אַן אַדוואָקאַט אין מיאַמי, פלאָרידע.

ביבל: **לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור** ב. 1 (מיט אַ ביבליאָגראַפיע) **ביבליאָגראַפיע פון זײַנע שריפטן**, מיאַמי 1967, (ענגליש). ל. לאַסאַווין, **פאָרווערטס, 11 אָקט. 1977, קאַנאַדיאַנאַ.**

אוסישקין, מיכל (1886־1950)

געב׳ אין דאָרף לאַשווירע, וויטעבסקער געגנט, ווײַסרוסלאַנד. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג, שפּעטער געוואָרן אַ קירזשנער. פון

1906 ביז 1910 געלעבט אין לאָנדאָן, ענגלאַנד, און געווען אַקטיוו אין יידישן אַרבעטער — לעבן. אין 1910 געקומען קיין קאַנאַדע און געווען פון די יידישע פּיאָנערן און פאַרמערס אין מערב־קאַנאַדע. חוץ אַן ערד־אַרבעטער איז ער געווען א צייט א יידישער לערער אין דער קאָלאָניע ״אידענברידזש״. לאַנגע יאָרן געדרוקט רעפּאָרטאַזשן און דערציילונגען פון יידישן פאַרמער לעבן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט בילדלעכער שילדערונג און פרעציזער יידישער שפּראַך, אין **דאָס אידישע וואָרט**, וויני. **מ. פּרייַהייט**, נ.י. **דער וועג, וואָכנבלאַט**, טאָג א״א. מחבר פון אייגנאַרטיקן בוך **אָקסן און מאָטאָרן** (די געשיכטע פון אידענברידזש) מיט אַ פאָרוואָרט פון י. גערשמאַן, טאָר׳ 1943, 197 זז׳. דאָס בוך איז אַ וויכטיקער ליטעראַריש־קינסטלערישער צושטייער צו דער געשיכטע פון יידישן לעבן אין מערב־קאַנאַדע און ספּעציעל אָרטיקן יידישן פאַרמער־לעבן.

ער איז געווען אַ זעלטענער טיפּ פון אַ צוגעלאָזענעם מענטש, אַ גוטער־ברודער, וואָס איז גרייט געווען צו העלפן יעדן פון די ניי־געקומענע יידן קיין מערב־קאַנאַדע.

י. גערשמאַן, פאָרוואָרט צו ״**אָקסן און מאָטאָרן**״ אינפאָרמאַציע פון מ.י. ניטיקמאַן, וויני. **ארכיוו פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע — ביוראָ, מאָנט׳.**

אורבאַס, יהושע (6 טער מיי 1919)

געב׳ אין אָסטראָווצע, קעלצער געגנט, פוילן. צו 6 יאָר געוואָרן אַ יתום נאָכן פאָטער, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן דורך אַ פּאָלאַק. געלערנט אין חדר. פון די יוגנט־יאָרן געוואָרן אַן אַרבעטער. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אַנטלאָפן קיין רוסלאַנד, אַ צייַט געווען אין קירגיסטאַן און מאָביליזירט אין דער רויטער אַרמיי, דערנאָך ביז 1946, אין אָש, פון וואַנען געפאָרן קיין פראַנקרייַך, שפּעטער קיין ישראל און ווי אַ פרייַוויליקער געווען אין דער ישראל אַרמיי. דאָרטן אָנגעהויבן שרייַבן דערציילונגען, אָבער אָנגעהויבן זיך דרוקן ערשט אין 1951 אין **פרייַ ישראל**, ת.א. זיי האָבן געוויזן טאַלאַנט. פון 1952, אין טאָר׳ און ער איז זיך מפרנס פון שנייַדערייַ, גלייַכצייַטיק פאַרטיפט זיין שרייַבן. באַטייליקט זיך אין **וואָכנבלאַט, דער יודישער זשורנאַל**, (ביידע אין טאָר׳) **מ. פרייַהייט, זאַמלונגען, יידישע קולטור** נ״י (**דאָרטן אויך געדרוקט קאַפּיטלעך פון אַ ראָמאַן**) **נייַע פרעסע. פאַריזער פּאָלקס־שטימע, וואָר צייַטשריפט** א״אַ. (פּאַריז) אין בוכפאָרעם: **דער אָנהויב**, דערציילונגען, טאָר׳ 1970 153 זז׳ מיט אַ פאָרוואָרט ״וועגן בוך און דעם מחבר״ פון פּראָפ׳ צ. שעק, וואָס שרייַבט: ״די דערציילונגען אין דעם בוך זענען אין דער מיליע פון זעקס לענדער־פוילן, סאָוועטן פאַרבאַנד, ישראל, דייַטשלאַנד, מעקסיקע און קאַנאַדע־און דאָך פילט מען אין יעטוועדער פון זיי, דעם עבאָ פון גרויסן חורבן״. און שלום שטערן (וואָכנבלאַט, 6טער מייַ 1970) שטעלט זיך באַזונדער אָפּ אויף דער ״וואָרהאַפטיקער פשטות אין זייַן דערציילערישער שפּראַך, וואָס ווירקט שטאַרק אויפן לייענער... ער ציט אים אַריין אין געוועב אין דער שטימונג פון די געשעענישן וועלכע ער שילדערט. ״אויך י. סערעביאַני (סאָוו. היימלאַנד, 10 1970) שרייבט: אין זייַנע דערציילונגען זעען מיר דעם אָנהייב פון אַ ליטעראַרישן וועג״.

חוה סלוצקי־קעסטין, פּריַי ישראל, ת״א, 28 טער אויג׳ 1970, נח גריס, ישראל שטימע.

אייזען, אברהם (10 טער מיי 1909 — 5 טער מארץ 1958)

געב׳ אין גראַכאָוויעץ, לובלינער געגנט, פּוילן. געענדיקטער לערער און דיפּלאָמירטער פון דער ״ייווא אספיראַנטור״ אין ווילנע. ער האָט איבערגעלעבט דעם חורבן אין געטאָס און לאַגערן. פון 1949 ביז צו זיין טויט, געווען אַ יידישער לערער אין מאָנט׳ און טאָר׳. אייגנאַרטיקער נאָוועליסט און דערציילער. מחבר פון ביכער, וואָס זיינען גוט אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך דער קריטיק סיי פאַר 1939 און סיי שפּעטער. באַטייליקט זיך אין **קאַנאַדער אָדלער, דער יודישער זשורנאַל, דאָס יודישע וואָרט, א״א.** אין בוכפאַרעם: **שטאָם און צווייג** נאָוועלעס, ווילנע 1936, 98 זז׳ **מענטשן פון געטאָ**, מעקס. 1949, 150 זז׳ **דאָס גייסטיקע פּנים פון געטאָ**, דאָרט 1950, 191 זז׳ פאַר וועלכן באַקומען דעם ״צבי קעסל״־פּריַיז. אין זיינע נאָוועלעס קומט צום אויסדרוק דער יידישער גורל אונטער די נאַציס גאַנץ אייגנאַרטיק געשילדערט (ח.ל.פ.) געשטאָרבן אין וועג פאָרנדיק פון מאָנט׳ קיין וואַנק׳ דאָרטן צו זיין אַ יידישער לערער. מער פּרטים זען: **לעקסיקאָן פון דער נייַער יידישער ליטעראַטור**, ב.1. מלך ראַוויטש, **קאַנאַדער אָדלער**, 13 יאַנ׳ 1959, **קאַנאַדיאַנאַ.**

אייזענשטאַט, אַמנון (28 אַפּריל 1918 —)

געב׳ אין צויזמער, קעלצער געגנט, פּוילן. זון פון אַ חסידישן רבין. באַקומען שטרענג רעליגיעזע דערציונג. ביז דער צווייטער וועלט — מלחמה אין וואַרשע. תּלמיד פון אַ רעליגיעזן לערער — סעמינאַר און פון דער מוזיק — קאָנסערוואַטאָריע. שפּעטער אין געטאָ און לאַגערן. אַנטלאָפן אייניקע מאָל און געלעבט אויף אַרישע פּאַפּירן. ביז 1948, געווען אין פּליטים־לאַגערן פון וואַנען געקומען קיין טאָר׳ מיטגרינדער פון פּליטים פאַרבאַנד ״המשך״ און רעדאַקטאָר פון זייער צייַטשריפט. געדרוקט וויכטיקע מאַטעריאַלן און אַרטיקלען סיַי אין **דער יודישער זשורנאַל** טאָר׳ **קאַנאַדער אָדלער** און אין דער יידישער פּעריאָדיק, וואָס זענען שפּעטער אַריַין אין זיַין בוך און **די ערד האָט נישט צוגעדעקט דאָס בלוט**, מיט אַ פאָרוואָרט פון חיים ליבערמאַן און אַ נאָכוואָרט פון ישראל עמיאָט, טאָר׳ 1962, 311 זז׳ (אַרויסגעגעבן פון צויזמירער לאַנדסלייַט) דאָס בוך אַנטהאַלט, חוץ לידער פון מחבר, אויך אַ טייל פון זיַין פאַטערס כתבים און חדושי־תורה, וואָס ער האָט געפונען אין אַ באַהעלטעניש אין אָסטראָווצע.

ב. אָרענשטיין, **קאַנאַדער אָדלער**, 22טער יאַנ׳ 1967, קאַנאַדיאַנאַ.

ב

באָטווייניק, לייבל (9 טער יאַנ. 1959 —)

געב׳ אין מאָנט׳, קאַנאַדע. געענדיקט די יידישע פּרץ שול, די ביאַליק מיטלשול, וואַניער קאָלעדזש און שטודירט קאָמפּיוטינג אויף דער "קאָנקאָרדיאַ" אוניווערסיטעט. פון די פריע יוגנט — יאָרן (אונטערן איינפלוס פון זיין פאָטער, געב׳ אין ווילנע.) פאַרליבט און זיך געווידמעט דער יידישער קולטור, יידישער ליטעראַטור און דער יידישער שפּראַך. און באַקומען אויסצייכענונגען און פּרעמיעס פאַר זיינע יידישע עסייען. אין 1973 באַקומען (צוזאַמען מיט שרה־רחל שעכטער) די ערשטע פּרעמיע פון "ייוואָ" פאַר דער עסיי "מענטשן און חיות". זיין ערשטע געדרוקטע שאַפונג "טוביהס אַ בריוו פון ניי־פראַנקרייך", אין **יוגנטרוף**, נ"י סעפּט׳ 1974, האָט באַקומען אָנערקענונג. ער איז געווען אַ דעלעגאַט צו דער ערשטער קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור (ירושלים, 1976). פאַר זיין עסיי "דער האַקן־קרייץ" באַקומען די פּרעמיע פון חורבן־קאָמיטעט, מאָנ׳. באַטייליקט זיך אין **יוגנטרוף**, **בני־יידיש**, נ"י, **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנ׳ **יודישע צייטונג**, ת"א. רעדאַקטאָר פון דער יוגנטשריפט **דער נייער דור**, מאָנ׳ נומ, 1 1978, 32 זז׳ נומ. 2, 1979, 32. ער האָט, חוץ דער ליטעראַרישער אַרבעט, אויך פאַרפולט מיט זיינע צייכענונגען אין דעם אפטייל "דער הירש" וואָס אנטהאלט "קאָמיקס" אין יידיש.

פ. טרעפּמאַן, **קאַנאַדער אָדלער** 2 יוני און יוד אַלעף, **דאָרט 23 יוני 1978**, **יידישע צייטונג** ת"א. 7 יולי 1978.

באַסמאַן, לייבל (1905 — 23 פעבר׳ 1976)

געב׳ אין ווילקאָמיר, ליטע. געענדיקט די ערשטע יידישע רעאַל־גימנאַזיע. אין 1915, בעתן גירוש פון ליטווישע יידן, פאַרוואָגלט קיין פּענזאַ. פון 1920 ביז צו זיין קומען קיין קאַנאַדע אין 1928. געווען לערער אין די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּאָניעוויעזש שפּעטער ביז צו זיין פריען טויט, לערער און פאַרוואַלטער פון יידישע שולן אין ווינ׳ מאָנט׳ און טאָר׳. באַקאַנטער עסקן אין יידישן קולטור־און אַרבעטער־לעבן. לאַנגע יאָרן פאַרעפנטלעכט וויכטיקע אַרבעטן אויפן געביט פון יידישן שול וועזן, פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען און עסייען וועגן יידישער ליטעראַטור אין **וואָכנבלאַט**, טאָר׳ (אויך רעדאַקציע־מיטגליד) באַטייליקט זיך אין **נייַלעבן**, **יידישע קולטור**, **היים און דערציונג**, **מ״־פרייַהייַט**, **א"אַ, נ"י. אין בוך זכרונות פון** ש. זאַרקין, מאָנ׳ 1972 געדרוקט זיין עסיי "צו דער געשיכטע פון יידישן ווילקאָמיר" וואָס איז אַ ביישטייער צו דער פאָרשונג פון יידישע שטעט אין ליטע. ער איז געווען רעדאַקטאָר פון **דער קאָמוניקאַטאָר**,

(צ״ש פאר עלטערע מענטשן) טאָר׳. זײַן גרעסערע אַרבעט ״די געשיכטע פון 50 יאָר יידיש־פּראָגרעסיווע באַוועגונג אין קאַנאַדע״ איז צוליב זײַן פּלוצעמדיקן טויט געבליבן אין מאַנוסקריפּט. געשטאָרבן אין טאָר׳.

שלום שטערן, **וואָכנבלאַט**, 20 נאָוו׳ 1955, י. **גערשמאַן**, דאָרט, 2 פעבר׳ 1976, איטשע גאָלדבערג, **יידישע קולטור**, נומ. 2, 1976.

באַראָן, ארי׳־לייב

געב׳ אין האַראָדאָק, ביי וואָלאזשין, ווס״ר. תלמיד פון גאון ר׳ אלחנן וואַסערמאַן. 1940, מיט דער מירער ישיבה, געקומען קיין שאַנכיי, כינע און דאָרט געלעבט ביז 1947. אין 1948 געקומען קיין מאָנט׳ און געוואָרן אויפגענומען ווי א רב. ער איז דער מייסד פון דער ישיבה ״מרכז התורה״. הרב ב׳ האָט פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען וועגן יידישע פראַגעס און אויף רעליגיעזער טעמאַטיק אין **די אידישע שטימע פון ווייטן מזרח, אונדזער לעבן**, (ביידע אין שאַנכיי) און זינט זיין קומען קיין קאַנאַדע אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ באַטייליקט זיך אין אַ צאָל צייטונגען און זשורנאַלן אין אמעריקע און מדינת ישראל. ער איז דער מחבר פון די ספרים, **ברכת ראובן, נתיבת לב, ישרי לב, ברכת חיים** און **משמחי לב** (אלע אין מאָנט). פאר זיין ספר **משמחי** לב, באַקומען די ״י.י. סיגאַל ליטעראַטור־פּרעמיע״ פאַרן יאָר 1978. ער האָט אויך געדרוקט א״פ א.ל. באַראַנאָוו.

ש. חמד, **המודיע**, ירושלים י״ח תמוז תש״יח, הרב ל. ערמאן, **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ 3 טער פעבר. 1961, **קאַנאַדיאַנאַ**.

באַרסקי, אהרן 10 טער אויג׳ 1888 — 10 טער אויג׳ 1947)

געב׳ אין קאַלאַראַש, בעסעראַביע. געלערנט אין חדר, רוסישע גימנאַזיע. יונגערהייט געוואָרן א שניידער־אַרבעטער און אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין 1904 געקומען קיין פילאַדעלפיאַ, אָבער באַלד אַוועק קיין קאַנאַדע. זינט 1906 אין מאָנט׳. אַקטיווער עסקן אין יידיש געזעלשאַפטלעכן לעבן. מיטגרינדער פון דער שניידער יוניע. אין 1907 האָט ער געגרינדעט און לאַנגע יאָרן געווען פּרעזידענט פון ״בעסעראַביער לאַנדסלייט פאַריין״ ער איז אויך געווען דער גרינדער און וויצע־פּרעזידענט פון ״עמיגראַנטן הילפס פאַריין״ בעת דער גרינדונג פון ״קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס״ (1919) צוזאַמען מיט הערשל הערשמאַן, געווען דער פאַרטרעטער פון דער סאָצ. דעמאָקראַטישער גרופּע. א גרויסע אַקטיוויטעט אַרויסגעוויזן בעתן גרויסן שניידער סטרייק (1912) פון 1910 געדרוקט אַרטיקלען וועגן אַרבעטער פראַגעס און קליינע נאָוועלן אין **קאַנאַדער אדלער** און דערנאָך אין ראובן בריינינס **דער וועג**. אין דער רעדאַקציע פון **די פּאָלקסצייטונג** (רעד. ל.באַזאַנאָוויטש) געווען דער ממונה איבער סטרייק פראַגעס און דאָרטן אויך געדרוקט די סעריע ״טרייד יוניאַניזם״ (א״פ א. וואַכמאַן) שפּעטער איז ער געוואָרן א מיטגליד אין דער פּ.צ. פאַרטיי און באַטייליקט זיך אין **די קעמפּפער שטימע** (רעד. שלמה חיים שניאור, 1914־1913) **דאָס וואָרט, דאָס פּאָלק**, (ביידע רעד. יהודה קויפמאַן) צוזאַמען מיט ה. הערשמאַן און ח.מ. קייזערמאַן געווען אין דער רעדאַקציע פון חודש זשורנאַל **ניילאַנד** (אָרגאַן פון יידישן עמיגראַנטן פאַריין) דערשינען 6 נומערן. 1926־1927) ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **אַרבייטער צייטונג, דער יודישער זשורנאַל און אין** פאַרשידענע צייטשריפטן אין טאָר׳.

געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

ישראל ראַבינאָוויטש, יובל ביכער **קאַנאַדער אדלער, 1917 און 1957, ש. בעלקין, די פּועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס. אינפאָרמאַציע פון זיין טאָכטער רבקה, נעקראָלאָג אין דער פּרעסע קאַנאַדיאַנאַ.

באַש, אליעזר (28 יולי 1918 —)

געב׳ אין אקנא־שוגאטאג, ביי מאַרמאַרעש־סיגעט, אונגערן, אין אַ משפּחה וואָס ציט איר יחוס פון של״ה, געלערנט אין חדר, ישיבה. געענדיקט אַ העברעישן סעמינאַר אין טשערנאָוויץ. 1948־1940, געווען פאַרשיקט אין סאָוועטישע לאַגערן אין וויַיטן־צפון, שפּעטער געלעבט אין פּליטים־לאַגערן פון דאָרט געקומען אין 1950 קיין מאָנ׳.

פון די יונגע יאָרן אַקטיוו אין יידישן לעבן, צו ערשט אין ״אַגודת ישראל״ און ״השומר הצעיר״ און זינט 1950 אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, דער עיקר, אין קולטור־טעטיקייט פון מאָנטרעאַלער אָפּטייל פון נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד, וועמענס פאָרזיצער ער איז זינט 1975 געווען דעלעגאַט צו דער קאָנפערענץ פון יידישער קולטור אין ירושלים, 1976. אַ צייט געווען סעקרעטאַר פון מאָנטרעאַלער יידישן שרײַבער־פאַר אײן.

אָנגעהויבן שרײַבן אין 1955 מיט אַ סעריע באַשרײַבונגען ״אונטער סטאַלינס יאָך״ — (מײַנע אַכט יאָר אין סאָוועטישע טורמעס און לאַגערן״), וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש הן מיט דער שילדערונג און הן מיט דער פּסיכאָלאָגישער אָבסערוואַציע און דעם געמעל פון די לאַגערניקעס און נאַטשאַלניקעס (געגאַנגען איבער אַ גאַנץ יאָר אין **קאַנאַדער אָדלער** (איבערגעדרוקט אין דער יידישער פּרעסע) אין ק.אָ. אויך פאַרעפנטלעכט סעריעס ״סיגעטער דערציילונגען״; וואָס ציַיכענען זיך אויס מיט דער שפּראַך־אייגנאַרטיקייט און ספּעציפישקייט פון יידישן לשון פון די קאַרפּאַט־רוסישע יידן אין אונגערן און רומעניע. אַזוי אויך זײַן סעריע ״סיגעטער השכלה״ אין וועלכער ער שילדערט די יידישע שרײַבערס און קולטור־עסקנים פון דער געגנט. זי דערציילט וועגן דורות יידישע און העברעישע שרײַבערס, וואס אַ גרויסער טייל פון זיי, זענען אומגעקומען בימי־השמד. ער האָט אויך סײַ אין **קאַנאַדער אָדלער** און סײַ אין אַנדערע צײַטונגען געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישע קולטור־פּראָבלעמען. באַטייליקט זיך אין **אַמעריקאַנער**, נ״י, **יידישע צייטונג** ב״אַ **דער וועג**, מעק׳ א״אַ. געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער פּערטליאָר־שריפט **מרמורש סיגט**, תל אביב, 1972־1959. מחבר פון בוך דערציילונגען און סקיצן. **פאַרבאָרגענע פּראָפילן**, מ, 1978, 264 ז׳.

י. געגערמאַן, **דער אלגעמיינער זשורנאל**, נ״י, 23 פעבר. 1979, חיים לייב פוקס, **קאנאדער אדלער**, מאנט. 14 מערץ 1979, אליעזר וויזעל, **דער אלגעמיינער זשורנאל, נ״י, 16 מערץ** 1979 דב סדן, פאָלק און ציון ת.א. מאַרץ 1979, ד״ר אליהו שולמאן, **פארווערטס**, נ.י. 10 טער יוני 1979. **קאַנאַדיאַנאַ**. זיין זאמלונג איז פול אויסטערלישע געשטאלטן, פארכאפנדיקע געשעענישן, הומאָרעסקעס, בילדער פון חדר־יינגלעך און ישיבה־בחורים, וואָס פלעגן חלומען גינגאָלדענע חלומות..ס׳ איז א בוך וואָס שפּרודלט מיט פאַנטאַזיע און אָבלט זיך אין שמייכל און נאסטאלגיע..די שפּראך איז זאַפטיק, דער פאָלקלאר קאָלירפול...דאָס בוך איז אן אוצר פאר עטנאלאָגן און שפּראַכפּארשער צוגלייך,, (אליעזר וויזעל).

בורסקי, פישל

ביאָגראַפישע פּרטים — נישט באַקאַנט. מיר ווייסן נאָר (לויט זיַינע דערציילונגען) אַז ער האָט געשטאַמט פון רוסיש־פוילן. אין 1908 געקומען קיין מאָנט׳. און געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אָדלער**. דאָרטן חוץ אַרטיקלען און איבערזעצונגען פון העברעיש פויליש, רוסיש, ענגליש און פראַנצויזיש, אויך געדרוקט אַ טייל פון זיַינע פאָלקס־ראָמאַנען, בעת ר. בריַינין האָט אַרויסגעגעבן די טאָגציַיטונג **דער וועג**, געווען פון זיַינע אינעווייניקסטע מיטאַרבעטער. פון אָנהויב 1917 ביז אין מיטן די דריַיסיקער יאָרן געווען רעדאַקציע־מיטגליד פון**דער אידישער זשורנאַל**, טאָר׳. דאָרטן געדרוקט אַ צאָל ציַיטונגס ראָמאַנען, דערציילונגען פון יידישן לעבן אין פוילן און קאַנאַדע. אַ גרויסן ווערט האָבן זיַינע איבערזעצונגען פון גוי דע מאָפּאַסאַן און ספּעציעל זיַין ראָמאַן **די געשיכטע פון אַ ליבע** (דערשינען אין בוכפאָרם). זיַינע איבערזיכטן פון ספרים און זיַינע קריטישע באַמערקונגען און באַליַיכטונגען פון "פּערזענדלעכקייטן אין דער יידישער געשיכטע" האָבן פאַרן ברייטן לעזער־עולם געהאַט אַ דערציִערישן ווערט. אויך זיַינע עסייען וועגן דער יידישער פילאָסאָפיע אין מיטלעלטער, וואָס זענען געשריבן מיט גרויס ווויסן און מיט ליבשאַפט, זענען געווען צווישן די ערשטע אין אַ יידישער טאָגציַיטונג. ער האָט אויך געדרוקט אונטער ערא, פישעלע, ב.פ., פ.ב. א״א.

לויט פאַרשיידענע קוואַלן, קאַנאַדיאַנאַ.

בלאָשטיין, משה־מרדכי (1 טער מיַי 1894 — 20 טער נאָוו׳ 1964)

געב׳ אין אושפּאַל, קאָוונער געגנט, ליטע, ווו זיַין פאָטער איז געווען רב. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין 1919 געקומען קיין ווינ׳ און שטודירט מעדיצין, ליטעראַטור און פּסיכאָלאָגיע אויפן מאַניטאָבער אוניווערסיטעט. גליַיכציַיטיק געווען אַ לערער און פּרינציפּאַל פון שולן פון "אַרב. רינג" און "פּרייהייטס טעמפּל שולע ביז 1932, שפּעטער ביז 1939, געווען אַ לערער אין דער פּרץ־שול אין עדמאָנטאָן און אַטלאַנטע. לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון **דאָס אידישע וואָרט**, ווינ׳. דאָרטן געדרוקט אָפּהאַנדלונגען איבער שול־פּראַגעס, קינדער־פּסיכאָלאָגיע און אויף ליטעראַרישע טעמעס. באַטייליקט זיך אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳, **צוקונפט**, **שול און דערציונג**, **אונדזער שול**, מ׳פּריַיהייט, א״אַ אין נ״י. מחבר פון די ביכער: **אין פאַרטיידיקונג פון קינד**, ווינ׳ 1934, 427 זז׳ **אויף די וועגן פון קינדס נשמה**, עדמאָנטאָן, 1937, 232 זז׳, **אַ לערער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן**, אַטלאַנטאַ, 1957, 690 זז׳, **די ישיבה קטנה און די טאָג־שול**, דאָרט 1960, 38 זז׳, **דאָס לעצטע וואָרט**, ת״א. 1963, 96 זז׳. געווען רעדאַקטאָר פון **שול־זשורנאַל**, אַטלאַנטאַ. די לעצטע יאָרן פון זיַין שטורמיש לעבן געלעבט אין מיאַמי־ביטש און געוואָרן שטאַרק פרום. געשטאָרבן אין מיאַמי.

"זיַינע ביכער שטעלן מיט זיך פאָר אַ גאָר רייַכע קאָלעקציע פון אַ יידישן לערערס דערפאַרונגען און צוזאַמען מיט זיַינע אינטערפּרעטאַציעס וועגן די קולטורעלע און סאָציאַלע דערשיַינונגען אין דער יידישער סביבה. דער תמצית פון זיַינע ווערק איז, אַז אין די שווערע רעזולטאַטן פון דער יידיש־וועלטלעכער שול, איז נישט דאָס קינד

שולדיק, נאָר די טאַטעס און מאַמעס און די כמעט גאַנצע געזעלשאַפטלעכע סביבה אונדזערע..."

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.1 מיט ביבליאָגראַפיע, פ. הערשטיין, **קולטור און דערציונג**, נ"י, דעצ' 1964, יחזקאל בראָנשטיין, **קאַנאַדער אָדלער**, 27 אָקט' 1965, קאַנאַדיאַנאַ.

בלומענקראַנץ, יצחק.

ביאָגראַפישע פּרטים-אומבאַקאַנט. מיר ווייסן נאָר אַז ער האָט אַ צאָל יאָרן געלעבט אין מאָנ' און טאָר' און געווען באַקאַנט ווי דער "גאַליציאַנער בדחן" געדרוקט אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנ' **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר', **דאָס יודישע וואָרט**, **דער בירגער** א"אַ, ווינ' לידער, הומאָרעסקעס און פעליעטאָנען (מיט גראַמען און אין פרײַען פערז) אויך א"פ "איטשעלע דער לאַנגער" זײַנע לידער אויף אַקטועלע טעמעס זענען געזונגען געוואָרן ווי אַנאָנימע פאָלקסלידער.

י. גודמאַן, **דער בירגער**, ווינ' יולי 1913, **קאַנאַדיאַנאַ.**

בלעכמאַן, ש. ביאָגראַפישע פּרטים

-אומבאַקאַנט. מיר ווייסן נאָר, אַז ער האט געשטאַמט פון פוילן. אין 1906 געקומען קיין ווינ'. אַ צײַט געווען אַ פיזישער אַרבעטער, שפּעטער, אַ לערער. ער איז געווען פון די ערשטע מיטאַרבעטערס פון **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט. **קאַנאַדער איד**, **דאָס יודישע וואָרט**, **קענעדער מזיק**, **דער בירגער** (אַלע אין ווינ'.) געדרוקט לידער, הומאַרעסקעס, סקיצן, רעפּאָרטאַזשן, דערציילונגען און **רייזע** באַשרייבונגען, וואָס שילדערן די ווייטע מערב-קאַנאַדע. אין 1921 פאַרלאָזט קאַנאַדע און זיך באַזעצט אין לאַטיין-אַמעריקע. ווייטערע ידיעות נישט באַקאַנט.

פנחס **קאָנאַדער אָדלער**, מאַנט. 6 אויג. 1915, י.ג. **דער בירגער** נומ. 8 ווינ'. 1915, קאַנאַדיאַנאַ.

בעלער, יעקב, (11 דעצ' 1898 —)

געב' אין גראָדזשיסק, בײַ פּרזשעוואָרסק, גאַליציע. געענדיקטער העברעישער לערער פון "תחכמוני" — סעמינאַר אין לעמבערג און לערער אין פאַרשיידענע לענדער. אינטערנאַציאָנאַלער יידישער זשורנאַליסט און שריפטשטעלער. מיטאַרבעטער פון דער פריער יידישער און העברעישער פרעסע אין גאַליציע, דערנאָך פון דער יידישער פרעסע איבער דער וועלט. פון 1928 ביז סוף 1976 (מיט איבעררײַסן) געלעבט אין קאַנאַדע. געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישן חינוך, רײַזע באַשרײַבונגען און ליטעראַריש-קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן שרײַבער און ביכער אין **קאַנאַדער אָדלער, מאָנט', דער יודישער זשורנאַל, טאָר' דאָס יודישע וואָרט, ווינ' צוקונפט, טאָג מאָרגען-זשורנאַל א"אַ.** נ"י, ווי אויך אין דער יידיש-ענגלישער און ענגלישער פרעסע און פעריאָדיק אין קאַנאַדע. מחבר פון אַ צאָל ביכער מיט רײַזע-באַשרײַבונגען אין וועלכע ער שילדערט דאָס יידישע און אַלגעמיינע לעבן, דער עיקר פון לאַטײַן-אַמעריקע. פאַר זײַן ענגליש בוך **די יידן אין לאַטײַן-אַמעריקע**, נ"י. 1969, 303 זז' באַקומען אַן אויסצייכענונג פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס און די ב. אייסוראָוויטש-פּרעמיע פון אַלוו. ייד. קולטור-קאָנגרעס.

"...זײַנע רעפּאָרטאַזשן צייכענען זיך אויס מיט לעבעדיקייט, גרינטלעכקייט און קינסטלערישער שילדערונג..(י. באַשעוויס), בעלערס ביכער זענען אַ וויכטיקער צושטײַער צו דער

נאַציאָנאַל־היסטאָרישער דראַמע פון יידישן פאָלק און פון זיין וואַנדערן״.
(משה שטאַרקמאַן)

מער פרטים זען: לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ב.1.

בעלקין, ישעיה (16 טער יאַנ׳ 1889־ 4 טער מיי 1969)

געב׳ אין דערפל סמאָלאנקע, ביי קיעוו, אוקראַינע. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. אין די יאָרן פון 1907 ביז סוף 1909, געלעבט אויפן ווייטן מזרח. דארטן פארנומען זיך מיט מסחר, גלייכצייטיק געווען אקטיוו אין יידישן לעבן דערנאָך ארומגעפאָרן איבער רוסלאנד און ענגלאנד. אין 1911, געקומען קיין קאַנאַדע און באַזעצט זיך אין מאָנט׳. אין יענע יאָרן געווען אַן אָנפירנדיקער עסקן אין דער פ.צ. פארטיי דער עיקר אין דער קולטור־און שול־באַוועגונג. פון 1912 ביז 1954, געווען אן אינערלעכער מיטארבעטער אין **קאַנאַדער אדלער** און חוץ זשורנאליסטיש־פובליציסטי־שע מאמרים אויך געדרוקט איבערזעצונגען פון דער רוסישער און ענגלישער ליטעראַטור. אידער וועג (רעד. ר. ברײנין) געדרוקט אונטער א פסעוודאָנים פעליעטאָנען אויף אקטועלער טעמאטיק. באטייליקט זיך אין **די פאלקסצייטונג, די קעמפער שטימע, דאס פאלק, דאס ווארט** און אין כמעט אלע אנדערע פ.צ. אויסגאַבעס אין מאָנט׳ אויך אין **אידישער קעמפער, די צייט** א״א, נ.י. ער איז אויך געווען א מיטארבעטער פון דער יידיש־ענגלישער פרעסע און פעריאָדיק אין קאַנאַדע.

מחבר פון בוך **די פועלי ציון באוועגונג אין קאנאדע**, מאָנט׳, 280 ז׳ מיט א הקדמה פון ברוך צוקערמאן און ״אייניקע ווערטער״ פון מחבר (16 ז׳) דאס בוך וואָס דערציילט די געשיכטע פון דער פ.צ. פארטיי אין קאַנאַדע פון 1904 ביז 1920, איז דער אייניציקער וויכטיקער מאַטעריאַל אויף דעם געביט אין קאנאדע. (לײדער איז מיר נאָך גאָר לאַנגע זוכענישן און איבערשרייבן זיך מיט זיין טאָכטער אין קאַליפאָרניע וועגן דעם צווייטן טייל פון זיין ארבעט, נישט געלונגען עפעס צו דערגרייכן) פון גרויס וויכטיקייט איז אויך זיין ענגליש בוך **שמאַלע טויערן**, מאָנט׳ 1969, וואס שילדערט פון אויטענטישע קוואַלן די יידישע עמיגראַציע אין קאַנאַדע, איז אויך א מקור צו פארשן די קאנאדער יידישע געשיכטע. אין 1954, שווער קראנק געווארן און זיך אריבערגעצויגן קיין קאַל׳ ער האט אויך געדרוקט אונטערן ״פסעווד׳ ס.ב. עלקין, מ. לבבוני, ס. וועוויארקע א״א. געשטארבן אין סט. לעאָנאַרד, קאַל׳.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.1 מיט ביבליאָגראַפיע, יעקב זיפער **קאנאדער אדלער**, 25 טער יולי 1969. **קאנאדיאנא**.

בענדזשאַמין, לייזער־מענדל (1887־31טער מיי 1964)

געב׳ אין בראַילע, רומעניע. אַלס קינד געקומען מיט די עלטערן קיין מאָנ׳ דאָ באַקומען זיין יידישע און אַלגעמיינע בילדונג, געווען פון די אקטיווסטע עסקנים אין יידיש־נאַציאָנאַלן און קולטור־לעבן. אייניקע יאָר שטודירט ליטעראַטור און פילאָסאָפיע אויף דער סאָרבאָנע אין פאַריז און באַקומען זיין ד״ר־דעגרי, שפעטער אויך פון מק־גיל אוניווערסיטעט אין פראַגן פון רעכט און פּאָליטיק. לאַנגיעריקער פראַקטיצירנדיקער אַדוואָקאַט. זינט

1911 אָנגעזעענער מיטאַרבעטער אין **קאַנאַדער אָדלער** און פון דער ייִדיש־ענגלישער פּרעסע און פּעריאָדיק אין קאַנאַדע. באַטייליקט זיך אין **די פּאָלקסצײַטונג, די קעמפּער־שטימע, דאָס וואָרט, דאָס פּאָלק**, א״אַ, מאָנ׳ **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ (אויך אַ רעדאַקטאָר) ער איז געווען פון די ערשטע וואָס האָבן איבערגעזעצט לידער און נאָוועלן פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין פראַנצויזיש. ער אַליין האָט אויך געשריבן לידער, קליינע נאָוועלן, עסייען וועגן ליטעראַטור, זשורנאַליסטיש־פּובליציסטישע אַרטיקלען און איבערזעצונגען אין כּמעט אַלע ליטעראַרישע צ״ש און זשורנאַלן אין קאַנאַדע. באַטייליקט זיך אין **רויערד, מאָנטרעאַל, העפטן קאַנאַדע** א״אַ, מאָנט. פון זײַנע איבערזעצונגען זענען נאָר דערשינען 8 בענדער **זשאַן קריסטאָף**, פון ראָמען ראָלאַן, נ״י , 1918־1922.

געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

פּנחס, **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנ׳ 6 און 8 אויג׳. 1915, י. גודמאַן, **דער בירגער**, נומ. 9 ווינ׳. 1915, ז. רייזען, **לעקסיקאָן**, ווויל׳, 1914, אַ אַלמי, **ליטעראַרישע בלעטער**, וואַר׳, 25 מאַרץ 1925, ש. בעלקין, **די פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס, ישראל ראַבינאָוויטש, **יובל־בוך קאַנאַדער אָדלער**. מאָנ׳ 1957, **דהי גאַזעטט**, מאַנט׳ 2 טער יוני 1964.

בענעט, אַהרן (1891 — 10 יולי 1980)

געב׳ אין מאַלטש, בײַ בריסק דליטא. אַלס קינד געקומען קיין קאַנאַדע און דאָ באַקומען ייִדישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון די יונגע יאָרן אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, דער עיקר אין איר פּראָגרעסיוון פליגל. געווען צווישן די ערשטע טאָראָנטער דעלעגאַטן צום ערשטן קאַנאַדער ייִדישן קאָנגרעס און בײַ דער עפענונג געלעזן אַ רעפעראַט וועגן נאַציאָנאַלע רעכט פון ייִדישן פאָלק. ער איז לאַנגע יאָרן אויך געווען פון די אָנפירערס אין אַלע מוסדות פאַרן ציוניזם אין טאָר׳. זינט 1912 טעטיק ווי אַ זשורנאַליסט אין ייִדיש און ענגליש און לאַנגע יאָרן געווען פון די הויפּט־מיטאַרבעטער. אין **קאַנאַדער אָדלער** און בעת ר. ברײַנין האָט אַרויסגעגעבן **דער וועג**, געדרוקט זײַנע פּאָליטישע איבערזיכטן, וואָס האָבן אויסגעדרוקט דעם ייִדישן שטאַנדפּונקט. ער איז אויך געווען פון די ערשטע מיטאַרבעטערס אין דער **יודישער זשורנאַל**, טאָר׳, ווו חוץ פּובליציסטישע מאַמרים אויך געדרוקט אויף כּלל־ייִדישער טעמאַטיק. באַטייליקט זיך אין **דאָס פּאָלק** (רעדאַקטאָר יהודה קויפמאַן) און אין פאַרשידענע פּעריאָדישע צײַטשריפטן אין קאַנאַדע. ער איז געווען פון די ערשטע רעדאַקטאָרן פון דער ייִדיש־ענגלישער פּרעסע סײַ אין מאָנט׳ און סײַ אין טאָר׳.

ב.ג.ק. ענציק, יוד. ב. 4, **ירושלים**, י.ראַבינאָוויטש, **קאַנאַדער אָדלער יובל־בוך**, 1932, ש. בעלקין, **די פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס, **קאַנאַדיאַנאַ**.

בעקער, יעקב־לייב (5 דעצ׳ 1890־29 מײַ 1971)

געב׳ אין אַ דאָרף בײַ דער סטאַנציע קאַראַנקיעווקע, אָרשער געגנט, ווי״ר. נאָענטע משפּחה פון באַרימטן שרײַבער גרשון שאָפּמאַן און אין זײַנע נאָוועלן זיך באַמיט צו שרײַבן אין זעלבן נוסח. ביז 12 יאָר געלערנט אין חדר, ישיבה, דערנאָך געוואָרן אַן אַרבעטער. אַ צײַט געלעבט אין סמאָלענסק און דאָרטן געוואָרן אַ סאָציאַליסט. פון סוף 1912 ביז צו זײַן טויט, אין מאַנט׳ טעטיק אין ייִדישן פּאָליטישן און קולטור־לעבן.

אָנגעהויבן שרײַבן מיט העברעישע שירים און אין קאַנאַדע, אַריבער צו יידיש. זײַן ערשטע סקיצע "דער לערער" געדרוקט אין **קאַנאַדער אָדלער**, 1915, האָט אים געגעבן דעם שטויס צו ווערן אַ שרײַבער. באַטייליקט זיך מיט דערציילונגען, אַרטיקלען וועגן געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען און איבערזעצונגען פון דער ענגלישער פּראָגרעסיווער ליטעראַטור און פּרעסע אין **דער קאַמף**, **וואָכנבלאַט**, טאָר' **יידישע קולטור**, מ' **פרײַהייט** א"אַ, נ"י. אין בוכפאָרעם: **דערציילונגען און זכרונות**, מאָנט' 1956, 278 זז' וואָס שילדערן דאָס יידישע און דאָס אַרבעטער־לעבן סײַ אין דער אַלטער היים און סײַ אין מאָנטרעאַל.

י. גערשמאַן, **וואָכנבלאַט**, טאָר', 30 מײַ 1957, רחל פּרעסמאַן, **דאָרט**, 20 יוני 1971, קאַנאַדיאַנאַ.

בערגער, יקותיאל (1911־11 מאַרץ 1972)

געב' אין איוויע, פּוילן. געלערנט אין חדר און ישיבה. פון 1921 ביז צו זײַן טויט אין מאָנ' און טעטיק אין כמעט אַלע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס. באַקאַנטער חובב־יידיש. געדרוקט אַרטיקלען און לירישע שילדערונגען פון שטעטל אין **קאַנאַדער אָדלער**, ווו אַרויסגעבערענגט דעם ספּעציפישן "אי־וויער יידיש", וואָס וועגן דעם אויך געדרוקט אין**יידישע שפּראַך**, נ.י. און דאָס איז אויסגענוצט געוואָרן אין גרויסן **ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראַך**. זיך באַטייליקט אין **אויפן שוועל**, נ"י. (אויך א"פ **יקותיאל**). **געשטאָרבן אין מאָנט:**

אינפאָרמאַציע פון מ.מ. שאַפּיר' קאַנאַדיאַנאַ.

בערגער מרדכי. ביאָגראַפישע פּרטים־נישט באַקאַנט. אין 1889 געקומען קיין מערב־קאַנאַדע און ביז 1928 געווען חזן־שוחט אין די באַראָן־דע־הירש קאָלאָניעס. געדרוקט באַשרײַבונגען, און זכרונות וועגן זײַנע ערשטע יאָרן אין מערב־קאַנאַדע אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנ' און **דאָס אידישע וואָרט**, ווינ'.

י. ראַבינאָוויטש, **יובל־נומער קאַנאַדער אָדלער**, 1927 קאַנאַדיאַנאַ.

בערמאַן, יוסף.

געב' אין סטאָלין, פּאָלעסיע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון 1925, אין מאָנ', מיטגרינדער פון אַ צאָל קולטור־אינסטיטוציעס אין מאָנט'. מיאַמי און מדינת־ישראל. צווישן זיי דער "בית בערמאַן" אין תל־אביב און דאָס צימער אויפן נאָמען פון דיכטער שאול טשערניכאָווסקי בײַם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. געווען פּרעזידענט. פון דער "יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק" און די יידישע "פאָלקס־שולן".

אָנגעהויבן שרײַבן מיט געלעגנהייטס־לידער אין די יונגע **יאָרן** און צו דרוקן ערשט אין 1960 אין **קאַנאַדער אָדלער**. **דאָרטן** פאַרעפנטלעכט עלעגישע לידער צום זכרון פון די קדושים, קינדער־לידער (וואָס טייל ווערן געזונגען אין יידישע שולן), פּאָעמען און נאַציאָנאַלע מאָטיוון. אין **ק.אָ.** אויך געדרוקט אין פאַרלויף פון אַ יאָר, די קאַפּיטלעך פון זײַן "וועלט־רײַזע", וואָס זענען געשריבן מיט טאַלאַנט און זיי צייכענען זיך אויס סײַ מיט דער מאָלערישער שילדערונג און אויך מיט דער יידישער שפּראַך־רײַכקייט.

ער האָט זיך באַטייליקט אויך אין

טאָג, ט״מ־זשורנ׳, אין נ״י; לעצטע **נייַעס** און אין דער העברעישער פעריאָדיק אין מדינת־ישראל.

מ. גינזבורג **קאַנאַדער אָדלער**, 31 טער יאַנ׳ 1960, יוסף בן דוד, אנשי־מעשה, 1962, שלמה שמיר, **שערים**, ירושלים, וטער סעפט׳ 1969.

בערניקער, חיים (11 מיי 1898 —)

געב׳ אין לוביטש, ווס״ר, ווו זיין פאָטער איז געווען רב און מחבר פון ספרים. געלערנט אין ישיבות און אויף פעדאַגאָגישע קורסן. פון 1925 ביז 1929, געווען א לערער אין יידישע שולן אין האַוואַנא (קובא) דאָרטן געוואָרן א פיאנער פון יידישן געדרוקטן ווארט און רעדאקטאר פון דער ערשטער צ״ש **דאס פרייע ווארט** (1925) פון 1929, אין קאנאדע. לאנגיעריקער לערער אין די יידישע שולן אין מאנט. און טאר. ח.ב. האט פארעפנטלעכט וויכטיקע ליטעראַרי־שע ארבעטן אין **קאנאדער אדלער**, מאנט׳, **דער יודישער זשורנאל**, טאר׳ **דאס יודישע ווארט**, ווינ׳ ווי אויך אין דער יידישער פעריאדיק אין די פאַרייניקטע שטאַטן. געדרוקט אויך אונטער; ח. ברכיה, קנהלע, בן־שמואל, איש פשוט א״א. פרטים וועגן זיין לעבן און שאפן זען: **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.1, **קאַנאַדיאַנאַ**.

בערנשטיין, יוסף אליהו

ביאָגראַפישע פרטים־נישט באקאנט. מיר ווייסן נאָר, אז ער האט געשטאמט פון פוילן און איז געווען אַ בן תורה. אין 1882 געקומען קיין נ.י. און דארטן געווען א העברעישער לערער ביז 1884 אבער אין דעם יאר זיך באזעצט אין מאנט׳. אַ נאָענטער פריינט פון אל. הארקאווי, איז ער געווען דער סעקרעטאר פון ערשטן ציוניסטישן פאראיין ״חובבי ציון״ (געגרינדעט דעם 16טן יאנ. 1887) אין דער פארוואלטונג זיינען אויך געווען הרב שלאָסבערג, הרב אליהו פרידלענדער, א״א. ער איז אויך געווען פון די גרינדערס פון דער ערשטער העברעישער ביבליאטעק און אין 1889 איינער פון די גרינדערס און פארזיצער פון דער ״אגודה עברית במונטריאל״ און א לעקטאָר איבער ציוניזם. י.א.ב. איז געווען א מיטארבעטער פון **המליץ**, פט״ב, **המגיד**, ליק און פון **הצפירה**, ווארשע און געדרוקט חוץ אַרטיקלען וועגן אלגעמיינע און יידישע פראבלעמען אויך א סעריע ״בריוו פון מאנטריאל״ (אונטערן פסעוודי ״איש פולין״) אין וועלכע ער האט גערופן די יידן פון פוילן און רוסלאנד צו באזעצן זיך אין קאנאדע, ווו זיין וועלן פריי זיין ווי יידן און מענטשן.

ליידער, טראָץ מיין זוכן 4 יאר וועגן זיין ווייטערדיקן לעבן, איז מיר נישט געלונגען צו באקומען וועלכע עס איז ידיעות וועגן אים.

המליץ, נומר 5 1884 און אויך נומר 21 און 25 פון 1885, **המגיד**, 6 טער פעבר. 1887, א. ריינווין, **דער איד אין קאנאדע**, טאר׳ 1925, ז׳ 212, א.ר. **הדואר**, נ.י. 27 יוני 1930, ב.ג. זאק, **געשיכטע פון יידן אין קאנאדע**, מאנט׳ 1948, ז׳ 278 און ווייטער.

בערסאָן, לייזער (ביאָגראַפישע

פרטים־נישט באַקאַנט. מיר ווייסן נאָר אַז ער איז געווען אַ געבילדעטער מאן און געשטאַמט פון דער ליטע) פון 1908 געדרוקט דערציילונגען און בילדער פון יידישן לעבן אין דער אַלטער היים און סקיצן פון יידישן מאָנטרעאל אין **קאַנאַדער אָדלער** (ביז 1915) שפעטער געווען אַן אינערלע־

כער מיטאַרבעטער אין **דער וועג** (1915–1916 רעד. ראובן ברײנין) דאָרטן פאַרעפנטלעכט צוו אַנד. אַ סעריע אַרטיקלען "דער וועג פון יידישער קונסט" אין וועלכע געוויזן באַהאַונטקייט אין דער יידישער מאָלערײַ. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **דער יידישער זשורנאַל**, טאָר, **דאָס יודישע וואָרט**, וויני׳ ביז 1920 און אויך אין דער יידישער פּרעסע אין ניו יאָרק. לויט פאַרשידענע ידיעות, **קאַנאַדיאַנאַ**.

בערקאָוויטש, ברײַנע (13 אויג׳ 1893–27 טער אַפּר׳ 1956)

געב׳ אין כערסאָן, אוקראַינע. געענדיקט אַ רוסישן לערער־סעמינאַר און געווען אַ לערערין פון רוסיש אין חדרים און אויף אָוונט־קורסן פון 1920 ביז צו איר קומען אין 1926 קיין קאַנאַדע, געווען אַ פּאָליטישע אַרבעטערין אין דער קאַמף־פּאַרטיי אין אוקראַינע. געפירט קורסן און רעפעראַטן וועגן קונסט און קולטור (ספּעציעל וועגן טעאַטער און טאַנץ־לערע) פון דער פּריער יוגנט, געשריבן, צו ערשט אין רוסיש און זינט סוף 1926 אין יידיש. אירע ערשטע אַרטיקלען אין קאַנאַדע "וועגן דערציונג" (מיט אַ לינקער טענדענץ), געדרוקט אין **דער קאַמף**, טאָר׳ (1927–1928), שפּעטער אַריבער צו דערציילונגען, מיניאַטורן און פעליעטאָנען, וואָס זענען אייגנאַרטיק מיט זייער אַ פּרעציזן און געשליפענעם סטיל, רײַכער־שפּראַך און בילדלעכקייט (**אין קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳) זי האָט זיך אויך באַטייליקט **אין טאָג, פרײַע אַרבעטער־שטימע, צוקונפט** א״אַ נ״י. פאַר איר דערציילונג "דער כערסאָנער רבי" באַקומען די "צוקונפט־פּרעמיע" פאַר דער בעסטער דערציילונג פון יאָר 1947. איז געווען די פרוי פון מאָלער א. בערקאָוויטש און די מוטער פון דער מאָלערין סילוויאַ אַרי. געשטאָרבן אין מאָנט׳ **קאַנאַדער אָדלער**, 29 אַפּר׳ 1956. מלך ראַוויטש, **פּנקס**, נ״י. 1965, **קאַנאַדיאַנאַ**.

בערקאָוויטש, לייב (12 טער מאַרץ 1897–2 טער סעפּט. 1958)

געב׳ אין אניקסט קאָוונער געגנט, ליטע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציונג. פון 1910 ביז 1927, אין טאָראָנטאָ. שנײַדער־אַרבעטער. אין 1914 אָנגעשריבן זײַנע ערשטע לידער און דערציילונגען, וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויסן אָפּקלאַנג צוליב זייער שטילן און עכט־לירישן טאָן, און זיי לאַנגע יאָרן געדרוקט אין **דער יודישער זשורנאַל** טאָר׳, ווו ער איז אויך געווען רעדאַקטאָר פון דער וועכנטלעכער בײַלאַגע "אונזער יוגענד" דאָרטן געדרוקט הונדערטער לידער און קינדער־מעשהלעך, וואָס זענען אויסגענוצט געוואָרן אין די יידישע פאָלקסשולן אין קאַנאַדע. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **קאַנאַדער אָדלער**, דאָס פאָלק, מאָנטרעאַל, **דאָס יודישע** וואָרט, וויני׳ ווי אויך אין פאַרשידענע זאַמלונגען פון יונגע שרײַבערס. ל.ב. איז געווען צווישן דער ערשטער גרופּע יונגע דיכטערס, וואָס האָבן זיך גרופּירט אַרום זאַמלבוך **קאַנאַדע**, טאָר׳ 1919 און מיט זײַנע לידער באַשטעטיקט זײַן אייגנאַרטיקן לירישן טאַלאַנט ער האָט דערנאָך געדרוקט אין **רויערד, ניוואַנסן, באַגינען, דער קאַמף, דער וועג, העפטן, אין געווירבל** א״אַ, **קינדער־זשורנאַל, קונדס, מ. פרײַהייט** א״אַ. נ״י ווי אויך אין

קאַליפאָרניער אידישע זומע, ליטעראַרישע העפטן, ל״אַ. (אויך מיטרעדאַקטאָר) 1927־1929 געווען אַ לערער אין די ״אַרדן שולן״ אין נ״י און אַ מיטגליד פון דער ״פּראָלעטפּען־גרופּע״(כאָטש מען האָט אים פאַרגעוואָרפן זיין פועלי־ציוניזם אין דער פאַרגאַנגענהייט), אָבער בעת די פּראָצעסן אין רוסלאַנד, געוואָרן פאסיוו און זעלטן געדרוקט און אַפילו נישט געוואָלט אַרויסגעבן קיין בוך. פון זיין גרויסער צאָל לידער איז בלויז דערשינען זיין בוך **קליינוועלט**, ל״אַ, 1934, 120 זז׳ מיט אַן אַריינפיר ווו ער גיט איבער, אַז דאָס איז נאָר ״אַ גאָר קליינער אָפּקלויב פון זיינע קינדער לידער געדרוקט אין דער ״פריידהייט״, נ.י. ער איז געווען דער מאַן פון דער די־כטערין לאה ק. האָפמאַן. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, געווען א מיטגליד און א לעקטאָר פון א טעאַזאָפן — ליגע אין קאל׳. אומגעקומען און אַן אויטאָקאַטאַסטראָפע אין ל״א. ...״א דיכטער מיט אַן ערנסט וואָרט און מיט אַ געלייטערטער דיכטערישער שטימונג״ (ח.מ. קייזערמאַן).

אל. פּאַמעראַנץ, פּראָלעטפּען, קיעווו 1935, ז׳ 200. ח.מ. קייזערמאַן, אידישע דיכטער אין קאַנאַדע. אינדעקס. מלך ראַוויטש. קאַנאַדער אָדלער, 22 טער סעפּט. 1958. קאַנאַדיאַנא.

בערקאָוויטש, שלמה (15 טער סעפּט. 1888־31 טער דעצ. 1954)

געב׳ אין פּערעיאַסלעוו, אוקראַינע אין 1903 געקומען קיין קאַנאַדע, די ערשטע יאָרן געווען א שניידער אַרבעטער און מיטגרינדער פון דער שניידער־יוניע. טעטיק אין דער פּ״צ — פּאַרטיי. געווען פון די גרינדערס און לערער פון דער ערשטער יידיש־

וועלטלעכער שול אין מאָנט׳ (1910) שפּעטער, לערער אין ארבעטער־רינג־שולן אין פאַרשידענע שטעט. מיטגרינדער פון שלום־עליכם פאָלקס אינסטיטוט (1923) ניו־יאָרק. אָנגעפירט מיטן ש״ע פאלקס אינסטיטוט אין דעטרויט. לאַנגע יאָרן געדרוקט אַרטיק־לען וועגן שול־פּראָבלעמען און זכרו־נות וועגן יידישע פּערזענדלעכקייטן אין כמעט אלע שול־אויסגאַבעס אין קאַנאַדע און אַמעריקע (צווישן זיי וועגן ד״ר חיים זשיטלאָווסקי און זיין באַציונג צום יידישן שול־וועזן). צוזאמען מיט יידל מארק און אנד׳ רעדאקטירט דעם **שול פנקס לכבוד 20 יאָר ש״ע פּאלקס־אינסטיטוט**, שיקאגא, 1948 674 ז׳ ווו צוו׳. אנד׳. פאַרעפנטלעכט זיין ארבעט ״סתירות צווישן טעאָריע און פּראַקטיק אין אונדזער יידישער שול״ די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געוווינט אין ל״א און דאָרטן געשטאָרבן.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.1. מיט ביבליאָגראַפיע, ש. בעלקין די פועלי־ציון באוועגונג אין קאנאדע, אינדעקס. ישראל ראבינאוויטש, קאנאדער אדלער, 4 יאנ. 1954, קאנאדיאנא.

בערקאָוויסי, קאָנראַד (22 טער יוני 1882־27 טער דעצ׳ 1960)

געב׳ אין בראַילע, רומעניע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. שטודירט ליטעראַטור און מוזיק אויף דער סאָרבאָנע אין פּאַריז. פון 1906 ביז סוף 1925, אין מאָנט. ער איז געווען אַ מיטגרינדער און דער ערשטער געזאַנג־לערער אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאלער שול אין מײַלענד, ביי מאָנט׳ ער איז געווען פון די ערשטע מיטאַרבעטערס פון קאַנאַדער אָדלער

און כמעט טעגלעך געדרוקט, חוץ זשורנאַליסטישע אַרבעטן, אויך סקיצן, רעפּאָרטאַזשן און איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור און ספּעציעל פון ציגיינערישן פאָלקלאָר. בעת ראובן ברײנין איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון ״קאַנאַדער אָדלער״ (1922) האָט ב. דאָרטן געפירט דעם אָפּטייל פון ליטעראַטור און מוזיק, ווי אויך געשריבן רעצענזיעס פון קאָנצערטן. דאָס זעלבע געטאָן אין ״דער וועג״ (1916־1915) ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אין **גרויסן קונדס**, **דער קיביצער** און אין אַ גרויסער צאָל ליטעראַרישע זאַמלונגען אין נ״י. אַ מומחה איבערן יידישן פאָלקסליד, האָט ער דערוועגן פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל וויכטיקע אָפּהאַנדלונגען אין די יידישע און יידיש־ענגליש און ענגלישע צ״ש אין קאַנאַדע און איבער דער יידישער וועלט. מחבר פון אַ צאָל ביכער אין ענגליש, וואָס שילדערן דאָס יידישע לעבן. ער האָט זיך אויך לאַנגע יאָרן אָפּגעגעבן מיטן פאָרשן דאָס לעבן פון די ציגיינער און עס געשילדערט אין זיינע ווערק. זיין ראָמאַן **געשיכטע פון משה**, האָט אים פאַרשאַפט כבוד און רום. ער איז אויך געווען באַקאַנט ווי אַ אָרגל־שפּילער. געשטאָרבן אין אַ דאָרף ביי ניו־דזשוירסי.

ז. רייזען, **לעקסיקאָן** ב.1, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור** ב.1 מיט ביבליאָגראַפיע ש. בעלקין, **די פועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע** אינדעקס, ב.ג. זאַק, אידישער קעמפער, פסח נומער, 1956 ישראל ראַבינאָוויטש ״קאַנאַדער אָדלער״, 21 מיי 1962 ענציק. יוד. ב.5. ירושלים.

בערקאָוויץ אברהם־לייב (1895־ 2 טער יוני 1975)

געב׳ אין לאָמזע פּוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין 1913 געקומען קיין אַמעריקע און געווען אַ יידיש־העברעישער לערער אין דעטרויט, קליוולאַנד, פילאַדעלפיאַ און אין איינִיקע שטעט אין מערב־קאַנאַדע. לאַנגע יאָרן געדרוקט לידער, עסייען איבער יידישער פילאָזאָפיע און קריטישע אָפּהאַנדלונגען איבער ביכער און שרייבער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט קלאָרקייט און עספּרי אין **די יידישע וועלט**, **פילא. דער טאָג**, **צוקונפט**, **מאָרגנזשורנאַל** (און אַ צייט זיין רעדאַקטאָר פון דער פילאַדעלפיער אויסגאַבע) **אידישער קעמפער** א״א, נ״י ער איז געווען לאַנגע יאָרן אַ מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ און חוץ ליטעראַרישע קריטיק און איבערזעצונגען פון העברעיש (עגנון) און פון רוסיש (באַבעל, גאָרקי, א״א) אויך געדרוקט אינפאָרמאַטיווע מאמרים וועגן ליטעראַטור בכלל. זיין לעצטע אַרבעט ״דיאַלאָגן צווישן יידיש־העברעאישע און ענגלישע שרייבערס״ (1973) ברענגט אַרויס די זאָרג פון אַ יידיש העברעישן שרייבער אין אונדזער צייט. געשטאָרבן אין פילאַדעלפיאַ...״ ער איז געווען אַ שבת־יומטובדיקער ייד, וואָס האָט במשך פון אַ האַלבן יאָרהונדערט, געלייגט זיין חותם אויפן יידישן לעבן, ווי אַ שרייבער, עסייאיסט, טעאַטער־קריטיקער. פיינער, איבערזעצער פון העברעיש און יידיש. בכלל איז ער געווען דער ״איש המעשה״ (וו. שיכמאַן)

וו. שיכמאַן, **אידישער קעמפער**, 3 אויג. 1973. נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע, קאַנאַדיאַנאַ.

בראון, מ.ל. (1886־24 טער מערץ 1938)

געב׳ אין ביאַליסטאָק, פוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין 1904 געקומען קיין מאָנט. און געוואָרן טעטיק אין יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן. פון די ראשונים אין דער פ״צ — פארטיי. 1907 צוזאמען מיט ח.מ. קייזערמאן, געגרינדעט די ״יידישע עמיגראנטן ליג״ סעקרעטאר פון ״הילפקאמיטעט פון מלחמה־געליטענע״. פון 1913 ביז אנהויב 1920, געווען א מיטארבעטער פון **קאנאדער אדלער** און חוץ אקטועל־פאליטישע מאמרים און איבערזעצונגען פון ענגליש (דער עיקר ראמאנען) אויך דאָרטן געדרוקט ארטיקלען אויף יידיש־געזעלשאפטלעכע טעמעס. באַטייליקט זיך אין **דער יונגער מאַקאַבייער, פאָלקסצייטונג** א״א צייטשריפטן אין מאנט.

פון 1922 ביז צו זיין פריען טויט, געווען באקאנט ווי אַ פאַרזיכערונגס־אַגענט, ווי א שיינע, גייסטרייכע פערזענלעכקייט און ווי אַן עסקן לטובת די ברייטע יידישע פאָלקסמאַסן. געשטאָרבן אין מאָנט׳.

י.ל. מאלאמוט, **יובל בוך קאַנאַדער אָדלער**, 1932, י. בעלקין, **די פועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס, **קאַנאַדער אָדלער**, 25 טער מאַרץ 1938, קאַנאַדיאַנאַ.

בראָמבערג, אַהרן (1886 — 8 טער יאַנ׳ 1953)

געב׳ אין אָסטראָווצע, פוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון די יונגע יאָרן אַקטיוו אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. אין 1910 געקומען קיין קאַנאַדע. געווען פון די פיאָנערן פון דער ערשטער יידיש־וועלטלעכער שול אין טאָר׳. דערנאָך געווען אַ לערער אין פאַרשידענע שטעט אין קאַנאַדע און אַמעריקע. אַ הייסער יידישיסט, האָט ער אויף שול־צוזאַמענפאָרן געקעמפט, אַז יידיש זאָל זיין די נאַציאָנאַלע שפראַך פון יידישן פאָלק און וועגן דעם געשריבן סיי אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנ׳ און סיי אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ און אַנדערע צייטשריפטן. דאָס האָט אַרויסגערופן אָנפאַלן סיי אויף אים פערזענלעך און סיי אויף דער יידישער שול־באַוועגונג. ער איז געווען אַ דעלעגאַט פון די לינקע פ״צ צום ״קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס״ (1919) געווען דער ערשטער, וואָס האָט אין זיינע שולן אין קאַנאַדע און אמעריקע, אַיינגעפירט צו פייערן די יידישע ימים־טובים און דאָס מקבל־שבת זיין דוקא אין די שולן פון אַרב. רינג. אויך האָט ער אַליין געשריבן די לעקציעס פאַר זיינע תלמידים (אין נאַציאָנאַלן גייסט) לײדער איז נאָר אַ קליינער טייל פון די מאַטעריאַלן פאַרעפנטלעכט געוואָרן. מיטאַרבעטער פון שול **און דערציונג, פעדאַגאָגישער זשוראַנל, קינדער־צייטונג** (אַלע אין נ״י) געדרוקט קינדער־לידער אין **קינדער־זשורנאַל** א״א. באטייליקט זיך אין אַ צאָל **יובל־שול־ביכער**, פון אַרב. רינג. צוו׳ אַ אין שול־בוך, טאָר׳ 1926, ווו פאַרעפנטלעכט אַ טייל פון זיינע זכרונות וועגן זיינע מעטאָדן אין דער שול־אַרבעט. דער גרעסטער טייל איז לײדער געבליבן נישט געדרוקט. ערשט נאָך זיין טויט איז דערשינען זיין בוך **חומש־מעשיות פאַר קינדער**, נ״י 1956 96 ז׳.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער **ליטעראַטור**, ב.ו מיט ביבליאָגראַפיע, ש. בעלקין, **די פועלי־ציון־באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס, נעקראָלאָגן אין דער יידישער פרעסע, קאַנאַדיאַנאַ.

בראָנשטיין, יחזקאל (4 מאַרץ 1897 — 26 דעצ' 1968)

געב' אין נאָוואָסעליץ בעסאַראַביע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין 1913 געקומען קיין וויניפּעג. דאָרטן פאָרגעזעצט זיין לערנען אויפן מאַניטאָבער אוניווערסיטעט. שטודירט ליטעראַטור און פילאָזאָפיע, גלייכצייטיק געטאָן פאַרשיידענע מלאכות. אָנגעהויבן שרייבן אין די יונגע יאָרן מיט לידער און דערציילונגען און דעביוטירט אין **קאַנאַדער איד**, וויניפּעג 1917, וואָס האָבן אים געבראַכט גוטע קריטיק און אָנערקענונג. זינט דעמאָלט געדרוקט לידער, דערציילונגען, איינאַקטערס און ליטעראַרישע עסייען וועגן שרייבערס און ביכער (דער עיקר וועגן יונגע שרייבערס). געווען פון די שטענדיקע מיטאַרבעטערס אין **דאָס אידישע וואָרט און** אין וואָכנבל' **די נייַע צייט**, וויניפּעג. דאָרטן אין 1922 געדרוקט אַ ראָמאַן פון יידישן לעבן אין דער ווייַטער וועסט. ער האָט זיך כמעט וועכנטלעך באַטייליקט אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנ'דער **יודישער זשורנאַל**, טאָר, די אויסגאַבעס פון די יונגע פּראָלעטאַרישע שרייַבערס אין טאָר' און אין ערנסטע ליטעראַרישע זאַמלונגען איבער דער יידישער וועלט. ער האָט אויך אַליין רעדאַקטירט אַ צאָל וויכטיקע ליטעראַרישע צ"ש. מחבר פון אַ ריי וויכטיקע ביכער, וואָס זענען אַ צושטייַער צו דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. אַ טייל פון זיי, ווי **בליצן פון קליינעם מענטשעלע** (יוגנט-לידער און אַלעגאָריעס, וויניפּעג 1917 64 ז', די דערציילונגען פון זיין ערשטן פּעריאָד **מלחמה וועהען** (**צוזאַמען מיט מרדכי מילער און הערשל גאַלסקי**), דאָרטן 1918, 48 ז' דאַרף מען צורעכענען צו די ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון פון דער יונגער שרייַבער-גרופּע אין וויניפּעג. ער איז אויך דער מחבר פון די לידער וואָס זענען אַריין אין דער זאַמלונג **צוויי וועלטן**, זיינע 94 ז' און 100 ז' פון מרדכי מילער. זינט 1935 געדרוקט צום מייַנסטנס ליטעראַרישע קריטיק. פון זייַנע ווערק וועגן יידישע שרייַבערס דאַרפן דערמאָנט ווערן **יאָ און נישט נייַן** עסייען, ל"א 1953 אין 1952 אַרויסגעגעבן **דרייַ פּרווען פון מאָדערנעם יאַפּאַן** (איבערזעצונגען פון פּאָעזיע פון דער נייַער צייַט אין יאַפּאַן), מיט אילוסטראַציעס פון בצלאל מלחי, 48 ז'. פון זייַנע פּסעוודאָנימען: קהלת, אַ יאַמב, א"אַ אומגעקומען אין ל"אַ אין אַן אויטאָ-קאַטאַסטראָפע.

לעקסיקאָן פון דער נייַער יידישער ליטעראַטור, ב.1 מיט ביבליאָגראַפיע, י.י. סיגאַל **קאַנאַדער אָדלער**, 10 יוני 1953, מלך ראַוויטש, דאָרט, 10 יאָנ' 1964, יעקב זיפּער, 14 טן אויג. 1966 און 27טן פעברואַר 1970. קאַנאַדיאַנאַ.

ברוידעס, עקיבא (1879-1937)

אָפּשטאַמיקער פון דער באַרימטער "ברוידעס-שרייבער משפחה" געב' אין טשערנאָביל, אוקראַינע. געלערנט אין ראַמיילעסעס ישיבה אין ווילנע. שפּעטער אויך וועלטלעכע לימודים און שפּראַכן. נאָך אין די פריע יוגנט — יאָרן געשריבן דערציילונגען אין העברעיש און רוסיש און זיך באַטייליקט אין פאַרשידענע זאמלונגען (א"פ "בעז-זאַשטשטשיטני" וואָס האבן שפּעטער אין אמעריקע פון 1903, געפירט אים צו ווערן א פּראָפעסיאָנעלער שרייַבער און

איבערזעצער. ער איז אויך לאנגע יארן געווען א לערער און פון די ערשטע יידישע שולן פון "אַרב. רינג" געדרוקט דערציילונגען און ארטיקלען וועגן אַרבעטער־פראגעס און ליטעראַרישע קריטיק אין פארשידענע צ"ש, דער עיקר אין **פארווערטס** און די **ווארהייט** (רעד. ל. מילער) פון וועלכער געווען אן אינערלעכער מיטארבעטער. דארטן דער עיקר געדרוקט איבערזעצונגען פון דער וועלט ליטעראטור. ע.ב. איז אויך געווען רעדאקטאָר פון **אידישע פרעסע**, סט־לויס (1915) און פון דער ט"צ **דער וועג**, דעטראָיט (1919) ער איז געווען א מיטארבעטער פון זשורנאַל **די נייע וועלט** און פון חודשניק **דער פריינד** (אָרגאן פון אַרב־רינג) ביידע אין נ"י. געווען באקאנט ווי אַ געטרייער איבערזעצער און א מיטארבעטער פון דער "קראפאטקין ליטעראטור געזעלשאפט" פאר וועלכע ער האט איבערזעצט פון ענגליש **די געשיכטע פון טרייד־יוניאניזם**, נ"י 1920. פון סידני און ביטריס וועב. ער האט אויך אנגעהויבן איבערצוזעצן אלע ווערק פון געאָרג בראַנדעס, וואָס נאָר צוויי בענדער **די ראמאנטישע שולע אין פראנקרייך**, נ"י 1922, זענען דערשינען. אין זעלבן יאָר געוואָרן דער פאַרוואַלטער און לערער פון די אַרבעטער רינג־שולן אין טאָר׳. אין די יאָרן אין טאָר׳. געווען דער אָרגאניזאטאר פון אַרב־רינג־צוזאַמענפאָר (מאי 1922) און געווארן א מיטארבעטער פון דער יודישער זשורנאל, טאר. ווו צוו אנד׳ געדרוקט א סעריע ארטיקלען "די ערציונגס־ארבייט פון ארב. רינג" געדרוקט אויך אונטער די פסעווד. בר דעת, ק. פענין, י. שטארק א"א. לויט אינפארמאציע פון אלטע תושבים אין טאָר, איז ער צוליב א נישט־באוואוסטע סיבה, אוועק פון טאר. און זאל האבן אין 1937, געשטארבן אין קאַליפאָרניע.

ז. רייזען **לעקסיקאן** ב.1 **לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, ב.1 מיט **דער יודישער זשורנאל**, טאר, 22 מאי 1922.

בריזעלי, אברהם־יונתן (5 טער מערץ 1879 — ?)

געב׳ אין קאָוועל, וואָלין. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. אין 1911 געקומען קיין אָמעריקע אָבער באלד אוועק קיין קאַנאַדע און געוואָרן אַקטיוו. אין דער פ"צ — פארטיי. א צייט געווען א לערער אין די יידישע פאלקסשולן אין מאנט׳, שפעטער אין די יידישע שולן אין טאר׳ און ווינ׳. זינט 1913 געדרוקט סקיצן, מאמרים אויף אקטועלע טעמעס און צייטונגס־מאטעריאלן אין דער יידישער פרעסע אין אַמעריקע און קאַנאַדע. געווען פון די אינעוויייניקסטע מיטארבעטערס פון **קאנאדער אדלער** און בעת ראובן ברײנין האָט אַרויסגעגעבן **דער וועג**, אריבער צו אים און געווען א צייט סיטי עדיטאר. דאָרטן אויך געדרוקט קליינע דערציילונגען, בילדער פון יידישן לעבן אין מאנ׳. און עסייען אויף ליטערארישע טעמעס, לאַנגיאָריקער קאָרעספאָנדענט פון מאנ. פארן **דער אידישער זשורנאל**, טאר׳ פון 1916 ביז 1928 מיט איבערייסן געווען א מיטארבעטער פון אלע פ"צ אויסגאבעס אין מאנ׳. באטייליקט זיך מיט הומארעסקעס אין **דער האמער דאָס וואָרט, דאָס פאלק, מאָנט׳ אייניקע יאָרן געלעבט אין ווינ׳. און דאָרטן געווען א אינעווייניקסטער** מיטאַרבעטער און א צייט רעדאק־טאר פון קאנאדער איד, און פון דאס **אידישע וואָרט**. באַטייליקט זיך אין זשורנאַל **פראגרעס**, נ"י. געדרוקט אויך

א״פ: איוב, דר׳ אייזען, ברזילי, א״א זינט אנהויב דרייסיקער יארן, נישטא וועגן אים קיין שום ידיעות.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער **ליטעראטור**, בו, ש. בעלקין, **די פועלי־ציון באוועגונג אין קאנאדע** ז׳ 28, ב.ג. זאק, **אידישער קעמפער** פסח נומ. 1956, **קאנאדיאנא**.

בריינין, ראובן (16 טער מערץ 1862־30 נאוו. 1939)

באַרימטער העברעיש־יידישער שריפטשטעלער. עסייאיסט, בעלעטריסט, ביאָגראַף, קריטיקער זשורנאַליסט, איבערזעצער און רעדאַקטאָר, געב׳ אין ליאדי, ווס״ר געלעבט אין מאָסקווע, פעטערבורג, בערלין, ווין, ניו־יארק, ווארשע, לאדזש און מאָנט׳ ער איז געווען איינער פון די בויערס פון דער נייער, מאָדערנער העברעישער ליטעראטור. א צייט זיך מיט אומכבוד באצויגן צו דער יידישער שפראַך (כאטש ער האט לאנגע יארן אליין געשריבן אין יידיש און רעדאקטירט א צאל יידישע צייטונגען און צייטשריפטן וואס פארנעמען א וויכטיקן פרט אין זיין לעבן און שאפן)

שוין אין זיינע יונגע יאָרן, אין **המליץ**,, אדעס, 1882, מעורר געווען ״וועגן דער לאגע פון דער טאלאנטירטער יידישער יוגנט, וואָס זייערע פעיקייטן ווערן פארלוירן״ און דערמיט געצויגן דעם אויפמערק פון י.ל. גארדאן, וואס האָט אים אַריינגעפירט אין דער ליטעראטור. אין יענע יאָרן געחלומט צו ווערן אַן ערד־ארבעטער און זיך פאַרשריבן אין דער אַגריקולטור־שול אין האָרקי. אבער באַשלאָסן זיך צו ווידמען דער העברעישער ליטעראַטור און מיט זיין

סעריע ארטיקלען ״הגיונות סופר עברי״ זיך דערוואָרבן אָנזען און דורך זיי געווארן דער וואָרט־זאָגער פון דער זוכנדיקער יוגנט און דער פרעדיקער פון א נייער ריכטונג אין דער העברעאישער ליטעראטור. ער גרייפט אפילו אָן זיינע פראָטעזשירער (גאָרדאָן און פרישמאַן) און רופט דאמיט ארויס א רעאקציע פון קריטיקער ש. שוב (זע: **תשובה נמרצה** (האדון בריינין ומשפטו על גורדון, בערדיטשעוו, 1900, 60 זייטן) אבער ער פאַרלירט זיך נישט. פארט קיין ווין, שטודירט אויפן אוניווערסיטעט און, ווערט דאָרט באאיינפלוסט פון די נייע שטרעמונגען אין דער אייראָפּעאישער ליטעראטור. ער גיט ארויס דעם זשורנאל **ממזרח וממערב** (1894) אין וועלכן ער פּראָפּאַגירט, אז די נייע העברעאישע ליטעראטור, דארף צוגלייך מיט דער בעלעטריסטיק אויך באַהאנדלען אַלע גייסטיקע פראָבלעמען וואָס אַ געזונטע ליטעראטור דארף אויפנעמען.

אָבער מער ווי פיר העפטן זיינען נישט ארויס. ער פאַרלירט זיך אָבער נישט, מאַכט אַ חשבון הנפש און לויט זיין טעמפּעראַמענט ענדערט ער זיין שרייבן. ער זאָגט זיך באלד אָפּ פון די עסייען וואָס זענען געווען אונטערן איינפלוס פון דער רוסישער פובליציסטיק און קריטיק (בעלינסקי, פיסארעוו א״א) און ער באווייזט זיך אין אַ נייַער פארעם און ליכט, וואס איז אינגאנצן אונטערן איינפלוס פון דער פראנצויזישער שולע (היפאליט טען א״א) און אפילו זיינע ביאגראפיעס פון יענער צייט, זיינען שוין געמאלט אין שימער פון א ראמאנטיק, ביי וועלכער ער האלט זיך שוין דאס גאנצע לעבן. אבער בלויז מיט ראמאנטיק קען ער נישט באפרידיקן זיין בענקנדיקע

נשמה, ער זוכט און געפינט עס אין דעם ציוניסטישן חלום און אין אויפלעבן די העברעישע שפראך, וואס דערפירט אים צו ווערן אן עקסטרעמער קעגנער פון יידיש. ער פארט קיין וואר׳ מיט דער כוונה אפשר וועט אים דארטן געלינגען צו באשאפן א נייע טריבונע פאר זיין קאמף. אבער אין וואר׳ איז נאך ערגער און די צייטשריפטן און זשורנאַלן אין וועלכע ער האט לאנגע יארן געדרוקט הונדערטער פון זיינע ארבעטן, קען ער נישט ארויסשלאגן די ארימע פרנסה.דאס האט זיכער גורם געווען א נייעם קער צוריק, ד.ה. אין דער זייט פון אויפגייענדיקער יידישער פרעסע און פעריאדיק. אונטערן איינפלוס פון זיין פריינט, דעם מעצענאַט חייל יאנאווסקי, נעמט ער אן די שטעלע פון א סעקרעטאר פון לאדזשער "הזמיר" און ער פירט איין יעדן מיטוואך ציקלען לעקציעס פון יידישע פערזענדלעכ־קייטן. ער ברענגט צום ערשטן מאל קיין לאדזש ביאליקן, אחד העמען, זשאבאטינסקין און ווערט גלייכצייטיק א מיטארבעטער פון **לאדזער טאגעבלאט.** ער רעדאקטירט דאס בלאט לכבוד פורים **לאדזער הזמיר,** 1908, וואס ער פילט כמעט אינגאנצן אויס (אפילו מיט צייט לידער) אין זעלבן יאר הייבט ער אן שרייבן אויך אין **קאנאדער** אדלער, מאנט׳ ווו ער דרוקט די סעריע "בריוו פון פוילן "(שפעטער אויך בריוו פון בערלין און בעלגיע) אין יענער צייט דרוקט ער אין קאנאדער אדלער זיינע עסייען אין יידיש (יצחק ערטער, א.ל. לעווינסקי, י.י. ליניעצקי, שלום עליכם און מאריס ראזענפעלד) וואס זיינען שפעטער אריין אין זיין ערשטן באנד **שריפטן,** וואר׳ 1910, און ווערן גוט אויפגענומען פון קאנאדער עולם דאָס האָט אים אפשער דערפירט וואס אין סעפט׳ 1912 ווערט ער רעדאַקטאָר פון קאנאדער אָדלער. נישט גרינג איז ברייניגען אנגעקומען דאס ווערן א רעדאקטאר פון א יידישער פראָווינץ צייטונג. אבער נאך זיין דורכפאלן מיט זיין וואכנבלאט **הדרור** נ.י. 1911, וואס הגם דארטן איז געווען א גאר וויכטיק מאטעריאל פון די גרעסטע און בעסטע ליטעראַרישע קרעפטן, האט עס אויסגעהאלטן נאר 15 נומערן אין דעם כרך, נ.י., האט ער באשלאסן צו מאַכן מאנט׳ פאר זיין היימשטאט. ער העלפט מיט גרינדן די "יידישע פאלקסביבליא־טעק" און ציט צו יונגע יידישע שרייבערס, וואס ער גיט זיי א טריבונע פאר זייערע שאפונגען.

ער ווארפט זיך אריין אין דער אגיטאציע פארן "קאנאדער יידישן קאָנגרעס" וואָס פירט דערצו, אז ער רייסט איבער מיט דער אָרטיקער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, אבער דאס דערפירט צו א מחלוקה מיטן באַלעבאָס פון דער צייטונג, זעליק וואַלאַפּסקי, וואָס וויל אז דער קאנאדער אָדלער זאל זיין דער אָפיציאָז פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פאר קאַנאַדע. אבער טראָץ די אינערלעכע רייבונגען, מאכט בריינין פון דער צייטונג א טריבונע מיט אן אייראָפּעישן אינהאלט. ער זעצט איבער פאר יעדן פרייטיק נומער טיילן פון "הערצלס פעליעטאָנען" וואָס ווערן צום ערשטן מאָל באקאנט דעם יידישן לייענער. ער שרייבט אויך אין זיינע לייטארטיקלען וועגן יידישע פאעטן (יהואש, ראזענפעלד און שטעלט זיך באזונדער אָפּ אויף די "יונגע") אויך זיינע זין יצחק און יוסף דרוקן וועכנטלעך "בריוו פון ווין" ווי אויך וועגן מאָלעריי, מוזיק און טעאַטער. אָבער די מחלוקה איז צו טיף און דעם

15 דעצ. 1914 פאַרלאָזט ער די רעדאַקציע. ער הויבט אָן דרוקן אַ סעריע ארטיקלען „צווישן דער גבירה און דער שפחה״ (וועגן יידיש און אונזער לעבן) אין **דער טאָג**, נ.י. אבער זיי באַפרידיקן אים נישט (מען האָט אים אין מיט פון דער סעריע אָפּגעשטעלט) ערשט ווען עס דערשיינט דער ערשטער נומער פון זיין טאָג־צייטונג דער וועג (25 אָקט. 1915) צעשפּרייט ער ווידער זיינע שרייבערישע אָדלער־פליגל. אָבער טראָץ די סטאַבילע מיטארבעט פון יהודה קויפמאַן און אנדערע וויכטיקע שרייבערס פון דער יידישער וועלט, קען ער נישט אויסטראָגן די לאַסט און מוז דעם 2 טן מאַרץ 1916 ליקווידירן די טריבונע זיינע.

אין סוף 1916 באַזעצט ער זיך ווידער אין ניו יארק, ארבעט אין **התורן, העברי**, און אין די יידישע: **דאס אידישע פאלק, טאַגעבלאַט, צוקונפט**, שפעטער אין**טאָג** ווו חוץ דערציילונגען און עסייען אויך געדרוקט די סעריע „מיין רייזע איבער רוסלאנד, די יידישע קאָלאָניעס אין קרים און ביראָבידזשאַן „וואס האָבן ארויסגעברענגט זיין אַלטע פּאָזיטיווע באַציונג צו יידישער ערד־ארבעט. ער האָט אויך פאַרבייגייענדיק אַרויסגעברענגט זיין מיינונג וועגן די יידן וואָס קענען נישט פאַרלאָזן רוסלאַנד און טראַכטן אויפן ארט פון ארץ ישראל צו בויען זייער נאַציאָנאַל לעבן אין ביראָבידזשאַן.

בריינין האט זיך נישט אפגעזאגט פון זיין ציוניסטישן אידעאַל, נאר עס האט זיך אין אים באַנייט דער חלום פון די יונגע יאָרן. דאָס האָט אָבער נישט צופרידן געשטעלט זיינע העברעישע שרייבער און מיטגעברענגט דעם שטורעם פון די קנאים, וואס האבן אים באשולדיקט אין נאַציאָנאַלן פאַראַט. נאָך מער האט געשאַפן א פירוד צווישן אים און די יידיש־נאַציאָנאַלע קרייזן זיין אַרומפאָרן לטובת דעם „איקאָר״ און פארטיידיקן דעם סאָוועטן־פארבאנד בכלל, וואס רודפט ציוניסטן און האָט פאַרבאָטן די העברעישע שפראך״..עלענט און פאַרלאָזן, א פאַראַליזירטער, האָט ער געטענהט אַז ער איז געבליבן טריי דעם ציוניזם, ווי אין זיינע באוואוסטזיניקע יארן (ווי מיר זען עס אין זיין באגריסונג צו וואלאווסקין אין שייכות מיטן דרייסיק יעריקן יובל פון **קאנאדער אדלער**, 1938, ווו ער שרייבט צוו׳ אנד׳) איך דערמאַן זיך אייער קאָרעקטע און מוטיקע האַנדלונג בנוגע צו מיר, אין דער צייט ווען מיינע נעכטיקע העברעישע קאָלעגן און א גרופע פון „ציוניסטישע שאָוויניסטן״ זענען מיך באַפאַלן, ווייל איך האָב געפונען פאר נייטיק אין די אינטערעסן פונעם יידישן פאָלק, אָנצונעמען א פאזיטיווע שטעלונג צום ראטן־פארבאנד בכלל און צו דער „יידישער קאלאניזאציע בפרט...״ אין יענער צייט זייט איר (פארגעסנדיק אונדזערע פערזענד־לעכע באַציונגען״ ארויסגעקומען מיט דער דערקלערונג, אז איך האב ריכטיק געהאנדלט...דאס איז אין אונדזער צייט, א זעלטענע מעלה ביי עפנטלעכע עסקנים) קראַנקערהייט האָט ער ממשיך געווען זיין ליטעראַרישע אַרבעט און צוגעגרייט **דעם דריטן באנד** פון זיינע **העברעישע שריפטן**,

וואָס איז נאָך בריינינס טויט, ארויסגעגעבן געוואָרן דורך זיין פריינד, דעם מעצענאט י.מץ. עס איז אויך דערשינען איין באנד **פון מיין לעבנס־בוך מיט** א הקדמה פון נחמן מייזיל, נ״י, 1946, 373 ז׳ (פריער געדרוקט אין טאָג) וואס אַנטהאַלט זיינע זכרונות פון

זייַן פריער יוגנט ביז צום פאַרלאָזן פעטערבורג אין 1912.

ראובן בריינין איז געשטאָרבן אין נ״י, און לויט זיין צוואה נקבר געווארן אין מאנט׳. ער האָט זיין ביבליאָטעק און גרויסן ארכיוו, איבערגעגעבן צו דער ״יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק״. נאך זיין טויט, זענען א טייל פון זיינע איבערגעבליבענע שריפטן געדרוקט געווארן אין **נייעלעבן** און **יידישער** קולטור (ביידע אין נ״י) אין 1962 איז ארויס די זאמלונג **צום הונדערטסטן געבוירנטאג פון ראובן בריינין, מיט א פאָר־וואָרט** פון נחמן מייזיל, נ״י, 167 ז׳ עס איז אויך דורך די ״איקוף־קרייזן״ אויפגעשטעלט אין מדינת־ישראל דער ״ראובן בריינין־קליניק, וואָס ווערט עד־היום געשטיצט פון דעם איקוף.

בריינין האָט גענוצט אַ גרויסע צאָל פסעוודאָנימען, וואָס זיינען נישט פובליקירט געוואָרן. א טייל ברענגען מיר דאָ ״אבי יוסף, נקודה, קולמוס, פראָפ׳. מאזעס ד״ר שרייבער מאַן ר. פעדערמאַן. אויך איז די ביבליאגראפיע וועגן בריינינען זייער אַ גרויסע סיי אין דער העברעישער און סיי אין דער יידישער לעקסיקאָגראַפיע. מיר ברענגען נאָר אַ טייל פון זיי. לויט מיין אומפּאַרטייישער מיינונג און אָפּשאצונג, איז בריינין קיינמאָל נישט אַוועק פון זיין גלויבן אין ציוניזם. און לויט זיינע ארכיוון און מיינע לאַנגע שמועסן מיט זיין לעצטער סעקרעטאַרין, פרוי דאָרע ראָזענפעלד, וואס איז כסדר געווען מיט אים אין די גאר לעצטע טעג פון זיין לעבן, בין איך נוטה צו גלייבן אז בריינין איז געבליבן ביז צו זיין פטירה אַן איבערגעגעבענער ציוניסט...

מער פרטים וועגן זיין לעבן און שאפן צו זען:

זלמן רייזען, **לעקסיקאָן** ב.1 מיט ביבליאָרגאַפיע, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, ב.1 מיט ביבליאָגראַפיע, ג. קרסל, **לקסיקון הספרות החדשה**, רפאל שוחט, **ראובן בריינין בקץ ימיו**, נ.י. 1950, ש. בעלקין, **די פועלי ציון באוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס, ב.ג. זאק, **אידישער קעמפער**, **פסח נומ.** 1956, בער גרין, **יידישע שרייבער אין אמעריקע**, נ.י. 1963, חיים לייב פ[illegible] **לאָדזש של מעלה**, ת.א. 1972, אינדעק[illegible]גון אויך אין **העבר**, ב.כ״ב, ת.א. 1977, **קאַנאדיאנא**.

ברעסקאָ, נח (12 דעצ׳ 1902)

געב׳ אין ברעסט־ליטאָווסק. פון 1926 אין מאָנט׳ טעטיק אין דער יידישער פּראָגרעסיווער ארבעטער־באוועגונג און אין יידישן קולטור לעבן, מיטגליד פון דער אנפירונג פון ״אָרדן״ אָנגעהויבן שרייבן מיט קאָרעספּאָנדענצן פון יידישן ארבעטער לעבן **אידער קאמף**, טאר׳ 1928. שפעטער אין **וואכנבלאט**, טאָר׳ **מ׳ פרייהייט**, **יידישע קולטור**, נ.י. פון וועלכע ער איז אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער.

ג

גאַלאַי, אברהם־יהודה (15 טער פעבר. 1887 —)

געב׳ אין באַראַנאָוויטש, פוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון 1903 אין קאַנאַדע געלעבט אין מאָנט׳ און נאָווא־סקאָשיא. געווען טעטיק אין דער פועלי־ציון באַוועגונג. 1910־1915 געדרוקט איבערזעצונגען פון דער העברעישער און ענגלישער פּראָזע אין **קאַנאַדער אַדלער**. אַ צייט אויך געשריבן קאָרעספּאָנדענצן פאַר אַ צאָל יידישע צייטונגען אין די פאַראייניקטע שטאַטן. **קאַנאַדיאַנאַ.**

גאַלאַי, יוסף (8 טער אָקט. 1905 —)

געב׳ אין באַראַנאָוויטש, פוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין 1923, געענדיקט אַ רוסישע גימנאַזיע אין ווילנע. שפּעטער שטודירט מעדעצין אין באַזעל, שווייצאַריע. אַ צייט געלעבט אין פּאַריז פון וואַנען אין 1927 געקומען קיין מאָנט׳ געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַרבעטן אויך אין קליינהאַנדל. זינט סוף 1927, מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ געדרוקט אַרטיקלען אויף פאַרשידענע טעמעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט קלאָרקייט פון געדאַנק און איינאַרטיקייט פון סטיל. לאַנגע יאָרן געפירט דעם אָפּטייל "פּראָבלעמען פון לעבן" (אונטער דר׳ אַ. ראַטגעבער), וואָס האָבן אינפאָרמירט וועגן פאַרשידענע פראַגעס פון יידישן און אַלגעמיינעם לעבן פון דער איצטיקער צייט. פון 1964 ביז מערץ 1976, געווען דער רעדאַקטאָר פון קאַנאַדער אַדלער און הויפּט־אַרטיקל שרייבער און חוץ לייטאַרטיקלען אויף אַקטועלער טעמאַטיק אויך געדרוקט אָפּהאַנדלונגען אויף פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע טעמעס. זיינע אַרטיקלען וועגן יידישע שרײַבער און ביכער, זענען תמיד אינטערעסאַנט מיט זייער טרעפלעכן אַנאַליז און דורך זיין אינערלעכער באַציִונג צום שרײַבער און זײַנע ווערק. אַ לענגערע צייט, געווען פאָרזיצער פון מאָנטרעאָלער יידישן שרײַבער־פאַריין. צו זיין 30 יעריקן יובל פון ליטעראַרישער טעטיקייט, איז דערשינען אַ ספּעציעלער פאַרגרעסערטער נומער פון קאַנאַדער אַדלער (24 מאַי 1976) מיט אָפּשאַצונגען וועגן זײַן לעבן און שאַפן. אין 1976 זיך צוריקגעצויגן פון אַקטיווער רעדאַקציע־טעטיקייט, אָבער פירט ווייטער וועכנטלעך זיין קאָלום "אין געציילטע שורות" אין וועלכן ער שטעלט זיך ספּעציעל אָפּ אויף אַקטועלע געשעענישן אין קוויבעק און גיט פון דער ערשטער האַנט איבער (לויט דער פראַנצויזישער פּרעסע) וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען פון היגן לעבן. פון זיינע פּסעוודאָנימען: יוד גימל, י. בן נפתלי, יוסף ג.א. לאַנג. א.א.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, בב 2 מלך ראַוויטש **קאַנאַדער אדלער**, 14 מאַי, 1974, קאַנאַדיאַנאַ.

גאַלאַצקי, אליהו (מיטן יוני 1875־23 יאַנ. 1958)

געב׳ אין קרעמענטשוג, אוקראַינע. לאַנגיאָריקער סאָציאַליסטישער עסקן. פּראָפעסאָר וועגן סאָציאַלע וויסנשאַפטן אין פאַרשידענע אוניווערסיטעטן אין פאַרשידענע לענדער. טעטיק אין ״אָרט״ און אין פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס אין צפון־אַמעריקע און קאַנאַדע. פון 1925 ביז סוף 1955 געוועזן רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט **קענעדער נייעס** מאָנט׳ און דאָרטן חוץ אַרטיקלען וועגן סאָציאַליסטישע פּראָבלעמען אויך בסדר געדרוקט איבערזיכטן וועגן יידישע טאָג־פּראַגעס, וואָס האָבן באַלויכטן מיט אויפריכטיקייט און קלאָרקייט, די פּראַגעס וואָס זענען געשטאַנען אויפן סדר־היום פון דער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט סיי אין קאַנאַדע און סיי איבער דער גאַנצער וועלט. געשטאָרבן אין מאָנט׳

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע, נעק ראַלאָגן אין דער יידישער און אַלגעמיינער פּרעסע, קאַנאַדיאַנאַ.

גאַלסקי־גייל, הערשל (3 טער דעצ׳ 1898 —)

געב׳ אין שטעטל פּראָפּויסק, מינסקער געגנט, ווס״ר. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג אין 1911 געקומען קיין קאַנאַדע און זיך באַזעצט אין וויני׳ דאָרטן פאַרגעזעצט זיין לערע. ער איז פון 1917 עד היום אַן אָנגעזעענער עסקן אין יידישן לעבן. מיטגרינדער פון דער ערשטער גרופּע פון יונגע שרייבערס און פון ערשטן שרייבער פאַראיין אין מערב־קאַנאַדע. אַן איבערגעגעבענער ליבהאָבער פון דער יידישער קולטור און שפּראַך, איז ער אַקטיוו אין אַלע אינסטיטוציעס, וואָס דורך דער יידישער קולטור האַלטן זיי אויף דאָס אָרטיקע יידישע לעבן. ער איז וויצע־פאָרזיצער פון דער ״יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט״ פון וויני׳ אָפּטייל פון יידיש־קאָמיטעט״ און זיין סעקרעטאַר פאַר מערב־קאַנאַדע. ער איז אויך דער גרינדער און ערשטער פּרעזידענט פון יידיש־רעדנדיקן סעקטאָר פון דער ״בני ברית״ אַקטיוו אויך אין ״קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס״ אין 1969, איז ער געווען דער איינציקער יידישער דעלעגאַט אויפן קאָנגרעס פון דער ״טימסטער אָרג״ אין מאָנט׳.

אָנגעהויבן שרייבן דערציילונגען אין די פריע יוגנט־יאָרן און דעביוטירט אין **קאַנאַדער איד**, וויני׳ 1914, באַטייליקט זיך אין **דאָס יודישע וואָרט**, וויני׳ **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ א צייט געווען דער ווינ׳פּעגער קאָרעספּאָנדענט פאַרן **טאָג**, **טאָג מ׳זשורנ׳** (ביידע אין נ.י.) אין **זאַמלבוך פון דער יידיש היסטאָרישער געזעלשאַפט**, וויני׳ 1977, פאַרעפנטלעכט אין יידיש און אין ענגליש די פאָרשונג״ די יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין מערב־קאַנאַדע״. צוזאַמען מיט י. בראָנשטיין און מ. מילער אַרויסגעגעבן די זאַמלונג **מלחמה־וועהען, (דערציילונגען און לידער**, וויני׳ 1917, וואָס ווערט פאַררעכנט ווי די ערשטע **ליטעראַרישע זאַמלונג אין מערב קאַנאַדע)**.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור (אין די ביאָגראַפיעס פון י. בראָנשטיין און מ.מילער) ש. ראָזשאַנסקי, **קאַנאַדיש**, ב.א. 1974 ז' 20, ב.ג. זאַק, **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט' 2 טער סעפּט. 1958.

גאַרבער, מיכל (10 טער מיי 1892־20 טער יאַנ. 1977)

זון פון הרב שמחה ג'. געב' אין ווילקאָמיר, ליטע. אין 1906 געקומען קיין מאָנט' און דאָ באַקומען זיין יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין 1914 געענדיקט דעם קונסט־פאַקולטעט פון מק' גיל אוניווערסיטעט, שפּעטער אויך מעדיצינישע און אַדוואָקאַטור־אַפּטייל און באַקומען זיין דאָקטאָראַט. פון די פריע יוגנט־יאָרן אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג און א מיטגליד פון "ציוניסטישן אַקציע קאָמיטעט". ער איז אויך געווען פון די גרינדער און לאַנג־יאָריקער פּרעזידענט פון "קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס". לעקטאָר און רעדנער. פון 1910 געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישע און ציוניסטישע פּראָבלעמען אין **קאַנאַדער אדלער, דער וועג** (ביידע אין מאָנט'). געווען א צייט רעדאַקטאָר פון **דזשואיש קראָניקל**, מאָנט' און זיינע אַרויסגעזאָגטע שטאַנדפּונקטן זיינען באַטראַכט געוואָרן ווי די אָפיציעלע שטעלונג פון דער קאַנאַדער ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער ענגלישער פּרעסע (אויך אונטער "קאָלומניסט")

געשטאָרבן אין מאָנט'

ש. בעלקין, **די פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, ז' 182, ב.ג. זאַק, **ליטע**, ב.2, ז' 1855, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע, **קאַנאַדיאַנאַ**.

גאַרפינקעל־פראַנצוזסקי שיינדל (21 טער נאָוו. 1899־24 טער נאָוו. 1957)

געב' אין בערשאַד, אוקראַינע באַקומען יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט א יידישע גימנאַזיע אין אָדעס און א צייט שטודירט מעדעצין אויפן אָדעסער אוניווערסיטעט. אין די יאָרן פון בירגער־קריג, געווען א מיטאַרבעטערין פון "רויטן־קרייץ", שפּעטער געלעבט אין בעלץ און אין אַנדערע ערטער פון רומעניען, פון וואַנען אין 1922 געקומען קיין מאָנט' און געווען טעטיק אין יידישן קולטור־לעבן. זיך מפרנס געווען פון גיבן פּריוואַטע יידישע לעקציעס. זי האָט מיטגעאַרבעט אין די יידישע לייען קרייזן סעקרעטאַרין פון "ד"ר ח. זשיטלאָווסקי לייען־קרייז" און דאָרטן רעפערירט וועגן פאַרשידענע פּראָבלעמען. אָנגעהויבן שרייבן אין די דרייסיקער יאָרן און דעביוטירט מיט דערציילונגען וואָס האָבן אַרויסגערופן אויפמערק אין **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט'. אַרויסגעגעבן איינציקע ביכער, וואָס האָבן באַוויזן איר אייגענעם סטיל און כאַראַקטער צוו. אַנד. די נאָוועלע **רחל**, מאָנט' 1936, 187 ז' וועגן איר שרייבט י.י. סיגאַל "פאַראַן א פיין, קלוג טראַכטן איבער א סך קאַפּיטלעך פון אַט דער ערשטער נאָוועלע פון ש.פ. גאַרפינקעל, וואָס נעמען אַרום כמעט אַלע ווינקעלעך פון דער נייער דערציילערין...עפּעס וואָס איז אייגנאַרטיק אין איר ליטעראַרישן אָנפאַנג. עס ווייזט איר קינסטלערישן באַוווסטזיין אין איר שרייבן "און ח.מ. קייזערמאַן שרייבט:..."אין דער נאָוועלע ווערט געגעבן א שילדערונג פון יוגנטלעכע טיפן פון פאַרשידענע ראַמענטן, פון א לעבן, וואָס האָט זיך

געפונען אין א פעריאַד פון איבערברוך...דאס בוך **רחל** שילדערט די צייט פון דער רעוואלוציע אין רוסלאנד, וואס וואַקסט אויס צו עכטער קונסט, דורך אירע בילדער און טיפן, וואס מיר זען זיי אין פארשידענע סיטואַציעס "מער נאך האט ארויסגערופן אנערקענונג איר ראמאן אין צוויי טיילן ערב אקטאבער 1947, 302 ז' אין וועלכן עס גייט אַ דורך די צייט פון ערב רעוואלוציע אין אדעס און אין דער יידישער קליינשטאט. "זי איז א באגאבטע דערציילערן און איר שילדערן די יידישע סטודענטישע יוגנט פון אדעס. געלינגט איר צו געבן אויפן 5אַן פון דער גאס, די שטימונג פון דער אנקומענדיקער רעוואלוציע, וואס לעבט אינעם באוואוסטזיין אז עס ווערט געבויט א נייע וועלט מיט נייע האָפענונגען".

(שלום שטערן)

אויך איר בוך **גיטל אין געטא-לאנד** אין וועלכן זי דערציילט די איבערלעבענישן פון א יונג יידיש מיידל וואס האט איבערגעלעבט דעם פיין פון וואַרשעווער געטא ביזן קומען קיין מדינת ישראל, איז פון יידישן אריגינאַל איבערזעצט אין עברית דורך מ. ראבינאוויטש און דערשינען אין תל אביב א"נ **עלילותיה של טובה, 1954**, **154** ז' אין גוט אויפגענומען געווארן דורך דער קריטיק. צוו. אנד. שרייבט א צורף דיליידן פון די יידן אין פוילן אין דער צייט פון דער שואה האט גאר שטארק באווירקט די שרייבערן ש. גאַרפינקעל. עס האט צערודערט איר נשמה און איר דערציילונג האט זי זיך אליין פארקערפערט אין דעם טיפ פון יונגען מיידל טובה. וואס זי האט געשילדערט מיט די אינטימסטע געפילן, אזוי אז מיר זען זי ווי לעבעדיק פאר אונדזערע אויגן" ש.ג. פ. איז יונג געשטארבן אין מאנטרעאל.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור ב 7 מיט ביבליאגראפיע ח.מ. קייזער מאַן **קאנאדער אדלער**, מאנט' 30 טער אקט. 1942 יעקב באטאשאנסקי. **די פרעסע**, ב א. 5 טער אקט. 1945. שלום שטערן יואכנבלאט, טאר' 29 טער יאנ. 1948. א צורף. **קאנאדער אדלער**, מדור עברי 8 טער פעבר' 1954 נעקראלאגן אין דער פרעסע. קאנאדיאנא.

גאָלאָמב, אברהם (20 טער יולי 1888 —

באַרימטער יידישער געלערנטער און מחנך. מיטגרינדער פון יידיש וועלטלעכן שול-וועזן, פון יידישן וויסנשאפטלעכן אינסטיטוט (ייווא). ער איז איינער פון די חשובסטע יידישע לערערס און אָנפירער פון שולן אין פארשידענע לענדער אין דער יידישער וועלט. מחבר פון א גרויסער צאָל ווערק און לערנביכער, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן אין יידישע שולן, און פון ווערק אויף נאַציאָנאלע און עיקרדיקע באַהאַנדלונגען וועגן יידישע כלל-פראבלעמען, וואס שטייען אויפן סדר היום פון ערנצטן און פאַראַנטווארטלעכן יידישן שרייבער און לערער. א.ג. איז א מיטאַרבעטער פון כמעט אַלע צייטשריפטן אין דער יידישער וועלט. ער איז פון די ערשטע באשאפערס פון **טערמינאלאגיעס** אין יידיש. צוו" אנד" **וועגן געוויקסן**, וואס זיינען געווען א באשטאנדטייל פון די לימודים אין יידישע גימנאזיעס. דירעקטאָר און הויפט לערער פון יידישן לערער סעמינאר אין ווילנע און אין די יארן 1944-1938, איז ער געווען א לערער און פרינציפאל פון דער "י.ל. פרץ-שול אין ווינ' און א מיטארבעטער פון דער אַרטיקער, **דאס יודישע**

וואָרט, און אויך פון **קאַנאַדער אַדלער**, **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳. שפּעטער געוועז פּרינציפּאַל פון "יידישער שול" אין מעקסיקע און גרינדער פון דער י.ל. פּרץ שולע. פון זיינע איבער 40 ביכער, זיינען אין קאַנאַדע דערשינען **יידן און יידישקייט**, **ווינ׳ 1940**, **יידישע שול**, **1941**, **אונדזער שלום עליכם**, 1941, אומוועגן און אויסוועגן (אַ פּרווו צו פאָרמולירן אַ יידישן וועלט באַנעם **1942**). **ער איז אויך דער איבערזעצער** פון העברעישן און אַראַמעישן מקור די **אגדות פאר שולן און היימען**, 1943, און אויך פון אַ צאָל בראָשורן וועגן **יידישע צייט-פּראָבלעמען**, צו זיין 80 **יאָריקן יובל**, איז דערשינען דאָס **ספר חסד לאברהם** (אונטער דער רעדאַקציע פון משה שטאַרקמאַן), ל.א. 1969-1970, 910 ז״ז, וואָס **אַנטהאַלט אַרטיקלען לידער און באַגרי-** סונגען פון כמעט אַלע יידישע און אַ **צאָל העברעישע שרייבערס אין דער וועלט. אין 1978, איז אויך דערשינען אַ** **ספּעציעלער** נומער פון זשורנאַל **חשבון** לאָס אַנדזשעלעס וואו ער וואוינט לעצטנס געווידמעט זיין לעבן און שאַפן.

"אַ. ג. בייטראָג צום יידישן געדאַנק. קען מען נאָר כאַראַקטעריזירן דורך זיינע ווערק„ זיין גבורה ליגט אין זיין טיפער אמונה אין קיום פון יידישן פאָלק.. אַ קעמפער פאַר יידיש, האָט **ער זיך אויסגעצייכנט פון נעגאַטיווער באַציונג צו** העברעיש און שרייבט אַליין אויך **העברעיש..(משה שטאַרקמאַן)..עס שטעהט** העלדישקייט צו זיין איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט אַ יידישער לערער ביי יידן" יידל מאַרק)"..אַ יסודותדיקער שטריך פון זיין **גייסטיקער פּערזענלעכקייט איז דער** **פּעדאַגאָג און דערציער אין אים"** (ברוך **צוקערמאַן**)

מער וועגן זיין לעבן און שאַפן זען: **חסד לאברהם**, י. ישורין, **ביבליאָגראַפיע פון א.ג.** **אין (א. גאָלאָמבס בוך אייביקע ווערטן**, מעקס. 1964, דאָרטן זיינען פאַרצייכנט 1755 ליטעראַרישע פּאָזיציעס (ביז 1964).

גאָלאָמב-סאַוויצקי, רבקה (1904-)

פרוי פון א.ג. געבוירן אין ניי-ווילייקע, ביי ווילנע, ליטע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט די אַכט-קלאַסיקע גורעוויאַש גימנאַזיע און דעם יידישן לערער-סעמינאַר אין ווילנע. לאַנג-יאָריקע יידישע לערערין. געלעבט אין ליטע, פּוילן, רוסלאַנד, ארץ-ישראל, מעקסיקע. פון 1938 ביז 1944, אין ווינ׳ נאָך פאַר דערצווייטער וועלט מלחמה געדרוקט עסייען און וויכטיקע אַרבעטן וועגן שול און קולטור-פּראָבלעמען אין דער יידישער פּרעסע און פּעריאָדיק. אין קאַנאַדע זיך באַטייליקט מיט אַרטיקלען אין **דאָס יידישע וואָרט**, ווינ. **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר. א״א, **וואָס צייכנען זיך** אויס מיט אַ קלאָרער, פּרעציזער שפּראַך, אינערלעכער דיסציפּלין און אחריות און פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער יידישער **פּובליציסטיק. לעבט** זינט 1945 אין ל.א. און אַקטיוו אין יידישן לעבן. זי איז אַ שטענדיקע מיט אַרבעטערן פון דער צייטשריפט **חשבון** ל.א.

לויט פאַרשידנע מאַטעריאַלן, **ספר חסד לאברהם, קאַנאַדיאַנאַ.**

גאָלד, שלמה (21 טער דעצ. 1897 —)

אַדאָפּטירטער נאָמען פון ש. גאָלץ. געב׳ אין אַנאַפּאָל, אוקראַינע. זינט 1913 אין מאָנט׳ יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקטער דאָקטאָר פון "מק גיל אוניווערסיטעט" און **פּראַקטיצירנדיקער מעדעצינער. אין** **1916 געווען לערער און פּרינציפּאַל פון**

די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע פאָלקסשולן, דערנאָך פון דער י.ל. פרץ שול און פון 1918 ביז 1922 דער פּרינציפּאַל. ד״ר ג׳ איז אַן אַקטיווער עסקן אין מאָנטרעאַלער יידישן קולטור לעבן. א טיפּ פון די אַמאָליקע יידישע פאָלקס דאָקטוירים, איז ער באַליבט אין די נישט פאַרמעגלעכע קרייזן. ער גיט עצות אין געזונט־פּראָגעס חוץ אין זיינע וועכנטלעכע שמועסן אין דער פּרעסע און אויך אין פּריוואַט־לעבן.

ליטעראַריש־פּובליציסטישע טעטי־קייט אָנגעהויבן מיט א סעריע באַלערנדיקע אַרטיקלען וועגן קינדער פּסיכאָלאָגיע אין דער ט״צ **דער וועג**, מאָנט׳ 1915 (רעדאַקטאָר ראובן ברײַנין) זינט דאַמאָלט זיך באַטייליקט חוץ מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן מעדעצינישע פּראָבלעמען אויך מיט עסייען וועגן ליטעראַרישע פּראָגעס אין צוקונפט, אין זיך, פאָרווערטס א״א, ניו יאָרק, **פרייע שריפטן** (רעד נ.י. שטיינבערג) **וואָכנבלאַט, דער יודישער זשורנאַל**,טאָר׳ ווי אויך אין אַ צאָל ליטעראַרישע זאַמלונגען פון יונגע שרייבערס אין קאַנאַדע. אין 1930־1932, פאַרעפנטלעכט סעריעס פון זיינע רייזע־באַשרייבונגען פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד און מערב־אייראָפּע, וואָס האָבן אַרויסגערופן ברייטע אָפּקלאַנגען אין דער יידישער פּרעסע איבער דער וועלט, הן מיט דעם איינדרוק פון אַלגעמיינעם און ספּעציעל וועגן די יידישע אויסזיכטן אין רוסלאַנד און דעם פּראָבלעם פון אַסימילאַציע. דר ג׳ איז א לאַנג־יאָריקער מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ און זיינע אַרטיקלען וועגן מעדעצינישע פּראָגעס האָבן דעם ברייטסטן דערפּאָלג צווישן די לייענער. זינט 1979 צוריקגעצויגן זיך פון פּראַקטיק און גיט זיך ספּעציעל אָפּ מיט ליטעראַרישע פּראָבלעמען און גרייט צו צום דרוק זיינע עסייען וועגן יידישע שרייבער אין קאַנאַדע.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע. ווער איז ווער אין יידישן לעבן, נ.י.(פאַרשידענע יאָרן) קאַנאַדיאַנאַ.

גאָלדבערג, איטשע (1904 —

געב׳ אין אַפּט, ראַדאָמער געגנט, פּוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין די יינגע יאָרן געקומען קיין וואַרשע און געווען א תלמיד פון ד״ר ש. פּאָזנאַנסקיס ״רעגירונגס סעמינאַר פון משהס גלויבן״ דאָרטן שטודירט יידישע לימודים און געשיכטע (אין דער פּוילישער שפּראַך) פון 1920 ביז סוף 1927, שטודירט הומאַניסטישע וויסנשאַפטן, ליטעראַטור און פּעדאַגאָגיק אויפן ״מק מאַסטער״ אוניווערסיטעט אין טאָראָנטאָ. גלייכצייטיק איז ער געווען א לערער פון פאַרשידענע געגנשטאַנדן אין די ״אַרבעטער רינג שולן״. ער איז געווען א צייט דירעקטאָר פון א״ר קינדער קעמפּ ״יונגוועלט״ אין טאָר׳. אָנגעהויבן ליטעראַרישע טעטיקייט צוערשט מיט איבערזעצונגען פון פראַנצויזיש, ענגליש און דייטש צוו׳ אַנד׳ די דראַמע פון וועדעקינד ״פרילינגס־דערוואַכן״ און די לידער פון די נעגרישע דיכטער (לענגסטאָן יוז א״א) וואָס א טייל געדרוקט אין זשורנאַל **קולטור**, שיקאַגאָ, 1926־1930(רעד .ל.מילער) ער איז געווען דער רעדאַקטאָר פון קינדער־זשורנאַל **יונגוואַרג** (דערשינען 4 נומערן, טאָר׳ 1926־1927) וואָס ער האָט כמעט אויסגעפילט מיט זיינע לידער, אַלעגאָרישע מעשהלעך און איבערזעצונגען. פון 1936, אין נ.י.

לאַנגיאָריקער לערער און פּרינציפּאַל פון א גרויסע צאָל יידישע "ארדן־שולן" אין אמעריקע און קאנאַדע, פאר וועלכע אָנגעשריבן פּעדאַגאָגישן מאַטעריאַל פאַר די לערער און ארבעטן פאר די שילער. איטשע ג׳ איז געווען רעדאקטאר פון וואכן־זשורנאַל **יונגוואַרג**, נ.י. וואס איז רעגולער דערשינען אין די יאָרן 1937־1951 און דאָרטן פארעפנטלעכט מאַטעריאַלן, וואָס זענען אויסגענוצט געוואָרן אין די ארדן־שולן א.ג. איז דער מחבר און רעדאקטאר פון א צאל יידישע און ענגלישע לערנביכער. צוו׳ אנד׳ **אידיש**, נ.י. 1938, וואס איז דאס ערשטע ביכל פאר קינדער אין יידישער גראמאטיק; דאָס לייען־בוך אין יידישער ליטעראטור, **אונדזער בוך**, נ.י. 1939, 386 ז׳ (ביידע צוזאמען מיט אהרן בערגמאַן) ער האט אויך צוזאמענגעשטעלט די אנטאָלאָגיע **לאמיר קינדער זינגען**, 8 העפטן **יידישע דיכטער** פארטייטשט אין ענגליש פאר דער מיטלשול (ביידע ווערן באנוצט אין יידישע שולן) באטייליקט זיך אין פארשידענע ליטעראַרישע אויסגאבעס און צייטשריפטן, צוו׳ אנד" די גרויסע פאָרשונג "זעכציק יאָר יידיש־קולטור־לעבן אין די פאראייניקטע שטאַטן" אין **איקוף־אלמאנאך**, נ.י. 1961, ז"ז 288־292 א. גרויסער אויפטו איז דאס בוך **אונדזער דראמאטורגיע**, נ.י. 1961, 540 ז׳ (לייען בוך אין דער יידישער דראמע, וואס איז א געהילפס־בוך און א צושטייער פאר דראַמאַטישע קרייזן.) א.ג. האט זיך באטייליקט אין **דער קאמף, דער וועג, וואָכנבלאט** (אלע, טאר.) **מ. פריהייט נ.י. א"א. זינט 1962 איז ער הויפּט־רעדאַקטאָר פון יידישע קולטור** נ.י. דארטן חוץ די לויפיקע לייט־ארטיקלען אין וועלכע ער רעאגירט אויף אלע יידישע און אלגעמיינע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט (מיט אַ שטארק פּאָזיטיווער באַציונג צו מדינת ישראל און אָפענער קריטיק וועגן דעם סאָוויעטישער אַנטיסעמיטיזם). ער דרוקט דאָרטן אויך ליטעראַרישע אָפּהאנדלונגען, גרויסע צאל פון כאַראַלע דעקלאמאַציעס און לידער אויך איבערזעצונגען. זינט 1973, איז ער פּראָפעסאָר פון יידישער ליטעראטור אין נ"י שטאַט־אוניווערסיטעט אין קווינס. פון זיינע פסעוודאָנימען "ה. ראלד, איטשע, א הינדעס א. גוטקינד, י. גור, א לוריע, א"א."

לויט פארשידענע קוואלן. קאנאדיאנא.

גאלדבערג, א.מ. (ארום 1889־)

ביאָגראַפישע ידיעות, נישט באקאנט. מיר ווייסן נאָר אַז ער האט געשטאמט פון פוילן און אז ער איז געקומען קיין קאנאדע אין 1905 און איז געווען א געבילדעטער מענטש, מיר ווייסן אויך אז ער איז געווען צווישן די ערשטע מיטארבעטערס פון **קאנאדער אדלער**, 1915־1917, פארנומען דעם פאסטן פון נייעס־רעדאקטאר. חוץ צייטונגס־ארבעטן האָט ער אויך געדרוקט רעפּאָרטאַזשן און איבערזעצונגען פון פוילישער, רוסישער, ענגלישער און פראנצויזישער ליטעראטור. צוו׳ אנד׳ ג. מאפאסאנס ראמאן **שוועסטער ראנדעל** און דעם ראמאן פון א. סטרידנבערג **ברויט און ליבע**, וואס ביידע געהערן צו די ערשטע אין יידיש, איבערזעצונגען פון דער אייראפעישער ליטעראטור. ער איז אויך געווען צווישן די ערשטע צייטונגס־שרייבערס פון **דער יודישער זשורנאל**, טאר׳ דארטן

האט ער אויך געדרוקט פעליעטאנען. האט זיך אויך באטייליקט, דער עיקר מיט צייטונגס־ראמאנען אין דער יידישער פרעסע אין די פאראייניקטע שטאטן. באלד נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער אוועק קיין רוסלאנד. קיין פרטים — נישט באקאנט. פנחס, קאנאדער אדלער, מאָנט. 6 אויג. 1915, יצחק פייגעלמאַן, דער יודישער זשורנאל, טאר. 7 טער מערץ 1957.

גאָלדסטיק, יצחק (איזידאר) (13 נאוו. 1890־3 טער מערץ 1963)

געב׳ אין ווינדוי, לעטלאנד. אין 1905 געקומען קיין קאנאדע. באקומען יידישע און אלגעמיינע בילדונג. געענדיקט ד״ר פון הומאניסטישע וויסנשאפטן פון וועסטערן אוניווער־סיטעט אין לאָנדאָן, אנט. שפעטער געווען פראָפעסאָר פון דייטשער שפראך אין טאָראָנטער און אָטאַווער אוניווערסיטעטן. א חובב יידיש, איז ער געווארן דער ערשטער לערער איז די יידישע מיטלשולן אין פאַרשידענע שטעט אין קאנאדע. פון 1909 אקטיוו אין יידישן לעבן. מיטבויער פון "נאציאנאלן ארבעטער־פארבאנד" און פון דער פ.צ. אָרגאַניזאציע אין טאר׳. און וויצע־פרעזידענט פון "קאנאדער יידישן קאנגרעס" לעקטאר און רעדנער וועגן ליטעראַרישע און נאציאנאלע ענינים. זינט 1901, מיטארבעטער פון קאנאדער אָדלער מאנט׳ און איר טאָר. קאָרעספאָנדענט. באַטייליקט זיך אין דער יודישער זשורנאל, קאנאדער פרעס, קאנאדער נייעס (אלע אין טאָר׳) פון די לעצטע 2 אויך מיטרעדאַקטאָר. באטייליקט זיך אין צוקונפט, יידישע שפראך (ביידע אין נ.י.) א מומחה אין שפראך־ענינים.

האט ער לאנגע יארן אוועקגעגעבן צו פאָרשן און איבערזעצן פארשידענע ווערק פון דער יידישע ליטעראטור אויף ענגליש. ער האט צוו׳ אנד׳ איבערזעצט שלום עליכמס טוביה דער מילכיקער י.ל. פרץ, קליינע נאָוועלן, יהואש, פאַבעלן, אַיאַלטי, יידישע שפראכווערטער, א״א. י.ג. איז געווען דער מחבר פון לערנביכער אויף ענגליש, פראנצויזיש און דייטש, וואָס ווערן עד היום באנוצט אין קאנאדער גימנאזיעס. זיין נאוועלע מאדאם טערעזע טאר. 1951, 274, האָט ארויסגערופן גרויס אויפזען אין דער ענגלישער ליטעראטור־קריטיק. ער איז לאנגע יאָרן געווען א מיטארבעטער פון דער ענגלישער, יידיש־ענגלישער און פראנצויזיש־יידישער פרעסע און פעריאדיק אין קאנאדע.
געשטאָרבן אין לאָנדאָן, אנט.

..."ער איז געווען דער פאַסיקסטער מענטש איבערצוזעצן א געקליבענע אַנטאָלאָגיע פון דער יידישער פאעזיע אין ענגליש" (יעקב גלאַטשטיין)

יעקב גלאַטשטיין, אידישער קעמפער, 7 טער אויג. 1953, נ.ב. מינקאָוו, צוקונפט, דעצ. 1955, דוד קירשענבוים, קאַנאַדער נייעס, 10 טער יולי 1952, נחמן שמן, אידישע נייעס, טאָר׳ מאַרץ 1963, קאנאדיאנא.

גאלדסטיק, משה (מאָריס) (24־1885 טער אויג. 1960 —)

געב׳ אין ווינדוי, קורלאנד. עלטערער ברודער פון יצחק. אין 1902 געקומען קיין קאנאדע און זיך מפרנס געווען פון א קליינעם זייגער־געוועלבל אין לאָנדאָן, אָנט. אַ צייט געלעבט אין טאָר׳. איבער 50 יאר געווען אקטיוו אין יידישן לעבן. מיטגרינדער פון קאנאדער אפטייל פון "נאצ. ארב. פאַרבאנד" און לאַנגע יאָרן, זיין רעגיאָנאַלער פאָרזיצער. ער איז געווען

פון די ראשונים און פרעזידענט פון טאָראָנטער אפטייל פון "קאנאדער יידישן קאנגרעס" בארימטער רעדנער. פון 1916 ביז צו זיין טויט, געווען א שטענדיקער מיטארבעטער פון **דער יודישער זשורנאל**, טאר. גרינדער און רעדאַקטאָר פון וואָכנבל' **קאנאדער נייעס** (1955־1935) און חוץ די לייטאַרטיקלען (א"פ. מ. עסקן) אויך כסדר מעורר געווען וועגן די יידישע פראגן וואָס זענען געשטאנען אויפן סדר־היום פון יידישן וועלט־פאָלק. אַ בארימטער פאָלעמיסט, האָבן זיינע אַרטיקלען וועגן יידישע כלל־פראבלעמען, ארויסגערופן אַ שטאַרקן אָפּקלאנג אין קאנאדער יידישן לעבן. ער איז געווען א באַגייסטערטער ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראטור און האט אין זיין צייטונג אָפּגעגעבן פיל פלאץ פאר דער פאַרטיידיקונג פון אלעם וואס איז יידיש הן לגבי חוץ און הן פאר די אינערלעך־יידישע טאָג־פראגעס.

זיינע זכרונות, אָנהויבנדיק פון זיינע פריע קינדער־יארן, גיבן איבער אין א ייכער און ליטעראַריש־קינסטלערי־שער שפראַך און מאָלערישע בילדער סיי פון יידישן לעבן אין ווינדוי און אין קורלאנד און אויך פון דעם יידישן לעבן אין קאַנאַדע.
געשטארבן אין טאָר.

ש. בעלקין, **די פועלי־ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס, נחמן שמן, **אידישע נייעס**, טאר'. אקטאבער 1960, נעקראלאָגן אין דער פרעסע קאנאדיאנא.

גאָטליב, נח־יצחק (5 טער אקט. 1903־31 טער יולי 1967)

באַאַבטער שריפטשטעלער און זשורנאליסט. געב' אין קאָוונע, ליטע. יידישע און אַלגעמ. בילדונג. געענדיקט א סאָוויעטישן לערער־סעמינאר. פון 1930 ביז צו זיין טויט אין מאנט אָנגעהויבן שרייבן אין העברעאיש אין 1925, דער נאָך אריבער צו יידיש. געדרוקט לידער, דערציילונגען, עסייען און ליטעראַרישע קריטיק, ווי אויך זשורנאַליסטישע אַרטיקלען אין פאַרשידענע צייטונגען און צייטשריפטן איבער דער יידישער וועלט. זינט 1934 געווען אַן אינעוויניקסטער מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אָדלער** און חוץ לידער, דערציילונגען אונטער זיין נאָמען, אויך געדרוקט כמעט טעגלעך (א"פ ה. יודעלעוויטש' "געשיכטעס פון לעבן" וואָס האבן אויסגענומען ביים ברייטן עולם צוליב זייער פאָלקסטימליכע שפראך און מיליע. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **דער יודישער זשורנאל**, טאָר' **דאס אידישע וואָרט**, ווינ', איידער ער איז געקומען קיין קאַנאַדע, ארויסגעגעבן עטלעכע ביכער פאָעזיע און פראָזע, וואָס האָבן געוויזן אייגנאַרטיקן טאַלאַנט. אין מאָנט' זיינען דערשינען, **זעגלען און זון**, לידער און פאָעמעס, 1932, 200 ז' **איבערבוי**, נאָוועלע, 1940, 170 ז' **סאָוויעטישע שרייבער**, אינפאָרמא־טיווע באשרייבונגען וועגן א צאָל יידיש־סאָוויעטישע פען מענטשן, 1945, 160 ז' (אַ בוך וואָס איז וויכטיק און נייטיק און צייטיק) חלוצים, פאָעמע, 1948 300 ז' **א מענטש אין די הימלען**, לידער און פאָעמעס, 1950, 320 ז' **דריי פאָעמעס** (ביאָגראַפיש־קינסטלערישע געשטאלטן פון הערצל, ברענער און ענצי סערעני) מאנט' 1958, 226 ז' **מיין לאַנד, מיין לידעריש**, **לידער**, 1958, 226 ז' **זעבציק**, (נייע לידער און פאעמעס און א טייל פון דער קריטיק איבער גאָטליבן) וואס זיינען געדרוקט

בכל תפוצות ישראל), 1965, 244 ז'.
נאָך זיין טויט איז דערשינען זיין גרויסע **פאעמע וועגן אַ גאַליציאַנער שטאָט** מיט אַ פאָרוואָרט פון יוסף גאַלאַי, מאָנט' 1968, 224 ז'. ג'איז געווען אַ רעדאַקטאָר פון אַ צאָל ליטעראַרישע זאַמלונגען אין ליטע און פון די חודש־שריפטן **מאָנטרעאַל** (12 נומערן 1933־1935) און פון דער פערטל יאָר שריפט **העפטן**, 1936־1937. ער איז געווען אַ לאַנגיאָריקער עסקן אין דער פועלי־ציון פאַרטיי, אָנפירער פון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע "החלוץ" אין ליטע און פון 1950 ביזן טויט, דער סעקרעטאַר פון קאַנאַדער יידישן שרייבער־פאַריין. געשטאָרבן אין מאָנט'.

...זיינע לידער צייכנען זיך אויס מיט אַ רייכער, בילדערישער שפּראַך, קלאַסישער פאָרם און ריטם...ליריש־אומעטיק אין דער שטימונג, באַווירקן זיי מיט זייער עכטקייט...אין די נאַטור־לידער דאָמינירט דער הארבסט און דער פילאָזאָפירנדיקער מאָטיוו פון פאַרגאַנגלעכקייט. זיינע לאַנג־אָטעמדיקע פאָעמעס, — כאָטש געבויט אויף אויטאָביאָגראַפישע מאָמענטן, זענען צוגלייך אַ שילדערונג פון דער צייט סיי אין זיין אייגן לעבן און סיי אין לעבן פון יידישן מענטש און סביבה... די פאָעמען וועגן יידישע העלדן, רופן זיך איבער מיט די בעסערע "העלדן־לידער, וואָס זענען פאַראַנען אין דער יידישער מאָדערנער עפּיק... די ליטעראַרישע עסייען, זענען תמיד רייך מיט אַ שלל אינפאָרמאַציע און זענען אַדורכגענומען מיט אַן אינערלעכע באַציונג סיי צום שרייבער גופא און סיי צום באַהאַנדלטן ווערק בכלל. (ח.ל.פ.)

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע, ג"ס אַרכיוון. **ח.ל. פוקס, מ. חסיד קאַנאַדער אָדלער**, 8 טער אויג. 1977, **קאַנאַדיאַנאַ.**

גאָלדפּיין, יעקב (1911 —)

געב' אין וואַר', פוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט אַ פּוילישן רעגירונגס־סעמינאַר און ביז דער מלחמה אין 1939, געווען אַ העברעישער לערער. די מלחמה יאָרן, איבערגעלעבט אין רוסלאַנד. אין 1947 געקומען קיין קאַנאַדע. אַ צייט געווען אַ לערער אין די שולן פון "נאַצ' אַרב. פאַרבאַנד דערנאָך אַ העברעישער לערער אין אַ תלמוד תורה. זיינע ערשטע אַרטיקלען וועגן פּראַגעס פון חינוך, געדרוקט אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר' 1948. געווען רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט **קרן עמי**, דערשיינט מיט איבעררייסן פון 1955 עד היום און איז באַשטימט פאַר די שילערס, אין דריי שפּראַכן; יידיש, עברית און ענגליש. דאָרטן פאַר עפנטלעכט דעם רוב פון מאַטעריאַל. באַטייליקט זיך אין **די יידיש־וועלטלעכע שול** און אין די **לערער־צייטשריפט ליקוטים און** אויך אין אַ צאָל שול־זאַמלונגען (אַלע אין טאָר')

אינפאָרמאַציע פון ש.י. סימכאָוויטש, טאָר'.

גאָלדקאָרן, יצחק (1 טער אָקט' 1911 —)

געב' אין שידלאָוועצ, קעלצער געגנט, פוילן. געלערנט אין ישיבות און שטודירט וועלטלעך וויסן פּריוואַט. פון 1930 ביזן מלחמה־אויסברוך אין 1939, אין לאָדזש און געווען טעטיק ליטעראַריש. די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה אַדורכגעמאַכט אין פאַרשידענע גיהינומס און פאַרוואָגלט אין פאַרשידענע ערטער. נאָך דער באַפרייונג, געלעבט ביז 1951 אין מינכען דאָרטן געווען סעקרעטאַר פון יידישן שרייבער־פאַריין. פון 1951 ביז

1969, געלעבט אין מאָנט׳ טאָר׳ און ווינ׳ און פון 1969 ביז 1977 אין נ.י.

פון 1930 איז י.ג.׳ אַקטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור און פּרעסע. דע־ביוטירט מיט לידער, שפּעטער מיט ליטעראַרישע קריטיק, עסייען איבער דער מאָדערנער יידישער און אַלגעמיינער ליטעראַטור. מיטאַרבעטער פון ווייסנבערגס "**אונדזער האָפענונג**, וואַר׳ **אות**, וואַר׳ לאָדזש, די צייטונגען און ליטעראַרישע זאַמלונגען אין די פּליטים־לאַגערן **באַפרייונג**, **דער מאָרגן**, **די וועלט**, **יידישע בילדער**, **שריפטן** א״א (אַלע אין מינכען) אין קאַנאַדע, איז ג׳ געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אַדלער**, **מאָנטרעאַלער שריפטן** **ווידער שטאַנד** (אַ צייטשריפט מיט אַן אייגנאַרטיקער שטעלונג צו פאַרשידענע פּראָגעס פון יידישן לעבן, מאָנט׳ 1957 — 1958, דאָרטן פאַרעפנטלעכט אַלע מאַטעריאַלן) ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ **דאָס יודישע וואָרט**, ווינ׳ און זיין רעדאַקטאָר פון 1962 ביז 1964. דאָרטן אויך געשריבן דאָס וועכנטלעכע לייטאַרטיקל (א״פ י. חיהלעס) ער איז אויך אַ לאַנגיעריקער מיטאַרבעטער פון **פאָרווערטס** נ.י. ווי חוץ עסייען אויף ליטעראַרישע טעמעס און צייטונגס־אַרבעטן, אויך געדרוקט זיינע משלים און געפּירט (א״פ ש.י. לאַוויצער) די אָפּטיילונג "ווערטער און ווערטלעך" וואָס זיינען וויכטיק פאַר יידיש. באַטייליקט זיך אין **צוקונפט**, **פרייע אַרבעטער שטימע** א״א נ.י. געדרוקט אויך א״פ ד. אַקראַנגלי, זשאַק ספּאַרטאַני, י. ספּאַרטן, ב. דאַווידאָוויטש, לעבט אין טאָר׳

מחבר פון די ביכער **נאַקטורן** (לירישע לידער) לאָדזש 1938, 48 ז׳ **ליטעראַרישע סילועטן**, (עסייען וועגן דער יידישער ליטעראַטור) מינכען 1949, 92 ז׳ **לידער**, דאָרט 1950, 42 ז׳ **עפּיגראַמאַטיש**, מאָנט. 1954, 72 ז׳ **פון וועלט־קוואַל**, ת.א. 1963, 260 ז׳ **לאָדזשער פּאָרטרעטן**, דאָרט 1963 229 ז׳ **זינגערס און זאָגערס**, דאָרט, 1971 391 ז׳ **היימישע און פרעמדע** ב״א 1971, 260 ז׳ **משלים** נ.י. 1975, 90 ז׳ **דער פאַרכישופטער יריד** (משלים) דאָרט, 1976 123 ז׳. וועגן די שאַפונגען פון י.ג. האָבן געשריבן זייער אַ סאַך שרייבער וואָס האָבן אָפּגעשאַצט זיין אַלזייטיק וויסן און זיינע קריטישע אַנאַליזן וועגן אַ צאָל ליטעראַריש־קינסטלערישע פּראָבלעמען, וואָס ער האָט באַהאַנדלט אין זיינע ביכער. כמעט אַלע האָבן אונטערגעשטראָכן זיין אָביעקטיווע קריטיק וועגן ביכער און שרייבער פון אונדזער דור. מיר קענען לײדער נישט אַלעמען ציטירן. מיר ווילן אָבער כאָטש אַ ביסל געבן פון די אָפּשאַצונגען. **וועגן עפּיגראַמאַטיש. אין זיין ביכעלע זענען דאָ די גאָלד־קערנער פון שפּראַך־מייסטערשאַפט, טיפער אַריינבליק אין מענטשן און ליטעראַרישער מוט.**

(י. ראַפּאַפּאָרט)

וועגן **דער אויסגאַבע "ווידער־שטאַנד"** מיר איז שטאַרק צום האַרצן די נייע צייטשריפט, ער קען די מלאכה פון שרייבן, האָט קוראַזש, שרייבט דינאַמיש (דער לעבעדיגער). וועגן פון **וועלט־קוואַל**. גאָלדקאָרן פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן אופן פון שאַפן אַ בילד פון אַ שרייבער (יעקב גלאַטשטיין) ער שרייבט אימפּרעסיאָניסטיש, פון אינעווייניק אַרויס (מ.צ. גאָלדבערג) וועגן **לאָדזשער פּאָרטרעטן**... זיינע ביכער זענען עדות אויף אָריגינעלער שאַפערישקייט און אינטעליגענץ (א. לעיעלעס) וועגן **היימישע און**

פרעמדע... אין די עטלעכע און פופציק עסייען זעען מיר א שרייבער, וואָס קען די וועלט־ליטעראַטור און מיט זיין אַנאַליטישן מוח צעגלידערט ער די ווערק פון גרויסע וועלט־שרייבערס וואָס האָבן באַווירקט די שאַפונגען פון דורות (**ש. קאַנץ**) **וועגן די צוויי בענדער משלים:** זיינע משלים האָבן א סך חן, וואָס ליגט אין זייער פשטות צימצום און שאַרפקייט. זיין שפּראַך איז א שפּילעוודיקע און האָט אַלע מעלות...

(אברהם שולמאַן)

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער **ליטעראַטור** ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע, חיים לייב פוקס, **לאַדזש של מעלה**, ת"א 1972, אינדעקס. אברהם שולמאַן, **פאָרווערטס**, 4 מאי 1975, **קאַנאַדיאַנא**.

גאָלדשטיין, ברוך י (1879־4 טער אָקט. 1953)

געב' אין דראַזשנע, פּאַלעסיע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג שטודירט פילאָזאָפיע אויפן קיעווער אוניווערסיטעט (1903־1905) פון דאָרטן געשיקט קאָרעספּאָנדענצן פאַרן **פריינד** וואַר' און לידער פאַר **דער ראַמאַנצייטונג**. אין 1906 געקומען קיין אַמעריקע אָבער באַלד אַוועק קיין קאַנאַדע. שוין אין ערשטן יאָר פון זיין לעבן אין מאָנט' געוואָרן אַקטיוו אין יידישן קולטור לעבן. איינער פון די מיטגרינדער פון יידישן שול וועזן, רעזשיסאָר פון דער ערשטער דראַמאַטישער סעקציע ביים מאָנטרעאַלער "הזמיר" און דאָרטן אויפגעפירט ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור. ער איז געוועזן א וועטעראַן פון יידישן געדרוקטן וואָרט אין קאַנאַדע און פון די גאָר ערשטע **מיטאַרבעטערס פון קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט' און חוץ זשורנאַליסטיש־פּובליציסטישע אַרבעטן אויך געדרוקט דערציילונגען צוו' אַנד' די גרעסערע נאָוועלע "**אויף דער שיף**" אין וועלכער ער האָט מיט א ליריש קינסטלערישן פאַרנעם געמאָלן די טיפן וואָס ער האָט באַגעגנט אויף זיין רייזע פון אייראָפּע קיין ניו יאָרק. ער האָט אויך דאָרטן געדרוקט פעליעטאָנען און איבערזעצונגען פון דער רוסישער און העברעישער ליטעראַטור צוו" אַנד" דערציילונגען פון טשעכאָוו און דעם ראָמאַן **שמעון ציוני** פון לעאַנטין וואָס ער האָט אים א נאָמען געגעבן "פליכט דורך ליבע". אַ חוץ זיינע צייטונגס ראָמאַנען האָבן גע־האָט א ווירקונג אויפן יידישן לעזער זיינע איבעראַרבעטונגען ווי: **דער קאַמף געגען טיראַניי** (1908) **יערעס נאַפּאַלעאָן**(1909), וואָס ער האָט באַאַרבעט פון רוסיש. פון 1909 ביז 1918 געלעבט אין ווינ' און געווען א מיטאַרבעטער פון **ווינניפּעגער איד** (1909) **קאַנאַדער איד** דאָרטן געדרוקט חוץ צייטונגס מאַטעריאַל אויך זיין דראַמע **אייפערזוכט** און דעם איינאַקטער **אויף דער הינטערטיר**, וואָס ער האָט אונטער זיין רעזשי אויפגעפירט אין יידישן טעאַטער. ער איז געווען (צוזאַמען מיט ב.ג. זאַק און משה שמואלזאָן) א מיטגרינדער פון ערשטן "אידישן שרייבער־קלוב" און מיטרעדאַקטאָר פון דער ספּעציעלער אויסגאַבע **דער קאַנאַדער אידישער שרייבער**, וואָס איז געווען געווידמעט דעם אָנדענק פון שלום עליכם (21 מיי 1916) ער איז געווען פון די ערשטע רעדאַקטאָרן פון **קאַנאַדער איד** (1910 וואָס איז אין 1914 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין **דאָס יודישע וואָרט**. ער איז דאָרטן געווען ביז 1918. דערנאָך צוריקגעקומען קיין מאָנט' און ווידער

געוואָרן פון די אינעווייניקסטע **מיטאַרבעטער פון קאנאדער אדלער און חוץ זיין טאָג־טעגלעכע צייטונגס** אַרבעטן אויך דאָרטן געדרוקט אין המשכים דעם קינסטלערישן ראמאן **א ווינקעל פון ניו יארק** (פעבר־אפריל 1918) דער ראמאן האט אים געברענגט אנערקענונג פון די קריטיקער סיי אין קאנאדע און סיי אין אמעריקע. אנהויב 1920 געווארן א אינעווייניקסטער מיטארבעטער פון **דער טאג**, נ.י. דארטן חוץ צייטונגס ארבעט אויך געדרוקט רעצענזיעס וועגן יידישן טעאטער. אין יענע יארן איז ער געווען א רעזשיסער פון א יידישן פאלקסטעאטער אין ברוקלין און דארטן אויפגעפירט זיינע אפערעטעס **די בראנסקער פרינצעסן** און **דער מאמעס זונדל**, וואס האבן אויסגענומען ביי פשוטן עולם. ער איז א צייט געווען רעדאקטאר פון דער ט״צ **דער וועג**, דעטרויט ער האט אויך געדרוקט א״פ א דרעזשנער, ר׳ ברוכל, ב.ג. שטיין, א״א. געשטארבן אין נ.י.

...״זיין שרייבן האט זיך אויסגעצייכנט אי מיט קלארקייט און אי מיט זיין פאלקסטימלעכן באַהאַרצטן יידיש. ווי אויך מיט זיין סטיל וואס האט געערדט צום יידישן מאסן לעזער, דעם לעזער, וואס ער האט דערצויגן און אים געפירט צום בוך, צו די ווערק פון דער יידישער ליטעראטור״

(ב.ג. זאק)

ז. רייזען, **לעקסיקאן** ב.1, **לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע; ב.ג. זאק, **קאנאדער אדלער**, מאנט. 14 אקט. 1955, ישראל ראבינאוויטש, **יובל בוך קאנאדער אדלער**, 1927 און 1957, ש. בעלקין, **די פועלי ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס., זלמן זילבערצווייג, **לעקסיקאן פון יידישן טעאטער**, אינדעקס, קאנאדיאנא.

גאָלדשטיין, יעקב (1918־)

געב׳ אין ווארשע. פוילן. געענדיקט א יידיש־וועלטלעכע שול. פון די יונגע יארן אקטיוו אין דער יידישער ארבעטער באוועגונג. די יארן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איבערגעלע־בט אין רוסלאנד. פון 1948 ביז 1968, געלעבט אין מאנט׳ טעטיק אין אַרב־רינג, אין בונד א״א. פון 1950 געדרוקט ארטיקלען וועגן געזעלשאפטלעכע פראגעס, רעפארטא־זשן און רעצענזיעס וועגן ביכער און שרייבער אין **קאנאדער אדלער**. א צייט, געווען מאנטרעאלער קארעספאנדענט פון פארווערטס, נ.י. דארטן חוץ קארעספאנדענצן דרוקט ער פון צייט צו צייט, רעפּאָרטאַזשן און בילדער פון יידישן לעבן.

גאָרדאָן יעקב (17 טער סעפ׳ 1877־25 נאוו׳ 1934)

געב׳ אין דאנילאָוויטש, ווס״ר. געלערנט אין ליטווישע ישיבות און באקומען סמיכה אויף רבנות. פון 1904 ביז צו זיין פטירה, געווען רב און גייסטיקער מנהיג פון טאָראָנטער יידנטום. אויפן גרינדונגס־צוזאמענפאר פון קאנאדער יידישן קאנגרעס (1919) געווען פון די הויפט־רעדנער און דאָרטן ארויסגעברענגט דעם געדאנק וועגן איינפירן אין קאנאדע א פינף טאָגיקע אַרבעטס־וואָך. הרב ג׳ איז געווען א מיטארבעטער פון דער **ענציקלאפעדיע אוצר ישראל**, נ.י. ער האָט אויך געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישע און אלגעמיינע פראגעס אין **דער יודישער זשורנאל, טאר׳ קאנאדער אדלער, דער וועג** (ביידע אין מאנט׳ און אין דער העברעישער און יידיש־ענגלישער פרעסע און

פעריאָדיק. מחבר פון די ספרים **מנחת יעקב** (דערשינען אין ירושלים, 1914) **בית יעקב, נזירות מן הבשר, דובב שפתי ישנים** (אלע אין מאָנט') ער איז אויך געווען דער מחבר פון א צאָל בראָשורן אין ענגליש. נפטר געווארן אין טאָר'

בית עקד ספרים, ישראל ראבינאוויטש, **יובל בוך קאנאדער אדלער**, 1932, ב.ג. זאק **געשיכטע פון יידן אין קאנאדע**, ב.2, 1975 (ענגליש) נעקראָלאָגן אין דער פרעסע **קאנאדיאנא.**

גאָרעליק, משה (1863־1955)

געב' אין שטשעדרין ביי באָברויסק, ווס"ר. געווען א לאנגיעריקער העברעישער מחנך און פריוואט־לערער. א צייט געלעבט אין ווארשע און נאך דער ערשטער וועלט מלחמה געקומען קיין האַמילטאָן. די ערשטע יאָרן זיך מפרנס געווען פון צוגרייטן צו בר־מצווה, דערנאך געפירט א חדר מתוקן ביז צו זיינע אלטע יארן. אָנגעהויבן שרייבן מיט קינדער־לידער און געגראַמטע מעשהלעך אין **הצפירה לנוער**, וואר' שפעטער זיך באטייליקט אין **הפרחים, הכוכב** א"אנד'. אין קאנאדע אריבער צו יידיש און געדרוקט ארטיקלען וועגן יידישן חינוך אין **דער יודישער זשורנאל**. אין **אנדענק זשורנאל** פון שטשעדרינער ברענטש ארב. רינג, 1925, פארעפנטלעכט פארשידענע ארבעטן וועגן יידן אין דער אלטער היים. פון זיינע העברעישע ביכער זענען דערשינען **החמסן הקטן**, וואר' 1902, 30 ז' (א קינדער שפיל אין 5 אקטן) **שירי מועד**, דארטן 1909 42 ז' **יסורים של אהבה** (דערציילונגען), דארטן 1914 48 ז'. געשטאָרבן אין האַמילטאָן און נקבר געווארן אין טאָר'

אינפאָרמאַציע פון האמילטאנער לאנדסלייט, **קאנאדיאנא.**

גאָרעליק שלמה (1901־1948)

זון פון משה געב' אין שטשעדרין. יידישע איי טיילווייזע אלגעמיינע בילדונג. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געקומען קיין האמילטאָן און א צייט געווען אן ארבעטער. שפעטער א פריוואט לערער. צוליב קראנקהייט, אוועק פון האמילטאן און זיך מפרנס געווען פון א קליינעם רעסטאראן אויפן וועג פון האמילטאן קיין טאראנטא. אנגעהויבן שרייבן מיט לידער אין העברעיש אין די יונגע יארן. אין קאנאדע אריבער צו יידיש און געשירבן נאר דערציילונגען וואס אייניקע געדרוקט אין **דער יודישער זשורנאל** און אנדערע ליטערארישע אויסגאבעס אין טאר. מחבר פון א בוך דערציילונגען אין ארימע היימען און אנדערע דער־

מחבר פון א בוך דערציילונגען **אין ארימע היימען** און אנדערע דער־ציילונגען (פארלאג "אייגענע") טאָר' 1941, 114 ז' און אַרויסגעוויזן טאלאנט, דער עיקר אין זיינע לירישע שילדערונגען פון קראנקע ארבעטער און בעלי־מלאכות, וואָס פירן א שווער לעבן אין דער גרויסער שטאט. ער האט אויך געדרוקט אונטער "שלמה בן משה" געשטאַרבן פון שווינדזוכט אין טאָר'

אינפאָרמאַציע פון האַמילטאָנער תושבים, **קאַנאַדיאַנאַ.**

גובערמאַן, יצחק (4 טער יאנ. 1910־19 טער מארץ 1979)

געב' אין טערניסקע, ביי אומאַן, אוקראינע. יונג געוואָרן אַ יתום נאָכן

פּאַטער. געלערנט אין חדר. פון די פריע יאָרן טעטיק אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אין 1927 געקומען קיין מאָנט׳. און לאַנגע יאָרן געאַרבעט ביי פוטער. פון 1970 ביז צו זיין פריען טויט, געווען דירעקטאָר פון ״נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד״ אין מאָנט׳ י.ג. האָט געדרוקט אַרטיקלען וועגן ציוניסטישע און אַרבעטער־פּראָגעס, רעפּאַרטאַזשן און באַריכטן אין **קאַנאַדער אָדלער**, וואָס האָבן געווירקט דורך זייער אוממיטלבאַרן סטיל און כאַראַקטער.

...ער איז געווען אַן איבערגעגעבענער צו די אידעאַלן פון מדינת ישראל און צום גייסטיקן יידישן לעבן אין די תפוצות...

שלמה ווייסמאַן און מ. חסיד, **קאַנאַדער אָדלער**, 26 מאַרץ 1979, מאַטל סיוואַק, **אידישער קעמפער**, נ.י. 25 מיי 1979.

גודמאַן, חיים (1906־21 טער יאַנ׳ 1963)

געב׳ אין מאָזיר, ווס״ר אין א פרומער משפחה. אין 1914 געקומען קיין אַמעריקע און ביז 1928 געלעבט אין נ.י. דאָרטן באַקומען זיין יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקטער ראַבאַי פון שעכטערס ״בית מדרש לרבנים״ אָבער ווייטער זיך געפירט לויטן שטרענג־אָרטאָדאָקסישן סדר. צוליב דעם נישט געוואָלט אָנעמען קיין שטעל ווי קאָנסערוואַטיווער רב און עמיגרירט קיין קאַנאַדע. א שטיקל צייט איז ער געווען א רב אין אַ קאָנגרעגאַ־ציע פון פּוילישע יידן אין טאָר׳. אָבער היות ווי ער האָט געהאַט א נייגונג צום שרייבן פון די פריע יאָרן (געשריבן רעליגיעזע שירים) איז ער אין 1930 געוואָרן אַ מיטאַרבעטער פון **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ און ביז 1955 דאָרטן געדרוקט מאמרים אויף רעליגיעזע און ציוניסטישע טעמעס (מיט א שטאַרק נאַציאָנאַלן גייסט) און אַרטיקלען וועגן יידישע קולטור ענינים און רעצענזיעס וועגן ספרים און ביכער אויך איבערזעצונגען פון ענגליש (אויך אונטער בן טובים) זיינע אַרבעטן האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אַ קלאָרן אַנאַליז, ברייטן יידישן סטיל און האָבן געווירקט אין חלוצישן און ציוניסטישן גייסט. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער יידיש־ענגלישער פּרעסע אין קאַנאַדע.

״..ער איז געווען א טיפּ פון אַן אמתן תלמיד־חכם און געלערנטן, וואָס האָט זיך נישט גרויס געהאַלטן מיט זיין וויסן און לערע, א מזג טוב, ווי ער האָט זיך אונטערגעשריבן ״בן טובים״ (נ.שמן)

אינפאָרמאַציע פון נחמן שמן, מ. גאָרדאָן און פאָרזיצער פון דער מאָזירער סאָסייעטי אין טאָר׳, יעקב אבעל.

גודמאַן, יוסף (1870 —)

געב׳ אין קאָנאָטאָפּ, ליטע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין 1887 געקומען קיין נ.י. אָבער באַלד אַוועק קיין קאַנאַדע. ער איז געווען צווישן די ערשטע פאַרמערס אין די באַראָן דע הירש קאָלאָניעס. א צייט געלעבט אין דאָרף ״זאָמערפעלד״ שפּעטער אין קאַלגאַרי. וויני׳. אָטאַוואַ און מאָנט׳ פון 1905 ביז סוף 1915, געווען א רעגירונגס־באַאַמטער פאַר עמיגראַ־ציע־ענינים ביי דער מאַניטאָבער רעגירונג (זע: ראובן ברייניןן, **קאַנאַדער אָדלער**, 6 טער יוני 1914, ווי ער באַגריסט אים ווי ״דער יידישער אָפיסער פאַר עמיגראַציע״) אַנגעהויבן שרייבן אין לשון קודש מיט א ליד אין **הזמן**, ווילנע, שפּעטער אַריבער צו יידיש.

ער איז געווען אַ פּיאָנער פון יידישן געדרוקטן וואָרט אין מערב־קאַנאַדע. אין 1906 רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן דאָס צוויי וואָכנבלאַט **דער ווידערקלאַנג**, ווינ׳ וואָס ער האָט כּמעט אַליין אינגאַנצן אויסגעפילט מיט זיינע לידער, פעליעטאָנען און הומאָרעסקעס, וואָס האָבן געוויזן טאַלאַנט. שפּעטער געווען פון די ערשטע מיטאַרבעטערס פון **קאַנאַדער איד** (1910־1909) און ביז 1920 פון **דאָס אידישע וואָרט** (אַלע אין ווינ.) אין 1912 צוזאַמען מיט א.מ. מאַנדעלבוים, אַרויסגעגעבן דאָס צווייוואָכנבלאַט **קאַנאַדער מזיק** (אַ זשורנאַל פאַר הומאָר, וויץ און סאַטירע) דערשינען 8 נומ. פון יאַנ. ביז סעפּט. שפּעטער אַליין רעדאַקטירט די ״צייטשריפט פאַר פּאָעזיע, ליטעראַטור און סאַטירע **דער בירגער**״ (דערשינען 17 נומערן, דער לעצטער 20 יוני 1913 מיט דער הילף פון דער מאַניטאָבער רעגירונג) דאָרטן האָט ג׳געדרוקט לידער, הומאָרעסקעס פעליעטאָנען און 17 פאַרזעצונגען פון זיין ראָמאַן **די פּיאָנערן אין וועלכע געשילדערט דאָס לעבן פון די ערשטע פאַרמערס אין מערב־קאַנאַדע, געזען פון דער נאָענט און געמאָלן מיט טאַלאַנט. י.ג. איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פון ש. פרענקעלס וואָכנבל׳ דאָס אידישע לעבן** (1913). בעת ברײנין האָט **רעדאַקטירט דעם קאַנאַדער אדלער** (1912) איז י.ג. געווען דער שטענדיקער קאָרעספּאָנדענט פון מערב־קאַנאַדע אויך דאָרטן אָנגעהויבן דרוקן זיינע ״בריוו פון וויניפּעג״ און די ערשטע אַרטיקלען וועגן דער יידישער עמיגראַציע קיין קאַנאַדע, וואָס זיינען צוליב זייער אמתער באַשרייבונג, איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער **יידישער וועלט פּרעסע**. אין 1916־1915 געווען דער נייעס רעדאַקטאָר פון **דער וועג**, מאָנט. דאָרטן, חוץ צייטונגס־אַרבעטן אויך געדרוקט פעליעטאָנען, שטאָטישע רעפּאָרטאַזשן און לידער אויף שטאַרק־נאַציאָנאַלער טעמאַטיק, ווי אויך איבערזעצונגען פון ענגליש און העברעיש.(צווישן אַנד׳. צייטונגס־ראָמאַנען) באַטייליקט זיך אין **דער יודישער זשורנאַל** טאָר׳ **די וואַהרהייט, פאָרווערטס, דער קונדס, דער קיביצער** א״א אין נ.י. אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרעם **געזאַמלטע לידער**, ווינ׳ 1919, 144 ז׳ וואָס אַנטהאַלטן לידער, דערציילונגען, רייזע־באַשרייבונגען פון דער ווייטער וועסט־קאַנאַדע און פון די יידישע קאָלאָניעס אויך אַ צאָל איבערזעצונגען פון ענגליש. די לידער אין אַ שטאַרק נאַציאָנאַלן גייסט, זיינען באַווירקט פון דער רוסישער פּאָעזיע און אַ טייל פון זיי זיינען באַלד געשריבן צום זינגען, ווי ער אַליין שרייבט ״אויף באַקאַנטע רוסישע מאָטיוון ״ווי זיין ״הימן צו די יידישע לעגיאָנערן״ וואָס איז אין יענע יאָרן געזונגען געוואָרן אין די חלוציש־ציוניסטישע יוגנט־קרייזן.

אין 1920 געקומען קיין מאָנט׳ און געווען דער באַלעבאָס פון אַ רייזע־ביוראָ, אָבער נאָך 1922, פאַרשוואונדן אָן אַ שפור.

ער האָט אויך געדרוקט אויף די פּסעוודּ״ אַ קעסטקינד, אַ קאָנאָטאָפּער, איש דויג, הומאָרוסטיקאַנאַ, באַראָן טענגעלבענדער, אַקאָסטאַ, כאַפּ־לאַפּ, איש עשיר א״א.

ר. ברײנין קאַנאַדער אדלער, 6 יוני, 1914, פנחס, דאָרטן 6 אויג. 1915, פּראָפ. ש. חיות, אוצר בדוי השם, ווין, 1933, לויט מאַטעריאַלן אין דער [illegible], נ.י. [illegible]

גוסין, מאיר (4 טער מאַרץ 1892–12 פעבר׳ 1958)

געב׳ אין וויעטקאַ, ביי מאָגילאָוו, ווס״ר. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג. פון 1913 ביז צו זיין טויט, געלעבט אין ווינ׳ לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון **דאָס יודישע וואָרט**, ווינ׳ און א צייט איר רעדאַקטאָר. **באַ־**טייליקט זיך אין קאַנאַדער אָדלער, מאָנט׳ **דער יודישער זשורנאַל, טאָר׳**. אין די יאָרן פון 1928 ביז צו דעם סטאַלין־היטלער פּאַקט (1939) באַטייליקט זיך אין די א״ג לינקע אויסגאַבעס: **דער קאַמף, וואָכנבלאַט** א״א. שפּעטער מיט זיי איבערגעריסן. אין אַלע אויסגאַבעס האָט ער געדרוקט דערציילונגען, הומאָרעסקעס, סקיצן, פעליעטאָנען און רעצענזיעס פון יידישע־טעאַטער־אויפפירונגען סיי אין קאַנאַדער און סיי אין אַמעריקאַנער. צייטונגען. ער איז אויך געווען דער מחבר פון אייניקע טעאַטער־פּיעסן, וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין די יידישע פאָלקסטעאַטערן אין קאַנאַדע און אין אַמעריקע. פון 1953 ביז צו די לעצטע טעג פון זיין לעבן, געווען ביבליאָטעקאַר אין דער יידישער פאָלקסביבליאָטעק אין ווינ׳.

אינפאָרמאַציע פון זיין משפחה, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.2, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע.

גורא, יעקב (1896–סוף יולי 1976)

געב׳ אין וואַרשע, פּוילן. יידישע און טיילווייזע וועלטלעכע בילדונג. ביז דער צווייטער וועלט מלחמה, אין וואַר׳ געפירט א רימער וועדקשטעל, דערנאָך געווען אין געטאָ און 3 און א האַלב יאָר אין די שווערסטע באַדינגונגען (אונטער דראָונג פאַרשיקט צו ווערן קיין טרעמבלינקי) געאַרבעט ווי א שלאָסער־מעכאַניק ביי די נאַציס. פון סוף 1943 ביז 1945, איבערגעלעבט אין פאַרשידענע טויטן לאַגערן (אויסשוויץ בוכענוואַלד א״א) נאָך דער באַפרייאונג, געלעבט אין פּליטים לאַגערן פון דאָרטן אין 1948 געקומען קיין קאַנאַדע און ביז צו זיין טויט, געפירט א מסחר אין אָטאַווע. דאָרטן געווען אַקטיוו אין יידישן קולטור לעבן. זינט 1949 געדרוקט מאמרים און אַרטיקלען וועגן יידישע און אַלגעמיינע פּראָגעס, **זכרונות פון די לאַגערן אין קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ **דער יודישער זשורנאַל, טאָר׳ טאָג, מאָרגנזשורנאַל** (ביידע אין נ.י.) **און אויך אין פאַרשידענע צייטשריפטן אין ישראל. מחבר פון בוך דאָס איז דער אמת, אמת הונדערט פּראָצענט**, מיט זיינע אייגענע צייכענונגען און א הקדמה אין וועלכע ער קלערט אויף **די מאָטיוון פון זיין באַשולדיקונג קעגן די** אָנפירערס פון וואַר׳ געטאָ, דערשינען אין מאָנט׳ 1966, 111 ז׳ לויט ווי עס האָט מיר איבערגעגעבן י. סערלין, האָט ג׳ איבערגעלאָזט א כתב יד פון איבער 700 ז׳ אין וועלכן ער באַשרייבט דאָס לעבן אין וואַרשעווער געטאָ. פון אָנהויב ביז צו דער ליקווידאַציע.

י.ג. איז געשטאָרבן אין אָטאַווע.

אינפאָרמאַציע פון זיין טאָכטער, **דער אַלגעמיינער זשורנאַל**, נ.י. 7 אויג׳ 1977.

גורלאַנד, הערשל (1899–4 טער פעבר׳ 1972)

געב׳ אין אָריעוו ביי קעשעניעוו, בעסאַראַביע. יידישע און טיילווייזע וועלטלעכע בילדונג. אין 1921 געקומען קיין קאַנאַדע און געלעבט אין

מאַנט׳ און טאָר׳. די ערשטע יאָרן געאַרבעט ווי א פּרעסער ביי מאַנטלען, דערנאָך איז ער געווארן א לערער אין די "ארדן־שולן" און אקטיוו אין דער יידישער פּראָגרעסיווער ארבעטער־באַוועגונג. גלייכצייטיק אנגהויבן שרייבן. דעביוטירט מיט א נאָוועלע אין **דער קאמף** (1929) טאָר׳. שפּעטער געווארן א הויפּט־מיטאַרבעטער פון דער גאנצער לינקער פּרעסע און פּעריאָדיק. א צייט איז ער געווען רעדאקטאָר פון **וואכנבלאט**, טאָר׳ אָבער קיין דערציילונגען נישט מער געדרוקט נאָר אַרטיקלען וועגן פארשידענע ארבעטער־פּראבלעמען און וועגן אָרטיקע געלעגנהייטן. ער האט זיך אויך באַטייליקט אין **דער האמער, דער וועג, יודישע קולטור, מ׳ פרייהייט** און פון פּאליטישע אויסגאבעס ה.ג׳ איז אויך דער מחבר פון א צאל בראָשורן אין יידיש און ענגליש וועגן אקטועלע און פּאליטישע פּראגעס, דערשינען אין קאנאדע. האָט אויך געדרוקט אונטער "הייגור" געשטארבן אין טאָר׳.

י. גערשמאן, וואָכנבלאַט 10 טער מארץ, און שלום שטערן, **דארטן** 29 טער מארץ 1972.

גינזבורג, בער־יוסף (1896־1962)

געב׳ אין א שטעטל ביי קיעוו, אוקראינע. געענדיקט א רוסישע גימנאזיע. אין 1911 געקומען קיין קאנאדע. ביז 1914 געלעבט אין מאַנט׳, דערנאָך ביז צו זיין טויט, אין ווינ׳ דאָרטן געענדיקט דעם מאַניטאָבאַ־אוניווערסיטעט און געוואָרן א מעדיצין דאקטאר. לאַנגיעריקער עסקן אין דער פּ.צ. פּאַרטיי, דער עיקר אויפן קולטור־געביט. ער איז געווען דער ערשטער פּרייוויליקער יידישער לערער אין דער אָרטיקער י.ל. פּרץ־שול. אין די יונגע יאָרן געדרוקט לירישע לידער און ראָמאַנסן אין דער רוסישער פּרעסע. זינט 1912 פארעפנטלעכט סקיצן, דערציילונגען (צווישן זיי די גרעסערע דערציילונג אין 9 פארזעצונגען "די סאָלדאַטסקע שיהל", וואס איז אויפגענומען פון דער דאַמאָלסטיקער קריטיק, ווי אַ וויכטיקע שילדערונג, וואָס האָט פארייביקט דאָס יידישע לעבן אין קיעוו. ער איז לאַנגע יאָרן געווען א מיטארבעטער פון **קאנאדער אָדלער**, דאָרטן אויך געדרוקט הומארעסקעס און פעליעטאָנען. באטייליקט זיך אין **קאנאדער איד, דאס אידישע ווארט, דער בירגער** א״א (אלע אין ווינ.) בעת ר. ברײנין האט אַרויסגעגעבן די ט״צ **דער וועג**, מאנ. 1915־1916, איז ג.געוואָרן וויניפּעגער קארעספּאנדענט און חוץ דעם אויך דאָרטן געדרוקט הומאָרעסקעס, דערציילונגען און אַ צאָל איינאקטערס, וואס זיינען אויפגעפירט געווארן אין קאַנאַדע. אין זאמלבוך **אידיש אמעריקע** נ.י. 1929, פארעפנטלעכט אייניקע הומאָרעסקעס פון יידישן לעבן אין די קליינע שטעטלעך אין אוקראינע. זיין בוך **דזשענערײשן פעסט, דזשענערײשן קאָמט**, אין וועלכע ער האט געשילדערט דאס לעבן פון דער יוגנט אין קאנאדע, (דערשינען אין טאר׳ 1960, 212 ז׳) איז געלויבט געווארן פון דער קריטיק. ער האָט אויך געדרוקט אונטער יאָשע בער, באַריסהעלעס, א״א.

געשטאָרבן אין ווינ׳.

י. גודמאן, **דער בירגער** נומ׳ 6, ווינ׳ 1915, פנחס קאנאדער אדלער, מאַנט׳ 6 אויג׳ 1915, ש. בעלקין, **די פועלי ציון באוועגונג אין קאנאדע**, דר. אליהו שולמאן, **פאָרווערטס**, 22 אפר׳ 1979, **נעקראָלאָגן אין דער פרעסע, אינפארמאציע פון י.מ. ניטיקמאַן, ווינ׳.**

גינזבורג, מרדכי (15 טער אקט. 1894־25 טער פעבר. 1966)

געב׳ אין סלאָנים, וואָלין. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. געענדיקט דעם העברעאיש־יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע. פון 1913 ביז 1924 אין לאָדזש. מיטגרינדער פון ציוניסטישן "בית עם", שפּעטער געווען טעטיק אין יידישן לעבן אין בריסק און פון 1930 ביזן סוף פון זיין לעבן אין מאָנטרעאל. אָנגעהויבן שרייבן מיט לידער אין רוסיש אין דער ט״צ **ניוואַ**, פּט״ב 1913 און זינט 1914 כסדר געדרוקט אין יידיש און אין העברעיש. פּאַרעפנטלעכט לידער, רעפּאָרטאַזשן און אַרטיקלען אין **לאָדזשער טאָגעבלאַט** אין דער זאַמלונג פאַר יונגע פּאָעזיע **אין דער שטיל**, 1919 (אויך רעדאַקטאָר). אין די זעקס יאָר וואָס ער האָט געלעבט אין בריסק, געווען דער פּיאָנער פון יידישע וואַכנצייטונגען אין דער פּוילישער פּראָווינץ, וואָס האָבן געהאַלטן אנהאַלטן דאָס נאַציאָנאַלע געפיל פון די יידישע מאַסן. ער איז געווען רעדאַקטאָר פון **פּאַלעסיער וואָכנבלאַט פּאַלעסיער שטימע** און **בריסקער שטימע**. פון 1930 ביז צו זיין טויט, געווען אַ אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אַדלער**. דאָרט חוץ זשורנאַליסטישע אַרבעטן אויך געדרוקט עסייען וועגן יידישע און העברעישע ספרים און ביכער. ער איז געווען אַ לאַנגיעריקער מאָנטרעאַלער קאָרעספּאָנדענט פאַרן **דער טאָג**, נ.י. און פאַר דער **אידישע צייטונג**, ב.א. באַטייליקט זיך אין **פאָרווערטס**, **אַמעריקאַנער**, **הדואר** (אַלע אין נ.י.) און אין **דער ישראל פּרעסע און פּעריאָדיק**. זיין שטודיע וועגן **דער יידישער פּראָווינץ־פּרעסע אין פּאַלעסיע אין דער אנציקלופדיא של גלויות**, ת.א. 1955, איז אַ וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין פּוילן. פון געשיכטלעכן ווערט זענען אויך זיינע אַרבעטן אין אַ צאָל "יזכור־ביכער", זיין פּיעסע **אין תהום פון לעבן**, איז אין 1917 געשפּילט געוואָרן אין לאָדז־שער טעאַטער אין דער רעזשי פון יצחק קאַצענעלסאָן. אין בוכפאָרעם: **דאָס נייע ישראל** (רעפּאָרטאַזשן און בילדער מיט אַן אַריינפיר פון הרב צמח זאַמבראָווסקי, איז ערשט דערשינען נאָך זיין טויט אין מאַנט׳ 1966, 430, ז׳) געשטאָרבן אין עראָפּלאַן אויפן וועג פון מיאַמי־ביטש קיין קאַנאַדע. געדרוקט אויך אונטער: קאַרלינער חסיד, ר׳ מרדכילע, סלאָנימסקי א״א.

מער וועגן זיין לעבן און שאַפן זען: **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור** ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע, יוסף גאַלאַי, **קאַנאַדער אַדלער**, 27 פעבר׳ און מלך ראַוויטש, דאָרט, 29 פעבר׳ 1966. חיים לייב פוקס, **לאָדזש של מעלה** ת.א. 1972, אינדעקס, און פון זיין אַרכיוו און קאַנאַדיאַנאַ.

גינזבורג־שטערמאַן, רבקה (1894־18 טער אָקט. 1971)

פרוי פון מרדכי גינזבורג געב׳ אין קאָברין פּאָלעסיע. געענדיקט אַ רוסישע גימנאַזיע און אַ דענטיסטישע הויכשול אין ווילנע. פון 1930 ביז איר טויט טעטיק אין מאָנט׳ האָט געדרוקט אַרטיקלען אויף אַקטועלער יידישער טעמאַטיק, רייזע־באַשרייבונגען און מאמרים וועגן פרויען פּראָבלעמען אין דער איצטיקער צייט אין **קאַנאַדער אַדלער**, **דער אַמעריקאַנער** א״א נ.י. נאָך איר מאַנס טויט, צוגעגרייט צום דרוק זיין בוך **דאָס נייע ישראל**. געשטאָרבן אין מאָנטרעאל.

קאנאדער **אַדלער**, 22 אקט. 1971, קאַנאַדיאַנא.

גלאַזגאָלד, יהושע (1884־2 טער יולי 1943)

געב' אין דינאָוויץ, פּאָדאָליע. געלערנט אין חדר, ישיבה און דורך זעלבסטבילדונג. א צייט געווען א העברעאישער לערער אין פּראָמפּאַל. אין 1910 געקומען קיין מאנטרעאל און געטאָן פארשידענע מלאכות. זינט 1912 געדרוקט דערציילונגען, סקיצן און הומאָרעסקעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט א לירישן טאָן און אַ פּאָלקסטימלעכע שפּראַך אין **קאנאדער אדלער**, שפּעטער אין **דער וועג** (רעד.ראובן ברייינין)וואָס האָט אים זייער מקרב געווען. נאכן אונטערגאנג פון **וועג, ווידער געדרוקט אין קאנאדער אדלער** (ביז 1942) ער האט זיך אויך באטייליקט אין **די אידישע וועלט**,פילא, **פרייע ארבעטער שטימע** א"א. נאך דער ערשטער וועלט מלחמה, אריבער קיין אמעריקע און געווען טעטיק אין יידישן קולטור־לעבן אין מינעאַפּאָליס און אין דעטרויט און דאָרטן געשטאָרבן.

אינפאָרמאַציע פון זיין טאכטער אין קיבוץ "אפקים", ישראל קאנאדיאנא.

גלאַזער, ישעיהו־שמעון (21 טער יאנ. 1876־22 טער מאַי 1938)

געב' אין ערזוויליג, ליטע אין א רבנישער משפּחה. צו 18 יאָר באקומען סמיכה אויף רבנות און עמיגרירט קיין אמעריקע. לאנגע יאָרן געווען אין דער אָנפירונג פון דער ציוניסטישע וועלט־ארגאניזאציע. א צייט געווען פרעזידענט פון "הסתדרות הרבנים אין אמעריקע און קאנאדע". פון 1905 ביז סוף 1919, געווען רב הכולל פאר קוויבעק. אין 1913, בעתן פּראָצעס אין ווינ'. צו פאַרווערן די יידישע שחיטה, איז ער אין נאמען פון קאנאדער ראבינאט, ארויסגעטראטן צו פארטיידיקן די יידישע שחיטה און געוואונען איר לעגאלע רעכט. זינט 1905, געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישע עינינים און וועגן חינוך־פראגעס אין א צאָל צייטונגען אין אמעריקע און קאנאדע. ער איז געווען מיטרעדאַקטאָר פון ערשטן אָרטאדאקסישן וואָכנבלאט אין קאנאדע, **דער אידישער שטערן**, מאנט' 1907 (צוזאמען מיט מ. היימאן) ער איז אויך געווען רעדאַקטאר פון **די אידישע וועלט**, מאָנט' 1911־1912 וואָס ער האָט כמעט אליין אויסגעפילט מיט זיינע ארבעטן. אַ שאַרפער פּאָלעמיקער, האט ער רעאַגירט אויף כמעט אלע צייט־פּראבלעמען פון קאנאדער יידישן ישוב, וואָס האט אים אין יענע יארן, געברענגט צו דעם אז ער איז כמעט אוועק פון דער יידישער פרעסע און געשריבן אין ענגליש (אין דער ענגליש־יידישער פרעסע) נאר פון צייט צו צייט, האט הרב ג' געדרוקט אויך אין יידיש. באטייליקט זיך אין **דער וועג** (רעד. ר. ברייינין) מאנט. **דער אידישער זשורנאל**,טאר' און **דאס יודישע ווארט**, ווינ' ער האט גרויסע פארדינסטן מיט זיינע ענגלישע איבערזעצונגען צוו' אנד' די 6 בענדער פון פראפ' ה. גרעץ, **געשיכטע פון יידישן פאלק**, **דאָס ספר המדע**, פון רמב"ם, מיט די הערות פון ראב"ד (צום ערשטן מאל אין ענגלישער איבערזעצונג) ער איז אויך דער מחבר פון א צאל ביכער אין ענגליש. צוו' אנד' **גאַיד אף יודאיזם**, **היסטארי אף איזראעל**. ער האט אויר באַנוצט די פסעוודר' **זרובבל**, **עליעל**, **יגאש**, **א"א**.

געשטאָרבן אין נ.י.

פנחס, **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט. 6 אויג.1915, ש. חיות, **אוצר בדוי השם**, ווין, 1933, ב.ג. זאַק, **יובל־בוך קאַנאַדער אדלער**, 1957, **אַנציק׳ יודאיקא**, ב.4, ירושלים, 1972, קאַנאַדיאַנאַ.

גלאַט, אליהו־מאיר (1885־4 טער דעצ. 1954)

געב׳ אין קיעוו, אוקראַינע. געלערנט אין ליטווישע ישיבות. פון 1901 ביז 1905 אין מאַנטשעסטער פון וואַנען געקומען קיין אָטאַווע. די ערשטע יאָרן געווען א פעדלער און פון 1912 ביז פאַר זיין טויט, א לערער פון תנך און גמרא אין אַטאַווער תלמוד־תורה. געשריבן פון די ישיבה יאָרן אין העברעיש און פון 1915 באַטייליקט זיך מיט צייטלידער און לייכטע הומאָרעסקעס אין **קאַנאַדער אדלער**. מחבר פון ביכלעך אין יידיש: **מפתח החיים** (ווי אזוי צו פירן זיך יעדען טאָג לויטן יידישן דין) אָטאַווע, 1928, 40 ז׳. **כינורו של דוד** (דער קליינער פידל) וואָס אַנטהאַלט לידער, הומאָרעסקעס און פעליעטאָנען פון אַ פאָלקסטימליכן כאַראַקטער, וואָס ער האָט פאַרגעלעזן אין אָטאַווע אויף אונטערנעמונגען פון סאָסייעטעס דאַרטן, 1942, 82 ז׳ געשטאָרבן אין אָטאַווע.

אינפאָרמאַציע פון זיין טאָכטער אין אָטאַווע, קאַנאַדיאַנאַ.

געלבפאַרב־גלעדי, יהושע (22 טער נאָוו. 1903־25 טער אויג. 1963)

געב׳ אין וואַרשע, פוילן. געלערנט אין ישיבות און באַקומען סמיכה אויף רבנות. אין 1920 געענדיקט דעם העברעיש יידישן לערער־סעמינאַר ביי דער וואַרשעווער ידישער קהילה און ביז צו זיין פאָרן אין 1921 קיין קאַנאַדע, געווען א לערער אין א העברעישער שולע אין וואַרשע. פון 1921 ביז פאַר זיין טויט, געווען לערער און פּרינציפּאַל פון רעליגיעזע שולן און תלמוד־תורות אין וואַנקווער און אין מאָנט.

נאָך אין פוילן געדרוקט אין **היינט**, וואַר׳ וויכטיקע אַרבעטן וועגן חינוך און עסייען אויף פעדאַגאָגישע און ליטעראַרישע טעמעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט סיי מיט א מאָדערנעם יידישן און אייגנאַרטיקן סטיל אין יידיש און העברעיש (אין **הצפירה**, וואַר) וואָס טיילן פון זיי זענען אריין אין זיין בוך **ווי אזוי דערציען קינדער**, וואַר. 1934, 132 ז׳. אין קאַנאַדע איז ג׳ געווען א מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער**|**אדלער**, מאָנט. **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר **דאָס אידישע וואָרט**|וויני. **דאָס וואָרט**, וואַנק. און אין די שול־אויסגאַבעס. זיינע ביכער **פון תורה־קוואַל** (יידיש) מאָנט 1941, 250 ז׳ און זיינע לערנביכער **סיפורי הדור**, קינדער מעשהלעך, וואַנק. 1947, 72 ז׳ **חוברת העבודה** 3 טיילן מיט אילוסטראַציעס פון ב. מלחי, דערשינען אין פאַרלאַג פון פאַרבאַנד פון העבר׳עישע שולן אין קאַנאַדע אין צענדליקער אויפלאַגעס און זענען באַנוצט געוואָרן ווי לערנביכער אין די העברעיש־יידישע שולן. ער האָט זיך אויך געדרוקט אונטער: י. אבי־זהב, ד. קאָך, י.גל א״א. געשטאָרבן אין ניו יאָרק.

זלמן רייזן, **פסעוודאָנימען אין דער יידישער ליטעראַטור**, ווילנע 1939, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע, קאַנאַדיאַנאַ.

גערשמאַן, יהושע (5 טער יוני 1903 —)

געב׳ אין סאקאלאוו, ביי זשיטאָמיר, אוקראַינע. ביז 16 יאָר געלערנט אין א ״בית הספר״, שפּעטער דורך זעלבסטבילדונג וועלטלעכע לימודים. אין 1921 געקומען קיין קאַנאַדע. די ערשטע צייטן געאַרבעטביים פאַרבן רויע פעלצן אין ווינ׳ דערנאָך באַזעצט זיך אין טאָר׳. אָרגאַניזאַטאָר פון ״נאָדל אַרבעטער פאַראיין״. אין די יאָרן פון 1926 ביז 1929, געאַרבעט אין נ.י. דערנאָך צוריקגעקומען קיין טאָר׳ און ער איז עד היום פון די אַקטיווסטע עסקנים אין דער פּראָגרעסיווער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. אָנגעהויבן שרייבן מיט קאָרעספּאָנ־דענצן, פון אַרבעטער לעבן אין דער **פרייהייט**, נ.י. און זינט 1936, איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער פון **דער קאַמף, דער וועג** (אויך רעדאַקטאָר) און פון 1940 עד היום איז ער רעדאַקטאָר פון **וואָכנבלאַט** (אלע אין טאָר׳) באַטייליקט זיך אין **דער האַמער, יידישע קולטור, מ׳ פרייהייט** א״א. ער האָט געדרוקט אַרטיקלען וועגן אַרבעטער־פּראָגעס, און עסייען וועגן יידישע ליטעראַרישע און קולטור־עניינים. ער האָט גרויסע פאַרדינסטן אין דערציען אַ נאָכוווקס פון שרייַבערס, וואָס זענען געקומען פון אַרימע היימען. עס דאַרף אויך דערמאָנט ווערן ג׳ס רעדאַקטירן און שרייבן די פאָרווערטער צו די ביכער פון יינגע מחברים. זינט דער אַנטיסעמיטישער פּאָליטיק פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, צוגעשטאַנען צו דער גרופּע פּראָגרעסיווע טוערס אין אַמעריקע, וואָס פאָדערן פון די סאָוועטן צו באַנייען די יידישע קולטור און ענדערן די באַציִונג צו מדינת ישראל. צוליב זיינע אַרויסטריטן געוואָרן באַליידיקט פון אַ. ווערגעליס אין ״סאָוו. היימלאַנד״ אָבער ג. גייט ווייטער אָן מיט זיין אַרבעט. צו זיינע 75 יאָר באַקומען די זשיטלאָווסקי פּרעמיע פון ״איקוף״ דרוקט אויך אונטער ״אישיקא״ א.א.

פ. נאָוויק, **יידישע קולטור**, נומ׳ 8 1968, איטשע גאָלדבערג, **דאָרטן** יוני־יולי 1978, שלום שטערן, **וואָכנבלאַט**, 13 סעפּט׳ 1978, חיים סולער און ש. קאַגאַן, **יידישע קולטור**, נאָוו. דעצ׳. 1978, קאנאדיאַנא.

גראָבער, חיהלע (16 טער פעבר׳ 1894־10 טער׳ דעצ׳ 1978)

באַרימטע יידישע און העברעישע שוישפּילערן און שרייבערן מיט אַן אייגענעם נוסח. געב׳ אין ביאַליסטאָק, פּוילן. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט מלחמה, פאַרוואַגלט געוואָרן קיין מאָסקווע און דאָרטן אנגעהויבן איר טעאַטראַלישע קאַריערע, דער עיקר אין דער ״הבימה״ אין וועלכע זי איז געווען פון די מיטגרינדערס. זינט 1917, געווען אַקטיוו אויפן געביט פון העברעישן און יידישן טעאַטער און באַרייזט כמעט אלע יידישע ישובים איבער דער וועלט. אין 1928, צום ערשטן מאל געקומען קיין מאָנט׳, וואָס איז פון די אנהויב דרייסיקער יאָרן, געוואָרן איר סטאַבילע היים. שוין אין יענע יאָרן אנגעהויבן מיטצואַרבעטן אין **קאַנאַדער אדלער**, דאָרטן געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישן און העברעישן טעאַטער. האָט זיך אויך באַטייליקט אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ און פון אַ סאַך צייטשריפטן איבער דער וועלט. ח.ג. איז די מחברין פון די ביכער **צו דער**

גרויסער וועלט און **מיין וועג אליין**, **דערשינען** אין מאַנט' 1975, יעדער צו 265 ז' די ביכער דערציילן סיי פון איר לעבן און אויך אירע באַגעגענישן מיט קינסטלער און סיי איר מיינונג וועגן טעאַטער בכלל. ח.ג. איז אויך די פאַרפאַסערין פון דער דראַמאַטישער געשטאַלטיקונג **אויף פרעמדער ערד**, (געשפּילט געוואָרן אין מעלבורן) די לעצטע יאָרן פון איר לעבן, געוווינט אין תל אביב און דאָרטן געשטאָרבן. איר שרייבן צייכנט זיך אויס מיט אַ קלאָרן סטיל און אינטערעסאַנטן אופן פון שילדערן איר לעבנס־וועג

(יעקב זיפּער)

מער פּרטים וועגן איר לעבן און שאַפן זען, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער** ליטעראַטור ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע, **לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער, קאַנאַדער אַדלער**, מאַנט. 12 אויג. 1974, יעקב זיפּער, דאָרטן, 22 דעצ. 197, **קאַנאַדיאַנאַ**.

גראָסמאַן, וולאַדימיר (26 טער מיי 1884־1 טער יאַנ. 1976)

געב' אין קאַזאַקן־שטעטל טעטריוק, צפון קאַווקאַז, אַ קליינער יידישער קיבוץ, וואָס האָט געהאַט ספּעציעלע (געשענקטע רעכט), דאָרטן צו לעבן ער האָט געלערנט ביים פאָטער, וואָס איז געווען דער אָרטיקער רב און שוחט. דערנאָך אויך אַלגעמיינע בילדונג אין גימנאַזיעס און אוניווערסיטעטן. אין 1904, בעתן פּאָגראָם אויף יידן אין קערטש, געווען אַקטיוו אין דער יידישער זעלבסטשוץ. נאָך 1904 אַ צאָל יאָרן געלעבט אין אָדעס, בערלין פּאַריז, קאָפּענהאַגען און פון 1926 (מיט איבעררייסן) אין מאָנט', אין די יאָרן 1936־1946, איז ג' געווען דער אָנפירער פון "אָרט" פאַר קאַנאַדע. אין יענע יאָרן געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אַדלער** (אויך פון זיינע יובל־אויסגאַבעס) וו. ג. איז אויך געווען דער פּאָליטישער קאָמענטאַ־טאָר פון דער ענגלישער ט"צ **דהי גאַזעטע** ער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון די **דריי ענגלישע בענדער פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס** (מאַנט' 1940־1942) ער איז זינט 1903 באַקאַנט געווען ווי אַן אינטערעסאַנטער און אייגנאַרטיקער זשורנאַליסט און אַ מיטאַרבעטער פון די גרעסטע וועלט צייטונגען אין דער וועלט. ער איז געווען דער ערשטער זשורנאַליסט צו אַלאַרמירן וועגן די רדיפות אויף יידן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און וועגן דער צוואַנג־טראַנס־פּאָרטאַציע פון יידן וואָס האָבן געלעבט אין די נעבן פראָנט געביטן און זיי פאַרשיקט אין סיביר אָדער אין ערטער אין טיף רוסלאַנד. לאַנגע יאָרן איז וו. ג. געווען אַ סטאַבילער מיטאַרבעטער פון **היינט**, וואַרשע, **דער טאָג**, נ.י. ער האָט זיך אויך באַטייליקט מיט אַרטיקלען (דער הויפּט וועגן דער יידן פראַגע) אין **צוקונפט, פרייע אַרבעטער שטימע** א"א נ.י. ער איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר **פון פּאַריזער היינט** און פון וואָכנבלאַט 7 טעג, **דערשינען אין פּאַריז, 1931־1935) מחבר פון אַ צאָל ביכער אין פאַרשידענע שפּראַכן און פאַר אייניקע באַקומען פּריזן און אויסצייכענונגען פון רעגירונגען. זיין דראַמע פון יידישן לעבן אויפן שיידוועג** (באַהאַנדלט די באַציונגען צווישן יידן און די אַנדערע פעלקער) אויפגעפירט אויף אייראָפּעישע בינעס און זיינע עסייען **דאָס נייע רוסלאַנד**, זיינען פון יידישן אָריגינאַל איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש, דעניש א"א שפּראַכן. פון אַלע זיינע ווערק אין יידיש זיינען בלויז

דערשינען: **אמאל און היינט**, עסייען, פאריז 1955, 288 ז' **געארג בראנדעס** און פעטער קראפאטקין, עסייען, דארטן 1961, 238 ז' **מענטשן און פראבלעמען**, עסייען, דארטן 1964, 184 ז' **וועלט־יידנטום און וועלט־פראבלעמען**, ארטיקלען, דארטן, 1973, 297 ז' **אין א נייער וועלט**, עסייען, דארטן 1974 215 ז' **אלט נייע פראבלעמען**, דארטן, 1975, 297 ז'. ער איז אויך דער מחבר פון דער בראשור **די יידן אין קאפענהאגען**, וואס איז עד היום די איינציקע ארבעט וועגן קאפענהאגער יידנטום ווו.ג. איז געשטארבן אין זשענעוו, שווייצאריע.

זלמן רייזן, **לעקסיקאן**, ב. 1 **לעקסיקאן פון דער נייער יִדישער ליטעראטור**, מיט ביבליאָגראַפיע, אליהו טראצקי, **קאנאדער אדלער**, 7 טער יולי 1964, ב. שעפנער, **פארווערטס** נ.י. 25 דעצ' און 4 טער יאנ' 1976, ד"ר אליהו שולמאן, **מענטשן און פראפילן**, נ.י. 1979 ז"ז 275־290, **קאנאדיאנא**.

גראָסמאַן, יעקב (15 טער יאנ. 1899 —)

געב' אין וואָלקאָוויסק, פוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. שטודירט הומאניסטישע וויסנשאפטן און פעדאַגאָגיק אויפן ווילנער אוניווערסיטעט. פון 1920 ביז 1940, געלעבט אין ווילנע. ראטמאן פון "בונד" אין שטאָט ראט און קהילה. לאנגיעריקער יידישער לערער און פארוואלטער פון א צאָל יידישע שולן, אָנגעפירט פון "צע־בע־קא" בעת די באָלשעוויקעס האָבן פארנומען ווילנע, אוועק פון ליטע און איבער יאפאן **געקומען אין 1941 קיין מאנט'. אַצאָל יאָרן פאַרוואַלטער פון אַרבעטער רינג "אַברהם רייזן שולע" אַקטיוו אין יידישן לעבן, דער עיקר אויפן קולטור־געביט. גרינדער פון יידישן לערער** פאראיין. טעטיק אין "ייוואָ" יידישע פאָלקס ביבליאָטעק "קאנאדער יידישן קאנגרעס", דער עיקר, ווי א אוהב יידיש, אַריינגעוואָרפן זיך אין דער ארבעט פאר דער יידישער שפראך און יידישער קולטור און צוליב דעם אנגעהויבן אַרויסגעבן א ביולעטין, וואָס האָט דערפירט צו דער גרינדונג פון "יידיש־קאמיטעט **ביים קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס**". זינט **1942**, איז ער א מיטארבעטער פון **קאנאדער אדלער**, מאנט' און באטייליקט זיך **אין אונדזער צייט**, נ.י. און א צאל אנדערע אויסגאבעס. רעדאקטאר פון **ביולעטין**, וואס פארצייכנט יעדער **יידישע אקטיוויטעט איבער דער וועלט, פון וועלכער מען קען זען זיין** איבערגעגעבנקייט און ליבשאפט צו דער יידישער קולטור און ליטעראטור. צוזאמען מיט דוד ראם רעדאַקטירט **דאס ביבליאטעק בוך**, מאנט' 1957, און דארטן פארעפנטלעכט א צאל וויכטיקע ארבעטן אויפן ביבליאגראַ־פישן געביט. צוזאמען מיט מלך ראוויטש און דוד ראם, צוזאמענגעשטעלט. די **יובל שריפט פון דער יידישער פאלקס ביבליאטעק**, 1914־1964. זיינע צוויי ביכער: **עסייען און זכרונות, מאנט'** 1974, 241 ז' און **מאָנאָגראַפיעס און עסייען**, מאנט' 1977, 118 ז' אין וועלכע ער ברענגט ארויס און לעבט־אויף היימישע געשטאַלטן פון פאַרגאנגענע יאָרן און פון נאָענטן עבר, צייכענען זיך אויס סיי מיט דער בילדערלעכער שילדערונג און סיי מיט גרויסער בענקשאפט נאכן פארשוווּנדענעם יידישן גייסטיקן לעבן פון פוילישן יידנטום. י.ג. האט גרויסע פארדינסטן פאר דער יידישער קולטור אין קאַנאַדע סיי דורך זיינע פארטיפטע פאָרשונגען און ווי דער ארכיוויסט ביי דער יידישער פאלקסביבליאטעק

און ספּעציעל, ווי אַן ערודיט ביים סאָרטירן און צוגרייטן צום דרוק די גרויסע זאַמלונגען פון ראובן ברייינינס עזבון. "י. גראָסמאַן האָט מיט אַסאַך געדולד און אויסדויער צוזאַמענגעטראָגן אַ ציגל צו אַ ציגל און פּאַרטיק געמאַכט אַ בנין פון לאַנג פאַרגעסענע מקורות און ער האָט אַרויסגעבראַכט אַ ווערטפול ווערק וואָס פאַרצייכנט לדורות סיי די פערזענלעכקייטן און די פאַרגאַנגענע עפּאָכע אין וועלכער זיי האָבן געווירקט אין יידישן לעבן" (ב. פּיק)

..."דער מחבר, פון די מאָנאָגראַפיעס און עסייען, האָט אַריינגעבראַכט אַ נייעס; ער האָט מחדש געווען אַז זיינע פערזענלעכקייטן זיינען דורך זיין אַרבעט, אַרויסגעבראַכט גלייכצייטיק וויכטיקע מאָמענטן פון דער יידישער געשיכטע, וואָס ער האָט באַלויכטן מיט נייע וויכטיקע מאַטעריאַלן" (יוסף ראָטנבערג)

אַרבעטער רינג בויער און טוער, נ.י. 1962, ז' 98, ישראל עמיאָט, **פאָרווערטס**, 6 טער יוני 1975, י. סירקין, **דער אַלגעמיינער זשורנאַל**, 25 יולי 1975, חיים לייב פוקס, **קאַנאַדער אַדלער** 10 טער אָקט. 1975, ש. לאַבקאָווסקי, **דאָרטן**, 16 טער יוני, ב. פּיק **די פּרעסע**, ב.א. 1 טער אָקט. 1978, י. ראָטענבערג, **פאָרויס**, מעקס' יאַנ' 1979.

גראַפּשטיין, מלך (19 טער פעבר' 1893־17 טער יאַנ. 1960)

געב' אין שטעטל וואָשניעוו, ק'עלצער געגנט, פוילן. געלערנט אין חדר, ישיבות און דורך זעלבסטבילדונג. אין 1907 געקומען קיין וואַרשע און געווען טעטיק אין "קליינעם בונד" אין 1912 געקומען קיין אַמעריקע און געטאָן פאַרשידענע אַרבעטן. פון 1913 ביז צו זיין טויט, געלעבט אין לאָנדאָן, אָנטאַריאָ און אַקטיוו אין יידישן לעבן. נאָך אין די פריע יוגנט־יאָרן אָנגעהויבן שרייבן און דעביוטירט מיט אַ הומאָרעסקע אין **אונזער לעבן**, וואַר 1911, דערנאָך פאַרעפנטלעכט לידער, דערציילונגען, איינאַקטערס און רעצענזיעס וועגן ביכער אין שרייבער אין **נייע צייט**, וואַר' 1912, אין אַמעריקע זיך געדרוקט אין **פאָרווערטס**, **מיניקעס יום טוב בלעטער**, א"א. אין קאַנאַדע, כמעט אין גאַנצן זיך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַרישע טעטיקייט. געווען אַ מיטאַרבעטער פון **דער יודישער זשורנאַל**, קענעדער נייעס און רעדאַקטאָר פון די ליטעראַרישע, זאַמלונגען **קאַנאַדער יוגענד**, 2 העפטן, 1917 (אַלע אין טאָר, און **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט') ער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון **דזשואיש אָבזערווער** און פון **דזשואיש אָמניבוס**, טאָר' און פון די ספּעציעלע נומערן **געווידמעט י.ל. פּרץ**, טאָר' 1945, 108 ז' און די **שלום עליכם פּאַנאָראַמע**, לאָנדאָן, אָנט' 1948 451 ז' מיט אַ שלל בילדער און איבערזעצונגען פון י.גאָלדסטיק, יוסף לעפטוויטש און א.מ. קליין. דערמיט האָט ער מיט גרויס ליבשאַפט באַקאַנט געמאַכט דעם ענגלישן לייענער מיט דער יידישער ליטעראַטור. צום 100 יאָריקן געבוירנטאָג פון י.ל. פּרץ, אַרויסגעגעבן (מיט זיינס אַן אַריינפיר) **אַ זאַמלונג פון פּרצעס שריפטן אין יידיש, עבֿרית און ענגליש, ת.ט. 1952, 112 ז'. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ באַנד דערציילונגען און דראַמעס פון שלמה גילבערט**, נ.י. 1964, און דאָרטן געדרוקט זיינע זכרונות וועגן ג' און אַן אָפּשאַצונג וועגן ג'ס שאַפן. מ.ג. איז אויך דער מחבר פון טעאַטער דראַמעס און איינאַקטערס וואָס זיינען אונטער זיין רעזשי אויפגעפירט געוואָרן אין די

יידישע טעאַטערן אין קאַנאַ[illegible] און אַמעריקע. געדרוקט אויך א״ר בן ירחמיאל, זאב אלימלך בן פערל, ספרא רבה און אין דער ענגלישער פּרעסע אונטער ג.וו. מעקסוועל. געשטאָרבן אין לאָנדאָן, אָנטאַריאָ.

מער וועגן זיין לעבן און שאַפן זע: ז. זילבערצווייג, **לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער**, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע, מלך ראַוויטש, **קאַנאַדער אָדלער**, 1 טער פעבר׳ 1960, קאַנאַדיאַנאַ.

גראַוויבאַרט, דוד (6 טער אַפּריל 1908 —)

געב׳ אין סטאַשעוו, קעלצער געגנט, פּוילן אין אַ רבנישער משפחה. זון פון הרב יהודה־לייב ג׳. אין 1920 געקומען קיין טאָראָנטאָ און דאָרטן פאַרפולקומט זיין יידישע און אַלגעמיינע בילדונג, געענדיקט מיטלשול און אוניווערסיטעט, ער איז געווען אַ תלמיד פון״ בית מדרש לרבנים״ אין שיקאַגאָ און גלייכצייטיק שטודירט אַלגעמיינע וויסנשאַפטן אין פאַרשידענע קאַלעדזשעס און אוניווערסיטעטן און באַקומען זיינע דאָקטאָראַטן (צוויי אַנדערע פון דער העברעישער ליטעראַטור). אָנגעהויבן שרייבן מאמרים וועגן יידישע צייט־פראַגן אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ 1923 און אויך אין **דאָס יודישע וואָרט**, ווינ. אין די יאָרן בעת ער האָט שטודירט אין שיקאַגאָ, געוואָרן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **שיקאַגער טעגלעכער קוריער**, גלייכצייטיק פאַרעפנטלעכט וויכטיקע אַרבעטן אין **הדואר**, **הפרדס** א״א, נ.י. געווען לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון **דער יודישער רעקאָרד**, ווו ער שרייבט איבער ענינים פון חכמת ישראל, הלכה פּראָבלעמען און וועגן דער נייער העברעישער ליטעראַטור. אין יענע יאָרן באַקומען סמיכה אויף רבנות און געווען רב אין פאַרשידענע שטעט ביז ער ווערט רב און גייסטיקער מנהיג פון דער גרויסער קאָנסערוואַטיווער סינאַגאָגע ״הומבאָלד בולוואַרד טעמפּל״ אָבער די גאַנצע צייט קומט ער יעדער יאָר קיין טאָראָנטאָ, און אַרבעט מיט אין די פאַרשידענע צייטשריפטן אין יידיש, העברעיש און ענגליש, זינט די 60 קער יאָרן איז הרב א׳ א שטענדיקער מיטאַרבעטער פון פאָרווערטס, נ.י. און זיינע אַרבעטן ווערן בסדר געדרוקט סיי אין **אונדזער וואָרט**, פּאַריז, **היינט** מאָנטעווידעאָ, **דאָס נייע יודישע וואָרט**, ווינ. **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ **הצופה**, **ישראל**, **דרום־אַפריקע**, יאָהאַנעס־בורג, הרב ד.ג׳ איז דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דעם יידישן אָפּטייל אין דער **ענציקלאָפּעדיאַ בריטאַניקאַ**״ מיטרעדאַקטאָר פון **דעם יידישן פאַמיליען תנך** (דאָרטן פאַרעפנט־לעכט ער זיינע פּירושים, וואָס ווערן אויפגענומען מיט גרויס אחריות דורך די מיינסטע יידישע געלערנטע.) ער איז דער מחבר פון אַ צאָל ווערק אין ענגליש, וואָס זיינען ברייט קאָמענטירט געוואָרן. ער איז פּראָפעסאָר פון תלמוד־וויסנשאַפט אין ״ספּערמוס־קאַלעדזש״ אין שיקאַגאָ. און ראש בית דין פונעם קאָנסערוואַטיוון בית דין. אַ זייער באַהאַוונטער אין דער הלכה, איז ער אַ מיטגליד פון ״קאָמיטעט פון יידישן געזעץ״ אין סעמינאַר פון פאַרבאַנד קאָנסערוואַטיווע רבנים.

מער וועגן זיין לעבן און שאַפן זען: **ווער איז ווער אין וועלט יידנטום, ווער איז ווער אין רעליגיע, ווער איז ווער אין דערציונג, ווער איז ווער אין שיקאַגאַ, לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.2** קאַנאַדיאַנאַ.

הרב ד.ג. כאטש ער האט מחבר געווען א צאל ביכער אין ענגליש, באַטראַכט זיך דורכאויס ווי א יידישער שרייבער און גרויסט זיך סיי מיט דער ירושה פון זיינע אבות-רבנים און מיט דער יידישער ליטעראטור וואס ער איז כסדר ממשיך אין פארשידענע צייטשריפטן און ער באשטייט צו זיין א טייל פון דער קאנאדער יידישער ליטעראטור.

גרויבארט, יהודה-לייב (1859–6 אקט. 1937)

געב׳ אין שרענסק, ביי ווארשע פוילן אין א מיוחסדיקער רבנישער משפחה, וואס ציט איר אפשטאם פון די ״גדולי פוילן״. צו 16 יאר באקומען סמיכה אין רבנות און געווען רב אין פארשידענע קהילות. ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער ״מזרחי-באוועגונג און פון די ״אגודת הרבנים״ אין פוילן אין 1920, אויפגענומען ווי דער הויפט-רב פון דער ״ארטאדאקסישער געמיינדע״ אין טאר. און געווען איר גייסטיקער מנהיג ביז צו זיין פטירה. ער האט נאך אין די יארן פאר דער ערשטער וועלט-מלחמה געשפילט א גרויסע ראלע אין דער געשטאלטונג פון רעליגיעזן יידנטום, וואס ער האט משפיע געווען פארן ציוניזם. אין 1921, האט הרב ג׳ (צום ערשטן מאל אויפן אמעריקאנער קאנטינענט) איינגעפירט פאר דער שטאט טאראנטא, דעם ״עירוב״ (זען זיין ספר ״חבלים בנעימים״ דריטער טייל ז״ז 21–53, מ.י. 1975)

ער האט נאך פאר דער ערשטער וועלט-מלחמה געדרוקט וויכטיקע מאמרים און ארטיקלען וועגן דער נאציאנאלע פראגע און וועגן רעליגיעזע פראבלעמען סיי אין **היינט**, און סיי אין דער יידישער און העברעישער פרעסע און פעריאדיק אין פוילן. מיטאַרבעטער פון **המזרחי**, **דער מזרחי-וועג** א״א אין פוילן און רוסלאנד. הרב ג׳ איז דער מחבר פון א צאל ספרים, וואס זענען זינט 1908 דערשינען אין פוילן, רוסלאַנד און קאנאדע. צווישן זיי **חבלים בנעימים (וועגן פארשידענע פראבלעמען פון הלכה) ב. טיילן אין פוילן און דער דריטער אין טאראנטא (איבערגע-דרוקט אין 1975 מיט הערות פון זיין זון הרב דוד ג׳) צווישן זיינע ספרים דארף מען אונטערשטרייכן ימין ושמאל**, **יביע** אומר, דברים ככתבם, 1931–**32**, 257 ז׳ א״א וואס אַנטהאלטן אויך אַ טייל פון זיינע דרשות וועגן צייט-פראגעס, כאראקטעריסטיש איז **זיין מאנאגראפיע וועגן רמבם און זיין צייט**, טאר. 1932.

פון גרויס וויכטיקייט איז זיין **ספר זכרון**, לאדזש, 1926, מיט גרויסע טיילן אין יידיש, אין וועלכן ער באשרייבט אין קינסטלערישער פאָרם און בעלעטריסטישע בילדער חוץ זיינע. איבערלעבענישן אלס רוסישער ״זאַקלאַדניק״ און זיין פארשיקונג אין טיף-רוסלאנד אויך די גרויליקע איבערלעבענישן פון דער יידישער באפעלקערונג אין די מלחמה-יארן, 1914–1918 ווי אויך דעם פיינלעך טראגישן מצב פון רוסישן יידנטום נאך דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע. דאס ספר איז אפגעשאצט דורך דער יידישער און העברעישער פרעסע, ווי א גאר וויכטיקער מקור פאר דער יידישער געשיכטס-וויסנשאפט בעתן שילדערן די יידישע לאגע אין די ערשטע יארן פון דער באלשעוויס-טישער ממשלה. הרב ג׳ איז נפטר געווארן אין טאר.

מער וועגן הרב ג״ס לעבן און שאפן, זען: זלמן רייזען, **לעקסיקאַן** ב.1 **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור** ב.2 מיט

ביבליאגראפיע, נחמן שמן, **יובל בוך עץ חיים**, טאר' 1943, אויך אין זיינע ביכער **באַציונג צו ארבעט און קדושה אין יידישן פאַמיליען־לעבן, בית עקד ספרים**. הרב דוד גרויבארט, **פארווערטס**, 16 מערץ 1979, **קאנאדיאנא**.

גרונדלינגער, שלמה (15 טער אקט. 1890־30 טער אַפּר' 1976)

געב' אין סטאַניסלע, מזרח־גאליציע. יידישע און אלגעמיינע ביל'דונג. ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען אַקטיוו אין דער לינקער פ״צ פארטיי, דערנאך געווען אין נאַציִשע קאָנצענטראַציע־לאגערן אין פוילן און בעלגיען. פון 1947 אין מאָנט' און טעטיק אויפן געביט פון דער יידישער קולטור. נאָך פאר דער מלחמה געדרוקט לידער אין די זאַמלונגען **שטעגן**, סטאניסלע, **ארבעטער־צייטונג**, וואר' און אין אנד' לינקע פ.צ. אויסגאבעס אין פוילן און בעלגיען. פון 1950 באטייליקט זיך אין **קאנאדער אדלער**, (דער עיקר אויף חורבן און נאציאנאלע מאטיוון) **יונגווארג**, נ.י. (דאָרטן געדרוקט סעריעס לידער פאַרן קינדער־גאָרטן) זיין כאָר־און באלעט־שפיל, **יידישע טעכטער**, וואָס האָט געזאָלט אריין אין ח.מ. קייזערמאנס געפלאַנטער "אַנטאָלאָגיע פון יונגע קאַנאַדער דיכטער", איז צוליב קייזערמאנס פלוצימדיקן טויט, געבליבן אין כתב־יד ער האָט אויך געדרוקט אונטער ש. גרונד.

ח.מ. קייזערמאַן־ארכיוו אין דער יידישער ביבליאָטעק, ביבליאָטעק־בוך, מאָנט' 1957, נעקראָלאָגן אין דער פרעסע.

גרייצער, ישכר (1897 —

עלטערער ברודער פון שרייבער מענדל קרייצער (זע) געב' אין סאָסנאָווצע, פוילן. געלערנט אין חדר, בית המדרש. יונג געוואָרן אַן אַרבעטער. אין 1911 געקומען קיין קאַנאַדע. אַ יאָר געארבעט אין די יידישע קאלאניעס אין מערב קאנאדע, דערנאך זיך באזעצט אין טאר' אייניקע יאר געווען א פעלצן פאַרבער. טעטיקער מיטגליד פון די ערשטע פועלי־ציון גרופעס אין טאָר'. ער האָט געדרוקט לירישע לידער און פּאָעמעס, וואָס האָבן געוויזן טאַלאַנט און באַגאַבונג אין **דער יודישער זשורנאל**, טאָר' (פון 1912 ביזן סוף 1918)

באטייליקט זיך אין די יום טוב און יובל נומערן פון **קאנאדער אָדלער**, מאנט' לויט ידיעות פון זיין ברודער מענדל קרייצער אין תל אביב, איז ער נאָך דער רעוואָלוציע אין רוסלאנד, אוועק געפאָרן פון טאָראָנטאָ און זינט דאַמאָלט זיינען נישטאָ קיין ידיעות.

ציַיטונגס אויסשניטן פון דער יודישער זשורנאַל. מיטטיילונג פון חברים אין **קאנאדיאנא**.

גרין, יחיאל (1 טער דעצ' 1903 —)

געב' אין אָסטראווצע, פוילן. געלערנט אין חדר. יונגערהייט געוואָרן אַן אַרבעטער. נאָך אין פוילן געווען טעטיק אין דער לינקער פ״צ פארטיי. אין 1923 געקומען קיין טאר' און ביז 1963, געווען סעקרעטאר פון דער "באָראָכאָוו שול" און פון דער פ״צ פארטיי. געווען רעדאקציע־מיטגליד פון חודש זשורנאל **פראלעטארישער געדאנק**, טאר'־שיקאַגאָ באטייליקט זיך אין **אונדזער וועג**, טאר'־נ.י. און אין דער פארטיי פרעסע אין מדינת ישראל. דאָרטן געדרוקט חוץ וועגן פּאַרטיי־ענינים אויך וועגן ביכער און שרייַבער. זינט 1963, איז ג' דער

פאַרוואַלטער פון "י.ל. פרץ־פאַרלאַג" אין תל אביב.

גרינבערג, מאיר (1950־1904)

געב' אין לאַגיוו, קעלצער געגנט, פוילן. יידישע און טיילווייזע וועלטלעכע בילדונג. פון די פריע יוגנט־יארן טעטיק אין דער יוגנט ארגאניזאציע פון לינקע פ"צ סיי אין קעלץ און סיי אין לאָדזש, פון וואנען ער איז אין 1922 געקומען קיין טאָר'. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען אין דער קאנאדער ארמיי און אין די שלאכטן קעגן דער נאַצישער ארמיי שווער פאַרוואונדעט געוואָרן דאָס האט אויף אים שטאַרק געווירקט אז ער איז כסדר געווען אין א דעפּרעסיע־שטימונג און זייער ווייניק געשריבן. נאָך אין פוילן האָט ג' געדרוקט לירישע לידער אין **פרייע יוגנט**, **יוגנט־פאָן** און פון צייט צו צייט אין דער **ארבעטער צייטונג** (אלע אין ווארש') באטייליקט זיך אין **שפראצונגען**, א"א אויסגאבעס פון יונגע שרייבערס. אין טאראנטא, אַנטוויקלט זיין דיכטערישן טאַלאַנט און געווען אַ מיטגליד פון יונגער פּראלעטארישער דיכטער־גרופּע. באַטייליקט זיך אין **פּראלעטארישער געדאנק**, **דער יודישער זשורנאל**, אבער דער עיקר געדרוקט זיינע שאפונגען אין די ליטעראַרישע אויסגאבעס **העפטן**, **באגינען**, **רויערד**, **אין געווירבל**, **באשיידן**, **בא אונדז** און אויך אין די צייטונגען **דער קאמף**, **דער וועג**, **וואכנבלאט** א"א (אלע אין טאר') און פון צייט צו צייט אין **קאנאדער אדלער**, מאנט'. זיין איינציק ביכל **לידער**, טאר' 1932, 52 ז' האט געפונען אַ וואַרימען אָפּקלאַנג אין דער לינקער פרעסע און פעריאָדיק. יונגערהייט געשטאָרבן אין טאָר'

ח.מ. קייזערמאן, **אידישע דיכטער אין קאנאדע**, מאנט' 1934, אינדעקס, אינפאָרמאַציע פון שלום שטערן, לאָטי מלאך און מאיר קימעל, **קאנאדיאנא**.

גרינגלאס, מנחם־זאב (געב' אין

לאָדזש, געלערנט אין ישיבות, 1939, אוועק מיט דער ליובאוויטשער ישיבה פון פוילן און איבער רוסלאנד געקומען קיין יאפאן ווו געווען ביז 1942. פון דאָרטן געקומען קיין מאָנט'. מיטאַרבעטער פון דער ליובאוויטשער ישיבה. לאנגע יאָרן געדרוקט אין **קאנאדער אדלער** יעדן פרייטיק אַ קאָלום א"ט. "זכור את יום השבת" און ער האט פארטייטשט אין יידיש סיי מאמרי חזל און אויך על פי "נוסח ליובאוויטש". ער האָט זיך אויך באטייליקט אין דער תורה־שריפט **המאור**, נ.י. איבערזעצט אין א היימישן יידיש דעם **קובץ ליקוטי דינים**, וואס אנטהאלט דינים פון מענטשלעכער פירונג. (דערשינען דריי אויפלאגעס, די ערשטע, נ.י. 1951, 64 ז' צוזאמען מיט יהודה לייב גראָנער באארבעט און צוזאמענגעשטעלט דאס **ספר המנהגים** (מנהגי חבד) נ.י. 1964, 107 ז' הרב ג' האט אויך באארבעט און געדרוקט אויף יידיש א צאל **"שיחות"** פון ליובאוויטשער רבין.

י.ק. **די אידישע שטימע**, לאָנדאָן, 28 נאָוו' 1958, **קאנאדיאנא**.

ד

דאַוואַנג, סימע (6 טער מיי 1907 —)

געב׳ אין ווילן׳ליטע אין א משפחה פון לערערס און לערנערס. געענדיקט די ערשטע יידישע גימנאַזיע, דעם לערער־סעמינאַר און שטודירט הומאַניסטישע וויסנשאַפטן און פעדאַגאָגיק אויפן ווילנער אוניווערסיטעט און באַקומען א מאַגיסטער־דיפּלאָם. כמעט דאָס גאַנצע לעבן געווען א יידישע לערערין. די מלחמה־און חורבן־יאָרן, איבערגעלעבט אין געטאָס און לאַגערן. פון 1945 ביז 1951 געלעבט אין פאַריז. דאָרטן געווען אקטיוו אין יידישן לעבן, דער עיקר אין דער יידישער קולטור־סביבה. אין סוף 1951 געקומען קיין מאָנט׳ און געווען א יידישע לערערין אין די יידישע פאָלקסשולן, לערער סעמינאַר, איינע פון די אקטיווסטע טוערס אין ווילנער פאַרבאַנד און אין כמעט אלע מוסדות פון יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. **נאָך פאַר דער מלחמה אין 1939,** געדרוקט מעשהלעך און אַרטיקלען אויף פעדאַגאָגישע טעמעס און וועגן ליטעראַטור אין **ווילנער טאָג** און אין א צאָל ווילנער אויסגאַבעס. זינט 1947 פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, עסייען וועגן שרייבער און ביכער, מאמרים וועגן שול־פּראָבלעמען און וועגן לעבן אין די געטאָס און לאַגערן אין **קיום, אונזער וואָרט,** פאַריז, **פאָרווערטס, דער טאָג, אמעריקאַנער,** נ.י. **קאַנאַדער אדלער,** מאָנט׳. זי איז א מחברין פון א צאָל בראָשורן אויף חורבן־טעמאַטיק. צוו אנד. "מיר וועלן ניט פאַרגעסן" מאָנט׳ 1963, מחשבות **וועגן חורבן,** דאָרטן 1974 א"א וואָס ווערן אויסגענוצט אויף **ווילנער און** אנד׳ געטאָ אזכרות און אויך איניקע ביכעלעך מיט טעמעס פאַר שולן, וואָס ווערן עד היום באַנוצט, צווישן זיי **רעטענישן און שפּילן, סוכות פּרייד, דאָס לאַטאַשפּיל** (אַלע דערשינען אין מאָנט׳) זי דרוקט אויך אונטער: א ניס, סימע א"א.

לויט פּאַרשידענע מאַטעריאַלן, **קאַנאַדיאַנאַ.**

דאַניעלאַק, יוסף (1900־10 טער יוני 1951)

געב׳ אין ראַדזין, ביי וואַר׳ פּוילן. באַקומען יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון 1917 געווען א יידישער לערער, קולטור־עסקן און דערציער אין א יתומים הויז אין מעזריטש און אַ טייל פון די מלחמה־יתומים געברענגט מיט זיך קיין קאַנאַדע. ביז 1947 געלעבט אין טאָר׳ אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער עסקן, שול־טוער און לעקטאָר איבער יידישע קולטור־ענינים, דערנאָך, ביז צו זיין פּריצייטיקן טויט, געווען פון די איבערגעגעבענע טוערס אין דער "יידישער פאָלקסביבליאָטעק" און אין אנד.

קולטור־אינסטיטוציעס אין מאָנט׳. ער איז געווען צווישן די פּיאָנערן פון דער יידישער פּראָווינץ־פּרעסע אין פּוילן און רעדאַקטאָר פון **מעזריטשער וואָכנבלאַט**. דאָרטן געדרוקט דערציילונגען, קינדער־מעשהלעך, קינדער־פּיעסן, אַרטיקלען וועגן פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען און וועגן שרייבער און ביכער. י.ד. האָט זיך אויך באַטייליקט אין פאַרשידענע צייטונגען און צייטשריפטן אין פּוילן. אין קאַנאַדע, געווען א מיטאַרבעטער פון **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ און פון אייניקע ליטעראַרישע זאַמלונגען. דאָרטן פאַרעפנטלעכט רעפּאָרטאַזשן, הומאָרעסקעס פעליעטאָנען און איבערזעצונגען. אייניקע פון זיינע קינדער־פּיעסן זיינען אונטער זיין רעזשי אויפגעפירט געוואָרן אין די יידישע שולן אין קאַנאַדע. אין בוכפאָרעם. **די וואונדערלעכע** קליידער, שפּיל פאַר קינדער אין דריי אַקטן,(באַאַרבעט לויט אַנדערסאָן) טאָר׳ 1950, 32 ז׳. י.ד. איז געשטאָרבן אין מאָנט׳. אין אָפּטייל קאַנאַדיאַנא ביַי דער ייִד. פאָלקסביבליאָטעק, געפינען זיך א גאַנצע רייע פון זיינע צוגעגרייטע צום דרוק קינדער־פּיעסן און איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור וואָס זיינען צוליב זיַין פּלוצימדיקן טויט, געבליבן אין מאַנוסקריפּטן.

לויט פאַרשידענע מאַטעריאַלן, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור** ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע און פון זיין אַרכיוו.

דונסקי, שמשון, (15 טער אויג. 1899 —)

געב׳ אין יאַשינאָווקע, ביי ביאַליסטאָק, פּוילן. געלערנט אין ישיבות. ביז 1921, געווען א לערער אין דער ״יבנה־שול אין סוכאָוואָליע. אין 1922 געקומען קיין קאַנאַדע. דאָס ערשטע יאָר געאַרבעט ווי אַ לערער אין דער ״מאָנטרעאַלער ישיבה״ און זינט דעם שול־יאָר 1923, לערער אין די ״פאָלקסשולן. (פון 1927 ביז 1969 געהילפס פּרינציפּאַל) פון די גרינדער פון העברעיש־יידישן לערער־סעמינאַר און ביז 1975 אַ לערער פון יידישער געשיכטע, דקדוק און מעטאָדיק. אין ״פאָלקסאוניווערסי־טעט״ זינט 1929. געדרוקט אַרטיקלען, עסייען, לידער, קינדער־מעשיות און אַנד. שריפטן אויף נאַציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכע און פּעדאַגאָגישע טעמעס אין **קאַנאַדער אַדלער**, **פאָלקס שולן־זאַמלונגען** א״א, מאָנט׳. באַטייליקט זיך אין **אידישער קעמפער**, **יידישע דערציאונג**, **אונדזער אייגן וואָרט**, **קינדער זשורנאַל** (אַלע אין נ.י.) זיינע פאָרשונגען וועגן ר׳ יוסף קארו, האבן אַרויסגערופן גרויס אויפזען. ער האָט אויך געדרוקט אין א צאָל העברעישע אויסגאַבעס. ש.ד. האָט זיך אויך באַטייליקט אין **פנקס פון שלום עליכם פאָלקסאינסטיטוט**, שיקאַגאָ, 1946, פיר עסייען וועגן אַקטועלע פּראָבלעמען אין **שלמה ווייסמאַן בוך**, 1961 פון וועלכן געווען רעדאַקטאָר. אין יובל־ספר לכבוד א. גאלאמב **חסד לאברהם**, לאָס אַנדזשעלעס. 1969, געדרוקט די עסיי ״אהבת ישראל אין תנך און אגדה״ ער האָט פאַרפאַסט א ריי טעאַטער־שפּילן, קינדער־פּיעסן וואָס זענען אויפגעפירט געוואָרן אין די יידישע שולן. ער איז דער טריַיער איבערזעצער און צום ערשטן מאָל־לויט א וויסנשאַפטלעכן מעטאָד, די מדרשים פון די פינף מגילות: **איכה רבה** פון העברעיש־אַראַמעישן

טעקסט מיט זיינע הערות, און אַן אַריינפיר דערקלערונגען מאָנט׳. 1956 364 ז׳. **אסתר רבה און רות רבה, דאָר־טן** 1962, 389 ז׳. **קהלת רבה**, 1967, 514, אין יידיש און אַן אַריינפיר אין ענגליש (14 ז׳) (באַקומען די ליטעראַטור־פּרעמיע פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס) **שיר השירים רבה דאָרטן**, 1973, 536 ז׳ (באַקומען די י.י. סיגאַל־ליטעראַטור־פּרעמיע) חוץ די איבערזעצונגען, פאַרמאָגן די ספרים אויך א גרינט־לעכע נאָכפאָרשונג סיי אין אַלט־יידישע מקורות און לעקסיקאָגראַפישע אַרבעטן. זיי באַווייזן די רייכקייטן פון דער יידישער שפּראַך און ווערן באַטראַכט ווי א גאָניאַלער אויפטו פון איבערזעצער. ש.ד. אַרבעט די לעצטע יאָרן אויף א העברעישער אויסגאַבע פון די פינף ספרים. און דאָס ספר **שיר השירים** וואָס אַנטהאַלט אַרום 300 ז׳ דאַרף אין יאָר 1979, דערשיינען אין ״דביר״ פאַרלאַג אין תל אביב. ש.ד. איז אויך א מחבר פון א לערנבוך **אימוני דקדוק**, דערשינען אין מאָנט׳ אין 1951, צוויי גלייכע טיילן צו 100 ז׳ און זיי ווערן באַנוצט אין די יידיש־העברעישע שולן סיי אין קאַנאַדע אויך אין אַנדערע לענדער (עד היום דערשינען אין 8 אויפלאַגעס, די לעצטע אין 1975) אין 1978 זיינען דערשינען זיינע 2 ביכעלעך פאַר קינדער **מיין לידער ביכעלע**, 1,, 12 ז׳ און **מיין לידער ביכעלע 2**, 40 ז׳ מיט אילוסטראַציעס פון קינסטלער י. שיינבלום. טייל פון די לידעלעך ווערן געזונגען אין די יידישע פאָלקס־און פרץ־שולן אין מאָנטרעאַל. מיר ווילן כדי צו אילוסטרירן די וויכטיקייט פון זיין הייליקער און אומדערמידלעכער עבודה פון א סאַך יאָרן (אין דער אמתן־כמעט א גאַנץ לעבן) ברענגען איניקע אויסצוגען...״ש.דונסקיס פּרווו איז א געראַטעטער און א געלונגענער. אַ חוץ וואָס ער ווייזט־אָן א דרך, אַז א מאָדערנער מענטש דאַרף ניט דווקא ליגן ראשו ורובו אין א וואָכנדיקן לייכטן צייט־פאַרברענגען, נאָר ער קען אויך געפינען א הייליק ווינקל, ווו זיך מתבודד צו זיין...דער יידיש איז א זאַפטיקער, זיין שפּראַך־אמת פאָלקסטימלעך, דער סדר פון די איינ־טיילונגען און דער אַריינפיר זיינען באַלערנדיק, די קורצע באַמערקונגען, טרעפלעך און צום פּונקט״ (הרב ד״ר מאיר שווארצמן)

...עס איז אַלטער ווייַן אין נייע לאָגלען. וויסנשאַפטלעך, קריטיש און דאָך געטריי. דערצו קומען צו אויטאָריטעטע דערקלערונגען. דאָס איז א ספר פאַר יעדן אינטעליגענטן יידן...

(א. גאָלאָמב.)

...עס איז מער ווי סתם אַן איבערזעצונג. עס איז קודם־כל אַן אויסגלייכן פון נישט־קלאָרע טעקסטן פונעם העברעיש־אַראַמעיִשן אָריגינאַל, מיט אַ פולער פּונקטואַציע. עס איז אַן איבערגיסן, א שפּראַכלעך־איבערשאַפן די מדרשים אויף א היימיש־פאָלקסטימלעך לשון וואָס באַרייכערט...

(יעקב זיפּער)

...דונסקי איז ניט קיין איבערזעצער, נאָר אַן איבערדיכטער און דערביי געלינגט אים צו שאַפן א וווּנדערלעכן סינטעז צווישן דעם וואָרצלדיקן אַלט־לומדישן יידיש פון חדר און ישיבה מיט דעם נייעם, פּאָעטישן יידיש פון אונדזער צייט, פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור...

(יצחק יאַנאַסאָוויטש)

...אַט דער מדרש מיט זיין נוסח, שטייגער און קאָלאָריט, וואָס ש.דונסקי גיט אונדז איבער מיט גרויס

געטרייַשאַפט. זייַן פאַרגלייַך־און פאַרטייטש־טעכניק מיט פירושים, הערות און א ריי פון טעקסט־וואַריאַנטן פון פאַרשידענע מקורים, גיבן דעם מדרש אין יידיש זייַן אמתן תיקון... (יעקב מייטליס)

וועגן דונסקי און זייַנע מגילות־איבערדיכטונגען זענען געשריבן געוואָרן א גרויסע צאָל אַרבעטן. דאָס אָרט דערלויבט נישט אַלעמען אויסצורעכענען.

ש. דונסקי האָט געקראָגן דעם מאַנגער פּרייז פאַרן יאָר 1980.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב. 2. ווי אויך לייטן א.ב. יצחק באשעוויס, מ. בערנשטיין, יוסף גאַלאי, א. גאָלאָמב, ב.צ. גאָלדבערג, יעקב גלאַטשטיין, ב.ג. זאַק, י. זיפּער, י. יאַנאָסאָוויטש, ה. לייוויק, י. מייטליס, דר. ע. נאַקס, ישראל ראַבינאָוויטש, מלך ראַוויטש, הרב מאיר שוואַרצמאַן, משה שטאַרקמאַן, מ.מ. שאַפּיר, וואָלף שניידער (אין יידיש) און אין העברעיש, פון א. בן מאיר, י. עמוס־פרידלענדער א״א.

דיאַמאַנט, משה (1909־)

געב׳ אין דאָרף גאַלין, וואָלין. ביז 12 יאָר געלעבט אין דאָרף, דערנאָך געענדיקט א סאָוויעטישע שול אין זשיטאָמיר און שטודירט אויפן יידישן פּעד־טעכניקום אין קיעוו. אין 1929 פאַרלאָזט רוסלאַנד און ביז סוף 1933 געלעבט אין קאַנאַדע. א צייט געווען א יידישער לערער אין מאָנט׳ און ווינ׳, שפּעטער א שריפטזעצער. אין 1933 געפאָרן אויף א באַזוך צו זייַנע עלטערן קיין רוסלאַנד אָבער די מאַכט האָט אים מער נישט געלאָזט צוריקפאָרן קיין קאַנאַדע. ערשט אין 1971 איז ער געקומען קיין מדינת ישראל. אנגעהויבן שרייבן העברעישע לידער אין די יונגע יאָרן און זינט 1927 אריבער צו יידיש. א שטילער ליריקער, האָבן באַלד זייַנע ערשטע שאַפונגען געצויגן דעם אויפמערק פון דער קריטיק. אייניקע לידער געדרוקט אין סאָוויעטישע אויסגאַבעס אָבער אַנטוויקלט און רייף געוואָרן ווי א דיכטער איז ער אין קאַנאַדע. באַטייליקט זיך אין די ליטעראַרישע פּרייטיק־ביילאַגעס, **פון דאס יודישע וואָרט**, ווינ׳. שפּעטער געדרוקט אויך אין **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳, דער יודישער זשורנאַל, טאָר׳, ווי אויך אין די ליטעראַרישע זאַמלונגען פון דער יינגער פּראָלעטאַרישער דיכטער־גרופּע אין טאָר׳ זייַנע לידער אין די זאַמלונגען: **אין געווירבל, דער קאַמף, האַמער, באַגינען, העפטן**, ווי אויך אין **קינדער־זשורנאַל**, האָבן באַוויזן ווי עס שרייבט ח.מ. קייזערמאַן "אייגנאַרטיקייט און טאַלאַנט" די שווערע יאָרן אין רוסלאַנד און די מלחמה, האָבן שטום געמאַכט זייַן פּאָעטישע מוזע. ערשט אין ישראל אָנגעהויבן ווידער שרייַבן. דאָס מאָל אָבער אין פּראָזע. דרוקט אַרטיקלען אויף פאַרשידענע טעמעס **אין ישראל שטימע**. פון זייַנע לעצטע אַרבעטן איז זייער געלונגען די זכרונות וועגן זייַן שוואָגער דעם יידיש־סאָוועטישן שרייבער, איציק קיפּניס, וואָס ער האָט געדרוקט אין אייניקע נומערן פון דער **יידישער קולטור**, נ.י. באַלייכטן דאָס געשטאַלט פון גרויסן שרייבער. וווינט אין ראַמלע. איז אַן ענגלישער לערער. געדרוקט אויך א״פּ מ. וואַלינער, "יהלומי".

ח.מ. קייזערמאַן־וויטאַל, **אידישע דיכטער אין קאַנאַדע**, מ. 1934 ז׳ 104־105, **אינפאָרמאַציע פון רחל ראַוויטש, קאַנאַדיאַנא.**

דימאס, מאקס

ביאגראפישע פרטים־נישט באקאנט. מיר ווייסן נאר, אז ער האט פון סוף 19 טן יארהונדערט געלעבט אין האמילטאן און זאל זיין געווען א לערער אין אן ענגלישער שול. ער האט אין די יארן פון 1910 ביז 1914 געפירט יעדע וואך אין **קאנאדער אדלער,** מאנט' א באלערנדיקן קאלום "נאטור און וויסנשאפט" געשריבן אין א צוגענגלעכן און פאלקסטימלעכן יידיש.

לויט צייטונגס אויסשניטן, און קאנאדיאנא.

דימענטשטיין, יוסף, מ. (5 טער דעצ' 1898־20 טער סעפט' 1945)

געב' אין קורעניץ, ווילנער געגנט, ליטע. געלערנט אין חדר, ישיבה און אין א רוסישער פאָלקסשול. אין 1914 געקומען קיין אמעריקע און ביז 1922 געלעבט אין נ.י. דארטן ווייטער שטודירט. א יאר געלערנט אין יידישן לערער־סעמינאר ניו־יאָרק. געווען א מיטגליד פון דער "מאָדיקאָט מאַריאָנעטן טרופע", אין מאָנטרעאל געטאָן פארשידענע מלאכות, אבער זיך ווייטער אפגעגעבן מיט לערנען. פון די יונגע יאָרן געשריבן לידער אָבער דרוקן ערשט אנגעהויבן אין 1924 מיט ארטיקלען אויף אקטועלע טעמעס און וועגן טעאטער ענינים צוערשט אין יידיש־ענגלישע צייטונגען און זינט 1925 אין **קאנאדער אדלער** פון וועלכן שפעטער געווארן אן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער. דאָרטן געדרוקט אויך ליטעראַרישע עסייען, אין 1927 געגרינדעט דאס וואָכנבלאט **די יידישע פאָלקסשטימע,** וואס ער האט כמעט אליין אויסגעפילט מיט זיינע ארבעטן. צוליב סיכסוכים, געמוזט אויפהערן צו דערשיינען און אָפגעשטעלט זיך אין אנהויב 1928. א פעסימיסט, האט ער געמאכט א זעלבסמאָרד פרואוו, אבער דערנאך ווידער געשריבן סיי אין **קאנאדער אדלער** און סיי אין **דזשואיש קראניקל** (ביידע אין מאנט') ווי אויך אין דער יידיש־ענגלישער פרעסע. ער האט זיך אויך באַטייליקט אין א צאל **יובל אויסגאבעס פון קאנאדער אדלער. צוו' אנד' געדרוקט אן עסיי וועגן דעם היסטאריקער** ב.ג. זאק. געשטאָרבן נאך א קורצער קראַנקהייט אין יאַנגסטאָן, אָהייאָ.

לויט פארשידענע צייטונגס־אויסשניטן, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור** ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע, **קאנאדיאנא,** און נעקראָלאָגן אין דער פרעסע.

דיקשטיין משה (1890־26 פעבר. 1955)

געב' אין ראקאוו ביי ראדעם, פוילן. יונגערהייט געווארן א יתום. געלערנט אין בית המדרש און ביי פריוואטע לערערס. אין די יונגע יארן געווען אקטיוו אין "קליינעם בונד" און געווען ארעסטירט. אין 1913 געקומען קיין אמעריקע, אבער באלד אוועק קיין מאָנט. און געווארן אקטיוו אין דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג. מיטגליד פון צ"ק פון פ"צ, פארזיצער פון די הסתדרות־קאמפיינען. ביז צו זיין קומען אין קאנאדע, געשריבן אין דער יידישער פרעסע אין פוילן. בעת ברייזין איז געווארן רעדאקטאר פון **קאנאדער אדלער,** און שפעטער ווען בר' האט רעדאקטירט **דער וועג,** איז מ.ד. געווארן אן אינעווייניקסטער מיטארבעטער. אין ביידע צייטונגען געדרוקט חוץ זשורנאליסטישע ארטיקלען, אנגעפירט מיטן אפטייל "יוניאנס און פאריינען", פעליעטאנען און הומאָרעסקעס (א"פ "משהלע, בן

עמרם, בן אפרים) אין **קאַנאַדער אדלער**, 1950, געדרוקט אין המשכים די סעריע רייזע־באַשרייבונגען" פון פּאַלעסטינע ביז ארץ ישראל" וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט קלאָרקייט און סטיל און זאַפטיקייט. (דערשינען אין בוכפאָרם אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון דיכטער א.מ. קליין, מאָנט, 1951, 101 ז) געשטאָרבן אין מאָנט׳.

זלמן רייזען, **לעקסיקאָן ב.1, לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע, ש. בעלקין, **די פּועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע, אינדעקס, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע. קאַנאַדיאַנאַ.**

דענבורג, חיים־נח (15 טער יולי 1918 —)

געב׳ אין מאָנט׳ יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. 1942 באַקומען סמיכה אויף רבנות און זיין ב.א. דיגרי פון "ישיבת ר׳ יצחק אלחנן" אין נ"י און אין 1946, זיין "ד"ר דיגרי" **פאַר זיין פאָרשונג** "חומר און צורה" ביים רמבם פון מאָנט. פראַנצויזישן אוניווערסי־טעט, פון וועלכער געווען פון 1946 ביז 1970 פּראָפעסאָר פון "יידישע פילאָזאָ־פיע אין מיטלאַלטער" געדרוקט אַרטי־קלען און אָפּהאַנדלונגען אויף טעמעס פון יידישעה הלכה אין **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט׳ (צווישן אַנדערע א ציקל וועגן "תחית המתים מן התורה") באַטייליקט זיך אין **הדואר, הפרדס** א"א, נ"י. באַקאַנטער לעקטאָר. מחבר פון ביכער אין ענגליש **איבער יידישער געזעצגעבונג**" (לויטן שולחן ערוך)

כמעט דאָס גאַנצע לעבן זיך געווידמעט דאָס איבערזעצן אין ענגליש דעם **שולחן ערוך** (אַלע בענדער) פון ר׳ יוסף קארו, וואָס עד היום זענען דערשינען די ערשטע 2 בענדער מיט אַן אויספירלעכן אריינפיר אין וועלכן הרב ד׳ פירט אריין דעם לייענער אין דער וועלט פון יידישער הלכה. (בקרוב דערשיינען ווייטערע בענדער) ער איז אויך באַקאַנט ווי אַן אויסטייטשער פון וויכטיקע ווערק אויף יידיש, צווישן זיי זיין ציקל לעקציעס וועגן "רמבן" געהאַלטן אין 1978.

אַן אוהב פון יידיש און דער יידישער ליטעראַטור, איז הרב ד׳ געווען דער ערן־גאַסט ביי דער פייערונג לכבוד דעם קאַנאַדער אדלער פון יאָר 1978. לויט פאַרשידענע קוואַלן, קאַנאַדיאַנאַ, י. זיפּער קאַנאַדער אדלער, מאָנ. 23טער יוני 1978.

דרובין, דוד (12־1883טער אויג. 1952)

געב׳ אין זלאַטאָפּאָל, אוקראַינע. זייער יונג געוואָרן אַן אַרבעטער. אין 1904, געווען א זעלנער אין דער רוסישער אַרמיי אויפן יאַפּאַנישן פראָנט און צוליב נגישות, ווי א ייד, אַנטלאָפן פון זיין ראָטע און אין 1905 געקומען קיין קאַנאַדע. א צייט געלעבט אין וויניפּעג דערנאָך ביזן טויט, אין מאָנט׳.

פון 1913 ביז 1950 געדרוקט לידער צו אַלע יידישע ימים טובים און אויף נאַציאָנאַלער טעמאַטיק, קליינע דערציילונגען פון שטעטלדיקן לעבן, הומאָרעסקעס און מאָנאָלאָגן אין **קאַנאַדער אדלער, דער וועג** (רעד. ר. בריינין) און **קענעדער אידישע פּאָסט** (אַלע אין מאָנט.)**דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ **דאָס יודישע וואָרט**, ווינ׳ א"א, וואָס טיילן פון זיי, זענען אריין אין זיינע ביכער: **א שפּיגל פון לעבען**, מאָנט׳ 1939, 103 ז׳ מיט א פאָררײדע פון מחבר אין וועלכער ער דערציילט אביסל פון זיין לעבן. אין זיין

צווייטן בוך **בילדער פון לעבען,** מאנט. 1943, 104 ז' שרייבט ער וועגן זיינע יארן אין קאנאדע. געשטאָרבן איינזאַם אין מאָנט.

אינפאָרמאַציע פון זיינע זלאַטאָפּאָליער לאַנדסלייט אין קאַנאַדע, **קאנאדיאנא.**

דריז, שלמה.

ביאָגראַפישע פרטים, נישט באַקאַנט. מיר ווייסן נאר, אז ער האט געשטאמט פון אוקראינע און אין 1911 געלעבט אין מערב־קאנאדע, דערנאך ביז צו דער רעוואלוציע אין רוסלאנד געוועזן אַן ארבעטער אין טאר'. אין די יארן פון 1912 ביז 1919, געדרוקט לידער און פאָעמעס אויף נאטור־מאטיוון און אויף לירישע און ראמאנטישע טעמעס, וואָס האבן געוויזן טאלאנט און א באַהאַוונטקייט אין יידישע ספרים, וואס ער האט באארבעט אין זיינע גרעסערע פאעמעס, וואס ער האט געדרוקט סיי אין **דער יודישער זשורנאל,** טאר'. **קאנאדער אדלער** מאנט'. **דאס יודישע ווארט,** וויג. און טיילמאל אויך אין דער יידישער פעריאָדיק אין נ.י. ער זאל האָבן אין 1919, אונטערן איינדרוק פון דער באלשעוויסטישער פראפא־גאנדע, צוריקגעפארן קיין רוסלאנד און זינט דאמלט, זענען נישטא וועגן אים קיין ידיעות, אינפארמאציע פון טאראנטער תושבים, צייטונגס־אויסשניטן און קאנאדיאנא.

ה

האלפּערן, אסתר (1947־1884)

געב׳ אין וואַר׳, אין א משפחה פון א יידישן מוכר־ספרים. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. פון 1920 ביז צו איר טויט, אין קאַנאַדע. געווען אקטיוו אין יידישן קולטור־לעבן אין מאָנט׳ און אָטאַווע. לאַנגע יאָרן געדרוקט דערציילונגען, פעליעטאָנען ליטעראַריש־קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער און ביכער אין **קאַנאַדער אדלער** (צוו. אנד. אירע איבערזעצונגען פון דר הערצלס פעליעטאנען) און דערציילונגען אין **דער יודישער זשורנאל, דאס יודישע ווארט** א.א. איר סעריע ארטיקלען ״די יידישע שרייבערס אין ווארשע״ האבן ארויסגערופן גרויס אויפזען הן צוליב זייער לעבעדיק־מאלערישער שילדערונג און פּאָלקסטימלעכער שפּראַך און הן מיט די פּרטים וועגן לעבן און שאפן פון די יידישע שרייבערס אין פוילן אין אנהויב פון 20 טן י.ה. אירע זכרונות וועגן מענדעלע מוכר ספרים און וועגן די ביכער־זאמלערס אין ווארשע, געדרוקט אין **ייווא בלעטער**, נ.י. באלייכטן אַן אינטערעסאַנט קאַפּיטל פון יידישן לעבן אין פוילן און זענען א וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון דער השכלה בכלל. די לעצטע יארן געלעבט אין אָטאָווע און דאָרטן געשטאָרבן.

לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור, ב.3 מיט ביבליאָגראַפיע.

האלפּערן, משה־לייב (22 יאנ. 1886־31 אויג. 1932)

געב׳ אין זלאָטשעוו, מזרח־גאליציע. יאָרן געלעבט אין ווין, וווּ געווען אַ שילדן־מאַלער. דאָרטן אנגעהויבן שרייבן לידער, וואָס האבן אים שפּעטער אין אמעריקע, דערהויבן צו איינעם פון די גרעסטע און אייגנאַרטיקסטע דיכטער פון זיין צייט. פון אַפּריל ביז אָקטאָבער 1912, געלעבט אין מאָנט׳ געווען געהילפס־רעדאַקטאָר, רעפּאָרטער, נייעס־שרייבער און איבערזעצער פאר **די פאלקסצייטונג**. דאָרטן חוץ לידער (צווישן זיי דאס באַרימטע ליד ״צום סטרייק״ 7 טער יולי וואס האט אַרויסגערופן די יידישע דריי טויזנט שניידער ארבעטער אין די גאסן). מ.ל האט דאָרטן אויך געדרוקט זיינע קליינע דערציילונגען און איבערזעצונגען פון דייטש און ענגליש (מאָפּאַסאַן, טשעכאָוו און דעם ״ראמאַן פון ארבעטער־לעבן״ פון ל. קלעמפּערט אין פארזעצונגען 22 וואכן. ער האט אויך געדרוקט אין דער קאנאדער ארבעטער פרעסע, **די קעמפער שטימע**, 1913, **דאס וואָרט** 1915 און **דאס פאלק** 1917 (רעד. יהודה קויפמאַן)

מער פּרטים וועגן זיין לעבן און שאפן זען: ז.

רייזען, **לעקסיקאן ב.1** מיט ביבליאגראפיע. **לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, ב.3 מיט ביבלאגראפיע ש. בעלקין **די פועלי־ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס **קאנאדיאנא**.

האלפערן, פיליפ (1894־5 טער יאנ. 1932)

געב׳ אין מינסק, ווס״ר. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. אין די יונגע יאָרן געוואָרן א מיטגליד פון דער ס״ט־פארטיי. אין 1910 געקומען קיין אמעריקע און זיך דערנענטערט צו ד״ר ח. זשיטלאווסקיס גרופע, ארום דעם זשורנאל ״דאס נייע לעבן״ אָבער שפעטער געוואָרן א מיטגליד אין דער פ״צ־פארטיי. פון 1912 ביז צו זיין פריען טויט, געלעבט אין טאר׳, און געווען פון די ערשטע מיטארבעטערס פון **דער יודישער זשורנאל**, טאָר׳, דארטן חוץ ארטיקלען און רעפארטאזשן געפירט דעם אפטייל ״פון ארבייטער לעבן״ אין די יארן 1918־1920, געווען אין דער טאר׳. גרופע פון יידישן לעגיאן אין ארץ ישראל און טייל פון זיינע איינדרוקן געדרוקט אין דער יידישער פרעסע דערנאך צוריקגעקומען קיין טאָר׳. און ווידער געווארן אקטיוו אין דער פ״צ באוועגונג, דער עיקר אויפן קולטור־געביט. פון אנהויב 1923 ביז צו זיין טויט, געווען פאַרבונדן מיט דער קאָמוניסטישער פארטיי פון קאנאדע און געווען רעדאקטאר פון ערשטן קאַמ. ווכ״בל, דער אנזאג, טאר׳ (סעפט־דעצ. 1925) וואס ער האט כמעט אליין אויסגעפילט מיט זיינע ארטיקלען און רעצענזיעס פון ביכער און טעאטער (אויך א״פ ירוחם) ער האט געהאט פאַרדינסטן מיט צוציען צו דרוקן א גרויסן טייל פון די יונגע פראלעטארישע דיכטערס, וואָס זענען געקומען קיין קאַנאַדע. ער איז אויך געווען ביז צו זיין טויט, רעדאקטאר פון וו״כב **דער קאַמף**, טאר׳. באטייליקט זיך **מ׳ פרייהייט**, **דער האמער** א״א קאָמוניסטישע אויסגאבעס אין קאנאדע און אמעריקע.

געשטארבן אין טאר׳.

לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, ב.3 מיט ביבליאגראפיע. אינפארמאציע פון י. גערשמאן, **קאנאדיאנא**.

האלפערין שלמה (ביאָגראַפישע ידיעות נישט באקאנט)

מיר ווייסן נאָר אז ער איז אין 1913 געקומען פון רוסלאנד קיין טאר׳, און געטאן פארשידענע ארבעטן, גלייכצייטיק זיך געלערנט אויף אָוונט־קורסן. ער איז׳ געווען א מיטגליד פון דער ערשטער יונגער דיכטער־גרופע אַרום דעם ער־שטן ליטערארישן זאַמלבוך קאנאדע, טאָר׳ 1919 און הגם זיינע ערשטע לי־דער זענען נאָך געווען שוואַכע, האָט ער שפעטער געדרוקט לידער און פא־עמען, דער עיקר אויף נאטור־טעמעס אין דער יודישער זשורנאל, טאר׳ קאנאדער אדלער (ספעציעל אין די יובל נומערן) **דאס יודישעווארט**, ווינ׳, און אויך אין א טייל אויסגאבעס פון די לינקע שרייבערס אין אמעריקע. ווייטערע ידיעות־נישט באקאנט. זאל זיך האבן באזעצט אין נ״י.

ח.מ. קייזערמאן־וויטאל, **אידישע ריכטער אין קאנאדע**, אינדעקס, **קאנדיאנא**.

האַרקאַווי, אַלעקסאַנדער (5 טער מיי 1865־2 טער נאוו. 1939)

געב׳ אין נאָוואָראַדאָק, פוילן. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. פון די פריע יאָרן ארויסגעוויזן א נייגונג צו שפראכן. צו 15 יאר אנגעהויבן שרייבן

שירים און מאמרים אויף לשון קודש אין מליצה סטיל פון יענער צייט. ער האט זיך באזעצט אין ווילנע און אנגעהויבן ארבעטן, ווי אן אותיות־שלייפער אין ראָמס דרוקעריי. דאָרטן באקענט אייזיק מאיר דיקן און אונטער יענעמס איינפלוס, אריבער צו יידיש. הארק׳ ערשט ליד ״על נהרות בבל״, וואָס ער האט אנגעשריבן נאך די פאגראמען פון 1881, האט אין אים פאַרפעסטיקט די אמונה אין יידישן לשון. אין יענעם יאָר זיך אָנגעשלאָסן אין דער ״עם עולם״ באוועגונג און מיט אַ גרופע געקומען אין 1882 קיין אַמעריקע. אין אנהויב 1887, געקומען קיין קאנאדע און ביזן סוף 1888, געווען א העברעישער לערער אין דער ״שערי שמיים״ שול אין מאָנטרעאַל. ער האָט אויך שפּעטער געלעבט אין מאנט׳ אין די יאָרן 1889־1890. די עטלעכע יאָר לעבן אין מאנט׳, ווו דער רוב נייע עמיגראנטן, האבן בלויז גערעדט יידיש, האָט געשטאַרקט זיין גלויבן אין דער צוקונפט פון דער יידישער שפּראַך. דאס איז געקומען צום אויסדרוק, חוץ דורך זיינע ליטעראַריש־געשריבענע קארעספאנדענצן וועגן יידישן לעבן אין מאנט׳, וואס ער האט פארעפנטלעכט אין דער **הצפירה** וואר׳ אין **המליץ**, פט״ב אדער אין **המגיד**, ליק, אויך אין זיין ווערן א פּיאָנער און אַן ארויסגעבער פון **דער ערשטער יידישע ציטונג די צייט**, מאנט׳ 1887, וואס ער האט איינער אַליין אויסגעפילט מיט זיינע ארבעטן, (אין געבתיבהטע אותיות) אויך אַליין פארקויפט צווישן יידישן עולם (אין יענער צייט איז נאָך נישט געווען קיין יידישע שריפט אין קאנאדע) א.ה. איז אויך געווען דער ערשטער־יידישער שרייבער וועגן יידישן לעבן אין מאנט׳ אין א. גאלדפאדענס **יודישע אילוסטרירטע צייטונג**, נ.י. 1887, נומער 1, אין א קאָרעספּאָנדענץ האט ער אין א באגייסטערטער יידישער שפּראַך באַלויכטן די אָנהויבן פון אַן אָרגאַניזירטן יידישן עולם און א צוזאָגנדיקער אַנטוויקלונג פון א ניי יידיש לעבן אין קאַנאַדע, ווי עס שרייבט וועגן דעם דער היסטאָריקער ב.ג. זאק אין זיין **געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע** ״מען קען זאָגן אויף זיכער אַז די עטלעכע יאָר פון הארקאוויס לעבן אין מאָנט׳, איז פאר די קאַנאַדער יידן אין א געוויסער מאָס. אָנגעצייכנט געווארן דער וועג פון א נייַער, ווייטערדיקער אַנטוויקלונג. עס האָט אנגעהויבן ווערן רייף דער געדאַנק צווישן זיי, וואָס האָט אנגערעגט מיט אינטענסיווער טעטיקייט בכלל.״ (זע; ז׳ז׳ 179־180) און כאָטש א.ה. האָט דערנאָך געלעבט און געשאַפן אויך אין אַנדערע לענדער און שטעט, איז ער כמעט אויף תמיד געווען פאַרבונדן מיט קאַנאַדע. מיר זעען עס בעת מיר בלעטערן די אלע יאָרגענג פון **קאנאדער אדלער** און אויך די גרויסע און רייכע **יובל־אויסגאבעס** אין וועלכע מיר געפינען הארקאוויס ארבעטן,. מיר זעען עס אין די באגייסטערטע באַשרייבונגען וועגן זיינע יאָרן לעבן אין קאנאדע. א באזונדער קאפיטל איז זיין אַרויסגעבן און רעדאַקטירן די גרויסע צאָל צייַטשריפטן און זשורנאלן. למשל: די כמעט־פארגעסענע **פאלקסקאלענ־דארן** און דער עיקר די **אויסגאבעס מיט א סאציאליסטישער טענדענץ**, וואס ער האָט כמעט אליין אויסגעפילט מיט זיינע אַרבעטן און אַליין אויסגעהאלטן (זע: דר״ אליהו שולמאַן, **פארטרעטן און עטיודן**, נ.י. 1979, ז׳ 421־436) זיי האָבן זיכער באַווירקט אז אויך אין קאַנאַדע זאָלן

אָנהויבן צו דערשײַנען אויסגאַבעס פון דעם מין, למשל: דער **וויניפּעגער קוריער** אָדער ש. פרענקעלס **טאָראָנטער יודישע פּרעסע**, א״א. א.ה. איז דער עיקר אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי דער גרונטלייגער פון דער יידישער לעקסיקאָגראַפיע, און זײַנע ווערטער ביכער זײַנען עד היום די בעסטע. אין זיי זעען מיר דעם אויסדרוק פון האַרקאַוויס געניוס און דער אמת איז אַז זיי האָבן פאַרפעסטיקט דעם גלויבן אין דער יידישער שפּראַך און אין דער יידישער שפּראַך־וויסנשאַפט. פאַר אונדז, קאַנאַדער, איז וויכטיק צו געדענקען אַז האַרקאַווי האָט זײַנע ערשטע אַרבעטן וועגן יידיש, אָנגעהויבן דווקא אין קאַנאַדע און אַז פון דאַנען האָט ער געצויגן זײַן יניקה, ווי א שפּראַך־פאָרשער. מיר דאַרפן אויך דערמאָנען א טייל פון זײַנע פּסעוודאָנימען. ער האָט געדרוקט אויך אונטער: מגלה טמירין, ד׳ אַמעריקע, ברכיה בר יוסף א. אנד׳

א.ה. איז נפטר געוואָרן אין נ.י.

מער וועגן זײַן רייך לעבן און שאַפן זע: זלמן רייזען, **לעקסיקאָן, ב.1 מיט ביבליאָגראַפיע**, ד״ר יעקב שאַצקי, **האַרקאַוויס ביבליאָגראַפיע** נ.י. 1933, ב.ג. זאַק, **געשיכטע פון יידן אין** קאַנאַדע, מאָנט׳ 1956, אינדעקס, לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.3, מיט ביבליאָגראַפיע, ד״ר אליהו שולמאַן, פּאָרטרעטן און עטיודן, נ.י. 1979, קאַנאַדער אַדלער פון די ערשטע יאָרן, קאַנאַדיאַנאַ.

הוטנער, אליהו (1879־19 טער סעפּט׳ 1958)

געב׳ אין וויטעבסק, ווס״ר. געלערנט אין חדר, ישיבות. לאַנגע יאָרן אַרומגעפאָרן איבער רוסלאַנד, ליטע און פּוילן ווי א מגיד. באַזוכט ארץ ישׂראל און מערב־אייראָפּע, פון דאָרטן געקומען קיין מאָנטרעאָל אין 1926, וווּ געלעבט ביז פאַר זײַן פּטירה. עטלעכע יאָרן געווען א מחנך אין דער ת״ת׳ שערי ציון ״שפּעטער געווען א משולח פאַר דער מירער ישיבה אין ירושלים. נאָך פאַר זײַן קומען קיין קאַנאַדע, געדרוקט אַרטיקלען אין דער אָרטאָדאָקסישער פּרעסע אין רוסלאַנד און פּוילן. אין קאַנאַדע פון 1928 געדרוקט אַרטיקלען, פעליעטאָנען און הומאָרעסקעס אויף צייט טעמעס אין **קאַנאַדער אַדלער** מאָנט׳ **דער טאָג, מאָרגנזשורנאַל** א״א, נ.י. מחבר פון א גרויסער צאָל ביכלעך און בראָשורן אויף רעליגיעזע און כלל יידישער טעמאַטיק. צוו׳ אנד״ **משיח בן דוד** (באַאַרבעט לויט מאמרי חז״ל)1929, 125 ז׳, **אין וואָס באַשטייט דאָס גליק פון אונדזער אידיש פאָלק**, 1931, 39 ז׳, **התועים** (געדאַנקען וועגן נאַציאָנאַלע און אַקטועלע ענינים) 1934, 64 ז׳, **נפילים** (א געשיכטלעכער איבערבליק לויט מדרשים און אַנדערע קוואַלן) 1937, 64 ז׳ **אַנעקדאָטן און פאָלקס מעשיות** (פון אייביקן קוואַל) 1943, 64 ז׳, **דעת ותבונה** (די גרי הצדק און חסידי אומות העולם אַמאָל און היינט) 1948, 64 ז׳, **וואָס איז פאַרט א איד?** 1950, 64 ז׳, **הומאָר, סאַטירע, קיבוץ** (אַדורכגעפלאָכטן מיט מאמרי חז״ל) 1953, 64 ז׳ **רעדעס און דרשות** (לויט די סדרות פון דער וואָך) 1956 64 ז׳ אַלע ביכלעך געשריבן אין יידיש, דערשינען אין מאָנט׳ ער האָט אָנגעשריבן אייניקע דראַמעס אויף יידיש נאַציאָנאַלע טעמעס, וואָס זײַנען געבליבן אין כתב יד: נפטר געוואָרן אין מאָנטרעאַל.

אינפאָרמאַציע פון זײַן זון, יאָרגענג פון **קאַנאַדער אַדלער**, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע, **קאַנאַדיאַנאַ**.

הורוויץ, יהושע (17 טער יולי 1889־20 אויג. 1966)

אָפּשטאַמיקער פון דורות רבנים. 24

טער דור פון "של"ה" הקדוש. געב' אין ביעלסק, ביי גראָדנע, פוילן. געלערנט אין ישיבות און ביי לערערס. אין די יונגע יאָרן אַוועק קיין לאָדזש און געוואָרן אַ היטל־מאַכער, דערנאָך ביז 1912, געלעבט אין לאנדאן און פון דארטן געקומען קיין ווינ. ער איז געווען פון די בויער פון יידישן לעבן אין מערב־קאנאדע. א צייט געווען פרעזידענט פון "בני ברית" און פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאציע. 1916, סעקרעטאר פון "הילפסקאמיטעט פאַר מלחמה־געליטענע" באקאנטער היטן־פאַבריקאַנט און גרויסער שאַך־שפּילער און באקומען פרעמיעס פון אינטערנאציאנאלע קאנקורסן. זינט 1913, מיט אַרבעטער פון **דאס יודישע ווארט** און פון כמעט אַלע יידישע אויסגאבעס אין ווינ' געדרוקט ארטיקלען, פעליעטאנען, רייזע באשרייבונגען און איבערזעצונגען פון ענגליש אין יידיש און פון יידיש אין ענגליש. לאנגע יארן געפירט דעם אפטייל פון שאַכמאַט אין יידישער און ענגליש יידישער פעריאדיק אין ווינ'. אין 1943, באַקומען דעם "ייוואָ־פּרייז" פאר זיין באשרייבונג וועגן "די ערשטע עמיגראַנטישע יארן אין מערב־קאנאדע" ווי אַן אַקטיווער טוער אין דער פ"צ־פארטיי, אייניקע מאל בא־זוכט מדינת ישראל און פארעפנטלעכט ארטיקלען, ספּעציעל וועגן די קיבוצים, אין **דאס יודישע יידישע ווארט**, ווינ'. **דער יודישער זשורנאל**, טאָר' **קאנאדער אדלער**, מאנט' א"א. אין דער זאמלונג **אידיש אמעריקע** (רעד. נח. שטיינבערג), נ"י 1929, פארעפטלעכט די עסיי **וועגן קאנאדע**, ז"ז 283־297, וואס גיט צום ערשטן מאל אין יידיש א געשיכטלעכן איבערבליק וועגן קאנאדע. ער האט צום מיינסטנס געדרוקט אונטער: איזידאר איש הורוויץ. געשטארבן אין ווינ'.

פּראָמינענטע יידן אין קאַנאַדע, טאָר, 1934, **ייוואָ־בלעטער**, נ.י.1943, ש. בעלקין: **די פּועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע, דר' אליהו שולמאַן, **פאָרווערטס**, 22 אַפּריל 1979, **קאַנאַדיאַנאַ**.

הורוויץ, קלמן (1893־1 טער מארץ 1966)

געב' אין פעטריקאָוו, מינסקער געגנט, ווס"ר. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. געענדיקט א יידיש־העברעישע שולע. א צייט געלעבט אין באקו (קאווקאז) פון דאָרטן אין 1908 געקומען קיין קאַנאַדע און באַזעצט זיך אין ווינ'. ביז 1925 איז ער געווען פון די אנפירערס פון דער פ.צ. פארטיי פאַר מערב־קאנאדע. געענדיקטער אינזשיניער־אַרכיטעקט פון מאניטאָבער אוניווערסיטעט און אַ צייַט פראַקטיצירט. פון 1925 ביז 1930, געווען סעקרעטאַר פון די יידישע פאָלקסשולן אין מאָנטרעאל, דערנאָך זיך באזעצט אין טאר', אנגעהויבן שרייבן לידער אין די יוגנט יאָרן און דעביוטירט מיט א סקיצע אין **קענעדער איד**, ווינ' 1912. דערנאָך געוואָרן אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון **דאָס אידישע ווארט**, ווינ' און א צייט געהילפס־רעדאקטאר. אין די יאָרן פון 1922 ביז 1924 איז ה' געווען דער רעדאקטאָר פון פ.צ. וואָכנבלאַט **די נייע צייט**, ווינ'. ער האט זיך אויך באטייליקט אין וואכנב' **די שטימע**, (רעד א. אָסאָווסקי) ווינ' 1913. פון 1925 ביז צו זיין באזעצן זיך אין טאר', געווען רעדאקציע־מיטגליד פון **קאנאדער אדלער** און דאָרטן געדרוקט חוץ פובליציסטיש־זשורנאליסטישע ארטיקלען אויך רעצענזיעס וועגן טעאטער־פארשטעלונגען און וועגן

ביכער און שרייבערס. פון 1 ביז 1959, איז קל.ה. געווען רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר, דאָרטן געדרוקט די לייט־אַרטיקלען, קליינע פעליעטאָנען. נאָכן פאַרמאַכן דעם יודישן זשורנאַל, איייניקע יאָר געאַרבעט ווי אַ בוכהאַלטער. געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ.

דער יודישער זשורנאַל, טאָר׳ (אין אַ מעלדונג פון דער רעדאַקציע, 2 טער אַפּריל 1930), מ.י. ניטיקמאַן, **60 יאָר יידישע פּרעסע אין מערב־קאַנאַדע**, טאָר׳ 1974 (ענגליש) אינפאָרמאַציע פון זיין פרוי, טייבל (מושב זקנים, טאָר׳) **קאַנאַדיאַנאַ.**

הורוויץ, שלמה־הלוי (1883־1977)

געב׳ אין צפת, ארץ ישראל. אָפּשטאַמיקער פון ״שלה״ געלערנט אין ישיבות. אין די יונגע יאָרן געקומען קיין פּוילן. תלמיד פון הרב זימאַן אין וואַרשע, פון סאָכאַטשעווער גאון ר׳ אַברמעלע באָרנשטיין און פון ״רדבז״ פון וועמען באַקומען סמיכה אויף רבנות. ביז 1923 געווען ראש בית דין אין צפת, דערנאָך ביז 1946 ראש בית דין אין וויניפּעג מחבר פון אַ צאָל ספרים, וואָס האָבן אים געגעבן דעם טיטל ״גאון״ צוו. אַנד׳ **יבא שילה** (שאלות ותשובות וועגן דינים פון ארץ ישראל), נוינ׳ 1926, **פרדס הארץ**, ירושלים־ווינ. 1933, 620 ז׳ מיט הסכמות פון אַ צאָל רבנים (צווישן זיי הרב י.א.קוק) דאָס ספר אַנטהאַלט אויך 2 פאָררעדעס איינע אין יידיש (20 ז׳) אין וועלכער דער אַרויסגעבער מאיר קאַליף, וואָס איז געווען פון די ערשטע תושבים און יידישע פאַרמערס, באַשרייבט זיינע ערשטע פאַרמער־יאָרן אין מערב־קאַנאַדע און איז אַ וויכטיקער דאָקומענט וועגן אַרטיקן יידישן ישוב. פון גרויס וויכטיקייט איז זיין ספר **עדן ציון**, וואָס באַווייזט די יידישע רעכט אויף די יידישע הייליקע ערטער אין ארץ ישראל לויט דער הלכה און אַלטע מקורות. נפטר געוואָרן אין ירושלים.

בית עקד ספרים, אשר ז. ראַנד, **תולדות אנשי שם**, נ.י. 1950, אינפאָרמאַציע פון מ.י. ניטיקמאַן ווינ׳. **אַרכיוו פון ייווא**, נ.י. **קאַנאַדיאַנאַ.**

זיין זון אהרן געב׳ 1911 איז געווען רעדאַקטאָר פון ״מדור עברי״ ביים **קאַנאַדער אַדלער**, מ.

הייבלום, שמחה־יוסף (24 טער נאָוו. 1906 —)

געב׳ אין וואַרשע, פּוילן. ביז 18 יאָר געלערנט אין ישיבות און עוסק געווען אין חסידות, דערנאָך, ווי אַ חלוץ געפאָרן קיין ארץ ישראל. געאַרבעט אויפן כביש, ביי בוי און אין פּרדסים, גלייכצייטיק געשריבן. נאָך פאַרן חורבן פּוילן, געדרוקט דערציילונגען, הומאָרעסקעס און פעליעטאָנען אין די יידישע צייטונגען און ליטעראַרישע זאַמלונגען אין פּוילן, ארץ ישראל און איבער דער וועלט, וואָס האָבן אויסגענומען סיי צוליב זייער אייגנאַרטיקייט און סיי דורך זייער עבט־שרייבערישן מיליע.

אין די יאָרן בעת ער האָט געלעבט אין ארץ ישראל און נאָך דער גרינדונג פון דער מדינה זיך באַטייליקט אין **ניי וועלט, פּאַלקסבלאַט, לעצטע נייעס** און אין אַ צאָל ליטעראַרישע אויסגאַבעס. ער האָט זיך אויך געדרוקט אין **דבר, הארץ, הבוקר** **א״א. באַזונדערע פאַרדינסטן האָט י.ה. וואָס ער האָט געשריבן פּראָגראַמען פאַר יידישע און העברעישע קליינקונסט־טעאַטערן**

סיי אין וואַרשע (דזשיגאַן־שומאַכער) און סיי פאַר די ישראלדיקע. כל הרוחות, זוקית א״א אין וועלכע ער איז אויך געווען דער רעזשיסער, ער איז אויך דער מחבר פון דער קאָמעדיע **די יידן קומען**, און פון איניקע פּראָגראַמען פאַרן ״אוהל־טעאַטער״. מחבר פון די ביכער **איך וויל א היים**, ראָמאַן, וואָס שילדערט די חבלי־עליה אין פּוילן, וואַר׳ 1932, 220 ז׳ **דזיקע גאַס** (חורבן וואַרשע) ת.א., 1944, 84 ז׳ **על כל פנים**, הומאָרעסקעס, **דאָרטן** 1961, 267 ז׳ די קאָמעדיע **פּראָפ׳ וואַטער** (ביידע אין עברית) י.ה. לעבט זינט סוף 1967 אין מאָנטרעאָל און דרוקט זיינע סקיצן און הומאָרעסקעס אין **פאָרווערטס**, נ.י. **קאַנאַדער אָדלער, לעצטע נייעס** און אין פאַרשידענע צייטונגען איבער דער וועלט.

י.ה. צייכנט זיך ספּעציעל אויס אין מאָנאָלאָגן און אין זיינע שילדערונגען פון די אַראַבישע טיפּן. זיינע ״אַראַבישע נאָוועלן״, זיינען כמעט די איינציקע פון דעם זשאַנער אין דער יידישער פּראָזע, זיין שפּראַך איז פול מיט אידיאָמאַטישן יידישן לשון פריער וואַרשעווער, תל אביבער און לעצטנס, טיפּיש־אַמעריקאַנער און זיינען רייך מיט ניואַנסן און קלאַנגען, וואָס זיינען ממש אַן אוצר פאַרן יידישן פאָלקסלשון״.

(חיים לייב פוקס)

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ב.3. מיט ביבליאָגראַפיע, לויט פאַרשידענע מאַטעריאַלן, **קאַנאַדיאַנאַ**.

הייליק, שמעון (1917 —)

געב׳ אין לאָדזש, פּוילן. אין די יונגע יאָרן אַריבער מיט זיין משפחה קיין באָראָנאָוויע, ביי ביאַליסטאָק, ווו זיין פאָטער איז געווען רב. באַקומען יידישע און אַלגעמיינע בילדונג אין חדר, ישיבה. 1935־1938, געווען א תלמיד פון ״מכון למדע״ אין וואַרשע. שפּעטער געלעבט אין פּאַריז און שטודירט מאַלעריי אין א קונסט שולע. בעת דער צווייטער וועלט מלחמה, געווען א יידישער לערער אין באָליוויע און אַרגענטינע. זינט 1946, אין קאַנאַדע, לערער און דערנאָך פּרינציפּאַל פון דער י.ל. פּרץ שול אין וויניפּעג און אין קאַלגאַרי. אָנגעהויבן שרייבן מיט א סעריע באַשרייבונגען פון לעבן פון אינדיאַנער שבטים אין דרום אַמעריקע אין **די פּרעסע**, ב.א. 1944, דערנאָך פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, רייזע־בילדער און עסייען אויף פּעדאַגאָגישע טעמעס אין **צוקונפט**, נ.י. **דער וועג**, מעקס׳ **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ **דאָס אידישע וואָרט, דאָס נייע אידישע וואָרט**, ווינ׳. אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרעם: **וועגן פּסיכאָלאָגישע און פּעדאַגאָגישע פּראָבלעמען אין דער שול**, ווינ׳ 1951, 32 ז׳ (א״פ בן יעקב) **בלימעלעך** (העפטן פאַרן ערשטן און צווייטן לערנקלאַס), **דאָרטן**, 1955, 48 ז׳ מיט זיינע צייכענונגען. **דאָס לעבעדיקע וואָרט** (לערנבוך איבער די אַלטע און נייע יידישע געשיכטע, מיט פאַרביקע אילוסטראַציעס פון מחבר) **דאָרטן** 1974, 396 ז׳ אין יאָר 1976 זיך צוריקגעצויגן פון לערעריי און זינט דאַמאָלט נאָר אָפּגעגעבן זיך מיט מאָלעריי.

דר׳ ע. נאַקס, פאָרווערטס, נ.י. 19 טער סעפּט. 1978, לויט מאַטעריאַלן פון אַרכיוון און **קאַנאַדיאַנאַ**.

היימאַן, ה. ביאָגראַפישע פּרטים, נישט באַקאַנט. מיר ווייסן נאָר אַז ער האָט געשטאַמט פון ליטע. אין די יאָרן 1907־1908 געלעבט אין מאָנטרעאָל. רעדאַקטאָר פון אָרטאָדאָקסישן

וואָכנבלאט **דער אידישער שטערן**, וואָס ער האט צוזאַמען מיט הרב ש. גלאזער אויסגעפילט מיט זיינע ארבעטן.

זלמן רייזען, **לעקסיקאָן**, 1914, פנחס **קאנאדער אדלער**, 6 טער אויג׳ 1915, ב.ג. זאַק, **יידן אין קאנאדע אין אָנהויב פון צוואנציקסטן יארהונדערט**, מאנט׳ 1975 ז׳ (ענגליש) 46.

הירש, הערשל (1880־2 טער דעצ. 1931)

געב׳ אין יעקאַטערינעסלאַוו, אוקראינע. באַקומען יידישע און אלגעמיינע בילדונג. א צייט שטודירט פילאזאפיע און געשיכטע אויפן קיעווער אוניווערסיטעט. דערנאָך געלעבט אין ליטע פון וואַנען אין סוף 1904 געקומען קיין קאנאדע. געלעבט אין מאָנט׳ און טאָר׳. גרינדער און ערשטער רעדאקטאר פון **דער יודישער זשורנאל**, טאר׳ (צוערשט דערשינען ווי א וואכנבלאט און פון אנהויב 1913, ווי א טאג צייטונג). צוליב א סיבה אָפּגעזאָגט זיך פון רעדאקציע און אריבער קיין מאָנט׳ און פון סוף 1914, ביז 1922, געווען רעדאקטאר פון **קאנאדער אדלער**, וואָס ער האט אויסגעברייטערט מיט נייע רובריקן און אריינגעפירט נייע און יונגע שרייבערס. ער אליין האָט לאַנגע יאָרן זיך פארנומען מיט איבערזעצונגען פון דער אלטער יידישער ליטעראטור און חוץ זיינע אייגענע לידער, עפיגראמען, פעליעטאָנען און אַרטיקלען אויף פארשידענע טעמעס, אויך געדרוקט זיינע פון העברעישן אריגינאל איבערזעצטע פיוטים, תפילות און קאַפּיטלעך פון די נביאים. אין דער צייטונג האט ער אויך געדרוקט א צאל באַארבעטע ראָמאַנען ווי: **דער אומשטערבלעכער** (1914) **אין די נעגל פון טייוול** (1915) **ביים אָפּגרונט פון לעבן** (1916) **גוט באַצאָלט** (1917) די אלע אונטערן נאמען "בר־צבי" **דער אומגליקלעכער גביר** (1917) (אונטער סאל פרעס) אין נאוו. 1916, פארעפנטלעכט א סעריע ארטיקלען "ציוניזם און זיין צוקונפט" אין וועלכע ער האט אטאקירט אלע פאָרמען פון ציוניזם, וואס רייסט־אָפּ די יידישע מאַסן פון פירן דעם קאמף פאר גלייכבארעכטיקייט אויף די ערטער ווו זיי לעבן. דאס האט ארויסגערופן א גרויסע דיסקוסיע צווישן די לעזער און א טייל שרייבערס. אין 1920 געוואָרן דער מיטרעדאַקטאָר פון דער הומאָריסטישער ביילאגע צום קאנאדער אָדלער **דער האמער** (דערשינען 15 נומערן) דאָרטן געשריבן אונטער "כל חמירא" א"א נעמען. אין 1923 פלוצלינג איבערגעריסן מיטן קאנאדער אדלער און איז אוועק קיין נ.י. דארטן איז ער געווען רעדאקטאר פון א יידיש ענגליש וואכנבלאט **דאס אידישע ליכט**, וואס איז דערנאָך דערשינען ווי א טאג צייטונג (1923־1924) און דארטן חוץ זיינע ראמאנען אויך געדרוקט האלב־מיסטישע זאכן, וואס האבן ארויסגערופן וווּנדער. (ווייל די צייטונג איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישע)

ה.ה. האָט זיך אויך באטייליקט אין דער ענגלישער און העברעישער פרעסע און פעריאָדיק. ער איז געווען דער מחבר פון א סאטירישער פיעסע **דער פּאליטישן**, וואָס איז אויפגעפירט געווארן אין די יידישע טעאטערן אין קאנאדע און אמעריקע. אין בוכפאָרעם: **טויזנט טראָפּן טינט**, (פאבעלן) טאר׳ 1915, 100 ז׳, דערשינען אין א צווייטע פארגרעסערטע און פארבעסערטע אויפלאגע, מאנט׳

1918, 191 ז. ער האט איבערגעזעצט מיט קאמענטארן און טיילן לויט אלטע מקורות **שיר השירים**, מאָנט׳ 1918, 31 ז׳ (פריער געדרוקט אין קאנאדער אָדלער) ה.ה. איז אויך דער מחבר פון די בראָשורן **תורה און רעליגיאָן, פאראן א ג־ט אויף דער וועלט, אדם העליון, שכר ועונש, דער איד, משיחס צייטן** (אלע דערשינען אין מאנט׳ 1923־1924, צו 24 ז׳ אין 1926 זיך ווידער באוויזן אין מאָנט׳ און רעדאַקטירט און ארויסגעגעבן 3 נומערן צו 16 ז׳ פון **פילאָזאָפישע רעליגיעזע העפטן** וואָס האָבן געפרעדיקט צוריקגאנג צו תורת משה און שטרענגער אָרטאָדאָקסישער יידישקייט, אָבער כסדר ארומגעגאנגען א צעחושטער ד.2 טן דעצ 1931, אַ דעפרימירטער צוליבן צוריקציען פון פאַרקויף זיין ניי ענגל. בוך, וואס מען האט אים חושד געווען אין פארשטעלטע קריסטלעך־מיסיאָנערישע אויסטייטשונגען, אוועק פון זיין היים אין ברוקלין, איבערגעלאזט א בריוועלע אז ער באגייט זעלבסטמאָרד און זינט יענעם טאָג האט מען מער נישט געהערט פון אים.

פון זיינע פסעוודאנימען: ר׳ יודעלע, בר צבי, ב.צ. א גאסט, דאבל אלף.

זלמן רייזען **לעקסיקאָן**, פ.1, ח.מ. קייזערמאן־וויטאל, **אידישע דיכטער אין קאנאדע**, אינדעקס, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור** ב.3 מיט ביבליאגראַפיע, ב.ג. זאַק, ישראל ראַבינאָוויטש, **יובל בוך קאנאדער אדלער**, 1927 און 1958, **קאַנאַדיאַנאַ**.

הירשהאָרן, יהושע (21 טער יולי 1893־15 טער מאַי 1969)

געב׳ אין קרילאָוויץ, פּאָדאָליע, ווו זיין פאטער איז געווען רב. געלערנט ביים פעטער און ישיבות. צו 18 יאר באקומען סמיכה אויף רבנות. פון 1921 ביז צו זיין פטירה, יושב־ראש פון וועד הרבנים אין קוויבעקער פראווינץ און פון וועד העיר אין מאָנט׳. א גרויסע גייסטיקע פערזענדלעבקייט, האָט ער משפיע געווען אויפן בוי פון ישיבות און אויסגעפועלט אז אין די העברעע קלאסן, זאל מען לערנען יידיש. לאַנגע יאָרן געשריבן וועגן יידישע ענינים און אויף אַקטועלער טעמאטיק אין **קאַנאַדער אָדלער**. באטייליקט זיך אין **הפרדס, המאור**,נ.י. ווי אויך אין ענגלישן **סטאר**, מאָנט׳. מחבר פון ספר **ממעיני ישועה**, מאָנט׳ 1959 מיט א הסכמה פון גאון ר׳עוזר חיים גראָדזענסקי און אנדערע רבנים פון זיין צייט.

נפטר געוואָרן אין מאָנטרעאל.

י. ראבינאָוויטש, **קאנאדער אָדלער**, מאָנט׳ 13 טער דעצ׳ 1951, הרב פּ. הירשפרונג, **דארטן**, 6 טער מארץ 1959, נעקראָלאָגן אין דער פרעסע, **קאנאדיאנא**.

הירשטאַל, דב (16 טער אפריל 1916 —)

געב׳ אין נאָווו־סאָנדזש, גאליציע אין א משפחה פון בעלזער חסידים. געלערנט אין חדר, ישיבות און ביי לערערס. פון די יונגע יאָרן, טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען אין סאָנדזער געטאָ און אקטיוו אין דער פוילישער ווידערשטאנדס־באוועגונג. א צייט געווען ארעסטירט פון דער געשטאַפּאָ. בעת דער ליקווידאציע פון געטאָ, פאַרשיקט אין טויטן־לאַגערן אין 1945 באפרייט געוואָרן און ביז צו זיין קומען אין קאנאדע אין 1948 איבערגעלעבט אין פליטים־לאגערן. שפעטער געווען אן עדות קעגן הערמאן גערינג ימ״ש אויפן

נירענבערגער פּראָצעס און אויך פון מאָנטרעאַל געפאָרן אויף פּראָצעסן קעגן נאַציס קיין דייטשלאַנד. זינט סוף 1948, אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אָדלער** און חוץ ווי א יידישער שריפטזעצער אויך באַשעפטיקט ווי א שרייבער. געדרוקט לידער, פעליעטאָנען, דערציילונגען, אַרטיקלען וועגן חורבן און פּאָליטישע פּראָגעס. ער איז אויך דער מחבר פון די ראָמאַנען צוויי מאמעס און איין קינד, **אנוסים פון אונזער צייט**, א קרבן פון פאַטערס זינד, **בלאַנזשעט־דיקע הערצער**, וואָס זענען געשריבן אין א פאָלקסטימלעכער שפּראַך און מיט בעלעטריסטישער באַאַבונג. זיי האָבן געצויגן דעם אויפמערק פון בעסערן יידישן לעזער און זענען אויך אָפּגעשאַצט געוואָרן פון דער קריטיק. אין **ספר סאַנדז**, ת.א. 1970, פאַר עפנטלעכט (ז׳ 802־822) א גרעסערע אַרבעט ״פון סאַנדזער קינות״ וואָס שילדערן די יידישע פיינען אין סאַנדזער געטאָ און מען קען זיי באַטראַכטן, ווי א הספד נאָך דער גאַנצער סאַנדזער קהילה קדושה. ד.ה. איז געווען רעדאַקטאָר און פון די הויפּט־שרייבערס אין די פיר יאָרביכער **די שטימע פון דער שארית הפליטה**, 1967־1963 (א אויסגאַבע פון יידישן קאַצעטלער פאַרבאַנד, פון וועלכן ער איז געווען אין דער הויפּט־פאַרוואַלטונג). ער האָט אויך געדרוקט א״פ דוב בן ישראל, בערעלע סאַנדזער א.א.

ישראל ראַבינאָוויטש, **קאַנאַדער אָדלער יובל בוך קאַנאַדער אָדלער**, 1957־1907, **יוסף גאַלאַי, דאָרטן**. מלך ראַוויטש, **דער פּנקס**, נ.י. 1962, **קאַנאַדיאַנאַ**.

הירשפּרונג, מנחם (13 טער יולי 1912 —)

געב׳ אין דיקלאַ, גאַליציע. אין 1937 באַקומען סמיכה און ביז 1939 געלעבט אין דיקלאַ, רעדאַקטאָר פון תורה־זשורנאַל **אהל תורה** (1930־1928) בעת דער נאַצישער ממשלה, אַנט־לאָפן קיין ווילנע, פון דאָרטן איבער יאַפּאַן געקומען אין 1941 קיין מאָנטרעאַל, ווו ער איז ראש בית־דין און הויפּט פון ״וועד העיר״. באַטייליקט זיך מיט אַרטיקלען און טיילן פון זיינע ״זכרונות פון א פּליט״ אין **קאַנאַדער אָדלער**. אין בוכפאָרם פון **נאַציאָנאַל יאָמער טאָל**, מאָנט׳ 1945, 249 ז׳ מיט א הקדמה פון ישראל ראַבינאָוויטש. הרב ה׳ איז אויך דער מחבר פון א צאָל ספרים. צוו. אַנד. פני שלמה, דאָרטן 1960. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן דאָס ספר פון באַרימטן פּלאָצקער רב, ר׳ לייבעלע חריף: **שיורי קומץ המנחה**, וואָס איז געבליבן צווישן זיינע נישט געדרוקטע כתבים.

י. ראַבינאָוויטש, **קאַנאַדער אָדלער**, 12 טער אָקט. 1945, קאַנאַדיאַנאַ.

הכוהן, צבי הירש (1862־17 טער נאָוו. 1950)

געב׳ אין דאָרף בודאָוויץ, ביי סוואַלק, ליטע אין א משפּחה פון לומדים. געלערנט ביים פאָטער און ישיבות. צו 18 יאָר באַקומען סמיכה פון גאון ״הרידבש״. אין 1889 געקומען קיין קאַנאַדע. פון 1890 ביז צו זיין פּטירה, געווען רב הכולל און גייס־טיקער מנהיג פון קאַנאַדער יידנטום. וויצע־פּאַרזיצער פון ״מזרחי״, בויער פון אַן אייגענער חינוך־סיסטעם, וואָס ער האָט איינגעפירט אין אַלע מאָנטרעאַלער ת״ת, מיטגרינדער פון

אָרטאָדאָקסישן "וועד העיר" און יושב ראש פון וועד הרבנים איבער גאַנץ קאַנאַדע. אין די צייטן פון קאַמף פאַר יידישער דערציאונגס־רעכט אין קוויבעק, געווען אין די פאַדערשטע רייען צו קעמפן און דער הויפּט־רעדנער אין דער דעלעגאַציע צום פּרעמיער מיניסטער וועגן שאַפן אַ באַזונדערן חינוך־סיסטעם פאַר יידישע קינדער, וואָס האָט געבראַכט צום פאַרפעסטיקן דאָס יידישע שול־וועזן. פון זיין באַזוכן ארץ ישראל (1912) ביז צו זיינע לעצטע טעג, געשטאַנען בראש פון דער "חיבת ציון" "באַוועגונג אין קאַנאַדע. געווען אַ לאַנג יאָריקער מיטאַרבעטער פון קאַנאַדער אדלער און צו יעדער געלעגנהייט געדרוקט לייטאַרטיקלען און פּובליציסטישע מאמרים וועגן יידישע און אַלגעמיינע פּראָגעס וואָס זיינען געשטאַנען אויפן סדר־היום פון קאַנאַדער יידנטום. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **הפרדס**, **המאור**, נ.י. און אין דער ענגליש־יידישער און ענגלישער פּרעסע אין קאַנאַדע. צו זיינע 70 און 80 יאָר זענען דערשינען 2 **ספרי זכרון** מיט אַרטיקלען וועגן זיין לעבן און שאַפן. וועגן זיין ווירקונג אויפן לעבן פון זיין צייט שרייבן: "ער איז געווען איינער פון די ראשונים, וואָס האָבן אוועקגעלייגט אַ פעסטן פונדאַמענט פאַר אַ געזונטן רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן לעבן אין קאַנאַדע"...ער איז אין פולן זין פון וואָרט געווען אַ פּיאָנער, אַ בויער פון יידישן חינוך און פאַר דעם געקעמפט נישט־נאָר פון זיין שוהל־בימה אדער **אויף די פּאָלקספאַרזאַמלונגען**, נאָר אויך אויף די שפּאַלטן פון **קאַנאַדער אדלער, די צייטונג, וואָס איז פאַר אים געווען די טריבונע צו לאָזן הערן זיין אויפריכטיק און ערלעך וואָרט** (ב.ג. זאַק)

הרב י.ל. זלאטניק, **ספר זכרון**, 1930, י. ראַבינאָוויטש, י.י. סיגאַל, י. מדרש מ. גינזבורג, **קאַנאַדער אדלער** 19 נאָוו. 1950, ב.ג. זאַק, **ליטע**, 2, 1965 ז' 819־820. נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע קאַנאַדיאַנאַ.

העכטמאַן, יצחק־לייב (22 טער פעבר. 1922 —)

געב' אין רובלע, ביי סטאָלין, וואָלין. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געווען אַ תלמיד פון גאון ר' אלחנן וואַסערמאַנס ישיבה. בעת דער היטלער ממשלה, אוועק קיין ווילנע און פון דאָרטן איבער יאַפּאַן און שאַנכיי געקומען אין 1947 קיין אַמעריקע. געווען דירעקטאָר פון "מזרחי". זינט 1956 אין מאָנטרעאַל. וויצע־פּרעזידענט און דירעקטאָר פון "וועד העיר" גרינדער און רעדאַקטאָר פון **די שטימע פון וועד** (דערשיינט 4 מאָל אין יאָר) הרב ה' דרוקט דאָרטן חוץ לייט־אַרטיקלען, אויך מאמרים וועגן חינוך און רעליגיעזע ענינים. באַטייליקט זיך אין **קאַנאַדער אָדלער, מאָרגען־זשורנאַל** נ.י. ער האָט ווי דער אָנפירער פון אָרטאָדאָקסישן יודנטום, דורכן "וועד העיר", אַ צאָל מאָל באַזוכט סאָוויעטן־פאַרבאַנד און איינגעשטעלט אַ דירעקטן קאָנטאַקט מיטן רעליגיעזן יידנטום פון רוסלאַנד. ער האָט אויך אָרגאַניזירט דאָס שיקן חוץ מאַטעריעלער הילף, אויך ספרים מיט אַ רוסישער איבערזעצונג, וואָס זיינען ווירקטיק אויפצוהאַלטן דאָס רעליגיעזע לעבן דאָרטן. הרב ה' איז אויך דער מחבר פון איניקע בראָשורן וועגן רעליגיעזע ענינים אויף ענגליש.

יוסף גאַלי, **קאַנאַדער אדלער**, 18 טער נאָוו. 1966.

העלמאַן, מישא, (9 טער נאָוו. 1900 —

געב' אין יישוב גרויסדאַרף, ביי גראָדנע, פוילן. יונגערהייט געקומען קיין לאָדזש. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט א טעכנישע הויכשול אין וואַרשע. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען א לערער אין דער "באָראָכאָוו־שול" און אנפירער פון דער טעאַטער־סטודיע "יאַב" ביי דער יונגט פון דער פּ.צ. פּאַרטיי. בעת די נאַציס האָבן פאַרנומען לאָדזש, אַנטלאָפן קיין וואַרשע, פון דאָרט קיין פּיעטריקאָוו און אין דאָרטיקן געטאָ, אָנגעפירט מיט יידישער קולטור־ארבעט. שפּעטער פאַרשיקט אין קאנצענטראַציע־לאַגער בוכענוואלד. אין מאַי 1945 באַפרייט געוואָרן און צוריקגעפאָרן קיין לאדזש. שוין די ערשטע וואָך האט ער באַנייט דאס יידישע שול־וועזן. אליין ארומגע־גאַנגען צווישן די אפּגעראַטעוועטע יי־דישע עלטערן און געברענגט די ערשטע און איינציקע קינדער אין דער י.ל.פּרץ־שול מיט דער יידישער אונטעריכטס־שפּראַך אין גאַנץ פוילן.

מ.ה. איז געווען דירעקטאָר ביז צו זיין פארלאָזן פוילן, סוף זומער 1948... געווען לערער אין אַרבעטער רינג שולע אין מאָנטרעאָל. לערער פון די יידישע "פאָלקסשולן", מיטלשול און פון דער ביאַליק־שול. לעקטאָר אין יידיש־העברעאישן לערער־סעמינאַר. אין 1974 באַקומען אן אויסצייכענונג פאַר זיינע פאַרדינסטן ווי גוטער מחנך דורך די 25 יאָר אין יידישן שול־וועזן אין מאָנט' ער איז זינט 1919, טעטיק אין דער יידישער ליטעראַטור. דעביוטירט מיט לירישע לידער אין דער זאַמלונג **אין דער שטיל,** לאדזש 1919, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט דער שטילקייט פון טאָן, צאַרטער שטימונג און אייגנאַרטיקער שפּראַך־ניואַנסירונג. פאַרעפנטלעכט לידער, ארטיקלען איבער טעאַטער און קונסט, עסייען וועגן ליטעראַרישע פראַגעס אין פאַרשידענע צייטונגען און ליטעראַרישע זאַמלונגען אין פוילן. ער איז ביזן חורבן געווען א מיטגליד פון דער יונגער שרייבער־גרופּע וואָס האָבן זיך גרופּירט ארום די זשורנאַלן **"ספּעלד", וועגן, שוועלן,** טויז רויט א.א. געווען א מיטארבעטער פון **ארבעטער צייטונג,** וואַרשע, מיטרעדאַקטאָר פון דער לאָדזשער נאָכמיטאָג צייטונג **עקסטראַבלאַט. ביז צו זיין פארלאָזן פוילן געדרוקט אין דאס נייע לעבן, ארבעטער וואָרט,** לאדזש שפּעטער אין **קאַנאַדער אדלער,** מאָנט' אַרויסגעגעבן אין בוך־פאָרעם **נאַכט אין בלויען,** לאדזש 1923, 48 ז'...העלמאַנס לידער און דראַ־מאַטישע פּאָעמעס, זענען תמיד געווען אין א טונקעלער וויזיע און געווירקט האָבן זיי סיי מיט זייער מוזיקאַלישקייט און סיי מיט א שטילן ליריזם, וואָס האָט משפּיע געווען אויפן יונגען לעזער. ...אפילו אין זיינע פוטוריסטישע לידער ווי אין דער פּאָעמע "בונט" האט ער זיך באַמיט צו געפינען די אויסדרוקן און בילדער, וואָס האָבן געלעבט אין זיין נשמה...דער חורבן האָט אבער אזוי שטאַרק געווירקט אויף זיין שרייבן אז ער באַנוצט עס נאָר ווען דער פּיין שטויסט אים צו זאָגן זיין וואָרט. ווי מיר זען עס אין זיין נאָכנישט געדרוקטער **חורבן־דראַמע...ער האָט געדרוקט אויך א"פ העליאַס, מ. העל, א.א.**

ישראל ראַבאָן, ס' פעלד. נומ. 4. לאָדזש 1924, פּרץ מאַרקיש, **ליטעראַרישע בלעטער,** נומ. 5 1924, ח.ל. פוקס, **לאָדזשער פאָלקסבלאַט,** 18 טער אַפּריל 1923 אין **לאדזש של מעלה** תל אביב 1972, אינדעקס, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור** ב.3 מיט ביבליאָגראַפיע.

העניסאָן, אלחנן (20 נאָוו. 1888–17 יולי 1956)

געב׳ אין דאָרף פּאַפּאָווע־האראַ, ביי טשערניגאָוו, אוקראַינאַ אין משפּחה פון יידישע ערד־אַרבעטער. געלערנט ביי מלמדים און לערערס. פון 1906 ביז צו זיין טויט, אין קאַנאַדע. אַ צייט גע־לעבט אין קאַלגאַרי, וווּ ביז 1909 געאַר־בעט ביים בויען נייע באַן ליניעס און טונעלן. דערנאָך ביז 1914 אויף אַ פאַ־רם, שפּעטער אין עדמאַנטאַן. איינער פון די גרונד־לייגערס און בויערס פון אַרטיקן יידישן יישוב. לאַנגע יאָרן גע־ווען אָנפירער פון יידיש־געזעלשאַפט־לעכן און קולטור־לעבן אין מערב־קאַנאַדע ווי אויך אין דער סאָציאַליס־טישער פּאַרטיי און קאַנסול פאַר די יוניעס אין מערב־קאַנאַדע. זינט 1910 געדרוקט דערציילונגען, פּובליציסטיש־זשורנאַליסטישע אַרבעטן און רייזע־באַשרייבונגען, וואָס האָבן זיך אונטערשיידט פון אַנדערע דערציילונגען אין דער יידישער פּראָזע, הן מיטן אַראָמאַט און הן מיט דער ברייטקייט פון דער געשילדערטער סביבה וואָס איז געווען אַ נייס אין דער יידישער בעלעטריסטיק. באַטייליקט זיך אין **קאַנאַדער איד**, **דאָס יודישע וואָרט**, **דער בירגער** (אַלע אין וויניפּעג), **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ **דער יודי־שער זשורנאַל**, טאָר׳ **טאָג**, **פאָרווער־טס**, **צוקונפט**, **אידישער קעמפער** נ״י. פאַר זיין אַרבעט ״פאַרוואָס בין איך אַוועק פון דער אַלטער היים״, **ייוואָ־בלעטער**, 1943 באַקומען אַן אויסצייכענונג פון דער ״ייוואָ״ און פאַר זיין נאָוועלע ״טרעידער עיד״ די ערשטע פּרעמיע אין ״צוקונפט״ קאָנקורס, 1945. **נאָך זיין טויט איז דערשינען זיין בוך טרעידער עיד**, וויני׳ 1957 206 ז׳ מיט **אַ הקדמה פון ש.מ. זעלטשען, אין בוך** גייען אַריין דערציילונגען, וואָס שילדערן אין אַ קינסטלערישער שפּראַך און בילדעריש דאָס לעבן פון מענטשן און חיות אין די ווילדערנישן פון אַרקטישן קרייז פון צפון־קאַנאַדע, ווי אויך דאָס פּיאָנערן־לעבן פון יידישע פאַרמערס, וואָס האָבן געהאָלפן בויען דעם אַרטיקן יישוב. צוויי אָפּטיילן פון בוך ״פון מיין פאָטערס מעשיות״ און ״משומדים״ מאָלן דאָס לעבן פון יידי־שע פּויערים אין דער אַמאָליקער אוקראַינע און זענען אַ טרייע אָפּשפּיגלונג פון ווייט־נאָענטן יידישן אַמאָל. (ח.ל.פ.) א.ה. האָט זיך אויך באַטייליקט אין די יידיש־ענגלישע צייטשריפטן. געשטאָרבן אין עדמאָנטאָן.

ש. בעלקין, **די פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס ש.מ. זעלטשען **דאָס יודישע וואָרט**, וויני. 20 טער יולי און 6 טער אויג. 1956, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב. 3 מיט ביבליאָגראַפיע, **קאַנאַדיאַנאַ**.

העסטרין, יוסף (1886–1974)

געב׳ אין אַ שטעטל אין פּאַלעסיע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקטער אַדוואָקאַט. פון 1910 ביז 1931 אין וויני. אַקטיווער פּועלי־ציוניסטישער און געזעלשאַפטלעכער עסקן. לערער פון געשיכטע און פּרינציפּאַל פון דער י.ל.פּרץ־שול (1916–1922) געווען אַ דעלעגאַט צום ערשטן ״קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס״ פון 1932 ביז צו זיין טויט, מיטאַרבעטער פון ״וויצמאַן־אינסטיטוט״ אין רחובות און פון דער יידישער אַגענץ אין ירושלים. ער איז געווען פון די ערשטע מיטאַרבעטער פון **אידישער קעמפער** (פילאַ 1906) און וויניפּעגער קאָרעספּאָנדענט פון **קאַנאַדער**

אדלער, מאָנט' געווען רעדאקטאר פון **קאנאדער איד**, און שפעטער א לאנגע צייט פון **דאס יודישעווארט** (פון 1912) באטייליקט זיך אין **די קעמפער שטימע, דאס ווארט, דאס פאלק** (אלע אין מאָנט') **דער יודישער זשורנאל** א"א. טאָר. אין ישראל, באטייליקט זיך אין **דבר, הפועל הצעיר**. געשטאָרבן אין ירושלים.

פנחס, **קאנאדער אדלער** 6 טער אויג. 1915, ח.ע. ווײלדער, **דאס יודישע ווארט, יובל בוך**, ווינ. 1932, ש. בעלקין **די פועלי־ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס, ב.ג. זאק, **אידישער קעמפער**, פסח נומ. 1956, אינפארמאציע פון ד"ר יוסף פעלדמאן, מאנט' **קאנאדיאנא לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, ב.3 מיט ביבליאגראפיע.

הערמאלין, דוד־משה (12 טער מיי 1865־19 טער יוני 1921)

געב' אין וואַסלוי, רומעניען. ביז 12 יאר געלערנט אין חדר, דערנאָך ביי פריוואטע לערערס און דורך זעלבסטבילדונג. ביז 1885, געלעבט אין בוקארעשט, דאָרטן פארגעזעצט זיין לערע און אָנגעהויבן שרייבן, צוערשט אין רומעניש און שפעטער אַריבער צו יידיש. ער איז געווען פון די ערשטע מיטארבעטערס אין די ניויאָרקער **אידישע פאלקסצייטונג**, נ.י. 1886) א **פריינט פון אל. האַרקאַווין האט ה' בעת ער איז פון מאנטרעאל געפארן קיין פאַריז, איבערגעגעבן צו הערמאלינען זיין לערער־פאסטן פון העברעיש אין דער "שער השמים" תלמוד תורה און אויך צו שרייבן קארעספאנדענצן פון מאנטרעאל אין די נ.י. צייטונגען ווו ער האָט געדרוקט א"פ "ה־רן". ה' האט געלעבט אין מאנט' פון סוף 1888 ביזן סוף 1889 און דאָ אָנגעהויבן איבערזעצן פון דער וועלט־ליטעראטור אין יידיש ביז צו זיין ווערן דער ערשטער איבערזעצער פון אייראפעישע דראמען, וואס זיינען אויפגעפירט אין די יידישע טעאטערן אין קאנאדע און אמעריקע.**

מער וועגן זיין לעבן און שאפן, זען זלמן רייזען **לעקסיקאן** ב.1 מיט ביבליאגראפיע, זלמן זילבערצווייג, **לעקסיקאן פון יידישן טעאטער**, קאנאדיאנא.

הערסאָן, חיים צבי (1891־27 טער מארץ 1957)

געב' אין לאַקאָווע, ליטע. געלערנט אין ישיבות. געווען א תלמיד פון "חפץ חיים" פון וועמען באקומען סמיכה אויף רבנות. ביז 1930, געווען רב אין פארשידענע שטעט אין ליטע און פון 1930 ביז צו זיין פטירה, געווען א מיטגליד פון ראַבינאט אין ווינ' אַ באקאנטער גרויסער תלמיד־חכם האט זיין ספר **דרך אמונה** (כולל הבנה ביסודי אמונה לפי המסורה והקבלה, התורה והנביאים וחכמי המדע, בלשון צחה ומהירה) ווינ' 1957, 446 ז' מיט הסכמות פון באַרימטע רבנים אין דער תורה־וועלט, געמאכט א גרויסן רושם און איז אפגעשאצט געווארן ווי א וויכטיקער מקור פאַר פאַרטיפן זיך אויך אין היינטצייטיקע יידישע פראָבלעמען על פי דער תורה, ווי עס שרייבט הרב א.ל. באראן.."ער האט אוועק־געגעבן די בעסטע יארן פון זיין לעבן צו וואקסן אין תורה. דערפאר האט ער זוכה געווען צו שאפן א ספר מיט וואונדערבארע מחשבות איבער עטיק

און מענטשלעכקייט פון וועלכע יעדער מענטש קען ארויסלערנען די שיינקייט פון מוסר און באווירקט ווערן"

ער איז נפטר געווארן אין וויניפעג.

נעקראלאגן אין **דאס יודישע ווארט**, ווינ׳ 28 טער און 29 טער מאַרץ 1957, הרב ל. באראן, **קאנאדער אדלער**, מאנט׳ 9 טער יוני 1958, מ. גינזבורג, **דארטן**, 18 טער פעבר׳ 1962.

הערציק, יעקב־יהושע (1887־15 טער אפריל 1956)

געב׳ אין סטרי מזרח־גאַליציע. געענדיקטער אַדוואָקאַט פון לעמבערגער אוניווערסיטעט און פראקטיצירט אין יאסלע. מיטגרינדער פון דער פ.צ. פארטיי אין גאליציע. אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען אן אפיצער פון דער עסטרייכישער ארמיי. בעת דער נאצי־אקופאציע געווען אקטיוו אין דער פוילישער אונטערערדישער באוועגונג. זינט 1946 ביז צו זיין טויט געווען אין מאנט׳. ביז 1939 מיינסטנס געשריבן אין פוילישע צייטשריפטן און פון 1947 אריבער צו יידיש. געדרוקט דערציילונגען און טיילן פון זיינע מלחמה־איבערלעבענישן אין **אונזער ווארט**, פאריז, **קאנאדער אדלער**, מאנט׳ **יזכור בוך יאסלע**, א״א. אייניקע פון זיינע איבערגעבליבענע שריפטן צוו. זיי די שילדערונגען פון זיינע איבערלעבענישן אין ווארשעווער געטא, זענען נאך זיין טויט פארעפנטלעכט אין **קאנאדער אדלער** און אין פארשידענע צייטונגען אין דער וועלט. א צאל פון זיינע דראַמעס **די פאסטקע, אמתע מענטשן**, זענען אויפגעפירט געווארן אויף דער יידישער בינע.

געשטארבן אין מאנטרעאל.

קאנאדער אדלער, 25 מאי 1956 און 11 מאי 1959, **לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, ב.3 **קאנאדיאנא**, און פון זיין ארכיוו.

הערשונאוו, משה־לייב (1903־15 טער דעצ. 1975)

געב׳ אין טעליץ, פאָדאָליע אין א חסידישער משפחה. אין 1925 געקומען קיין קאנאדע. געלעבט אין טאָראָנטאָ, מאנט׳ און געטאן פארשידענע מלאכות. לאַנגע יאָרן געדרוקט הומאָרעסקעס, פעליעטאָנען, לידער און דערציילונגען, וואס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט יידישער שפראַך רייכקייט אין **קאנאדער אדלער**, זשור׳ **ניילאנד** מאנט׳ (1926־1927) דארטן אויך געפירט דעם אפטייל פאר הומאָר און סאטירע. באטייליקט זיך אין **דער קאמף**, דער **וועג** א״א טאר׳ חוץ אין **ק.א.** נאר געדרוקט אונטער פסעוודאָנימען ווי: עוזר דלים, משה ל׳ אַ זער קאָמפּליצירטע פערזענדלעכקייט, האט ער זיך לאַנגע יארן געראנגלט צווישן חסידישן עקסטאז און רעליגיאזיטעט פון טיפ "טויטע חסידים" און סימפאטיע פארן סטאַליניסטישן קאמוניזם...די לעצטע יארן פון זיין לעבן געווארן זער פרום און אוועק אין שטעטל סטאקאטא ביי נ״י און זיך מפרנס געווען פון זיין א משגיח אין א כשרער מילכעריי און דארטן געשטארבן אין איינזאמקייט...זיינע געגראַמטע פעליעטאָנען און הומאָריסטישע לידער, האָבן זיך אויסגעצייכנט חוץ דורך זייער אקטואליטעט אויך דורך זייער אייגנארטיקן אויפנעמען און כאַראקטעריזירן די לויפנדיקע טאָג־געשעענישן...(ח.ל.פ.)

אהרן שוסטער, **קאנאדער אדלער**, 12 טער מערץ 1976, ח. קיילעס, ח.ל. פוקס, **דער**

אלגעמיינער זשורנאל, נ.י. 24 טער פעבר. 1978, אישיקא, **וואכנבלאט**, טאָר' 21 טער יולי 1978.

הערשטיין, פישל

געב' אין קראסניסטאוו, ביי לובלין, פוילן אין 1920 געקומען קיין אמעריקע. 1924, געענדיקט דעם יידישן לערער־סעמינאר אין נ.י. און געווארן א לערער און פרינציפּאל פון יידישע שולן אין אמעריקע און קאנאדע. שטודירט אין אוניווערסיטעטן. ער איז באקאנט, ווי א קונסט־שריפטזוצער און בעל מגיה (דער עיקר פון אריענטאַלע שפּראכן) זינט 1926 טעטיק אין דער יידישער ליטעראטור. געדרוקט ארטיקלען וועגן יידישער דערציאונג, ליטעראַרישע פראגעס און עסייען אין **דאס יידישעווארט**, ווינ. **צוקונפט**, **אידישער קעמפער**, **קולטור און דערציונג** (אלע נ"י) פון זיינע וויכטיקע אפשאצונגען דארפן באזונדער דערמאנט ווערן די סעריע "פאַרטרעטן" און די אויספיר־לעכע שטודיע" 40 יאר פּרץ־שול אין וויניפּעג" וואס זענען א צושטייער צו דער געשיכטע פון יידישן שול־וועזן אין קאנאדע.

לויט שול אויסגאבעס און קאנאדיאנא.

הערשמאַן, הירש (24 טער יאנ' 1876־24 טער יאנ' 1955)

געב' אין סטאַראָזשיניעץ, בוקאָווינע. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציונג. א צייט געלעבט אין נ.י. און געווען אקטיוו אין די "יידישע געווערקשאפטן". פון 1902 ביז פאַר זיין טויט, אין מאנטרעאל. מיטגרינדער פון דער "שניידער יוניע" און פון ארבעטער רינג" אין קאנאדע. פון די פריע יוגנט יארן טעטיק אין דער "פרייהייטלעבער סאָציאַליסטישער" (אַנאַרכיסטישער) באַוועגונג און איז איר טריי געבליבן זיין גאַנץ לעבן. ער איז געווען און געבליבן אַן עכטער פאָלקסמענטש און דורך זיינע מעשים געהאָלפן שאַפן די אַטמאָספערע פון צוטרוי פון מענטש צו מענטש. ער האט עס געטאן סיי מיטן גרינדן דאס ערשטע היימישע ביבליאָטעקל אין מאָנט' וואס ער האט אָן באַצאלט געגעבן ביכער צום אויסלייענען די פרישע עמיגראנטן אין די יארן ביז 1914 און סיי שפּעטער, וואָס האָט דערפירט צו דער גרינדונג פון דער "יידישער פאלקסביבליאטעק" (1914) פון וועלכער ער איז געווען א מיטגרינדער. ער איז אויך געווען פון די ערשטע בויערס פון דער י.ל. פּרץ שול אין מאָנטרעאַל. א וויכטיקע ראלע האט ה' געשפּילט בעתן גרויסן שניידער־סטרייק (1912) ער איז געווען א דעלעגאַט פון קאנאדע צו דעם יידישער הילפס־קאמיטעט אין פּראג (1919) און פון די, וואס האבן געהאלפן ברענגען די 150 יידישע פּאגראם יתומים פון אוקראינע קיין קאנאדע. (צוזאמען מיט יוסף דאניעלאק) פון זיי זיינען אויך ארויס א גרופּע יונגע פּראלעטארישע שרייבערס וואס האבן זיך גרופּירט ארום פארשידענע ליטעראַרישע צייטשריפטן. נאך אין די יונגע יאָרן געשריבן לידער אבער נישט געדרוקט. ערשט אין 1905, איז ער געווען א פּיאָנער פון א יידישער טאג פּרעסע אין קאנאדע. רעדאַקטאָר פון **דער טעלעגראַף, מאָנט' וואס ער האָט כמעט אליין אויסגעפילט מיט זיינע ארבעטן (דערשינען לויט דר' יעקב שאצקי אין דער רשימה פון דער יידישער פרעסע אין קאנאדע, 4 חדשים)** ה.ה. איז אויך געווען א **רעדאקציע־מיטגליד פון דער פאָלקסצייטונג, מאנט'** 1912 (דארטן

געפירט דעם אָפּטייל „פון יידישן אַרבעטער־לעבן". באַטייליקט זיך מיט לידער, אַרטיקלען וועגן דערציִונג און קליינע באַמערקונגען וועגן שרייבער און ביכער אין **קאַנאַדער אַדלער**, **מאָנט' פרייע אַרבעטער שטימע**, **אידישעס טאָגעבלאַט**, א"א, נ.י. אַ באַגייסטערטער ליבהאָבער פון דער יונגער יידישער ליטעראַטור, איז ער געווען דער איניציאַטאָר און אַרויסגעבער פון אַ צאָל ליטעראַרישע זאַמלונגען אין מאָנט'. ער איז אויך געווען (צוזאַמען מיט איידע מאַזע און מלך ראַוויטש) וואָס האָבן נאָכן יידישן חורבן אין אייראָפּע, געהאָלפן ברענגען קיין קאַנאַדע אַ גרופּע פון שרייבער־פּליטים און געשאַפן די מיטלען אַרויסצוגעבן זייערע שאַפונגען. אַ וויכטיקער אויפטו איז עס געווען צו באַשטימען אים ווי אַ סעקרעטאַר פאַר דער יידישער פּרעסע און וואָס ער האָט געשריבן וועגן גרידונגס צוזאַמענפאַר פון „קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס" (מערץ 1919) ה.ה. האָט זיך געדרוקט חוץ אין דער פּרעסע און פּעריאָדיק אין קאַנאַדע און אַמעריקע אויך אין די זאַמלונגען, **קאַנאַדע, העפטן**, **רוויערד** און אין אַ צאָל **יובל אויסגאַבעס פון קאַנאַדער אַדלער**. צוזאַמען מיט ה. באַרסקי און ח.מ. קייזערמאַן, איז ה' געווען דער רעדאַקטאָר פון דער אויסגאַבע פון דער יידישער עמיגראַציע געזעלשאַפט, **נײַלאַנד**, **מאָנט'** 1926־1927.

געשטאָרבן אין מאָנטרעאָל.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב. 3 מיט ביבליאָגראַפיע, דר' יעקב שאַצקי, **יידן ג'**, נ.י. 1942, ז' 199, ש. בעלקין, **די פּועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, **אינדעקס** ב.ג. זאַק, קאַנאַדער אַדלער, מאָנט' 30 טער נאָוו. 1955, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע, קאַנאַדיאַנאַ.

הרדוף, דוד מ. (1918 —)

געב' אין שידלאָווצע, ביי ראַדעם, פּוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה, עמיגרירט פון פּוילן קיין לאָנדאָן און געטאָן פאַרשידענע אַרבעטן גלייכצייטיק שטודירט הומאַניסטישע וויסנשאַפן און לינגוויסטיק אויפן לאָנדאָנער אוניווערסיטעט און באַקומען זיין מאַסטער־דיגרי. פון 1948 אין טאָר. אַ צייט געווען אַ העברעישער לערער, שפּעטער, ספרים געשעפט. פון די יונגע יאָרן אינטערעסירט זיך מיט תנך־פאָרשונג. מחבר פון אַ צאָל ספרים וואָס באַשעפטיקן זיך סיי מיטן אָפּשטאַם פון עלטערע העברעישע ווערטער צוו" אַנד. **אוצר השמות** (לעקסיקאָן פון תנכישע נעמען) 2 בענדער צו 290 ז', ת.א. 1961. ער איז אויך דער מסדר פון אַ נייער תנך־אויסגאַבע מיט נקודות (דערווייל איז נאָר דערשינען דער ספר בראשית.) לעבט אין טאָר.

אברהם רגלסון, **הבוקר**, ת.א. י"ז בשבט תשכ"א, מ.צבי קדרי, **לשוננו**, כ"ו תשרי תשכ"ב.

וואַגאַ, שלמה (22 טער דעצ. 1900 —)

געב' אין טשענסטאַכאָוו, פּוילן, יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקטער אינזשיניער פון אַ דייטשער טעכנישער הויכשול. בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע, געווען צוערשט אין טשענסטאָכאָווער געטאָ, דערנאָך אין אַ בונקער ביז 1945. באַקאַנטער לאַנגיאָריקער כלל־טוער און עסקן אין דער ציוניסטישער באַוועגונג אין פּוילן. זינט 1948, אין קאַנאַדע. באַטייליקט זיך מיט

אַרטיקלען וועגן יידישע פּראָבלעמען און וועגן יידישע צרות אין די חורבן־יאָרן אין **קאַנאַדער אַדלער**, **דער אידישער זשורנאַל**, **טאָר'.** **מאָרגענזשורנאַל**, נ.י. און אין די **טשענסטאָכאָווער יזכור ביכער.** מחבר פון בוך **חורבן טשענסטאָכאָוו,** (אנגעהויבן שרייבן אין בונקער און פאַרענדיקט אין קאַנאַדע) בוענאָס איירעס, 1949 231 ז', וואָס איז באַטראַכט געוואָרן פון דער קריטיק, ווי אַ זער וויכטיקער צושטייער צו דער חורבן־געשיכטע פון יידישע פּיינען בעת דער נאַצישער ממשלה אין פּוילן. לעבט אין טאָראָנטאָ.

ל. ברענער **דאָס נייע לעבן**, וואַרשע 15 טער פעבר. 1950, י. באַשעוויס, **פאַרווערטס**, 19 טער מערץ 1950, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ב.3.**

וו

וואָהלגעלערנטער, יעקב־יצחק (14 טער דעצ׳ 1899–20 טער מײַ 1966)

געב׳ אין מיעכאָוו, פוילן. צו 20 יאר באַקומען סמיכה אויף רבנות. אין 1922 געקומען קיין קאנאדע און באַזעצט זיך אין טאָר׳, לאַנגע יארן געווען מנהל פון דער תלמוד תורה "עץ חיים" נאָך פאר זיין קומען קיין קאנאדע, געווען אן עסקן אין דער "אגודת ישראל" און אַ מיטגרינדער פון דער "בית יעקב" שול־באוועגונג. ער איז געווען א מיטגליד פון דער אָרטאָדאָקסישער יונגער שרייבער־גרופע אין פוילן. שרייבערישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט לידער אין **דאָס אידישע וואָרט**, וואַרשע 1916, דערנאָך געווען א מיטארבעטער פון **דער יוד**, דאָרטן, 1920–1921 (אויך א מיטגליד פון דער רעדאַקציע). אין קאַנאַדע, געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ און חוץ אַרטיקלען אויף רעליגיעזע און חינוך־פּראָבלעמען אויך געדרוקט לידער פאר קינדער, וואָס זיינען געזונגען געוואָרן אין די רעליגיעזע שולן אין קאַנאַדע און אַמעריקע. לאַנגע יארן געדרוקט סעריעס וועגן די "גדולי ישראל וועגן ארץ ישראל" און אויך־ווערטער פון גרויסע יידן" און די סדרה פון דער וואך. יעדן פרייטיק געדרוקט זיינע קינדער־לידער (א"פ ד"ר יהודית פרידמאַן) הרב וואהל. איז געווען רעדאקטאר פון העברעישן חודש־זשונאל **הדרך, טאָר׳** 1943 און דאָרטן פארעפנלעכט פאַרשידענע אַרבעטן וועגן פוילישן יידנטום און וועגן חורבן. צוזאמען מיט נחמן שמן, רעדאקטירט דאס יובל בוך פון דער תלמוד תורה **עץ חיים**, טאָר׳ 1943, 193 ז׳ יידיש און 44 ז׳ העברעיש און ענגליש. איבערגעלאָזט א נישט פארעדיקטן כתב יד א **ביבליאָגראַפיע פון דער יידישער און העברעישער פרעסע** פון דער אָרטאָדאָקסישער באַוועגונג אין גאַר די וועלט.

נפטר געוואָרן אין טאָראָנטאָ.

אשר זאראנד, **תולדות אנשי שם**, נ.י. 1950, נחמן שמן, אין זיינע ביכער **באציונג ארבעט און קדושה אין יידישן פאמיליען לעבן**, אינדעקס, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, ב.3, אינפאָרמאציע פון זיין זון. **קאַנאַדיאַנאַ**.

וואָהלינער, א. (10 טער נאָוו. 1877–25 טער אַפּריל 1942)

פּען־נאָמען פון אליעזר לאַנדוי. באַרימטער זשורנאַליסט, רעדאַקטאָר און מחבר. געב׳ אין אַלט־קאָנסטאַנטין, אוקראַינע. פון 1902 ביז 1912 (מיט איבעררייסן) געלעבט אין מאָנטרעאַל. אַקטיווער עסקן אין דער פ"צ־פּאַרטיי. געווען איינציקע יאָר רעדאַקטאָר פון **קאַנאַדער אדלער** און ווי עס שרייבט דערוועגן אין זיין ווערק **די געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע**, ב.ג. זאַק, האט

בן ער...״ דורך זיינע אַרטיקלען גע אין אַ פּאָלקסטימלעכן און הארציקן סטיל, פאַרוואַנדלט דעם **קאַנאַדער אָדלער** פון א פּראָווינץ־בלאַט אין א וויכטיקע יידישע טריבונע פון גרויסן מאסשטאַב...״

ער איז אויך געווען א שטענדיקער מיטאַרבעטער פון די פאלקסצייטונג (אפּריל־אקט. 1912) און איינער פון די פיר רעדאַקטאָרן פון **ענגליש־יידישעס ענציקלאָפּעדישעס ווערטער־בוך**. זיינע קאָרעספּאָנדענצן פון קאַנאַדע און אַמעריקע, געדרוקט אין **דער פריינד**, וואַרשע, אין וועלכע ער האָט אויף א הומאָריסטישן אופן געשילדערט דאָס יידישע לעבן אין ביידע לענדער, האָבן געהאַט א ווירקונג אויף די פּאָטענציעלע יידישע עמיגראַנטן, וואָס האָבן בלויז פון די פעליעטאָנען, באַשלאָסן צו פאָרן אהין און אליין איבערלעבן די זאַכן. ער איז דער מחבר פון א צאל ביכער וועגן **הומאָר און סאַטירע**, אבער פון זיינע לידער און פעליעטאָנען זיינען בלויז דערשינען **גיפט אויף גאל**, נ.י. 1911 63 ז׳ און די בראָשור **דער אידישער ארבייטער און דאס אידישע פאלק**, נ.י. 1919, 32 ז׳ פון זיינע פסעוודאָנימען: רחלס קדיש, נישקובר, עגא א״א. געשטאָרבן אין נ.י.

מער וועגן זיין לעבן און שאפן זען: ז. רייזען, **לעקסיקאָן** ב.ו. **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**. ב.3 מיט ביבליאָגראַפיע, ש. בעלקין, **די פועלי ציון באַוועגונג אין קאנאדע**. אינדעקס, א קרעטשמאר־יזראעלי, ב.ג. זאק, צבי כהן, **אידישער קעמפער**, 26 טער מערץ 1956, קקאַנאַדיאַנא.

וואָלאָפּסקי, הירש, (14 טער סעפּט. 1878־8 טער נאָוו. 1949)

געב׳ אין א דאָרף ביי שידלאָוצע, פּוילן. באַקומען א שטרענג רעליגיעזע דערציונג. צו 15 יאָר געוואָרן א יתום נאָכן פאָטער און אוועק קיין וואַרשע. אין די ערשטע צייטן, געאַרבעט אין א וויין געשעפט, שפּעטער, אליין געוואָרן א וויין־סוחר. עטלעכע יאָר געלעבט אין לאָדזש, דערנאָך אין ענגלאַנד, פון וואַנען אין 1900 געקומען קיין מאָנטרעאָל און געוואָרן טעטיק אין יידישן לעבן. וויצע־פּרעזידענט פון ״אַמעריקאַנער פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן״, פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע און פון די גרינדער און אָנפירער פון ״קאַנאַדישן יידישן קאָנגרעס״ אין 1907, געגרינדעט דעם **קאנאדער אדלער** און זיין רעדאַקטאָר, בעת ער איז געווען א וואָכנבלאַט. שפּעטער, איז ער געווען פון זיינע אַקטיווסטע מיטאַרבעטער. פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען, פעליטאָנען, איבערזעצונגען פון דער העברעאישער נייער ליטעראַטור. (צווישן די יאָרן 1908־1911 געדרוקט יעדע וואָך דערציילונגען פון ראובן אשר ברוידעס און אין פאַרזעצונגען זיין גרויסע נאָוועלע ״דער טויט פון א מכשף״! וואָס איז עד היום די ערשטע און איינציקע דערציילונג פון ר.א.ב. אין יידיש) ער האָט געפירט דעם טעגלעכן קאָלום ״אָפענע דיבורים״, די וואָכנטלעכע איבערזיכטן ״וואָך־איין און וואָך־אויס״ (א״פ בן שפרה) דעם הומאָריסטישן אָפּטייל ״פּאַסירונגען און באַמערקונגען״ (א״פ יעקל שמיעד) און געשריבן איינציקע צייטונגס־ראָמאַנען. א פּאַראַנטוואָרטלעכער פּובליציסט, האָט ער אין זיינע אַרבעטן רעאַגירט סיי אויף יידישע און סיי אויף אַלגעמיינע אַקטועלע פּראָבלעמען, וואָס געשטאַנען אויפן סדר היום. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, געווען צווישן די עסקנים פון ״הילפס־

קאָמיטעט פאַר יידישע מלחמה־געליטענע" און אין 1920, ווען עס האָבן אויסגעפעלט אין קאַנאַדע און אַמעריקע גמרות צו לערנען, האט ער געלאָזט איבערדרוקן דעם ווילנער ש"ס און צעשיקט איבער יידישע ישובים אין דער וועלט. אין 1921, באַזוכט אייראָפּע און ארץ ישראל און זיינע לעבעדיק־באַשריבענע איינדרוקן געדרוקט אין **קאנאדער אדלער**, און אין זיי זיך אַרויסגעוויזן, ווי א געניטער באַאָבאַכטער און זשורנאַליסט מיט א קלאָרן בליק אויפן יידישן לעבן. ער האט זיי קינסטלעריש געשילדערט אין זיין בוך: **אייראָפּע און ארץ ישראל** נאָכן **וועלט קריג**, מאָנטרעאַל, 1922, 280 ז'. פון זיינע אַנדערע ביכער זענען אַרויס. **פון אייביקן קוואַל**, (געדאַנקען און באַטראַכטונגען פון היינטיקן יידישן לעבן און שטרעבן אין ליכט פון אונדזער אלטער און נייער תורה (לויט דער פרשה פון דער וואָך) 1930, 189 ז'. **מיין לעצטע רייזע** (זכרונות פון איבער א האַלבן יאָרהונדערט יידיש לעבן אין דער אלטער און נייער היים) 1943, 265 ז' (אַרויס אויך אין ענגליש).ה.וו. איז אויך געווען דער גרינדער און מיטאַרבעטער פון ענגליש־יידישן וואָכנבלאַט **קענעדיען דזשואיש קראָניקל**, מאָנטרעאַל, 1912.
געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

ז. רייזען **לעקסיקאָן** ב.1, י. י. סיגאַל, **קאנאדער אדלער** 2 דעצ 1946, ישראל ראַבינאָוויטש, מ. גינזבורג, י. מדרש, דאַרט 10 נאָוו. 1949, ב.ג. זאַק, דאַרט 12 נאָוו. **יובל־ביכער קאנאדער אדלער**, 1927, 1937 און 1957 ש. בעלקין **די פועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס. נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע, **קאַנאַדיאַנאַ**.

וואַלדמאַן, חיים־יונה (21 טער אַפּריל 1889־20 סעפּט. 1954)

געב' אין קאָראַליוווקע, ביי באַרשטשאָוו, גאַליציע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין 1922 געקומען קיין קאַנאַדע און ביז 1928 געווען א יידישער לערער אין דער וויניפּעגער י.ל. פּרץ־שול. געדרוקט אַרטיקלען איבער דערציונגס־פּראָבלעמען אין **דאָס אידישע וואָרט**, **אידישע פּרעסע** (ביידע אין ווינ') **קולטור און דערציונג**, **נ.י.** און פון א צאָל יידישע צייטונגען אין אַמעריקע מחבר פון **לערנביכל אידיש פאַר אנפאנגער**, העפט 1, באָסטאָן, 1935 מיט זיינע באַמערקונגען אין וועלכע ער קלערט אויף זיין מעטאָדע.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ב.3. מיט ביבליאָגראַפיע, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע, קאַנאַדיאַנאַ.

וואָלקאָוויטש, מינא, (12 טער יוני 1914 —)

געב' אין פּיעטריקאָוו, לאָדזשער געגנט, פּוילן. שטודירט עקאָנאָמיע אויף דער "וושעכניצע" און וואַרשע און באַקומען א מאַסטער־דיפּלאָם. ביז 1933 געווען אַן אָנגעשטעלטע אין פּיעטריקאָווער שטאָט־פּאַרוואַלטונג, דערנאָך א יאָר שטודירט אין דער סאָרבאָן אין פּאַריז פון וואַנען געפאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד און ביז 1945 געווען פאַרשיקט אין לאַגערן אין וויסטן קאַראַ־קומער מדבר. נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען קיין לאָדזש און אין 1948 ווידער אומלעגאַל אַוועק פון קאָמוניסטישן פּוילן. א צייט געלעבט אין פּליטים־לאַגערן פון וואַנען אין 1949 געקומען קיין מאָנטרעאַל. נאָך פאַר דער מלחמה (1939) געדרוקט (אונטער מאַריאַ יעלעווסקאַ אין פּויליש לידער און נאָוועלן אין דער לאָדזשער פּרעסע. פון 1950 אַריבער צו יידיש.

געדרוקט ארטיקלען וועגן יידישן לעבן אין פּוילן. 1956־1957 פאַרעפנטלעכט טעגליך אין **קאנאדער אדלער** קאַפּיטלעך פון איר צוגעגרייטן בוך **מיינע איבערלעבענישן אין סאָוויעטישע טורמעס** מיט א פאָרווארט פון רעדאַקטאָר ישראל ראבינאוויטש אין וועלכן ער שרייבט...״מ.וו. גיט אין אירע באשרייַבונגען א גראַפיש און קינסטלעריש בילד פון ״לעבן״ פון די פרויען ארעסטאנטן, וואס זענען אַנטלאָפן פון די נאציס און אריינגעפאלן אין סטאַלינס לאגערן און אויף זייערע לעבנס, געפילט די כלומרשטע ״גערעכטיקייט״ וואס האט געהערשט אין סאָוועטישן גן־עדן״ חוץ מיט שרייבן פארנעמט זיך מ.וו. מיט מאלעריי און סקולפטור. זי איז אויך באקאנט ווי אן אינטערעסאנטע לעקטאָרן, דער עיקר אויף פּאָליטישע טעמעס.

ביבל י. ראבינאוויטש, **קאנאדער אדלער**, 28 יוני, 1956, קאנאדיאנא.

וואָרטסמאן, יחזקאל, (16־1878 טער מיַי 1938)

באַרימטער יידישער זשורנאַליסט, שריפטשטעלער און טעאטראַל. פון סוטן יולי 1910, ביז מיטן פעבר. 1912, געווען רעדאַקטאָר פון **קאנאדער אדלער**, מאנט׳ דאָרטן געדרוקט חוץ די טעגלעכע לייט־ארטיקלען, איבערזיכטן וועגן יידישן טעאטער און די סעריע״ בארימטע יידישע פערזענדלעכקייטן״ אויך זיין איבערזעצונג פון א.ל. לעווינסקיס העברעישער פאנטאזיע: **א רייזע קיין ארץ ישראל אין 21 טן יארהונדערט, (אין טעגלעכע פארזעצונגען) 12 המשכים פון זיין פארשונג טרייד־**

יוניאָניזם, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל אין יידיש באַקאַנט געמאַכט פארן יידישן לעזער די געשיכטע פון דער אמעריקאנער ארבעטער באוועגונג. ער האט אויך צוגעצויגן צו דער צייטונג א צאל יונגע שרייבערס, וואָס האָבן באריַיכערט דעם אינהאלט פון דער צייטונג. גענומען אן אנטייל אין דער פאַרטיי־ארבעט פון דער פ.צ. און זיך באטייליקט אין ספעציעלן זשורנאל **די 5 טע קאנווענשן** וואס איז דערשינען לכבוד דער פ.צ. קאנווענשן אין 1910 מאנטרעאל.

מער וועגן זיין לעבן און שאפן זען: ז. רייזען, **לעקסיקאן** ב.1. **לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, ב.3 מיט ביבליאגראפיע. ש. בעלקין, **די פועלי ציוז באַוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס. ישראל ראבינאוויטש, **יובל בוך קאנאדער אדלער**, 1957, קאנאדיאנא.

ווידאנס, דניאל (1907 —)

אַדאָפטירטער נאמען פון ד. כווײדאַנאַס. געב׳ אין א שטעטל ביי דער רוסיש־ליטווישער גרענעץ ווו זיין פאָטער איז געווען רב. בעתן גירוש פון ליטווישן יידנטום, (1915) פארוואגלט געווארן אין טיף רוסלאנד. שפעטער געלעבט אין קאוונע און פאריז. אין די יארן פון נאצישער ממשלה אין פראנקרייך, געווען אין לאגער דראנסי, שפעטער, אין דער ווידערשטאנדס־באוועגונג. פון 1956 ביז סוף 1963, געלעבט אין מאנטרעאל. מחבר (צוזאמען מיט זיין ברודער עמיל) פון א צאָל גוטע בעלעטריסטישע און קינסטלערישע ווערק, וואָס גיבן איבער לדורות יידישע ליידן אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. גאַר אַ באזודנערן ווערט האט דער היסטאָרישער ראמאן **ירושלים** וואס פירט דעם לעזער איבער די געסלעך

פון אמאַליקן ירושלים ביז צו די יאָרן בעת די ירושלימער יידן האָבן זי אויפגעלעבט און פאַרייניקט איר גלאָריע אין אונדזערע טעג.

יעקב גלאַטשטיין, **אידישער קעמפער** ווי ער שרייבט "א ווערק, אויסגעזונגען מיט ליבשאַפט צום יידישן מענטשן" דאָס בוך, ווי אַ צאָל אַנדערע האָט ווידאַנס געשריבן אין מאָנטרעאַל: **קאַנאַדיאַנא**.

ווידערמאַן, חנה (20 יוני 1899 —)

געבּ' אין אושימע, פּאָדאָליע. געענדיקט א רוסישע גימנאַזיע. בעתן בירגער־קריג אין אוקראַינע, איבערגעלעבט א פּאַגראָם און אַנטלאָפן קיין בעסאַראַביע פון וואַנען אין 1924, געקומען קיין מאָנטרעאַל פון 1929 עד היום, איז זי א מיטאַרבעטערן פון **קאַנאַדער אדלער**. דרוקט דערציילונגען, הומאָרעסקעס, פעליעטאָנען, וואָס ווירקן מיט שטילן און לירישן געמיט. באַטייליקט זיך אין פאַרשידענע זאַמלונגען. זינט 1970 דרוקט זי אויך לידער און איינס פון זיי איז אַריין אין דער אַנטאָלאָגיע **קאַנאַדיש**, ב.א. אין בוכפאָרם **אומעטיקער שמייכל**, מאָנט', 1946 208 ז' **אַלטע לייט און קינדער**, **דאָרטן**, 1960, 144 ז'. ביידע ביכער דערציילונגען זענען גוט אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק מיט לויב און אָנערקענונג.

י.י. סיגאַל **קאַנאַדער אדלער**, 5 טער מאַרץ 1947, איידע מאַזע, **דאָרטן**, 27 טער מײַ 1947, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור** ב. 3 מיט ביבליאָגראַפיע, **קאַנאַדיאַנא**.

וויטמאַן, נח (1907 —)

געבּ' אין וואַרקאָוויטש, וואָלין. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. זינט 1927, אין קאַנאַדע. לאַנגע יאָרן געווען א העברעישער לערער. אַקטיווער עסקן אין דער פּ.צ.־פּאַרטיי און איר פאַרשטייער פון וויניפּעג אין "קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס". ער איז אויך א מיטגליד אין דער הויפּט־אָנפירונג פון "נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד", מיטגרינדער פון יידיש־ריידנדיקן "בני ברית־לייוויק קרייז", ער פירט אָן מיט די יידיש ריידנדיקע דראַמאַטישע קרייזן אין וויני' 1954 1944, איז וו' געווען דער אָנפירער פון די "הסתדרות קאַמפּיינען" פאַר מערב־קאַנאַדע און דער איינציקער דעלעגאַט צום ציוניסטישן קאָנגרעס אין ירושלים (1966) א חובב יידיש, טוט ער אַלעס בכדי צו פאַרפעסטיקן די יידישע שפּראַך און די יידישע קולטור, וואָס ער אינפאָרמירט סײַ דורך דער "יידישער ראַדיאָ־שעה" און סײַ דורך דער איינציקער יידישער טעלעוויזיע־סטאַנציע וואָס ער פירט אָן עד היום. פון 1954 איז ער געווען דער אַרויסגעבער פון **דאָס יודישע וואָרט**, וויניפּעג און אין די יאָרן 1970־1960, זיין רעדאַקטאָר. דאָרטן האָט ער אויך געדרוקט חוץ לייטאַרטיקלען, און באַשרייבונגען זיינע לידער און הומאָרעסקעס אויף אַקטועלער יידישער טעמאַטיק, וואָס ער רעציטירט אויך אליין. זיין גרעסערע פּאָעמע "די יידישע בריגאַדע" איז ברייט באַקאַנט צווישן יידן איבער דער וועלט און גיט־איבער די טראַגישע געפילן און די זאָרגן פון א יידישן מענטש אין דער איצטיקער צייט. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר', **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט' און אין יידישע צייטונגען איבער דער וועלט.

לויט פאַרשידענע קוואַלן, אינפאָרמאַציע פון מיכל ניטיקמאַן, וויני' **קאַנאַדיאַנא**.

וויטענבערג, משה (15 טער 1901־31 טער יאַנ. 1978)

געב׳ אין סטאַשעוו, קעלצער געגנט, פּוילן. אין די יונגע יאָרן אַריבער קיין לאָדזש, דאָרטן באַקומען יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. תלמיד פון יצחק קאַצענעלסאָנס העברעישע, גימנאַזיע, פון 1931 ביז צו זיין טויט, אין טאָר׳. לאַנג יעריקער לערער און פּרינציפּאַל פון ״י״ ״פאָרבאַנדשולן״ און טעטיק אין דער ציוניסטישער אָרב. באַוועגונג. אָנגעהויבן שרייבן מיט יידישע לידער אין די סטודענטישע יאָרן און צו דרוקן אין די לאָדזשער צייטונגען און צייטשריפטן. געווען רעדאַקטאָר פון די זאַמלונגען טריט, לאָדזש 1924. איבער 40 יאָרן געאַרבעט אויף זיין **מילון עברי אנגלי רב הקפי**, ירושלים, באַנד א, 1976, 550 ז׳ באַנד ב. 1978, 489 ז׳. געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ.

״דאָס ספר איז ממש אַן אוצר, און דער וואָס וועט זיך מיט אים באַנוצן וועט רייך מאַכן זיין עברית און באַקומען די עקוויוואַלענטן, וואָס זענען פאַראַן. אויך איז עס זייער וויכטיק פאַר די וואָס זעצן איבער פון עברית אין ענגליש״.

י. רימון **הדואר**, ח׳ אדר א. תשל״ו
אינפאָרמאַציע פון זיין ברודער און פון ש.י. סימכאָוויטש, טאָר׳.

וויילדער, הערץ עמנואל
(17 טער מיי 1888־17 טער סעפּט. 1948)

געב׳ אין אומני, רומעניען. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון 1903 ביז צו זיין טויט, אין וויניפּעג. מיטגרינדער פון א צאָל יידישע און אַלגעמיינע אינסטיטוציעס. וויצע־פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, וויצע־פּרעזידענט און ערשטער ענגלישער סעקרעטאַר פון ״קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס״ אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען לייטער פון פּראָפּאַגאַנדע ביי דער רעגירונג אין דער וויקטאָריאָ־פּראָווינץ. פון די פריע יוגנט יאָרן טעטיק ווי א שרייבער. געדרוקט לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען וועגן יידישע און אַלגעמיינע פּראָגעס און מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פון יידישן יישוב אין מערב־קאַנאַדע אין **דאָס אידישע פאָלק, קאַנאַדער איד**, (ווינ׳ 1910) פון 1918 ביז 1955 געווען הויפּט־רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון **דאָס אידישע וואָרט**. א ליבהאָבער פון יידיש, האָט ער דערמוטיקט יונגע שרייבערס צו דרוקן אין זיין צייטונג, ווי ער דערמאָנט עס אין זיין עסיי ״100 יאָר גלייכבאַרעכטיקונג פון יידן אין קאַנאַדע און 60 יאָר געשיכטע פון יידישן יישוב אין מערב־קאַנאַדע״ וואָס איז געדרוקט **אין יובל־בוך 1935** גרויסע טאַפּלטע זייטן. ער איז אויך געווען א מיטגרינדער פון דער יידיש־ענגלישער פּרעסע אין מערב־קאַנאַדע און רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט **דער גאַרדיען**, ווינ׳, ווו ער האָט געדרוקט זיינע איבערזעצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור. געשטאָרבן אין וויניפּעג.

האַרט, **דזשוס אין קאַנאַדע**, 1926, אינדעקס צבי כהן, **קאַנאַדיען דזשורי**, טאָר׳ ש. בעלקין, **די פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס, לייזער צוקער אַנדענק **בוך**, 1966, ז׳ 43, **קאַנאַדיאַנאַ**.

וויינגאַרטן, ירחמיאל (23 טער דעצ׳ 1902 —)

געב׳ אין וואַרשע, פּוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט די העברעישע שולע פון ש.ל. גאָרדאָן, דערנאָך א רעגירונגס־סעמינאַר פאַר

רעליגיע לערערס און אליין אויך געווען א לערער. ער איז אויך געווען פון די הויפּט־מיטאַרבעטער אין יאנוש קאָרטשאקס יתומים־הויז. בעת די נאציס האָבן פארנומען ווארשע, אנטלאָפן קיין ליטע, פון דאָרטן איבער רוסלאנד און יאפאן געקומען אין 1941 קיין קאנאדע. אין יאפאַן, געווען פאַרזיצער פון דער פליטים שרייבער גרופּע. ביז 1946, געלעבט אין מאָנטרעאַל און אקטיוו אין יידישן לעבן, שפּעטער ביז צו זיין באזעצן זיך אין מדינת ישראל, געווען פון די טעטיקסטע עסקנים פון דער "הסתדרות עברית" אין ניו יאָרק. אָנגעהויבן שרייבן לידער אין די סטודענטישע יארן אין עברית און פויליש. דעביוטירט אין 1923 מיט א ליד אין **הד הנוער**, ווארשע. שפּעטער געדרוקט לידער, דערציילונגען, אָפּהאנדלונגען וועגן ביכער און שרייבער און וועגן פּעדאגאגישע און דערציונגס פּראגעס. באטייליקט זיך אין **היינט**, **בדרך**, **עולם קטן**, **עלים לספרות** ווי אויך אין דער יידישע פּוילישער פּרעסע (אלע אין ווארשע) אין די יאָרן ווען ער האט געלעבט אין מאָנטרעאַל געווען א מיטארבעטער פון **קאנאדער אדלער**, מאָנט' און דאָרטן חוץ אַרטיקלען וועגן יידישע פּראבלעמען און וועגן חינוך, אויך געדרוקט קאפּיטלעך פון בוך א **וועלט אין פלאמען**, מאנט' 1942, 240 ז' וואָס איז געווען פון די ערשטע ביכער וואָס האָבן געשילדערט דעם אָנהויב פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און דעם וואַנדער־וועג פון יידישע פליטים איבער פארשידענע לענדער. י.וו. איז אויך דער מחבר פון א צאל וויכטיקע העברעישע לערנביכער, וואס ווערן עד היום באַנוצט אין די העברעישע לערנאַנשטאַלטן איבער דער וועלט. ער האָט אויך געדרוקט א"פ. "יאַוואַן"

מער וועגן זיין לעבן און שאפן זען" דר. ר. פעלדשו, **יידישער געזעלשאפטלעכער לעקסיקאן**, ווארי 1939, ש. ניגער **דער טאג**, נ.י. **12 טער סעפט. 1942**, **י.י. סיגאל**, **קאנאדער אדלער**, מאָנט' 7 טער יאַנ' 1947, **לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור**, ב.3 מיט ביבליאָגראַפיע קאַנאַדיאַנאַ.

וויינער, בנימין (1888 —)

געב' אין אָניקשט, ליטע אין א רבנישער משפחה. געלערנט אין סלאָבאָדקער ישיבה, פון 1910 אין מאָנט' אַקטיווער עסקן אין יידישן לעבן, מיטגרינדער פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, פון "מזרחי" און פון די פארײַניקטע "תלמוד־תורה'ס" דאס גאנצע לעבן זיך געווידמעט דערציונגס פּראגעס. מיטפאָרזיצער און מיטגרינדער פון רעליגיעזן "וועד העיר" אין מאָנט' און פון כמעט אלע מוסדות פאר מדינת ישראל. געווען פון די ערשטע מיטארבעטער פון **קאנאדער אדלער** און חוץ מאמרים וועגן יידישע כלל ענינים געדרוקט אויך וועגן אקטועלע יידישע פּראבלעמען. מיטארבעטער פון **די שטימע פון וועד** און פון יידישע און העברעישע **צייטשריפטן פון "מזרחי"** אין קאנאדע און אמעריקע. פון 1925 עד היום כסדר באזוכט ארץ ישראל. צו זיין ווערן א בן תשעים, ווי דער איינציק לעבעדיקער מיטגרינדער פון "וועד" בארעט געווארן מיט א אויסצייכענונג.

זיין פאטער הרב מאיר אליהו, געוועזענער רב אין וויזון, קאָוואַרסק און יעדוואַבנע און דער מחבר פון ספר **רב טבחיא** (ווערט באנוצט אין דינים וועגן ניקור אין מדינת ישראל) איז אין 1914 געווען אין מאנט'. אין יענע יארן

געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישע כלל ענינים אין **קאַנאַדער אדלער.** שפּעטער צוריקגעפאָרן קיין פּוילן און בעת דער ערשטער וועלט-מלחמה געוואָרן רב אין טאַמבאָוו און דאָרטן געשאַפן אַ יידישע קהילה אין די יאָרן 1918-1919 בעת די פּאָגראָמען, און ווען די "ווייסע" אַרמייען האָבן צוריק פאַרנומען טאַמבאָוו, האָבן זיי פון אים ווי דער רב פון די יידן פאַרלאַנגט אַ מיליאָן-רובל אויסקויף-געלט, וואָס ער האָט נישט געקענט צושטעלן צו דער צייט. ער איז געפאַלן פאַר אַ קרבן פאַר זיין עדה אויף קידוש-השם. געקומען צו קבר ישראל ערשט ערב חודש אלול תר"פ (1920)

ה. וואָלאָפּסקי, **מיין לעבענס-רייזע,** מאָנט' 1946, ז' 171, ב.ג. זאַק, **ליטע ב. 2** ז' 716. **אהרן נירענבערג, קאַנאַדער אדלער,** 4 טער יאַנ. 1963, ב. אָרענשטיין, דאָרט, 17 טער נאָוו' 1972.

ווייס, רות (13 טער מיי 1936 —)

טאָכטער פון די יידישע קולטור-עסקנים מאַשע און לייב ראָסקעס. געב' אין טשערנאָוויץ בוקאָווינע. אַלס קינד געקומען מיט די עלטערן קיין מאָנטרעאַל און דאָ באַקומען איר יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט די יידישע פאָלקסשולן און שטודירט אין מ"ק-גיל אוניווערסיטעט, מאָנט' און אין קאָלאַמביע-אוניווערסיטעט אין נ.י. אין 1969 באַקומען פאַר איר דיסערטאַציע "דער שלומיאל ווי אַ העלד אין דער יידישער און ענגלישער נאָוועלע," דעם דאָקטאָר-דיפּלאָם. ר.וו. איז פּראָפעסאָר פון יידישער ליטעראַטור אין פאַרשידענע אוניווערסיטעטן. אין 1971, געווען גאַסט-פּראָפעסאָר פון יידישער ליטעראַטור אין ירושלימער און אין תל אביבער אוניווערסיטעטן. איר שריפטשטעלעריש-פאָרשערישע טעטיקייט אנגעהויבן גלייכצייטיק אין יידיש און ענגליש אין די שול-יאָרן און אירע ערשטע אַרבעטן פאַרעפנטלעכט אין פאַרשידענע יידישע און ענגלישע צייטשריפטן אין מאָנט'. חוץ דעם איז זי אַ טאַלאַנטירטע איבערזעצערין אין ענגליש פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור. צוו אנד' האָט זי איבערגעזעצט חיים גראַדעס **דער שול הויף,** י.מ. ווייסנבערגס **דאָס שטעטל** א. סוצקעווערס **לידער** און אויך אָנגעשריבן אין ענגליש דאָס פאָרוואָרט צו זיין בוך **גרינער אַקוואַריום.** אין דער פעסטשריפט לכבוד ד"ר מאַקס ווײַנרייך 70 יעריקן יובל, פאַרעפנטלעכט די פאָרשונג וועגן מענדעלע מוכר ספרימס אומבאַקאַ-נטער דראַמע **כמנין יידן,** וואָס איז אויפגענומען מיט אויפמערק. פון אירע אַרבעטן אין יידיש דאַרף מען אונטערשטרייכן **"סטיל און כאַראַקטער** ביי דוד בערגעלסאָן **(יוגנטרוף** (נומ. 16-15, 1968 און נומ. 20-17) באַטייליקט זיך אין **גאָלדענע קייט** און אין פאַרשידענע צייטשריפטן אין דער יידיש-ענגלישער וועלט. זי איז אויך אַ מיטאַרבעטערן פון דער **ענציקלאָפּעדיע יודאיקא,** ירושלים. **אַ טייל פון אירע ווערק זיינען דערשינען** אין ענגליש. און ווי עס באַצייכנט דר מאַקס ווײַנרייך "האָט זי אַ גוט געפיל פאַר ליטעראַטור און אַ גלייכן שכל"

וואָכנבלאַט, טאָר' 24 טער מאַרץ 1971, בערל פרימער, **לעצטע נייעס,** ת.א. 5 טער יולי 1974, מאיר שטיקער **פאָרווערטס,** 16 טער פעבר. 1976. **קאַנאַדיאַנאַ.**

ווייסטוב, יצחק (1886־1960)

געב׳ אין יאַמפּאָל, וואָלין. אָפּשטאַמיקער פון דורות רבנים, געלערנט אין ישיבות און געווען באַקאַנט ווי "דער יאַמפּאָלער עילוי". פון 1918 ביז 1938, געלעבט אין ווין, עסטרייך, און פּראַקטיצירט ווי א מעדיצין־דאָקטאָר. פון סוף 1938 ביז צו זיין טויט, פּראַקטיצירט ווי אַ מעדיצין דאָקטאָר אין פּאָרט־אַרטור און וויני־פּעג. אָנגעהויבן שרייבן מיט אַרטיקלען און פעליעטאָנען אין **מאָרגענפּאָסט**, ווין, שפּעטער אריבער צו דייטש. און 1938 צוריקגעקומען צו ייִדיש און עב־רית. פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען אויף מעדיצינישע און ייִדישע פּראָבלעמען און וועגן קולטור־ענינים אין **דאס אידישע וואָרט**, וויני׳ **דער טאָג**, **הדואר**, **הרופא העברי** (אלע אין נ.י.) און אויך אין דער ייִדיש־ענגלישער פּרעסע. רעדאַקטאָר פון א לעקסיקאָן **ווער איז ווער אין מעדיצין** (ענגליש) געשטאָרבן אין וויניפּעג.

אסתר שעכטמאַן, **די געשיכטע פון מיין לעבן** וויני׳ 1951, **דאס ייִדישע וואָרט**, דאָרטן אָקט. 1960, **הדואר**, נ.י. נאָוו׳ 1960, אינפאָרמאַציע פון מ.י. ניטיקמאַן, **נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע.**

ווייסמאַן, לאה (15 טער מיי 1892 —)

געב׳ אין אַלישעוקע ביי טשערניגאָוו, אוקראַינע. געלערנט אין חדר און אין א רוסישער פאָלקסשול. אין 1907 געקומען קיין קאַנאַדע. א צייט געאַרבעט אין א קליידער־שאָפּ אין מאָנטרעאַל. געדרוקט לידער און דערציילונגען אין **קאַנאַדער אדלער**, **אַמעריקאַנער**, **פרייע ארב. שטימע**, **ניו־יאָרקער וואכנבלאַט**. א טייל פון איר לידער זענען אפּגעקליבן געוואָרן פאַר דער פּראָיעקטירטער דורך ח.מ. קייזערמאַן **אַנטאָלאָגיע פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין קאַנאַדע**, וואָס איז נישט דערשינען צוליב קייזערמאַנס פּלוצימדיקן טויט.

ח.מ. קייזערמאַן־אַרכיוו, קאַנאַדיאַנאַ.

ווייסמאַן, מאַקס (28 פעבר׳ 1881־2 טער מאַרץ 1975)

געב׳ אין בוקאַרעסט, רומעניען. ייִדישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון 1903 אין מאָנטרעאַל. 1907, געענדיקט ווי א מעדיצין־דאָקטאָר דעם "מק־גיל אוניווערסיטעט" און ביז פאַר זיין טויט פּראַקטיצירט אין ייִדישן שפּיטאַל אין מאָנט׳. געווען פון די ערשטע מיטאַר־בעטערס פון **קאַנאַדער אדלער** און זינט 1908 געדרוקט אַרטיקלען וועגן מעדיצינישע פּראָגעס (אויך דאָרטן איינגעפירט דעם אָפּטייל "פאַר אייער געזונט" און דערמיט צוגעצויגן מאַסן לעזערס צו דער ייִדישער צייטונג.) דר׳ וו׳ האָט זיך אויך באַטייליקט אין **דזשוּאיש קראָניקל** און אין דער ענגלישער פּרעסע אין קאַנאַדע. אין 1916 געווען ייִדישער קאַנדידאַט פון אוטרעמאָנט צום מאָנטרעאַלער שטאָט־ראַט. ביזן טאָג פון זיין טויט נישט געוואָלט פאַרלאָזן זיין אַרבעט אין ייִדישן שפּיטאַל און ביי דער אַרבעט געשטאָרבן.

ה. וואָלאָפּסקי, **יובל בוך קאַנאַדער אדלער**, 1932, **נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע קאַנאַדיאַנאַ.**

ווייסמאַן, שלמה (10 טער מאַרץ 1899 —)

געב׳ אין דינאַוויץ, פּאָדאָליע אין דער משפחה פון א מאָדערנעם

לערער. די ערשטע דערציונג באַקומען פון זיין פאָטער, ר׳ שמואל, אַ משכיל, מדקדק און אַ בעל תנך, וואָס האָט אים משפּיע געווען דאָס גאַנצע לעבן. אין 1913 געקומען קיין מאָנטרעאָל און דאָ ממשיך געווען זיין בילדונג. תלמיד פון ד״ר יהודה קויפמאַן. געענדיקט פּעדאַגאָגיק און אין 1920, באַקומען זיין דיגרי פון מק״גיל אוניווערסיטעט. אָבער נאָך פריער, צו 16 יאָר געוואָרן אַ יידישער לערער אין דער ערשטער יידישער פאָלקסשול און פון 1920 1969, געווען איר פרינציפּאַל. ער האָט אויך אין 1925 באַקומען אַ מאַסטער דיפּלאָם. ש.וו. איז איינער פון די גרינדער און לעקטאָר פון יידיש העברעישן לערער סעמינאַר און אַ לערער פון העברעיש אין זשאָרזש וויליאַם קאָלעדזש אין מאָנטרעאָל. ער איז פון זיינע יוגנט יאָרן אַקטיוו אין יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור לעבן. צוו׳ אַנד׳ אין קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, ייוואָ פון דער פּ.צ. פּאַרטיי און אין אַ גרויסער צאָל וויכטיקע אינסטיטוציעס אין מאָנטרעאָל. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, אָנגעהויבן מיט ״אַ ברייוו אין רעדאַקציע״ (א״פ מלך בן קפדן) **אין קאַנאַדער אָדלער**, 1913. אָבער זיין ערשטע ערנסטע אַרבעט, דאָס אַרטיקל ״אונדזער קאַמף״ (וועגן דער אחריות פון אַ יידישן לערער אין דער שול אַרבעט) געדרוקט דעם 20 טן אָקט. 1916, אין **דער וועג**, רעד. ראובן ברייַנין, האָט באַלד אַרויסגערופן באַציִונג צוליב דעם הויכן ניוואָ און ערנסטקייט פון דער פּראָבלעם. זינט דאַמאָלט פאַרעפנט־לעכט אַרטיקלען, און עסייען וועגן יידישער און אַלגעמיינער דערציונג וואָס האָבן אים אָוועקגעשטעלט ווי אַ מומחה אין דער וועלט פון יידישער פּעדאַגאָגיק. ער האָט זיינע אַרבעטן געדרוקט אין דער יידישער, העברעישער און ענגליש יידישער פּרעסע און פּעריאָדיק. ער האָט אויך געדרוקט מאמרים וועגן ליטעראַרישע פּראָבלעמען, דערציילונגען, עטיודן, פאַנטאַזיעס, פילאָזאָפישע באַטראַכ־טונגען און איבערזעצונגען פון העברעיש און ענגליש, וואָס זיינען פּאָזיטיוו אָפּגעשאַצט געוואָרן דורך דער קריטיק. מיטאַרבעטער פון **דער אידישער אַרבייטער**, **דאָס אידישע וואָרט**, **קאַנאַדער אָדלער**, **דער וועג** און פון כמעט דער גאַנצער יידישער און העברעישער פּעריאָדיק אין מאָנטרעאָל.

באַטייליקט זיך אין **ליטעראַרישע בלעטער**, וואַר׳ **די צייט**, (רעד. דוד פּינסקי) **צוקונפט**, **אידישער קעמפער**, **געדאַנק און לעבן**, **בלעטער פאַר דערציונג**, **שול און לעבן**, **דער וועקער**, **פרייע אַרב׳ שטימע** (אַלע אין נ.י.) ווי אויך אין דער העברעישער פּרעסע און פּעריאָדיק איבער דער וועלט. אין די זאַמלונגען **גליונות**, **ת״א** (רעד יצחק למדן) פאַרעפנטלעכט אַ סעריע עסייען וועגן דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, וואָס האָבן אים באַרימט געמאַכט צווישן די ליטעראַרישע מבינים אין ארץ ישראל. פון גרויס וויכטיקייט זיינען זיינע אַרבעטן איבער יידישע שול־פּראָבלעמען, וואָס ער האָט געדרוקט אין **שול און דערציונג**, נ.י. 1928, **שול־פּנקס** 1929. זיינע עסייען: אַמעריקע און אונדזער יידישער דערציונג וועגן אַן אינטעגריר־טער יידישער דערציונג, גאָט־זוכעניש אין אונדזער דור, טראַדיציע און לעבנסשטייגער, ימים טובים אין אונדזער דערציונג, גלות און ארץ־ישראל אין אונדזער דערציונג, וואָס האָבן שוין דאַמאָלט באַהאַנדלט פּראָבלעמען וואָס די יידישע און

העברעישע שול־טוערס ראנגלען זיך עד היום מיט די פּראַגעס. זיי וואָלטן פאַרנומען א גאָר חשובן אָרט אין דער פאָרשונג וועגן היינטצייטיקע שול־פּראָבלעמען. (זיכערע צוויי דיקערע בענדער) ש.וו. האָט זיי נישט געזאַמלט אין ביכער, נאָר ער האָט ליבערשט זיך אָפּגעגעבן אין שאַפן **לייענמאַטער־יאַלן** פאַר דער שול גופא. ער האָט אויך דערמונטערט יונגע טאלאנטן צו שרייבן, ווי מיר זען דאס אין די דורך אים רעדאקטירטע זאמלונגען **יונגע צווייגלעך**, וואָס האָבן ארויסגעגעבן א צאל נייע און יונגע פּאָעטן, דערציילערס און עסייאיסטן. ער האָט אויך צוזאמענגעשטעלט די אויסגאבע **אונדזער געזאנג וואָס האָט** פארברייטערט די בענקשאפטן צום יידישן געזונגענעם פאָלקסליד. א גרויסן פארדינסט פאר דער דערציונג און פראָגראַם פון לימוד, זיינען די דריי בענדער **דאס ווארט** (ליטעראַרישע כרעסטאמאטיע) נ״י 1931, 900 ז׳ (צווייטע אויפלאַגע, 1950) וואָס ווערן עד היום באנוצט אין די יידישע שולן אין קאנאדע און אמעריקע. ער האט געשריבן דעם איבערבליק צו דער בראָשור **30 יאר דערציונגס־אַרבעט, 1914־1944, מאנט׳ 1945. (יידיש און ענגליש). צוזאמען מיט מ. חסיד צוזאמענגעשטעלט פון דער ירושה י.י. סיגאלס לעצטע לידער**, מאנט׳ 1955. ש.וו. האָט איבערזעצט אין עברית, געשריבן די עסיי "**פרקים לתולדות הסיפור הקצר באמריקה**" (60 דרוק זייטן) וואָס איז א וויכטיקע פאָרשונג אין סטיל, מעטאָד און קלאָרקייט, אופן פון איבערזעצן ליטעראטור בכלל, וואָס איז אריין אין זיין ווערק **מספרים אמריקאיים** (קליינע דערציילונגען פון 28 אמעריקאנער שרייבערס) ירושלים, 1956, 645 ז׳. ער האָט אויך איבערזעצט אין עברית פון גריכישן אריגינאל **השיחות של אפקטטוס**, ירושלים, 1976, 309 ז׳ מיט אן אריינפיר (21 ז׳) וואָס גיט אַ קלאָרע כאַראַקטעריסטיק פון **עפיקטעטוסעס פערזענלעכקייט**, דעם מחנך, זיין עטישע לעבנס־פילאזאפיע; און קען צוגערעכנט ווערן צו די בעסטע העברעישע איבערזעצונגען פון דער אלט־קלאסישער ליטעראַטור. (פאַר די איבערזעצונג און "מבוא" באַקומען די י.י. סיגאל ליטעראַטור־פּרעמיע פאַרן יאָר 1976) ער האָט אליין דעם אריינפיר איבערזעצט אין יידיש און איז געווען געדרוקט אין נומ. 92 פון דער **גאָלדענע קייט**, ת.א. ש.וו. האָט פאַר די גרופּן "יאנג דזשודעא" אין מאָנטרעאל געשריבן די פּראָגראַמען אויף ענגליש וועגן די יידישע ימים טובים און זייער באַטייט. זיי זענען געדרוקט אין **דזשואיש קראָניקל**, מאנטרעאל. צו זיין 40 יעריקן יובל פון אנפירן מיט די יידישע פאלקסשולן, איז אונטער דער רעדאקציע פון שמשון דונסקי און מיטרעדאקטארן מ. חסיד און יהודה עלבערג, דערשינען דאס **שלמה ווייסמאַן־בוך**, מאָנט׳ 1961 (384 ז׳ יידיש און 80 ז׳ ענגליש) מיט אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען פון א גאנצער גרופּע אָנגעזעענע שריפטשטעלער פון אונדזער דור.

מער וועגן זיין לעבן און שאפן זע: **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.3 מיט ביבליאָגראַפיע. **שלמה ווייסמאַן בוך**, מאָנט׳ 1961. ב.ג. זאַק. קאַנאַדער אַדלער, 30 טער אפּריל 1961. מלך ראַוויטש. דאַרטן 26 מאַרץ 1966. קאַנאַדיאַנאַ.

ווייסענבערג־אקסעלראד, פערל

יונגערע טאָכטער פון גרויסן יידישן

שרייבער י.מ. ווייסענבערג. געב׳ אין זשעלעכאָוו, פוילן. באַקומען יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געלערנט שפּראַכן אין "בערליץ־אינסטיטוט" אין וואַרשע ווו געלעבט פון 1920 ביזן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. בעת די נאַציס האָבן פאַרנומען פוילן, אַוועק אין רוסיש־באַזעצטן ביאַליסטאָק, שפּעטער קיין מינסק, ווו זי האָט חתונה געהאַט מיטן באַרימטן פּאָעט זעליק אַקסעלראָד, וואָס איז דערמאָרדעט געוואָרן אין 1941 פון דער נ.ק.וו.ד. נאָכן אַרעסט פון איר מאַן, אַ צייַט געלעבט אין מאָסקווע, שפּעטער אין אַזיע פון וואַנען אין 1945 צוריקגעקומען קיין פוילן. אָבער באַלד אַוועק אין די פּליטים־לאַגערן אין דייטשלאַנד און שוועדן. פון 1948 ביז 1954 אין מדינת ישראל, שפּעטער אין קאַנאַדע. אָנגעהויבן שרייבן מיט אַ עסיי וועגן איר פאָטער אין **היינט**, וואַר׳ 1938. זינט דעמלט געדרוקט לידער, דערציילונגען, ליטעראַרישע קריטיק און אַרטיקלען וועגן יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען אין **נייַ־וועלט, גאָלדענע קייט, דאָס וואָרט לעבנספראַגן, על המשמר** א.א. ישראל; **צוקונפט, סביבה, פרייע אַרבּ. שטימע** א.א. נ.י. **קאַנאַדער אַדלער, דאָס אידישע וואָרט,** קאַנאַדע. זי איז די אויטאָרן פון אַ גרעסערער צאָל דערציילונגען, וואָס שפּיגלען אָפּ דאָס **לעבן פון נייע עולים** אין ישראל, אַ טייל פון זיי אַרייַן אין דער זאַמלונג **שבטים**, 1952, פאַר וועלכע באַקומען אַן אויסצייכענונג. (אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון יעקב אליהב) פ.וו. האָט אויך אָנגעשריבן דאָס פאָרוואָרט צום ערשטן באַנד **געקליבענע ווערק פון י.מ. ווייסענבערג**, שיקאַגאָ, 1959 און ווי עס האָט געשריבן דר׳ שלמה ביקל "האָט זי עס געשריבן מיט קריטישער באַגאַבונג, אַנאַליזירט מיט זעלטענער געניטשאַפט איר פאָטערס געשטאַלטן" אין די יאָרן 1970־1971, געווען די רעדאַקטאָרן פון וואָכנבלאַט **דאָס אידישע וואָרט**, ווינניפּעג און חוץ די וועכנטלעכע לייט־אַרטיקלען אויך געפירט דעם קאָלום "דרך אגב" אין וועלכן זי האָט רעאַגירט אויף פאַרשידענע ליטעראַריש־קולטורעלע געשעענישן אין יידישן לעבן איבער דער וועלט. איר וויכטיקע מאָנאָגראַפיע **י.מ. ווייסענבערג זיין לעבן און שאַפן**, מאָנט׳ 1979־80, גיט א ברייטערן און טיפערן אַנאַליז פון דער אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט פון גרויסן יידישן שריפטשטעלער. אייניקע פראַגמענטן פון דעם ווערק, זייַנען געדרוקט אין פאַרשידענע צייטשריפטן און זיינען אויך אַרייַן אין דער **אַנטאָלאָגיע וואַרשע** 1966.

דר. ש. ביקל, **טאָג־מאָרגנזשורנאַל**, 28 טער יאַנ. 1961, אריה ליפשיץ, **זמנים**, ת.א. מרים שיר, **אידישע צייטונג**, ת.א. 8 טער אָקט. 1976 קאַנאַדיאַנאַ.

ווינד, בערנאַרד (1914 —)

געב׳ אין פוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, פאַרעפנטלעכט דערציילונגען וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט סייַ מיט דער טעמאַטיק און סייַ אין סטיל און לשון, אין **לעמבערגער טאָגבלאַט, אונזער עקספּרעס**, וואַרשע. א צייַט געלעבט אין רוים, דאָרטן רעדאַקטירט דעם ליטעראַרישן זשורנאַל **אין גאַנג**, (1946־1947). שפּעטער געדרוקט דערציילונגען, עסייען אויף ליטעראַרישע טעמעס אין **צוקונפט**,

קולטור און דערציונג א.א. נ.י. איייניקע יאָרן געווען פּאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון **דער אידישער זשורנאַל**, טאָר׳ זינט 1969, איז ער רעדאַקטאָר פון **דאס אידישע ווארט** וויניפּעג, ווו ער שרייבט חוץ די לייט־אַרטיקלען (מיט ברען איבערצייגונג און טאַלאַנט) אויך אויף קולטורעלע און יידישע צייט־פּראַגעס און וועגן פּאָליטישע פּראָבלעמען פון אונדזער צייט.

לויט פאַרשידענע קוואַלן, קאַנאַדיאַנאַ.

וויניק, ס

שטאַמט פון כעלם, פּוילן. אין 1904 געקומען קיין קאַנאַדע און זיך באַזעצט אין וויניפּעג. און געווען אַקטיוו אין יידישן און סאָציאַליסטישן לעבן. איינער פון די ערשטע מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער איד, שפּעטער, דאס אידישע ווארט, וויניפּעגער קוריער, קאַנאַדער אידישע וועלט.** רעדאַקטאָר (מיט חיים זאַלצמאַן) פון **דער אַרבעטער צייטונג די פּאַלקסצייטונג** 1913 (אַלע אין ווינ׳) באַטייליקט זיך אין **קאַנאַדער אַדלער, דער וועג,** מאָנט׳ געדרוקט סקיצן, הומאָרעסקעס, פעליעטאָנען און איבערזעצונגען פון דער פּוילישער, רוסישער און פראַנצויזישער ליטעראַטור. צוו. אַנד. ראָמאַנען פון מאָפּאַסאַן, מירבאַ. מער פּרטים־נישט באַקאַנט. זאָל האָבן צוריקגעפאָרן קיין רוסלאַנד.

פנחס, **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ 6 טער אויג. 1915, א. ריינוויין, **דער איד אין קאַנאַדע**, טאָר, 1925, ז׳ 212, ד״ר יעקב שאַצקי, יידן ב.צ.נ.י. 1943, קאַנאַדיאַנאַ.

וויקער, יעקב לואיס (1881־12 טער סעפּט. 1957)

געב׳ אין ווילנע, ליטע. אין 1900 אַוועק קיין לאָנדאָן, ענגלאַנד, פון דאָרט קיין דרום־אַפריקע פון וואַנען אין 1906 געקומען קיין קאַנאַדע, איייניקע יאָר געלעבט אין דער קאָלאָניע ״אידענברידזש״ און געווען א ריכטער פון פאַלקס־געריכט. שפּעטער געלעבט אין וויניפּעג. א צייט געווען רעדאַקטאָר פון **קאַנאַדער איד־דאָס אידישע וואָרט**, ווו געדרוקט לייט־אַרטיקלען אויף יידישער טעמאַטיק אויך אָפּהאַנדלונגען איבער פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. ער איז לאַנגע יאָרן געווען א מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ און זיך באַטייליקט אין **דער אידישער זשורנאַל**, טאָר׳ **פאַרווערטס, מאָרגענזשורנאַל** און פון 1928 ביז צו זיין טויט, געווען א אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער און געהילפס־רעדאַקטאָר פון **שיקאַגער קוריער.** דאָרטן חוץ אונטער זיין נאָמען אויך געדרוקט אונטער פאַרשידענע פסעוודאָנימען. געשטאָרבן אין שיקאַגאָ.

פנחס, **קאַנאַדער אַדלער**, 6 טער אויג׳ 1915, אינפאָרמאַציע פון זיין טאָכטער שרה אין שיקאַגאָ, ב.ג. זאַק, **יידן אין קאַנאַדע אנהויב 20 טן יאָרהונדערט**, מאָנט׳ 1975, ז׳ 43, נעקראָלאָגן אין דער פרעסע, **קאַנאַדיאַנאַ**.

וועוווריק, נח (20 טער אַפּריל 1898־12 טער סעפּט׳ 1978)

געב׳ אין אוסטילע, ביי לודמיר, וואָלין. אין 1912 געקומען קיין מאָנטרעאָל. די ערשטע יאָרן געווען א שניידער אַרבעטער, גלייכצייטיק שטודירט און געוואָרן א מעדיצין דאָקטאָר. ביז 1930 געווען פון דער אָנפירונג פון דער שניידער יוניע און א טוער אין דער לינקער אַרבעטער באַוועגונג. פון סוף 1930 איבערגעריסן

מיט די "לינקע" און געוואָרן טעטיק אין "ארבעטער רינג". א צייט געווען פאַרזיצער פון זיין בילדונגס קאמיטעט און פון דער מאַנטרעאַלער אפטייל פון "יידישן ארבעטער קאָמיטעט". זינט 1919 געדרוקט ארטיקלען וועגן פּאָליטישע, סאָציאַלע און ארבעטער פראגעס אין א צאל לינקע אויסגאבעס דערנאָך געוואָרן מיטארבעטער פון דער קאמף, מאָנט׳ (1930-1924) דאָרטן אויך געפירט דעם אפטייל "אידישע צייט פראגן" אין וועלכע ארויסגעברענגט זיין שטאַנדפּונקט וועגן יידישע ענינים מיט אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג צו נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען. ער האָט זיך אויך מיטבאַטייליקט אין **וואכנבלאט**, טאָר׳ און אויך אין דער פראנצויזישער און ענגלישער פּעריאָדיק (די לעצטע יאָרן וועגן מעדיצינישע פּראָבלעמען). מחבר פון דער טאָשן־אויסגאַבע **היגיענע**, מאָנט׳ 1930, 43 ז׳ (אַרויסגעגעבן פון מאָנטרעאַלער "ארבעטער רינג") ער איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון א צאל "אנדענק זאמלונגען" פון מאָנט׳ אַרב. רינג בראַנטשעס. געדרוקט אויך אונטער א. בענעל, א.סנואי א.א. ער איז אויך באַקאַנט געווען ווי אַ לעקטאָר.

געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

נעקראָלאָגן אין דער פרעסע, יאָרגענג פון **דער קאַמף**, קאַנאַדיאַנאַ.

ז

זאַכער, אברהם שמואל (13 טער יוני 1880־26 טער מיי 1970)

געב׳ אין ראַסיין ביי קאָוונע, ליטע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. 1909, געענדיקט די פּעדאַגאָגישע קורסן פון ״איקא״ אין גראָדנע און געוואָרן אַ יידישער לערער. פון 1911 ביז פּאַר זיין טויט, געווען אַ באַקאַנטער יידיש־העברעישער לערער אין מאָנטרעאַל אין די יאָרן 1917־1929, געווען אָנפירער פון פּעדאַגאָגישן ראַט אין דער ״פאלקסשול״. דעביוטירט מיט אַן אַרטיקל ״וועגן מעטאָדיק אין יידישן חינוך״, אין **דער וועג**, (רעד ראובן ברײנין), מאָנט׳ 1915, וואָס האָט אַרויסגערופן פּאָזיטיווע אָפּקלאַנגען אין די קרייזן פון יידישע שול־טוערס. זינט דאַמאָלט פּאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען איבער יידישער געשיכטע, דערציִונג, רעליגיעזע פּראָבלעמען און וועגן דער יידישער שפּראַך און קולטור אין **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ און אין די העברעישע **התורן**, **העברי**, נ.י. מחבר פון לערנבוך **אידישע געשיכטע אין פראַגן און ענטפערס** (פון דער אוראַלטער צייט ביז צו אונדזערע טעג), מאָנט׳ 1933 115 ז׳ (מיט דער מיטווירקונג פון שמשון דונסקי) צווייטע אויסגעבעסערטע אויפלאַגע א״ט **1000 פראַגן פון יידישער געשיכטע**, מיט אַן אַלזייטיקער באַשרייבונג פון יידישן לעבן אין דער איצטיקער צייט, מאָנט׳ 1938, 138 ז׳ (דערשינען אין ענגלישער איבערזעצונג פון הרב ה.ג. פּערלמוטער) זיין אָריגינעלער כתב־יד פון בוך **אידישע געשיכטע** ווי אויך זיינע צוויי אַרבעטן: **אויסבעסערונגען פון די מעטאָדן צו לערנען לייענען פאַר אָנפאַנגערס** און אויך זיינע **באַמערקונגען צו די תקנות פון ייוואָ** אויסלייג (פאַרקירצטער פּראַקטישער געברויך) זיינען צוליב זיין טויט, געבליבן אין כתב־יד. ער איז געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ב.3, מ.מ. שאַפּיר, **קאַנאַדער אַדלער**, 26 יוני 1970, שלמה וויסמאַן, **דאָרטן** 7 טער אויג׳ 1970, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע, קאַנאַדיאַנאַ.

זאַלמאַנאָוויץ, אהרן שלמה־זלמן (1870־1941)

געב׳ אין ריטעווע ביי קאָוונע, ליטע. פון 1924 ביז צו זיין פּטירה, רב און אַ צייט יושב ראש פון וועד הרבנים אין מאָנטרעאַל. געדרוקט מאמרים אין ענינים פון הלכה און וועגן רעליגיעזע פּראַגעס אין **הפרדס**, **המאור**, נ.י. מחבר פון אַ צאָל ספרים. וואָס אַ טייל פון זיי זיינען צוליב סיבות געבליבן אין כתב־יד.

נפטר געוואָרן אין מאָנטרעאַל.

אשר ז. ראַנד, **תולדות אנשי שם**, נ.י. 1950,

ב.ג. זאַק, **ליטע ב.2,** ז׳ 1834, דב ליפץ, **יהדות ליטא,** ת.א. באנד ג׳ ז׳ 441, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע.

זאָלף, פּאַלעק, (18 טער סעפּט. 1896־20 טער אַפּריל 1961)

געב׳ אין זאַסטאַווע, ביי קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, אוקראַינע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג אין ישיבות און שולן. אין 1915, בעתן גירוש פון די ליטווישע יידן, געלעבט אין טיף־רוסלאַנד. נאָך דער רעוואָלוציע, געווען א פּריוואָליקער אין דער רוסישער אַרמיי. שפּעטער צוריקגעפּאָרן אין שטעטל און אין 1918 געגרינדעט די ערשטע יידישע שול. שפּעטער געווען א יידישער לערער אין בּרעסט־ליטאָווסק פון וואַנען אין 1926 געקומען קיין קאַנאַדע. זינט1927 און ביז צו זיין פריען טויט, געווען א לערער אין דער י.ל. פּרץ־שול אין וויניפּעג. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אנגעהויבן מיט א סעריע "שטימונגען און איינדרוקן פון אַן עמיגראַנט" אין **דאָס אידישע וואָרט,** וויניפּעג, 1927 פון וועלכן שפּעטער געוואָרן א שטענדיקער מיטאַרבעטער. געדרוקט דערציילונגען, עסייען וועגן ביכער און שרייַבער, רייזע־בילדער, אַרטיקלען, קינדער־מעשהלעך, דראַמאָלעטן אין **דאָס אידישע וואָרט, קאַנאַדער אַדלער, דער אידישער זשורנאַל** (אַלע אין קאַנאַדע) **דער חבר, גריניקע ביימעלעך,** ווילנע, **קינדער זשורנאַל, קינדער צייטונג, קולטור און דערציונג** (אַלע אין נ.י.) זייַנע קינדער־פּיעסן זענען געשפּילט געוואָרן אין די יידישע שולן אין קאַנאַדע און אַמעריקע ווי **דער אויפשטאַנד פון די חשמונאים,** איז געווען פון די באַליבסטע פּיעסן פון קינדער־רעפּערטואַר. אין בוכפאָרם: **אויף פרעמדער ערד,** (בלעטלעך פון א לעבן), וויני׳ 1945, 524 ז׳ וואָס שילדערט דאָס יידישע לעבן אין דער אַלטער היים און זיינע ערשטע יאָרן אין קאַנאַ־דע (פּרעמירט פון ייוואָ פון כתב־יד אין 1943) ווי עס שרייבט וועגן דעם מענדל עלקין...א בוך מיט א שטילן טאָן אין אַ אָפּגעהיטענער שפּראַך. זיינע טיפן און געשטאַלטן זענען עכטע און פּאַראייבי־קן לדורות די יידן פון די אומגעקומענע שטעטלעך אין ליטע און פוילן...די **לעצטע פון א דור** (היימישע געשטאַלטן)1952, 339 ז׳ **אונדזער קולטור־המשך,** עסייען וועגן יידישע שרייַבער, מיט א הקדמה פון מחבר, וויני׳ 1956 221 ז׳ וועגן דעם בוך שרייבט דר׳ א מוקדוני "א בוך מיט א פּעדאַגאָגישער שליחות, געשריבן מיט איבערצייגונג און ברען"..געשטאָרבן אין וויניפּעג.

לעקסיקאָן פון דער נייַער יידישער ליטעראַטור, ב.3 מיט א ביבליאָגראַפיע, הרב מאיר שוואַרצמאַן, **קאַנאַדער אָדלער,** 20 טער מאַי 1961, פ. הערשטיין, **פּרץ־שול־ביולעטין,** וויני׳ יוני 1961, **קאַנאַדיאַנא.,** נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע.

זאַלצבערג, יוסף־ברוך (5 נאָוו. 1902 —)

געב׳ אין לאַגיוו, ראַדעמער־קעלצער געגנט, פוילן. פון 1913, אין טאָראָנטאָ יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין די יונגע יאָרן געווען טעטיק אין דער יוגנט־באַוועגונג פון דער לינקער פ"צ פּאַרטיי און זיין גענעראַל סעקרעטאַר פאַר קאַנאַדע און אַמעריקע 1919. געווען רעדאַקטאָר פון דער חוד"ש אונזער יוגענד, נ"י־טאָר׳. און דאָרטן אנגעהויבן צו דרוקן וועגן יוגנט־פּראָבלעמען און אויך אין

אנדערע אויסגאַבעס פון דער לינקער פ"צ. זינט אָנהויב 1920, פאַרעפנטלעכט א רייע דערציילונגען פון אַמאָליקן יידישן לעבן און פון דער נייער צייַט אין קאַנאַדע אין **דער יודישער זשורנאל**, טאָר'. וואָס האָבן באַוויזן טאַלאַנט און אייגנארטיקייט. ער האָט אויך זיך באַטייליקט אין **קאנאדער אדלער** מאָנט' (אונטערן פ"ס יוסף באַרוך) אין 1926 אַריבער צו דער קאָמוניסטישער פארטיי און געוואָרן דער פירער פון דער אלגעמיינער פראפעסיאָנעלער באַוועגונג פאַר גאַנץ קאַנאַדע. אין יענע יארן געווען א מיטאַרבעטער פון כמעט אלע יידישע און ענגלישע קאמוניסטישע אויסגאבעס אין קאַנאַדע. י.ב.ז. איז געווען פון 1938 ביז 1943, א מיטגליד פון טאר' שטאט־ראט און פון 1943 ביז 1955 א מיטגליד פון אָנטאריער פאַרלאמענט און איינער פון די אָנפירערס מיט דער קאָמוניסטישער טאקטיק פאר גאַנץ קאַנאַדע. אין 1956 באזוכט פוילן און דעם סאָוויעטן־פאַרבאַנד און נאָך זייַנע פאַרהאַנדלונגען מיט כרושטשעווען וועגן אלגעמיין־סאציאליסטישע און ספעציעל וועגן יידיש פראבלעמען אין רוסלאַנד, און איינזעענדיק כרושטשעווס אנטיסעמיטישע טענדענצן, וואָס איז געווען די שטעלונג פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, אַן אַנטווישטער אהיימגעפאָרן און איבערגעריסן אַלע באַציונגען מיט דער קאָמוניסטישער באוועגונג בכלל. זינט דאַמלט, זיך איגנאנצן געווידמעט צו יידישע כלל־אינטערעסן און מדינת ישראל, וואס ער ברענגט ארויס סיי אין זיינע רעדעס און סיי אין זיין שרייבן, אין יידישע און אין ענגליש־יידישע און ענגלישע צייטשריפטן. י.ב.ז. איז א פרעזידיום־מיטגליד פון "קאנאדער יידישן קאנגרעס" וויצע־פאָרזיצער פון יידיש־קאמיטעט פאר דער אנטאריער פראווינץ און זיין דעלעגאט צו דער "יידיש־קאנפערענץ אין ירושלים 1976, א מיטגליד פון וועלט־ראט פאר יידישער קולטור זינט 1978. יב.ז. האָט זיך יארן באטייליקט אין דער קאמוניסטישער פעריאָדיק; דער קאמף, דער וועג, **וואָכנבלאט**, ער איז אויך געווען א קאלום־שרייבער פארן **דער יידישער זשורנאל**, דארטן געפירט דעם אָפטייל **"וואָך־איין און וואָך אויס"** אין וועלכן ער האָט רעאַגירט אויף אלע **לויפנדיקע יידישע** און וועלט־געשעענישן, וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער טיכטיקן אנאליז. (די אלע צייטשריפטן זענען דערשינען אין טאר') ער האט זיך אויך באטייליקט אין **קאנאדער אדלער**. מאנט' **דאס יודישעווארט, וויני'**. זיין 70 יעריקער יובל און זייַנע 50 יאר אקטיוויטעט אין יידישן און אלגעמיינעם לעבן פון קאַנאַדע, זיינען אפגעמערקט געוואָרן אין די קרייזן פון די אקטיווע יידישע כלל־טוערס איבער גאנץ קאַנאַדע.

זינט עס דערשיינט אין טאָר' דאָס וואָכנבלאט **קאנאדער יידישע נייעס** (אין ענגליש) איז ער זיינער א אינווייני־קסטער מיטארבעטער.

לויט **"ווער איז ווער אין קאנאדע"** (פאַרשידענע יארן) ש. בעלקין, **די פועלי ציון־באַוועגונג אין קאנאדע, אינדעקס. קאנאדער אדלער**, 29 טער נאוו. 1961 און 15 טער נאוו. 1972 **ביולעטינען פון יידיש־קאמיטעט, מאנט' קאַנאַדיאַנא.**

זאלצמאן, חיים, (1882 —)

געב' אין פאָדאָליע. אין 1906 געקומען קיין וויניפעג און באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע מלאכות, גלייכצייטיק געווען אַקטיוו אין יידישן לעבן.

גרינדער פון דער ס״ז אַל־דעמאָקראַטישער גרופּע און איר פאַרשטייער אין דער אָנפירונג פון דער "ראַדיקאַלער שול" וויצע־פּאַרזיצער פון "יידישער עמיגראַנטן הילף" און דער שליח פון "אוקראַינער פאַרבאַנד" קיין מאָסקווע מיט מאַטעריעלער הילף פאַר די מלחמה־קרבנות. לאַנגיאָריקער עקזעקוטיוו־מיטגליד פון "יידישן סאָציאַליסטישן פאַרבאַנד" אין אַמעריקע. זיינע ערשטע אַרטיקלען האָט ער געדרוקט אין וואָכנבלאַט **דער ווינּיפּעגער קוריער** (מערץ 1909 ־יאַנ. 1910) (די ערשטע סאָציאַליסטישע אויסגאַבע אין קאַנאַדע) פון וועלכן געווען צוזאַמען מיט אבא זוסמאַן, זיין מיטרעדאַקטאָר. באַטייליקט זיך אין **דער אידישער סאָציאַליסט**, 1911, **קאַנאַדער איד, די פּאָלקסצייטונג**, 1913 (מיטרעדאַקטאָר מיט ס. וויניק)**דאס אידישע וואָרט** (אַלע אין ווינ׳) **אידישע אַרבייטער צייטונג**,מאָנט, 1920 (אויך מיטרעדאַקטאָר) **דער וועקער**, **נ.י.** זינט מיטן דרייסיקער יאָרן, נישטאָ וועגן אים קיין ידיעות.

פנחס, **קאַנאַדער אַדלער**, 6 אויג. 1915. א רייַנוויין, **דער איד אין קאַנאַדע**, טאָר׳ 1925, ז׳ 222 מ. בלאָשטיין **אונזער יוגענט**, ווינ׳ 1927, ז׳ 2, י.ש. הערץ, **די יידישע סאָציאַליסטישע באַוועגונג אין אַמעריקע**, נ.י. 1954, אינדעקס, ש. בעלקין, **די פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, מאָנט׳ 1956, אינדעקס מ.י. ניטיקמאַן, **60 יאָר יידישע פּרעסע אין מערב־קאַנאַדע**, ז׳ 166 (ענגליש) ב.ג. זאַק, **קאַנאַדער יידן אין פריען 20 טן י.ה.**, מאָנט, 1975, ז׳ 65. (ענגליש)

זאַמבראָווסקי, צמח (15 טער אַפּריל 1911 —)

געב׳ אין וואַר׳ פוילן אין א רבנישער משפּחה. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין 1924 געקומען קיין אַמעריקע און געענדיקט א רבנים סעמינאַר און דעם קליוולענדער אוניווערסיטעט. פון 1932 ביז 1938, געווען רב אין קליוולענד, דערנאָך פון 1948, רב אין מאָנטרעאַל. ער איז אויך פון די עסקנים פון דער "מזרחי" פּאַרטיי און איר יושב ראש פאַר גאַנץ קאַנאַדע. זינט 1932, איז הרב זאַמ׳ א מיטאַרבעטער פון דער יידישער און העברעישער פּרעסע סיי אין קאַנאַדע און אין אַנדערע לענדער. באַטייליקט זיך אין **קאַנאַדער אַדלער**. חודש־זשורנאַל, **די מזרחי שטימע** (אויך זיין רעדאַקטאָר) מאָנט׳. פאַרעפנטלעכט מאמרים און אַרטיקלען וועגן ציוניסטישע און אַלגעמיין־יידישע ענינים אין **מאָרגנזשורנאַל**, נ.י. **אונזער וועג**, פּאַריז, **הצופה**, ת.א. און פון ציַיט צו ציַיט אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר, און אויך אין דער יידיש־ענגלישער פּרעסע אין קאַנאַדע און אַמעריקע. אין די יאָרן בעת הרב ז׳ האָט געלעבט אין קליוולאַנד, איז ער געווען רעדאַקטאָר פון דער אויסגאַבע **תורה ועבודה**, וואָס ער האָט כמעט אינגאַנצן אויסגעפילט מיט זייַנע אַקטועלע מאמרים.

לויט פאַרשידענע קוואַלן, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**. ב.3 מיט ביבליאָגראַפיע. **קאַנאַדיאַנא**.

זאַק, בנימין־גוטעל (1 טער פעבר. 1889 — 2 טער מאי 1967)

היסטאָריקער פון יידישן קאַנאַדע. שריפטשטעלער, ביאָגראַף און זשורנאַליסט. געב׳ אין אַבעל, ביי קאָווּנע, ליטע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון 1905 ביז צו זייַן טויט, אין מאָנטרעאַל. טעטיקער עסקן אין דער פ.צ.־פּאַרטיי. אַנגעהויבן ליטעראַרישע

טעטיקייט מיט לידער אין רוסיש און יידיש אין די פריע יוגנט־יאָרן. צו דרוקן אָבער ערשט אין 1906 מיט "א בריוו פון קאַנאַדע" אין **די פרייהייט**, נ.י. זינט דער גרינדונג פון **קאַנאַדער אדלער** (30 טער אויג. 1907) געווען פון אירע הויפּט־מיט־אַרבעטער און אין געוויסע צייטן (אויך רעדאַקטאָר). די ערשטע יאָרן געדרוקט דערציילונגען און רעפּאָרטאַזשן, וואָס האָבן געוויזן אייגנאַרטיקייט פון סטיל און גוטן יידישן לשון. שפּעטער, דער עיקר געשריבן זשורנאַליסטישע און פּובליציסטישע אַרטיקלען אויף פּאָליטישע, עקאָנאָמישע, קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעמעס, ווי אויך וועגן ליטעראַטור. ער איז געווען דער לייט־אַרטיקל שרייבער (אונטער ב.ג.ז) און לעבעדיק רעאַגירט אויף אַלע וויכטיקע געשעענישן פון יידישן און אַלגעמיינעם לעבן פון קאַנאַדע. לאַנגע יאָרן זיך אָפּגעגעבן אויף פאָרשן די יידישע געשיכטע אין קאַנאַדע און זיך דערמיט דערהויבן צו דער מדריגה צו ווערן דער וויכטיקסטער פון דעם געביט אויף יידיש און ענגליש, ווי מיר זען עס סיי אין זיינע צוויי ענגלישע ביכער **די יידן אין קאַנאַדע**, בוך 1, מאָנטרעאָל, 1945, 286 ז' און בוך 2, 1975, 95 ז'. דער עיקר אָבער האָט אים דערהויבן זיין יידיש ווערק. **געשיכטע פון יידן אין קאַנאַדע**, מאָנט' 1948, 358 ז' וואָס איז מיט רעכט אָפּגעשאַצט ווי "דאָס בוך פון יידישן יישוב אין קאַנאַדע ביזן סוף פון 19 טן יאָרהונדערט" (פריער געדרוקט קאַפּיטלווייז אין **קאַנאַדער אדלער** (פאַרן בוך אויך באַקומען די ה.מ. קייזערמאַן־פּרעמיע, מאָנט' 1949) ב.ג.ז. האָט אויך פאַרעפנטלעכט א גאַנצע רייע פאָרשונגען וואָס זיינען אַריין אין **האַרטס גרויסער זאַמלונג** **די יידן אין קאַנאַדע**, טאָר' 1926, (ענגליש) צו זיינע וויכטיקסטע אַרבעטן קען מען צושרייבן זיין אַרטיקל וועגן "די יידן אין קאַנאַדע" אין דער **ענציקלאָפּעדיע יודאַיקא**, נ.י. 1932 און אויך זיינע אַרבעטן וועגן יידן וואָס זיינען געדרוקט אין א רייע יידיש־ענגלישע צייטשריפטן אין קאַנאַדע. זיי זיינען אויסגענוצט געוואָרן דורך אַ גרויסער צאָל יידישע, ענגלישע און פראַנצויזישע שרייבער אין זייער פאָרשונג פון קאַנאַדער יידישער געשיכטע. מיר דאַרפן אויך דערמאָנען אַז ער איז געווען (צוזאַמען מיט ב.י. גאָלדשטיין און משה שמואלזאָן) פון די גרינדער פון "ערשטן יידישן שרייבער פאַריין אין קאַנאַדע", מאָנט' 1916 און האָט מיטרעדאַקטירט דעם ספּעציעלן זשורנאַל **דער קאַנאַדער אידישער שרייבער**, 16 גרויסע צייטונגס־זייטן מיט שאַפונגען פון אַלע קאַנאַדישע שרייבערס און איז געווען געווידמעט דעם אָנדענק פון שלום עליכם (16 טער מאַי 1916) ב.ג.ז. האָט זיך באַטייליקט אין **דער פריינד**, **ראַזסוויעט** (ביידע, פּט"ב, 1903־1906) **די פאָלקסצייטונג** (רעד. ל.באַזאַנאָוויטש 1912, א"פ ב. גודמאַן) **ניילאַנד**, **עפּאָכע**, **קאַנאַדע**, **דער קוואַל** (אַלע אין מאָנט') **קאַנאַדער איד**, **דאָס אידישע וואָרט**, (ביידע, ווינ') **אידישעס טאַגעבלאַט**, **צוקונפט**, **אידישער קעמפער**, **ייוואָ־בלעטער**, **יידישע קולטור** א.א., נ.י. אין **קאַנאַדער אדלער** פאַרעפנטלכט זיינע איבערזעצונגען פון דער ענגלישער און פראַנצויזישער ליטעראַטור. צוו. אַנד. פאַעמעס פון וויקטאָר הוגאָ, אַלפרעד די וויני, **א ראָמאַן פון א לערערין פון אַל.דע מוסע**, **פּיער און עמיל פון ד' אַמיטשי**, א.א, ער האָט רעדאַקטירט די **יובל־אויסגאַבע פון ק.א. 1927** און

מיטרעדאקטירט **די יובל־אויסגאַבע פון ק.א. 1957**, דאָרטן געדרוקט "די ערשטע תקופה פון קאַנ. אדלער" וואס גיט גלייכצייטיק איבער א שטיק **געשיכטע פון די יידן אין יענע יאָרן אין** מאנטרעאל. ער האט אויך רעדאַקטירט דאָס **ביבליאטעק־בוך, 1934 און דעם** קאַנאַדער טייל פון דער **אוניווערסאל דזשואיש ענציקלאפעדיע**, נ.י. 1932־1943. אין זאמלבוך **ליטע, באנד** 2, ז' (1842־1813) פארעפנטלעכט די אַרבעט "ליטווישע יידן אין קאַנאַדע", וואָס איז די ערשטע ארבעט אויף דעם געביט. ער האט אויך געדרוקט א"פ ב.ג. פעשקאוו, בן זכאי, בן זקונים, ב.אתנאסזאן, בן ימיני, ב. ליפעס. צווישן זיינע ארכיוון האב איך געפונען א גאנצע רייע פון נישט געדרוקטע עסייען צווישן זיי: **נעאָ רעאַליזם (עמיל זאלא) יידישע טיפּן ביי אַנאַטאָל פראנס.** און **ביבלישע מאטיוון ביי וויקטאר הוגא**, וואָס זייַנען צוליב וויכטיקע סיבות נישט דערשינען אין בוכפארעם. געשטארבן אין מאָנטרעאל

ב.ג. ז. איז געווען א שעפערישע פערזענלעכקייט, אבער א־צושטילער מענטש און דעריבער נישט גענוג **אפּגעשאצט ווי אַן עסייאיסט און** זעלבסשטענדיקער קריטיקער אויפן געביט פון דער ליטעראטור. מען האָט **אים געאכטעט ווי א גוטער זשורנאַליסט** און פובליציסט; אָבער כמעט גאָרנישט ווי אַ שריפטשטעלער וואָס האָט גרויסע פארדינסטן פאַרן באַקאָנען די **יידישע לייענער פון זיין צייט דורך זיין** צייטונג, מיט די ווערק פון דער אייראָפּעישער פראָזע, ווי מיר זען עס אין זיינע איבערזעצונגען און דעם אויסוואל פון זיינע עסייען".

ח.ל פוקס

דאָס אָרט דערלויבט לײדער נישט צו געבן מערערע אויסצוגן, מוזן מיר זיך באַגניגענען מיט געצײלטע אָפּשאצונגען און כאראקטעריסטיק פון די וואָס האָבן מיט אים געארבעט סיי אין רעדאקציע פון **קאנאדער אדלער** און אין אנדערע ערטער אלע יארן אין מאנטרעאל, עס שרייבט יעקב זיפער:

..."פולע זעכציק יאָר האָבן אים דער רוב לעזער געקענט בלויז ביים נאָמען ב.ג. זאק, נאָנטע צו דער "קאנאדער אדלער" רעדאַקציע, האָבן אויך געוואוסט פון די מערערע פסעוודאנימען מיט וועלכע ער האָט זיך באַנוצט. גאָר אַ סאַך האָבן אפגעוואָרט מיט נייגיריקייט אויף זיין אפּרופן זיך אויף די אָרטיקע געזעלשאפטלעכע אָדער קולטור־ליטעראַרישע ענינים, אָבער זייער ווייניק האָבן אים געקענט פערזענלעך ...בלויז די וואָס האָבן אים געקענט פון דער נאָענט, האָבן מיט גרויס דרך־ארץ ביז באַוואונדער געשעצט זיין אויסנאַמלעך אייגנארטיקע **פערזענלעכקייט, וואס** האט נישט אויפגעהערט צו לערנען און שרייבן אפילו אין די גאָר לעצטע זייער־שווערע יאָרן...מיט זיין פלייס האט ער פארקריצט זיין נאָמען אין די אַנאַלן פון אונדזער היגן קולטור־אוצר, וואָס וועט **אַלעמאָל דערמאָנט ווערן מיט לויב און** אמתן יראת־הכבוד.." (יעקב זיפער, **קאנאדער אָדלער, 9 טער און 16 טער** סעפט. 1977) "...צו די מעלות טובות פון אן אמתן תלמיד־חכם, האָט זאק אויך געהאַט אין זיך דעם פלאם פון א מתמיד. אָט די אייגנשאפטן, צוזאמען מיט שריפטשטעלערישן טאַלאַנט, האָבן אים דערמעגלעכט בייצוקומען אלע שוועריקייטן און באַרייכערן מיט זיין גרויסן וויסן די יידישע פובליציסטיק און היסטאָריאָגראַפיע..."

(יוסף גאַלאַי)

זלמן רייזען **לעקסיקאָן** ב.ו. **לעקסיקאָן פון**

דער נייַער יידישער **ליטעראַטור**, ב.3 מיט ביבליאָגראַפיע, ש. בעלקין, **די פועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס. יוסף גאַלאַי, **קאַנאַדער אָדלער**, 5 טער מײַ 1967. חיים לייב פוקס, **דאָרטן** 9 טער יוני 1979. זיינע אַרכיוון ביים "קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס", מאָנט' נעקראָלאָגן אין דער פרעסע קאַנאַדיאַנאַ.

זאַק, מענדל־לייב (1884־22 טער מאַרץ 1927)

עלטערער ברודער פון ב.ג. ז. העברעישער פעדאַגאָג און למדן. פון 1905 ביז צו זיין פריען טויט, געווינט אין מאַנטרעאַל. מיטגרינדער פון דער פ.צ. אָרגאַניזאַציע. לאַנגיאָריקער העברעישער לערער אין די "באַראָן הירש שולן". ער איז געווען צווישן די ערשטע מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אָדלער** און יעדן פרייטיק געדרוקט זיינע איבערזעצונגען פון דער נייער און מאָדערנער העברעישער ליטעראַטור. ער האָט זיך גאָר ספּעציעל באַמיט איבערצוגעבן אין יידיש, דעם סטיל און דאָס לשון פון די נאָוועלן פון יהודה שטיינבערג. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער ספּעציעלער אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען נאָך דער 5 טער פ.צ. קאָנפערענץ אין מאַנטרעאַל אין 1910, טיילן פון זיינע שריפט זיינען געדרוקט אין **דער מאַקאַביייער**, מאַנט' 1911 און אין אַ צאַל אויסגאַבעס פון דער פ.צ. פּאַרטיי אין מאָנטרעאַל.

זייער יונג נפטר געוואָרן אין מאָנטרעאַל.

י. מדרש, מאַנטרעאַל פון נעכטן, מאָנט' 1947, ז' 78, ש. בעלקין, **די פועלי ציון באַוועגונג** אין קאַנאַדע, אינדעקס, ב.ג. זאַק ליטע ב.2, נעקראָלאָגן אין דער פרעסע, קאַנאַדיאַנאַ.

זאַרעצקי, ברוך־בן ציון (1900־1960)

געב' אין פעטריקאָוו, מינסקער געגענט, ווס"ר. אין 1913 געקומען קיין וויניפעג און דאָ באַקומען זיין יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אייניקע יאָרן שטודירט מעדיצין און הומאַניסטישע וויסנשאַפטן אויפן מאַניטאָבער אוניווערסיטעט, אָבער געענדיקט ווי אַ פעדאַגאָג. ער איז געווען אַ לאַנג־יאָריקער לערער און פרינציפּאַל פון יידיש־וועלטלעכע שולן אין ווינ', טאָר', קאַלגאַרי און עדמאָנטאָן. אַקטיווער עסקן און מיטגליד פון צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פ.צ. פאַרטיי (לינקע) אין קאַנאַדע. לעקטאָר און רעדנער. פון 1918 געדרוקט אַרטיקלען און עסייען וועגן דערציונגס־פּראָגן, יידישער געשיכטע און וועגן ליטעראַרישע פּראָבלעמען, און אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייַבער און ביכער אין **דאָס יודישע וואָרט**, ווינ'. דאָרטן אויך געפירט און געווען רעדאַקטאָר פון דער ביילאַגע פאַר קינדער "קינדער ווינקל" וואָס ער האָט אַליין אויסגעפילט מיט אַ גרויסער צאָל פון זיינע אַרבעטן. פון 1925 ביז פאַר זיין טויט געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **פּראָלעטאַרישער געדאַנק**, טאָר'. דאָרטן בסדר, כמעט וועכנטלעך, געשריבן איבער דער נייַער יידישער ליטעראַטור. באַטייליקט זיך אין **יידישע שול**, ווינ', **שול און לעבן**, **בלעטער פאַר דערציונג** (ביידע אין נ.י.) ער איז אויך געווען **מיטרעדאַקטאָר פון שולער־זשורנאַל שפּראָצונגען**, ווינ' 1927. אין בוכפאָרעם אַרויסגעגעבן דעם ערשטן טייל פון זיין בוך **יידישע געשיכטע** (אַרבעט בוך) וואָס נעמט אַריין די צייט פון די אבות ביז צו דער צייט פון די שופטים, ווינ' 1948, 40 ז' וואָס איז אַ

צייט געווען א לערנבוך אין די יידישע שולן אין מערב־קאַנאַדע. ער האָט אויך געדרוקט אונטער. בעני, אברעמל, בענזר, בענזאַקאַר.
געשטאָרבן אין קאַלגאַרי.

פ. גאָדלמאַן, **אין גאַנג פון דער צייט**, ת.א. 1973, ז' 236, אינפאָרמאַציע פון מ.י. ניטיקמאַן און מאיר צוקער, ווינ' נעקראָלאָגן אין דער פרעסע, **קאַנאַדיאַנאַ**.

זוסמאַן, אבע־יוסף (10 טער אויג. 1877־24 טער נאָוו. 1951)

געב' אין בראָד, מזרח־גאַליציע. געלערנט אין חדר, פּאָלקסשול. צו 14 יאָר געוואָרן א טישלער. 1882 געוואַנדערט איבער אייראָפּע. אין 1893 געקומען קיין אמעריקע און אקטיוו אין סאָציאַליסטישער און יוניע־באַוועגונג. פון 1889 ביז סוף יולי 1914 געלעבט אין וויניפּעג און מאָנטרעאָל, שפּעטער אין ניו־יאָרק, ווו געווען פון די אָרגאַניזאַטאָרן פון „אידישע סאַציאַליסטישע ביוראָ" און אָרומגעפאָרן ווי אַן אָרגאַניזאַטאָר איבער אַמעריקע און קאַנאַדע מיט רעפעראַטן וועגן סאָציאַליזם. זיינע ערשטע אַרטיקלען געדרוקט אין **צייט־גייסט** (וועכנטלעכע ביילאַגע צום **פאָרווערטס**, 1905) און שפּעטער אויך אין **פארווערטס**. צוזאמען מיט חיים זאַלצמאַן, רעדאַקטירט די צווייוואָכנשריפט **דער וויניפּעגער קוריער**, וואָס איז געווען די ערשטע יידיש־סאַציאַליסטישע צייטשריפט אין מערב־קאַנאַדע. (10 טער מערץ 1910־ טער יאַנ. 1911) דערנאָך געווען רעדאַקטאָר פון דער חודש־שריפט **די אידישע ארבייטער צייטונג**, מאָנט' (1 טער יאַנ', 1 טער יולי 1914) איבערגעריסן צוליב דעם פארבאט פון דער רעגירונג. ער איז אויך געווען אַן אינוויינִיקסטער מיטאַרבעטער און מיטרעדאַקטאָר פון די וואָכנבלעטער **דער אידישער סאציאַליסט**, **די נייע וועלט**, פילאַדעלפיאַ פון מיטן 1915, ביז צו זיין טויט, געווען אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער און נייעס־רעדאַקטאָר פון **די אידישע וועלט**, פילאַ, דאָרטן, חוץ וואָס ער האָט געפירט דעם טעגלעכן „אָפּטייל פאַר ארבעטער־פראַגן", אויך געדרוקט לידער, דערציילונגען, סקיצן פעליעטאָנען, רעפּאָרטאַזשן, אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן יידישע טעאַטער־ענינים. פון אלע זיינע שריפטן איז בלויז דערשינען דאס בוך **קלאַנגען און געזאַנגען**, (לידער אייגענע און איבערגעזעצטע פון דער אמעריקאַנער דיכטערינס איידע מענקענס שאפונגען (1825־1868) וואָס זיינען די ערשטע לידער אירע אין יידיש. זיין דראַמע **די האַנד פון שיקזאַל** און דער סאַטירישער איינאַקטער **ווען מתים ליבן זיך** (געשפּילט אין די יידישע טעאַטערן פון קאַנאַדע און אמעריקע) זיינען געבליבן אין כתב־יד. ער האָט אויך געדרוקט א"פ אבעלע זאָגט ער, א זלמן, א זוסינקע, א סוויטהאַרט, א.א.
געשטאָרבן אין פילאַדעלפיע.

פנחס **קאַנאַדער אדלער**, 8 טער אויג' 1915, ז. רייזען **לעקסיקאָן**, ב.1, **לעקסיקאָן פון דער נייַער יידישער ליטעראַטור**, ב.3 מיט ביבליאָגראַפיע י.ש. הערץ, **די יידישע סאַציאַליסטישע באַוועגונג אין אמעריקע**, נ.י. 1954, אינדעקס, נעקראָלאָגן אין דער פרעסע **קאַנאַדיאַנאַ**.

זילבער, לאה (14טער מערץ 1914)

געב' אין אָניקשט, ליטע, ווו איר פּאָטער־א למדן און משכיל, איז געווען פּאָרזיצער פון דער קהילה. בעתן גירוש פון די ליטווישע יידן (1915) נאָך אלס

פּיצל קינד שוין געווען פאַרוויאַגלט קיין סאַראַטאָוו און ערשט אין 1921 צוריקגעקומען אין שטעטל איינעקע יאָר געלערנט אין דער וווּלקאַמירער העברעישער גימנאַזיע און ביי פּריוואַטע לערערס ביזן נאַצישן אָנפאַל אויף רוסלאַנד, געווען אין ווילקאָמיר, שפּעטער איבערגעלעבט קאָוונער געטאָ און דייטשע צוואַנגס־לאַגערן. אין מאַי 1945, באַפרייט געוואָרן פון לאַגער שטוטהאָף און אומלעגאַל אַוועק קיין לאָדזש און מיט דער בריחה געקומען קיין פעלדאַפינג, פון דאָרטן, קיין פּאַריז און מעלבורן. זינט 1958, אין מאָנטרעאַל. די ערשטע יאָרן געאַרבעט ווי אַ דערציערן ביי קינדער, גלייכצייטיק געווען טעטיק ווי א לעקטאָרן אויף תנכישע טעמעס אין פּרויען־גרופּן. אָנגעהויבן שרייבן דערציילונגען אין רוסיש און דערנאָך אַריבער צו יידיש. דעביוטירט מיט א באַשרייבונג פון די לאַגער־יאָרן אין **פאָרווערטס** (25 דעצ 1948) ערשט אין 1969, ווידער אָנגעהויבן צו דרוקן די ערשטע דערציילונג "אין א שטורמישער נאַכט" אין **קאַנאַדער אָדלער**, האָט באַלד אַרויסגערופן אָנערקענונג אין די מאָנטרעאַלער ליטעראַרישע קרייזן. זינט דאַמאָלט בסדר געדרוקט דערציילונגען, נאָוועלן און אַרטיקלען אויף מאָטיוון פון יידישן חורבן, וואָס ווירקן מיט זייער אייגנאַרטיקן טאָן און צאַרטער שטילער ליריק אין **פּיאָנערן שטימע, שריפט פון האיאס** מאָנט' **דער אלגעמיינע זשורנאַל**, נ.י. **פאַריזער העפטן, אפריקאַנער יידישע צייטונג**, א טייל פון איר גרייטן צום דרוק, בוך **"צוריק אַ היים"** אין וועלכן זי באַשרייבט איר יידיש שטעטל און וועגן נאַצישן חורבן דאָרטן, איז אריין אין דער אַנטאָלאָגיע **מיר זיינען דאָ** מאָנט' 1975.

זלמן שניאור, **פאָרווערטס**, 18 טער דעצ' 1948, **קאַנאַדיאַנאַ**.

זילבערשטיין, אברהם שמואל צבי (1944־1873)

געב' אין וואָלאַשטשעווע, לאָדזשער געגנט, פּוילן, אָפּשטאַמיקער פון דורות פּוילישע רבנים. אייניקל פון "ראַדאָמסקער רבי, דער "חמדת שלמה" געלערנט ביי פאַרשידענע רבנים און באַקומען סמיכה. געווען רב אין וויעזשבניק, א"א קהילות. באַקאַנט ווי דער "בייזשענטשינער רב". אין די צוואַנציקער יאָרן געקומען קיין טאָראָנטאָ און געוואָרן רב אין דער שיל "אנשי קעלץ" איינִקע יאָרן געלעבט אין ירושלים, שפּעטער ביז צו זיין פּטירה, ווידער געווען רב אין טאָר'. מחבר פון אַ צאָל ספרים, וואָס האָבן אים באַרימט געמאַכט צוו' אנד' **נפלאות התפארת שלמה, תורה והלכה, קרבן שמואל** א"א. דערשינען אין טאָר' פון 1926 ביז 1944. נפטר געוואָרן אין טאָראָנטאָ.

נחמן שמן, **די אנטשטייאונג און אנטוויקלונג פון אידישן ישוב אין טאָראָנטאָ**, 1960 אינפאָרמאַציע פון זיין טאָכטער, קאַנאַדיאַנאַ.

זילבערשטיין, אָשר (1970־1887)

באַרימטער רב און רעליגיעזער עסקן. געב' אין מעזריטש, פּוילן, ווו זיין פאָטער איז געווען רב. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. געענדיקט א 4 קלאַסיקע רוסישע גימנאַזיע און נאָכן טויט פון זיין פאַטער, געוואָרן רב אין שטאָט. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, אוועק אין טיף־רוסלאַנד. פון די פריע יאָרן, געווען א

טוער אין דער "מזרחי" — פאַרטיי און אירס א דעלעגאט אין ציוניסטישע קאנגרעסן. בעת זיין לעבן אין קיעוו (1918) געווען דער ממלא־מקום פון הרב אַרנסאָן און אנגעפירט דעם קאמף פאר רעליגיעזע רעכט אין די ראמען פון דער צוגעזאגטער יידישער נאציאנאלער אויטאָנאָמיע און ביז 1925, געלעבט אומלעגאל און דורך פארשידענע אומוועגן געקומען קיין וויניפעג און ביז 1933 געווען א רב און גייסטיקער מנהיג פון די פוילישע יידן. אין 1926, געווען דער איינציקער דעלעגאט פון וויני׳ צום ציוניסטישן קאָנגרעס, צוליב קראנקהייט, געצווונגען אוועק צו פאָרן פון וויני. און אין 1950 זיך באזעצט אין לאס־אנדזשעלעס און ביז זיינע שפעטע יארן געווען דער אָנפירער פון "ביורא פאר אָרטאָדאָקסישער דערציונג".

אָנגעהויבן שרייבן אין **הצפירה**, וואַר. 1915, דערנאָך פארעפנטלעכט, ארטיקלען וועגן נאַציאָנאלע און ציוניסטישע פראגעס אין **היינט**, **מזרחי־שטימע**, וואַר. ער איז אויך געווען א מיטארבעטער פון פראָגרעסיווער רוסישער צייטונג **קיעווסקאיא מיסל**. אין די יאָרן וואס הרב ז׳ האָט געלעבט אין קאנאדע, געווען א שטענדיקער מיטארבעטער פון **דאס יודישע ווארט**, וויני. ווו חוץ וועגן לויפנדיקע יידישע פראָבלעמען אויך געדרוקט א סעריע פון 70 פעליעטאָנען א"ט "מיינע 40 יאָר לעבן און 20 יאר רבנות" וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער רייכער יידישער שפראַך. הרב ז. האָט זיך אויך באטייליקט אין **קאַנאַדער אָדלער** (ביז 1963) **טאג**, **הדואר**, **פאָרווערטס**, **מאָרגן־זשורנאַל** (אלע אין נ.י.) **קאַליפאָרניער יום טוב בלעטער**, **קאַליפאָרניער אידישע שטימע** א"א, ל.א. ער איז געווען רעדאקטאר פון בראָשורן און אומלעגאלע פאמפלעטן וועגן דער יידישער לאגע אין רוסלאנד און א צאָל אליין אָנגעשריבן. (אונטער פיקטיווע נעמען)

נפטר געווארן אין ל.א.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, ב.3 מיט א ביבליאגראפיע, **פראָמינענטע יידן אין קאַנאַדע**, 1934, ז׳ 205, אינפאָרמאציע פון זלמן זילבערצווייג.

זילבערשטיין, יעקב־הערש

(1889־19 אפריל 1977 —)

געב׳ אין קאָרעוו ביי לובלין, פוילן אין א משפחה פון אן אָרימען סופר. געלערנט אין חדר, בית המדרש און וועלטלעכע לימודים דורך זעלבסטבילדונג. יונגערהייט געוואָרן אַן אַרבעטער און אקטיוו אין דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג. געלעבט אין ווארשע, ניקאָלייעוו און כערסאָן, פון דארטן אין 1913 געקומען קיין וויני׳. אייניקע יאר געארבעט ביי דער "פאסיפיק, באן קאמפ." שפעטער געווען א מעטאל־ארבעטער. איינער פון די אנפירעס פון דער דארטיקער אנארכיסטישער באוועגונג, אבער אויך פון דער יידישער קולטור־טעטיקייט. גרינדער און פארזיצער פון "יידישן ארבעטער קאמיטעט" פון דער "נאציאנאל־ראדיקאלער יידישער שול" פון ארב. רינג און פארזיצער פון ארטיקן בילדונגס־קאמיטעט. געשריבן ארטיקלען און רעפארטאזשן פון ארבעטער־לעבן איז **קאנאדער איד**, **דאס יודישע ווארט** (ביידע אין וויניפעג) דער עיקר אבער אין די יידישע אנארכיסטישע צייטשריפטן. מיטארבעטער פון **פרייע ארבעטער שטימע**, נ.י. דאָרטן פארעפנטלעכט א סעריע זכרונות א"ט" איך בין געוואָרן

א פרייהייטלעכער סאָציליסט" דארטן איז אויך דא דאס איינציקע ארטיקל וועגן דער אנארכיסטישער באוועגונג אין וויניפעג, וואס איז דער אויטענטישער מאטעריאל צו דער געשיכטע פון אנארכיזם אין קאנאדע (1913־1955) אין יזכור בוך **קאָרעוו**, **ת.א.** 1955, ז״ז 821־892, געדרוקט די ארבעט א״ט "הונדערטער עפּיזאָדן, קוריאָזן און פאסירונגען "וואס זענען געשריבן אין א רײַכן ליטעראַרישן יידיש און זענען א וויכטיקער מאטעריאל צו דער געשיכטע פון יידישן לעבן אין קארעוו.

געשטארבן אין וויניפעג.

משה גראסמאן, **יזכור בוך קארעוו**, ז׳ 7 **מאיר צוקער**, **דאס יודישע ווארט**, ווינ. 24 טער מיי 1977, **קאנאדיאנא**.

זינגער, יהושע (15 טער מארץ 1877 — 16 טער סעפּט. 1952)

געב׳ אין נאָוואָראַדאָק, פּוילן. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. אין 1899, געקומען קיין לאָנדאָן, ענגלאנד. געווען א בעקער־ארבעטער. און סעקרעטאר פון דער בעקער יוניע פון 1910 ביז צו זיין טויט, געלעבט אין טאָר׳. די ערשטע יאָרן זיך מפרנס געווען פון געבן העברעישע לעקציעס, שפּעטער געוואָרן א פּעדלער, א האנדלס אַגענט. זײַט 1901, זיך באַטייליקט מיט הומארעסקעס, לידער, פּעליעטאָנען און זשורנאַליסטיש־פּובליציסטישע אַרבעטן אין השולמית, **דער טעלעפאָן**, **הצופה**, **דער לוסטיקער טעלעפאָן**, **פּיפּיפּאקס**, **דער אידישער עקספּרעס**, **לאָנדאָנער טאַגעבלאַט** (אלע אין לאָנדאָן) און נ.י. פּאַרעפנטלעכט הומאָרעסקעס אין **קונדס**, **דער אידישער בעקער** זייט 1915, געווען אַן אינערלעכער מיטאַרבעטער אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר. **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳. ווי אויך אין פאָרשידענע הומאָריסטישע אויסגאבעס אין קאַנאַדע, זיין פסעווד׳ אויף הומאָר איז געווען אחיזבל.

געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ.

פנחס, **קאנאדער**, **אָדלער**, מאָנ׳ 6 טער אויג. 1915, מאריס גאָלדסטיק, **קענעדער נייעס**, טאָר׳. 20 טער סעפט. 1952, נעקראָלאָגן אין דער פרעסע.

זיפּער, יעקב (10 טער אקט 1900 —)

אַדאַפּטירטער נאָמען פון יעקב־יצחק שטערן. געב׳ אין שעברעשין, ביי זאַמשאָשטש, פּוילן און דערצויגן אין טישעוויץ, ווו זיין פאָטער ר׳ אברהם שטערן איז געווען שו״ב, מורה־הוראה און א מחבר פון ספרים.

געלערנט אין חדר, ביים פאָטער און ביי פּריוואַטע לערערס. אין 1919 פאַרלאָזט דאָס שטעטל און א צייט געלעבט אומלעגאַל אין וואָלין. זומער 1920, בעת דעם באָלשעוויסטישן אָנפאַל אויף פּוילן, פאַרמשפּט דורך די פּאָלאַקן צום שיסן, אבער אָפּגעראַטעוועט דורך הרוביעשאָווער יידן, וואָס האָבן ערב געווען פאר אים און נאָך א יידן. דערנאָך, ביז צו זיין אַוועקפאָרן קיין קאַנאַדע, געווען א יידישער לערער אין די שטעטלעך אוסטילע און לודמיר און דאָרטן אנגעפירט מיט דער קולטור־ארבעט צווישן דער יוגנט פון "החלוץ" און "צעירי־ציון פּועלי־ציון" און פון די יידישע אַרבעטער־פאַריינען.

זינט זיין קומען אין קאַנאַדע (1925) געווען א יידיש־העברעישער לערער און פּרינציפּאַל (ביז 1971) פון די י.ל. פּרץ־שולן אין מאָנט׳. און ווינ׳ און אויך אקטיוו אין דער ציוניסטישער

אַרבעטער־באַוועגונג, קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק א״א.

אָנגהויבן זיין ליטעראַריש־שריפטשטעלערישע טעטיקייט מיט א בילד פון חסידישן לעבן ״שלוש סעודות״ אין **פּאָליעסער שטימע**, בריסק, 1923 און גלייכצייטיק אין העברעישן **הכוכב**, לאָדזש־וואַרשע. זיַיט דאַמאָלט זיך באַטייליקט מיט דערציילונגען, לידער, עסייען אויף ליטעראַרישע טעמעס, אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער און ביכער און אַרטיקלען וועגן פּעדאַגאָגישע, געזעלשאַפטלעכע און קולטור־ענינים אין **שפּראַצונגען**, וואַר׳. **בריסקער שטימע, בריסקער וואָכנבלאַט, בעלעמער שטימע, פרייע שריפטן, דער חבר, גרינינקע ביימעלעך** וויל׳. **צוקונפט, אידישער קעמפער, יידיש, אויפקום, יידישע שול, יידישע דערציונג, יוגנט, אויפן שוועל, ווייטער, זיין, אונדזער אייגן ווינקל (וואָרט) קינדער וועלט, קינדער זשורנאַל, קינדער צייטונג, קולטור און דערציונג**, ווי אויך אין די העברעישע זשורנאַלן: **בצרון, הדואר** (אַלע אין נ.י.) **די גאָלדענע קייט, היימיש, ישראל שטימע, פאָלקס־בלאַט**, הצופה, (אַלע אין ישראל) העולם, לאָנדאָן, זאַמלב׳. שיקאַגאָ, אויפבריוו, שול־פנקס (אַלע אין שי־קאַגא) אידישע וועלט, וואַנק׳ העפטן, **דעטרויט, ליד, דער בעכער, חשבון, א. גאָלאָמב יובל בוך** (אַלע אין ל.א.) **די פּרעסע, דווקא, דער שפּיגל, אַרגענטינער ביימעלעך** (אַלע אין אַרגענטינע) **אויפגאַנג**, סיגעט, **אינזל**, בוקאַרעסט־אַנטווערפּן. **פּראָלעטאַרי־שער געדאַנק, דער וועג** (טאָר׳) **וואָרצלען**, ראָטשעסטער. אין די יאָרן 1931 — 1934 געווען א שטענדיקער מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער זיַיט פון **דאָס יודישע וואָרט**, וויני׳. און פון **דאַרטיקן יובלבוך פון דער י.ל.פּרץ־שול** 1933. י.ז. איז לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אדלער**. געווען מיטרעדאַקטאָר פון **קאַנאַדער איד** (1926) **קאַנאַדער וואָכנבלאַט** (1927־1928) **קאַנאַדער זשורנאַל** (1940) זמלב׳ **צום 70 יעריקן יובל פון דר׳ חיים זשיטלאָווסקי** (1935) ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין די צ״ש: **העפטן, ניילאַנד, מאָנטרעאַלער העפטן**. געווען רעדאַקטאָר פון **יובלבוך פון דער י.ל. פּרץ שול** (1939) **לייזער צוקער געדענק בוך** (1968) מאָנט׳ **פּנקס טישעוויץ**, ת.א. (1970) גרויסע טיילן פון זיינע שאַפונגען זענען איבערגעזעצט אין ענגליש און זענען גאַנץ באַזונדער אויסגענוצט געוואָרן דורך דינה און דר׳ דוד הערש ראָסקעס אין זייער פאַרשונג **דאָס שטעטלבוך**, נ.י. 1975 (ענגליש). פאַר זיין דערציילונג ״מגפה״ באַקומען די ״צוקונפט־פּרעמ־יע״ (1948). פאַר דער דערציילונג ״דאָס אמתע בילד״ די י. פרידלאַנד־פּרעמיע און פאַרן בוך ״אין די געצעלטן פון אַב־רהם״ די י.י. סיגאַל־ליטעראַטור פּרעמ־יע פאַר 1974 (פון זעלבן פאָנד אויך די פּרעמיע פאַר יידישער דערציונג פאַרן יאָר 1971). ער האָט אויך געדרוקט אונ־טער; י. ש־ן אַלף, יצחק שטיינבערג, י. גיטעלעס, י.י. שין. אין בוכפאָרם: **געוו־ען איז א מענטש** (5 מעשיות פונעם לעבן פון בעש״ט) מאָנט׳ 1940, 175 ז׳ (דערשינען אין עברית, 1955) **אויף יע־נער זיַיט בוג**, נאָוועלע־ראָמאַן, 1946, 273 ז׳. (באַצירונגען פון קינסטלער י. שיינבלום), אין עברית, אין 1957, **צווישן טייכן און וואַסערן**, דערציילונגען, 1961, 426 ז׳. אין עברית אין 1967 **כ׳בין ווידער אין מיין חרו־**

בער היים געקומען, פּאָעמע פון לעצ־טן חורבן, 1963, 78 ז׳ **אין די געצעלטן פון אברהם**, (דערציילונגען אויפן פּאָן פון חומש) 1974, 156 ז׳ (דערשינען אין עברית), 1974, **פון נעכטן און היינט**, דערציילונגען, 1978. באַקומען די ליטעראַטור־פּרעמיע אויפן נאָמען פון זכריה גאַנאַפּאָלסקי, פּאַריז 1979.

...אויף אַן אָריגינעלן אופן האט י.ז. אויסגעוועבט די מעשה פונעם שטעטל...זיי דערציילן די לעגענדעס און באשאפן א מין קאָלעקטיווע, קינסטלערישע געשטאלט וואָס ווירקט...
(אפרים אויערבאך)

...זיפּערס קערנדיקע און בילדערישע שפּראך, איז זיין הויפּט־מעלה אינעם שילדערן דאס יידישע לעבן אי רעאַליסטיש און אי ראָמאַנ־טיש־לעגענדאר. דער ריטם פון זיין לשון, איז ווי פון א פּראָזע־מייסטער...
(יחזקאל בראנשטיין)

...אין זיפּערס, ווערק, כאָטש אונטער זיי שטייט א מין רעאליסטישע ווירקלעכקייט, ווירקט זייער שטארק די ראָמאַנטיק פון חלום און דער אינערלעכער ניגון, וואָס ווירקט מיט דער עכטקייט פון געפיל, שטימונג און פאלקישער פלאסטישקייט...
(שמשון דונסקי)

...ער זוכט מיט רעאליסטישער געטריישאפט איבערצוגעבן דאס קאָסמישע, מיסטיש־סימבאָלישע פון די אור־געפילן אין דער מענטשלעכער פסיכיק, וואס ציען דעם מענטש צו גאָט...
(מ. חסיד)

י.ז. שרײַבט אין יידיש און עברית. פּראזע און פּאעזיע. דאס בוך ״אין די געצעלטן פון אברהם״ איז א נסיעה אין ווייטסטן נעכטן און סאָמע בראשית פון יידישן פאָלק, נישט נאָר מיטן זכרון, נאָר אויך מיט דער **עמאָציאָנעלער** אָנלאָדונג פון דעם היינטיקן מאָדערנעם יידישן שריפטשטעלער...
(שמשון קאַנץ)

...די געצעלטן פון אברהם, נעמען ארום דעם גאנצן סצענאַריאָ וועגן אברהם און שרה אין לאנד כנען (10 מעשהלעך).. דער הויפּט־געדאנק פון דעם ציקל, איז די ברכה און איר פארווירקלעכונג. ער בלייבט טריי דער הויפּט־קאַנווע פון חומש מעשהלע, דעם מיטאס. אבער אין תוך גענומען זעט דאָס דערציילטע אויס רעאַל...
(משה יונגמאַן)

יעקב זיפּערס ״אין די געצעלטן פון אברהם״, איז א גאָר, גאָר פיינער צושטייער סיי צו דערציערישער און סיי צו דער גאנצער יידישער ליטעראטור בכלל...
(צבי שטאָק)

...ביים לייענען זיפּערס דערציילונגען, זעט מען אז ער איז איינער פון די יידישע דערציילערס, וואָס קענען זיך נאָך פריי באנוצן מיט א גמרא און מיט א מאמר חז״ל. ער טראכט אין **יידישע היסטאָרישע** טערמינען און ווייסט אויך ווי דאָס צו פארקניפּן מיט דער פאבולע פון זיינע דערציילונגען...
(זלמן שלאסער)

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, ב.3(מיט ביבליאָגראַפיע ביז 1959) י. בראָנשטיין **קאנאדער אָדלער**, 5 טער יוני 1961, י. גאלאי, **דארטן** 5 טער אקט. מלך ראוויטש, **דארטן**, 23 טער אָקט. ב.ג. זאק,

דאָרטן 25טער אַקט. 1961. מ. חסיד, דאָרטן, 2 טער אַפּריל 1976. שמשון דונסקי, דאָרטן 7 טער מיי 1976. יעקב באַטאַשאַנסקי, **צוקונפט**, סעפט. אָקט. 1961. י. באַשעוויס, **פאָרווערטס**, 18 טער מיי 1963. דר׳ ל. זשיטניצקי, **די פּרעסע**, ב.א. 6 טער אויג. 1966. א. באַראַבאַן, **יידישע צייטונג**, ת.א. 9 טער אַפּריל 1971. שמעון קאַנץ, **לעצטע נייעס**, ת.א. 10 טער מיי 1974, אויג. 24, 1979 יוסף פרידלענדער, **דאָרטן**, 30 טער מאַרץ 1979, דב סדן, **אבני מפתן**, ב.2. ז. **סופר דבר לילדים**, 12טער אויג. 1974, צבי שטאָק, **זיין**, פעבר. 1975, ס. שניאור, **חשבון**, ל.א. אַפּריל 1975, אפרים אויערבאַך, אויפן וואָגשאָל, ב.2, 1976, משה יונגמאַן, צוקונפט, דעצ. 1976, **פאלק**, וועלט און מדינה סעפט. נומער 1979 ל. לאַסאַווין, **דער וועג**, מעקס. 3 טער יוני 1977, זלמן שלאָסער, **חשבון**, נומ. 93, 1979, דר׳ אליהו שולמאַן, **פאָרווערטס**, 24 טער יוני 1979. ד. ראָם, ענציק. יודאַיקא ירושלים.

זעלטשען, שמעון-מרדכי (21 טער נאָוו. 1885–29 טער דעצ׳ 1960)

געב׳ אין דאָרף ראַסאָסנע, ווס״ר, ווו זיין פאָטער איז געווען רב. געלערנט ביים פאָטער אין א ישיבה אין האָמעל, שפּעטער געוואָרן א לערער. פון 1912 ביז צו זיין טויט אין קאַנאַדע. צוערשט אין סאַסקאַטון, (דאָרטן געווען סעקרעטאַר פון ״יידיש-ראַדיקאַלן פאַריין״) און זינט 1920, אין וויניפּעג. ער איז געווען איינער פון די איבערגעגעבנסטע יידיש-געזעל־שאַפטלעכע און קולטור-עסקנים. אַקטיוו אין דער י.ל. פרץ-שול, און ״דערציונגס״ קאָמיטעט ביים ״קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס״ און זיין פאַרזיצער. ער איז אויך געווען דעלעגאַט צום גרינדונגס צוזאַמענפאָר פון ״אַלוועלט. יידישן קולטור־קאָנגרעס״ (1948) אָנגעהויבן שרייבן מיט אַרטיקלען וועגן אַקטועלע יידישע ענינים אין **דאָס אידישע וואָרט**, וויני. 1920 און זינט 1922, ווען עס האָט אָנגעהויבן דערשיינען ווי א טאָג־צייטונג. זיין רעדאַקטאָר. כמעט טעגלעך ביז צו זיין טויט, געדרוקט דעם קאָלום ״אגב אורחה״ אין וועלכן רעאַגירט אויף אַלע וויכטיקע געשעענישן אין יידישן לעבן. א גאַר קליינער טייל פון זיי, איז אַריין אין זיין בוך **אגב אורחה**, וויניפּעג, 1948, 283 ז׳ (א״פ ז. מאַרק) ער איז אויך לאַנגע יאָרן געווען וויניפּעגער קאָרעספּאָנדענט פון דער ״איטא״ (יידישער טעלעגראַפן אַגענטור) איז ניו יאָרק. געשטאָרבן אין וויניפּעג.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.3 מיט ביבליאָגראַפיע, הרב מאיר שוואַרצמאַן, **קאַנאַדער אַדלער**, 5 טער׳ דעצ. 1960, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע.

זעלטשען, נחמן (1897 —)

ברודער פון מאַרק. (זע) געלערנט אין ישיבות און ביים פאָטער דעם רב, און ביי פּריוואַטע לערערס. פון 1910, אין וויניפּעג. אַקטיווער עסקן אין יידישן-געזעלשאַפטלעכן און קולטור לעבן, און ספּעציעל אין דער י.ל.פרץ שול. באַזוכט סאָוויעטן-פאַרבאַנד און צוריקגעקומען פון דאָרטן מיט א טרויער וועגן דאָרטיקן יידישן גייסטיקן לעבן, לאַנגע יאָרן געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישע קולטור-ענינים און אויף אַקטועלע יידישע טעמעס אין **דאָס אידישע וואָרט, דאָס נייע אידישע וואָרט**, וויני׳. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳, דאָרטן אויך געדרוקט זיין סעריע באַשרייבונגען ״רייזע בילדער פון סאָוויעטן פאַרבאַנד״ וואָס האָבן אַרויסגערופן אויפזען מיט זייער אָפנהאַרציקן אַנאַליז, כאַראַקטערי־סטיק וועגן רעזשים און ספּעציעל וועגן דעם מצב פון יידישן גייסטיקן לעבן און

זיין צוקונפט.

לויט פאַרשידענע קוואַלן, אינפאָרמאַציע פון מ.י. ניטיקמאַן, קאַנאַדיאַנאַ.

זעליקאָוויטש, געצל (23 טער מײַ 1855 — 28 טער נאָוו׳ 1928)

באַרימטער יידישער געלערנטער, זשורנאַליסט און שריפטשטעלער. פּיאָנער פון דער יידישער פּרעסע אין אַמעריקע און קאַנאַדע. געב׳ אין ריטעווע, ליטע. אין די יאָרן פון 1891 ביז סוף 1893, געלעבט אין מאָנטרעאַל און פיר מאָל אין וואָך געדרוקט קאָרעספּאָנדענצן און אַרטיקלען וועגן יידישן לעבן אין קאַנאַדע אין **אידישע גאַזעטען און אידישעס טעגע־בלאַטט** (ביידע אין נ.י.) וואָס האָבן משפיע געווען אויף דער יידישער עמיגראַציע קיין קאַנאַדע. אין 1891 (היות עס איז אין יענער צייט נאָכנישט געווען אין מאָנט׳ קיין יידישע שריפט) האט ג.ז. אַרויסגעגעבן 4 נומערן פון אַ העקטאָגראַפירט בלעטל פון 4 זײַטן **די צייט**, וואָס ער האָט אַליין אויסגעפּילט מיט זיינע צייטלידער און אַרטיקלען "געדרוקט" אין 200 עקזעמפּליאַרן, וואָס זײַנען געוואָרן אינגאַנצן אויספאַרקויפט צו דעם גרעסטן עולם פון יידיש לייענערס, וואָס האָבן געלעבט אין יענע יאָרן אין מאָנטרעאַל.

מער וועגן זיין לעבן און שאפן זע: פּנחס, **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ 6 און 8 טער אויג׳ 1915, א. ריינוויין, **דער איד אין קאַנאַדע**, טאָר׳ 1925, ז׳ 210, זלמן רייזען, **לעקסיקאָן**, ב.1, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.3 מיט ביבליאָגראַפיע, ב.ג. זאַק, **קאַנאַדער אַדלער יובל בוך** 1957.

זעליקאָוויטש, י.ל. (1866 —)

אַנדערע ביאָגראַפישע פּרטים, נישט באַקאַנט. מיר ווייסן נאָר אז ר׳איז געוור־ען א קרוב פון פּראָפ ג. זעליקאָוויטש

און געשטאַמט פון ליטע. אין 1911 געקומען קיין מאָנטרעאַל און געווען אַ העברעישער לערער. אין 1916 אַריבער קיין אָטאַווע און געווען אַ פּרינציפּאַל פון אַ תלמוד־תורה. געדרוקט דערציילונגען פון יידישן לעבן אין ליטע און אויך פון קאַנאַדע אין **קאַנאַדער אָדלער** און **דער וועג** (ביידע אין מאָנט׳) וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט פאָלקסטימלעכ־קייט און יידישן לשון צוגעפּאַסט צום יידישן מאַסן־לעזער פון יענער צייט.

לויט **פּראָמינענטע יידן אין קאַנאַדע**, טאָר׳ 1934, ז׳ 147. קאַנאַדיאַנאַ.

זרחי, ישעיה (שייקע זאַרקין) — 4 טער יוני 1903

געב׳ אין ווילקאָמיר, ליטע אין א משפּחה פון יידישע מעשגיסער. באַקומען יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט די ערשטע יידישע רעאַל־גימנאַזיע אין וו. פון די פריע יוגנט־יאָרן, זיך געווידמעט דער אַרבעטער און קולטור־באַוועגונג פון די יידישע אַרבעטער־און פאָלקסמאַסן, צוערשט אין ליטע און פון 1920 אין קאַנאַדע. אַקטיווער עסקן אין דער פּראָגרעסיווער יידישער פּראָפעסיאָ־נעלער, שול און קולטור באַוועגונג. געלעבט אין מאָנט׳ טאָר׳. און צולעצט אין וואַנ׳. לאַנגיעריקער מיטאַרבעטער פון דער לינקער יידישער אַרבעטער־פּרעסע. געווען פון די ערשטע שרייבערס פון **דער קאַמף, דער וועג** און ביז 1975 פון **וואָכנבלאַט** (אַלע אין טאָר.) געדרוקט אַרטיקלען אויף אַקטועלע פּאָליטישע טעמעס, טעאָרעטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן אַלגעמיינע און יידישע פּראָבלעמען טיילן פון זיינע זכרונות און רייזע־באַשרייבונגען, וואָס זענען

אינטערעסאַנט סיי דורך זיין רייכער און בילדערישער שפּראַך און קינסטלע־רישער שילדערונג (גאר באַזונדער וועגן סאָוויעטן־פֿאַרבאַנד נאָכן 20טן קאָמוניסטישן קאָנגרעס, וואָס האָט אים געבראַכט צום צווייפלען)

אייניקע מאָל באַזוכט מדינת ישראל און פֿאַרעפֿנטלעכט געלונגענע שילדערונגען מיט אַ פּאָזיטיוון צוגאַנג צו אַלע פּראָבלעמען פֿון אָרטיקן לעבן...

י.ז. איז דער מחבר פֿון אייגנאַרטיקן בוך **זכרונות**, (די יידישע אַרבעטער באַוועגונג אין ליטע און קאַנאַדע (באַנד איינס, אין דער אַלטער היים) טאָר׳ 1973, 188 ז׳ מיט אַן אַריינפֿיר־וואָרט פֿון יהושע גערשמאַן. **דער צווייטער באַנד**, וועגן יידישן פּאָליטישן און פּראָפֿעסיאָנעלן קאַמף אין קאַנאַדע דאַרף דערשיינען אין 1979, 350 ז׳ אין ערשטן בוך זכרונות איז אויך געדרוקט אַ וויכטיקע פֿאַרשונג "דאָס יידישע ווילקאָמיר" פֿון זיין חבר לייבל באַסמאַן, וואָס שילדערט דאָס אַמאָלי־קע יידישע ווילקאָמיר און דעם חורבן פֿון די יידישע שטעטלעך אין דער ליטע בעת דער־דייטש נאַצישער אָקופּאַציע אין די יאָרן 1941־1945, די לעצטע יאָרן זיך צוריקגעצויגן פֿון פּאָליטיק און איז באַקאַנט ווי אַן אייגנאַרטיקער און טאַלאַנטירטער סקולפּטאָר.

שלום שטערן, **וואָכנבלאַט**, טאָר׳ 6 טער יוני 1973, איטשע גאָלדבערג, **יידישע קולטור**, נומער 2, 1979, **קאַנאַדיאַנא**.

ח

חיטריק, אהרן (1938 —)

געב׳ אין **קאַרקאָוו, אוקראַינע, אין** א רבנישער משפחה. ביז 9 יאָר געלערנט ביים פאָטער, שפּעטער אין ליובאַוויטשער און אין ר׳ יצחק אלחנן ישיבה אין נ.י. דאָרטן באַקומען סמיכה אויף רבנות. אין 1949, געקומען קיין מאָנטרעאַל. געדרוקט ארטיקלען איבער רעליגיעזע פּראָגעס, וועגן תורה־פּערזענלעכקייטן און פאַרשונגען וועגן אלטע ספרים אין הדרום, **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט׳ **תלפיות, האוהל** א.א. תורה זשורנאַלן איבער דער וועלט, אין **דער אלגעמיינער זשורנאַל, הדואר, הפרדס, המאור** (אַלע אין נ.י) און אין די אויסגאַבעס פון **נוסח ליובאַוויטש** נ.י. (אין יידיש און לשון קודש) רעדאַקטאָר פון צ״ש **פּלפּול התלמידים** דערשינען 3 העפטן, צו 36 ז׳, נ.י. 1961. א זאַמלער און אויסטייטשער פון נגלה און ניסתר, האָבן זיינע הערות און הגהות צו אַלטע כתב־ידן, א וויכטיקן ווערט און ווערן זייער גוט אויפגענומען אין די חסידישע קרייזן. אזוי זענען פון גרויסן ווערט זיינע צום ערשטן מאָל געדרוקטע ספרים פון ר׳ יוסף מטראַני (באַקאַנט ווי דער רי״ד) וואָס ער האָט באַאַרבעט און צוגעגעבן הערות און אַן אריינפיר צו **מסכת שבת** (לויטן כתב־יד אין דער באָדעליאַנאַ־ביבליאָטעק) צווישן זיי א צאָל פון **שאלות ותשובות**, וואָס זיינען זייער ווייניק געווען באַקאַנט (אפילו צווישן לומדים) ביז צו הרב חיטריקס פאָרשונגען.

די לעצטע יאָרן איז ער באַשעפטיקט מיטן צוגרייטן צום דרוק א צאָל ספרים פון ליובאַוויטשער רבין און ספּעציעל מיט דער נייער פאַרברייטערטער אויסגאַבע פון תניא. (דערווייל זיינען דערשינען די העפטן פון א ביז י״ג) ארויסגעגעבן אין בוכפאָרעם: **מפתחות לשולחן ערוך אדמו״ר הזקן**, נ.י. 1963, 92 ז׳ **מראה מקומות והערות צום ספר תורה אור**, נ.י. 1972 78 גרויסע, פיר שפּאַלטיקע זייטן, הרב חיטריק האָלט אין פאַרענדיקן די פּסקי רי״ד אויף די מסכת הוריות, נדרים און **מכות**, וואָס ער האָט באַאַרבעט לויט אַלטע כתב ידן.

מרדכי גינזבורג, **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט׳ 22 טער מאַרץ 1963, אינפאָרמאַציע פון זיין פאָטער, קאַנאַדיאַנאַ.

חסיד, מרדכי (28 טער פעבר. 1909 —)

געב׳ אין סעקוראַן, באַסאַראַביע. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. 1926, געענדיקט גימנאַזיע. 1927־1928, סטודענט אין ראַבינער חיותעס ״בית מדרש למורים״ אין ווין, דערנאָך געווען א לערער אין א העברעיש־פינישער שולע אין העלסינגפאָרס. א צייט געלעבט אין שטאָקהאָלם און

געוועזן דער אָנפירער פון דער קולטור־אַרבעט ביי דער יידישער קהילה. ער איז געווען א דעלעגאַט צום "אלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס" אין נ"י (1948) אין 1950 געקומען קיין קאַנאַדע און ביז 1976, געווען א לערער אין די יידישע פאלקסשולן און אַ לעקטאָר אין יידיש־העברעישן לערער־סעמינאר אין מאָנט'. מ.ח. איז זינט 1928 טעטיק ווי א יידיש־העברעישער שרייבער. געדרוקט לידער, דערציילונגען, און ליטעראַרישע קריטיק אין פארשידענע ליטעראַרישע זאמלונגען און צייטשריפטן אין רומעניע, פוילן און איבער דער יידישער וועלט. זינט 1950, באטייליקט זיך אין **צוקונפט**, **אידישער קעמפער**, **סביבה**, **פאָלק און וועלט**, **זיין אונדזער אייגן וואָרט** א"א, נ"י, **גאלדענע קייט**, ת"א, **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט' **דרום אפריקע**, יאָהאַנעס. ווי אויך אין די העברעישע: **העולם**, לאנדאָן, **פרודות**, קעשעניעוו, **הדואר**, נ"י, **מאזנים**, **גזית**, **על המשמר** א"א, ת"א. ער איז געווען מיטרעדאקטאר פון דער צ"ש **אונדזער בלאט**, שטאקהאלם, 1947־1950 (יידיש מיט לאטייניש אותיות) און צוזאמען מיט **שלמה** **ווייסמאַן** צוגעגרייט צום דרוק דאס בוך **לעצטע לידער** פון י.י. סיגאל, מאָנט' 1955. שוין זיין ערשט בוך **פאָרמען אין ברען**, דערציילונגען, וויל. 1937, 202 ז' האָט ארויסגערופן גוטע אָפשאצונגען פון באַקאנטע שרייבערס. אזוי שרייבט אברהם רייזען: ..ער איז א נייער נאָמען אין דער נייער יידישער ליטעראַטור. אים קומט א גרויסער ברוך הבא. אַן עבטער טאלאנט מיט אַן אויג וואס זעט, מיט א האַרץ וואָס פילט...זיינע נאטור־בילדער זיינען אַריינגעפלאָכטן אין דער סיטואציע און שטימען מיטן גע־מיט פון דעם העלד, פון דער אָדער אנדערער דערציילונג"...און דער פאעט־קדוש משה שימעל, שטעלט זיך ספעציעל אָפּ אויף דער "אייראָפעישער שרייבערישער טעכניק פון "פארמען אין ברען"...זיין יעדער דערציילונג איז קאָמפּאָזיציאָנעל אויסגעהאַמערט. די שפראך איז אויסגעלייטערט און באַוויזט, אז ער איז א גוטער סטיליסט, און אן אמתער טאלאנט.." און רחל קאָרן שרייבט: "די דערציילונגען פאָרמען און ברען, זיינען געשריבן אויף א שיינעם, אָריגענעלן אופן...אין ברען ווערט פאָרמירט א נייע צייט, ווערט אויסגעגליט צו א נייע רייפקייט די נשמה פון א דיכטער..." אויך זיין צווייט בוך: **דורות שרייען מיך אריבער**, לידער, מאָנט' 1959, 141 ז' פאָר וועלכן באַקומען די י.י. סיגאַל־פּרעמיע, איז גוט אויפגענומען געוואָרן. אזוי שרייבט יעקב גלאַטשטיין "די לידער געפעלן מיר גאָר־גאָר...פאר מיר זענט איר נתג־לה געווארן, ווי א וויכטיקער מאָדער־נער יידישער דיכטער"(20טער יוני 1968) אין זעלבן נוסח שרייבט שמשון דונסקי..."ער געהערט צו די צווייש פראַכיקע שרייבערס אונדזערע...ער שרייבט מיט דער זעלבער פארטיפונג סיי יידיש און סיי העברעיש...זיין ליד אָטעמט מיט די גרויל]ן פון אונדזער צייט" ל. דאמאנקעוויטש שטעלט זיך באַזונדער אָפּ אויף "...אונדזערע גלות־פּראָבלעמען האָבן ביי מ.חסידן באקומען אַ קינסטלערישן תיקון אויף זיין אריגינעלן, פּאָעטישן שטייגער "זיין דריט בוך **א שאטן טראגט מיין קרוין**, **לידער**, מאי. 1975, 149 ז' (באקומען די פרעמיע פון יידישן ביכער־ראט, נ"י) וועגן זיי שרייבט יעקב זיפער "...מ.ח. פילט מיט אַלע זיינע רמ"ח אברים...זיינע וויזיעס זיינען

מיינסטנס אַפּאָקאַליפּטישע, פּאַרהוילן און פֿול מיט שרעק און יאוש..." יצחק יאַנאַסאָוויטש ברענגט אַרויס אַז: "מ.חסידס לידער, זיינען דער סימן־מובהק פֿון דעם אויפֿשטייג וואָס די יידישע פּאָעזיע האָט אַדורכגעמאַכט אין איר אַנטוויקלונג. עס זיינען אין איר פֿאַראַן אַלע קוואַליטעטן..."זי איז דאָס געזאַנג וועגן כּלל, אָבער זי היט דערביי אויך דעם דיכטערס אינדיווידועלן קול פֿון דעם דיכטערס אייגנאַרטיקער פּערזענלעכקייט..."

מ.ח. איז פֿון מערץ 1977, דער רעדאַקטאָר פֿון **קאַנאַדער אָדלער** און שרייבט די לייט־אַרטיקלען מיט נאַציאָנאַלער ווירדע און אַקטועלער אויסטייטשונג...

לעקסיקאָן פֿון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב 3, מיט ביבליאָגראַפֿיע, אַברהם רייזען, **די פֿעדער**, נ"י 1937, מאַרק ראַזומני, **פּאָלקסבלאַט**, קאָוונע, 23 טער אַפּריל 1937, משה שימעל, **היינט** **נומער** 141, וואַרשע, 1937, שמשון דונסקי, **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנ. 20טער יוני 1969, מלך ראַוויטש, **גאָלדענע קייט**, **נומ.** 69־70, **אַברהם שולמאַן**, **אונדזער שטימע**, פּאַריז, 27טער אָקט. 1969, ד. וואָלפּע, דרום־אַפֿריקע, יאַנ.־פֿעבר. 1970, ל. דאָמאַנקעוויטש, **צוקונפֿט**, נ"י, יולי־אויג. 1970. יצחק יאַנאַסאָוויטש, **פּנימער און נעמען**, ב.1, ב"א, 1971, א. באַראַבאַן, **יידישע צייטונג**, ת"א, 14 טער אַפּריל 1972, ל.קופּערשטיין **על המשמר**, ת"א, 22טער סעפּט. 1972 שמעון קאַנץ, **לעצטע נייעס**, ת"א, 15 טער אויג. 1975 י. זיפּער, **צוקונפֿט**, דעצ 1975, ל. פּאָדראַטשיק **לעצטע נייעס**, ת"א, 22 טער יאַנ. 1977.

חפץ, לייב (15 טער יוני 1900 — 23 טער פֿעבר. 1977)

געב' אין ביעשענקאָוויטש, ווס"ר. געלערנט אין חדר. אין 1910, געקומען קיין מאָנטרעאַל און דאָ פֿאַרגעזעצט זיין בילדונג. געענדיקט א מיטלשול. פֿון די פֿריע יוגנט־יאָרן, אַקטיוו אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג מיטגרינדער פֿון "החלוץ השומר" אין קאַנאַדע. אין 1918, ווי א פֿרייוויליקער געפֿאָרן קיין ארץ־ישראל מיטן יידישן לעגיאָן. אין 1920 צוריקגעקומען קיין מאָנט'. און געוואָרן סעקרעטאַר פֿון דער קאַנאַדער פּ.צ.־פּאַרטיי און איר פֿאַרשטייער אין "ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט"

זינט 1922, איז ח' געווען א אינערלעכער מיטאַרבעטער און א צייט "נייעס־רעדאַקטאָר" פֿון **קאַנאַדער אַדלער**. דאַרטן חוץ זשורנאַליסטישע אַרבעטן און רעפּאָרטאַזשן אויך געדרוקט די סעריע "זכרונות פֿון אידישן לעגיאָן" וואָס זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע איבער דער וועלט. ל.ח. איז געווען איבער 16 יאָר רעדאַקטאָר פֿון חודש־זשורנאַל אונדזער וואָרט, מאָנט'. ער איז א רייע יאָרן געווען קאַנאַדער קאָרעספּאָנדענט פֿון דער יידישער טעלעגראַפֿן אַגענטור ("איטא") אין סוף 60 קער יאָרן באַזעצט זיך אין אביחיל ישראל און ביז צו זיין טויט געשיקט אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן אין **אידישער קעמפֿער**, נ.י. **קאַנאַדער אָדלער**, **דאָס וואָרט** (ביידע אין מאָנט') געשריבן אויך אונטער ל. בן אהרן. געשטאָרבן אין אביחיל.

לויט אַרכיוון פֿון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג, מאָנט' **לעקסיקאָן פֿון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.3 ש. בעלקין, **די פּועלי ציון־באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס, י. ראַבינאָוויטש, **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט' 30טער אָקט. 1959, **א שורעם**, **דאַרטן**, 24 מאַרץ 1977, **קאַנאַדיאַנא**.

ט

טאובער, בנימין־שמואל, (10 טער פעבר. 1904 —)

געב׳ אין באַרשאַוו, פּאָדאָליע. אָפּשטאַמיקער פון חסידישן רבי "דער שפּאָלער זיידע", נאָך אַלס ייִנגל שוין געשעמט פאַר אַן עילוי. שפּעטער געלערנט וועלטלעכע לימודים און ווי אַן עקסטערן באַקומען מאַטורע. אַ צאָל יאָרן שטודירט מעדיצין אויפן לעמבערגער אוניווערסיטעט..ביז 1938 געלעבט אין וואַרשע, שטודירט פּסיכאָלאָגיע און באַקטעריאָלאָגיע און וועגן דעם געהאַלטן רעפעראַטן. פון 1938 אין וויניפּעג. זינט די פריע יאָרן געשריבן לידער אין יידיש, פּויליש און אוקראַיניש און דעביוטירט מיט אַ נאַטור־ליד אין **לעמבערגער טאַגבלאַט**. דערנאָך פאַרעפנטלעכט וויכטיקע פאָרשונגען אויפן געביט פון יידישן פאָלקלאָר, ביאָ־ביבליאָגראַפיע, קליינע אַרטיקלען, וואָס זיינען אויסגענוצט געוואָרן אין מנשה אונגערס קאָלום "פון אייביקן קוואַל" אין **מאָרגנזשורנאַל**, און זענען צוליב זייער אויטענטישקייט און באַהאַוונטקייט איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער **יידישער פּרעסע** איבער דער וועלט. זינט 1940, מיטאַרבעטער פון **דאָס אידישע וואָרט** און פון 1955, רעדאַקציע־מיטגליד פון **דאָס נייע אידישע וואָרט**, וויני׳ וווּ ער דרוקט כסדר אַרבעטן איבער חכמת־ישראל, יידישער געשיכטע, ביאָגראַפיעס פון באַרימטע פּערזענלעכקייטן, פּובליציסטיק און עסייען אויף ליטעראַרישע טעמעס. זיין סעריע "באַרימטע תלמידי חכמים אַלס מעדיקער" זענען אינטערעסאַנט הן מיטן וויסנשאַפטלעכן מעטאָד און באַהאַוונטקייט פון מאַטעריאַל, אויך צוליב זיין קלאָרן סטיל און פאָלקסטימלעכן יידישן לשון. באַטייליקט זיך אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ **דער אידישער זשורנאַל**, טאָראָנטאָ.

אינפאָרמאַציע פון מ.י. ניטיקמאַן, וויני׳, לויט צייטונגס־אויסשניטן פון דאָס אידישע וואָרט און קאַנאַדיאַנאַ.

טאַלמאַטש, חיים (14 טער מאַי 1895־27 טער אויג. 1971)

געב׳ אין טוראָוו, ביי מינסק, ווס״ר, ביי אַן אַרבעטער משפּחה. דאָרטן געלערנט אין חדר און געוואָרן אַן אַרבעטער. אין 1911 געקומען קיין קאַנאַדע און ביז זיין טויט, געוווינט אין מאָנטרעאַל. אַקטיווער מיטבויער פון יידישן קולטור־לעבן. אוועקגעגעבן אַ סאַך מי פאַרן יידישן שול־וועזן און פאַר בעסערן יידישן טעאַטער. אָנגעהויבן שרייבן לידער אין די יונגע יאָרן און דעביוטירט אין **דער וועג**, דעטרויט, 1918. זינט דאַמאָלט פאַרעפנטלעכט לידער, דערציילונגען, אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע טעמעס

און איינאַקטערס אין **קאַנאַדער אדלער**, די ליטעראַרישע זאַמלונגען **קאַנאַדע**, 1,2,3, (1925)**קאַנאַדער איד**, (1926) אויך מיט רעדאַקטאָר פון קאַנאַ־דער וואָכנבלאַט, (**אַלע אין מאָנט'**) **אינאייִנעם**, דער וועג, **וואָכנבלאַט** (אַלע אין טאָר') זיין איינאַקטער "ווײַ־בער" איז אויפגעפירט געוואָרן אין מאָנטרעאַלער יידישן טעאַטער. געדרו־קט אויך א"פ רחל טונין א"א. געשטאָר־בן אין מאָנטרעאַל..."ער האָט מיט אח־ריות און ערלעך אויסגעפירט זיין באַשיידענע שליחות, ווי א יידישער שרייבער". (י. זיפּער)

לעקסיקאָן פון דער נייַער יידישער ליטעראַטור, ב.4 מיט ביבליאָגראַפיע, יעקב זיפּער **קאַנאַדער אָדלער**, 8 טער אָקט. 1971, נעקראָלאָגן אין דער פרעסע קאַנאַדיאַנאַ.

טוללעס, איידע, (1888 — 1 טער פעבר. 1955)

געב' אין דונילאָוויטש, ביי ווילנע, ליטע. געענדיקט א רוסישע גימנאַזיע ביז 1905 געווען אקטיוו אין "בונד" פו 1918 ביז סוף 1926, געלעבט אין וויניפּעג, און טעטיק אין דער דאַרטיקער ליטעראַרישע גרופּע. דעביוטירט מיט לידער אויף סאָציאַלע טעמעס און לירישע געזאַנגען אין **צוקונפט**, 1917. זינט דאַמלט באַטייליקט זיך מיט לידער און איבערזעצונגען פון דער רוסישער ליטעראַטור אין **צוקונפט, דער פריינד, פרייהייט (אלע נ.י.)**באַקומען אין 1924 (פון דער "פרייהייט" אַ פרעמיע פאַר בעסטן ליד פון יאָר) געווען אַ מיטאַרבעטערן פון **קאַנאַדער איד, דאס אידישע ווארט** (ביידע אין וויניפּעג) צוליב א קראַנקהייט געמוזט פאַרלאָזן קאַנאַדע און זיך באַזעצט אין לאָס־אַנדזשעלעס, דאָרטן געוואָרן א טעטיקער מיטגליד פון דער אָרטיקער שרייבער־גרופּע און זיך באַטייליקט אין אַלע זייערע אויסגאַבעס, דער עיקר אין די זאַמלונגען **ליד** (1933 — 1937) ווו געדרוקט בלויז לירישע לידער. געשטאָרבן אין לאָס־אַנדזשעלעס.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.4 מיט ביבליאָגראַפיע, נעקראָלאָגן אין דער פרעסע **קאַנאַדיאַנאַ**.

טענעראָווסקי, שלמה (15 טער דעצ. 1889 — 11 טער מערץ 1961)

געב' אין אומאַן, אוקראַינע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. לאַנגע יאָרן געווען אַ לערער אין יידישע און העברעישע שולן אין רומעניע, קוויבעק און וויניפּעג, זינט 1924 געדרוקט לידער, דערציילונגען און קינדער־מעשהלעך אין **קאַנאַדער אדלער, קאַנאַדער איד, מאָנט', דאס אידישע ווארט**, ווינ' **דער אידישער זשורנאַל**, טאָר' **קינדער צייטונג, קינדער זשורנאַל** (ביידע אין נ.י.). ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט זיינע זאַכן אין די העברעישע פּעריאָדישע זאַמלונגען. אין בוכפאָרם **דאס ליד פון יום טוב**, מיט א הקדמה פון דר' י.מ. בידערמאַן, נ.י. 1956, 178 ז' וואָס איז באַנוצט געוואָרן אין די יידישע שולן אין אמעריקע און קאַנאַדע. ספּעציעל דאַרפן דערמאָנט ווערן זיינע לידלעך וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן אין די יידישע און העברעאישע קינדער־גאָרטנס. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

הספרות החדשה, ב.2 נעקראלאגן אין דער פרעסע.

טרוט, ישראל (1902 —)

געב' אין רוסלאַנד. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. זינט 1927, אין קאַנאַדע. געלעבט אין וויניפּעג, מאָנט'

און טאָראָנטא. געווען א מיטג... פון דער יונגער פּראָלעטארישער דיכטער־גרופּע, ארום די ליטערארישע זאמלונגען; **באגינען**, **באשיידן**, **אין געווירבל** (אלע אין טאָר) נאך אין רוסלאנד געדרוקט אין די סאָוועטיש רוסישע אויסגאבעס און זינט 1928 אריבער צו יידיש און דעביוטירט אין **דאס אידישע ווארט**, ווינ. וואס האָט געוויזן טאלאנט. ער האט זיך אויך באטייליקט אין **דער קאמף**, **דער וועג**, **וואכנבלאט** (אלע אין טאָר) זיינע לידער שרייבט ח.מ. קייזערמאן "באוויַיזן אז ער געהערט צו די בעסערע דיכטער אין לאנד...ער איז אין זיין ליד א געמיש פון פאטאליזם און רעוואלוציע...אבער די לירישע בענקשאפט פון זיין נשמה, זענען דוקא לירישע בענקשאפטן און נאטור־שטימונגען". זינט 1942, נישטא וועגן אים קיין ידיעות.

לעקסיקאַן פון דער נייַער יידישער ליטעראטור, ב,4 מיט ביבליאָגראפיע. ח.מ. קייזערמאן־וויטאל, אידישע דיכטער אין קאנאדע, אינדעקס.

טרייסטער, לייזער (15 טער אפריל 1905 —)

געב׳ אין אפט, פוילן. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. ביז 1927, אין פוילן. טעטיק אין יידישן ארבעטער און קולטור־לעבן. א צייט געווען א לערער אין די "צישא־שולן". פון 1927 ביז סוף 1937, אין טאָראַנטא לערער אין די יידישע שולן, גלייכצייטיק אן אנפירנדיקער מיטגליד פון דער יונגער פראלעטארישער שרייבער־גרופע און רעדאקטאר פון א צאל ליטערארישע אויסגאבעס. אין קאנאדע, אנטוויקלט זיין שרייבערישן טאַלאַנט און זיך אויסגעצייכנט מיט זיינע דראמעס און גרעסערע דערציילונגען און ראָמאנען פון ארבעטער־לעבן. זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט דער דערציילונג "דער יאפאנטשיק" (1927)

אין דער **אידישער זשורנאַל** (טאָר׳). שפּעטער געדרוקט דערציילונגען ראָמאנען און אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע און קולטור־טעמעס אין **וואָכנבלאט**, **דער קאמף**, **טינט און פעדער**, **באגינען**, **בא אונדז**, **העפטן**, **אין געווירבל** (אלע אין טאר׳) **צוקונפט**, **אידישער קעמפער**, **טאָג**, **טאָג־מ. זשורנאל**, **קולטור און דערציונג**, **אונדזער צייט** (אלע אין ניו־יאָרק) **קיום**, פאריז, **דווקא**, ב"א. אין די **לייוויק־אָפּאַטאָשו זאמלביכער**, נו״ג. 1, 1936, פארעפנטלעכט א גרעסערע דערציילונג, וואס האָט אים באַרימט געמאַכט. צוזאמען מיט בעריש ווײנשטיין און ב. דעמבלין, רעדאַקטירט דאָס זאַמלבוך המשך, נומ. 1, נ.י. 1939.

אין בוכפאָרם; **איז שוויענטאָ־קזשיסקער וואַלד**, דערציילונג, טאָר׳. 1928, 32 ז׳ **אין שטילע טעג**, ראָמאַן, מיט אַן אריינפיר פון יוסף אָפּאָטאָשו, וואַרשע, 1933, 199 ז׳, **אריבער די ברעגן**, ראָמאן פון פויליש־יידישן לעבן, נ.י. 1942, 332 ז׳ **דער פאסטוך־קעניג**, ביבלישע דראַמע, נ.י. 1955, 180 ז׳ וואָס האָט ארויסגערופן לויבן פון דער קריטיק צוליב זיַין ארויסברענגען די געשטאלטן אזוי בולט און עכט, ווי אין די קלאסישע דראמעס. (אויפגעפירט דורך מאָריס שוואַרץ אין זיין באנייטן "קונסט־טעאטער") ער האָט פאר דער דאזיקער דראמע (נאָך אין מאנוסקריפט) באקומען די פרעמיע פון "איפט־טעאטער" אין בוענאָס־איירעס. ער איז אויך דער מחבר פון דער קאָמעדיע **אפשטאם** און פאר איר באקומען די "אלעקס, אנדער

שאַפירא־פּרעמיע" (1955) גרויס אויפזען האָט ארויסגערופן זיין ראָמאַן **די וויזיע ביי דער ווייסל**, נ.י. 1971, 238 ז׳ ווו ער קערט זיך ווידער צוריק צו זיינע יידישע טיפן אין פּוילן. אין שייכות מיט דער יידיש־קאָנפערענץ אין ירושלים ווו ער איז געווען א דעלעגאַט פון ניו־יאָרק, פּארעפנט־לעכט א צאָל אַרטיקלען וועגן מצב פון יידיש און דער יידישער קולטור, אין וועלכע ארויסגעברענגט זיין מיינונג וועגן דער וויכטיקייט און נויטווענדיקייט פון דער יידישער שפּראַך פאַרן קיום פון יידישן לעבן אין אַלע יידישע תפוצות. ער האָט פון ענגלישן אריגינאַל איבערזעצט דר״ש. **בעלקינס, די פילאזאפיע פון צוועק**, נ״י 1959, 260 ז׳ געדרוקט אויך א״פ ל. בערמאַן, רויזע ווייסבלום, חנה סטיצקי, ל. קאַנעוויטש, אהרן ליפּמאַן, א״א.

..."זיין גרויסע מעלה איז דאָס עבטע שילדערן דאָס לעבן פון די יידישע רימערס און ־ ער עיקר־זיין אייגן לשון" (יוסף אפאַטאַשו) ל.ט. פּאַרמאָגט א שעפעדיקע, פּאַרביקע און א ברויזנדיקע שפּראַך. עס איז די ווערטער־שפע פון דעם פּוילישן יידיש... (ד״ר א. מוקדוני).

מער וועגן זיין לעבן און שאַפן, זען: **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.4 מיט ביבליאָגראַפיע, **קאַנאַדיאַנא**.

טרעפּמאַן, פּנחס (פּאול) (30 טער אקט. 1916 —)

געב׳ אין וואַרשע, פּוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט דעם "תחכמוני" ראַבינער־סעמינאַר אין וואר׳. דערנאָך שטודירט אין "באַטארי־אוניווערסיטעט" אין ווילנע. בעתן נאַצישן אָנפאַל אויף פּוילן, אוועק פון וואַרשע. און א צייט געלעבט אין לעמבערג און זאַבלאָטאָוו און בעת די נאַציס האָבן פאַרנומען דאָס שטעטל, געוואָרן "אַן אריער" און אונטערן נאָמען פּאַוועל קאָלאָדזשייטשיק, צוריקגעקומען קיין וואַרשע. דערנאָך אין ראָהאַטין פון וואַנען די נאַציס האָבן אים טראַנספּאָרטירט קיין מיידאַנעק, שפּעטער אין די לאַגערן גראָס־ראָזען, ראַווענסברוק און בערגען־בעלזען ווו ער איז באַפרייט געוואָרן אין אפריל 1945. דאָרטן געוועז ביז צו זיין קומען אין 1948 קיין קאַנאַדע, פון די אקטיווע יידיש־געזעלשאַפטלעכע עסקנים. מיטגליד פון צ.ק. פון די "באַפרייטע יידן אין דער ענגלישער זאָנע. אין מאָנט׳ ביז 1971, געווען א לערער אין די יידישע פאָלקסשולן און אָנפירער פון קינדער־קעמפּ "דן" אין פּראָפענטיין. זינט 1971, דירעקטאָר פון דער "יידישער פאָלקסביבליאָטעק"

אָנגעהויבן שרייבן מיט אַרטיקלען וועגן חורבן אין **אונדזער שטימע** (די ערשטע צ״ש אין יידיש נאָכן חורבן) בערגען־בעלזען, (1945־1947) פון וועלכער ער איז געווען מיטרע־דאַקטאָר. רעדאַקטאָר פון **וואָכנבלאַט** און מיטאַרבעטער פון **אונדזער וועג** א״א, מינכען. ער האָט אויך אָנגעשריבן דאָס **פאָרוואָרט** צו ד. פרידלאַנדס צייכענונגען פון די פאַרניכטונגס־לאַגערן: **אונדזער חורבן**, 1947. זינט 1948 איז ער, אַ שטענדיקער מיט־אַרבעטער פון **קאַנאַדער אדלער**. מאָנט׳, דרוקט כסדר אַרטיקלען און זשורנאַליסטיש־פּובליציסטישע מאמ־רים. ער האָט איינגעפירט די אָפּטיילן "פון נאָענט און ווייט" "כדאי צו וויסן", וואָס ברענגען אַרויס אין גוטמוטיקן הומאָר מאָמענטן פון אַקטועלע

געשעעענישן אין יידישן לעבן. זיינע ארבעטן זיינען אויך געדרוקט אין **אונדזער וואָרט**, פאריז, **פּאַרוועררטס**, **אלגעמיינער זשורנאל**, **פאלק און וועלט** א״א נ״י, די פּרעסע ב״א אין בוך פאָרם: **אַ געסל אין ווארשע**, דערציילונגען, אין וועלכע ער האָט אַרויסגעברענגט די בענקשאַפטן פון א פּוילישן ייד צום פאַרגאַנגענעם עבר, מאָנט׳ 1948, 132 ז׳ (שער בלאַט פון ב. מלוזי) זיינע רעפּאָרטאזשן און שילדערונגען ״צווישן מענטשן און חיות״ (פריער געדרוקט אין **קאנאדער אדלער**, זיינען דערשינען אין ענגליש א״נ **אמאנג מען ענד ביסטס**, נ״י 1978, 230 ז׳. וועגן זיי שרייבט מ. חסיד ״די באַזונדערע מעלה פון טרעפמאנס שילדערונגען, איז וואָס ער באַמיט זיך צו זיין געדעבט, אומפּאַרטייש און היט־אָפּ אויף וויפיל עס איז מעגלעך, דאס גלייכגעוויכט ביים מאָלן אפילו די שרעקלעכע געפאַלנקייט פון מענטשן. ער לאָזט איבער פאַרן לייענער צו משפּטן ווער עס איז אין אַט די מוראדיקע סיטואַציעס א מענטש און ווער נישט״ (קאנאדער אדלער, מאנ. 27 אקט. 1978).

פ.ט. האט אויך געדרוקט אונטער: פּנחס בטלן, טשארנעס, פּ.בן־אליעזר און פּ. וואַרשאַווסקי.

לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.4, (מיט ביבליאָגראַפיע, מ.חסיד **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט׳ 27 טער אקט. 1978, **קאַנאַדיאַנאַ**.

טשערניאַק, יוסף־אַלטער (9 טער אקט. 1885 — 27 טער יוני 1972)

געב׳ אין כאַסלאַוויטש, ווס״ר. געענדיקטער יוריסט פון רוסישע און קאנאדער אוניווערסיטעטן. אין 1905 געקומען קיין קאנאדע און זיך באזעצט אין וויניפּעג און ביז צו זיין טויט, געווען פון די אַקטיווסטע יידישע קולטור־און שול־טוערס. מיטגרינדער פון דער י.ל. פּרץ־שול, פון נאצ. ארבעטער־פארבאנד, ״ייווא״ ער איז אויך געווען א פּיאָנער פון א צאַל יידישע צייטשריפטן אין קאנאדע. לאנגע יאָרן געדרוקט ארטיקלען וועגן שול און קולטור־ענינים אין **קאנאדער איד**, **דאס אידישע פאלק**, **די אידישע שטימע**, **דאס אידישע וואָרט**, **דאס נייע אידישע וואָרט**, **שול־פּנקס פון דער פּרץ־שול**, **אלע אין וויניפּעג**. **קאנאדער אדלער**, **דער וועג**, (מאנט׳) **אידישער קעמפער**, נ.י. **דער אידישער זשורנאל**, **פּראלעטארישער געדאנק**, טאָר׳. זיינע זכרונות, טיילווייז געדרוקט אין די **שול־פּנקסים**, וויניפּעג, זיינען א זייער וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון יידישן קולטור־לעבן אין מערב־קאנאדע. געשטארבן אין וויניפּעג.

ש. בעלקין, **די פּועלי־ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס, א.גאלאמב, דאס נייע אידישע וואָרט, וויניפּעג, 28 טער יולי 1972, י. זיפּער, **דארטן**, 4 טער אויג׳ 1972. נעקראָלאָגן אין דער פרעסע, **קאַנאַדיאַנאַ**.

י

יאמפאלקי, יצחק (1874 —)

זון פון העברעיש־יידישן שרייבער ראובן י. מחבר פון מעשה־ביכלעך. צווישן זיי **דער וויכטיגער שמועס**, בערדיטשעוו, 1890) יצחק איז געבוירן געוואָרן אין בערדיטשעוו, אוקראַינע. געלערנט אין חדר און גענדיקט א רוסישע גימנאַזיע, אויך פריוואט געלערנט העברעיש. א קורצע צייט געווען א העברעישער לערער. נאך אין רוסלאַנד צוגעשטאַנען צו דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג און אקטיוו אין דער פארטיי ״ס.ס.״ (ציוניסטן־סאָציאַליסטן) צוליב פאליצייאישע רדיפות, געמוזט אנטלויפן פון רוסלאנד און אומלעגאַל געקומען קיין גאליציע. א קליינע צייט געלעבט אין קראָקע און לעמבערג פון וואַנען אין 1904 געקומען קיין קאנאדע. די ערשטע יאָרן איז ער געווען א לערער אין די ״באראן הירש קאלאניעס״ אין מערב קאנאדע, דערנאָך געלעבט אין סאַסקאַטון און דאָרטן געווארן א מיטגרינדער פון דער ס.ס. פארטיי־גרופע. זיך מפרנס געווען פון געבן העברעישע לעקציעס, דערנאָך ביז סוף 1908 געלעבט אין וויניפעג, פון וואַנען געקומען קיין מאָנטרעאַל. אייניקע חדשים געווען א העברעישער לערער אין דער תלמוד תורה ״אנשי ספרד״. אָנגעהויבן שרייבן חסידישע מעשות אין די סטודענטישע יאָרן און צו דרוקן ערשט מיט יאָרן שפעטער. דעביוטירט מיט 2 חסידישע מעשות (לויטן נוסח פון ר׳ נחמן בראַסלאַווער) אין יוסף חיים ברענערס המעורר, לאנדאן 1906 וואָס זיינען געלויבט געוואָרן סיי דורך ראובן בריינין (אגב זיין ווייבס א קרוב) און פון נחום סאָקאָלאָוו (**הצפירה** וואַרשע) בעת א. וואהלינער האָט אין 1908, איבערגענומען די רעדאַקציע פון **קאנאדער אָדלער** און געוואלט, לויט זיין פלאן מאכן ״פון דער פראָווינץ־צייטונג״ א וויכטיקן יידישן און ״אייראָפעישן״ אָרגאן, האָט ער צוגעצויגן צו דער צייטונג זיינע פארטיי־חברים, די פ.צ. שלמה זלמן שניאור און יצחק יאַמפאָלסקי פאר שטענדיקע מיטארבעטער. אזוי זען מיר שוין אין אָקט. 1908 אז י.י. האָט מיטגעאַרבעט סיי דורך זיינע שטאָט־רעפאָרטאָזשן און פשוטע נייעס. שפעטער האָט ער דאָרטן געדרוקט פעליעטאָנען, אַרטיקלען, סקיצן, חסידישע מעשהלעך און איבערזעצונגען פון רוסיש און דייטש. ער האט זייער אויסגענומען מיט זיין ארבעט אז ער איז געוואָרן דער סעקרעטאר פון רעדאקציע. בעת דער טשערנאָוויצער שפראך־קאָנפערענץ איז י. שאַרף אַרויסגעטראטן קעגן די באַשלוסן, וואָס האָבן פראָקלאמירט יידיש ווי א ״נאציאנאלע שפראך״ און זיין ארטיקל ״האָט דער זשאַרגאָן א צוקונפט״ האָט ארויסגערופן א פאלעמיק סיי פון ברוך י. גאלדשטיין און סיי אַן ענטפער פון

רעדאַקציע און אויך פון אַ גרויסע צאָל לייענער, וואָס האָבן פּראָטעסטירט פּאַרן דרוקן אַ „שענדלעכן ארטיקל קעגן אונדזער מאמע לשון־יידיש". דאָס האָט אָבער יאמפאלסקין נישט אָפּגעהאַלטן צו שיקן אייניקע סקיצן, וואס זיינען געדרוקט אין **ד"ר בירנבוימס וואכנבלאט**, (טשערנאוויץ 1908) ער האט לאנגע יארן געדרוקט זיינע צייטונגס־ראָמאַנען און אויך ביז 1915 דאַרטן כסדר געדרוקט זיינע איבערזעצונגען פון דייטש און רוסיש. צווישן זיי: **דאס לאנד פון די פאגראמען אדער די העלדן פון דער רוסישער רעוואלוציע** פון מאדע מאַדעלין, **פרינץ קובוק** (א ראמאן פון אונזער צייט), פון יולוש בירנבוים אין אויך אייניקע אן אונטערשריפט. י.י. איז אויך געווען באַקאַנט ווי א רעציטאַטאָר און בעת דער **קאנאדער אדלער**, האָט אויף יאמפאלסקיס אינציאַטיוו אדורכגעפירט אין מאָנטרעאל די פייערונג לכבוד שלום עליכמס 25 יעריקע יובל (17 יאנ' 1909) האָט י' פארגעלעזן שלום עליכמס „ווען איך בין ראָטשילד" האט עס אים געברענגט די לויבן פון ש.ע. אליין, ער האט אים אין א בריוו אנגערופן „א שרייבער מיט א כשרע נשמה" י.י. איז שפעטער אויך געוואָרן א מיטארבעטער אין **לעמבערגער טאגעבלאט**, גרשון באדערס **קאלענדארן**, ער איז אויך א שטיקל צייט געווען א מיטאַרבעטער פון הרב גלאזערס **די אידישע וועלט**, מאנט' (1912) האט זיך באטייליקט אין **קענעדער איד, קאנאדער מזיק, דאס אידישע ווארט, דער בירגער** (אלע אין ווינ') בעת בריינין איז אוועק פון קאנ. אדלער, איז יאַמפּאָלסקי מיט אים מיטגעגאנגען און געווארן רעדאקציע־סעקרעטאר פון דער ט"צ **דער וועג**, מאנט' (15 אקט' — 2 טער מארץ 1916) י'האט אויך דאָרטן געדרוקט פעליעטאָנען, אייגענע ראָמאַנען און איבערזעצונגען פון רוסיש און דייטש צווישן זיי **דער הפקר מענש** פון יוליוש בירנבוים. ער האָט אויך געדרוקט אין בריינינס **הדרור**, און אין **דער טאג** (ביידע אין נ.י.) אין נאוו. 1916, איז י'ווידער אויף 2 יאר געוואָרן א מיטארבעטער פון **קאנאדער אדלער** (מיינסטנס דאָרטן געדרוקט פעליעטאָנען אונטער „יצחקי") אין יענע יארן זיך אָנגעהויבן פאַרנעמען מיט מסחר, אין אָנהויב 1918 אינגאנצן אַוועק קיין נ.י. און געדרוקט פון צייט צו צייט בלויז אייניקע זאכן **אין טאג**, דער עיקר געהאנדלט אויפן גרויסן מאסשטאב, רייך געווארן און דערמיט האָט זיך געענדיקט זיין שרייבערישע קאריערע. ווייטערע ידיעות וועגן אים זיינען נישט באקאנט. ער האָט אויך געדרוקט א"פ כפול יוד, יצחק און „יצחקי".

פנחס, **קאנאדער אדלער**, מאנט' 6 טער און 8 טער אויג' 1915, **דאס שלום עליכם בוך**, נ.י. 1926, ז' 277, ש. בעלקין **די פועלי ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס, **בריינין־ארכיוו**, מאנט' **ספריה לאומית**, ירושלים, חיים לייב פוקס, **קאנאדער אדלער**, 8 טער יוני 1979, **קאַנאַדיאַנאַ**.

יאַמפּאָלסקי, משה־לייב (1879 —)

יונגערער ברודער פון יצחק. געווען א העברעישער לערער אין וויניפעג און מאָנטרעאל. בעת שלום עליכם איז געווען אין קאנאדע און אַמעריקע, געווען זיין סעקרעטאר. פון 1908 ביז 1919 געדרוקט דערציילונגען, הומארעסקעס און פעליעטאנען ווי אויך איבערזעצונגען פון העברעיש און

רוסיש אין **קאַנאַדער אדלער** און אין ר. בריינינס **דער וועג**, מאָנט׳ צוו. אַנד. דאָרטן געדרוקט זיין גרעסערע נאָוועלע "ווינטער נעבט" ווו ער באַווייזט באַגאַבונג און ווירקט מיט שטילע טענער און מאָלערישער בילדלעכקייט. זיינע הומאָרעסקעס א״פ "משה בר מזל" זענען געליבט געוואָרן פון שלום עליכם. ער האָט אויך געשריבן רעצענזיעס פון יידישן און ענגלישן טעאַטער א״פ בן עמרם. באַטייליקט זיך אין **קונדס**, **קיביצער** (ביידע אין נ.י.) און אין **דער בירגער**, ווינ׳. צוזאַמען מיט זיין ברודער אוועק קיין ניו יאָרק ביים סוף פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווייטערע ידיעות־נישט באַקאַנט.

דאָס שלום עליכם בוך נ.י. 1926, ז׳ 228, ר׳ בריינינ־אַרכיוו, מאָנט׳ חיים לייב פוקס, **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט׳, 8 טער יוני 1979, קאַנאַדיאַנאַ.

יאָפע (יפה) מרדכי, (15 טער יאַנ. 1894 — 17 טער מאַרץ 1961)

געב׳ אין דוסיאַט, ליטע, ווו זיין פאָטער איז געווען ראַבינער. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. יידיש־העברעישער דיכטער און איבער־זעצער. נאָך אין ליטע, געווען מיטגרינדער און סעקרעטאַר פון יידישן ליטעראַטן־און קינסטלער־פאַריין און מיטרעדאַקטאָר פון כמעט אַלע ליטעראַרישע זאַמלונגען פון דער ייִנגער שרייבער־גרופּע. 1927־1937, געלעבט אין וואַנקווער און דאָרטן חוצן רעדאַקטירן די צייטשריפט **די אידישער וועלט**, זיך פאַרנומען מיטן איבערזעצן אין יידיש כמעט אַלע באַטייטנדיקע העברעישע דיכטער פון אַלטע צייטן ביז די לעצטע יאָרן (דערשינען אין צוויי גרויסע בענדער) מ.י. איז געווען אַ זייער קאָמפּליצירטע פערזענלעכקייט. געשריבן לידער, דערציילונגען, עסייען וועגן שרייבער און ביכער אין כמעט אַלע צייטשריפטן איבער דער יידישער וועלט. אין די יאָרן וועו ער האָט געלעבט אין קאַנאַדע, מיטגעאַרבעט חוץ אין **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט׳ **דער אידישער זשורנאַל**, טאָר׳ **דאָס אידישע וואָרט**, ווינ׳ אויך אין ליטעראַרישע צייטשריפטן. אַ גרויסער פאַרדינסט זיינען סיי די ביאָגראַפיעס אין די צוויי בענדער פון **דער העברעישער פּאָעזיע** און אין די דריי בענדער פון **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור** (1957־1961) ער האָט זיך אויך באַרימט געמאַכט דורך זיינע **אַנטאָלאָגיעס** וואָס שטייען אויף אַ הויכן קינסטלערישן ניוואָ סיי דורך זיינע באַמערקונגען און סיי דורך די אָפּשאַצונגען פון די דיכטער וואָס זיינען דאָרטן פאַרטראָטן. ער איז געווען אַ מחבר פון 8 ביכער, וואָס זיינען אַ צושטייער צו דער יידישער ליטעראַטור און ווי עס שרייבט יעקב גלאַטשטיין..."ער האָט פאַרמאָגט אַ פיינעם צוזאַמענשפּיל פון ערנצטער טערמינאַלאָגישער קריטיק מיט אַן אמת־יידישלעכער בילדערישקייט און ווייכקייט פון שפּראַך...אויף זיינע לידער, ליגט דער חן פון העברעיש און זיין יידיש, איז דער סאַמע מאָדערנסטער **אין דער יידישער פּאָעזיע...**"

מער פרטים צו זען: וויזען, **לעקסיקאָן** ב.1, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב 4 מיט אַ ביבליאָגראַפיע, יהדות ליטא**, ב.ג. נעקראָלאָגן אין דער פרעסע, **קאַנאַדיאַנאַ**.

יודיקא (7 טער יולי 1898 —)

ליטעראַרישער נאָמען פון יהודית

ציק. געב׳ אין גאָרזשעץ, ביי דער דייטשישער גרעניץ פון ליטע, אין אַן אָרימער משפחה און דערצויגן ביי א מומע אין פּרייסן. געלעבט אין ליטע, פּרייסן, לאָנדאָן, שוועדן, פינלאנד און רוסלאנד. אין 1927 געקומען קיין קאַנאַדע און א צייט געאַרבעט אין אַ יתומים־הויז אין מאָנטרעאל און טאָראָנטאָ. זינט 1917, באַקאַנט ווי אַ טאַלאַנטירטע און אייגנאַרטיקע דיכטערין. נאָך אין רוסלאנד געהערט צום קרייז פון יונגע דיכטער און זיך באַטייליקט אין א צאל ליטעראַרישע זאמלונגען און ביז 1927 אויך אין פאַרשידענע צייטשריפטן אין ליטע. שפּעטער געדרוקט לידער, עסייען וועגן ליטעראַרישע פּראָבלעמען און רעצענזיעס אין **קאַנאַדער אָדלער, רויערד, ניוואנסן, עפּאכע,** (אלע אין **מאָנט.) דער קאמף, דער אידי־שער זשורנאַל, ביי אונדז, העפטן,** טאָר׳ און אויך אין **צוקונפט, יידישע קולטור, זאַמלונגען, מ. פּרייהייט,** נ.י.

זי איז פאַרטראָטן אין די אַנטאָלאָגיעס **יידישע דיכטערינס,** שיק. 1928, **אמעריקע און יידישן וואָרט,** נ.י. 1955, **קאַנאַדיש, ב.א.** 1974. **אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרעם. נייע לידער,** קאָוונע 1923, 40 ז׳. **מענטש און צייט,** דראַמאַטישע פּאָעמע מיט אַ פאָרוואָרט פון דר׳ אסתר עליאשעוו, דאַרטן 1926, 70 ז׳ **וואַנדערונגען,** לידער, מאָנט׳ 1934, 96 ז׳ (שער בלאַט פון ב. מלחי) **שפּליטערס,** לידער, טאָר׳ 1934, 160 ז׳, **צער און פרייד,** דראַמאַטישע פּאָעמעס, דאָרטן, 1949, 222 ז׳. ״יודיקאָס באַזעצן זיך אין קאַנאַדע, איז א גרויס געווינס פאַר דער יידישער יינגער דיכטונג, וועלכע זי באַרייכערט מיט דער זוניקייט פון איר טאַלאַנט״ (ח.מ. קייזערמאַן־וויטאַל)

מער פּרטים וועגן איר לעבן און שאַפן זען:
ז. רייזען, **לעקסיקאָן, ב.1, לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור** ב. 4 מיט א ביבליאָגראַפיע, בער גרין, **מ. פּרייהייט,** נ.י. וטער דעצ. 1968.

כ

כהן, צבי (18 טער יולי 1885 — 22 טער אפריל 1968)

געב׳ אין לאָוויטש, פוילן. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. ער איז געווען פון די פיאָנערן פון דער יידישער פרעסע אין לאָדזש (1907־1908) אייניקע יאָר געלעבט אין קאַנאַדע און פון 1929 ביז 1934, געווען א אינעווייניקסטער מיטארבעטער פון **קאנאדער אדלער**, מאנט׳ און דאָ ארויסגעגעבן זיינע ענגלישע ביכער **די וועלט און די יידן** (1931) **און דעם ביאָ־ביבליאָגראַ־פישן לעקסיקאָן קאַנאַדער יידן** (1934). ער איז געווען א מחבר פון א גרויסע צאל ווערק אין יידיש, העברעיש און ענגליש אויף אלע געביטן פון דער ליטעראַטור ווי: ראָ־מאן, דערציילונג, דראמע, פאָעמען, און איבער דער יידישער געשיכטע וואָס זיינען גוט אויפגענומען דורך דער קריטיק.

מער וועגן זיין רייך לעבן און שאַפן זען: זע. רייזען, **לעקסיקאָן**, ב.1, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.4 מיט ביבליאגראפיע, חיים לייב פוקס, **לאָדזש של מעלה**, ת.א. 1972, אינדעקס: קאַנאַדיאַנאַ.

כהנאוויטש, ישראל — יצחק (1872 — 1945)

געב׳ אין גראָדנע, פוילן, געלערנט אין ליטווישע ישיבות און באקומען סמיכה אויף רבנות. פון 1908 ביז צו זיין טויט געווען רב הכולל פון וויניפעג און פאר גאנץ מערב־קאַנאַדע מחבר פון ספרים. באטייליקט זיך אין **קאַנאַדער איד, דאס אידישע וואָרט** (ביידע אין וויניפעג) און ווי עס שרייבט ב.ג. זאק ״ער איז געווען אן אָרטאָדאָקסישער רב, אבער האט אָפגעגעבן אַ סאך צייט פאר דער ציוניסטישער באוועגונג, וואָס איז געווען א זעלטנהייט אין יענע יארן אין מערב־קאנאדע.״ נפטר געווארן אין וויניפעג.

ס **קאנאדער אדלער**, 20 טער סעפט. 1907, **פראָמינענטע יידן אין קאנאדע, טאָר׳** 1934, ז׳ 208, ב.ג. זאַק, **קאנאדער יידן אָנהויב פון 20 טן י.ה.** מאנט׳ 1975, אינדעקס, **דאס אידישע וואָרט**, ווינ. 27 טער יולי 1974, נעקראלאגן אין דער פרעסע.

כץ, שלום (1890־1941)

געב׳ אין וויערזשבניק, ראַדאָמער געגנט פוילן. יידישע און טיילוויזע וועלטלעכע בילדונג. ביז צו זיין קומען קיין קאנאדע, געווען א לערער אין פריוואטע הייזער. פון 1920 ביז צו זיין טויט געוווינט אין טאָראָנטאָ. א צייט פאַרנומען זיך מיט פעדלעריי. אין אָנהויב פון די דרייסיקער יאָרן געוואָרן א מיטאַרבעטער פון **דער יודישער זשורנאַל**, און חוץ צייטונגס־ארבעטן, ארטיקלען און דערציילונגען אויך געדרוקט יעדן פרייטיק ציקלען פון זיינע, לאנגע־יארן, געזאמלטע

"אידישע שפּריכווערטער" וואָס זיינען טיילווייז אריין אין זיין בוך **טויזנט יידישע שפּריכווערטער**, טאָר' 1940, 96 ז' מיט זיינס א פאָרוואָרט "פאַר אונזערע מאַמעס און באָבעס" אין וועלכן ער שרייבט וועגן באַטייט פון יידישן שפּריכוואָרט, וואָס האָט צוגעגעבן חן דעם פאָלקסטימלעכן יידישן עולם און ספּעציעל די יידישע פרוי. דאָס בוך האָט אויך אַן אריינפיר פון קלמן הורוויטש, וואָס דערציילט א ביסל וועגן מחבר און זיין בוך. זיין אַרבעט איז אויך שטאַרק געלויבט געוואָרן פון פאָלקלאָר-פאָרשער הרב י.ל. זלאטניק. ש.ב. האָט זיך אויך באַטייליקט מיט דערציילונגען אין **קאנאדער אדלער**, מאנט'**דאס יודישע ווארט**, ווינ' **דער אמעריקאנער**, **די פעדער**, ניו־יאָרקער **וואכנבלאט** א.א. ער איז געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ.

לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראַטור ב.4 מיט ביבליאָגראַפיע, קלמן הורוויטש. אריינפיר צו "יידישע שפּריכווערטער" קאנאדיאנא.

ערשטן מאל געדרוקט זייערע לידער ש.י. אימבער, מלך ראַוויטש א"א) בעת דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ (1908) געווען פון די הויפּט־רעדנערס, וואָס האָבן זיך באַמיט צו דערקלערן יידיש, ווי א "נאַציאָנאַלע שפּראַך" און סעקרעטאַר פון זיין "ביוראָ". ער האָט אַרומגערייזט איבער דער וועלט און אָנגעפירט דעם קאַמף פאַר דער יידישער שפּראַך. 1911 — 1912, געלעבט אין מאָנטרעאל און חוץ ווי אַ לעקטאָר איבער פּועלי־ציוניזם אויך געוואָרן רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט **די פאלקסצייטונג** (19 טער אפּריל־22 אָקט. 1912) אָבער שוין אין 1908 איז ער געווען באַקאַנט דעם מאָנטרעאַלער עולם דורך זיינע "בריוו פון גאַליציע" וואָס ער האָט כסדר יעדן פרייטיק געדרוקט אין **קאנאדער אדלער**, מאָנט' און **צוקונפט**, נ.י. און אין א צאָל צייטשריפטן איבער דער וועלט. זיינע אַרטיקלען פון יענע יאָרן 1918־1920 זיינען צו מייניסטנס געווידמעט דעם יידישן חורבן און די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, וואָס ער האָט טיילווייז אריינגענומען אין זיין בוך **דער יידישער חורבן אין אוקראַינע**, בערלין, 1920, 108 ז' און איז אן אויטענטישער דאָקומענט פון יענער גרוילעקער צייט פאַרן יידישן פאָלק. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, געווען טעטיק צווישן די יידישע ערד־אַרבעטער אין קאַרפּאַטן־רוסלאַנד און דאָרטן געשטאָרבן (אין דאָרף וואָלכאָוועצ.)

מער פּרטים וועגן אים זען ז. רייזען, **לעקסיקאָן** ב.1, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.4 מיט א ביבליאָגראַפיע, ש. בעלקין, **די פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס. קאנאדיאנא.

באַזאַנאָוויטש, לעאָן (5 טער אָקט. 1880־17 טער סעפּט. 1925)

אדאָפּטירטער נאָמען פון כתריאל שוב. געב' אין שירווינט, ליטע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון 1904 ביז צו זיין פריען טויט, געווען אַן אַקטיווער עסקן אין דער פּ.צ.־פּאַרטיי און מיטגרינדער פון זיין "וועלט־פּאַרבאַנד". פּובליציסט און זשורנאַליסט, רעדנער און לעקטאָר. ער איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון דער פּאַרטיי־צייטונג **דער יודישער ארבייטער** (קראָקע־לעמבעריק, 1908 אין וועלכע עס האָבן צום

כאשין אלעקסאנדער (25

אויג. 1888 — 31 טער מאַרץ 1939)

פּאַרטיי־נאָמען פון צבי אווערבוך, געב׳ אין בערעזינע ביי מינסק, יידישע און אלגעמיינע בילדונג. א זייער גייסטרייכע און דינאַמישע פּערזענלעכקייט, איז ער געווען איינער פון די גרינדער און טעאָרעטיקער פון דער פ.צ. פּארטיי און רעדאַקטאָר פון איר פּרעסע אין פּעריאָדיק אין רוסלאנד, ארץ ישראל און דיאספּארא. באקאנטער קריטיקער פון דער יידישער און העברעישער ליטעראטור, לעקטאָר און שארפער פּאָלעמיקער. פון סוף 1915 ביז אפּריל 1917 (מיט איבערייסן) געלעבט אין מאנטרעאל, אנגעפירט מיט דער פ.צ.־פּארטיי און לעקטאר סיי וועגן אקטועלע ענינים אויך וועגן דער מאדערנער יידישער און העברעישער ליטעראטור. אין יענע יארן געווען א מיטאַרבעטער פון ראובן ברייינינס ט״צ. **דער וועג** און אונטערן פּסעוודאנים ״אלעקסאנדרוני״ געדרוקט דריי מאָל אין וואָך זיינע איבערזעצונגען פון דער רוסישער, העברעישער און ענגלישער ליטעראטורן, קריטישע אפּהאנדלונגען און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאטער אין מאנטרעאל (א״פ א. וואלדמאן) ער האָט אין המשכים (צום ערשטן מאָל אין יידיש) געדרוקט ז. שניאורס דערציילונג **דער טויט**. נאָך דער רוסישער רעוואלוציע, צוריקגעפאָרן קיין רוסלאנד און נאך פארשידענע פּארטיי־שפּאלטונגען, געוואָרן אין 1924 איינער פון די רעדאקטארן פון **עמעס** און זייער לינק. דאָס האָט אים אבער נישט געהאָלפן און צוזאמען מיט מ. ליטוואקאוו, מ. קולבאק און אנדערע אָנגעזעענע יידיש־סאוועטישע שרייבערס, דערשאסן געווארן ווי א ״יידישער נאַציאָנאַליסט״.

מער פּרטים וועגן זיין רייך לעבן און שאפן זען: ז. רייזען **לעקסיקאן** ב.2, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור** ב.4. (מיט ביבליאגראפיע), ש. בעלקין, **די פועלי־ציון באוועגונג אין קאנאדע אינדעקס, קאנאדיאנא.**

ל

לאַדסקי, מענדל (1899 — 5 טער יוני 1968)

געב׳ אין ווילקאָמיר, ליטע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. מאַגיסטער פון עקאָנאַמישע וויסנשאַפטן פון קאָוונער און בערלינער אוניווערסיטעטן. לאַנגע יאָרן געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער באַוועגונג. אין 1934 צוריקגעקומען קיין קאָוונע און מיטגעאַרבעט אין דער יידישער פּרעסע. אין קאָוונע אַרויסגעגעבן זיין בוך פון **דער ווייַמאַרער רעפּובליק ביז היטלער דיקטאַטור**, 1935, 128 ז׳ וואָס איז קאָנפיסקירט געוואָרן און מחמת אַרעסט אַנטלאָפן און אַ צייט געלעבט אין דרום־אַפריקע. אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען פאַרשטייער פון ״דזשאָינט״ אין אויסטראַליע, גלייכצייטיק געווען טעטיק אין דער יידישער שול־און קולטור אַרבעט. פון 1949 ביז צו זיין טויט געוווינט אין, מאָנטרעאַל און געווען עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון דער ״ישראל־קאַנאַדער ים־ליגע״ און אין אירע אינטערעסן באַזוכט ישראל און די אייראָפּעאישע לענדער. אַ צייט געווען פאָרזיצער פון מאָנטרעאַלער יידישן שרייבער־פאַריין. ביז היטלערס קומען צו דער מאַכט, זיך באַטייליקט אין דער יידישער פּרעסע אין ליטע, ניו־יאָרק, בוענאָס־איירעס, יאָהאַנעסבורג און מעלבורן און אין **הדואר**, ניו יאָרק, ווי אויך אין דער יידיש־ענגלישער פּרעסע. זינט 1950, געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישע פּראָבלעמען, רייזע איינדרוקן און וועגן קולטור ענינים אין **קאַנאַדער אַדלער**. אין די זאַמלביכער **ליטע 1 און פאַרעפנטלעכט וויכטיקע פאָרשונגען. צוו׳. אַנד׳ אַ גרעסערע מאָנאָגראַפיע וועגן ״דר׳ מענדל סודאַרסקי, דער רעדאַקטאָר און מענטש״. ער איז אויך געווען רעדאַקטאָר פון די ענגלישע יאָרביכער פון דער ים־ליגע און פון איר צייטשריפט הים, מאָנט׳ (1958־1968) געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.**

הערץ בערגנער, **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ 3 טער אָקט. 1949, ב.ג. זאַק, **ליטע ב.2**, אינדעקס, קאַנאַדיאַנאַ.

לאַפּידוס, זלמן (16 טער אַפּריל 1900 — 8 טער מערץ 1964)

געב׳ אין טשענסטאָכאָוו, פּוילן געלערנט אין חדר, פאָלקסשול. שפּעטער געוואָרן אַן אַרבעטער. פון 1920 ביז צו זיין טויט, אין טאָראָנטאָ אַקטיוו אין אַרבעטער־פאַריינען. לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר פון ״פאָלקס־אָרדן״. זינט 1926 געדרוקט אַרטיקלען וועגן אַרבעטער־פּראָגעס און אויף פּאָליטישע צייט־טעמעס אין **דער קאַמף, דער וועג, וואָכנבלאַט** (אַלע אין טאָר׳) און פון צייט־צו־צייט אין **מ. פרייהייט**, נ.י. געשטאָרבן אין טאָר.

וואכנבלאט, טאר. 13 מערץ 1964, אינפאָרמאַציע פון זיין פרוי בעקי. **לפידוס ש.** (ביאָגראפישע פרטים־נישט באַקאַנט. מיר ווייסן נאָר, אז ער האט געשטאמט פון ליטע) אין די יארן 1914־1926 געלעבט אין מאָנט. און געדרוקט אין **קאנאדער אדלער** דער וועג, מאָנט׳ ער האט זיך אויך באטייליקט אין ניו־יאָרקער צייטונגען. **קאנאַדיאנא.**

לאַפּין, אברהם (1896 — 1974)

געב׳ אין ווילנע, ליטע. געלערנט אין ישיבות און דורך זעלבסטבילדונג. אין 1927 געקומען קיין קאַנאַדע און ביז 1938 געווען א יידישער לערער אין דער קאלאניע ״אידענברידזש״, דערנאָך ביז צו זיין טויט, א העברעישער לערער אין דער י.ל. פרץ־שול אין וויני׳. לאנגע יארן געדרוקט דערציילונגען ארטי־קלען וועגן ליטעראַטור אין **דאס אידישע ווארט**, ווינ. **דער אידישער זשורנאל**, טאָר׳ **קאנאדער אדלער**, מאנט׳ א״א.

געשטארבן איינזאם אין וויניפעג.

נעקראָלאָגן אין דער פרעסע. אינפאָרמאציע פון י.מ. ניטיקמאן, ווינ׳ **קאַנאַדיאַנאַ.**

לוביטש, דוד (ביאָגראפישע פרטים — נישט באקאנט)

מיר ווייסן נאר, אז ער האָט געשטאמט פון א שטעטל ארום גראָדנע. ער איז געווען א זייער געבילדעטער משכיל. אין די יאָרן 1887 — 1913 האט ער געלעבט אין מאנט׳ און געווען א העברעישער לערער. ער איז אויך געווען סעקרעטאַר פון ״צווייטן פאריין פון די מאָנטרעאַלער חובבי־ציון״ און פון דער ״אגודה עברית במונטריאָל״ (1889) געדרוקט פרימיטיווע און משכילישע לידער אין **הלאומי**, (1889 — 1888 — רעד. אפרים דיינארד, **הפסגה** (1890 — 1891) רעד. וו. שור. ער איז אויך געווען באטייליקט אין י.ד. אייזענשטאטס העברעישע ענציקלאפעדיא **אוצר ישראל** (1906־1912) אלע אין נ״י. ער האט אויך געדרוקט אונטער ד.ל. פון 1913 געלעבט אין נ״י און ווי עס שרייבט וועגן אים א.ר. מלאכי, וואס האט מיט אים גערעדט אין 1920, איז ער אין יענע יאָרן ״געווען א באשיידענער זקן פון אלטן פארצייטישן טיפ, אבער א הארציקער מענטש, א תלמיד — חכם, וואס האט גענומען ערנסט זיין שרייבן אין לשון קודש״.

אוצר ישראל (אין די רשימה פון די מיטארבעטער) **ספר השנה ליהודי אמריקה**, נ״י 1935 ז׳ 310.

ליפסיץ, יהודה (27 דעצ. 1925 —)

געב׳ אין אונגארן. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. געווען אין די נאַצישע לאַגערן אוישוויץ און בערגען — בעלזען און נאך דער באַפרייונג געלעבט ביז 1948 אין ישראל. א צייט געווען העברעישער לערער און גייסטיקער מנהיג אין קירקלענד, אָנט׳ שפּעטער טעטיק אין ״קרן התרבות״ אין מאָנטרעאָל און אַ צייט געווען רעדאַקטאָר פון וועכנטלעכן העברעישן ״מדור עברי״ אין **קאנאדער אדלער.** די לעצטע יארן איז ער פרינציפּאל פון א צאל העברישע שולן אין טאָראָנטאָ און דירעקטאָר פון דערציאונגס דעפּאַרט־מענט.

יוסף גאלאי, **קאנאדער אדלער**, 1 טער אקט. 1964.

ליפקין, בלה, טאָכטער פון הרב שלמה־הלוי הורוויץ.

געב׳ אין וויניפעג. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. אין 1951 באזעצט

זיך אין מדינת ישראל. ביז 1975 געווען אנפירערן פון לערנאנשטאלטן און שולעס און זי האָט איינגעפירט א גאנץ מאדערנעם לערן־פראָגראם. געדרוקט אַרטיקלען וועגן פעדאַגאָגישע און שול־פראבלעמען. מחברין פון א צאל ביכער צוו. אנד **דרמה יוצרות**, ת.א. 1975, 106 ז׳ און דאָרטן באהאנדלט זי איר מאָדערניסטישע מעטאָדע פאר אנהויב־שולן און קינדער אַנשטאַלטן. לעבט אין וויניפעג.

אינפאָרמאַציע פון י. גאָטהעלף, ווינ. קאַנאַדיאַנא.

ליפשיץ־ליעף, ישראל־יצחק (9 טער יוני 1894 —)

געב׳ אין אַנמטאָפאָליע, ביי קאָברין, פוילן. געלערנט אין ישיבות און שולעס. 1922, געענדיקט דעם תרבות לערער־סעמינאר אין ווילנע, דערנאָך געווען א לערער אין דער ״תחכמוני״ גימנאזיע אין ביאליסטאק. פון 1924, אין קאנאדע. מיטגרינדער פון דער ״מזרחי־פארטיי און פרינציפאל פון רעליגיעזע שולן אין האמילטאן, טאָראנטא און מאָנט׳ ער איז געווען פון 1925 ביז 1970, אַ מיטארבעטער פון **קאנאדער אדלער** און חוץ. ארטיקלען וועגן אלגעמיין־יידישע און שול־פראגעס אויך געדרוקט די סעריעס ״שמחות ביי יידן אמאל און היינט״ ״דער מענטש און זיינע באדערפענישן, לויט חז״ל און מדרשים ״און די פערציק קאפיטלעך פון זיין גרעסערע ארבעט ״מאכט רש״י״ (געקליבענע פּערל פון די קאָמענטאַרן אויף רשיס פירוש אויפן חומש) איבערזעצט אין א פרום־יידישן אינטימען תורה לשון. ער איז אויך געווען א ספאָראַדישער מיטארבעטער פון **דאס אידישע ווארט**, ווינ׳ **דער אידישער זשורנאל**, טאָר׳ ווי אויך אין דער יידישער און העברעישער פרעסע אין אמעריקע. מחבר פון יידישע און העברעישע לערנביכער, וואס ווערן באנוצט אין די ישיבות און שולן נוסח־ליובאוויטש. צוו. אנד. **אונזער בוך** (א לערנבוך פאר אידיש) ערשטער טייל, מאנט׳ 1946, צווייטער טייל 1949 (ביידע צו 67 ז׳) וואָס זיינען כמעט אינגאנצן אויסגעפילט מיט זיינע ארבעטן און מיט זיינע איבערזעצונגען פון חומש, גמרא און מדרשים, אין א היימישן פאלקסטימלעכן יידיש. ער זעצט אויך איבער אין ענגליש פון טייל ספרים פון די כתבי־קודש און טייל פון זיי געדרוקט אין דער רעליגיעזער פעריאָדיק.

מער וועגן אים צו זען: **לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, ב.5 **קאנאדיאנא**.

ליפשיץ, מאניע (1906 —)

געב׳ אין סאָקאָלקע, ביי ביאַליסטאק, פוילן. פון 1912 ביז 1920, אין ביאַליסטאָק, דאָרטן באקומען איר ערשטע בילדונג. בעת די רוסישע ארמיי איז אָפגעטרעטן פון פוילן, און די אַנטיסעמיטישע פוילישע באנדעס האָבן געמאכט פאָגראמען אויף יידן, געווען צווישן די פליטים וואָס זיינען אָנגעקומען קיין מינסק, ווס״ר. דארטן אריינגענומען געוואָרן אין א קינדער — היים, וואָס איז שפעטער געווארן די 12טע ״ארבעטער־קינדער־קאמונע״, דערנאך ביז 1926 געלעבט אין וויטעבסק און געווען א סטודענטן אין דער ״אסתר פרומקין יידישן פעדאגאגישן טעכניקום״. אָנגעהויבן שרייבן מיט לירישע לידער אין די קינדער־יאָרן און זיך דרוקן אין קינדער־זשורנאל **קאמונאר**, וויטעבסק, 1922 — 1923, פון וועלכן געווען די רעדאקטאָרן.

דאָרטן געדרוקט לידער, פּראָזע און איינאַקטערס וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אויף שול־פאָרשטעלונגען. צוו' זיי די קינדער־פּיעסע **פרילינג** (12 דרוק זייטן) וואָס ווייזן שרייבערישע באַגאַבונג (אַלע זאַכן געדרוקט אונטער איר מיידלשן נאָמען מאַרגאַלע קאַנטאַראָוויטש) אין 1926 געקומען קיין קאַנאַדע. די ערשטע צייט געלעבט אין מאָנט' און געווען אַ לערערין אין דער י.ל. פּרץ־שול, דערנאָך ביז 1956 אין טאָר'. לערערין אין דער מאָריס ווינטשעווסקי שול ביים "פּאָלקס־אָרדן", חוץ דעם געווען זייער אַקטיוו אין דער לינקער קולטור־באַוועגונג און געדרוקט אַרטיקלען וועגן שול און קולטור פּראָגעס אין דער לינקער פּרעסע. זינט 1956 איבערגעריסן מיט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, אָבער ווייטער אַקטיוו אין דער אַלגעמיינער יידישער קולטור־אַרבעט. זי איז די מחברין פון בוך **בלעטלעך פון אַ שטורמישער צייט**, טאָר' 1977, 178 ז' מיט אַן אַריינפיר פון י.ב. זאַלצבערג, וואָס שרייבט"..איך האָב געקענט מאַניען ווי אַ יידישע לערערין, און איך קען זי ווי אַ פרוי און אַ מאַמע. איך קען זי ווי אַ טוערין אויף פיל געביטן, הויפּטזאַכלעך קולטור־דערציערישע... דער הויפּט־שטריך פון איר פּערזענלכקייט באַשטייט פון אַן אויסערגעוויינטלעכער פעיקייט ווי אַ דערציערין און טוערין, וואָס גייט האַנט־אין־האַנט מיט אַ פּשטות, וואָס איז שווער צו געפינען..." איך בין געוואָרן איבעראַשט ווען איך האָב געלייענט אירע אַרבעטן (אין זשורנאַל קאַמונאַר) פונקט ווי די אַרבעטן פון אַנדערע קינדער. עס איז פּשוט אומגלויבלעך אַז דאָס האָבן געשריבן קינדער צווישן 13 און 15 יאָר...! מאַניעס שאַפונגען פון יענער, צייט באַווייזן אַ טאַלאַנט, וואָס איז צום באַדויערן פאַרנאַכלעסיקט געוואָרן"...

אין בוך קומען אויך אַריין די וויכטיקע אַרבעט פון הערש סמאַליאַר "די וועלט פון אונדזער נעכטן" וואָס וואַרפט אַ ליכטשיין אויפן אידעאַליזם אין דער יידישער שול־אַרבעט אין יענע יאָרן און אַ טיילווייזער איבערדרוק פון אירע לידער און פון אַ צאָל אַרבעטן פון די באַטייליקטע אין "קאָמונאַר" און אירע וויכטיקע זכרונות, וואָס פירן אונדז צוריק צו די האָפענונגען און גלויבונגען אין די חלומות פון דערלייזונג. וואָס זיינען ליידער געבליבן חלומות.

דאָס בוך האָט אַרויסגערופן גרויסע אָפּקלאַנגען פון אַ צאָל עסקנים פון דער יידישער שול. אַזוי שרייבט י.א. ראָנטש וועגן דעם "דור פון מאַניע ליפשיץ" און ער גייט צוריק צו דעם אידעאַליזם פון 50 יאָר, ווען מען האָט געגלויבט אַז אַ נייער מענטש און אַ נייע וועלט ווערט באַשאַפן... ער שטעלט זיך באַזונדער אָפּ אויף מאַניעס לידער פון יענער צייט און באַווייזט די איינפלוסן, וואָס האָבן באַווירקט אירע שאַפונגען. ער הויבט אויך אַרויס אירע זכרונות און איר "אויטאָביאָגראַפיע, וואָס איז אַ סאַך מער ווי דאָס" ווייל עס איז חוץ די מעשים פון אַ יידישע לערערין, לעבט זי אויף "די לעבנסגעשיכטע פון אונדזער פּראָגרעסיוון יידישן דור"...און דעריבער איז איר בוך" בלעטלעך פון אַ שטורמישער צייט" דער דאָקומענט, וואָס רירט אונדז שטאַרק אָן...

..."דאָס בוך איז אַ וויכטיקער חשבון־הנפש און ברענגט אַרויס אין אַ קלאָרער פאָרם די אידעישע

רנאגלעגנישן סיי פון דער שו גרין און סיי אלע יאָרן פון 1920 ביז צום דערשיינען איר בוך, וואס לעבט־אויף און ־שילדערט מיט איבערצייגונג א שטורמישע צייט אין יידישן לעבן״ (נחמן שמן)

י.ב. זאלצבערג, ארויינפיר צו ״בלעטעלעך פון א שטורמישער צייט״ נ. שמן, ראדעמער שטימע טאר. מאַי — יוני, 1977, אלפרעד ליפסאן, דארט, יולי 1977, י.א. ראנטש, יידישע קולטור, נ״י נאוו. 1977.

ליפשיץ, נחמיה (20 טער יאנ. 1889 — 8 טער יאַנ. 1959)

געב׳ אין פינסק, פּאַליעסיע. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. אין 1906 געקומען קיין אמעריקע און נישט־קענענדיק זיך איינלעבן, צוריקגעפארן קיין פינסק. געווען לאנגיאָריקער לערער פון ענגליש אין א צאָל גימנאזיעס. נאָך אין די יינגע יאָרן געשריבן לידער און דעביוטירט מיט דער פּאָעמע ״אידיליע״ אין פרייע ארבעטער שטימע, 1921, זינט דאמלט געדרוקט לידער, דערציילונגען, רעפארטאזשן און טיילן פון זיינע מעמוארן אין פינסקער לעבן, פינסקער שטימע (אויך רעדאַקטאָר) צווישן זיי די סעריעס ״דורך פארכמארעטע וועגן״ (וועגן יידישן לעבן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה) און ״פיר יאר אין דייטשער קריגס־געפאַנגענשאַפט״, וואס זיינען געוואָרן איבערגעדרוקט אין דער יידישער פרעסע אין דיאַספּאָרא. באטייליקט זיך אין פּאָרווערטס, אמעריקאנער, נ.י. דער עיקר אבער אין קאנאדער אדלער, מאָנט׳ (1935־1958) און צוו. אנד. אויך געדרוקט ארטיקלען וועגן קולטור־און שול פראגעס און אויך די סעריעס ״ראמאַנטישע געשיכטעס״ און איבערזעצונגען פון דער ענגלישער ליטעראטור. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין פארשידענע ענגלישע צייטונגען און צייטשריפטן פאר וועלכע איבערזעצט פון יידיש מעשהלעך פון יידישן הומאר, פאלקסטימלעכע געשיכטעס א.א. ער האט אויך געדרוקט א״פ בן פורת, פידלע אידעלסאָן דער לערער. איז געווען באקאנט ווי א טאַלאַנטירטער פידל־שפילער און פארפאסט אייגענע קאמפּאזיציעס. געשטארבן אין גלעדיס־בעי, נאָוואַ־סקאָשיא.

מנוחה אלפערין, אידישע צייטונג, ת.א. 15. טער אקט. 1953, לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, ב.5, מיט ביבליאגראפיע ספר פינסק, ת.א. 1966, ז׳ 291.

ליפשיץ, שלמה (14 טער פעבר. 1910 —)

געב׳ אין ראָדעם, פוילן. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. זינט 1927 אין קאנאדע. א צייט געווען געהילפס־ביבליאָטעקאר אין דער מאָנטרעאלער יידישער פאלקס־ביבליאָטעק, גלייכצייטיק שטודירט אין מ״ק גיל — אוניווערסיטעט. ביז 1956, געווען אין דער אָנפירונג פון דער אלגעמיינע קאמוניסטישער פארטיי אין קאנאדע און איר פארטרעטער אין ״קאנאדער יידישן קאנגרעס״. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געווען צווישן דער דעלעגאציע וואָס האָט באזוכט פוילן, מדינת ישראל, די קאָמוניסטישע סאַטעליטן־לענדער און מערב־אייראפּע און געשריבן באריכטן וועגן יידישן לעבן נאכן חורבן.

אין 1956 געפאָרן אויף א שטודיען־רייזע אין סאָוויעטן פארבאנד און זיך אומגעקערט אן אנטוישטער. דאָס האָט

דערפירט צו זיין איבעררייסן מיטן קאָמוניזם און זיך דערנענטערן צו דער יידישער און ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. אנגעהויבן שרייבן אין די יונגע יאָרן אין וואָכנבלאַט. **ראַדעמער־קעלצער לעבן** 1926, און זיך אַנטוויקלט ווי אַ שרייבער אין **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט' **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר'. ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער און אַ צייט רעדאַקטאָר פון **דער קאַמף**, **דער וועג**, **וואָכנבלאַט** א.א. באַטייליקט זיך אין **דער האַמער**, **מ.פרייהייט**, **אייניקייט**, **יידישע קולטור**, א.א. נ.י. **נייע פרעסע**, פּאַריז, **פאָלקסשטימע**, וואַרשע. ער איז אויך געווען רעדאַקטאָר פון ענגלישן וואָכנבלאַט **ניו וואָיס** און אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פון **קענעדיען טריביון**, מאָנט'. נאָך זיין איבעררייסן מיט די קאָמוניסטן, זיך ווידער באַטייליקט אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר' און **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט' ש.ל. איז רעדאַקטאָר פון דער צ"ש **ראַדעמער שטימע** און פון **אונדזער ביולעטין** (אָרגאַן פון דער נייער פּראַטעטנאַלער יידישער אָרגאַניזאַציע אין טאָר') ער פאַרנעמט אַ חשובן פּלאַץ סיי אין דער אָנפירונג פון הסתדרות־קאַמפּיינען אין קאַנאַדע און די פּאַר. שטאַטן און פון "קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס".

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.5. מיט ביבליאָגראַפיע קאַנאַדיאַנאַ.

לעווין, בנימין (17 טער אויג. 1899 — 18 טער פעבר. 1955)

געב' אין וואַרשע, פוילן. געלערנט אין ישיבות און ביי לערערס. פון מיטן 1929 ביז סוף 1938, געלעבט אין מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ. געווען אַקטיוו אין "בונד", אַרב. רינג, דער עיקר, אין דער שול־באַוועגונג. לאַנגיעריקער פאַרוואַלטער פון זומער־קעמפּס לעבן טאָראָנטאָ. נאָך פאַר זיין קומען אין קאַנאַדע, געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער יידישער אַרבעטער־פּרעסע אין פוילן. אין קאַנאַדע געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער **אידישער זשורנאַל**, טאָר' און חוץ אַרטיקלען וועגן שול־און קולטור פּראָגעס און פּעליעטאָנען אויך געפירט דעם אָפּטייל "אַרבעטער־פּראָבלעמען" ער איז אויך געווען רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל **לעבנס פראַגן**, טאָר. 1933־1934 און טאָראָנטער קאָרעספּאָנדענט פון די **פאָלקס־צייטונג**, וואַרשע און זינט 1945 רעדאַקטירט די יערלעכע אויסגאַבעס פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט אין לאָס אַנדזשעלעס. געדרוקט אויך א"פ. בן מנחם, ב. ליבעס, א"א. געשטאָרבן אין לאָס־אַנדזש.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב. 5 מיט ביבליאָגראַפיע, קאַנאַדיאַנאַ.

לעווין, יעקב־קאָפּל (1880 —)

געב' אין פּאָרטסמוט, ענגלאַנד. תלמיד פון לאָנדאָנער רב פרידלענדער, פון וועמען באַקומען סמיכה אויף רבנות. געענדיקט דעם לאָנדאָנער אוניווערסיטעט. אין 1904 געוואָרן מיליטער־ראַבינער אין אַלדריטש און פון אָנהויב 1907, רב און גייסטיקער מנהיג פון דער "שער השמיים" — שול אין וויניפּעג, דאָרטן איינגעפירט אַ לימוד פון יידישער געשיכטע. אַ גרויסע ראָלע האָט הרב ל' געשפּילט בעתן אָנגריף פון די מיסיאָנערן (מיט דער הילף פון די וואָנגעליקער) אויף די נייע יידישע

עמיגראַנטן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין די באַראָן־הירש־קאָלאָניעס און דערוועגן געשריבן אין די ערשטע נומערן פון **קענעדער איד**. אין יענע יאָרן געוווען אויך גייסטיקער מנהיג פון די יידישע קאָלאָניעס אין מערב־קאַנאַדע און בעתן זיין דער מסדר־קידושין, צעטיילט פאַר די נייע פּאָרלעך זיינע אין **יידיש־טייטש איבערזעצטע** דינים פון שולחן־ערוך און טיילן פון סידור און מחזור. א טיפ פון אַן ענגלישן זייער פרומען יהודי, האָבן זיינע שטרענג־אָרטאָדאָקסישע מעשים אָרומען יידישן חינוך, אַרויסגערופן א מחלוקה מיט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, וואָס האָט געדראָט דאָס פאַרמאַכן די וויניפּעגער תלמוד־תורה. וועגן דעם ווייסן מיר פון די "בריוו פון וויניפּעג" וואָס עס האט געדרוקט אין **קאַנאַדער אַדלער**, אהרן אַסאָווסקי. ווייטערע ידיעות, נישט באַקאַנט. זאָל האָבן צוריקגעפאָרן קיין ענגלאַנד.

א. אָסאָווסקי, **קאַנאַדער אָדלער**, 6 טער, 7 טער פעבר. און 31 טער אקט. 1909, ש. גאָטליב **ספר אהלי שם**, פינסק, 1912, ז׳ 489, ב.ג. זאַק, **יידן אין קאַנאַדע אַנהויב 20טן** י.ה. מאָנט׳ 1975 ז׳ 95 (ענגליש)

לעווין, משה־אלימלך (1865־1933)

געב׳ אין א שטעטל ביי קאָוונע, ליטע, אין א רבנישער משפּחה. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין 1890 געקומען קיין קאַנאַדע. די ערשטע יאָרן געפירט א חדר מתוקן אין אָטאַווע, שפּעטער ביז 1903 געווען א מלמד אין הרב אשינסקיס תלמוד־תורה, גלייכצייטיק געווען א ציוניסטישער מטיף און פון די ערשטע עסקנים לטובת יישוב ארץ ישראל. אין מאַנטרעאַל. פון 1903 ביז 1912, געווען א לערער און פּרינציפּאַל פון "מאַנטרעאַלער תלמוד־תורה" וואָס ער האָט דורך זיין סיסטעם דערהויבן צו א וויכטיקער דערציונגס־אינסטיטוציע פון יענער צייט. ער איז געווען פון די גאָר ערשטע מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אָדלער** (1907־1913) און ביז זיין פּאַרלאָזן מאַנטרעאַל, דאָרטן צוויי מאָל אין וואָך (א״פ איש נעמי) געדרוקט חוץ. אַלגעמיינע צייטונגס אַרטיקלען אויך די סעריעס "וועגען קינדער ערציאונג" און "וועגן דעם סוד פון מענטשלעכער עקזיסטענץ" וואָס האָבן אַרויסגערופן אויפמערק דורך זיינע אָנווייזונגען און זיינען פאַר יענער צייט, געווען ניי אין יידישן לעבן. מחבר פון בוך **קינדער ערציאונג ביי אידען**, (א היסטאָרישע נאָכפאָרשונג) וואָס אַנטהאַלט אַ זאַמלונג מאמרים פון תלמוד בבלי, ירושלמי, מדרשים און אַנדערע דאָקומענטן וועגן דערציונג, מאַנטרעאַל, 1910, 109 ז׳ טעקסט און די אַנדערע 21 ז׳ מיט הסכמות פון הרב יפה, א.ש. אייזיקס פון נ.י. און הרב צבי הכהן פון מאַנט. ראובן בריינין א.א. און א העברעישע הקדמה פון מחבר אין וועלכער ער קלערט אויף זיין פּראָגראַם פון א מאָדערנעם יידישן לערנאַשטאַלט. ער גיט אויך אָן זיין "תוכן הלימודים" פון די אכט קלאַסן און "גן ילדים" וואָס איז אַ זייער וויכטיקער חינוך־דאָקומענט פון יענער צייט אין יידישן מאָנטרעאַל. דאָס בוך, וואָס איז פון די ערשטע אין יידיש געדרוקטע ביכער אין מאָנט׳. האָט אַרויסגערופן גרויס אָפּקלאַנג אין דער יידישער פּרעסע און אויך אין קאַנאַדע. ווי עס שרייבט ישראל ראַבינאָוויטש איז עס..."דאָס ערשטע ביכל אין יידיש, וואָס שטייט אויף א ניוואָ און

באַהאַנדלט דאָס פּראָבלעם פון קינדער־דערציונג ביי יידן". אין 1913 אוועק קיין שיקאַגאָ, דאָרטן 2 יאָר געווען דער אָנפירער פון א יתומים־הויז, שפּעטער, געווען פּרינציפּאַל פון א מאָדערנער ישיבה און פון 1920 ביז צו זיין טויט, רב אין אַ מזרחי־קאָנגרעגאַציע אין פּיטסבורג און דאָרטן נפטר געוואָרן.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב. 5 מיט ביבליאָגראַפיע, אינפאָרמאַציע פון בנימין י. וויינער, מאָנטרעאָל. קאַנאַדיאַנאַ.

לעווין, שמואל־הלוי (10 טער סעפּט. 1877 — 1953)

געב' אין מינסק, ווייסרוסלאַנד. געלערנט אין פאַרשידענע ישיבות אין דער ליטע און אין 1902 באַקומען סמיכה אויף רבנות. אין 1908 געקומען קיין קאַנאַדע און אויפגענומען פאַר רב אין האַמילטאָן, שפּעטער געווען רב אין וויניפּעג. א צייט געווען פּרעזידענט פון "מזרחי" פאַר מערב־קאַנאַדע. מיטאַרבעטער פון דער ענציקלאָפּעדיע **"אוצר־ישראל"** נ.י. הרב ל'האָט זיך אויך באַטייליקט מיט מאמרים וועגן יידישע ענינים און וועגן אַקטועלע פּראָגעס אין **קענעדער איד, דאָס אידישע וואָרט**, וויניפּעג. נפטר געוואָרן אין וויניפּעג, באַאַרבעט לויט פאַרשידענע קוואַלן, **קאַנאַדיאַנאַ.**

לערמער, אַרטור (אברהם־גרשון (3 טער אָקט. 1908)

געב' אין קראָקע, פּוילן. געלערנט ביי מלמדים, שפּעטער אין א דייטשישע און א פּוילישע גימנאַזיע 1924־1929, סטודענט פון יידישן לערער־סעמינאַר אין ווילנע' דערנאָך שטודירט עקאָנאָמישע וויסנשאַפטן אין דער "פרייער פּוילישער וושעכניצע" אין וואַרשע. א צייט אַרומגעפאָרן מיט רעפעראַטן איבער דער פּוילישער פּראָווינץ. אייניקע יאָר געווען א לערער אין די "ציש"א" שולן אין פּיעטריקאָוו און שעדלעץ. פון 1933 ביז דער מלחמה אין 1939, אין לאָדזש און אַקטיוו אין "בונד", קולטור־ליגע און פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען. וויצע־פאָרזיצער פון האַנדלס־אָנגעשטעלטע פאַריין. ער איז צוקאָאָפּטירט געוואָרן פון לאָדזשער שטאָט־ראַט ווי א ראַטמאַן און א מיטגליד פון דער בודזשעט און קאָנטראָל־קאָמיסיע. בעת היטלער האָט פאַרנומען פּוילן, אַוועק קיין ווילנע און פון דאָרטן איבער יאַפּאַן געקומען קיין קאַנאַדע און געוואָרן איינער פון די טעטיקסטע עסקנים אין יידישן לעבן, גלייכצייט, מיטגליד פון וועלט קאָאָרדינירקאָמיטעט פון "בונד" (אין זיין שליחות באַזוכט דרום־אַמעריקע) טעטיק אין "אַרב־רינג" "אַרבעטער קאָמיטעט", יידישער וועלט־קאָנגרעס, קולטור־קאָנגרעס (פאָרזיצער פון מאָנטרעאָלער אָפּטייל) לאַנגיעריקער עקזעקוטיוו־מיטגליד פון "קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס" מיטגרינדער און שפּעטער נאַציאָנאַלער פאָרזיצער פון דער נאַציאָנאַלער קאָנפערענץ פאַר יידיש ביים (זינט 1969) ק.י.ק. ער איז אויך א מיטגליד פון דער עקזעקוטיווע אין דער קהילה־פעדעראַציע. פּרעזידיום־מיטגליד פון וועלט־ראַט פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר יידיש און יידישער קולטור אין ירושלים (1976), אין 1967, אין שייכות מיט די פייערונגען פון 100 יאָר קאַנאַדער אומאָפּהענגיקייט, באַקומען א גאָלדענעם מעדאַל און אן אויסצייכענונג פאַר זיין "וויכטיקן

אנטייל אין קאנאדער אנטוויקלונג״. ער איז געווען דין און לעקטאר איבער עקאנאמישע וויסנשאפטן אין ״סער דזשארזש וויליאמס אוניווערסיטעט אין מאָנטרעאל און א וויזיטירונגס־פּראָפעסאָר פון ״מ.איי.טי״ אין קעמברידזש, מאס. און מק׳גיל, אין פראנצויזישן פילאזאפישן אינסטיטוט, מאָנט׳ און פון ״מאַטאָ״־אינסטיטוט אין איטאליע. ער איז געווען (ביז 1977) גרינדער און פרעזידענט פון דער קאַנאדער סעקציע פון אינטער־נאציאנאלן פארבאנד פון עקא־נאמיסטן און א מיטגליד פון זיין וועלט־עקזעקוטיוו און קאנאדער פרעזידענט פון ״כ.י.ק.י.ע.כ״ אַרומגעפאָרן איבער אויסטראליע מיט רעפעראטן סיי וועגן יידישע פראבל־מען און וועגן יידישער ליטעראטור און קולטור (איינגעאָרדנט דורך דער ״קדימה״) א.ל. איז דער פארשטייער פון היגן יישוב אין העכסטן ראט פון דער־ציונג ביים מיניסטעריום פאר דערציונג אין קוויבעקער פראווינץ. ער איז אויך פאָרזיצער פון קאמיטעט פאר מינאָריטעטן. אנגעהויבן שרייבן אין די יונגע יארן און ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה באטייליקט זיך אין **וואלקא**, קראקע (פויליש) **לאדזשער וועקער**, די לאדזשער מוטאציע פון דער **פאלקסצייטונג א״א**.

זינט זיין קומען אין קאנאדע (1941) פארברייטערט זיין פובליציסטיש־שריפטשטעלערישע טעטיקייט צוערשט אין טאראנטא, ווו געווען א רעדאקציע־מיטגליד פון דער חודש שריפט **דאס סאציאליסטישע ווארט**. (דערשינען 7 נומערן 1941־1942) און באטייליקט זיך אין דער **אידישער זשורנאל** און שפעטער אין מאנטרעאל (זינט 1944) ווו כסדר געדרוקט ארטיקלען איבער פאר־שידענע פראבלעמען און געפירט א וועכנטלעכן קאלום איבער עקאנאמישע פראגעס אין **קאנאדער אדלער**, שטענדיקער מיטארבעטער פון **לעבנספראגן**, ת״א און חוץ זיין סעריע ארטיקלען ״די סאציאָלאָגיע פון יידישן לעבן״ אין וועלכע ער ברענגט ארויס די פראבלעמען פון יידישן פאָלק נאכן חורבן (גרייט צום דרוק אין בוכפארם) אויך געדרוקט אפהאנדלונ־גען אויף ליטעראַרישע און יידישע קולטור מאמרים. ער איז אויך א סטאבילער מיטארבעטער פון **אונדזער צייט**, נ״י. באטייליקט זיך אין **צוקונפט**, **פארווערטס**, נ״י **פאראויס**, **מעקסיקע**, **אונדזער שטימע**, פאריז אין א צאל בונדישע צייטשריפטן איבער דער וועלט. אין בוכפארם (אין ענגליש) **טענדענצן און סטרוקטור פון דער קאנאדער ווירטשאפט**, (1948) **קולטור־פלוראליזם אין קאנאדע** (1955) **די ראל פון אינטערעסן־גרופן** אין מערב־אייראפעישן עקאנאמי־**שן פלאנירונס־פראָצעס** (1966) **עקאנאמישער וואוקס און די קוואליטעט פון לעבן** (ביידע אויסגאבע פון ״ס.י.ר.ט.ע.ק.״ אין גענף׳

״א.ל. האט באוויזן, אז מען קען זיין אין געמיט א וועלט־בירגער, מיטן הארץ א קינד פון אייגענעם פאלק און גלייכצייטיק א געטרייער בירגער פון א מלוכה ווו מען לעבט״

(מלך ראוויטש)

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור ב.5 מיט ביבליאָגראפיע, מלך ראוויטש, **קאנאדער אדלער**, 20 מערץ 1970, ש. באכראך, **לעצטע נייעס**, ת.א. 30 טער אפריל 1970 קאַנאַדיאַנא.

לערנער, באָריס (1887־1956)

געשטאמט פון וואָלין. אין 1906 געקומען קיין אמעריקע, אָבער באלד

אוועק קיין מערב־קאנאדע. פון 1915 ביז 1919, געווען דער קארעספאנדענט פאר מערב־קאנאדע און אויך געדרוקט ארטיקלען וועגן אלגעמיינע און יידישע פראגעס אין **קאנאדער אדלער**. ער האָט זיך אויך פארנומען מיט שילדערן פארשידענע פערזענלעכקייטן. געשריבן אין א פּאָלקסטימלעכער פאָרם און אינהאלט א״פ ״בן יעקב״ זיינע רעפּארטאַזשן גיבן א קלאָר בילד פון די ערשטע יידן אין די ווייטע ערטער פון מערב קאנאדע. ער האָט זיך שפּעטער באזעצט אין פּעטערסאן. און געוואָרן אן אייגנטימער פון א יידישער דרוקעריי וואָס האָט ארויסגעגעבן די־צייטשריפט, דער שטערן (וואכנבלאט פאר אינדוסטרי, ליטעראטור, וועלטלעבע און לאָקאַלע פאסירונגען) 1919־1922, וואס ער האט כמעט אליין אויסגעפילט מיט זיינע ארבעטן. געשטארבן אין ניו יארק. אינפארמאציע פון דר׳ יצחק אונטערמאן, **קאַנאַדיאַנאַ**.

o

מ

מאַזע, אײדע (9 טער יולי 1893־13 טער יוני 1962)

שטאַמט פון דער משפחה זשוקאָווסקי, וואָס זײַנען זיך מיחס מיט מענדעלע מוכר־ספרים. געב׳ אין דאָרף אָגלי, בײַ קאַפּולע, ווס״ר. ביז 13 יאָר געלערנט אין א חדר און דורך זעלבסטבילדונג. אין 1907 געקומען קיין אַמעריקע און פון 1908 ביז צו איר טויט, געלעבט אין קאַנאַדע. צוערשט אין טאָראָנטאָ. שפּעטער אין מאָנטרעאַל, און געווען זייער אַקטיוו אין אַלע יידישע קולטור־טעטיקייטן פון איר צייט. א מזג־טוב, תמיד גרייט צו העלפן באדערפטיקע, איז זי דורך אירע מעשים־טובים, אָנגערופן געוואָרן ״די מאַמע פון יידישע שרייבערס״ און געהאָלפן ארויסגעבן זייערע ווערק, דער עיקר פון יינגע פּאָעטן. אין די יאָרן פון יידישן חורבן און דערנאָך, געהאָל־פן שאַפן וויזעס פאר יידישע שרייבערס און קולטור־עסקנים פון די פליטים־לאַגערן צו קומען אין קאַנאַדע און מיטגעהאָלפן אין זייער איינאָרדענען זיך אין לאַנד.

איר ליטעראַרישע טעטיקייט, אָנגעהויבן מיט לירישע לידער, אין די פריע יוגנט־יאָרן און זינט 1925, זיך געווידמעט צו דער יידישער ליטעראַ־טור און ספּעציעל־מיט דיכטונגען פאַרן יידישן קינד און יוגנטלעכן. אירע ערשטע ״לידער וועגן מיין קינד״, געדרוקט אין זשורנאַל **קאַנאַדע** (רעד. י.י. סיגאַל און א.ש. שקאָלניקאָוו) מאָנט׳ 1925 זײַנען אָפּגעשאַצט דורך דער קריטיק ווי ״קינות און אייגנאַרטיקע קלאָג־לידער, נייע אין דער יידישער פּאָעזיע. זינט דאַמאָלט זיך באַטייליקט מיט לידער, דערציילונגען און עסייען וועגן ביכער און שרייבער אין קאַנאַדע, **העפטן**, **זאַמלונגען**, **מאָנטרעאַל** און זייער אָפט אין **קאַנאַדער אַדלער**, **דער אידישער זשורנאַל**, **בײַ אונדז**, **באַגינען**, א״א טאָר׳ **צוקונפט**, **קינדער־זשורנאַל**, **קינדער־צייטונג**, **קינדער־וועלט**, **אידיש־אַמעריקע**, **זיין**, א.א. נ.י. **גאָלדענע קייט**, **היימיש**, **פאָלקסבלאַט**, ישראל, **פאַר אונדזערע קינדער**, פּאַריז, **חשבון**, ל״א און אין די קינדער־ביילאַגעס פון די יידישע צייטונגען איבער דער יידישער וועלט. אין בוכפאָרם: **א מאַמע**, קינדער־לידער מאָנט׳, 1931, 96 ז׳ **לידער פאַר קינדער** מיט אן אריינפיר פון לייב מלאך, וואַרשע, 1936, 119 ז׳ **נייע לידער**, מאָנט׳ 1941, 160 ז׳ **וואַקסן מיינע קינדערלעך**, מוטער און קינדער־לידער, מאָנט׳ 1954, 201 ז׳. צוזאַמען מיט י. קאַרמאַן און נ.י. גאָטליב, איז זי געווען רעדאַקטאָרין פון ליטעראַרישן זשורנאַל **העפטן**, מאָנט׳ 1935־1937. זי איז פאַרטראַטן אין א צאָל **אַנטאָלאָגיעס** פון דער יידישער פּאָעזיע. פון אירע צוגעגרייטע צום דרוק איבערגעבליבענע שריפטן

"געקליבענע לידער" "מעשיות פאר קינדער" א"א. איז אונטער דער חברישער רעדאקציע פון דיכטער מ.מ. שאפיר בלויז דערשינען דער ראמאן **דינה** מאָנט' 1970, 269 ז' וואָס שילדערט אין א הארציקער לירישער שפּראך, מאלערישער שיינקייט און באהויכט מיט דיכטערישער תמימות, די יידישע שטעטלעך אין ווייסרוסלאנד, וואָס זיינען ליידער מער נישטאָ. זי איז געשטאָרבן אין מאָנטרעאל. טייל פון אירע לידער זענען איבערגעזעצט אין עברית, רוסיש, פראנצויזיש און ענגליש. זיי זיינען אויך פאראן אין י. לעפּטוויטשס אנטאלאגיע **"דהי גאלדן פיקאק"**, לאנדאן, 1939. "אי״דע מאזע צייכנט זיך באזונדער אויס אינעם קליינעם, לירישן ליד (מלך ראוויטש) אין אירע לידער וויינט זי אויס די טרערן פון ליידנדיקע מאמעס אין דער וועלט, באשיידן, מוטערלעך, און צניעותדיק" (ח.מ. קייזערמאן-וויטאל) "...אין טייל לידער, שפילט זי זיך מיטן קינד, ווי זי וואָלט אליין געווען א קינד, אין אנדערע לידער פארשפילט זי דאָס קינד, ווי א ליבע מאמע" (נח שטיינבערג) "איידע מאזע, א צארטע דיכטערן האָט ליב געהאט אלע לידער פון יידישע דיכטערס, אפשר מער נאָך, ווי אירע אייגענע און איז באמת געווען א יחידה אין משך פון אַ גאַנצן דור אין דער עיר ואם בישראל-מאָנטרעאל" (רחל קארן)

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, ב 5 מיט ביבליאגראפיע, רחל קאָרן, ישראל ראבינאָוויטש, מ.מ. שאפיר, **קאנאדער אדלער**, 15 טער, 26 און 28 טער יוני 1963, יעקב זיפער אין דאָס אידישע וואָרט, יאַנואַר 1931, **קאנאדיאנא**.

מאטענקאָ פסח, (30 טער יוני 1901 —)

געב' אין יעקאטערינעסלאוו, אוקראינע אין א משפחה פון א יידישן לערער. אין 1906, געקומען קיין קאנאדע. געענדיקט די י.ל.פּרץ-שול און שטודירט אין טאראנטער אוניווערסיטעט און באקומען זיין מאגיסטער דיפּלאָם. 1933 געקראָגן זיין דאקטאר-דיפלאם פון לינגוויסטיק פון "קאלומביא-אוניווערסיטעט" אין ניו-יארק. זינט 1933, באקאנט ווי א פארשער פון שפּראכן און לעקטאר. א גרויסער חובב-יידיש, איז ער געווען דער גרינדער פון "יידישן קולטור פאריין" ביי דער "הלל-פונדאציע" אין ברוקלען-קאלעדזש און איר אקאדעמישער ראטגעבער. ער איז געווען צווישן דער ערשטער גרופּע פון יונגע דיכטערס אין קאנאדע און צו 15 יאר דעביוטירט מיט א ליד אין **דיא ווארהייט**, נ.י. שפּעטער ביז 1925 געווען א שטענדיקער מיטארבעטער פון **דער אידישער זשורנאל**, טאָר'. ווו געדרוקט א גרויסע צאל לירישע לידער און פּאָעמען וואָס אַ גאָר קליינער טייל פון זיי זיינען אריין אין זיין יוגנט-בוך **לידער**, טאר'. 1917, 23 ז' אבער האבן שוין דאמלט באקומען אנערקענונג פון דער קריטיק, באטייליקט זיך אין **יודא. א. יאפּע-בוך**, נ.י. 1958, ער איז געווען דער רעדאקציאָנעלער ראטגעבער פאר דער צווייטער אויסגאבע (פון דייטש און יידיש) פאר דער **ענציקלאפּעדיע בריטאניקא** נ.י. ער האט זיך אויך באטייליקט אין אייניקע ענגלישע ליטעראַרישע זשורנאַלן (דאָרטן געדרוקט זיינע עסייען וועגן ליטעראַרישע פּראבלעמען פון דער הייינטיקער צייט צווישן זיי די עסיי ("דאָסטאָיעווסקי און לייוויק") ער איז אויך געווען א ראַטגעבער אין דער ארבעט פארן גרויסן **ווערטערבוך פון דער יידישער שפּראך**.

לעקסיקאן פון דער נייער יידישער

ליטעראַטור, ב.5 מיט ביבליאָגראַפיע, קאַנאַדיאַנאַ.

מאַלאַמוט, יואל־לייב (23 טער יוני 1886־19 טער אויג. 1966)

באַרימטער יידישער שריפטשטעלער, ראָמאַניסט, דראַמאַטורג און רעדאַקטאָר. געב׳ אין סניטקאָוו, פּאָדאָליע. געלעבט אין ניו יאָרק, לאָנדאָן, פילאַדעלפיאַ, לאָס־אַנדזשעלעס און פון 1909 ביז 1925 אין קאַנאַדע. זינט 1909, שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אַדלער** און חוץ זשורנאַליסטישע אַרבעטן אויך געדרוקט לידער, דערציילונגען, איינאַקטערס, אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער און ביכער און אַ גרויסע צאָל צייטונגס ראָמאַנען, וואָס האָבן אויסגענומען ביים יידישן מאַסן־לעזער. צווישן זיי **דער וועלט־פאַרזאָרגער** (1910) **דער שטויב פון לעבן** (1911) **צעריסענע נשמות** (1912) **אינטעליגענטן** (1913) ער האָט אויך אַרויסגעגעבן דאָס הומאָריסטישע בלאַט **דער האָן** (5 נומערן מאָנט 1913) און די צייטשריפט **קאַנאַדער אידישע פרעס**, 22 נומערן 1913־1914 (ביידע אין מאָנט׳) ער איז אויך געווען רעדאַקציע־מיטגליד פון **קענעדער איד** (1915) און רעדאַקטאָר פון וזכנב״לט **קענעדער אידישע וועלט** 1916 (ביידע אין וויניפּעג) גלייכצייטיק מיטגעאַרבעט אין ראובן בריינינס ט״צ **דער וועג**, מאָנט׳ 1915־1916 שפּעטער געלעבט אין טאָראָנטאָ, און געווען רעדאַקציע־מיטגליד פון **דער אידישער זשורנאַל** און דאָרטן חוץ וועגן יידישן טעאַטער אויך געדרוקט אַ צאָל צייטונגס־ראָמאַנען. י.ל. מ. איז דער מחבר פון די טעאַטער־פּיעסן **דער עגאָאיסט**, **ביים רבין אין הויף**, און איינציקע איינאַקטערס, וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין די יידישע טעאַטערן אין מאָנטרעאָל, וויניפּעג און אין אַמעריקע. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, געוווינט אין לאָס־אַנדזשעלעס און דאָרטן געשטאָרבן.

מער פּרטים וועגן זיין לעבן און שאַפן זען: פּנחס, **קאַנאַדער אַדלער**, 6 טער און 8 אויג. 1915, ז. רייזען, **לעקסיקאָן**, ב.2 **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור** ב.5 (מיט אַ ביבליאָגראַפיע) ש. בעלקין, **די פועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, **אינדעקס**. קאַנאַדיאַנאַ.

מאַלין, יחזקאל (1887 — 5 טער אויגוסט 1977)

געב׳ אין יעקאַטערינאָסלאַוו, אוקראַינע. אין די יינגע יאָרן געווען אַ משורר ביים חזן קוואַרטין, וואָס האָט אים צוגערעדט צו לערנען מוזיק. אין 1906 געקומען קיין מאָנטרעאָל. געווען באַשעפטיקט ביי פאַרשידענע אַרבעטן, אָבער תמיד אָפּגעגעבן זיך מיט מוזיקאַלישער אויסבילדונג. אַ פאַרליבטער אין דער יידישער פּאָעזיע, האָט ער קאָמפּאָנירט און געשאַפן מעלאָדיעס און מוזיק צו די לידער פון יידישע דיכטער. אין בוכפאָרם **מוזיק**, לידער צו איבער 60 פּאָעמען, מאָנט׳ 1958, 52 ז׳ מיט אַ פאָרווערטער פון מחבר. **לירישע הימנען**, דאָרטן, 1966, 20 ז׳ **קינדער לידער פאַר היים און שול**, דאָרטן 1968, 24 ז׳. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן אַ צאָל רעקאָרדס.

הענעך קאַן, **טאָג־מאָרגן זשורנאַל**, נ״י 18 טער דעצ. 1958, **קאַנאַדיאַנאַ**.

מאַמעלאַק, יעקב (1 טער יוני 1893 —)

געב׳ אין אָסטראָווע, ביי קוטנע, פּוילן, געלערנט אין ישיבות. תלמיד פון

גאון ר׳ מאיר־דן פלאָצקי. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געלעבט אין בערלין. דאָרטן שטודירט מעכאַניק־אינזשיעניריִנג און קונסט פון 1920 ביז 1930, געלעבט אין לאָדזש פון וואַנען געקומען קיין קאַנאַדע. א צייט געווען אַן ארבעטער, גלייכצייטיק פאָרגעזעצט זיין בילדונג. אָנגעהויבן שרייבן מיט רעצענזיעס וועגן ביכער אין **לאָדזשער וועקער**, 1928, דערנאָך באַטייליקט זיך אין **פאַלקסצייטונג**, ווארשע. זינט 1931 פאַרעפנטלעכט כסדר ארטיקלען וועגן קונסט, איבערזיכטן פון אויסשטעלונגען, אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער און טעאַטער אין **קאַנאַדער אדלער**, **די שטימע פון וועד** (ביידע אין מאָנטרעאַל) וואָכנבלאַט, טאָר׳. יידישע קולטור, נ.י. א״א. זיין גרעסערע פאַרשונג ״קונסט ביי יידן״ באַווייזט זיין באַהאַוונטקייט אין די עניינים פון יידישער קונסט, וואָס ער ברענגט ארויס אין א קלאָרער שפראַך און וואָס מאַכט זי פאַרשטענדלעך פאַר די ברייטע יידישע מאַסן. געדרוקט אויך א״פ אַ לאָדזשער י.מ. לויט פאַרשידענע קוואַלן, **קאַנאַדיאַנאַ**.

מאַנדעל, יעקב (1912)

געב׳ אין ראַכיוו, לובלינער געגנט, פוילן. פון 1922 אין טאָראָנטאָ. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געלערנט אין ישיבות און שטודירט אין טאָר׳. אוניווערסיטעט. פון 1930 ביז צו זיין אונטערגאַנג אין 1959 געדרוקט אין **דערי־ידישער זשורנאַל**, טאָר׳ ארטיקלען וועגן יידישע און ציוניסטישע פּראָבלעמען, רעצענזיעס וועגן ביכער און ספרים. באַטייליקט זיך אין **מאָרגנזשורנאַל**, נ״י.

אינפאָרמאַציע פון נחמן שמן, טאָר׳.

מאַנדעלבוים, א.מ. (1885 — 2 טער יוני 1952)

יידיש־העברעישער נאָוועליסט, זשורנאַליסט, ביבליאָגראַף און רעדאַקטאָר. געב׳ אין לובטשעוו, אוקראַינע. געלערנט אין חדרים און דורך זעלבסטבילדונג. געלעבט אין קיעוו, ווארשע און ניו יארק. סוף 1910 געקומען אין קאַנאַדע און ביז סוף 1925 געלעבט אין וויניפּעג און מאָנטרעאַל. ער האָט געהאָלפן שאַפן און שטארקן די אָנהויבן פון א יידישער פּרעסע אין קאַנאַדע. זיין שריפטשטעלערישע טעטיקייט, אָנגעהויבן שרייבן. אין העברעיש און פון 1906 אריבער צו יידיש. זיינע דערציילונגען געדרוקט אין פרישמאַנס **הזמן און הצפירה**, ווארשע, האָבן ארויסגערופן א גוטן אָפּקלאַנג ביי נ. סאָקאָלאָוו, וואָס האָט געלויבט זיין גרעסערע דערציילונג ״אין וואַגאָן״ וואָס איז נאָך איידער ר׳איז געקומען אין קאַנאַדע, געוואָרן איבערגעזעצט אין יידיש דורך ב.י. גאָלדשטיין און געדרוקט אין **קאַנאַדער אדלער** (יולי 1908) דאָס האָט אפשר געווירקט, אז ער זאָל אריבערגיין צו **יידיש און זיין קומען אין קאַנאַדע. ער איז לאַנגע יאָרן געווען** אַן אינעוויינסקסטער **מיטארבעטער אויף אַלע געביטן פון דער שרייבערישער פּראָפעסיע.** און נאָר אים אליין איז צו פאַרדאַנקען די ערשטע ידיעות סיי וועגן די יידישע שרייבער און סיי וועגן דער יידישער פרעסע און פּעריאָדיק אין קאַנאַדע. (געדרוקט א״פ פנחס, דעם 6טן און 8טן אויגוסט 1915 סיי אין **קאַנאַדער אדלער** און סיי אין **דער אידישער זשורנאַל**, טאָר׳) ער איז געווען א מיטארבעטער און א צייט, רעדאַקטאָר פון **קענעדער איד**, **דאָס**

אידישע ווארט (1911־1914 ביידע אין ווין') דארטן האט ער צוזאמען מיט יוסף גודמאן ארויסגעגעבן דאס וואכנבלאט פאר הומאר, סאטירע און ליד **דער קאנאדער מזיק** מאי־יולי 1913, א צייט געווען דער לאקאלער רעדאקטאר פון דער טאראנטער ביילאגע פון **קאנאדער אדלער**, און פון 1916 ביז מיטן 1925, געווען דער הויפט־מיטארבעטער פון **דער אידישער זשורנאל**, טאָר' גלייכצייטיק געווען קאנאדער קאָרעספאנדענט פון **דער טאג**, נ.י. פון **היום**, ווארשע און פון אַ צאָל צייטונגען אין ארץ ישראל און איבער דער יידישער וועלט. אין 1926, צוגעצויגן צו דער רעדאקציע פון **דער פרייהייט**, נ.י. און ביז 1933 דאָרטן געדרוקט חוץ זשורנאַליסטיש־פובליציסטישע ארטיקלען, אויך דערציילונגען, פעליעטאָנען און איבערזעצונגען. נישט קענענדיק מסכים זיין מיט דער שטעלונג פון דער רעדאקציע וועגן דער יידן־פראגע, אוועק פון רעדאקציע, און געווארן א מיטארבעטער און שפעטער א דירעקטאָר פון אַ רעקלאמע־ביורא אין ניו יארק, רייך געווארן און געשטיצט יידישע שרייבער און יידישע קולטור־אינסטיטוציעס. וועגן דעם דערציילט יחזקאל בראנשטיין וואס שרייבט צוו. אנד. "...ער איז געווען און פארבליבן ביז צו זיינע לעצטע טעג, א שרייבער און א זשורנאליסט מיט א ערלעכן און וואַכן געוויסן". ער איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

מער פרטים וועגן זיין לעבן און שאפן זען: ז. רייזען, **לעקסיקאָן**, ב.2, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור** ב.5 מיט ביבליאָגראַפיע, יחזקאל בראנשטיין, **פון אייגן הויז** ת.א. 1965 ז"ז 291־295, **קאנאדיאנא**.

מדרש ישראל (8 אפריל 1894 — 2 טער אויג. 1964)

געב' אין לעבעוויטש, ווייסרוסלאנד. געלערנט אין הרב ריינעסעס ישיבה און דורך זעלבסט־בילדונג. זינט 1910 ביז צו זיין טויט געלעבט אין מאָנטרעאל און פון 1922 רעדאקציע־מיטגליד פון **קאנאדער אדלער** און חוץ זשורנאַליסטישע ארבעטן און פאָליטישע איבערזיכטן אויך געשריבן וועגן מאנטרעאלער געשעענישן (א"פ א רעפארטער) ער האט אויך געפירט די אפטיילן "די וואָך אין קאנאדע" און "בילדער פון געריכטס־זאל" פארעפנטלעכט צוויי מאל אין וואָך פעליעטאנען, וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט א פאלקסטימלעכן, היימישן געמיט און לייכטן הומאר (א"פ בן מרדכי) באזוכט דרום אמעריקע און א לענגערע צייט געדרוקט זיינע "רייזע איינדרוקן" וואס האבן געשילדערט דאָס דאָרטיקע יידישע לעבן, געזען דורך די אויגן פון אַ גלענצענדיקן זשורנאליסט און אייגנארטיקן באאבאכטער. ער איז געווען דער מחבר פון די ביכער **מאנטרעאל פון נעכטן**, מיט א הקדמה פון י.י. סיגאל מאָנט' 1947 176 ז' וואָס לעבט־אויף דאס יידישע לעבן פון אנהויב יידישן יישוב אין מאָנטרעאל און איז א זייער וויכטיק מאטעריאל פאר פארשערס. **צווישן צוויי וועלט־מלחמות**, מיט א פאָרוואָרט פון מלך ראוויטש, מאָנט' 1964, 144 ז' ער איז אויך דער פארפאסער פון דער בראָשור **הונדערט יאר באַראָן הירש אינסטיטוט**, מאנט' 1963, 24 ז' געשטארבן אין מאָנטרעאל.

"...מדרשעס שרייבן צייכנט זיך אויס מיטן דורכגעטראכטן אופן, אינפאָרמאַציע און מיט א שטילן

הומאָרפולן, אינטימען טאָן, וואָס ווירקט אויפן לעזער... ווי אַ טאַלאַנטירטער מענטש האָט מדרש באַנומען, אַז נישט מיט שאַרפער סאַטירע, נאָר מיטן גוטמוטיקן געמיט, וועט ער ווירקן אין דער אויספּאָרמירונג פון קאַנאַדער יידישן לעבן...

(יוסף גאַלאַי)

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב 5 מיט ביבליאָגראַפיע, מלך ראַוויטש **קאַנאַדער אַדלער**, 4 אויג. 1967, י. גאַלאַי, דאָרטן, 26טער דעצ. 1975, **קאַנאַדיאַנאַ.**

מיידעק, (מיאַדעק) חיים־דוד

(15 טער דעצ. 1905 —)

געבּ׳ אין לאָמאַז, ביי בריסק־ליטעווסק, פוילן, ווו געלעבט ביז 16 יאָר, דערנאָך ביז 1938, אין ביאַלע־פּאָדלאַסק און געווען אַקטיוו אין יידישן לעבן. געווען רעדאַקטאָר פון ביאַלער **וואָכנבלאַט** (1938־1932) זינט 1938 אין מאָנטרעאַל. זיין ערשטע סעריע אַרטיקלען וועגן דער יידישער לאַגע אין פוילן, געדרוקט אין **קאַנאַדער אָדלער**, האָבן אַרויסגערופן אַ גרויסן אָפּקלאַנג צוליב דער פיין אַדרוכגעטראַכטער באַהאַנדלונג און דרייסטער שילדערונג. זינט דאַמאָלט געוואָרן דאָרטן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **דער אידישער זשורנאַל**, טאָר׳ **דאָס אידישע וואָרט**, ווינ׳ **דער טאָג. די שטימע**, דער וועג, מעקסיקע, א.א. אַ לענגערע צייט געווען רעדאַקטאָר פון חודש זשורנאַל פון דער מאָנטרעאַל פּ. צ. פּאַרטיי **דאָס וואָרט**, (1959־1947) זינט 1959, איז ער קאַנאַדער קאָרעספּאָנדענט פון **על המשמר**, און אויך ספּאָראַדיש פאַר **לעצטע נייעס**

(ביידע אין ת.א.) האָט באַזוכט אַ רייע קאָמוניסטישע לענדער און וועגן אַרטיקלען. יידישן און אַלגעמיינעם לעבן פאַרעפנטלעכט סעריעס ״רייזע באַשרייבונגען״ וואָס האָבן אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט (ספּעציעל די סעריע וועגן יידישן לעבן אין פּראַג) צוליבן אָריגינעלן און פאַרבנרייכן שילדערן דאָס איצטיקע לעבן און זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין אַ ריי יידישע צייטונגען איבער דער וועלט.

לויט פאַרשידענע קוואַלן, קאַנאַדיאַנאַ.

מיכלין, יצחק (1890 —)

געגנויע ביאָגראַפישע פּרטים, נישט באַקאַנט. מיר ווייסן בלויז אַז ער האָט געשטאַמט פון אַרום מינסק, ווס״ר. אין 1910 געקומען קיין קאַנאַדע. די ערשטע יאָרן געלעבט אין וויניפּעג, דערנאָך ביז צו זיין אַריבער פאָרן קיין ניו יאָרק, אין מאָנטרעאַל. ער איז געווען אַ טעטיקער מיטגליד פון דער פּ.צ. פּאַרטיי, דער עיקר אויפן געביט פון דער יידישער שול און איינער פון אירע פּרייוויליקע לערערס. זינט 1911 געדרוקט סקיצן און דערציילונגען, פון גרויסשטאָטישן לעבן, וואָס האָבן געוויזן טאַלאַנט און באַגאַבונג אין **דאָס אידישע וואָרט, דער בירגער** (ביידע אין וויניפּעג 1912 — 1915) בעת ראובן ברייגין האָט אַרויסגעגעבן די ט״צ **דער וועג**, מאָנט׳ 1915־1916, איז מ׳ דאָרטן געוועזן אַן אינערלעכער מיטאַרבע־טער, דאָרטן אויך געדרוקט אַרטיקלען, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן פּאַרטיפונג. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **דאָס פּאַלק**, מאָנט׳ 1917, (רעדאַקטאָר יהודה קויפמאַן) אין זיין ניו יאָרקער פּעריאָד האָט ער זיך באַטייליקט אין **די פעדער, ניו יאָרקער וואָכנבלאַט.**

לײדער איז מיר נישט געלונגען צו באקומען ידיעות װעגן אים נאָך די פופציקער יארן. עס קען זײן אז ער האָט זיך באזעצט אין מדינת ישראל.

ש. בעלקין! די פועלי ציון באװעגונג אין קאנאדע, אינדעקס. דער בירגער נומ. 7 װינ׳ 1913, קאנאדיאנא.

מילער, מרדכי (1895־23 טער יאַנ. 1946)

געב׳ אין װאכנאָװוקע, קיעװער געגנט, אוקראינע, דערצװיגן אין יאַנאָװ, פּאָדאָליע. גאר יונג געבליבן א יתום און צוליב דעם, בלױז געלערנט אין א חדר ביז צען יאר און געװאָרן אן ארבעטער. פון 1909 ביז צו זײן טױט געװױנט אין װיניפּעג און אקטיװ אין יידישן ארבעטער און קולטור־לעבן. ער האט געהערט צו דער ערשטער גרופּע יונגע שרײבערס אין מערב־קאנאדע, (בראנשטײן, גאלסקי, גודמאן) געדרוקט לידער, דערצײלונגען אײנאקטערס און ארטיקלען װעגן שרײבערס און ביכער אין **קענעדער איד, דאָס אידישע װארט** (בײדע אין װינ׳). **קאנאדער אדלער**, די ליטעראַרישע צײטשריפטן: **ניװאנסן, העפטן, מאנטרעאל** א״א, מאָנט׳ **מ. פריהײט, יידישע קולטור**, א.א.נ.י. ער איז (צוזאמען מיט יחזקאל בראנשטײן און הערשל גאלסקי) דער מחבר פון ביכל, **מלחמה װעהען**, װינ. 1917 32 ז׳ װאָס װערט גערעכנט, װי דאָס ערשטע געדרוקטע יידישע בוך אין מערב קאנאדע. צוזאמען מיט י. בראָנשטײן ארױסגעגעבן דאס בוך **צװײ װעלטן**, לידער, װינ׳ 1919, װאָס דער צװײטער טײל ״זון און בענקשאפט״ איז מילערס, 112 ז׳ מ.מ. איז אויך דער מחבר פון **סילועטן**, לידער, 1927, 96 ז׳ **האמער**, לידער, 1928, 64 ז׳ **אין שטורעם**, געקליבענע לידער, עדמאָנטאָן, 1936, 68 ז׳. א צאָל פון זײנע אײנאקטערס, זײנען אױפגעפירט געװאָרן פון דראַמאַטישע קרײזן אין װיניפּעג און טאָר׳ ער איז געװעזן אן אמתער אוהב יידיש און אן איבערגעגעבענער טוער אין יידישן שול־װעזן און האט אין 1922, ארױס־געגעבן א געזאנג־בוך פאר די יידישע שולן מיט זײנס א פאָרװאָרט און די ערשטע לידער פון א צאָל יונגערע דיכטער אין אמעריקע. א צײט געװען זײער לינק געשטימט, אבער ״שפּעטער זיך באפרײט סײ פון רעטאָריק און סײ פון לינקיזם און זײנע לירישע לידער באװײזן אמת־דיכטערישע רײפקײט (ח.ל.פ.) געשטאָרבן אין װיניפּעג.

״..ער איז געװען א לירישער דיכטער און א באזינגער פון דער הארטער נױט״

(אײדא מאזע)

ז. רײזען, **לעקסיקאָן**, ב.2 ח.מ. קײזערמאן־װיטאל, **אידישע דיכטער אין קאנאדע** מאנ. 1934, אינדעקס, אײדע מאזע, **העפטן 3**, מאנט׳ 1936, **לעקסיקאָן פון דער נײער יידישער ליטעראטור**, ב.5 מיט ביבליאגראפיע, נעקראָלאגן אין דער פרעסע, קאנאדיאנא.

מילער, שלום (1900 — 25 טער מאי 1947)

געב׳ אין מאָלאָדעטשנע, װוס״ר. תלמיד פון הרב רײנעס אין לידער ישיבה. 1918־1921, שטודירט אדװאקאטור אױפן װילנער אוניװערסיטעט, אבער צוליב די אנטיסעמיטישע באגרענעצונגען פון דער פּױלישער מאכט, עמיגרירט קײן קאנאדע און זיך באזעצט אין װיניפּעג, דאָרטן געענדיקט דעם מאַניטאָבער אוניװערסיטעט. א מענטש מיט א ברײטן נאציאָנאַלן געפיל, איז ער אין װינ׳ געװען א

מיטבויער פון דער נאַציאָנאַלער קהילה און אן אקטיווער עסקן פון יידישן און העברעישן שול-וועזן. לאַנגע יאָרן געווען א לערער אין תלמוד-תורות, י.ל.פּרץ-שול און פון יידיש-העברעישן לערער-סעמינאַר. ער איז אויך געווען אין דער אָנפירונג פון "קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס" פון דער פּ.צ.— פּאַרטיי און איר פּאַרשטייער אין "ציוניסטישן אקציאָנסקאָמיטעט". א שטאַרקער ליבהאָבער פון דער יידישער שפּראַך, האָט ער זיך דאָס גאַנצע לעבן אָפּגעגעבן מיטן יידישן פּאָלקלאָר און דערוועגן פאַרעפנטלעכט א צאָל וויכטיקע שטודיעס. זינט 1917, געד-רוקט לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען וועגן חינוך-פּראָגעס אין **הצפירה**, ווארשע, **אידישע צייטונג**, ווילנע, **דאָס אידישע וואָרט**, וויני. **קאַנאַדער אדלער**, **דער אידישער זשורנאַל**, טאָר׳ **אידישער קעמפער**, **מאָרגנזשורנאַל**, **הדואר** (אַלע נ.י.) אין **ספר השנה ליהודי אמריקה**, תש״יא, פאַרעפנטלעכט א גרעסערע שטודיע וועגן יידישן הומאָר אין אַמעריקע, וואָס באַווייזט זיין גרויסע ליבשאַפט צום יידישן וואָרט בכלל און וואָס קומט צום אויסדרוק אויף אן אייגנאַרטיקן אופן אין יידישן גלייכוואָרטל. אין בוכפאָרעם **פון אידישן קוואַל**, (אידישע וויצן, אַנעקדאָטן און גלייכווערטלעך) מיט א הקדמה פון הרב יהודה עלזעט, וויניפּעג, 1937, 296 ז׳. הרב ע׳שרייבט "דאָס בוך פאַרמאָגט א גרויסן אוצר פון יידישן שאַרפזין און תמימות און איז כאַראַקטעריסטיש דורכן מעטאָד פון מחבר, וואָס זיין פאָרשונג איז א קאָנקרעטער און אינטערפרעטירטער סימן-מובהק, וואָס איז זייער וויכטיק פאַר דער גאַנצער פאָרשונג פון יידישן פאָלקלאָר..." ש.מ. איז געשטאָרבן אין וויניפּעג.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ב.5 מיט ביבליאָגראַפיע, נעקראָלאָגן אין דער יידישער פּרעסע, אסתר שעכטער, **די געשיכטע פון מיין לעבן**, וויני 1951, קאַנאַדיאַנאַ.

מילער, שמואל (1908-29 טער מאַרץ 1957)

געבי אין לאָמזשע, פּוילן. באַקומען יידישע דערציונג, שפּעטער אליין זיך געלערנט וועלטלעכע לימודים און שפּראַכן. פון 1927, ביז צו זיין טויט, געוווינט אין מאָנט׳. אייניקע יאָר געווען אַן אַרבעטער, שפּעטער א יוניע-טוער און אקטיוו אין די פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. פון 1931 ביז פאַר זיין טויט, געדרוקט קאָרעספּאָנדענצן און אַרטיקלען וועגן אַרבעטער-פּראָגעס און אויף יידישע קולטור און ליטעראַרישע טעמעס אין **וואָכנבלאַט**, טאָר׳.

געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

אינפאָרמאַציע פון שלום שטערן.

מיצמאַכער, שלמה (11 טער יוני 1912 —)

געבי אין אָזשאַראָוו, קעלצער געגנט, פּוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. ביז צו דער צווייטער וועלט-מלחמה אין 1939, געווען אן אַרבעטער בעת דער נאַצישער אָקופּאַציע פון פּוילן, אַנטלאָפן אין די באַזעצטע רוסישע געביטן. פון דאָרטן אין אָנהויב 1941, געקומען קיין מאָסקווע און געוואָרן א תלמיד פון ש. מיכאָעלס טעאַטער-שול, שפּעטער געלעבט אין מיטלאַזיע פון דאָרטן אין 1946 צוריקגעקומען קיין פּוילן, אָבער

דערנאָך זינט 1948 אין קאנאדע. א צייט געלעבט אין מאנטרעאל און דאָרטן געענדיקט א העברעיש־יידישן לערער־סעמינאר און געוואָרן א לערער אין די יידישע שולן. נאָך אין פוילן, פארעפנטלעכט לידער אין א צאל פּראגרעסיווע ליטעראַרישע צייטשריפטן אין ווארשע. (1937) פון 1946 געדרוקט לירישע לידער, דערציילונגען און ליטעראַרישע קריטיק וועגן שרייבער און ביכער אין **דאס נייע לעבן, פאָלקסשטימע, יוגנט־זשורנאל אויפגאנג** א״א (לאדזש־ווארשע) ער האָט זיך אויך באטייליקט אין ליטעראַרישע זאמלונגען אין פאריז, ניו יארק און אין מדינת ישראל. אין קאנאדע זיך באטייליקט אין **קאנאדער אדלער,** מאנט׳ **דער יודישער זשורנאל, וואכנבלאט** (ביידע אין טאָר׳) **יידישע קולטור,** נ.י. אין בוכפארעם ארויסגעגעבן: **אין וואגל**,לידער פון שטילן געמיט און בענקשאפט, טאָר׳ 1948, 48 ז׳ **איינער פון א סאך,** (באשרייבונגען וועגן זיינע 6 יאר לעבן אין סאָוועטן־פארבאנד און טיילן וועגן זיין לערנען און וועגן מיכאָעלס טעאטער־סטודיע) .ת.א. 1970, 111 ז׳. גרייט צום דרוק און דאַרף דערשיינען אין 1979 **עסייען וועגן יידישע שרייבערס.** לעבט אין טאראנטאָ.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, ב.5 מיט ביבליאָגראפיע, חיים לייב פוקס, **יידישע קולטור**, נומ. 1 נ.י 1972.

מיראַנסקי, פּרץ (24 טער פעבר. 1908 —)

געב׳ אין ווילנע, ליטע. געלערנט אין חדר און יידישער פאָלקסשול. טאלאנטירטער יידישער פאעט און אריגינעלער משלים־שרייבער. זינט 1934, אין דער יידישער ליטעראַטור. געווען א מיטגליד פון דער ״יונג־ווילנער״ שרייבער און מאָלער גרופּע און א מיטארבעטער פון זייערע ליטעראַרישע אויסגאבעס. ביזן נאצישן אנפאל אויף רוסלאנד, געלעבט אין ווילנע, דערנאך ביז 1945 אין מיטלאזיע און שפעטער אין פליטים־לאגערן אין דייטשלאנד פון וואנען אין 1949 געקומען קיין קאנאדע. א צייט געוווינט אין מאָנטרעאל, איצט אין טאָראָנטע אנגעהויבן שרייבן מיט משלים, וואָס האָבן געוויזן טאלאנט און אייגנארטיקייט אין **ווילנער טאג,** 1934 און זינט דאַמלט זיך באטייליקט אין א גרויסער צאָל צייטשריפטן איבער דער יידישער וועלט. מחבר פון אייניקע רעווי־נומערן, וואס זענען אויפגעפירט געווארן. פון 1950 דרוקט ער זיינע לידער און משלים, חוץ אין **קאנאדער אדלער,** מאנט׳ **דער אידישער זשורנאל,** טאר׳ אויך אין **דער גאלדענער קייט** ת.א. **סביבה, צוקונפט, אויפן שוועל, יידישע קולטור** און פון 1976 אויך אין **פארווערטס** (אלע אין נ.י.) **פאר אונדזערע קינדער** פאריז א״א. ער איז געווען א רעדאקציע־מיטגליד פון דער צייטשריפט, **אונדזער לעבן** (דייטשלאנד, 1948) אין בוכפארם **א ליכט פאר א גראשן!** לידער און משלים פון ווילנער פעריאָד און געשריבענע אין די יארן (1934־1950) מאָנט׳ 1951 108 ז׳ שער־בלאט פון ב. מלחי **שורות שירה** (לידער און משלים געשריבן אין קאנאדע) ת.א. 1974, 250 ז׳ צווישן שמייכל און טרערן, נייע משלים מאנט׳ 1979, 160 ז׳ (באקומען א סובסידיע פון מיניסטעריום פאַר עטנישע קולטורן) זיינע משלים וואס ער דרוקט די לעצטע יארן אין **פארווערטס,** נ״י, זיינען רייך מיט

פאַרב און מוזיק און קענען צוגערעכנט ווערן צו די בעסטע משלים פון דער וועלט ליטעראַטור און זיי באַריי־כערן מיט זייער אָריגינעלקייט די יידישע פּאָעזיע. זיי זיינען אויך א וויכטיק מאַטעריאַל פאַר די געציילטע יידישע שולן איבער דער וועלט (ח.ל.פ.)

אין אַ ריי משלים קענטיקט זיך בולט, אַז דאָס איז פּאָעזיע אין פּאַבוליסטישע בגדים איינגעהילט״. (יצחק קאַהאַן)

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.5 מיט ביבליאָגראַפיע, י. עמיאָט, פּאַרוועריטס, 21 טער סעפּט. 1975, י.ח. בילעצקי, גאָלדענע קייט נומ. 86, 1975. י. קאַהאַן ״ביי זיך״ ת.א. מאי 1979.

מישנין ראָזאַ (2 מערץ 1883 —)

באַקאַנטע איבערזעצערין פון דער ענגלישער און דייטשער ליטעראַטור. אין די יאָרן 1915־1919 געלעבט אין מאָנטרעאָל און געדרוקט אירע אַרבע־טן אין קאַנאַדער אָדלער, דער עיקר ראָמאַנען וואָס זענען געגאַנגען האַלבע און גאַנצע יאָרן. מער וועגן איר לעבן און שאַפן זען. זלמן זילבערצווייג, לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער, ב.2, קאַנאַדיאַנאַ.

מלאַטעק, יוסף (25טע 1918 —)

געב׳ אין פּראַשעוויץ, קעלצער געגנט, פּוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין וואַרשע און אַקטיוו אין דער יידישער סאָציאַליסטישער און קולטור־אַרבעט, דער עיקר, צווישן דער יידישער אַרבעטער־יוגנט, בעת היטלער האָט פאַרכאַפּט פּוילן, אַוועק קיין ליטע, פון דאָרטן קיין שאַנכיי, פון וואַנען געקומען קיין קאַנאַדע. אייניקע יאָרן געווען א יידישער לערער אין קאַלגאַרי, שפּעטער באַזעצט זיך אין נ.י. ביז דער מלחמה, געדרוקט לידער אין פאַרשידענע צייטשריפטן אין פּוילן. אין קאַנאַדע, זיך באַטייליקט מיט לידער, אַרטיקלען וועגן קולטור־און דערציונגס־פּראָגן און עסייען וועגן שרייבער און ביכער אין **דאָס אידישע וואָרט**, וויניפּעג, **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ א.א. י.מ. האָט גאָר גרויסע פאַרדינסטן פאַר דער יידישער קולטור און יידישער פּאָעזיע און זיך ספּעציעל אויסגעצייכנט מיט זיינע אַרבעטן אין **פאָרווערטס** און דאָרטן האָט ער איינגעפירט (צוזאַמען מיט זיין פרוי, חנה גאָרדאָן־מלאַטעק) א״פ ״אַ פאַרשער״ ״די זונטיק־זייט״ **פּערל פון דער יידישער פּאָעזיע״** און דורך דעם אויפגעוועקט ביים יידישן לעזער דעם אינטערעס צו דער יידישער פאָלקסשאַפונג און סיי צו דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור.

מער פּרטים וועגן זיין לעבן און שאַפן, זען **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב. 6 מיט ביבליאָגראַפיע, קאַנאַדיאַנאַ.

מלחי, בצלאל (1900 —)

באַרימטער יידישער סקולפּטאָר און קינסטלער. געב׳ אין שטעטל סימני, ביי קאָוונע, ליטע, יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון 1921 ביז 1927 געלעבט אין ארץ ישראל, תּלמיד פון פּראָפ. באָריס שאַץ אין דער ״בצלאל־שולע״, ירושלים, וווּ ער האָט זיך אויסגעצייכנט ספּעציעל אין זיינע סקולפּטורן, שפּעטער געלעבט אין קאָוונע און לאַטיין־אַמעריקע. פון 1933 ביז 1953 אין מאָנט׳ און אַקטיוו אין יידישן לעבן און דורך זיינע 20 יאָר לעבן אין מאָנט׳. געשאַפן גרויסע ווערק. א ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער לאַנגע יאָרן אָוועקגעגעבן אין באַצירן און צייכענען איבער 50 שער־בלעטער

צו יידישע און העברעישע ביכער און צייטשריפטן. א צאל פון זיינע סקולפטורן באַשיינען די זאַלן פון דער יידישער פאלקסביבליאטעק. צווישן זיי די קעפ פון די מאנטרעאלער יידישע דיכטערס. י.י. סיגאל, אײדע מאזע א״א. פון גאר גרויסן קונסט־ווערט איז זיין 8 פוסיקע האַלץ־שניצעריי ״וואוהין״ אין וועלכער ער האָט פאַרייביקט די ליידן פון א יידישע פרוי און איר קינד, פאַרפאָלגטע פון די נאציס. ב.מ. האט חוץ אין קונסט־געביט אויך געשריבן ארטיקלען וועגן מאלעריי, וואס האבן באוויזן זיין ליבשאפט צו יידישער קונסט און זיינע קינסטלער. ער האט זיך באטייליקט אין די זשורנאלן **חשבון** **קאַליפארניער יום־טוב־בלעטער** א.א. אין לאס־אנדזשעלעס ווו ער לעבט די לעצטע יארן.

אברהם האלפערן, **לאנד און לעבן**, מאַנטעווידעאַ, וטער יוני 1932, דזשאן מ. עלסאן **נאציאנאל רעפערענץ־בוך** (ענגליש) מאנט׳ ערשטער יולי 1936, ב.קאץ, **לאנדס־לייט**, נ״י סעפט. 1947, יוסף קעידזש, **קאנ. אדלער**, מאנ. 2טער נאוו. 1952, י. מאמעלעק, דארט, 2טער אפריל 1953, י. טילעס, **פאר־ווערטס**, נ״י 27 פעבר. 1954, י. ראשעל, **פארויס**, מעק. סעפט. 1967.

מלאך, לייב (27 טער נאָוו׳ 1894 — 18טער יוני 1936)

באַרימטער יידישער שריפט־שטעלער, פּאָעט און דראַמאַטורג. געב׳ אין זוואָלין, ביי ראַדעם, פוילן. באַרייזט כמעט די גאנצע יידישע וועלט. פון 1915 ביז צו זיין פריען טויט, באַרייכערט די יידישע ליטעראַטור מיט אַ גרויסער צאָל וויכטיקע ווערק, וואָס זיינען אויפגענומען פון דער קריטיק מיט גרויס לויב און אַנערקענונג. אין די יאָרן פון 1925 ביז סוף 1931, געלעבט אין טאָר׳, אין יענע יאָרן געווען א שטענדיקער מיטארבעטער פון **דער אידישער זשורנאַל**, **פּראָלעטאַ־רישער געדאנק**, **טאָר׳**, **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ **דאס יודישע וואָרט**, ווינ׳ אין די אלע צייטונגען געדרוקט חוץ זיינע רעפּאָרטאַזשן פון ארץ ישראל און די לענדער פון לאַטיין־אמעריקע אויך עסייען וועגן שרייבער און ביכער. אין טאָראָנטאָ איז ער געווען זייער שעפעריש, דער עיקר מיטן שאַפן א צאָל דראַמעס וואָס זיינען געשפּילט געוואָרן אין יידישע טעאַטערן איבער דער וועלט. צוו׳ אנד׳ די דראַמע, **וויין און בלוט**, די קאמעדיע, **דער קריטיקער מיטן שארפן אויג**, די דראמע, **מיסיסיפּי**, וואס האָבן אים דערהויבן צו ווערן א וויכטיקער יידישער דראַמען־שרייבער. אויף זיין רייזע איבער אייראָפּע, פלוצים שווער קראנק געווארן אויף אן אפענדיק און דערפון געשטאָרבן אין א פאריזער שפּיטאל. מיר ברענגען נאָר א פּאָר שורות צו כאַראַקטעריזירן זיין טאַלאַנט: אזוי שרייבט דניאל לייבל..״ ער איז ארויס אויפן שרייבערישן וועג פולשטענדיק נישט צוגעגרייט...און ער איז דערגאנגען צו גרויסקייט״ (**נייוועלט** ת.א. 1936).

טיילן פון זיינע איבערגעבליבענע כתבים זיינען די לעצטע יאָרן געדרוקט אין **חשבון ל.א.**

מער וועגן זיין רייך שעפעריש לעבן זען: ז. רייזען **לעקסיקאָן** ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור** ב.6, חיים לייב פוקס, **לאָדזש של מעלה**, ת.א. 1972, אינדעקס.

מלאך — פידלער, לאָטי (5 טער נאָוו׳ 1906)

פרוי פון לייב מלאך. געב׳ אין דאָרף מיהאוועע, ביי טשערנאָוויץ, בוקעווינע. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. פון

1925 ביז סוף 1931 געלעבט אין טאָראָנטאָ. געווען אַ יידישע לערערין אין די שולן פון דער פ.צ.־פּאַרטיי און אַקטיוו אין יידישן לעבן. אָנגעהויבן שרייבן לידער אין די שול יאָרן און צו דרוקן אין 1926 מיט לידער, דערציילונגען קינדער מעשהלעך און אַרטיקלען וועגן דערציונגס פּראָגעס און וועגן שרייבער און ביכער אין דער **יודישער זשורנאַל, פּראָלעטאַרישער געדאַנק** און אין אַ צאָל ליטעראַרישע זאַמלונגען פון דער יונגער פּראָלעטאַרישער שרייבער־גרופּע אין טאָר׳ זי האָט זיך אויך באַטייליקט אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ דאָס **יודישע וואָרט**, וויני׳ און אין כמעט אַלע אויסגאַבעס פון דער לינקע פ.צ. איבער דער וועלט און אין אַנדערע ליטעראַרישע זאַמלונגען. זי איז די מחברין פון די ביכער **שטילע טריט**, דערציילונגען און קינדער מעשהלעך, לאָס־אַנדזש. 1955, 160 ז׳ **דערציילונגען**, דאַרטן, 1964, 266 ז׳. אין אירע אַלע זאַכן דאָמינירט איר ליבשאַפט און דער לירישער געפיל, וואָס זי ברענגט אַרויס פון דער וועלט פון קינדער און איינזאַמע נשמות. זינט זי לעבט אין קאַליפאָרניע, באַטייליקט זיך אין **קאַליפאָרניער בלעטער, קאַליפאָרניער אידישע שטימע, חשבון**. זי איז אויך אַ שטענדיקע מיטאַרבעטערין אין **ישראל שטימע**, ת.א. אַ צאָל פון אירע לידער זיינען איבערזעצט אין עברית און ענגליש און אַ טייל פון זיי זיינען אַריין אין אַנטאָלאָגיעס.

דרוקט אויך אונטער פּסעוודאָנימען.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.6 מיט ביבליאָגראַפיע, חיים לייב פוקס, **פרייע אַרבעטער שטימע**, נ.י. 1 טער מאַרץ און 1 טער יוני 1964. **קאַנאַדיאַנאַ.**

מעטאַלאָוויעץ, הערשל (18 טער אויג. 1894 — 26 אַפּריל 1980)

פּאַרטייאיש פּאָליטישער און ליטעראַרישער נאָמען פון הערש לייב בעקערקונץ. געב׳ אין וואַרשע, פּוילן אין אַ פרומער, חסידישער משפחה, געלערנט אין חדר, חסידים־שטיבל, תלמוד־תורה, און דורך זעלבסט בילדונג צו 14 יאָר געוואָרן אַ לערניינגל ביי אַ מעטאַל־טאָקער. שפּעטער אַריין אין דער יידישער אַרבעטער און פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. שוין אין די פריע יונגע יאָרן באַרימט געוואָרן ווי אַ מאַסן־רעדנער און אויסגעקליבן אין דער אָנפירונג פון "מעטאַל־אַרבעטער־פאַריין" און פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון "בונד", בעת דער דייטשער אָקופּאַציע (סוף 1915־1916) אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט אויף אַרבעט קיין דייטשלאַנד. און ביז 1918, געאַרבעט אין די געווער־פאַבריקן אין דאָרטמונד און בערלין, וואָס ער האָט אויסגענוצט בכדי צו ווערן איינער פון די מיטגרינדער פון אַ צאָל יידישע קולטור־אינסטיטוציעס (צוו׳ אַנד׳ דעם י.ל. פּרץ־פאַריין אין בערלין) נאָכן צוריקקומען קיין וואַרשע אין 1918, געווען פון די אַקטיווע טוער אין "בונד" אין פּוילן. בעת דער שפּאַלטונג אין 1921, איז ער געווען איינער פון די אָרגאַניזאַטאָרן און אָנפירער פון "קאָמבונד" וואָס האָט אים שפּעטער דערפירט צו ווערן אַ טוער אין דער אַלגעמיינער קאָמוניסטישער פּאַרטיי אין פּוילן און אירס אַ וואָרטזאָגער צווישן די יידישע מאַסן. ער איז עטלעכע מאָל געווען אַ דעלעגאַט פון פּוילן צו קאָנפערענצן פון "קאָמאינטערן" אין מאָסקווע און דאָרטן אַרויסגעטרעטן אויף יידיש. לאַנגע יאָרן געזעסן אין פּוילישע טורמעס, אָבער אויך אין די תפיסות,

אָנגעפירט מיט דער פּאָליטי־שער טעטיקייט פון די אַרעסטירטע און געווען דער פירער פון דער א.ג. "קאָמונע". נאָך דער באַפרייאונג פון טורמע (סוף 1927), ווידער אוועק קיין רוסלאנד און אין 1928 באזוכט די יידישע קאלאניעס אין קרים און אנטיילגענומען אין דער אלסאוויע־טישער קולטור־קאנפערענץ אין כאַרקאָוו. נאָכדעם ביז סוף 1934, געווען אין דער אָנפירונג פון "צענטראלן יידישן ביוראָ" און פון דער צענטראלער אָנפירונג פון דער אלגעמיינער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג אין פוילן; אבער צוליב זיינע חלוקי־דעות מיט אנדערע לינקע טוערס אין דער פארטיי־אנפירונג, און צוליב זייער שטעלונג וועגן דער טעאָריע און פּראקטיק פון "סאָציאל־פאשיזם", באזייטיקט געווארן פון דער קאָמפּארטיי און זינט דאַמלט געוואָרן אומפּארטייאיש, וואָס ער איז עד היום.

אָנגעהויבן שרייבן מיט פּראָקלאַמאציעס און אויפרופן אין די יונגע יאָרן און פּובליציסטישע אקטיוויטעט מיט קאָרעספּאנדעצן פון יידישן ארבעטער־לעבן אין בערלין און דאָרטמונד אין וואָכנבלאַט **לעבענס־פּראגען**, ווארשע 1916 (רעד. וול. מעדעם, וואס האט אים מקרב געווען און געהייסן שרייבן), שפּעטער געווען א מיטגליד פון רעדאקציע פון דער צייטשריפט **ראדעמער ארבעטער לעבן**, 1920, **אונדזער געדאנק** (חודש־אויסגאבע פון קאמבונד), לאדז, 1922, דערשינען 3 נומערן. ער איז אויך געווען א רעדאקציע־מיטגליד פון **ליטעראַרישע טריבונע**, לאדזש 1931־1932 (דארטן געדרוקט א"פ "הערמעט", "טאטארסקי" א.א) ער איז דער מחבר פון דער בראָשור **פאַקטן און מיינונגען**, לאַדזש, 1922, 32 ז'. ער איז אויך דער מחבר פון די סעריעס **בריוו פון א חבר צו א חבר און פון אן אר־בעטער צו אַן ארבעטער**, וואָס האָבן באַהאַנדלט אַקטועלע ענינים פון דער יידישער און פוילישער ארבעטער באַוועגונג און וועגן דער **אינטערנאַציאָנאַלער און קאָמו־ניסטישער באוועגונג אין פוילן** (באַקאנט ווי "ליסטי הערשלאָווסקי" וואָס ער האָט לאַנגע יאָרן פארעפנלעכט אין א צאל לעגאלע און האלב לעגאלע אויסגאבעס.) בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה, אנטלאפן פון פוילן און איבער יאַפּאַן געקומען אין 1941 קיין מאָנטרעאָל. זינט דאַמאָלט זיך כמעט אינגאנצן געווידמעט דער שרייבערישער טעטיקייט. זיינע ערשטע ארטיקלען "אין די טאלן פון טויט" פארעפנטלעכט אין וואכנבלאט, טאראנטא, האבן ארויסגערופן אויפמערק סיי צוליב דער אקטועלער טעמאטיק, וואָס האָט דערציילט וועגן די צרות, וואָס די היטלעריסטן האָבן אָנגעטאָן שוין אין די ערשטע טעג פון זייער ממשלה און וועגן דער אַלגעמיינער פּאָליטישער לאגע. דאָס האָט גורם געווען אז ער איז געוואָרן אין וואָכנבלאט, א שטענדיקער מיטאַרבעטער. ער האָט דאָרטן בסדר געדרוקט אויך ארטיקלען, רעפּארטאזשן און אנדערע ארבעטן (ביז 1956). בעת דער ישראל אקציע אין סיני, האט ער אָנגעשריבן אן ארטיקל אין וועלכן פאַרטיידיקט די רעכט פון דער ישראל מדינה צו פארטיידיקן זיך אפילו אויף א פּרעווענטיוון אופן, דאס האט מיטגעברענגט דערצו, אז ער האט איבערגעריסן מיט דער רעדאקציע פון וואכנבלאט. אין יאר 1957, אנגעהויבן מיטצוארבעטן אין **קאנאדער אדלער** און בסדר דאָרטן

געדרוקט רעפּאָרטאַזשן, בילדער און עפּיזאָדן, עסייען, דערציילונגען פון דער יידישער סביבה און גאַנצע סעריעס געשטאַלטן פון יידישע אַרבעטער און געזעלשאַפטלעכע פּערזענלעכקייטן", וואָס האָבן פאַרייביקט לדורות זייער לעבן סיי אין פּוילן און סיי אין דער יידישער וועלט בכלל. טיילן פון דעם זיינען אַריין אין זאַמלבוך, **דאָס אַמאָליקע וואַרשע**, מאָנט' 1966 און אויך אין **לעצטע נייעס**, ת.א. און אין די יידישע צייטונגען אין דרום אַמעריקע. זיי וועלן אַריינגיין אין די גרייטע צום דרוקן זעקס בענדער **געזאַמלטע שריפטן** (אַ טייל פון זיי זיינען איבערגעזעצט אין ענגליש דורך חיים שאַטאַן און געדרוקט אין **מעק גיל דיילי**, מאָנט' 1942. 1943)

ה.מ. איז געווען אַ מיטגליד פון מאָנטרעאַלער יידישן שרייבער פאַריין און בעת דער קאָנפערענץ פאַר דער יידישער קולטור אין ירושלים, 1976, געווען אַ דעלעגאַט פון מאָנטרעאַלער אַנפירונג.. פון דער "הסתדרות־קאַמפּיין"

יוסף האַרן, **מעזריטש**, ב.א. 1951, ז' 76, אַל. מינץ, **געשיכטע פון אַ פּאַלשער אילוזיע**, ב.א. 1954, ז' 76, ב. דאַמב, **פּנקס וואַרשע**, ב.א. 1955, ז' 439, מלך ראַוויטש, **דאָס אַמאָליקע** וואַרשע, מאָנטרעאַל 1966 ז' 468. לויט פאַרשידענע קוואַלן און **קאַנאַדיאַנאַ**.

מעלצער, לייזער (15 טער פעבר' 1889 — 22 טער אָקט' 1971)

געב' אין מינסק, ווס"ר. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון אָקט. 1905 ביז סוף 1927, אין מאָנטרעאַל. מיטגליד פון צ.ק. פון דער פּ.צ. פּאַרטיי. מיטגרינדער, לערער און פּרינציפּאַל פון די ערשטע יידישע טאָג־שולן אין קאַנאַדע. אָנגעהויבן שרייבן אין רוסיש און זינט 1904 אַריבער צו יידיש. נאָך אין מינסק, געווען רעדאַקטאָר פון פּ.צ. וואָכן־בלעטער וואָס ער האָט כמעט אַליין אויסגעפילט מיט זיינע אַרטיקלען. פון 1908 איז ער געווען אַ אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער און אַ צייט, נייעס־רעדאַקטאָר פון **קאַנאַדער אַדלער** און איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער פון דער צ"ש **דער מאַקאַבייער** (1911) און פון דער וואָכנשריפטן **די פאָלקסצייטונג** (1912) **די קעמפער שטימע** (אויך מיטרעדאַקטאַר) פון די פּ.צ. צייטשריפטן **דאָס וואָרט** און **דאָס פאָלק** (ביידע רעדאַקטירט פון יהודה קויפמאַן) ער איז אויך געווען רעדאַקטאַר פון **דער יודישער אַרבעטער, (1919) פאָלקס זשורנאַל** (1921) דערשינען שפּעטער א"נ **אַרבייט** (12 נומערן (1922־1923). אַרויסגעגעבן פון מאָנטרעאַלער אַרבעטער רינג מיטן אונטערקאָפּ ("אין די אינטערעסן פון די אידישע האָרעפּאַשניקעס") ל.מ. איז דער מחבר פון איינציקע ביאָגראַפיעס פון יידישע שרייבער און אַרבעטער־טוער פאַר שול קינדער (דערשינען אַנאָנים אין פאַרלאַג פון אַרב. רינג, נ.י. מחבר פון **דער בראָשור אונדזער שול**, מאָנט' 1934, 52 ז'. צוליב זיין אַרבעט פאַר די "הסתדרות קאַמפּיינען" זיך באַזעצט אין לאָס אַנדזשעלעס. דאָרטן געווען רעדאַקטאָר אין קאַליפאָרניער אָפּטייל פון **פאָרווערטס** און פון אַ יידיש־ענגלישער צייטשריפט. ער האָט אויך געדרוקט אונטער: בן יעקב, לאַזאַראָוויטש, געשטאָרבן אין לאָס אַנדזשעלעס.

מער פּרטים וועגן זיין לעבן און שאַפן זען ז. רייזען, **לעקסיקאָן** ב2, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור** ב.6 מיט ביבליאָגראַפיע ש.בעלקין, די פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע, אינדעקס ב.ג. זאַק,

ישראל ראַבינאָוויטש, **קאַנאַדער אַדלער יובל-בוך** 1907–1957, לייב חפץ, **קאַנאַדער אַדלער**, 19 טער נאָוו. 1971, קאַנאַדיאַנאַ.

מעלצער-ריינעס, מרים (30 טער מיי 1893 — 12 טער אויג׳ 1971)

פּרוי פון לייזער. געב׳ אין מינסק, ווס״ר יידישע און אַלגעמיינע בילדונג פון 1907 אין מאָנטרעאַל, איבערגעגעבענע לערערין אין די יידישע פאָלקסשולן און אַקטיוו אין אַלע געזעלשאַפטלעכע ענינים און באַזונדער אין אַלע טעטיקייטן פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ ישראל און דער הסתדרות״ מיטגרינדערן פון דער פּרויען פּיאָנערן אָרגאַניזאַציע. אָנגעהויבן שרייבן מיט לידער אויף נאַציאָנאַלע טעמעס און שטילער ליריק אין **קאַנאַדער אַדלער** (מאָנט׳ 1910), פון וועלכן איז געוועזן אַ לאַנגיאָריקע מיטאַרבעטערין. דאַרטן חוץ לידער אויך געדרוקט (א״פ דר׳ מ. ריינעס) אַרטיקלען וועגן דער פּרויען־פּראַגע און וועגן דער יידישער אַרבעטער-פּרוי אין ארץ-ישראל. כסדר געדרוקט אין **דער אידישער זשורנאַל**, טאָר׳ **דאָס אידישע וואָרט**, ווינ׳ באַטייליקט זיך מיט דערציילונגען פון יידישן אַרבעטער-לעבן, אין וועלכע זי ברענגט אַרויס אין שטילן, לירישן געמיט די יידישע אַרבעטער־פּרוי אויך אין **די פאָלקסצייטונג, דאָס וואַרט, דער מאַקאַבייער, די קעמפער שטימע, דער אידישער אַרבייטער, אַרבייט, דאָס וואָרט, דאָס פאָלק**, (אַלע אין מאָנט׳), ווי אויך **אידישער קעמפער, דער אַמעריקאַנער** א.א. נ״י. אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרעם: **צום קוואַל**, לידער, ת.א. 1961, 148 ז׳ **זון דורך וואָלקנס**, לידער, דאָרטן, 1966, 155 ז׳ אין אירע לידער קומט צום אויסדרוק די שטילע לירישע בענקשאַפט סיי פון איר אייגן לעבן און סיי אירע שטימונגען און באַגייסטערונג צום באַנייטן יידישן לעבן אין מדינת ישראל. (ח.ל.פ.) זי איז געשטאָרבן אין לאָס-אַנדזשעלעס. אין איר **אָנדעק**, איז אין תל אביב אויפגעשטעלט געוואָרן אַ קינדערהיים פאַר יתומים ״בית מלכה״.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.6. ש. בעלקין **די פּועלי-ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס, לייב חפץ, **קאַנאַדער אַדלער**, 13 טער סעפּט. 1971, קאַנאַדיאַנאַ.

מענאַכאָווסקי, משה (15 טער נאָוו. 1893 — 17 טער יולי 1969)

געב׳ אין פּינסק, פּאַליעסיע. פון די יונגע יאָרן, אַקטיוו אין דער פּועלי-ציון־פּאַרטיי. אין 1930 געקומען קיין וויניפּעג. לערער אין דער פּרץ שולע און פון 1933 ביז צו זיין טויט, אין טאָראָנטאָ. גרינדער און לערער פון דער אַרטיקער באַראַכאָוו-שול און קינדער-גאָרטן. דערציער פון דורות יידישע קינדער. מיטגרינדער פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס. ביז 1930, געוועזן אַ מיטאַרבעטער פון כמעט אַלע פּ.צ. צייטשריפטן אין פּוילן. דאָרטן געדרוקט חוץ פּובליציסטישע אַרבעטן וועגן שול-און קולטור-פּראָבלעמען אויך עסייען וועגן ליטעראַטור. שפּעטער באַטייליקט זיך אין **צוקונפט, אונדזער שול, אונדזער וועג, פּעדאַגאָגישער ביולעטין, יידישע קולטור**, א.א. ניו יאָרק, **פאָרויס, די שטימע**, מעקסיקע א.א. ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל אַרבעטן אויף פּאָליטישע ליטעראַרישע, פּעדאַגאָגישע טעמעס ווי אויך סעריעס באַשרייבונגען פון

זיינע רייזעס איבער ארץ ישראל און סאָוויעטן־פארבאנד. אין ספר **בריסק־דליטא, ירושלים 1961, געדרוקט א געשיכטלעכע פארשונג וועגן פועלי ציון. אין אלמאנאך יידיש**, נ.י. פארעפנטלעכט די וויכטיקע ארבעט ״צוריקגעשטאנענע קינדער אין דער יידישער ליטעראטור״ וואס איז פון די ערשטע ארבעטן אויף דעם געביט. 1938־1941, געווען רעדאקטאר פון וואָכנבלאט **פראַלעטאַרישער געדאנק**, טאר׳. צו זיין 70 יעריקן יובל איז דערשינעז דאס זאמלבוך **דער וועג, ת״א 1964** אין וועלכן עס געפינען זיך חוץ ארטיקלען וועגן זיינע פאַרדינסטן פאר דער יידישער קולטור, פיאנערישקייט פאר דער יידישער שול אויך א צאל וויכטיקע ארבעטן זיינע וואס זענען נישט דערשינען אין בוך־פארם. צווישן זיי די עסיי ״ברוך שפינאזע״ וואס פאַרנעמט 30 ז׳ ארויסגעגעבן אין בוכפארם: די ווירקונג פון דער מלחמה אויף אונדזערע קינדער, טאר׳ 1943, **בער באראכאוו, זיין לעבן און שאפן**, ב״א 1959, 112 ז׳ **געמישטע חתונות אין דער יידישער ליטעראטור**, דארט 1968, 93 ז׳ **וועגן יידיש אין מדינת ישראל**, מעקסיקע 1968, ווי אויך א צאל בראָשורן אין ענגליש צוו.אנד.**די יידישע יוגנט אויפן שיידוועג**, טאראנטא. מ.מ. האט געהאט גאָר גרויסע פאַרדינסטן פאר דער יידיש־וועלטלעכער קולטור און ווי איינער פון די פיאָנערן פון דער יידישער שול־באוועגונג אין אלע שטעט און לענדער ווו ער האט געלעבט. ער האָט אויך געדרוקט א״פ מ. סטערלין, מ. שווארצמאן, א מאן, מ. מען א.א. געשטארבן אין טאראנטא.

מער פרטים וועגן זיין רייך לעבן און שאפן זען: **לעקסיקאָן פון דער נײַער יידישער ליטעראטור**, ב.6 מיט ביבליאָגראפיע, פארשידענע יזכור ביכער, און קאנאדיאנא.

מעסי, נאָרמאַן, (25 טער דעצ. 1908 —)

ליטעראריש־געזעלשאפט־לעכער נאָמען פון נח פוטערמאַן. געב׳ אין פלאָצק, פוילן. ביז 13 יאר געלערנט אין חדר, שפעטער אויף אָוונט־קורסן. יונגערהייט געוואָרן אן ארבעטער. פון 1929, אין מאָנטרעאל. פון די פריע יארן, אקטיוו אין יידישן ארבעטער־לעבן, צוערשט און דער פ.צ. (לינקע) דערנאָך אין דער לינק־פּראגרעסיווער באוועגונג. ער איז פאָרזיצער פון ״פאָלקאָרדען״ אין מאָנטרעאל. אָנגעהויבן שרייבן מיט ארטיקלען וועגן יידישע ארבעטער־פּראָבלעמען אין **דער קאמף**, דערנאך **אין דער וועג** און פון 1940 איז ער אַ שטענדיקער מיטארבעטער פון **וואָכנבלאט**, טאָר׳ דאָרטן חוץ אויף אַלגעמיינע און יידישע טעמעס, דרוקט ער אויך מאמרים וועגן פאליטישע ענינים און ספעציעל וועגן פראָבלעמען וואָס האָבן א שייכות צו דער קוויבעק־פראווינץ, די קאַנאַדער פראַנצויזן, א.א. ער איז אויך באטייליקט אין **מ. פרייהייט**, נ.י. **די נייע פרעסע**. פאריז, רעדאקציע־מיטגליד פון **ביולעטין פון אָרדן**, טאר׳ דרוקט אויך אונטער: א שניידער, נ.מ. זיינע רייזע־באשרייבונגען פון סאוור־פארבאנד, ישראל, פוילן און מזרח־קאנאדע זיינען אינטערעסאנט סיי מיט זייער אָביעקטיוויטעט און סיי מיט דער מאָלערישער שילדערונג״. (ח.ל.פ.)

ד״ר שלמה גאלד, **וואָכנבלאט**, טאָר. 11 יו :ר יוני 1977.

מרגליות, יוסף־מאיר (1891 —)

געב׳ אין ירושלים אין א משפחה פון רבנים. תלמיד פון הרב א.י. קוק. אין 1909 באקומען סמיכה אויף רבנות. א צייט געווען רב אין לאנדאן, ענגלאנד, און פון 1914 ביז 1928 געלעבט אין מאָנטרעאַל, ראש ישיבה פון דער ״מאָנטרעאלער ישיבה״. אין דער צייט וואס ער האט געלעבט אין לאנדאן, געדרוקט ארטיקלען וועגן רעליגיעזע און שול־ענינים אין **די צייט**, לאנדאן, און פון 1914 אן געדרוקט וועכנטלעך א קאלום ״תורה און לעבן״ אין **קאנאדער אדלער**, מאנט׳ דערנאך אין יידישע און העבראישע צייטשריפטן אין ניו־יארק. מחבר פון העבראישע און יידישע ספרים. צוו. אנד. 2 בענדער **תורה און לעבן**, נ.י. 1933, ב.1, 258 ז׳ ב.2. 295 ז׳. אין 1947 צוריקגעפארן קיין ארץ ישראל און פון וועג אויף דער שיף געש־יבן זיינע רייזע באשרייבונגען א״ט ״ב״ה. **יידן פאָרן קיין ארץ־יש־ראל**״ וואָס האבן אין א שיינער ליטעראריש׳ער שפּראַך געשילדערט דאָס פאָרן פון דער שארית הפליטה קיין א.י. נאכן חורבן, אין **קאנאדער אדלער**, און ער איז שפּעטער א רייע יאָרן געווען דער שטענדיקער קארעספּאנדענט.

הקדמה צו תורה און לעבן, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, ב.6 מיט ביבליאגראפיע, **קאנאדיאנא**.

נ

נאַבעלמאַן, משה (20 טער מײַ 1891 —)

געב׳ אין טראָיאַנאָוו, וואָלין. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. זינט 1926 אין קאַנאַדע. געווען א העברעישער לערער אין תלמוד תורהס אין עדמאָנטאָן און טאָראָנטאָ. אַנגעהויבן שרייבן מיט דערציילונגען אין **החבר**, ווילנע, 1905, שפּעטער זיך באַטייליקט מיט איבערזעצונגען פון רוסיש אין פאַרשידענע צייטשריפטן אין רוסלאַנד און פּוילן פון 1926 געדרוקט דערציילונגען, נאָוועלן און אַרטיקלען אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ **דער יודישער זשורנאַל**, **קאַנאַדער נייעס**, טאָר׳ **דאָס יודישע וואָרט**, ווינ׳. ער האָט אויך פאַרעפנטלעכט פאַרשידענע אַרבעטן אין **דער טאָג, מאָרגען־זשורנאַל**, נ.י. און דאָרטן אין 1945 באַקומען א פּרעמיע פאַר דער בעסטער דערציילונג פון יאָר פאַר זיין נאָוועלע "די טראָיאַנאָווער קדושים" אין וועלכער געשילדערט דעם פּאָגראָם אין זשיטאָמיר אין 1905 טן יאָר. ער האָט אויך געדרוקט אין **הדואר** און אין אַנדערע העברעישע צייטשריפטן אין נ.י. אין **ספר זוויהיל**, ת.א. 1962, פאַרעפנטלעכט זכרונות און פּאָרטרעטן פון איינפלוסרייכע יידישע פּערזענלעכקייטן און בילדער פון אַמאָליקן דאָרטן יידישן לעבן. ער איז געווען לאַנגיאָריקער סעקרעטאַר פון אָנטאַריער אָפּטייל פון "מזרחי" די לעצטע יאָרן, איז ער אַ תושב "בייקרעסט מושב זקנים", אָבער נאָך אַלץ טעטיק ווי א שרייבער און דרוקט זיינע מאמרים און קאָרעספּאָנדענצן אין **פאָרווערטס**, **אַלגעמיינער זשורנאַל**, נ.י. און אין **בייקרעסט צענטער ביולעטין**, טאָר׳.

"חוץ אַ שרייבער און א בעל קורא, איז ער ווי א לערער מיטן גאַנצן האַרצן איבערגעגעבן צו זיינע תלמידים, וואָס ער וויל מדריך זיין ווי גוטע יידן, ווי א שרייבער, באַמיט ער זיך משפּיע צו זיין אויפן לעזער.." הרב מאיר שוואַרצמאַן. זיין זון בנימין איז א מיטאַרבעטער פון דער יידיש־ענגלישער פּרעסע אין קאַנאַדע.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב. 6 מיט ביבליאָגראַפיע, אינפאָרמאַציע פון רחל בעסערמאַן, טאָר׳ קאַנאַדיאַנאַ.

נאָוואַק, הערשל (2 טער אויג׳ 1892 — 8 טער אויג׳ 1952)

געב׳ אין פּיעטריקאָוו, לאָדזשער געגנט, פּוילן. געלערנט אין חדר, ישיבה און ביי פּריוואַטע לערערס. פון 1909 ביז 1921 געלעבט אין מאָנטרעאַל און געטאָן פאַרשידענע מלאכות, גלייכצייטיק געווען פון די ערשטע גרינדערס און לערער אין די יידיש־וועלטלעכע שולן, אויך פּרינציפּאַל פון דער פּרץ שולע. בעת דער ערשטער וועלט מלחמה, אַקטיוו אין "פּיפּעלס

רעליף קאָמיטעט". ער האָט אויך געהאָלפן גרינדן אַרבעטער־יוניעס, די מאָנטרעאָלער "יידישע פאָלקסביבליאָטעק". ער איז געווען אַ רעדנער און לעקטאָר אין "פאָלקס אוניווערסיטעט" און אַגיטירט מען זאָל פּייערן אין די יידישע שולן די יידישע ימים טובים, וואָס ער צוזאַמען מיט זיין חבר, דער לערער, שלמה בערקאָוויטש האָבן איינגעפירט.

שרייבערישע טעטיקייט אָנגעהויבן מיט מעשהלעך און סימבאָלישע לעגענדעס אין **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט' 1910 און איינער פון זיינע מיטאַרבעטערס ביז צו זיין אוועקפאָרן קיין נ.י. ער האָט געדרוקט אויך אַרטיקלען וועגן שול־פּראָגעס, קליינע דערציילונגען און ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען וועגן שרייבער און ביכער און אַנדערע זאַכן אויך אין **די פאָלקסצייטונג** מאָנט' (1912), **צוקונפט** און אַנדערע ליטעראַרישע אויסגאַבעס, ניו יאָרק. זיין איינציק בוך **פון מיינע קינדער־יאָרן**, (דערשינען נאָך זיין טויט). נ.י. 1957, 227 ז' מיט אַ הקדמה פון יידל מאַרק, שילדערט אין זיין ערשטן טייל דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן אין פּיעטריקאָוו און אין 2 טן טייל, די יידישע שול און קולטור באַוועגונג אין מאָנטרעאָל, וואָס איז אַן **אויטענטישער היסטאָרישער** מאַטעריאַל וועגן יענע צייטן. ווי עס שרייבט וועגן אים י.י. סיגאַל ..." ער האָט זיינע טעג און נעכט ממש ווי שטיינער אַריינגעבויט אין די ווענט פון דער יידישער קולטור"...און ישראל ראַבינאָוויטש זאָגט..." ווי אַן אומדערמידלעכער עסקן פאַר אַלץ וואָס האָט געהאַט צו טאָן מיט יידישער קולטור, האָט ער ביז די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, נישט אויפגעהערט צו טראָגן אין זיך דעם "עול המיצוות" פון דער יידישער קולטור" ה.נ. איז געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

מער וועגן זיין לעבן און שאַפן זע **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.6, מיט אַ ביבליאָגראַפיע, ש. בעלקין **די פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס, קאַנאַדיאַנאַ.

נוטקיעוויטש, סערגעי (21 סעפּט' 1906 —)

געב' אין לאָדזש, פּוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געווען אַ ראַטמאַן פון "בונד" אין לאָדזשער שטאָט־ראָט. פון די פריע יונגע יאָרן, אַקטיוו אין דער סאָצ. באַוועגונג. געווען אַ מיטאַרבעטער און אַ רעדאַקטאָר פון אַ רייע צייטונגען אין פּוילן. בעת די נאַציס האָבן זיך דערנענטערט קיין לאָדזש, אַנטלאָפן, און פון סעפּט' 1939 ביז מיטן 1941, געלעבט אומלעגאַל אין די רוסישע באַזעצטע געביטן פון פּוילן, אַ צייט געלעבט אין ווילנע. פון דאָרטן אין האַרבסט 1941 געקומען קיין קאַנאַדע. ביז סוף 1945 געלעבט אין טאָראָנטאָ. געווען לערער און פּרינציפּאַל פון די "אַרבעטער רינג" שולן, גלייכצייטיק געווען אַ סטאַבילער מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער נייעס**, טאָר' (רעד מ. גאָלדסטיק) דאָרטן געדרוקט אַרטיקלען וועגן **יידישע פּראָבלעמען**, **עסייען** וועגן ליטעראַטור און פּאָלעמישע מאמרים (אויך אונטער יהודית דאָמב) געווען רעדאַקטאָר פון דער פּוילישער סאָציאַליסטישער צייטשריפט **וואָלקאַ לודו** (טאָר' דעטרויט 1941־1946) אויך רעדאַקטאָר פון דעם סאָצ־וואָכנבלאַט **דאָס סאָציאַליסטישע וואָרט** (דערשינען אין טאָר' 1941־1942). באַטייליקט אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר' (אויך אונטער ס.

בעטיסמאַן) **פאָרווערטס**, נ.י. וווינט זינט 1946 אין לאָס אַנדזשעלעס, איז א רעדאַקציע־מיטגליד פון זשורנאַל **חשבון**.

מער וועגן זיין רייך לעבן און שאַפן זען: **לעקסיקאָן פון דער נייַער יידישער ליטעראַטור**, ב. 6 מיט ביבליאָגראַפיע, חיים לייב פוקס, **לאַדזש של מעלה**, ת.א. 1972, אינדעקס. קאַנאַדיאַנא.

25) **ניטיקמאַן, יחיאל־מעבל**

טער יאַנ. 1904 —)

געב׳ אין טשאַן, וואָלינער געגענט. געלערנט אין חדר און א רוסישע פאָלקסשול. בעת די פאָגראָמען אין אוקראַינע אַנטלאָפן פון רוסלאַנד. פון 1921 אין וויניפעג און ביז 1974 געווען דער יידישער לינאָטיפיסט פון כמעט אַלע יידישע און העברעישע אויסגאַבעס. לאַנגיעריקער מיטאַרבעטער (און פון צייט צו צייט, אויך רעדאַקטאָר) פון **דאָס אידישע וואָרט**, ווינ׳ און חוץ לויפנדיקע צייטונגס־מאַטעריאַלן אויך געדרוקט דערציילונגען, פעליעטאָנען און די סעריע "טיפן און בילדער פון מיין שטעטל טשאַן" וואָס פאַרהתמענען לדורות דאָס אָרטיקע יידישע לעבן אין א הומאָריסטישן געמיט. באַטייליקט זיך אין דער וועג, מעקסיקע, **יידישע צייטונג**, ב"א א.א. ער האָט פון ענגליש איבערזעצט די בראשור פון ריכטער לינדאַל" **וועגן דער באַטייטונג פון קאַנאַדער בירגער אַקט**". אין דער ענגלישער אויסגאַבע" **מיוטשועל־קולטורעל פרעס אין מאַניטאָבע**", טאָר׳ 1974 פאַרעפנטלעכט "**וועגן דער יידישער פרעסע אין מאַניטאָבע**, דער עיקר וועגן דער געשיכטע פון די צייטונגען **דאָס אידישע וואָרט** און **די נייע צייט**, וואָס זענען א וויכטיקער צושטייער צו דער געשיכטע פון דער יידישער פרעסע אין מערב־קאַנאַדע פון זיינע פסעוודאָנימען איז באַקאַנט "יחיאל מעבל אוקראַיניק". זינט זיין באַזעצן זיך אין ווינ׳. איז ער טעטיק אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, נאַצ. אַרב. פאַרבאַנד א.א. ער איז אויך דער רעקאָרדינג־סעקרעטאַר פון דער יידישער פאָלקסביבליאָטעק.

לויט פאַרשידענע קוואַלן, קאַנאַדיאַנא.

ניי, פּיליפּ (1870 — 10טן אָקט. 1951)

אַדאָפּטירטער קאַנאַדער נאָמען פון פּרץ נאַטערזאַר, געב׳ אין פּאָלטאַווע, רוסלאַנד. באַקומען יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. נאָך אין רוסלאַנד שטודירט פאַר אַן אַדוואָקאַט און מחמת דער "פּראַצענט־נאָרמע", נישט געלאָזט אים פאַרענדיקן זיין שטודיום און צוליב דעם אין 1907 געקומען קיין קאַנאַדע. לאַנגע יאָרן געווען טעטיק אין יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן. אין 1923 (אין עלטער פון 53 יאָר) גענענדיקט דעם מאַניטאָבער אוניווערסיטעט און פּראַקטיצירט ווי א לאָיער. באַקאַנטער מנגן און מחבר פון לידער, וואָס א גרויסער טייל זענען געזינגען געוואָרן ווי אַנאָנימע "פאָלקסלידער" א טייל געדרוקט אין **קאַנאַדער איד** א"א אויסגאַבעס. אין דער זאַמלונג **אידיש אמעריקע** (רעד נח שטיינבערג) נ.י. 1929, פאַרעפנטלעכט א ציקל לידער מיט זיינע אייגענע נאָטן (ז"ז 270־280) (פון וועלכע מען קען איינזען, אַז פּ.נ. איז געווען באַהאַוונט אין די "קליינע אותיות")

פון 1924 געפירט (מיט שותפים) אַן אַדוואָקאַטן ביוראָ אין ווינ׳. אין די

דרייסיקער יאָרן, נאָכן טויט פון זיין פרוי, אוועק צו זיין טאָכטער אין ניו יאָרק און זינט דאַמאָלט זיינען נישטאָ פון אים קיין ידיעות.

דאָס יודישע וואָרט, ווינ׳ 15 טער מאַי, 1923, **יובל בוך פון דער י.ל. פרץ־שול**, ווינ׳ 1929, דר״ אליהו שולמאַן, **פאָרווערטס**, 22 אפּר׳ 1979, אינפאָרמאַציע פון מאיר צוקער, ווינ׳.

ניסניעוויטש, אברהם (1886 — 27 מאַרץ 1955)

געב׳ אין פוכאָוויטש, ביי מינסק ווס״ר. געלערנט אין חדר, ישיבות. אין 1902 געוואָרן אַ סאָציאַליסט און אַן אגיטאַטאָר, צוליב דעם, געוועזן ארעסטירט דורך דער מאכט. אין 1907 עמיגרירט קיין קאנאדע און באזעצט זיך אין טאָראָנטאָ. געטאָן פאַרשידענע אַרבעטן, גלייכצייטיק געוועזן אַן אַקטיווער טוער אין דער פּראָגרעסיווער אַרבעטער־באַוועגונג. נאָך אין זיינע ישיבה־יאָרן געשריבן לידער אין העברעיש און זינט 1904, געוועזן באקאנט אין מינסק, ווי "אברעמל דער פאעט". שפּעטער אינגאנצן אריבער צו יידיש און פון 1907 געדרוקט לידער און אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור אין כמעט אַלע צייטונגען און ליטעראַרישע זאמלונגען סיי אין קאַנאַדע און סיי אין אמעריקע. באטייליקט זיך אין **דער קאמף**, **דער וועג**, **אין געווירבל**, **וואָכנבלאַט**, **העפטן** (אלע אין טאָר׳) **מ. פריוהייט**, **ניי לעבן**, **דער האמער**, **יידישע קולטור** א.א. ניו יאָרק, ווי אויך (אונטער א. נעסביס) אין דער לינקער פעריאָדיק אויף ענגליש. א.נ. איז פאַרטראָטן אין אַ צאָל אַנטאָלאָגיעס פון יידישער פאעזיע און אויך אין ענגלישער איבערזעצונג. אין בוכפאָרעם: **אין לויף פון יאָרן**, לידער, מיט אַ פאָרוואָרט פון מ. פעלדמאַן, טאָר׳ 1942, 94 ז׳ **אויף די וועגן פון לעבן**, לידער אויף סאָציאַלע און ארבעטער־מאָטיוון מיט אָפּשאַצונגען פון י. גערשמאַן, ז. וויינפער און שלום שטערן, דאָרטן 1953, 199 ז׳. ער האט אויך געדרוקט א״פ אַ מינסקער, אלף נון. געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ב.6. מיט א ביבליאָגראַפיע, **קאַנאַדיאַנאַ**.

נירענבערג, אהרן (1888 — 15טער יולי 1965)

געב׳ אין בריסק־דליטע. אין 1912 געקומען קיין מאָנטרעאל. לאנגע יאָרן געפירט א רייזע ביורא, גלייכצייטיק געוועזן פון די פירנדיקע ציוניסטישע עסקנים אין יידיש־העברעישער שרייבער. זינט 1913 געוועזן א מיטארבעטער פון **קאנאדער אָדלער** און חוץ פעליעטאָנען, לאַנגע יאָרן געדרוקט כמעט טעגלעך זיינע קאָמענטאַרן, א.נ. "צייט פראַגען", סעריעס אַרטיקלען וועגן יידישער עמיגראַציע קיין קאַנאַדע און ציקלען פון זיינע רייזעס איבער דער וועלט. ער איז אויך געוועזן א לאָנגיאָריקער קאָרעספּאָנדענט פון מאָנטרעאַל פאַרן **הצופה**, **הארץ** ת.א. באַטייליקט זיך אין **בצרון**, **הדואר**, נ.י. אויך א״פ א.א. יהלנסון. געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

קאנאדער אדלער, 17 טער יולי 1965, אינפאָרמאַציע פון בנימין וויינער, **קאַנאַדיאַנאַ**.

נירענבערגער, מאיר־יהושע (4 טער יאַנ. 1911 —)

געב׳ אין קראָקע, פוילן אין א חסידישער משפחה. געלערנט אין א פּאָלקסשול, גימנאַזיע, גערער שטיבל. אין 1926 עמיגרירט קיין שטראַסבורג, דאָרטן פאָרגעזעצט זיין בילדונג, געלערנט אין א האַנדלס־שול און גלייכצייטיק אין א ישיבה. פון 1927 ביז 1939, געלעבט אין בעלגיען שטודירט פּאָליטישע און סאָציאַלע וויסנשאַפטן אויפן בריסעלער אוניווערסיטעט 1935, אָרגאַניזירט (צוזאַמען מיט בעלגישע און פראַנצויזישע פערזענלעכקייטן) די בעלגישע "ליגע קעגן ראסיזם" דערנאָך, א צייט געלעבט אין ניו יאָרק, געווען דער סעקרעטאר פון אמעריקאַנער "אירגון צבאי לאומי". פון 1930, אקטיוו אין דער יידישער פרעסע. רעדאקטאָר פון א גרויסער צאָל יידישע צייטונגען איבער דער וועלט, און אויך פון יידיש־ענגלישע צייטשריפטן. באטייליקט זיך אין **היינט, מאָמענט, ראַדיאָ, ליטעראַרישע בלעטער** (אלע אין ווארשע) **פאריזער היינט**, זינט 1931, מיטארבעטער, געהילפס־רעדאקטאָר און פון 1947 ביז 1949, הויפּט־רעדאקטאר פון **מארגענזשורנאל** ער איז אויך געווען דער אפיציעלער קארעספּאנדענט פון דער אמעריקאנער ארמיי פאר מערב און צענטראל אייראפּע און באַריכטן־שרייבער פון נירענבערגער פּראצעס קעגן די נאציס און ביים אייכמאַן פּראצעס אין ירושלים. פון די פּופּציקער יאָרן, אין טאראנטא, 1957־1959, רעדאקטאר **פון דער יודישער זשורנאל** און פון **קענעדיען דזשואיש ניוס** (ביידע אין טאראנטא). זינט דער גרינדונג פון **אלגעמיינער זשורנאל**, נ.י. איז נ. איינער פון זיינע הויפּט־מיטארבעטער און שרייבט דאָרט וועגן יידישער נאציאנאלער פּאליטיק. מ.י.נ. איז אויך געווען א לאנגיאריקער מיטארבעטער פון דער **אידישער צייטונג**, ב.א. **הארץ** און **מעריב**, ת.א.

מער וועגן זיין רייך לעבן און שאַפן זען: לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, ב 6. מיט ביבליאגראפיע קאנאדיאנא.

נעפּאָם, שמעון (1882 — 20 טער יוני 1939)

געב׳ אין יעליסעוועגראַד, אוקראינע. אין 1904 עמיגרירט קיין פּאַריז. דאָרטן דריי יאָר געארבעט ביי פארשידענע מלאכות. פון 1908 ביז צו זיין טויט, געלעבט אין קאנאדע. צוערשט אין מאָנטרעאל און שפּעטער אין טאָראָנטאָ. לאַנגע יאָרן געווען א טראמוויי־קאָנדוקטאָר. פון 1910 פארעפנטלעכט לירישע לידער און פּאעמען אויף סאציאלע און ארבעטער־מאָטיוון אין **קאנאדער אָדלער, דאס פאלק, דער וועג** (אלע אין מאָנט׳) **דער יודישער זשורנאל, ארבייטער צייטונג** טאָר׳ ער איז אויך פאַרטראָטן אין דער ערשטער ליטעראַרישער זאמלונג **קאנאדע**, טאָר׳ 1919 און אין א צאָל ליטעראַרישע אויסגאבעס אין **קאנאדע, פוילן, און איבער דער** יידישער וועלט. ער איז פאַרטראטן מיט לידער אין פארשידענע **אנטאלאגיעס פון יידישער פּאעזיע**. עס דאַרפן גאַנץ באַזונדער דערמאָנט ווערן זיינע "טראמוויי לידער" וואָס זיינען איינציקע **אין דער יידישער דיכטונג. אין** בוכפארעם: **פּענטע**, (לידער פון זיין ערשטן דיכטערישן פעריאד,) טאָר׳ 1926, 146 ז׳, **אין גערא‎נגל, לידער**,

מיט צייכענונגען פון ל. דיינאָף, דאָרטן 1928, 228 ז' **די שטאל** (אלעגאָרישער איינאקטער אין דריי בילדער), דארטן, 1929, 22 ז' נאָך זיין טויט איז דערשינען **פון מיינע טעג** (געקליבענע לידער פון זיין ליטעראַרישע ירושה) מיט א פאָרוואָרט פון קלמן מרמר און א ליד פון א. ניסניעוויטש, דאָרטן, 1940, 133 ז' ער איז געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ.

"..זיינע לידער צייכענען זיך אויס מיט א טאָן וואָס מען מוז אים גלייבן...דורך זיינע לידער פארנעמען מיר און מיר לערנען וועגן א דיכטער מיט א זייער טרויעריקן געמיט"

(ח.מ. קייזערמאַן־וויטאל)

ז. רייזען **לעקסיקאָן** ב.2, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, ב.6 מיט א ביבליאגראפיע, ח.מ. קייזערמאַן־וויטאל, **אידישע דיכטער אין קאנאדע**, מאָנט' 1934, ז' 21 — 26, קאַנאַדיאַנאַ.

ס

סאנדערס, גריגארי, (גרשון)
((1881 — 15 טער נאָוו׳ 1958)

געב׳ אין ווייערזשבאָלאָווע, ביי דער פויליש-פרייסישער-גרעניץ פון ליטע, אין דער משפחה פון א משכיל. זיין פאטער: א.מ. סנדלר, איז געווען א באַקאַנטער העברעישער שרייבער און לערער. באַקומען יידישע און אלגעמיינע בילדונג. אין 1902 געקומען קיין קאנאדע און באזעצט זיך אין מאָנטרעאל. ער איז געווען פון די ערשטע ציוניסטישע עסקנים און א מיטגרינדער פון אַ צאָל וויכטיקע יידישע כלל-אינסטיטוציעס. לאַנגיאָריקער מאָנטרעאלער קארעספאנדענט פון **דער פריינד,** פט"ב-ווארשע (1903-1913) און דאָרטן חוץ קאָרעספאנדענצן אויך געדרוקט **סעריעס בילדער פון די נייע יידישע ישובים אין מערב-קאנאדע,** וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט טאַלאַנט און מאָלערישער בילדלעכקייט. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **הצפירה, וואר׳ המליץ,** פט"ב און אין די יידישע און העברעישע צייטונגען אין אמעריקע. ער איז געווען פון די ערשטע מיטאַרבעטערס פון **קאנאדער אדלער** און שפעטער פון **דער וועג** (רעד. ראובן ברייניין, ביידע אין מאנט׳) די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, געווען א פאבריקאנט, אבער ביז פאר זיין טויט, געווען אקטיוו אין יידישן לעבן. געשטאָרבן אין מאָנטרעאל.

קאנאדער אדלער, מאָנט׳ 18טער נאָוו׳ 1958, ב.ג. זאק דאָרטן, 23 נאָוו׳ 1958, און ליטע, ב.2, ת.א. 1965 ז׳ 840, **אינפאָרמאציע פון זיין משפחה.**

סטאלניץ, נתן (1893 — 22 טער מאַרץ 1969)

געב׳ אין אָסטראָוו, ביי לאמזע, פוילן. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. שטודירט מוזיק און **חזנות אין ווילנע. ביז 1926** באקאנט ווי אַן אָפּערע-זינגער. גרינדער פון א צאל אינסטיטוציעס. פון זומער 1926 ביז צו זיין טויט אין קאנאדע, צוערשט געווען א חזן אין **אָטאַווע און דערנאָך אין טאראנטא,** און געווען זייער אקטיוו אין יידישן לעבן. מיטגרינדער פון ארטיקן "ייווא", **"פארבאנד פון ליטווישע יידן" א.א.** אנגעהויבן שרייבן אין העברעיש אין **הזמן,** ווילנע, 1911 און זינט 1912 אריבער צו יידיש. געדרוקט ארטיקלען **איבערן יידישן טעאַטער אין א גרויסער** צאל צייטשריפטן אין פוילן און רוסלאנד און פון 1926 געווען א **שטענדיקער מיטארבעטער פון קאנאדער אדלער,** מאָנט׳ **דער אידישער זשורנאַל,** טאָר׳ **דאָס יודישע וואָרט,** ווינ׳. ער האט זיך בארימט געמאכט דורך זיינע ביאָגראַפיעס וועגן יידישע מוזיקער און קאָמפאזיטאָרן. **ער האט אויך זיך באַטייליקט אין פארווערטס, נ.י. טאָג-מארגנזשורנאל,** (זיין **שטענדיקער**

טאָראָנטער קאָרעספּאָנדענט) **דער אַמעריקאַנער** און פון דער יידישער פרעסע אין לאַטיין אַמעריקע. א צאָל פון זיינע אַרבעטן זיינען אַריין אין די זאַמלביכער **חזנות**, נ.י. אין בוכפאָרעם זיינען בלויז דערשינען **נגינה־אויפלעבונג**, טאָראָנטאָ, 1952, 24 ז׳ **נגינה אין יידישן לעבן**, דאָרטן, 1957, 338 ז׳ געדרוקט אויך א״פ א אַסטראַווער, א. ווילענסקי, נ.ס.־טע א.א.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.6 מיט ביבליאָגראַפיע. קאַנאַדיאַנא, נעקראָלאָגן אין דער פרעסע.

סיגאַל, אסתר (15 טער מאַרץ 1895 — 13 טער מיי 1974)

שוועסטער פון י.י. סיגאַל. געב׳ אין לאָבאָקאָוויעץ, פּאָדאָליע. געלערנט אין חדר און ביי פּריוואַטע לערערס. אין 1910 געקומען קיין מאָנטרעאַל, געאַרבעט אין אַ שאַפּ און ביינאַכט **געלערנט אין א שול. א צייט געווען א** תלמידה אין יידישן לערער סעמינאַר אין ניו־יאָרק, אָנגעהויבן שרייבן לידער פון מיידלעשן געמיט, אין די פּריע־יוגנט־יאָרן און צו דרוקן זיך ערשט אין 1922 אין זאַמלהעפט **עפּאָכע**, מאָנט׳ (רעד. שקאָלניקאָוו, סיגאַל און אלמי) וואָס האָבן שוין דאַמאָלט באַוויזן טאַלאַנט און אייגנאַרטיקייט. זינט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט לידער און פּאָעמען פון לירישן און נאַציאָנאַלן כאַראַקטער אין **ליטעראַרישע בלעטער**, וואַר׳. דער עיקר אָבער האָט זי זיך געדרוקט אין די קאַנאַדער ליטעראַרישע זאַמלונגען. **רוועדר, באַגינען, קאַנאַדע, קאַנאַדער־זשורנאַל, ליטעראַרישע העפטן** און אויך **אין קאַנאַדער אָדלער** (אַלע אין מאָנט׳) זי האָט זיך אויך באַטייליקט אין **אויפגאַנג, זיין, פאַר אידיש** (רעד. ש. ערדבערג, 1930) און ספּעציעל אין **קינדער־זשורנאַל, קינדער־צייטונג** (אַלע אין ניו יאָרק) א טייל פון אירע לידער זיינען אַריין אין פאַרשידענע **אַנטאָלאָגיעס פון יידישער פּאָעזיע. אָבער פון אַלע אירע לידער איז נאָר דערשינען איין בוך, לידער**, מאָנט׳ 1928, 115 ז׳. דאָרטן קומען אַריין סיי לירישע און סיי סאָציאַלע מאָטיוון און א סעריע קינדער־לידער, וואָס זיינען א **צושטייער צו די קינדער לידער אין** דער יידישער ליטעראַטור. אין 1965 באַזעצט זיך אין אַ קיבוץ אין מדינת ישראל און דאָרטן געשטאָרבן. זי איז געווען **די פרוי פון דיכטער א.ש.** שקאָלניקאָוו.

..."זי איז די דיכטערן פון פּאַטעטישער עמפּפינדלעכקייט. איר שפּראַך איז בילדעריש, אויך פאַרמאָגט זי אַ ראַפינירטקייט אין פאָרם...זי איז אויך די דיכטערן פון אינטימע געפילן..זי ברענגט אַרויס אין איר שרייבן נישט־נאָר די אָדע פון ליבשאַפט, נאָר אויך די דערהויבונג און די דערנידערונג פון **שווערער האָרעוואַניע**" (ח.מ. קייזערמאַן־וויטאַל)

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.6 מיט ביבליאָגראַפיע, נ.י. גאָטליב, **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ 31 טער מאַרץ 1965, מירל ערדבערג־שאַטאַן **דאָרטן**, 17 טער סעפּט׳ 1976, **קאַנאַדיאַנא.**

סיגאַל, יעקב־יצחק (3 טער אויג. 1896 — 7 טער מערץ 1954)

גרויסער יידישער דיכטער און עסייאיסט. איינער פון די שרייבער וואָס האָבן קאַנאַדע אַרויפגעשטעלט אויף דער וועלט־מאַפּע פון דער יידישער ליטעראַטור. געב׳ אין סאָלאָבקאָוויץ ביי פּראָסקוראָוו, פּאָדאָליע.

אָפּשטאַמיקער פון רבנים. פון פאַטערס צד־פון "תוספות יום טוב", פון דער מוטערס צד־פון ר' יעקב אַנאַפּאָליער, **דער רבי פון בעל שם טוב, פאַרן בעש־טס התגלות. זיין פאָטער, א סופר און א חזן איז געשטאָרבן בעת ער איז אלט** געווען 3 יאר און דערצויגן דורך זיין מוטער, וואָס איז געווען זייער אָרעם. דערנאָך ביז צו זיין פאָרן קיין קאַנאַדע, געלעבט אין קאָרעץ, וואָלין. דאָרט געלערנט אין חדרים, תלמוד תורה און ביי א לערער. צו 13 יאָר האָט מיט אים פאַסירט אַן אומגליק, וואָס האָט באַווירקט כמעט זיין גאַנץ לעבן. אין א יאַריד־טאָג האָט מען אים באַשולדיקט, אז ער האָט ארויסגעגנבעט ביי א גוי א קניפל מיט געלט. מען האָט אים **אַרעסטירט, געשמיסן מיט גראָבע** שטריק ביז שפּעט אין דער נאכט, ביז די מוטער האָט מיט טרערן אים אַ צעשלאָגענעם באַפרייט פון דער פאָליציי. אין 1911 געקומען קיין מאָנטרעאל און א צאל יארן געארבעט **ביי שטעפן הויזן־טאַשן, דערנאָך** געוואָרן א לערער אין די יידישע שולן פון דער פ.צ.־פּאַרטיי (1917 — 1918) א **צייט געלעבט אין טאָראָנטאָ פון וואַנען** אין זומער 1923 געפאָרן קיין ניו־יאָרק און זיך פאַרחברט מיט די דאָרטיקע פּאָעטן. אין 1928 צוריקגעקומען קיין מאָנטרעאל, ווו געלעבט ביז צו זיין פריען טויט.

נאָך קינדווייז געשריבן לידער אין לשון קודש און רוסיש און אין קאָרעץ **איבער־געלאָזט א העפט מיט** העברעישע שירים. דעביוטירט דעם 8טן אקטאבער 1915, אונטערן **איינפלוס פון פּראָזאַאיקער משה** שמואלזאָן, וואָס איז אין יענע יאָרן געווען דער ליטעראַרישער רעדאַקטאָר **פון קאַנאַדער אדלער**, דאָרטן פאַרעפנטלעכט זיין ערשט ליד (א ליבע ליד) וואָס האָט געוויזן באגאבונג. ער האט אויך לאנגע יארן געדרוקט ליבע און־נאַטור־לידער אין דער **יודישער זשורנאַל**, טאָר'. זיינע ערשטע לידער, געדרוקט אין זאַמלבוך **קאַנאַדע**, טאָר' 1919 האָבן זיך אויסגעטיילט פון אַלע אנדערע פּאָעטן סיי מיטן געמיט און סיי דורך זיין עכטקייט פון לשון. אזוי אויך זיין פּאָעמע "גאָט און ים" איז אין יענע יארן געווען דאס פּאָעטישע וואונדער און באַצייכנט דורך דער קריטיק ווי די שאפונג פון א קומענדיקן גרויסן דיכטער (מ. שמואלזאָן) זינט דעמאָלט פאַרעפנטלעכט גרויסע צאָלן לידער, עסייען, ליטעראַרישע אפהאַנדלונגען וועגן שרייבער און ביכער און ארטיקלען וועגן אלגעמיינע יידישע קולטור־און. שול־פּראָבלעמען אין כמעט אלע יידישע צייטונגען און ליטעראַרישע צייט שריפטן אין קאַנאַדע און איבער דער יידישער וועלט. ער האט זיך באטייליקט אין **קאַנאַדער אדלער**, און פון 1941, אינעווייניקסטער מיטארבעטער און רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער זייט. (צוזאַמען מיט מלך ראַוויטש) דאָ־טן אויך אָפּגעדרוקט זיין לעצטע עסיי "דוד איגנאטוו, ע"ה, (8 טער מערץ 1954) ער האט זיך אויך געדרוקט אין דער **יודישער זשורנאַל, די אידישע** דאָרטן אויך אָפּגעדרוקט זיין לעצטע ווינ'; **דאס** **וואָרט**, אָטאַווע, אין אמעריקע זיך באַטייליקט אין **שריפטן**, **צוקונפט**, **אין זיך**, **אידישער קעמפער**, **די פעדער**, **סביבה**, יידישע קולטור, קינדער זשורנאַל, קינדער צייטונג ליטעראַרישע העפטן א.א. נ.י. אין פוילן, אין **ליטעראַרישע בלעטער**, **פּאַרויס**, **וואַכנשריפט פון פּאַך ליטעראַטור**, וואַרשע, **אידישע וועלט**, ווילנ' אין ישראל — אין **גאָלדענע קייט**, **הײמיש**, **לעצטע**

נייעס, אויפגאַנג, מעלבורן. **זיין** אין די אויסגאַבעס פון דער לאָדזשער דיכטער־גרופּע **שוועלן ס׳פּעלד, וועגן** (1923־1919) יאַנואַר 1921, אַרויסגעגעבן אַ חודש־זשורנאַל פאַר **לידער, מיניאַטורן און עסייען, ניואַנסן** (געשטאַנען אויף אַ הויכער מדרגה), אין 1922 צוזאַמען מיט אַ אַלמי און א.ש. **שקאָלניקאָוו די שריפט פאַר** מאָדערנער ליטעראַטור, **עפּאָכע**, (דערשינען נאָר 1 נומער) שפּעטער דעם זשורנאַל, **רויערד** (1923־1922) די ערשטע דריי נומערן אין מאָנטרעאַל, **די לעצטע צוויי אין טאָראָנטאָ. אין** בוכפאָרם אַרויסגעגעבן די ביכער, **פון מיין וועלט**, לידער מאָנט׳ 1918, 67 ז׳ וואָס האָבן באַלד געמאַכט אַ רושם. **באַזונדער** דאָרטן, 1921, 191 ז׳ **פון מיין שטוב און מיין וועלט**, נ״י — ווין, 1923, 62 ז׳ **ליריק**, מאָנט׳ 1930 326 ז׳ **מיין ניגון**, דאָרטן 1934, 360 ז׳ **דאָס הויז פון די פשוטע**, דאָרטן 1921, 391 ז׳ **לידער און לויבן**, דאַרטן 1944 507 ז׳ **ספר יידיש**, דאָרטן 1950 584 ז׳. נאָך זיין טויט זענען דערשינען, **לעצטע לידער** מיט אַן אַריינפיר פון רעדאַקציע קאָלעגיע ש. ווייסמאַן און מ.חסיד און הילע פון קינסטלער יחיאל שיינבלום, מאָנט׳ 1955 332 ז׳ **לידער פאַר יידישע קינדער**, אילוסטרירט פון זיין טאָכטער חנה סיגאַל־זאַקוטא, ניו יאָרק, 1961 111 ז׳. **ער האָט זיך אויסגעצייכנט ווי אַן** עסעיסט און פאַרעפנטלעכט 47 אַרבעטן וועגן יידישע שרייבער און 25 **עסעיען וועגן ליטעראַטור און קולטור**־פּראָבלעמען. אין כתב־יד זיינען געבליבן אַ גרויסע צאָל לידער (צווישן זיי די גרעסערע פּאָעמע ״קאַנאַדע״ און **אַ צאָל אַרבעטן וועגן יידישע שרייבער, וואָס דאַרפן פאַרנעמען 3 ביכער אין דרוק און אַ באַנד נייע קינדער־לידער. זיינע לידער** זענען פאַראַנען אין אַ צאָל אַנטאָלאָגיעס פון יידישער דיכטונג און אַ גרויסער טייל פון זיי זענען איבערזעצט אין העברעיש, **ענגליש**, פראַנצויזיש א״א שפּראַכן. זיין אומגעריכטער טויט אין מאָנטרעאַל, האָט אַרויסגערופן אַ טרויער אין די ליטעראַרישע צענטערן אין גאָר דער וועלט און עס זיינען הערשינען אַרטיקלען און אָפּשאַצונגען אין אַלע יידישע צייטשריפטן. די דיכטערס; רחל קאָרן, א.מ. שקאָלניקאָוו און **מירל ערדבערג־שאַטאַן האָבן פאַרפאַסט** ספּעציעלע לידער צום טויט פון גרויסן פּאָעט. אין 1962 איז געשאַפן געוואָרן ביי דער יידישער פאָלקסביבליאָטעק אין מאָנטרעאַל אַ ״י.י. סיגאַל־ווינקל״ און עס איז איינגעשטעלט אַ י.י. סיגאַל ״ליטעראַטור־פּרעמיע״, וואָס איז טעטיק עד היום. ער איז לאַנגע יאָרן געווען פּרעזידענט פון אָרטיקן יידישן שרייבער־פאַריין. דאָ זיינען אייניקע אויסצוגן וועגן זיין גייסטיקן מהות און שאַפער פון דער יידישער דיכטונג. ...סיגאַל גיט זיך איבער טאָג־טעגליך צום יידישן וואָרט, וואָס איז זיין מודה **אני און זיין קריאַת שמע. אין דער נישט** אויסגעוועפּטער פרומקייט פאַרלירט נישט זיין ליד די מאָס פון שיינקייט...ער **פאַרמאָגט די ערטער צו דערהויבן יעדע אַריינגעשריבענע שורה**... זיין ספר יידיש, איז אַ גרויסע באַוואָרעניש **קעגן אונטערגאַנג פון אונדזער יידישן לשון... ער איז פון די געציילטע פּאָעטן**, וואָס האָבן פון קדמונים באַזינגען די טרויעריקע שיינקייט אַזוי ערליך און טריי... (יעקב גלאַטשטיין)... אין סיגאַלס לידער־קאַליידאָסקאָפּ זענען **געווען צוויי און צוואַנציק** איידלשטיינער פון יידישן אלף בית און יעדער פון זיי האָט געלויכטן מיט אַן אַנדער ליכט, מיט דער גרויסער ליבע צום יידישן אות...(מלך ראַוויטש)

..ער שאפט כמעט אפ די גרעניץ צווישן ליד און תפילה. ער האט ווי זעלטן ווער צונויפגעגעפט אהבת ישראל און אהבת החיים מיט אהבת יידיש און זיינע לידער אויפגעהויבן צו דער לויטערסטער און העכסטער הויך..(ה. לייוויק) ער איז געווען איינער פון די סאמע באַיאָער פון גלות און זיין ליבע צו דער יידישער שפראך איז געווען זיין ליבע צום יידישן פראסטן מענטש...(יעקב באטאשאנסקי) יעצט ווילן מיר ברענגען אייניקע אָפּרופן פון קאַנאַדער שרייבער: אזוי שרייבט רחל קאָרן"...י.י. סיגאל האָט זוכה געווען צו דערהערן דעם תפילהדיקן ניגון מיט אַ זעקסטן אדער זיבעטן חוש פון א גאָט־געבענטשטן פייטן.." ביי אים איז דאָס ליד געוואָרן גלייכצייטיק די ביאָגראַפיע פון א דור..." ער איז געבליבן געטריי זיין קארעצער קינדהייט, די פשטות און תמימות פון אלע שטילע און פארשעמטע־דאָס פשטות און ערליכקייט פון פרומען, געלייטערטן וואָרט" איידע מאַזע שטעלט זיך אָפּ אויף זיינע "לידערפאר יידישע קינדער" וואָס זיינען א נייע איבעראשונג און "איינפאל פון מעשה און בילד", וואָס פליסן פון דיכטערס פען, ווי דאָס קלאָר־ריינע וואסער און קוועלט ארויף ווי פון א ליכטיקן קוואַל"...א בוך פול מיט ליבשאפט צום יידישן קינד און זיין וועלט..." יעקב זיפער כאַראַקטעריזירט סיגאלס איבערלעבן דעם חורבן. ער שרייבט: י.י. סיגאל לעבט אין זיין גאנצן שאַפן אין חורבן...שוין די וועלט צו וועלכע ער בענקט אַזוי, ליגט דאָך נאָך פון יאָרן אין חורבן...עס קען דאָך נישט זיין אַז דער פאָעט זאָל נישט וויסן ווי זיין וועלט געפינט זיך און ווי זי לעבט. ציטערט ער איבער דער וועלט און וויל זי ארויסראַטעווען פון הינטער די חורבות דורך זיין וואָרט...אָבער דער חורבן דויערט און הויערט פון אלע זייטן"... ד"ר שלמה גאלד, זיין יוגנט חבר, שילדערט מאָמענטן פון חברישע באַגעגענישן" אָן הפסקה גייט דער געשפרעך אָן. א שטילער לידישער עקסטאז, א קול דממה דקה. סיגאל איז ווי אין זעלבסט היפּנאָז. די אויגן קוקן אין דער וועלט אריין און זעען נישט. זיי קוקן אין עפעס א וועלט וואס איז כלו טהור, אין א ווייטער וועלט, א יענע וועלט, זיין יענע וועלט..." נ.י.גאָטליב "שרייבט: "הן עמאציאָנעל און הן מיטן קאָפּ איז סיגאל געווען אָריגינעל און טיף. זיינע טויזנטער לידער, רעאַגירן מיט א סך פשטות און איידלקייט. זיי זיינען תמיד געווען רייך מיט נאָוואַטאָרישקייט, מיט א גרויסער מוזיקאלער און בילדערישער עשירות".

...סיגאלס פּאַעיזע איז ניט קיין לאַבירינט, מען קען זיך אין איר ניט פארבלאנדזשען. זי ציט זיך כסדר אין איין ריכטונג, צום זונפארגאנג צום אָוונטלאנד...זיין כמעט יעדער ליד, האָט עפעס אין זיך פון זיין אינעווייניקסטער אויטאָביאָגראַפיע ער איז א פארבענקטער ראָמאנטיקער... יידיש און דאָס ליד אין יידיש איז ביי סיגאַלן געוואָרן דאָס נשמה־ליכט, שיער ניט דאס איינציקע נשמה־ליכט נאָך אונדזער פארגייענדיקער טראַדיציע...וואָס מיר זאָלן ביי סיגאַלן ניט לייענען איז עס נוסח־סיגאל. און נוסח סיגאל איז יידיש נוסח. מיר דערקענען באַלד זיין שטים, זיין טאָן...ער טראָגט זיין לאנד, זיין שטיקל האַרבסטיקע ערד מיט זיך, און זיין פאָלק אין זיך...(ש. ניגער) מיר האבן דא בלויז געברענגט א קליינע צאָל כאראקטעריסטישע אפרופן וועגן סיגאלן און זיין דיכטונג. אָבער מיר

ווייסן, אַז כמעט יעדער שער שרייבער האָט אַמאָל וועגן אים געשריבן. צום סוף ווילן מיר בלויז געבן אייניקע ווערטער וואָס שלום שטערן האָט געשריבן צו זיין צוואַנציק יאָריקן יאָרצייט. ער שרייבט: י.י. סיגאַל איז יונג אַרויסגעריסן געוואָרן פון לעבן, און דאָך האָט ער באַוויזן איבערצולאָזן א **פּאָעטיש פאַרמעג**, א שיינע ירושה לדור דורות"... ער איז געווען און געבליבן א לירישער פּאָעט פון הויכן ראַנג און במילא א זייער וויכטיקע פיגור אין דעם אויפבוי פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע און קאַנאַדע."

מער וועגן זיין לעבן און שאַפן קען מען געפונען ביי זלמן רייזען, **לעקסיקאָן** ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור** ב. 6 (דאָרטן זיינען פאַרצייכנט איבער 200 ביאָגראַפיע איינסן) ח.ל. פוקס **לאדזש של מעלה**, ת.א. 1972, אינדעקס און אויך אין זיין **אַרכיוו** (יידישע פאָלקסביבליאָטעק מאָנט' קאַנאַדיאַנאַ.

סיגאַל, נחמיה (17 טער אויג' 1878 — 7 טער מערץ 1945)

עלטערער ברודער פון י.י. ס' געב. אין קאָרעץ, פּאָדאָליע. געלערנט אין ישיבות, שפּעטער געוואָרן א משכיל. א צייט געווען א דאָרפס-מלמד. אין די יונגע יאָרן געשריבן העברעישע שירים. אין 1902 געקומען קיין מאָנטרעאַל און לאַנגע יאָרן שווער געאַרבעט ביז ער איז אין 1922 שווער קראַנק געוואָרן און געמוזט איבעררייסן די אַרבעט. זינט זיין קומען אין קאַנאַדע געשריבן לידער נאָר אויף יידיש, וואָס ער האָט געדרוקט סיי אין די ערשטע יאָרן און ביז צו זיין טויט אין קאַנאַדער **אַדלער**. און אין פאַרשידענע ליטעראַרישע זאַמלונגען פון וועלכע געווען א מיטגרינדער. באַטייליקט זיך אין חוד" זשורנ' **קאַנאַדע**, (1919) **מאָנטרעאַל** א.א. דאָרטן פאַרעפנט־לעכט א צאָל פּאָעמען אויף פאָלקסטימליכע מאָטיוון און לעגענדעס נ.ס. האָט זיך אויך באַטייליקט אין די **אידישע וועלט**, קליוולאַנד און פון א צאָל צייט־שריפטן אין די פאַראייניקטע שטאַטן. געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

...אין זיין שרייבן פילט זיך נאָך דער איינפלוס פון דער השכלה, וואָס ער האָט אַריינעזאַפּט אין זיין נשמה... האָבנדיק א פּאָעטישן אויער, הערט מען אין זיינע לידער דעם נאַטירלעכן קוואַל פון דער יידישער שפּראַך און די פאָלקסטימלעכקייט... דער עיקר אין זיינע מאָטיוון פון דער היים אין דער יידישער סביבה אין פּאָדאָליע. (ח.מ. קייזערמאַן־וויטאַל)

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.6 מיט א ביבליאָגראַפיע, **קאַנאַדיאַנאַ**. נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע.

סיוואַק, דוד (13 טער יולי 1873 — 17 טער מאַרץ 1955)

געב' אין מאָנאַסטריטש, קיעווער גוב. אוקראַינע. באַקומען א טראַדיציאָנעלע דערציונג אין חדר און ישיבה. צו 5 יאָר געוואָרן א יתום נאָכן פאָטער און דערצויגן ביי אַ זיידע, בעת דער באָלשעוויסטישער ממשלה און די פּאָגראָמען אין אוקראַינע, אוועק קיין קעשעניעוו און פון דאָרטן אין 1923 געקומען קיין מאַנטרעאַל און זיך מפרנס געווען פון קליינעם מסחר. אין די יאָרן פון יידישן חורבן, און זיין אָפּפילן דעם אונטערגאַנג פון די

היימשטעטלעך, אנגעהויבן שרייבן "כדי צו פאַרייביקן די חרוב געוואָרענע ייִדישע שטעטלעך און אונטער־געגאַנגענעם ייִדישן לעבן", אנגעשריבן א בוך פון **דער נאָענטער פאַרגאַנגענ־הייט** 61 קאַפּיטלעך און 290 ז"ז מאַשין שריפט, וואָס טיילן דערפון זענען געדרוקט אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט'. **דער טאָג, טאָג־מאָרגן זשורנאַל**, נ.י. און זיי זיינען, ווי עס האָט זיי באַצייכנט ישראל ראַבינאָוויטש... געשריבן מיט גרויס געפיל אין א זאַפ־טיקן און קערנדיקן סטיל, לעבעדיקער ייִדישער שפּראַך און זיי שילדערן דאָס פרומע ייִדישע לעבן פון אַ פאַרגאַנגענער ייִדישער וועלט, אייגנאַרטיק געשילדערט" דאָס בוך קען צוגערעכנט ווערן צו דער חורבן־ליטעראַטור", ח.ל.פ. ד.ס. איז נפטר געוואָרן אין מאָנטרעאַל.

י. ראַבינאָוויטש, **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט' 22 אַפּריל 1947, אַרכיוו פון "ייוואָ" נ.י. נעקראָלאָג אין דער פּרעסע.

סימכאָוויטש, שמחה־יעקב (21 טער יאַנ.' 1921)

געב' אין סאָבין, ביי אָטוואָצק, פּוילן. אין די יונגע יאָרן אַריבער קיין אָטוואָצק, ביי וואַרשע. דאָרטן געלערנט אין חדר און אין א פּוילישער פאָלקס־שול. אונטערן איינפלוס פון רעליגיע־לערער, וואָס האָט פאַרבאָטן צו באַנוצן זיך מיט ייִדיש, און וועלנדיק **אים עפּעס אָפּטון, פאָרגעלעזן פאַר די** שילער זאַכן פון דער ייִדישער ליטעראַטור, וואָס האָט אים אַליין באַוווירקט אָנצוהייבן שרייבן לידער אין ייִדיש. ביז אויגוסט 1939, געאַרבעט ווי א קאַמאַשנשטעפּער און געווען אַקטיוו אין דער יונגער פּאָליטישער באַוועגונג, וואָס איז געווען אונטערן איינפלוס פון "בונד" ער האט אויך אליין אנגעפירט מיט די אַרטיקע "צוקונפט" און "סקיף" אָרגאַניזאַציעס פון יונגע אַרבעטער און שילערס און דאָרטן געווען זייער אַקטיוו ווי **א לעקטאָר**.

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אַנטלאָפן פון אָטוואָצק קיין לוצק, פון דאָרטן, אין 1942 אַריבערגעפאָרן קיין ספּאַסק, ביי ריאַזאַן. געאַרבעט אין א לעדער פאַבריק און אין די אָוונטן געלערנט אין א מיטלשול, שפּעטער **אין ריאַזאַנער פּעדאַגאָגישן־אינסטיטוט א צייט געלעבט אין אַלמאַ־אַטאַ**, טאַשקענט און פון 1943 ביז צו זיין עוואַקואירן זיך קיין פּוילן אין 1946, געלעבט אין א דאָרף אין קירגיזיע. שפּעטער ביז 1948, געווען אַקטיוו אין ייִדישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן אין ווראָצלאַוו (נידערשלעזיען) און שטודירט אין אַרטיקן אוניווערסיטעט דערנאָך א צייט **געלעבט אין פּאַריז פון וואַנען אין 1949** געקומען קיין קאַנאַדע, און 5 יאָר געלעבט אין מאָנטרעאַל. די ערשטע 2 **יאָר געאַרבעט ביים פאַך און ביינאַכט** געלערנט אין מאָנטרעאַלער ייִדישן לערער־סעמינאַר און אין 1954 גראַדוירט פאַר א ייִדישן לערער. א צייט געאַרבעט אין דער "ייִדישער פאָלקס ביבליאָטעק" און ביז 1955 געווען א לערער אין די י.ל. פּרץ שולן. **איין יאָר געווען א לערער אין אָטאַווע** און זינט זיין אַריבערפאָרן קיין טאָראָנטאָ, איז ער א לערער אין די אָרטיקע ייִדיש־העברעישע שולן.

אָנגעהויבן שרייבן אין די יונגע יאָרן מיט לידער און דערציילונגען אויך אנגעשריבן א גרעסערע אויטאָביאָ־גראַפיע, וואָס ער האָט פון פּוילן **צוגעשיקט צום קאָנקורס פון "יוגנט־**ביאָגראַפיעס" פון "ייוואָ" אין ווילנע.

אָבער געדרוקט ערשט אין 1946. דעביוטירט מיטן ליד "איך גלויב" אין **דאס נייע לעבן**, לאָדזש, וואָס האָט אים דערמונטערט ווייטער צו שרייבן. דערנאָך פאַרעפנטלעכט לידער, אַרטיקלען, דערציילונגען און עסייען וועגן שול און קולטור-פראַגעס אין **יוגנט וועקער**, לאָדזש, **אונדזער צוקונפט, נידערשלעזיען** (ביידע אין וואָצלאַוו) **פאָלקסציטונג, ווארשע**. פון 1949, זיך באַטייליקט אין **קאַנאַדער אדלער, מאָנטרעאַלער העפטן** (ביידע אין מאָנט׳) **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ **די צוקונפט**, **ווייטער פרייע ארב. שטימע, אונדזער צייט, קינדער זשורנאַל, אויפן שוועל, ניו יארקער וואכנבלאט** א.א. נ.י. **פאָרויס, דער וועג**, מעקס׳ **לעצטע נייעס, לעבנספראַגן**, ת.א. ער דרוקט אויך אין **הדואר, נ.י.** אין זאמלבוך **דער וועג**, טאָר׳ (געווידמעט דעם 70 יאָריקן יובל פון מ. מענאַכאָווסקי) ת.א. 1961, ז׳ 110-119, פאַרעפנטלעכט די ארבעט אין עברית "המרטירולוגיה היהודית בשנת תתנ״ו, וואָס באַווײַזט זיין באַהאַוונטקייט אין פּראָבלעמען פון יידישער געשיכטע. ארויסגעגעבן אין בוכפאָרעם: **אזוי איז א יוגנט פארגאנגען**, לידער פון זיין ערשטן פעריאָד, מאָנט׳ 1950, 79 ז׳ **אין שעה פון תפילה**, לידער, ארויסגעגעבן מיט דער מיטהילף פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס) טאָר׳ 1958, 76 ז׳ אין עברית: **שלמה מיימון**, (אישיותו ויחסו ליהדות) מיט א הקדמה פון י. זמורה, **ת.א. 1971, 79 ז׳ ער האט אויך** צוזאמענגעשטעלט דאס לערנבוך **ספרותנו**, טאָר׳ 1976, 191 ז׳ (ווערט באנוצט אין יידיש-העברעישע שולן)

...זיינע לידער האָבן געפונען א גוטן אָפּרוף פון דער קריטיק. אזוי שרייבט א לעיעלעס " ער איז עבט פון ערשטן וואָרט ביזן לעצטן"

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, ב.6 מיט ביבליאָגראַפיע, יצחק לודען **לעבנספראגן**, ת.א. נאוו "דעצ" 1972 ש. מיצמאכער, **יידישע קולטור**, נאָוו׳ 1972, קאנאדיאנא.

סמבטיון, משה (22 טער יולי 1913)

געב׳ אין דאָרף **דאנדאשאני**, בעסעראביע, אָפּשטאמיקער פון פאטערס צד פון בעל שם טוב. געלערנט אין חדר און ישיבות. תלמיד פון הרב צירלזאָן אין קעשעניעוו. אין יאָר 1926 אָפּגעדרוקט זיין ערשט ליד אין העברעאישן **העולם**, לאנדאן. זינט דאָמלט געשריבן חוץ לידער אויך דערציילונגען, אבער דער עיקר זיך פארנומען מיט העברעישער פילאלאגיע און העברעישער לעקסיקאָגראַפיע. צו 18 יאָר באקומען סמיכה אויף רבנות, גלייכצייטיק שטודירט אין בודאפעסטער טעאָלאָגישן סעמינאַר (בית מדרש לרבנים) און באקומען דעם טיטל ד״ר פון יודאיקע. שפּעטער געלערנט אין בודא-פעשטער אוניווערסיטעט און פאר זיין **דיסערטאציע "עיקרונים פילוסופים** בתלמוד" באקומען דעם טיטל ד״ר פון **פילאָזאָפיע. מס׳ כאָטש זיין** שרייבערישע אַקטיוויטעט איז בעיקר א העברעיש-וויסנשאפטלעכע, האָט ער אבער זיין שרייבערישע קאַריערע אנגעהויבן אין יידיש, וואס ער איז אויך ממשיך עד היום אין **קאנאדער אדלער**, מאָנט׳ **דער יודישער זשורנאַל**, טאר׳ (וועגן ביבליאָ-גראַפיע).

אין די ישיבה יאָרן רעדאקטירט א חודש-שריפט **סמבטיון**, קעשעניעוו און יינגלווייז זיך געדרוקט אין שמואל

שוועמערס צווייוואָכנשריפט **יידישע וויסנשאפט**, יאסי, דערנאָך געדרוקט לידער אויף רעליגיעזע און פאָלקסטימליכע מאָטיוון אין דער ט״צ **אונזער צייט**, קעשעניעוו, 1919־1922 און דערציילונגען אין **דער יוד**, **דאס יודישע טאָגעבלאט** (ביידע אין וואַרשע) **די וואך**, קעשעניעוו. אין 1931 געווען רעדאקטאר פון וואָכנבלאט **טראנסילוואַנישע פרעסע**, אראדעא־מארע, אונגארן, דאָרטן געדרוקט דערציילונגען, לידער רעצענזיעס איבער ביכער און ספרים. געווען דער אָנפירער פון א מיליטערישער אונטערערדישער אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט געקעמפט **קעגן די אנטיסעמיטן אין רומעניען. פון** 1934 ביז 1957, געלעבט אין ארץ ישראל. א צייט געווען א בוי־אַרבעטער, **גלייכצייטיק פארגעזעצט** זיין שרייבערישע טעטיקייט; געדרוקט עסייען און ליטעראַרישע קריטיק איבער ספרים און ביכער אין **דבר, הצופה**, א.א. ת.א. דער עיקר אבער **געאַרבעט אויף זיינע ווערטערביכער און אויף זיין שמון עברי**, (א מין ענציקלאָפעדיע וועגן יידישע נעמען) דערשינען אין ת.א. 1939 פאר וועלכן באקומען די פרעמיע פון ת.א. שטאט־פארוואלטונג. געווען מיטרעדאַקטאָר פון רעוויזיאָניסטישן **המשקיף** ת.א. זיין בוך מינשר **הנוער היהודאי אל האומה הבריטית**, ווי ער האָט אָפן **גערופן צו א מלחמה קעגן ענגלאנד**, איז געווארן ווי דער פראָגראַם פאר די אונטערדישע ארגאניזאציעס אין ארץ ישראל. מ.ס. איז דער מחבר פון א צאָל וויכטיקע ווערק אויפן געביט פון העברעישער פילאָלאָגיע ווי די ער־שטע צוויי בענדער **מילון תלמודי אנציקלופדי**, ת.א. מאנט׳ 1964, **ספרון עברי, לשון נופל על לשון, מימרון, חיי סמבטיון**, (אַ עפּאָס פון לעבן פון אן אייראפעאישן ייד) זיין פאלעמיש ספר **שפינוזה גנב ספרותי אין וועלכן** ער ברענגט ארויס דעם געדאנק אז שפינאזע האט זיינע ביכער געשאפן אונטערן איינפלוס פון דער טיילווייזער יידישער און נישט־יידישער **פילאָזאָפיע**, האט אַרויסגערופן קעגן **אים א צאל געלערנטע**. גרויס אויפזען האָט ארויסגערופן זיין אין ענגליש גרויס ווערק **אינטערנאציאנאלע ענציקלאפעדיע פון ליבע און חתונה**, מאָנטרעאל, 1962, 728 ז׳ מ.ס. האָט גרייט צום דרוק א צאָל ווערק וואָס **וועלן באַרייכערן דאס יידישע וויסן** צווישן זיי א בוך וועגן דער אנטשטייאונג פון דער יידישער שפראך **און דער יידישער ליטעראטור. ער איז אויך באקאנט ווי א לעקטאָר און** רעדנער. צו זיין באקומען דעם פרס **עיריית תל אביב, איז אין 1943 דערשינען דער ספר סמטיוון 48 ז׳** רעדאקטירט פון ר. אלקלעי און יעקב ראַבינאָוויטש.

...ער פאַרמאָגט א סך פון בראצלאווער חסידות אין זיין ארט **דענקען, מיט זיין פראטעסט קעגן דער** וועלט וואָס פאַרלירט זיין מאָראל...(דר רפאל אלקלעי)

מ. גינזבורג, **קאנאדער אדלער, מאנט׳**, 3 טער מיי 1957, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, ב.6 מיט ביבליאָגראפיע, **קאַנאַדיאַנאַ**.

סימקין פייוול (אויג׳ 1885 —)

פיאָנער פון דער יידישער פרעסע אין ווינ׳. געב׳ אין א דאָרף לעבן באָריסלאַוו, אין א משפחה פון א שוחט. באקומען יידישע דערציונג. פון די פריע יאָרן טעטיק יידישן קולטור און

אַרבעטער לעבן. פון 1906 אין ווינ׳ געווען אקטיוו אין ארבעטער רינג, י.ל. פרץ־שול, יידישע פאָלקסביבליאָטעק א״א. מיטגעהאָלפן אַרויסגעבן די ערשטע סאָציאַליסטישע צייטונג **דער יידישער קוריער** (1910) **דער קאַנאַדער איד**, וואָס איז אין 1914 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין **דאס יידישע וואָרט**, (דערשיינט עד היום) **נייע יודישע וואָרט**.

בערנארד ווינד, **דאס יודישע ווארט**, ווינ׳ 27 סעפט. 1974, אינפארמאציע פון מאיר צוקער, ווינ׳.

סימקין, שלום (1896 — 1 טער אפריל 1950)

ברודער פון פייוול. אין די יונגע יאָרן געקומען קיין וויניפעג. לאַנגע יאָרן געווען א יידישער זעצער און אקטיוו אין כמעט אלע יידישע קולטור־אינסטיטוציעס און דער עיקר אין די יידישע שולן, זיי האבן אים געקריינט ווי ״דער טאטע פון די ארבעטער רינג שולן״. ער איז געווען א מיטגרינדער פון פ.צ. וואָכנבלאט **די נייע צייט** ווינ׳ (1922־1920) דאָרטן געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישע קולטור־פראגעס, רעצענזיעס וועגן יידישן טעאטער און וועגן ביכער און שרייבערס. אין 1930 אוועק קיין **שיקאגא און געוואָרן א מיטארבעטער פון שיקאגער פארווערטס.**

ער איז געשטאָרבן אין שיקאַגאָ.

נעקראָלאָגן אין דער פרעסע, אינפאָרמאציע פון מ.י. ניטיקמאַן, ווינ׳.

סעגאל, מאיר (11 טער דעצ. 1911 —)

געב׳ אין ראַדזין, פוילן. גאָר יונג געבליבן א יתום און זיך אויפגעהאָדעוועט אין א יתומים־הויז. געלערנט אין חדר, און אין א יידיש־העברעיש־פוילישער פאָלקסשול. אין 1927, צוזאמען מיט א גרופע יתומים געקומען קיין קאנאדע און ביז 1937, געלעבט אין דזשארזשטאון, מאָנט׳ און דער עיקר אין טאָראָנטאָ. שוין אין פוילן אנגעהויבן שרייבן לידער און צו 15 יאר געדרוקט א ליד, וואָס האָט באוויזן באַגאַבונג און טאלאנט אין **יוגנט־וועקער**, ווארשע, 1926. שפעטער פארעפנטלעכט לידער און פאעמעס אין **ליטעראַרישע בלעטער**, וואַרשע, **צוקונפט, דער טאג, יידיש, קינדער־זשורנאל** א״א. געווען א מיטארבעטער פון די זאמלביכער **המשך** (רעד. מ. שטארקמאן, ב. וויינשטיין און ב. דעמבלין)**אַפּאַטאָשו לייוויק־זאמלביכער** (1936) **(אלע אין ניו־יארק) און זיינע פאעמעס דאָרטן, האבן אים בארימט געמאכט צווישן די בעסטע דיכטער. אין קאנאדע באטייליקט זיך מיט לידער, און פאעמעס אין קאנאדער אדלער**, (אין יובל נומערן) **דער וועג, דער קאמף, וואכנבלאט**, און די ליטעראַרישע זאַמלונגען פון דער יונגער פראָלעטארישער גרופע, **אין געווירבל באגינען, באשיידן** און אויך אין פראלעטארישער געדאנק (אלע אין טאראנטא) א טייל פון זיינע לידער זיינען אריין אין זיין איינציק בוך **נאענטע ערד**, לידער און פאָעמען, נ.י. 1940, 79 ז׳ וואָס האָט ארויסגערופן זייער גוטע אפקלאנגען ביי דער קריטיק. אזוי שרייבט ש. ניגער״... מ.ס. איז א אמתער דיכטער און דאָס וואָס ביי אן אנדערן וואָלט געווען א סימן פון אומבאהאלפנקייט. איז ביי אים ריינע פּאָעזיע... זיינע פערזן זענען מייסטערהאפט, ...זיינע תפילות וואָס ער זאָגט מיט דער פרישקייט פון אן

ערשטן מאָל, ווירקן ווי אמתע תפילות (..."און ח.מ. קייזערמאַן, וואָס האָט דער ערשטער וועגן אים געשריבן־..."זיינע לידער אָטעמען מיט שטימונגען פון הארבסט און וויזן אַן עכטן טאַלאַנט..." זינט פון די זעכציקער יאָרן, פאַרשוווּנדן פון ליטעראַרישן האָריזאָנט.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.6. מיט ביבליאָגראַפיע ח.מ. קייזערמאַן־ווייטאַל. אידישע דיכטער אין קאַנאַדע, מאָנט׳. 1934, אינדעקס. ספר רדזין, ת.א. 1957, קאַנאַדיאַנא.

סעלצער, אברהם, ל. (מיטן יוני 1906 — מיטן יוני 1930)

געב׳ אין אַפּט קעלצער געגנט, פּוילן אין אַן אָרימער חסידישער משפּחה. געלערנט אין חדר און דורך זעלבסטבילדונג. יונג געוואָרן אַן אַרבעטער. פון 1924 ביז צו זיין פריען טויט, אין מאָנטרעאָל. אַרבעטער ביי דאַמען היטן. טעטיק אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין און אין א יוגנט־גרופּע פון שרייבערס און מאָלערס. געדרוקט לידער אויף לירישע טעמעס, נאַטור־שטימונגען און פּאָעמען וועגן ליבע, אין פאַרשידענע אויסגאַבעס פון פּראָלעטאַרישע שרייבערס אין מאָנטרעאָל און טאָראָנטאָ. צוו. אנד. אין **רוויערד** (רעד. א.ש. שקאָלניקאָוו) **העפטן** (רעד. ב. קאַץ) וואָס האָבן געוויזן טאַלאַנט און באַגאַבונג. און כאָטש די קריטיק האָט גוט אָפּגעשאַצט זיינע ערשטע לידער, האָבן זיי אים אַליין נישט באַפרידיקט און זיך אַרומגעטראָגן מיט זעלבסטמאַרד־געדאַנקען (מיר זען עס אין די איבערגעבליבענע לידער) דאָס האָט אים דערפירט צום דערטרענקען זיך אין טייכל ביי סט־לין. ער האָט איבערגעלאָזט, אַ בריוו און א סומע געלט, וואָס ער האָט געבעטן צו שיקן צו זיינע עלטערן. ער האָט אויך איבערגעלאָזט אין כתב־יד עטלעכע און צוואַנציק לידער, צוויי גוטע דערציילונגען, א טעאַטער־שפּיל אין 2 אַקטן "ציוויליזאַציע" און צוויי עסייען וועגן ליטעראַטור.

3 לידער און א שטיקל ביאָגראַפיע פון אים, זיינען געדרוקט אין **יידישע קולטור**, נ.י. אָקט. 1977.

..."ער איז געווען א פּאָעט און זיינע לידער אָטעמען מיט רעזיגנאַציע. עס ציט אים צו נאַכט, צו רו., זיינע חברים זענען א ווילדער שטיין, אַן איינזאַמער בוים, ער האָט ליב דאָס פעלד און די מענטשן וואָס אַרבעטן אין פעלד, אין וואַלד" (ח.מ. קייזערמאַן־ווייטאַל)

ח.מ. קייזערמאַן־ווייטאַל, **אידישע דיכטער אין קאַנאַדע**, מ, 1934 ז׳ 91־92, אינפאָרמאַציע פון אהרן שוסטער און איציק עלין און פון זיין איינציקע שוועסטער, מאָנטר׳ **קאַנאַדיאַנא.**

סערלין, איסר (3 טער מאַרץ 1911 — 24 טער יוני 1979)

געב׳ אין פּרוזשענע, פּאָלעסיע, יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון 1932 ביז צו דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען א בוכהאַלטער אין וואַרשע, בעת די נאַציס האָבן פאַרנו־מען פּוילן, אַוועק קיין רוסלאַנד און דאָרטן איבערגעלעבט די מלחמה. מיט דער רעפּאַטריאַציע פון פּוילישע בירגער, צוריקגעקומען און פון 1946 ביז 1949, געלעבט אין וורָאָצלאַוו, דאָרטן געווען אַקטיוו אין יידישן לעבן. שפּע־טער ביז 1957, אין וואַרשע פון וואַנען געקומען קיין מדינת־ישראל. פון 1959 ביז צו זיין פריען טויט, אין מאָנטרעאָל און איבער 18 יאָר געווען א מיטאַרבעטער פון דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק און דער

אַנפירער פון אָפטייל פון אלטע ספרים און מאַנוסקריפּטן, וואָס ער האָט דערגאַנצט מיט זיינע ידיעות און מיט זיינע צוגעשריבענע באַמערקונגען ווי א מומחה און געלערנטער קענער פון דער אַלטער העברעישער ליטעראַטור.

אנגעהויבן שרייבן מיט פּובליציסטישע אַרטיקלען אויף לויפנדיקע טעמעס און פעליעטאָנען אין **פּרוזשענער לעבן, פּרוזשענער וואָך**, 1931 (דאָרטן אויך געדרוקט הומאָרעסקעס) פון 1946 זיך באַטייליקט ווי אַ פּובליציסט און זשורנאַליסט אין **נידערשלעזיע**, (וראָצלאַוו) **דאָס נייע לעבן, פאָלקסשטימע, אויפגאַנג** (וואַרשע) יאַנט 1960, איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אָדלער** און **ביולעטין**, (אויסגאַבע פון מאָנטרעאַלער יידיש־קאָמיטעט) דאָרטן געדרוקט אַרטיקלען וועגן שרייבער און ביכער (צווישן זיי די עסייען "יידיש מאַמע לשון" "ראובן ברײַנין" איבריקע ביכער" "אַ שפּאַציר צווישן ביכער" א"א. וואָס זיינען געשטאַנען אויף אַ הויכער מדריגה. און ווי עס שרייבט שלום שטערן" זיינען זיי אַלע געשריבן מיט בקיאות, פּינקטלעכע פאָרשונג און שווערער מי" א גרויסער אויפטו זיינער איז געווען דאָס אַריינפירן אין די אונטן וואָס זיינען פאָרגעקומען אין דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק, זיינע **רעקאָרדירטע ליטעראַריש־מוזיקאַלע יום טובים צווישן** זיי (א. לוצקי, שלום עליכם, הירש לעקערט, דאָס געטאָ זינגט, א.א.) זיין צוגעגרייטע **אַנטאָלאָגיע פון קאַנאַדער יידישע שרייבערס, פאַר וועלכע ער האָט געשריבן די ביאָגראַפיש ביבליאָגראַפישע נאָטיצן, איז צוליב קראַנקהייט געבליבן אין כתב־יד. ער האָט אויך געדרוקט אונטער א. פּרוזשאַנסקי, א.ס. לין. געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.**

שלום שטערן, וואָכנבלאַט, טאָר' 3 דעצ' 1975. נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע.

סקלאַווער, יעקב.

געגויע ביאָגראַפישע פּרטים, נישט באַקאַנט. מיר ווייסן בלויז אַז ער איז געבוירן אין 1880 אין שקלאָוו, באַקומען יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געווען א סטודענט פון קיעווער אוניווערסיטעט. אין 1902 געקומען קיין קאַנאַדע און ביז 1907 איז ער געווען אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער־ציוניסטישער גרופּע אין מאָנטרעאַל, שפּעטער אַריבער צו דער פּ.צ. — פּאַרטיי און פאַרנומען נ׳ אַרשידענע אמטן. מיטגרינדער און פרייוויליקער לערער אין דער יידישער שול אין מייל־ענד, ביי מאָנטרעאַל (1911־1910) געדרוקט אַרטיקלען אויף יידישע טעמעס אין **אידישער קעמפּער**, פילאַדעלפיאַ־ניו־יאָרק (רעד. קלמן מרמר, 1906) פון 1907 געדרוקט אַרטיקלען וועגן דער יידישער שול, און דערציילונגען אין **קאַנאַדער אָדלער, דער וועג** (רעד ר. ברײַנין) **פאָלקסצייטונג, דאָס פאָלק** (אַלע אין מאָנטרעאַל) געדרוקט אויך אונטער א. שקלאָווער. ווייטערע ידיעות, נישט באַקאַנט. זאָל האָבן אַריבערגעפאָרן קיין ניו־יאָרק.

ש. בעלקין, די פּועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע, אינדעקס, לויט אַלטע יידישע צייטונגען, קאַנאַדיאַנאַ.

ע

עגיט, יעקב (27 טער סעפט. 1908 —

געב׳ אין באָריסלאַוו, מזרח־גאַליציע. זער יונג געוואָרן אַן אַרבעטער און אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג און אין דער לינקע פ.צ. — פּאַרטיי. די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, איבער־געלעבט אין רוסלאַנד. מיטגליד פון צ.ק. פון באַפרייטע יידן אין פּוילן און פאָרזיצער פון יידישן קאָמיטעט פאַרן נידערשלעזישן ראַיאָן. דאָרטן געגרינדעט פאַרשידענע הילפס־אינסטיטוציעס און יידישע פאָלקסשולן. זינט 1948 אין טאָראָנטאָ. מיטגליד פון „קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס״, דירעקטאָר פון די פאַראייניקטע אָרגאַניזאַציעס ביי „הסתדרות־קאַמפּיינען״. אָנגעהויבן שרייבן מיט אַרטיקלען וועגן פּאַליטישע פּראָגרעס און וועגן יידישע קולטור־ענינים אין וואָכנבלאַט **אונדזער וועג**, לעמבערג 1933־1930 (אָרגאַן פון לינקע פּועלי ציון אין מזרח־גאַליציע, אויך מיטרעדאַקטאָר) בעת זיין לעבן אין פּוילן, געווען מיטרעדאַקטאָר פון די אויסגאַבעס **נידערשלעזיע** (יידיש) און **נאָוואַ־זשיטשע** (פּויליש) 1948־1946, (ביידע אין װראָצלאַוו) ער איז אויך געווען אַ מיטאַרבעטער פון **דאָס נייע לעבן**, יידישע שריפטן (ביידע, לאָדזש־וואַרשע) באַטייליקט אין **י.ל. פּרץ זאַמלבוך**, װאַר׳ 1952) אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרם צו אַ ניי **לעבן** (צוויי יאָר יידישער יישוב אין נידערשלעזיע) מיט אַ פאָרוואָרט פון ה. סמאָליאַר, וורָאָצלאַוו, 1947 84 ז׳. אין קאַנאַדע געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער **יודישער זשורנאַל**, פון דער יידיש־ענגלישער פּעריאָדיק אין טאָראָנטאָ און פון **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנטרעאַל, דאָרטן אין 1958 געדרוקט כּמעט טעגליך לייטאַרטיקלען א״פּ. באָריס און י. באַרסקי.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.6, מיט אַ ביבליאָגראַפיע, קאַנאַדיאַנאַ.

עלבערג, יהודה (15 טער מאַי 1912 —)

געב׳ אין זגיערזש ביי לאָדזש, פּוילן אין אַ משפּחה פון רבנים און לומדים. זיין פאָטער, אַברהם נתן איז געווען רב אין בלאַשקי און סאָניק. פון דער מו־טערס צד, אַן אייניקל פון וואַרשעווער רב און גאון ר׳ צבי יחזקאל מיכעלזאָן. באַקומען אַ רעליגיעזע דערציונג. פון 1934, געלעבט אין לאָדזש. געענדיקט טעקסטיל־אינזשיניער. 1943־1940, געווען אין וואַרשעווער געטאָ און זיך באַטייליקט אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג. שפּעטער ביז סוף 1944, געלעבט אויף דער אַרישער זייט. נאָך דער באַפרייאונג פון לובלין געווען אַ מיטגרינדער פון ערשטן

יידישן קאָמיטעט און איינער פון די איניציאַטאָרן און מיטגרינדער פון דער ערשטער יידישער פרעסע־אַגענטור "ייפּ"א "אין לאָדזש, וואָס האָט איבערגעשיקט צו דער יידישער וועלט די ערשטע ידיעות וועגן די גרעסטע יידן סיי אין פוילן און סיי וועגן די ערשטע צוריקגעקומענע פון סאָוויעטן־פאַרבאַנד. ער איז אויך געווען פון די אָנפירערס פון "יידישן היסטאָרישן קאָמיטעט" (דער היסטאָרישער אינסטיטוט) און דער ערשטער רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון דער צייטונג **דאָס נייע לעבן**, לאָדזש (פון מיי 1944 ביז סוף 1945) געווען דער פוילישער קאָרעספּאָנדענט פון א צאָל צייטשריפטן איבער דער יידישער וועלט צוו" אנד. פון **דבר**, ת"א **מאָרגנזשורנאַל**, נ.י. פון סוף 1946 ביז אין 1948, אין פּאַריז רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון חודש־זשורנאַל **קיום** 1945. אין 1948 געווען א דעלעגאַט צום ערשטן צוזאַמענפאָר פון "אַל־וועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק, וואָס האָט אים דערמעגלעכט צו בלייבן אין אמעריקע. שפּעטער באַזעצט זיך אין מאָנטרעאַל, קאַנאַדע. זינט 1951 טעטיקער מיטאַרבעטער פון "הסתדרות־קאַמפּיין" און אין אירע אינטערעסן באַזוכט אין 1960 ארגענטינע.

עלבערגס שרייבערישער באַגין הייבט זיך אָן מיט דער דערציילונג "בער לעפ" אין **נייער פאָלקסבלאַט**, לאָדזש, 15 טער מיי 1932, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט אָנערקענונג דורך דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק. זינט דאַמאָלט באַטייליקט ער זיך מיט דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן, אַרטיקלען און קאָרעספּאָנדענצן אין **דאָס נייע לעבן**, **יידישע שריפטן**, לאָדזש, **קיום**, **אונדזער וואָרט**, א.א., פּאַריז, **דבר**, **גאָלדענע קייט**, **לעצטע נייעס**, ישראל, **צוקונפט**, **אידישער קעמפער**, **מאָרגנזשורנאַל**, **פאָרווערטס** (אַלע אין נ.י.) ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט' **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר' און אויך אין דער יידישער פּרעסע אין לאַטיין־אַמעריקע.

אין בוכפאָרם: **אונטער קופערנע הימלען**, דערציילונגען, ב.א. 1951, 252 ז' (פּרעמיע פון בראַזיליאַנער אָפּט. פון קולטור קאָנגרעס) וואָס האָט אַרויסגערופן גרויסע ליב פון דער קריטיק און די דערציילונג "873" פון בוך איז דראַמאַטיזירט געוואָרן פון שרייבער פּנחס ביזבערג און אויפגעפירט אין "יינג־יידיש טעאַטער" אין ב.א. ...אין זיינע דערציילונגען טיילט זיך די קונסט־כראָניק אויס מיט דער שפע פון איר טרויעריקן שטאָף און דער קאָנדענסירטקייט פון איר סטיל, אָבער א חוץ איר אייגענעם, קינסטלערישן, כראָניקאַלישן ווערט, איז זי וויכטיק נאָך אויך דערמיט, וואָס **מיר געפינען אין איר א שליסל צום יונגען שרייבערס לייט־מאָטיוו... א** גרויסן־קינסטלערישן און מענטשלעכן כח האָט מען געדאַרפט אין זיך פאַרמאָגן, כדי אויסצומאָלן (אין 1942) די געטאָ־בילדער מיט זייערע פינצטערע שאָטנס, די שאָטנס פון טויט...(ש. ניגער)... עלבערג באַשרייבט פאָלקס־מענטשן. זיין שפּראַך איז עכט און געדיכט, ווי דאָס בלוט פון זיינע העלדן, דער דיאַלאָג איז א בצימצומדיקער" (**חיים גראַדע**)...די קינסטלערישקייט אין זיין בוך "אונטער קופּערנע הימלען", קען מען פעסטשטעלן דורך פיל סימנים. עלבערגן גייט קודם כל אינעם אַנטפּלעקן די אָפּשפּיגלונג פון דעם אַכזריותדיקן חוץ אויף דעם יידישן

פּנים, אויך אויף דער אינעווייניקסטער וועלט פון קרבן. ער וויל דערזען אין שיין פון דער שריפה די טונקעלע ווינקלען פון דער יידישער נשמה, די סודות פון דער יידישער כאַראַקטער־פאַרהוילנקייט, וואָרעם דווקא אין דער שאַרפער באַלייכטונג פון גיהנומדיקער פּיין און אוממענטשלעכע ליידן, זעט זיך שטאַרקער אַרויס דאָס דוויערדיק־כאַראַקטעריסטישע און באַזונדערע, וואָס טיילט אויס דאָס יידישע פאָלק צווישן אַנדערע פעלקער (י. יאַנאַסאָוויטש) אין אונטער קופּערנע הימלען" האָט עלבערג קינסטלעריש פאַרייביקט דעם יידישן חורבן אין פּוילן און זיינע דערציילונגען געהערן צו די בעסטע פון דעם מין אין אונדזער ליטעראַטור...
ח.ל. פוקס) (וועגן "אונטער קופּערנע הימלען") א גרויסן רושם האָט געמאַכט זיין ראָמאַן **אויפן שפּיץ פון א מאַסט**, ניו יאָרק, 1974, 393 ז' (איבערזעצט אין עברית פון יהודה אַרלאַנד) ...יהודה עלבערג איז אַן אויסנאַם. זיין ווערק איז עבט, אפשר איז ער אַליין דער העלד פון דער האַנדלונג און האָט אַליין אַדורכגע־מאַכט די טונקעלע געטאָ־יאָרן. אפשר איז עס דערפאַר וואָס ער שטאַמט פון א רבנישער משפּחה און איז אָנגעזאַפּט מיט אהבת ישראל. ער שרייבט מיט אַזויפיל פּערזענלעכן ווייטיק, מיט אַזויפיל אמתער ליבשאַפט וועגן די יידישע קינדער און זייערע יסורים אַז עס איז אוממעגלעך נישט צו גלייבן אים, נישט מיטגעריסן ווערן פון זיינע שילדערונגען וועלכע ער שילדערט מיט א זעלטענעם פּאַטעטישן רעאַליזם" (אליעזר וויזעל)

...זיין ראָמאַן "אויפן שפּיץ פון א מאַסט" באַווייזט א העכערונג פון זיין טאַלאַנט..."עס זענען בולטער געוואָרן זיינע אייגנשאַפטן, ציבטיקער די מיטלען פון זיין קינסטלערישע געשטאַלטיקונג און שאַרפער און אַריינדרינגנדיקער זיין נשמה־אַנאַליז. עס געהערט צו די מאָנומענטאַלע ווערק און נעמט אַרום אַזאַ גרויסן שטח פון געפּלאָגטן יידישן לעבן. עס באַוועגן זיך אַזוי פיל טיפן און געשטאַלטן אַז מען וווּנדערט זיך ווי אַזוי ער האָט באַוויזן דאָס אַלץ צו געבן אין די קנאַפּע 400 זייטן פון זיין בוך (י. יאַנאַסאָוויטש).. ער פאַרמאָגט ביז גאָר א הויכע מדרגה פון שאַפערישע פעיקייטן; א גוטער דערציילער, א שאַרפער באַאָבאַכטער פון מענטשן און בעלי־חיים און פון דער ניט־לעבעדיקער נאַטור אין וועלכער ער בלאָזט אַריין א רוח־חיים.. (שלמה וויסמאַן)... געמאָלט מיט מייסטערשאַפט און פּסיכאָלאָגישער אַריינדרינגונג, וואָס ווייזט זיין באַהאַוונטקייט מיטן דאָרפישן לעבן. זיינע טיפן באַווייזן דעם מחברס קינסטלערישן כוח (יעקב זיפּער) ...עלבערג האָט ליב זיינע מענטשן, ער האָט זיי אַדורכגעפיבערט אין זיין דמיון, ער האָט זיי ליב אהבת נפש. ער ווייזט אונדז שטאַרקע יידן, יידן מיט גרויסן בטחון, אַז דער בורא עולם וועט נישט פאַרלאָזן זיין געליבט פאָלק. שטאַרקע יידן, וואָס ווילן פאַר קיין פאַל זיך נישט אונטערגעבן און אין די ערגסטע צייטן נישט פאַרלירן דעם צלם־אלוקים און האָבן אין יעדן טאָג וואָס איז אַוועק, נאָר געזען ניסים מן השמים.. (ב.פיק) ...עס איז דאָס העכסטע און סאַמע קאָנצענטרירסטע, וואָס עס איז בכלל ביז איצט געשריבן געוואָרן וועגן דער תקופה פון אונדזער חורבן... דאָס ווערק איז געשריבן מיט בלוט און מיט קינסטלערישן טאַלאַנט, וואָס אָן אים וואָלט געווען אוממעגלעך איבערצוגעבן אַזעלכע

דינע ניואַנסן אין זיין דערציילן...) מ. צאַנין. עלבערג איז א מייסטער פון סטיל, וואָס איז צוגעפּאַסט צום סיפור המעשה, וואָס ער דערציילט. בכלל איז ער נישט קיין באַרעדעווידיקער, אבער ווען עס איז וויכטיק, זעט ער דעטאַלן און ניואַנסן...ער פילט דעם אימפּעט פון די געשילדערטע געשעענישן... (חיים שפּילבערג) וועגן בוך "אויפן שפּיץ פון א מאַסט" פאַרן בוך באַקומען אין 1975 די י.י. סיגאַל־פּרעמיע און די ווייסליץ־צימערמאַן פּרעמיע. זיין בוך **צעוואָרפענע זאַנגען**, מאָנטרעאַל 1976 349 ז' וואָס אַנטהאַלט ניין דערציילונגען (צווישן זיי: "שבת אין מיין הויף" וואָס ער האָט געשריבן בעתן יידישן חורבן און געהערט צו זיינע ערשטע זאַכן... דר' אברהם שטילמאַן שטעלט זיך באַזונדער אָפּ וואָס "ער האָט דורך זיינע ווערק, נישט דערלאָזט אז דער שוידער פון די היטלערישע גזירות קעגן יידישן פאָלק זאָלן פאַרגעסן ווערן" אין 1977 באַקומען די "איציק מאַנגער" פּרעמיע אין מדינת ישראל וועגן וועלכע עס האָט גערעדט דער נשיא פון דער מדינה אין זיין יידישער באַגריסונג און אפשאַצונג..."אין זיין אויפטרייסלענדיקער דערציילונג וועגן צוויי יידישע קינדער, א ברודער און א שוועסטער, וואָס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פאַר דעם אימת־מוות פון די דייטשן, באַגנוגנט זיך נישט עלבערג מיטן שילדערן די פיזישע ליידן, וואָס זיי האָבן אויסצושטיין, נאָר ער שילדערט דווקא זייער זאָרג פאַרן גורל פון די גייסטיקע אוצרות פון אונדזער פאָלק, וואָס איז די עיקר־זאָרג פונעם עלטערן ברודערל־זיין עיקר זאָרג איז, אז זיין קליין שוועסטערל זאָל אין באַהעלטעניש לערנען דעם אלף־בית, כדי עס זאָל נישט פאַרגעסן ווערן די צורה פון א יידיש אות אין די קומענדיקע דורות "י.ע. האָט זיך אויך באַטייליקט אין **ספר זגירז"** ת.א. 1975, ווו ער האָט געגעבן שטריכן פון זיינע בני־משפּחה, די רבנים יחיאל־מיכל און זיין זון אברהם־נתן. (עלבערגס פאָטער) פון זיינע נייע ווערק דאַרפן דערמאָנט ווערן **מעשות**, ת.א. 1979, **220 ז' וואָס איז אַן אַפּקלויב פון חסידישע מעשות און לעגענדן און זיין נייער ראָמאַן קלמן קאַליקעס אימפּעריע וואָס איז דער דריטער טייל פון זיין 5 בענדיקער עפּאָפּעא און** שילדערט א יידיש שטעטל אין פּוילן מיט זיינע פיר דורות יידן ביז היטלערס קומען צו דער מאַכט אין 1933 (זיינע ערשטע 2 טיילן. די ראָמאַנען **זאַמד און תהום**, זיינען געדרוקט געוואָרן אין **פאָרווערטס**, נ.י. **לעצטע נייעס**, ת.א. און **אונדזער וואָרט**, פּאַריז, דאָס איצטיקע ווערק ווערט געדרוקט אין **פאָרווערטס**, נ.י. **און לעצטע נייעס** ת.א. און די אלע ווערק זיינען טיילן פון זיין גרויס ווערק, **ביי די טייכן פון פּוילן**...

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב. 6 מיט א ביבליאָגראַפיע ביז 1965, אליעזר וויזעל. **אַלגעמיינע זשורנאַל**, 17 טער פעבר. 1975, אברהם שולמאַן, **פאָרווערטס**, 9 טער מאַרץ 1975, י. עמיאָט, **קולטור און דערציאונג**, מאַי־יוני 1975, ב. פּיק **די פּרעסע**, ב.א. ש. ווייסמאַן, **קאַנאַדער אַדלער**, 11 טער יוני 1975, ב. שלעווין, **אויפן שוועל**, דעצ' 1975, מ. צאַנין, **לעצטע נייעס**, ת.א. 2 טער אַפּריל 1976, יעקב זיפּער, **צוקונפט**, אַפּריל 1976, דר' א. שטילמאַן, **קאַנאַדער אַדלער**, 17 טער סעפּט. 1976, י. יאָנאַסאָוויטש, **פּנימער און נעמען** ב.2, ת.א. 1977, ז' 191־216.

עדעלשטיין, היימאַן (חיים) 1899 — 1 טער דעצ' 1957)

געב' אין אירלאַנד. אין 1902

געקומען קיין קאַנאַדע און דאָ פאַרגעזעצט זיין בילדונג. פון 1912, לאַנגע יאָרן געוווינט אין מאָנטרעאל, דערנאָך געווען א הויכער רעגירונגס־באאמטער און צענזאָר (אין די יארן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה) אין אָטאַווא. באַקאַנטער ענגליש־יידישער פּאָעט, נאָוועליסט און קריטיקער. מחבר פון א צאָל ביכער אין ענגליש און לידער אויף יידיש־נאַציאָנאַלע טעמעס צווישן זיי: **פּראָם זשודיען וויניאַרדס**, מאָנט׳ 1914, 32 ז׳ וואָס איז געווען פון די ערשטע ביכער אין ענגליש אויף יידישע און ארץ־ישראל טעמעס אין קאַנאַדע. אין די יאָרן 1914־1916, האָט ער געדרוקט אין **קאנאדער אָדלער** רעצענזיעס וועגן יידישע און ענגלישע טעאַטער־פאָרשטעלונגען. ער איז אויך געווען (צוזאמען מיט יוסף דימענטשטיין), רעדאַקטאָר פון דער יידיש־ענגלישער **די יודישע פּאָלקס שטימע**, מאָנט׳ (1928־1927) און פון אייניקע יידיש־ענגלישע צייטונגען אין מאָנטרעאַל.

געשטאָרבן אין קינגסטאָן, אנטאַריאָ.

פנחס, קאַנאַדער אָדלער, 6 טער אויג׳ 1915, ח.מ. קייזערמאַן, **אידישע דיכטער אין קאנאדע מאָנט׳ 1934, אינדעקס, טהי גאזעטט**, מאָנט׳ 2 טער דעצ׳ 1957, דוד ראָם, **יידן אין אין דער ענגלישער ליטעראַטור אין קאַנאַדע**, מאָנט׳ 1962, ז׳ 10 (ענגליש) קאַנאַדיאַנאַ. אסתר סאַפּיר־פישער קענעדיען דזשואיש ניוס, טאָר. 17טן אפּריל 1980.

עלשטיין ל. שאול

ביאָגראַפישע ידיעות־אומבאַקאַנט. מיר ווייסן נאָר אז ער האָט געשטאמט פון רוסלאַנד און געווען אקטיוו אין דער ציוניסטיש־טעריטאָריאַליסטישער פּאַרטיי. פון 1909 ביז 1913, געלעבט אין מאַנטרעאל, געווען א מיטגרינדער פון דער מיילענדער ראַריקאַל־נאַציאָנאַלער שול און אויך טעטיק אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, שפּעטער צוגעשטאַנען צו דער פ.צ. פּאַרטיי. א צייט געווען א מיטארבעטער פון **קאַנאַדער אדלער** און געדרוקט אַרטיקלען אויף ארבעטער־טעמעס. פון 1913 געלעבט אין טאָראָנטאָ און געווען רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל **די נייע צייט** (דערשינען 6 חדשים, 1913־1914) פון סוף 1917 ביז סוף 1918, געווען רעדאַקטאָר פון וווכ״בל **די ארבייטער צייטונג**, **וואס איז געווען געריכטעט צום לינקן לאַגער. דערנאָך מיט איבעררייסן געווען א מיטארבעטער פון דער אידישער זשורנאַל** און פון 1925 ביז 1933 געפירט דעם אָפּטייל ״פון ארבייטער לעבן״ ער האט אויך געדרוקט אונטער ל. שאול, ל.ע. א״א.

א. ריינוויין, **דער איד אין קאַנאַדע**, טאָר. 1921 ז׳ 212, י.ל. מאלאמוט, **יובל נומער קאַנאַדער אדלער**, 1938, י. מדרש, **מאַנטרעאַל פון נעכטן**, ז׳ 72, ש. בעלקין, **די פּועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס. קאַנאַדיאַנאַ.

עפּשטיין, ישראל, י.

ביאָגראַפישע ידיעות, נישט באַקאַנט. מיר ווייסן בלויז, אז ער איז נאָך די פּאַגראָמען אין אוקראַינע, געקומען מיט נאָך זיבן יידן קיין וויניפּעג, דעם 25טן מיי 1882 וואָס זיינען אין יענער צייט געווען די ערשטע אכט יידן פון אוקראַינע אין וויניפּעג, אין א צייט ארום, אוועק אין די יידישע קאָלאָניעס פון מערב־קאַנאַדע. ער איז געווען א בן־תורה. דאָס זעט מען אין זיינע אַרטיקלען און איבערזעצונגען פון מדרשים און פון דער העברעישער ליטעראַטור, וואָס ער האָט פון 1909

כסדר געדרוקט אין **קאַנאַדער אדלער** (דארטן אויך געדרוקט טיילן פון זיינע זכרונות וואס גיבן איבער אינטערע־סאַנטע פאַקטן וועגן די ערשטע יידישע פארמערס אין מערב קאַנאַדע בילדעריש און קינסטלעריש באַשריבן) י.ע. האט זיך אויך באטייליקט אין **קאַנאַדער איד, דאס יודישע ווארט,** (**ביידע אין ווינפעג) דער וועג,** מאנט׳ **אידישעס טאָגעבלאַטט** און אין אייניקע יידישע און העברעישע צייטשריפטן אין ניו־יארק.

באַאַרבעט לויט די ארכיוון פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע געזעלשאפט, מאָנט׳ און פון אַלטע צייטונגען, און אויך קאַנאַדיאַנאַ.

עפשטיין, רפאל־צבי (1 נאוו. 1876 — 17 סעפט. 1957)

געב׳ אין מיכאַלאָווע, ביי ביאַליסטאָק, פוילן. געלערנט אין ישיבות און באקומען סמיכה אויף רבנות. אין 1899 געקומען קיין אמעריקע און א צייט געווען א העברעישער לערער און מטיף אין א שיל אין סט־פאָל. פון 1903 ביז פאר זיין פטירה, געווען א העברעישער לערער און מחנך אין אטאווע און אין מאנט׳. געווען א מיטגרינדער פון דער ״מזרחי״ פארטיי אין קאנאדע. נאָך פאר זיין קומען אין קאַנאַדע, שוין געדרוקט ארטיקלען אויף נאציאנאלע און רעליגיעזער טעמאטיק אין **הצפירה,** ווארשע. געווען פון די ערשטע מיט־ארבעטערס פון **קאנאדער אדלער,** מאנט׳ און חוץ ארטיקלען אויך לאַנגע יאָרן געדרוקט אין די פרייטיק־נומערן וועגן ״די סדרה פון דער וואך״ ער האט זיך אויך באטייליקט אין **דער יודישער זשורנאל, מזרחי־וואכנבלאט,** צ״ש **אונזער שטימע** (אלע אין טאָר) פון די לעצטע צוויי אויך רעדאַקטאָר. ער האָט פארעפנטלעכט זיינע ארבעטן אויך אין **דאס אידישע ליכט, מ׳ זשורנאל** א.א. נ.י. מחבר פון ספרים אויף לשון־קודש און יידיש. צוו. ״אנד״ **ספר הגיון וצחות,** אטאווע, 1943, 131 ז׳ לשון־קודש און 80 ז׳ יידיש, מיט א הסכמה פון הרב צבי הכוהן, **ספר לקוטי שושנים,** מאנט׳ 1955, 194 ז׳ לשון־קודש און 72 ז׳ יידיש מיט א הסכמה פון הרב הירשפרונג, אין ביידע ספרים זענען אריין א טייל פון זיינע מאמרים אין לשון קודש און אין יידיש. נפטר געווארן אין מאָנטרעאל.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, ב. 7 מיט ביבליאָגראפיע, **בית עקד ספרים החדש,** קאַנאַדיאַנאַ.

עציוני, מרדכי ב. (1904 — 12 מערץ 1976)

געב׳ אין וולאצלאוועק, פוילן. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. געענדיקט א העברעישע גימנאזיע. אין 1921 געקומען קיין מאנט׳ און געווען טעטיק אין די יונגע ״צעירי־ציון־התאחדות״. לערער אין די פאלקס־שולן, גלייכצייטיק שטודירט אין מק״גיל אוניווערסיטעט וואו באקומען זיין דאקטאר דיגרי אלס מעדיצינער און פראקטיצירט. לאנגע יארן געדרוקט. לידער און ארטיקלען אויף געזעלשאפטלעכע און קולטור פראבלעמען אין **קאנאדער אדלער, דאס ווארט,** מאנט׳, ווי אויך אין יידישע ענגלישע צייטשריפטן. מיט־ארבעטער פון ענגלישע מעדעצינישע אויסגאבעס. אין בוכפארם: **היסטארי אָף מאנטרעאל קליניקל סאסייעטי 1923־1963, 49 ז׳ נתן בן יואל און זיין צרות הגוף,** 1963 (ביידע אין ענגליש). באקאנטער לעקטאָר וועגן מעדיצינישע פראבלעמען צוו. אנד. א

ציקל לעקציעס וועגן "ערשטע הילף" אין סעמינאַר ביי דער יידישער פֿאָלקביבליאָטעק. געגרייט אַ לענגערע אַרבעט וועגן רמב"ם ווי אַ דאָקטאָר. נישט פֿאַרענדיקט. אין 1967 אַוועק קיין ישראל און אַ צייט געאַרבעט אין "קופת חולים" ביי דער הסתדרות אין תל אביב. די לעצטע יאָרן פֿון זיין לעבן, געווען מעדעצינישער לייטער פֿון אָפּרו־הויז פֿון דער הסתדרות אין מוצא, ביי ירושלים און דאָרטן געשטאָרבן.

א. שורעם, **קאַנאַדער אַדלער**, מ. 39 אַפּריל 1976, **קאַנאַדיאַנע**. אין יובל זשורנאַל פֿון **קאַנאַדער אַדלער**, 1938 פֿאַרעפֿנטלעכט גרויסע טיילן פֿון זיין פֿאָרשונג "גייסטיק קראַנ־קע יידן אין קאַנאַדע", וואָס איז אַן ערשטלינג אויף דעם געביט און אַ סטאַטיסטיק לויט די יאָרן פֿון 1915 ביז 1938.

ערדבערג,־שאַטאַן, מירל (15 טער אַפּריל 1894 —)

געבּ׳ אין קוטנע, פּוילן. יונגערהייט אַ צייט געלעבט אין לאָנדאָן דאָרטן געלערנט אין דער ראָטשילד שולע. שפּעטער צוריקגעקומען קיין קוטנע, געגאַנגען אין אַ חדר פֿאַר מיידלעך, שפּעטער אין פּריוואַטע שולעס, אין סעמינאַר "להשתלמות המורים" אין לאָדזש און אויף לערער־קורסן פֿון דער "ציש"א" אין וואַרשע. אַ צייט געווען אַ לערערין אין דער קוטנער יידישער פֿאָלקסשול א"נ פֿון י.ל. פּרץ און אויך אין גן־ילדים" ביי דער העברעישער גימנאַזיע אין קוטנע. פֿון 1926 אין מאָנטרעאַל און אַקטיוו אין געזעלשאַפֿטלעכן לעבן. אָנגעהויבן שרייבן מיט לידער און דערציילונגען אין **לאָדזער טאָגעבלאַט**, 1914, שפּעטער געדרוקט. לידער און דערציילונגען אין **פֿאָלקסבלאַט**, **יוגענד**, **געזאַנגען**, **דער יודישער זשורנאַליסט** (אַלע אין לאָדזש) באַטייליקט זיך אין **דאָס פֿאָלק** (רעד. נ. פּרילוצקי און ש.י. סטופּניצקי) **פֿאָלקסצייטונג**, **יודישע זאַמלביכער** (רעד. י.מ.ווייסענבערג) **אילוסטרירטע וואָך** (אַלע אין וואַרשע) **צוקונפֿט**, **אונדזער צייט**, **דער וועקער**, **קינדער־צייטונג**, **קינדער־זשורנאַל** (אַלע אין נ.י.) לאַנגיעריקע מיטאַרבעטערין פֿון **קאַנאַדער אַדלער**, און חוץ לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען וועגן שרייבער און ביכער האָט זי אויך געדרוקט אין המשכים איר אין ניי־יידיש איבערגעשאַפֿענע "די זכרונות פֿון גליקל פֿון האַמעלן" (דעצ. 1964־אויג. 1965) אין וועלכן זי גיט איבער אין אַ ליטעראַרישער פֿאָרם און מיט אַ גוטן יידיש אַלע 7 ביכער פֿון גליקלען וואָס האָבן לאַנגע יאָרן געוואַרט אויף אַן עבט־יידישע ווערסיע (ח.ל.פּ.) זי האָט אויך געדרוקט אַ טייל פֿון אירע איבערזעצונגען פֿון דער פּוילישער ליטעראַטור. באַטייליקט זיך אין דער **יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ און אויך אין די זאַמלונגען **קאַנאַדע**, **מאָנטרעאַל**, **העפֿטן**, **מאָנטרעאַלער העפֿטן** (אַלע אין מאָנטרעאַל) **פֿאָרויס**, **דער וועג**, מעקסיקע, היימיש, ת"א. אין **ספר וולאָצלאַוועק**, ישראל 1967 ז׳ז 67־72, געדרוקט אַ עסיי וועגן שמעון האַראַנטשיק, וואָס גיט איבער אַ וויכטיק קאַפּיטל פֿון זיין לעבן און שאַפֿן. אין ספר **קוטנה והסביבה**, ת"א 1968, פֿאַרעפֿנטלעכט חוץ אַ ליד וועגן איר היימשטאָט אויך די אַרבעט "קוטנע אין דער ערשטער וועלט־מלחמה", אין וועלכער זי גיט איבער אירע איינדרוקן וועגן יענער צייט (דאָרטן דערציילט זי אויך וועגן הלל צייטלינען אין קוטנע.)

אירע לידער זיינען אריין אין א צאל **אנטאלאגיעס** ווי אין ע. קאָרמאנס **״יידישע דיכטערינס**, שיקאגא, 1928 און אין לעפטוויטש ענגלישע אנטאלאגיע פון **יידישער דיכטונג דהי גאלדן פיקאק**, לאנדאן, 1939. אין בוכפארם: ניט פון פרייד, (שער־בלאט פון ב. מלחי) לידער, מאנט׳ 1950, 100 ז׳ **רעגנבויגן**, לידער עסייען און זכרונות, מאנט׳ 1976, 136 יידיש און 30 ז׳ ענגליש... אירע ביכער און כמעט אלע אירע ארבעטן זינט דעם חורבן פוילן, זענען אמתע און שטילע טרערן און זענען עכט ליריש... (חיים לייב פוקס).

לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, בד 7 מיט א ביבליאגראפיע, ח.מ. קייזערמאַן־וויטאל, **אידישע דיכטער אין קאנאדע**, 1934, ז׳ 116־117, ח.ל. פוקס, לאדזש של מעלה, ת״א 1972, זוכצעטל, **קאנאדיאנא.**

פּ

פּאַט, הערשל (5 טער נאָוו. 1901 —)

יונגערער ברודער פון יעקב פּ. געב' אין ביאַליסטאָק, פּוילן, געלערנט אין א פּאַלקסשול און אין א האַנטווערקער גימנאַזיע. פון 1926 אין קאַנאַדע. אין די יונגע יאָרן געווען אַקטיוו אין דער יידישער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. אין טאָראָנטאָ, טעטיק אין די יוניאָן־ אַרבעטער פאַריינען. לאַנגע יאָרן געווען א פוטער־אַרבעטער. אנגעהויבן שרייבן מיט לידער אין 1920 און דעביוטירט אין **דאָס נייע לעבן** (רעד. פּסח קאַפּלאַן ביאַליסטאָק) ער איז א לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון דער לינקער פּרעסע און פּעריאָדיק. געדרוקט עסייען וועגן שרייבער און ביכער און אַרטיקלען וועגן אַרבעטער און קולטור־פּראָבלעמען, וואָס צייכענען זיך אויס מיט קלאָרקייט און מיט א געלונגענעם אַנאַליז אין **דער קאַמף, דער וועג, וואָכנבלאַט** (אַלע אין טאָר') זיינע עסייען וועגן יידישע און ליטעראַרישע ענינים באַווייזן א טיפן אינטערעס אין די פּראָגעס וואָס ער באַהאַנדלט אין זיינע אַרבעטן (שלום שטערן)

שלום שטערן, **וואָכנבלאַט**, טאָר' 4 טער מערץ 1972. **קאַנאַדיאַנא.**

פּאַרקער, הערי (1885 — 1942)

קאַנאַדער נאָמען פון אברהם יהושע העשל פּ'. געבוירן אין פּראָמפּאָל, דרום רוסלאַנד. יידישע און טיילווייזע וועלטלעכע בילדונג. ביז צו זיין קומען קיין קאַנאַדע, אין 1918, געווען אַן אַרבעטער און טעטיק אין אַרבעטער לעבן. דאָס זעלבע אויך, אין וויניפּעג, מיטגרינדער פון א צאָל געזעלשאַפט־ לעכע און קולטור־אינסטיטוציעס. פון 1922 ביז פאַר זיין טויט, געווען אַן אינערלעכער מיטאַרבעטער פון **דאָס יודישע וואָרט**, ווינ' דאָרטן געדרוקט פעליעטאָנען, סקיצן און רעפּאָרטאַזשן (אויך אונטער זיין אמתן נאָמען: (אברהם יהושע העשל). געשטאָרבן נאָך אַ לאַנגער קראַנקהייט אין וויניפּעג.

אינפאָרמאַציע פון מ.י. ניטיקמאַן, ווינ' **קאַנאַדיאַנא.**

פּאַרסקי, יחיאל (15 טער נאָוו'. 1896)

געב' אין לאָדזש פּוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, געלעבט אין דייטשלאַנד און שטודירט אויפן ברעסלער אוניווערסיטעט, גלייכצייטיק געווען זייער אַקטיוו אין דער פּועלי־ציון באַוועגונג און א מיטגליד פון זיין צ.ק... ער רעכנט זיך פאַר א תלמיד פון ר' זלמן שזר, וואָס אונטער זיין אנפירונג האָט ער פאַרפולקומט זיין בילדונג און

אַקטיוויטעט. פון 1924 ביז 1938, געלעבט אין מאָנטרעאַל און ער איז געווען טעטיק אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, דער עיקר צווישן די נייע עמיגראַנטן. אָנגעהויבן שרייבן מיט קאָרעספּאָנדענצן און רעפּאָרטאַזשן פון דייטשלאַנד אין לאָדזשער פאָלקסבלאַט (רעד. לאַזאַר קאַהאַן) אין 1916 און ביז 1922, געווען דאָרטן אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. ער איז געווען אַן אינעוויינעקסטער מיטאַרבעטער פון דער יידישער טעלעגראַפן אגענטור (איט"א) און זיינע ארבעטן זיינען געדרוקט געוואָרן אין דער יידישער פרעסע איבער דער וועלט. אייניקע יאָרן געווען אַן אינערלעכער מיטאַרבעטער פון קאַנאַדער אָדלער, חודש־זשורנאַל ניילאַנד, מאָנט' (פון לעצטן אויך מיטרעדאַקטאָר) ער האָט אויך זיך באַטייליקט אין דער יודישער זשורנאַל, פּראָלעטאַרישער געדאַנק, טאָר' אידישע ציייטונג, ב.א. היינט, וואַרשע, ווילנער טאָג און נייער פאָלקסבלאַט, לאָדזש, לאַנגיאַריקערמיטאַרבעטער פון פאָרווערטס, נ.י. און דאָרטן בסדר געדרוקט חוץ זיינע איינדרוקן פון יידישן חורבן אין פוילן און רייזע־באַריכט פון נאָכמלחמהדיקן דייטשלאַנד, אויך רעפּאָרטאַזשן. אייניקע מאָל באַזוכט סאָוועטן־רוסלאַנד און אונטערן נאָמען אלעקסאַנדער פאַרקסאָן בסדר פאַרעפנטלעכט ארטיקלען און רעפּאָרטאַזשן וועגן דאָרטיקן יידישן און אלגעמיינעם לעבן, וואס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט בילדערישקייט און אָבסערוואַציע פון א געניטן זשורנאַליסט. די לעצטע יאָרן זיך צוריקגעצויגן פון ליטעראַריש־זשורנאַליסטישער ארבעט. לעבט אין ניו יאָרק.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ב.7 מיט ביבליאָגראַפיע, חיים לייב פוקס, לאָדזש של מעלה, ת.א. 1972, אינדעקס, קאַנאַדיאַנאַ.

פּאָדאָלאַק, פסח (1900 — 1974)

געב' אין לאַדזין, לובלינער געגנט, פוילן. געלערנט אין חדר, פאָלקסשול. אין 1921 געקומען מיט א גרופע יידישע מלחמה־יתומים קיין קאַנאַדע און באַזעצט זיך אין טאראנטא. א צייט געווען אן ארבעטער, דערנאָך, א לערער פון מוזיק און געזאנג אין די "ארדן שולן" און פון א כאָר ביים "פאָלקסאָרדן" א ליבהאבער פון דער יידישער פאעזיע, האָט ער געשאַפן מוזיק (פאר פּליִיט) צו די לידער פון יידישע שרייבערס און צו יידישע פאָלקסלידער, וואָס טיילן פון זיי זיינען ארייין אין זיין בוך **דאס פאלק זינגט**, טאָר' 1964, 69 ז'. דאס בוך איז געלויבט געוואָרן פון דער קריטיק. פון גרויס ווערט איז זיין קאָמפּאָזיציע און באַארבעטונג פון י.ל. פרצעס ליד "טרייסט" וואָס ווערט עד היום געזונגען. ער האָט אויך פאַרפאַסט פארשידענע קאָמפּאָזיציעס פאַר מאַנדאָלין־אָרקעסטערס, וואָס ווערן אויפגעפירט דורך ארבעטער און כאָרן. געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ.

זיין פרוי, חיה, געב' אין מעזריטש אין 1899 און געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ אין 1962, איז אין די צוואנציקער יאָרן געקומען קיין טאראנטא. זי האָט זינט 1929, געשריבן עסייען וועגן ליטעראַטור און געדרוקט לידער אויף נאַטור־מאָטיוון און אויף נאַציאָנאַלע טעמעס אין **דער יודישער זשורנאַל, טאָר'.**

אינפאָרמאַציע פון שלמה מיצמאַכער און

פון סעקרעטאַר פון דער מעזריטשער סאָסייעטי אין טאָראָנטאָ.

פּאָלאָנסקי, שמואל (1880 —)

געב׳ אין פּאַוואָלאַטש, נעבן סקווער, אוקראַינע. זעקסטער דור פון ר׳ יעקב עמדין. געלערנט אין ישיבות און באַקומען סמיכה אויף רבנות. אין 1921 געקומען קיין קאַנאַדע. איייניקע יאָר געווען חזן־שוחט אין מעלווין, (סאַסקעטשעוואַן) שפּעטער אין די באַראָן־הירש קאָלאָניעס אין מערב־קאַנאַדע. פון 1930, אין וויניפּעג. רב און גייסטיקער מנהיג אין דער "מעזריטשער — תפארת ישראל" שול. דרשן. געדרוקט מאמרים וועגן יידישע רעליגיעזע פּראָגעס און חידושי תורה אין **דאָס יודישע וואָרט**, וויני׳ **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ באַטייליקט זיך אין **מאָרגענזשורנאַל**, **דאָס אידישע ליכט**, **הפרדס**, **המאור** (אַלע אין נ.י.) מחבר פון **ספר הטעמים**, נ.י. 1943, 180 ז׳ אין וועלכן ער קלערט אויף אין אַ פּאָלקסטימלעכן לשון־קודש דעם באַטייט פון די טעמי המיקרא און זייער היסטאָרישן ווערט פאַר די היינטיקע דורות. דאָס ספר האָט הסכמות פון גרויסע רבנים אין קאַנאַדע. א טייל פון זיינע אַרטיקלען זיינען אַריין אין זיין בוך **די נייע וועלט און די אַלטע וועלט** וויני׳ 1971, 220 ז׳ אין דעם בוך באַהאַנדלט ער די פּראָבלעמען פון יידישן עבר און די היינטיקע צייט אין יידישן לעבן.

באַאַרבעט לויט פאַרשידענע מקורים, אינפאָרמאַציע פון מ.י. ניטיקמאַן, וויני׳

פּאָמעראַנץ, גרשון (16 טער יולי 1904 — 8 טער דעצ. 1968)

געב׳ אין סאָקאָלאָוו־פּאַדלאַסק ביי שעדלעץ, פּוילן. צו אַכט טאָג, געוואָרן א יתום נאָכן פאָטער און דערצויגן ביי משפחה. באַקומען א טראַדיציאָנעלע דערציאונג און זיך פאַר־פולקומט דורך זעלבסטבילדונג. אין די יאָרן 1918־1929, געלעבט אין וואַרשע און געווען א חבר פון דער יונגער שרייבער־גרופּע און איר פאַרטיידיקער קעגן אָנגריפן פון דער לינקער ריכטונג. פון 1929 ביז צו זיין טויט, אין טאָראָנטאָ, אָבער די ערשטע יאָרן זיך באַהאָפטן מיט דער פּראָלעטאַרישער גרופּע פון די לינקע. א צייט געווען דירעקטאָר פון "הילפסקאָמיטעט פאַר מלחמה־געליטענע". אין די יאָרן 1942־1946, געווען דירעקטאָר פון די יידישע הויפּט־אָפּטיילונגען פון "קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס" פאַר טאָר׳ א פאַרליבטער אין דער יידישער ליטעראַטור האָט ער (אָן פאַרדינסט) אַרויסגעגעבן אין זיין פאַרלאַג חוץ די פיר נומערן **טינט און פעדער** אין וועלכע ער האָט אָפּגעגעבן א סך פּלאַץ פאַר שרייבער, געראַטעוועט פון חורבן, אויך ביכער פון אָפּאַטאָשו, לעאָ פינקעלשטיין, ש. ניגער ב. ריווקין און פון די יונגע משה שטיינגאַרטס, לידער, י. פּריילוך וועגן יוסף אָפּאַטאָשו א.א. ער איז געווען **פאַר אַלעם** א דיכטער און זיינע ערשטע לידער אין **היינט**, וואַרשע 1921, האָבן אַרויסגערופן א גוטן אָפּקלאַנג אין די ליטעראַרישע קרייזן. זינט דאַמאָלט זיך באַטייליקט מיט לידער, אַרטיקלען, עסייען וועגן יידישע ביכער און שרייבער, פעליעטאָנען און דעם ראָמאַן **דער בלינדער**, **אין היינט**, **ליטעראַרישע בלעטער**, **וואָכנשריפט פאַר ליטעראַטור**, **יוגנט־וועקער**, **אַרבעטער־צייטונג**, **באַפרייאונג** (אַלע אין וואַר׳) אין קאַנאַדע זיך באַטייליקט אין **דער וועג**, **דער קאַמף**,

העפטן, דער אידישער זשורנאַל, (אַלע אין טאָר׳) און פון 1960 ביז 1964, זיין אַרויסגעבער און רעדאַקטאָר (דאָרטן צוו׳. אַנד׳ געדרוקט די סעריע ״אָפענע דיבורים״ ווו אַרויסגעטראָטן קעגן די פאַרשעמער פון יידיש און קעגן די פאַרניינער פון יידישן לעבן אין די תפוצות ישראל. ״פון פאָלק צו פאָלק״ און די ליטעראַרישע קריטישע עסייען ״טינט און פעדער״, וואָס זיינען געשטאַנען אויף א הויכן ניוואָ. באַטייליקט זיך אין **קאַנאַדער אדלער** מאָנט׳ **דאס אידישע וואָרט,** וויני **פּראָלעטאַרישער געדאַנק,** טאָר׳ ווי אויך אין **גאָלדענע קייט, הײַמיש, לעצטע נייעס, זאַמלונגען, חיפה א.א.** (אַלע אין ישראל) **צוקונפט, אידישער קעמפער, יידישע קולטור, לייוויק־אַפּאַטאַשו זאַמלביכער, מ. פריוהייט.** (אַלע אין נ.י.) ג.פ. איז געווען א לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון **פרייע אַרבעטער שטימע,** נ.י. און חוץ זיינע סעריעס וועגן ביכער און שרייבער אויך דאָרטן געדרוקט זיינע ״פּאַראַדיעס פון יידישע שרייבער״. ער איז אויך געווען א מיטאַרבעטער פון **פּאַריזער היינט, דאס פרייע וואָרט, לשון און לעבן** (ביידע אין לאָנדאָן) דער שפיגעל ב.א. **יידיש, די וואָך, בריקן,** (אַלע אין שיקאַגאָ) ״זיינע אַרבעטן, מיינסטנס געשריבן־געדרוקט באַלד אויפן הייסן בלייַ אויפן לינאָטיפּ אָן קאָפּיע, האָבן אָפּגעשפּיגלט זיינע שטימונגען און געפילן וואָס זיינען אויך געווען די שטימונגען פון די קולטור — טוערס אין יידיש״ זיינע פּאָעמעס ״קאַנאַדע״ (1933) און ״חורבן״ (צוקונפט, אַפּריל 1966) שפּיגלען־אָפּ די צייט פון זייער מחבר. זינט 1966 געדרוקט אין **צוקונפט,** עסייאיסטישע ״פּאָרטרעטן פון יידישע דיכטער און פּראָזאַאיקער אין אַמאַליקן וואַרשע ״וואָס צייכענען זיך אויס מיט אַ טיפע נאָסטאַלגיע און כאַראַקטעריזירן די אַטמאָספער און קאָלאָריט פון יידישן שאַפערישן מענטש אין געוועזענעם יידישן פוילן״ (חיים לייב פוקס)

אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון **י.ל. פּרץ שול־בוך,** וויניפּעג, 1940. געדרוקט אויך א״פ. א סאָקאָלאָוער, א. נייער, א שווייגער, א ווינקל, חיים שטוט־מאַן, גרשוני, א א. געשטאָרבן אין טאָראַנטאָ. נאָך זיין טויט איז דער־שינען זיין בוך **געשטאַלטן פון מיין דור,** ת.א. 1971, 254 ז׳ מיט א פּאָרוואָרט פון מ. צאַנין און אַרטיקל פון מלך ראַוויטש און א נאָכוואָרט פון נ. שמן און זיינס א ליד. דאָס בוך וואָס אַנטהאַלט א גרויסן טייל פון זיינע עסייען, האָט אויך זיין לעצטע אַרבעט ״וועגן קדוש הלל צייטלין״, מאַכט פילן דעם מענטש פון גרויסע יסורים און זיין יידיש האַרץ וואָס האָט געבלוטיקט ביים שרייבן. לײדער האָט פ. נישט געלאָזט מיך אָנגעבן קיין שום ביבליאָגראַפיע, בעת איך האָב געשריבן זיין ביאָגראַפיע פאַרן **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ב.7,** קען איך נישט אָנגעבן כאָטש א צאָל פון די שרייבערס וואָס האָבן וועגן אים געדרוקט. איך קען נאָר צוגעבן ח.מ. קייזערמאַן אין זיין בוך **אידישע** דיכטער אין קאַנאַדע, מ.1934 ווו ער שרייבט צווישן אַנדערן: ״זיין האַרץ וויברירט מיט ליבשאַפט... קלאָר איז אַז ער קען דערגרייכן א דיכטערישן טאָן, אָן עכטן״ אָדער ווי עס האָט געשריבן ל. טרייסטער וועגן בוך געשטאַלטן פון מיין דור ״...די געשטאַלטן, וואָס ער האָט מיט עקסטאַז און טראַגיזם געשילדערט, האָבן אַרויסגערופן ליטעראַרישע איבעררעשונג. און געמאַכט א שטאַרקן איינדרוק״ אויך זיין יוגנט — חבר פנחס

שטיינוואקס, לאַמענטירט אין זיין ארטיקל "נאָכן ארון פון גרשון פאַמעראַנץ; "ער איז געווען ווי דער ליטעראַרישער, אמבאַסאַדאר פון שטעטל אין דער הויפט־שטאָט אריין... אפילו אין די לעצטע יאָרן, ווען ער איז געווען צוגעשמידט צום קראַנקן־בעט, האָט ער נישט אויפגעהערט ארבעטן דער עיקר — וועגן אוועקגעגאנגענע שרייבער און אליין זיך ניט געריכט אז עס דערנענטערט זיך דער טאָג פון זיין אוועקגיין"

ח.מ. קייזערמאַן — וויטאַל, **אידישע דיכטער אין קאַנאַדע**, מאָנט' 1934, ז"ז 96־100, ישראל ראבינאוויטש, **קאנאדער אדלער**, 30 טער אקט. 1959, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**, ב.7, פנחס קאַדישסאָן (שטיינוואקס) **קאַנאַדער אדלער**, 7 טער פעבר. 1969, לייזער טרייסטער, **פרייע ארבעטער שטימע**, נ.י. 1 טער און 15 טער יולי 1969, **קאנאדיאנא**.

פיטערס א. (1896 — 5טער אויג' 1957)

ברודער פון ש.ב. פיטרושקא. געב' אין פראַגע, ביי וואַרשע, פוילן. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. ביז 1925, געלעבט אין וואַרשע, טעטיק אין "האַיאַס", פאריין פון יידישע האַנדלס אַנגעשטעלטע. אין 1925 געקומען קיין מאָנטרעאַל. די ערשטע יאָרן געווען א מיטארבעטער פון האַיאַס, דערנאָך ביז צו זיין טויט, געווען סעקרעטאַר פון "וועד העיר" ביי דער רעליגיעזער קהילה. נאָך אין וואַרשע געדרוקט ארטיקלען וועגן אקטועלע יידישע פראָבלעמען און דער עיקר וועגן עמיגראַציע ענינים אין **פאָלקסצייטונג**, וואַרשע. אין מאָנטרעאָל פארטיפט זיין זשורנאליסטישע טעטיקייט און באטייליקט זיך כסדר אין **קאנאדער אדלער**, צייטשריפט **ניילאנד** (ארגאן פון יידישן עמיגראַנטן־פאַריין) מאָנט' **לעבענס־פראַגן**, טאָר'. איייניקע יאָר געווען מאָנטרעאַלער קאָרעספאָנדענט פון **פאַרווערטס**, נ.י. ער האָט אויך געדרוקט אונטער: אברהם דוד כרפס. געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

אינפאָרמאַציע פון זיין ברודער משה, נ.י.

פיעטרושקא, שמחה־בונים (8 טער אקט' 1893 — 10 טער אפריל 1950)

געב' אין פראַגע, ביי וואַרשע, פוילן. באַקאַנטער תלמיד־חכם, ענציקלאָפע־דיסט, ביבליאָגראַף, רעדאַקטאָר און איבערזעצער פון דער אלטער יידישער ליטעראַטור. אין 1917 געענדיקט ד"ר א. ש. פאָזנאַנסקיס ראַבינער־סעמינאַר אין וואַרשע, שפּעטער אויך דעם טעאָלאָגישן סעמינאַר אין נ.י. און באַקומען זיין דאָקטאָר־דיגרי. א מענטש וואָס איז דאס גאנצע לעבן געווען אריינגעטאָן אין אהבת־ישראל, האָט ער דורך זיינע פאַרשונגען וועגן חכמת־ישראל אין זיינע ארבעטן תמיד געזוכט פאר זיך דאָס גאַנצע יידישע פאָלק און זיינע גייסטיקע מנהיגים און זייערע ספרים זיך באמיט איבערצוזעצן אין יידיש־, די שפּראך פון יידישן מאַסן־מענטש. מיר האָבן עס געזען אין די יאָרן ווען ער האָט געלעבט אין ארץ ישראל און אין זיינע ארטיקלען געשריבן אין א"י דאַרף יידיש זיין "די צווייטע נאַציאָנאַלע שפּראַך" זע־**אייגנס**, ת.א. 1929, (קלאַרע דיבורים וועגן יידיש און העברעיש אין ארץ ישראל) וואָס האָט ארויסגערופן א פאלעמיק מיט דניאל לייבל. אין די יאָרן 1925־1929, דארטן געווען פּרעזידיום־מיטגליד פון "יידישן ליטעראַטן און זשורנאליסטן קלוב" שפּעטער האָט ער איייניקע מאָל

געוווינט אין נ.י. אָבער אין 1940 געמאכט זיין היים אין מאָנטרעאל. דאָ אנטוויקלט אַן אומגעהויערע ליטעראַרישע און וויסנשאפטלעכע אקטיוויטעט, וואָס ער האָט נישט איבערגעריסן אפילו בעת זיין קראנקהייט. אָנעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט ארטיקלען און איבערזעצונגען פון דער פוילישער ליטעראטור אין דער ט״צ **נייעס**, וואַרשע, (געשאפן ספעציעל צו די וואלן צו דער פערטער רוסישער דומאַ (אפריל־אקטאבער 1912) ער האט אויך דאָרטן פאַרעפנטלעכט א סעריע פאפולער־וויסנשאפטלעכע מאמרים וואָס זיינען אן זיין אונטערשריפט דערשינען אין פאַרלאג ״יהודיה״ וואַרשע (אין דער סעריע ״פאַמיליען ביבליאָטעק״) זינט דאַמאָלט זיך אינגאנצן געווידמעט דער יידישער פרעסע און ליטרעאטור. געוועזן א הויפט־מיטארבעטער פון אגודישן **דאס יודישע וואָרט**, וואַר׳ (1916) דערנאָך פון **דער יוד**. (רעדאקטאר משולם קאמינער) הגם ער איז כל ימיו געוועזן ציוניסטיש געשטימט, דאָך איז ער בעת די וואלן צום פוילישן סיים, 1922, ארויסגעטראָטן קעגן ״ציוניסטישן בלאָק מיט די נאַציאָנאלע מינדערהייטן״ און צו דעם צוועק, ארויסגעגעבן צוזאמען מיט הלל צייטלין דאָס פאָלעמישע וואָכנב״ל **דער בליץ**, וואַר׳. זינט 1923 איז ער געוועזן א מיטארבעטער פון **היינט**, וואר׳ און חוץ קאָרעספאָנדעצן אויף דאָרטן פאַרעפנטלעכט זיינע ״בריוו פון ארץ ישראל״ וואָס האָבן בעת דער פערטער עליה, מיטגעהאלפן אין דער עמיגראַציע פון פוילן קיין ארץ ישראל. ער האָט אויך מיטגעארבעט אין **וועלט שפיגעל**, **אלטניילאנד**, **האנדעלס־צייטונג**, **היינטיקע נייעס**, פון וועלכע געוועזן דער רעדאקטאָר (1929־1939) גלייכצייטיק איז פ׳ געוועזן וואַרשעווער קאָרעספאנדענט פון **דער טאג**, נ.י. די **צייט**, לאנדאן און פון דער יידישער פרעסע אין לאטיין־אמעריקע. לאַנגע יאָרן געארבעט אויף זיין איבערזעצונג פון דער משנה, וואָס ער האָט אויך אויסגעטייטשט אויף א טראדיציאָנעלן אופן. אין בוכפארעם זיינען דערשינען: **ארץ־ישראל** (אלגעמיינע באשרייבונג און אַ היסטאָרישע באַטראַכטונג) וואַרשע, 1921, 64 ז׳ **יודישע געשיכטע** (לויט דר. א קאטעקס דייטשער אויסגאבע) וואר׳ 1921, 300 ז׳ דערשינען אין א צאל אויסגאבעס, די לעצטע, אין העפטן, דארטן 1935, **יודישע ענציקלאפעדיע** (פאר יידישער געשיכטע, קולטור, רעליגיע, פילאָזאָפיע ליטעראטור. יידישע ענינים.) דאָרטן, 1932־1935, (פיר בענדער, דערשינען שפעטער אין 2 גרויסע בענדער 968 טאָפלטע עמודים יעדער באנד, (א.נ. **יידישע פאלקס ענציקלאָפעדיע**, מאנטעראל, 1943 אויך אין א רעווידירטער אויסגאבע, דאָרטן 1949.) ש.ב.פ. האָט אויך איבערזעצט מיט זיינס א פירוש אין יידיש די זעקס בענדער פון דער משנה, **משניות**, וואָס איז עד היום די גרינדעלכסטע און פאָפולערסטע פאַרטייטשונג פון די **ששה** סדרי משנה אין יידיש (**פאר דער ארבעט באקומען אין 1950 די ״לואיס לאמעד־פרעמיע״, בעת עס איז דערשינען די צווייטע אויפלאַגע). ער איז געוועזן רעדאַקטאָר פון וואָכנב״ל דער עמיגראנט**, וואר׳ (1920) געווידמעט פראבלעמען פון יידישער עמיגראַציע, **תבונה**, זשורנאל פאר חכמת ישראל, דאָרטן, 1921־1920. פון זיינע איבערזעצונגען זיינען בלויז דערשינען די איבערזעצונגען פון דר׳ **א**

לעהמאַנס שריפטן און א באנד דערציילונגען פון וו. סאָלאָוויאָוו (פריער געדרוקט אין דער יידישער פרעסע) ער האָט אויך געדרוקט אונטער: פלוני־אלמוני, ש. פראַגער, פעטרושין, איש יהודי, יוריסט, קאַליף, באַנקאָוויעץ א״א. געשטאָרבן אין מאָנטרעאל.

וועגן זיינע אויפטוען זיינען געשריבן געוואָרן אפהאנדלונגען פון א גאנצע רייע שרייבער. ליידער קענען מיר נישט געבן צופיל פון די אויסצוגן. מיר מוזן זיך באגרעניצן מיט א צאָל ציטאַטן, וואָס באַלייכטן זיין שאַפונג סיי וועגן דער ענציקלאפעדיע, וואס ער האט מיט א כיוון געשאַפן פארן יידישן פאלקס־מענטש און סיי וועגן זיין משנה־איבערזעצונג וואָס ער האָט צוגענגלעך געמאכט סיי פאַרן לערנער און סיי פאַרן פשוטן יידישן לייענער. אזוי שרייבט מלך ראוויטש, וואס שטעלט זיך דער עיקר אפ אויף דעם וואָס ״... ער איז געווען א מוסטער פון דעם געניוס פון פוילישן יידנטום. זיין אוניווערסאלער און דער עיקר, יידישער וויסן, האָבן אים דערהויבן צו די הויכע, גייסטיקע ענינים, מיט וועלכע ער האָט אויסגעפילט זיין גאַנץ לעבן...״ הונדערטער יאָרן זיינען יידן געזעסן אין גאנץ אייראָפּע און געלע־רנט משניות אויף יידיש, אריינגעטיי־טשט און אריינגעזונגען זייער בענק־שאַפט...נאָכן חורבן האָט פיעט׳, דער־פילט, אז איצט איז געקומען דער מאָמענט און זיין חוב צו געבן א מאנומענטאלע אויסגאבע פון דער משנה, מיט א גרינטלעכן יידיש־טייטש.. ער האט געפילט אז דאָס אות איז דער תוך פון לעבן, מער נאָך, דאס יידישע אות...״

משה שטארקמאן שטעלט זיך באזונדער אָפּ אז ״...אין מאָנטרעאל האָט פ׳ פאַרווירקלעכט זיין חלום וועגן א יידישע ענציקלאפעדיע, וואס איז ממש אַ גראנדיעזער אויפטו **פאר איין מענטש**. א האַנטבוך, וואָס זאָל דעם יידישן פאלקסמענטש געבן אויף א קורצן און פּאָפּולערן אופן די בעסטע אינפאָרמאַציע וועגן אלץ וואָס האָט א שייכות מיטן יידישן לעבן...״

ער האט זיך פארנומען צו געבן נישט בלויז זיין יידישע משנה־איבערזעצונג מיט אן ארומנעמענדיקן פירוש, נאר אויך צובאַגלייטן מיט זיינע דערקלערונגען אזוי, אז פונקט ווי דער למדן, זאל אויך דער אינטעליגענטער פאָלקס־מענטש לייענען די איבערזעצונג, נאָר אויך קענען לערנען די משנה גופא״...

יעקב גלאַטשטיין ברענגט ארויס זיין באגייסטערונג. ער שרייבט: ״איך בין נישט מסכים מיט די אלע, וואָס האָבן געזען אין פיעטרושקאס פארייִדישטן משניות א פּאָפּולאַריזאציע; דאָס וואָלט פארוואַנדלט פיעטרושקאַן אין א מין ״אויבער מלמד״ וואָס ער איז בפי־רוש נישט. עס איז א חלום פון א למדן צוריקצוברענגען די טעג פון זיין יוגנט, ווען מען האָט געשמאק געלערנט א פרק משניות. און ווייל דאָס ברענגט צוריק נישט נאָר די יוגנט פון מחבר, נאָר די יוגנט פון טויזנטער יידן איז עס אַן ארבעט פון גרויס שעפערישקייט און העברעער נוצלעכקייט. עס האָט צו טאַן מיט אויפשטעלן דאָס וואָס איז ביי אונדז חרוב געוואָרן״... זיין ברודער, וואָס שרייבט אונטער מ. פיטערס, דערציילט אַביסל וועגן זיינע מידות ״...ער איז דאָס גאנצע לעבן פשוט געווען אויסגעטאָן פון וועלכע עס איז גאווה. דאָס איז ביי אים לגמרי נישט געווען במציאות. ער האָט פשוט נישט פאַרשטאַנען דעם מין גאות און דאס איז געווען אזוי פון קינדוויוז אָן. זיין

אהבת ישראל איז געווען אין לשער. ער האָט שרעקלעך געוווייטאגט איבערן גורל פון פוילישן יידנטום. זיינע ארטיקלען זיינען געווען אַדורכגעוויי־טאגט איבערן גורל פון פוילישן יידנטום. זיינע ארטיקלען זיינען געווען אדורכגעווייטאגט מיט ליבשאפט צו כלל ישראל. ער איז געווען א מרביץ תורה און ער וואלט אפילו זיין שרייבן אוועקגעגעבן, ווען ער זאָל קענען זיך ווידער אוועקזעצן און לערנען, פשוט לערנען". שמשון דונסקי שרייבט צוו' אנד'..." אז דער טעקסט פון דער איבערזעצונג אליין איז פול מיט **פארשיידענע באמערקונגען און צוגאָבן** אין קלאמערן, וואָס מאנכע פון זיי, זיינען געצילט ארויסצוברענגען קלארקייט און אויסברייטערונג אין דער לאַקאָנישקייט און צימצומדיקייט פון דער משנה־סטיל... צו העלפן דעם לערנער — בפירוש נישט דעם לייענער־אָנצוהאלטן דעם פאָדעם פון געדאַנק, אז ער זאָל נישט פארגעסן וועגן־וואס, אָדער וועגן־וועמען עס רעדט זיך... אזוי אז שוין די איבערזעצונג אַליין, דערמאָנט גיכער דעם לעבעדיקן אופן ווי משנה אדער גמרא דאַרפן געלערנט ווערן, איידער דעם אקאדעמישן, אָפּטמאָל טרוקענעם אופן פון איבערזעצן טעקסט פון איין שפראך אויף א צווייטער... "אונדזער פרשן ניצט אָפּט אויס די נייעסטע פארשונג פון דער יידישער געשיכטע כדי צו פעסטשטעלן און קלאָר צו מאכן געוויסע ענינים" "זייער וויכטיק זיינען אויך די קורצע ביאָגראַפישע נאָטיצן וואָס ווערן געגעבן ביי די נעמען פון די פארשיידענע תנאים, די שאפערס פון דער משנה. דאָס גיט דעם לערנער די מיגלעכקייט צו אָריענטירן זיך אין דעם לאבירינט פון די פלוגתות, וואָס ווערן באַהאַנדלט אין דער משנה..."

און וועגן זיין יידישן לשון. בעת מיר פארגלייכן די יידישע איבערזעצונגען פון משניות, אנהויבנדיק פון 17 טן י.ה. ארייגערעכנט אויך די איבערזעצונג פון מאיר יעקב יעבץ (דערשינען אין וואר' 1876־1880) ביז צו פיעטרושקאס איבערזעצונג, זעט מען דעם גרויסן אויפשטייג און די געלייטערטקייט פון דעם יידיש, וואס ער האט מיט ליבשאפט און אחריות באנוצט אין זיין מלאכת הקודש אין דעם זען מיר אויך זיין גרויס אהבת ישראל וואס איז געווען א טייל פון זיין לעבן"

(חיים־לייב פוקס)

ר' שמשון דונסקי דערציילט אז פיעטרושקא האָט לאנגע יאָרן זיך ארומגעטראָגן מיטן געדאנק וועגן א נייער **תנך איבערזעצונג אויף יידיש**. ער האָט שוין צוזאמענגערופן פון די יחידי סגולה וואָס קענען סיי יידיש און סיי עברית. **ער האט עס אפגעלייגט נאך** זיין צוריקומען פון זיין נסיעה קיין ישראל אין סוף 1949. דער גורל האט אבער אנדערש געוואלט און בעת ער איז אין אנהויב 1950. צוריקגעקומען, איז ער שוין זייער קראנק געווען און דער פראָיעקט איז בטל געווארן.

מער וועגן זיין רייך לעבן און שאַפן, זען: זלמן רייזען לעקסיקאָן ב.2 מיט ביבליאָגראַפיע **לעקסיקאָן פון דער נייער** יידישער ליטעראַטור, ב.7 מיט ביבליאגראפיע; מלך ראוויטש, מיין לעקסיקאָן ב.2, מאנטרעאל. מ. פיטערס, **קאַנאַדער אָדלער**, 9 טער מיי 1950. נעקראָלאגן אין דער פרעסע, **קאַנאַדיאַנאַ**.

זיין יונגערער ברודער **העניך** (1901־1967) וואָס האָט צוגעגרייט צום דרוק און געמאכט די נקודות צו דער רעווידירטער 2 טער אויסגאבע **פון די זעקס בענדער משניות** (דערשינען אין מאנט' 1949) האָט אונטערן פסעוודאנים

"הענער כיידינעס" געדרוקט אין **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט' אַרטיקלען וועגן יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען. ער איז געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

אינפאָרמאַציע פון זיין ברודער משה. קאַנאַדיאַנאַ.

פּינקוסאָף, לואיס (1884 — 3 טער אַפּריל 1956)

געב' אין א שטעטל אַרום מינסק, ווס"ר. פון 1906 ביז צו זיין טויט, אין מאָנטרעאַל. לאַנגיאָריקער טעאַטער רעזשיסאָר און פּיעסן-שרייבער. פון אָנהויב 1912 כסדר געדרוקט הומאָרעסקעס, פּעליעטאָנען, סקיצן און איינאַקטערס אין **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט' **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר'.ג באַטייליקט זיך אין **גרויסער קונדס**, **דער קיביצער**, נ.י. טייל פון זיינע פּיעסן, איינאַקטערס און סקעטשן, זיינען אונטער זיין רעזשי אויפגעפירט געוואָרן אין קאַנאַדע און אַמעריקע.

געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.7, אינפאָרמאַציע פון זיין משפחה און נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע.

פּלאַטנער, ישראל (6 טער מערץ 1903 — 29 טער יוני 1978)

געב' אין קראָסנע, גאַליציען. באַקומען טראַדיציאָנעלע דערציונג. געלערנט אין ישיבות, פּאָלקסשול און דורך זעלבסטבילדונג. פון 1924 ביז צו זיין טויט אין טאָראָנטאָ. טעטיק אין יידישן לעבן. געווען לאַנגיעריקער מיטאַרבעטער פון **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר. כסדר דאָרטן געדרוקט פּעליעטאָנען, הומאָרעסקעס, לידער אויף אַקטועלע טעמעס. באַטייליקט זיך אין **פאָרווערטס**, **ט"מ זשורנאַל**, א.א. נ.י. געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ.

אינפאָרמאַציע פון ג. שמן, טאָר. נעקראָלאָגן אין דער פּו"עסע.

פּערל, שבתאי (18 טער סעפּט. 1906 — 22 טער אַפּריל 1976)

געב' אין יאַרמאָלינעץ, פּאָדאָליע אין א משפּחה פון ריזשינער חסידים. געלערנט ביים פּאָטער, זיידן און אין א רוסישער פּאָלקסשול. צוליב די פּאָגראָמען און דעם בירגערקריג, געמוזט איבעררייסן דאָס לערנען. פון 1927 ביז צו זיין טויט, אין מאָנטרעאַל. און געווען א צושניידער ביי קליידער. לאַנגע יאָרן געשריבן אָבער נישט געדרוקט, ערשט בעת י.י. סיגאַל האָט געלעזן זיינע לידער, האָט ער אים מקרב געווען און גענומען זיינס א ליד פאַרן זשורנאַל **רוּיערד**, 4, מאָנט' 1929, וואָס האָט באַשטימט זיין ווייטערדיקן דיכטערישן גורל. ער איז אָבער א צייט געווען באַווירקט פון דער "פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור" און די זאַכן וואָס ער האָט געדרוקט אין **קאַמף** אָדער אין **וואָכנבלאַט**, טאָר' זיינען געווען בלאַסע. ערשט שפּעטער צוריקגעקומען צו זיך, ווי עס באַווייזן די לידער וואָס ער האָט געדרוקט אין **קאַנאַדער אַדלער**, **מאָנטרעאַלער העפטן**, **העפטן**, **קאַנאַדער זשורנאַל**, (אַלע אין מאָנט') **דאָס אידישע וואָרט**, **ווינ' סיגנאַלן** נ.י. א.א. זיין איינציק בוך **פון חבר צו חבר**, מאָנטרעאַל 1934, 62 ז' האָט באַוויזן, ווי עס האָט געשריבן שלום שטערן אַז "דאָרטן ווו ער איז געטריי צו זיך און זיין מיליע, דאָרטן איז ער א דיכטער, כאָטש ער האָט זיינע לידער נישט אַפילו אויפגעשריבן אויפן פּאַפּיר, מחמת ער איז געווען אַן

עבטער פּאָעט און א פּאָעט שרייבט אַפּילו ווען ער פאַרשרייבט נישט" די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן געוואָרן פרום, אבער נישט געקענט געפונען מער זיין דיכטערישן אָנהאַלט אין לעבן. געשטאָרבן אין מאָנטרעאל. צו זיין זכרון האָט זיין חבר, דער דיכטער מ.מ. שאַפּיר אים געווידמעט א ליד (קאנאדער אדלער ערב ראש השנה 1977)

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ב.7 מיט אַ ביבליאָגראַפיע, משה נאַדלמאַן דער קאַמף, טאָר. 15 טער יוני 1934, מ.מ. שאַפּיר, דאָרט, 29 יוני 1934, ח.מ. קייזערמאַן־וויטאַל, אידישע דיכטער אין קאנאדע, מ. 1934 ז' 101־103. שלום שטערן, וואכנבלאַט, טאָר. 2 יוני 1976, מירל ערדבערג־שאַטאַן, קאנאדער אדלער, מאָנט' 25 טער יוני 1976, נעקראָלאָגן אין דער פרעסע.

פערלמאַן, נחום (1888 —)

שטאַמט פון אוקראַינע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין יאָר 1907 געקומען פון פאַריז צום ערשטן מאָל קיין קאַנאַדע און א צייט געלעבט אין מאָנטרעאַל, שפּעטער אין וויניפּעג ווו געווען פון די ערשטע מיטאַרבעטערס פון **קאַנאַדער איד**, וויג. **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט' דאָרטן געדרוקט דערציילונגען און איבערזעצונגען פון דער וועלט־ליטעראַטור, שפּעטער אייניקע יאָר געלעבט אין ניו־יאָרק און איז געווען דער סעקרעטאַר פון שלום אַש. אין יענע יאָרן געדרוקט ראָמאַנען און אַרטיקלען אין **פאָרווערטס**. 1918 — 1915, ווידער געלעבט אין קאַנאַדע, געווען א לערער און א מיטגליד פון לערער־ראַט אין דער מאָנטרעאַלער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול און צוריק געוואָרן א מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אַדלער**, און חוץ אַרטיקלען איבער ליטעראַטור, דערציילונגען און איבערזעצונגען אויך רעדאַקטירט די הומאָריסטישע בייַלאַגע "דער האַמער" (אונטערן פּסעוודאָנים "ניטטע־וואָס") א נאָענטער צו די פּ.צ. איז ער געוואָרן א מיטאַרבעטער פון **דאָס פאָלק**, מאָנט' 1917 (רעד. יהודה קויפמאַן) דאָרטן בלויז געדרוקט אונטערן פּסעווד' "סיטאַען", זיין איבערזעצונג פון אקטאַוו מירבאָס ראָמאַן **דער גהינם־וועג** און א סעריע אַרטיקלען "ווי ניט צו שרייבן אידיש" (א"פ א. האַדעלזאָן) אין אנהויב פון די צוואַנציקער יאָרן, געלעבט אין נ.י. און א קורצע צייט געאַרבעט ווי א זשורנאַליסט אין דער **מ. פרייהייט**, אָבער דערנאָך רעזיגנירט פון זיין פּאָסטן און בלויז געלעבט פון זיינע איבערזעצונגען פאַר פאַרשידענע פאַרלאַגן (מ. מייזל, בידערמאַן, א.א.) זיינע הומאָרעסקעס, געשריבן מיט לייכטקייט און שאַרם און אויך מיט סאַטירע. א"פ "סאַלאַמאַנדע" האָט ער געדרוקט אין **קיביצער**, **דער גרויסער קונדס**, א.א. נ.י. זינט מיטן די דרייסיקער יאָרן, זיך מער נישט געוויזן אין די ליטעראַרישע קרייזן און עד־היום ווייס מען נישט ווו ער איז פאַרשוואונדן.

מער פּרטים וועגן זיינע איבערזעצונגען (נישט וועגן זיין ביאָגראַפיע) זען **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור** ב.7 מיט ביבליאָגראַפיע, זלמן רייזען, **פּסעוודאָנימען אין דער יידישער ליטעראַטור**, ווילנע 1939, י. גודמאַן, **דער בירגער**, וויניפּעג, נומ. 7, 1913, ש. בעלקין, **די פּועלי־ציון באַוועגונג און קאַנאַדע**, ז' 210, און קאַנאַדיאַנאַ.

פערלמוטער, אפרים פישל (15 טער מיי 1894 — 14 טער יוני 1965)

געב' אין דובנע, וואָלין. אין די יונגע יאָרן געקומען קיין לאָדזש און געווען א

שניידער ארבעטער. צוליב זיינע רעוואלוציאנערע טעטיקייטן געמוזט אנטלויפן און פון 1908 ביז 1922 געלע־בט אין לאנדאן, דערנאָך אין מאָנט'. אין 1939 אריבער קיין קאליפארניע. אָנגעהויבן שרייבן מיט לידער, סקיצן און דערציילונגען אין **לאדזער נאכריכטען**, 1907, דערנאך אויך אין **לאדזער טאגעבלאט**, **פאלקסבלאט**, לאָדזש, **ראָמאַנענצייטונג**, וואַר' אין די יאָרן וואָס ער האָט געלעבט אין לאָנדאָן, געווען א מיטארבעטער פון דר' זאלקינדס **די אידישע וועלט** און ארויסגעגעבן און רעדאַקטירט די זאמלונגען **יוגענד שטראלען**, וואָס ער האט זיך באמיט צוציען אויך יידישע שרייבערס פון פאריז.

אין די יאָרן וואָס ער האָט געוווינט אין מאָנטרעאל, באטייליקט זיך אין **קאנאדער אדלער** און אין אייניקע אויסגאבעס פון יונגע שרייבערס אויך אין דער ישראל פרעסע. אין 1964 געפארן קיין ישראל ארויסצוגעבן זיינס א בוך מיט לידער און דערציילונגען, אָבער זייער שווער קראַנק געוואָרן און מען האָט אים שנעל געמוזט אריבערפירן קיין קאליפארניע. געשטארבן אין סאנטא בארבארא.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַרטור, ב.7, חיים לייב פוקס, **לאדזש של מעלה**, ת.א. 1972, אינדעקס, אינפארמאציע פון י.א. ראַנטש.

פראסאוו, זלמן (1887 —)

געב' אין נאַכאַסאָוויטש, ביי האָמעל, ווס"ר. יידישע דערציונג. אין 1905 געקומען קיין קאנאדע. א צייט געווען א פאַרמער אין די יידישע קאלאניעס אין מערב־קאנאדע. פון 1912, געלעבט אין וויניפעג. געווען א מיטארבעטער פון **וויניפעגער קוריער**, **קאנאדער איד**. **דאס יודישע ווארט**, ווינ' באטייליקט זיך אין **גרויסער קונדס**, **קיביצער**, דאָרטן חוץ הומארעסקעס און פעליעטאָנען אויך געדרוקט א סעריע לאבערייקעס א.נ. "מעסטעטשקא וויניפעג". ער איז אויך געווען רעדאַקטאָר פון הומאָריסטישן זשורנאַל **דער אשמדאי**, ווינ' 1912.

פנחס **קאנאדער אדלער**, 6 טער אויג 1915, י. גודמאַן, **דער בירגער** נומ. 7.

פראָסאָוו, ישראל (1885 — 1928)

ברודער פון זלמן (זע) אין 1905 געקומען קיין קאַנאַדע און אייניקע יאָרן געווען א פאַרמער אין די באַראָן־הירש קאָלאָניעס אין מערב־קאַנאַדע. פון 1912 ביז צו זיין פריען טויט, געוווינט אין וויניפעג. אקטיווער עסקן אין דער יידישער שול־באוועגונג און פארשטייער פון דער אַנאַרכיסטישער גרופע אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול. א גרויסער אידעאליסט האָט ער אָפּגעגעבן אַ סאַך צייט און מי פאר גרינדן יידישע קאָאָפעראַטיוון. געווען פון די ערשטע מיטארבעטער פון **קאַנאַדער איד**, ווינ' דאָרטן כסדר געדרוקט ארטיקלען וועגן יידישע און אלגעמיינע פראָבלעמען. ער איז געווען וויניפעגער קאָרעספאָנדענט פון די **פאָלקסצייטונג**, מאָנט' באטייליקט זיך אין **קונדס**, **קיביצער**, **פרייע ארבעטער שטימע** (אלע אין נ.י.) מיטרעדאַקטאָר פון הומאָריסטישן זשורנאַל **דער אַשמדאַי**, ווינ' געשטאָרבן אין וויניפעג.

פנחס, **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט' 6 טער און 8 טער אויג' 1915, י. גודמאַן **דער בירגער**, נומ. 7, ווינ' 1913, ש. בעלקין **די פועלי ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס, אסתר שעכטער, **די געשיכטע פון מיין לעבן**, ווינ' 1951.

פרייס, אברהם־אהרן (10 דעצ. 1897 —)

געב׳ אין סטאַשעוו, פוילן געלערנט אין ישיבות. אין 1919 באַקומען סמיכה אויף רבנות. פון 1919 ביז 1933, געווען רב אין מאַנטרעאָל דערנאָך געוואָרן רב און גייסטיקער מנהיג אין "וועד הרבנים" אין טאָראָנטע. מחבר פון דרוש־ספרים אויף תורה און גמרא. צוו. אנד. **משנת אברהם**, 2 בענדער, **אמרי אברהם** און אנד׳ וואָס באַווייזן גאונות אין הלכה. ער האָט מיטגעהאָלפן ארויסגעבן א נייע אויפלאַגע פון **ספר חסידים** (לויטן כתב־יד פאַרמע) אין דריי טיילן, צו וועלכן ער האָט צוגעגעבן זיינע ביאורים און הערות, וואָס מאַכן קלאָר פאַרשידענע ערטער אין ר׳ יהודה החסידס ווערק.

אשר ז. ראנד, **תולדות אנשי שם**, נ.י. 1950, ז׳ 105, הרב מאיר שווארצמאַן, **קאַנאַדער אָדלער**, 2 טער יולי 1965, נחמן שמן, **קדושה אין יידישן פאַמיליען לעבן**, ת.א. 1977 (אין פאַרשידענע ערטער)

פרעסמאַן, רחל (7 טער יאַנ. 1913 —)

געב׳ אין זאַסלאַוו, וואָלין. געענדיקט א רוסישע גימנאַזיע און געלערנט יידישע לימודים ביי א יידיש־העברעישן לערער. אין 1926 געקומען קיין מאַנטרעאָל און דא פאַרפולקומט איר בילדונג. א צייט געווען אן ארבעטערין. אָנגעהויבן שרייבן אין די יונגע יאָרן און דעביוטירט מיט לידער אין **דער קאַמף**, טאָר׳ 1930, דערנאָך דאָרטן געדרוקט ליטעראַרישע קריטיק וועגן ביכער און שרייבער און עסייען וועגן מאָלער און בילדער־אויסשטעלונגען, וואָס האָבן ארויסגערופן אויפמערק מיט זייער אויפריכטיקייט און אַנאַליז. באַטייליקט זיך אין **וואַכנבלאַט**, טאָר. **מ. פרייהייט**, נ.י. **נייע פרעסע**, **אויפסניי**, פאַריז, **חשבון**, **ל.א.** ווי אויך אין **ארבעטער פרוי** (אין רוסיש) און אין א צאָל ענגלישע צייטשריפטן אין קאַנאַדע. געדרוקט אויך א״פ ר. וואָלינסקאַ.

לויט פאַרשידענע קוואַלן, אַלטע צייטונגען און קאַנאַדיאַנאַ.

פ

פאנאבעריע, הערשל, (1890 — 19 טער פעבר. 1954)

געב. אין בריסק — דליטא יידישע און אלגעמיינע בילדונג. פון די יונגע יאָרן, טעטיק אין "בונד" און זיינס א ראטמאן אין דער קהילה און שטאטראט. מיטגרינדער און לאנגיאָריקער לערער פון די "צישא" — שולן אין פוילן. געווען א לערער אין מעזריטש, בריסק. פון 1923 ביז 1929, לערער אין דער י.ל. פרץ־שול אין מאנטרעאל, שפעטער אין ראטשעסטער און אטלאנטא. פון 1916 געדרוקט ארטיקלען וועגן דערציונגס־פראגן, קולטור און שול־ענינים אין **לעבענס פראגען, פאלקסצייטונג, די נייע שול, שול און לעבן** (אלע אין ווארי) **בריסקער וואָכנבלאט** (1917 — 1921) אויך זיין רעדאקטאר. **קאנאדער אדלער,** מאָנט' **לעבנספראגן,** טאָר' א.א. ער איז געווען א מחבר פון א צאל ביכלעך וועגן אריטמעטיק, וואָס זיינען גענוצט געוואָרן אין די יידישע שולן אין פוילן. ארויסגעגעבן (צוז. אנד. צוזאמען מיט שלמה גילינסקי) **אַריטמעטישער לערנבוך,** ערשטער טייל, וואַרשע, 1922, 114 ז'. זיינע **מעשהלעך פאר קינדער** (פריער געדרוקט אין צייטשריפטן אין פוילן) זיינען טיילווייז דערשינען אין יידיש און ענגליש, אטלאנטא 1932 צו 32 ז' יעדער. די לעצטע יאָרן געלעבט פון מסחר, אבער ווייטער געווען א קעמפער פאר יידיש און יידישער קולטור און דער יידישער שול. קראנק געווארן און געשטאָרבן אין אַטלאַנטאַ און געבראכט צו קבורה אין מאנטרעאל.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, מיט ביבליאָגראפיע, אינפאָרמאציע פון פרוי פאלק, מאָנט' נעקראָלאָגן אין דער פרעסע.

פאקס, יוסף — לייב (21 טער אפריל 1884 — 28 טער יוני 1956)

פארענגלישטער נאָמען פון פוקס. געב' אין ווילנע, ליטע. געלערנט אין חדר, פאָלקסשול. יונגערהייט געוואָרן א טישלער־ארבעטער און געווען אקטיוו אין "בונד" צוליב פאליצייאישע רדיפות, עמיגרירט קיין אמעריקע און אין סוף 1906 געקומען קיין מאנטרעאל די ערשטע יארן געארבעט ביים פאך. צוליב א לונגען־קראנקהייט געווארן א פאציענט און פון 1920 ביז צו זיין טויט, געווען פארוואלטער פון "מאָנט סיני סאנאטאריע" אין סט' אַגאַט, ביי מאָנטרעאל און דאָרטן געשטאָרבן.

אָנגעהויבן שרייבן לידער אין 1900, וואס ער האָט פארגעלעזן אויף די אומלעגאלע בונדישע קרייזלעך אין ווילנע און פון 1913 זיך באטייליקט מיט לידער און דערציילונגען אין **קאַנאַדער וואָכנבלאט,** (1913) **פאָלקסזשורנאל** (1921) וואס איז שפעטער דערשינען

א"נ **ארבייט**, (1923-1922) אלע אונטער־ דער רעדאַקציע פון לייזער מעלצער. ביז 1945 זיך באטייליקט אין **קאנאדער אדלער**, מאָנט' **דער אידישער זשורנאל**, טאָר' **דער טאג**, נ.י. **אידישע וועלט**, פילאדעלפיא, אידישע וועלט, קליוולאנד און אויך פון צייט צו צייט אין דער **פרייע ארבעטער שטימע**, נ.י. לאנגע יארן געארבעט אויף א ראמאן אין וועלכן געשילדערט דאָס לעבן פון די פראַנצויזישע פאַרמערס אין דער קוויבעקער פראָווינץ, וואָס איז צוליב זיין פלוצעמדיקן טויט, געבליבן אין כתב־יד.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור ב.7. שלום שטערן, **דאס ווייסע הויז** מאָנטרעאל, 1967, ז' 137 — 147 (אין קאפיטל "דער איינזאמער מיסטער ברין") אויך זיין אינפאָרמאַציע. נעקראלאָגן אין דער פרעסע.

פאגעל, משה מאיר (1903 — 1974)

ברודער פון יצחק (זע) געב' אין פינסק, אין די יונגע יאָרן אריבער קיין ווארשע און דאָרטן באקומען זיין ערשטע בילדונג. פון 1918 ביז 1959, געלעבט אין טאָראָנטאָ. לערער אין די יידישע פועלי־ציון שולן. לאַנגע יאָרן געווען א מיטארבעטער פון **דער יודישער זשורנאל**, טאָר' און חוץ אַרטיקלען און מאמרים, אויך געפירט א קאָלום "צווישן נעבטן און מאָרגן" אין וועלכן ער האָט רעאַגירט אויף יידישע און אַגלעמיינע פראבלעמען פון טאָג־צו־טאָג. באַטייליקט זיך מיט ארטיקלען, לידער און דערציילונגען אין **קאַנאַדער אָדלער**, **ניוואָנסן**, **רויערד** (אלע אין מאָנט') ווי אויך אין דער יידישער פרעסע אין אמעריקע, מעקסיקע, ארגענטינע. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, געפירט א האנדל אין לאָס־אנדזשלעס און דארטן געשטאָרבן.

אינפאָרמאציע פון זיין שוועסטער, י. ראַבינאָוויטש, **קאנאדער אדלער** יובל אויסגאבע 1959.

פאָגעל, יצחק (1912 — 1973)

געב' אין פינסק, פאָלעסיע. אין די יונגע יארן געקומען קיין מאָנטרעאל. געענדיקט די מאָנטרעאלער יידישע פאָלקסשול און דעם יידישן לערער סעמינאר. נאך אין די שול יאָרן אָנגעהויבן שרייבן לידער, וואָס האָבן געוויזן טאַלאַנט. ער איז געווען צווישן די ערשטע מיטארבעטערס פון דער שול־אויסגאבע **יונגע צווייגעלאך** (1924 — 1928) און זיינע לידער האָבן ארויסגערופן באגייסטערונג סיי מיט זייער שפראך, בילד און סיי מיט די נאַציאָנאלע מאָטיוון באטייליקט זיך אין **קאנאדער אדלער**, **ניואנסן**, **רויערד**, **פאלקסשול בוך** (1924 און 1929), ווו געדרוקט נאטור־לידער און די גרעסערע פאעמע "די פישער פון טשארכאוו" אַלע אין מאנטרעאל. ער האָט אויך געדרוקט לידער און סקיצן אין **דער יודישער זשורנאל**, טאָר' און אויך אין די ענגליש־יידישע צייטשריפטן אין קאַנאַדע און אמעריקע. די לעצטע יאָרן געוווינט אין פעטערסאָן, נ. דזש. און דאָרטן געשטאָרבן.

ח.מ. קייזערמאן־וויטאל, **אידישע דיכטער אין קאנאדע**, מאָנט' 1934, ז' 117 און 119, אינפארמאציע פון זיין שוועסטער.

פוקס, חיים — לייב (29 מיי 1896 —)

געב' אין לאָדזש, פוילן אין א משפחה פון חסידישע רביים. זון פון

ראדע־שמחה, וואָס ציט איר יחוס פון גאון און צדיק ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאוּוער און העבער צו די גולי ירושלים און פון יצחק־מאיר, א ספרדי, אַן אָפּשטאַמיקער פון ר׳ יוסף קאַרו, (מחבר פון ״שולחן ערוך״ און ״בית יוסף״) זיין פאָטער־א מורה הוראה אין לאָדזש, האָט אויך געשריבן לידער און משלים אין לשון־קודש און יידיש. ער איז שוין געווען א פאָטער פון פיר קינדער, בעת ער האָט באַשלאָסן צו לעבן פון זיין אייגענער ארבעט, אוועקגעוואָרפן דאָס רבנות און געוואָרן א מאָלער פון ״שיויתית״ פאר ארעמע שטיבלעך און שילדן מאָלער. ח.ל. האָט געלערנט אין ישיבות און באקומען סמיכה אויף רבנות, אָבער אונטערן איינפלוס פון חברים־סאָציאַליסטן, געווארן א חבר אין ״בונד״ דערנאך אריבער אין דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג און מיט די ערשטע חלוצים פון לאדזש 1920 אומלעגאל געפאָרן קיין ארץ ישראל, געארבעט ביי בנין, אין פרדסים און ביי דער באַן, וואָס איז געגאנגען פון יפו קיין ירושלים. א צייט געווען אקטיוו אין דער ״הגנה״ און אין דער אומלעגאלער עליה פון פוילן. סוף 1938, ווי א שליח צו ברענגען חלוצים, צוריקגעפאָרן קיין פוילן, אָבער מער נישט געקענט ארויספאָרן. א צייט געווען אונטער די היטלעריסטן אין לאָדזש, דערנאָך ביז 1946 אין סאָוויעטישער פארשיקונג אין שטעטל אילי. שפּעטער געלעבט אין פאַריז און ניו יארק. פון 1970 ביז סוף 1973 געלעבט ווי א נייער עולה אין תל אביב אָבער צוליב א קראנקהייט אין סוף 1973 געמוזט פאַרלאָזן דאָס לאנד, דער־נאָך א צייט געלעבט אין מיאַמי פון וואנען געקומען קיין מאָנטרעאל. אָנגעהויבן שרייבן שירים אין לשון קודש אין די ישיבה — יארן און זינט 1913 אריבער צו יידיש. זינט דאמלט טעטיק אין דער יידישער ליטעראטור און פרעסע. מיטגרינדער פון לאָדזשער ליטעראטן־פאריין, פון דער פארוואלטונג פון ״יידישן פען־קלוב״ אין פאריז און ניו יארק. ער איז געווען פון מיי 1954 ביז יולי 1967, איינער פון די הויפּט־מיטארבעטער פון **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור**.

די ערשטע 2 יאר געארבעט ביי דער ביבליאָגראַפיע און געמאכט ביז 200 טויזנט ביבליאָגראַפיע־קאַרטלעך און אויך געשריבן אייניקע גרעסערע ביאָגראַפיעס, דערנאָך כסדר געשריבן ביאָגראַפיעס פאר אלע זיבן בענדער און טיילוויז פאַרן 8 טן באַנד (די 60 שרייבערס פון קאנאדע) אין אלגעמיין האָט ער אָנגעשריבן איבער 4 טויזנט ביאָגראַפיעס צווישן זיי איבער 400 פון פארגעסענע דיכטער, דערציילער און מחברים פון עברי־טייטשן סידורים, תחינות און תפילות אויף יידיש, וואָס זיינען דורך יאָרהונדערטער געווען די איינציקע גייסטיקע שפּייז פאר פרויען און פאַרן פשוטן יידישן מענטש...

צווישן די איבער פיר טויזנט ביאָגראַפיעס (אלע מיט נייטיקע ביבליאָגראַפיע) זיינען פאַראַנען 540 גרעסערע און גאָר גרויסע ארבעטן, וואָס א טייל קען צוגערעכנט ווערן צו מאָנאגראפיעס. ליידער קענען מיר נישט אלע דאָ דערמאנען. מיר וועלן בלויז געבן א טייל פון זיי, ווי א ביישפּיל לויטן אלף בית: דוד איינהארן, לייב אָליצקי, דר יהושע גאָטליב, אברהם גאָלדבערג (רעד. פון היינט) פנחס גאָלדהאַר (פיאָנער פון דער יידישע פרעסע אין אויסטראַליע) דר משה גאסטער (רב הכולל פון ענגלאנד) הירש לייב גאָרדאן, שלמה גילבערט ישראל געלבאַרט (איבערזעצער פון

משניות) פראָפ׳ ישראל דאַווידזאָן, הרב אברהם דאנציק, יצחק דייטשער, אָסיף דימאָוו, משה דלוזשנאָווסקי, הרב האַלבערסבערג (גערופן ר׳ שייעלע ראַכיווער, מחבר פון אַ סידור אויף יידיש) ר׳ יצחקל האמבורגער (מחבר פון ספרים אויף יידיש) שמעון האָראָנטשיק, קלמן הייזשעריק (אפגעראטעוועטע פרויען פון יידישע שרייבער) ש. הירשהאָרן בונים העלער, דוד הערמאן, ישראל מאיר וואָהאלמאן, שלום הערץ, הערשעלע, אלחנן וואגלער, אהרן וואַל, לייזער וואָלף, מארעק וואַרשאווסקי (מחבר פון פאלקסלידער) אליעזר וויזעל, נחום לייב ווייגאָט (גרינדער פון דער אָרטאָדאקסישער פרעסע אין פוילן) הלל וויכנין, פרץ וויערניק, י.ה. זאַגאַראָדסקי. אברהם זאַק, בערנארד זינגער, וול. זשאבאטינסקי, הרב זעווין (רעד פון ״אנציקלופדיא תלמודית״) לייבל חיין, מאיר חרטינער, ישראל טאַבאַקסבלאַט (כראָניקער פון לאָדזשער געטאָ) פראָפ׳ אריה טאַרטאקאווער, ד״ר יהושע טהאן, יוחנן טווערסקי, אלע ברידער טורקאוו, אברהם טענענבוים־ארזי (גרינדער פון דער ערשטער יידישער צייטונג אין לאָדזש) יעקב שמואל טראכטמאן (מיטגרינדער פון דער יידישער פרעסע אין רומעניען) יחיאל ישעיה טרונק, גרשון יאַבראָוו, ב. יאושזאן, יצחק יאַנאַסאָוויטש, יהואָש, ישורין, ווירגילי־כהן, צבי כהן, העלענא כאַצקעלעס, איציק כאַריק, ד״ר מלך כמיעלניצקי, ר׳ חיים ליבערמאַן (ביבליאגראף פון ליובאוויטש) ישראל ליכטענשטיין פון לאָדזש, זיסקינד ליעוו, אבע לעוו, (סאָוויעטישער ביבליאָגראף) משה לעווין (רעדאקטאר פון דער קאמוניסטישער פרעסע אין ארץ ישראל) אברהם לעווינזאָן (מיט רעד. פון גאָלדענער קייט, איבערזעצער פון פושקין אויף יידיש) אהרן גלאַנץ־ פון גאָלדענער קייט, איבערזעצער פון פושקין אויף יידיש) אהרן גלאַנץ־ לעיעלעס, יוסף לעשטשינסקי (כמור־ נער) מענדל מאָזעס (פון איטא״)דוב בער מאלקין, נחמן מייזעל, בנימין מינץ, פנחס מינץ (אלעקסאנדער)א.ר. מלאכי (גרויסער ביבליאגראף) נפתלי משכיל לאיתן, (מחבר פון תחינות אויף יידיש) הערש דוד נאמבערג, י.מ. ניימאַן, דוב בער נאַטאַנסאָן, ישראל נאַראָדיצקי, מרדכי נאַרקיס, ש.י. סטופ־ ניצקי, דר משה סטודניצקי, דר משה סנה, דוד ספארד, בער מארק, יידל מארק, אליעזר פאווייר, יעקב פאַט, גרשון פאָמעראנץ, יוסף פאפירעניקאוו, ש.ב. פיעטרושקע (איבערזעצער פון משניות) יהושע פערלע, משה פיינקינד, לייב פוקס (פון אמסטערדאם) דוד פרישמאן, רחל קאָרן, מלך ראַוויטש, הרב יידל ראָזענבערג, חוה ראָזענפארב, ישראל ראַבינאָוויטש. ער האָט זיך באַטייליקט אין כמעט דער גאַנצער יידישער פרעסע און פעריאָדיק איבער דער וועלט מיט לידער, דערציילונגען ארטיקלען וועגן מאָלעריי און טעאַטער, עסייען וועגן שרייבער און ביכער, היסטאָרישער ראָמאַן, רייזע באשרייבונגען, מאָנאגראפיעס און פאָרשונגען וואס טייל פון זיי זיינען ארויין אין זיינע 5 ביכער פון 1926 ביז 1951.

מער וועגן זיין לעבן און שאַפן צו זען: זלמן רייזען, **לעקסיקאָן**, ב.2 מיט ביבליאגראפיע, **לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור**, ב.7 מיט ביבליאגרפיע (ביז 1967)

פון 1968 און בעת זיין לעבן אין ארץ ישראל און אין מדינת ישראל האָט ער זיך באַטייליקט אין **נייוועלט**, **הפועל־הצעיר**, **דבר**, **שפעטער־אין לעצטע נייעס**, **ישראל שטימע**, **פאָלקס בלאַט**,

יידישע צייטונג, גאָלדענע קייט, זאַמלבוך "צוזאַמען" 1974 די זאַמלונגען פאַר נייע עולים **ביי זיך** ווי אויך אין די העברעישע: **שערים, העבר**, א.א. זיינע ארץ־ישראל לידער זיינען אריין אין מ.יפהס אַנטאָלאָגיע: **ארץ ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור**, ב.1 ת.א. 1961, י. פּאַפּירניקאָווס, **ירושלים אין יידישן ליד**, דאָרטן 1972.

זיי זיינען אויך דערשינען אין איבערזעצונגען אין עברית, פּויליש, רוסיש ענגליש און פראַנצויזיש. נאָך 1967 זיינען דערשינען די ביכער: **די טעג נייגן די קעפּ**, לידער, פּאָעמעס און באַלאַדן, נ.י. 1969, 96 ז׳ (באַקומען די ליזע און ווילי שאָר פּרעמיע) **זונפאַרגאַנג**, נאַטור־לידער פון מדינת ישראל, אַמעריקע און אַנדערע לענדער צווישן זיי די פּאָעמעס "גראַנד קעניאָן" און "מלכות יאָסעמיטי", חיפה 1972, 72 ז׳ **לאַדזש של מעלה**, (מאָנאָגראַפיע וועגן 120 יאָר יידישע און העברעישע ליטעראַטור און וועגן יידיש־גייסטיקן לעבן און שאַפן אין לאָדזש און אַרומיקע שטעטלעך) ת.א. 1972, 356 ז׳ (באַקומען די גאַנאַפּאָלסקי־פּרעמיע, פּאַריז, 1973), **דער אַבטער הימל**, לידער, תפילות און פּאָעמעס, נ.י.־מאָנטרעאַל, 1975, 128 ז׳ (באַקומען די נחום יוד פּרעמיע פון קולטור קאָנגרעס) פאַר די לעצטע 5 יאָר אַרבעט ער אויף א ווערק; **הונדערט יאָר יידישע און העברעישע פּרעסע און ליטעראַטור אין קאַנאַדע**, וואָס וועט פאַרייביקן דאָס גייסטיקע שאַפן פון קאַנאַדער יידישן יישוב. (באַקומען א סובסידיע פון דער קאַנאַדער רעגירונג און די י.י. סיגאַל ליטעראַטור־פּרעמיע פאַר 1978) האָט גרייט צום דרוק דאָס בוך **לידער פון די אַכציקער יאָרן**, דאָרטן וועלן אַריינגיין לידער און פּאָעמען וועגן קאַנאַדע און די פּאָעמע "מיין זיידע ר׳ יוסף" וואָס איז געהייליקט זיין אָנדענק, צו זיין 400 יאָריקן יאָרצייט. ח.ל.פ. איז געווען א דעלעגאַט פון ניו יאָרק, צו די אַלייִדישע שרייבער־צוזאַמענפאָרן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין מדינת ישראל אין די יאָרן 1968, 1970, 1972 און אַ דעלעגאַט פון מאָנטרעאַלער שרייבערס צו דער "קאָנפערענץ פאַר יידישער קולטור" ירושלים, 1976, וועגן זיין לעבן און שאַפן שרייבט יצחק באַשעוויס זינגער..."אין חיים לייב פוקסן האָבן זיך צונויפגעגאָסן דער פּאָעט, דערציילער און דער זאַמלער אין איין גוס. חיים לייב געהערט צו די געציילטסטע אויפריכטיקע יידישסטן, וואָס מען קען ממש איבערציילן אויף די פינגער... דער אַקצענט איז אויף **יוד**...זיינע לידער זענען פול מיט רעליגיעזע ווענדונגען, רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע שטימונגען. מען קען זאָגן וועגן פוקסן, אַז גאָט, ארץ ישראל און די יידישע ליטעראַטור זענען ביי אים איינס. פאָרווערטס 5 טער יוני 1967) אהרן צייטלין דערמאָנט "חיים לייב פוקס שטאַמט פון גרעסטן חסידיש־רבי׳אישן יחוס אין פּוילן... ער האָט אין זיינע לידער, ווי אין זיין לעבן דערהאַלטן דעם יראת הכבוד צו דער יידישער ליטעראַטור און אירע שאַפערס, ווי ער טראָגט עס אין זיין נשמה צו די גרויסע מחברים פון ספרים, וואָס אָן זיי וואָלטן מיר געווען אָרימער" (טאָג־מאָרגן זשורנאַל, 12 דעצ׳ 1969) "דער דיכטער חיים לייב פוקס, דער אומדערמידלעכער אַנטפּלעקער פון נשכחות און אויסגראָבער פון פאַרבאָרגענע ביאָגראַפישע און ביבליאָגראַפישע דאַטעס" (דר שלמה ביקל, **שרייבער פון מיין דור ב.3 ז׳** 334)

״...חיים לייב פוקס, פּאָעט, עסייאיסט און לעקסיקאָגראַף האָט צוגעשטעלט פאַר די זיבן בענדער פון ״לעקסיקאָן״ נישט ווייניקער פון 3 טויזנט ביאָגראַפיעס. פוקס, דער אומדערמיד־לעכער פאָרשער, א ברכה ביי אזא מין ארבעט״ (מלך ראוויטש, קאַנאַדער אָדלער 21 יוני 1974) פוקס איז דער דיכטער פון תפילה און אין דאזיקן נוסח דערגרייכט ער זיין רייכסטן פּאָעטישן אויסדרוק... יעדער יידישער שרייבער איז פאַר אים דער העכסטער און שענסטער אויסדרוק פון דער יידישער גייסטיקייט״ (יצחק יאַנאַסאָוויטש. לעצטע נייעס 24 טער יוני 1974) דאס ארט דערלויבט נישט אלע וואָס האבן וועגן אים געשריבן אויסצורעכענען, מיר וועלן נאָר געבן געציילטע אָפּרופן. **וועגן די טעג נייגן די קעפּ־״** דאָס הויפּט־ארט פאַרנעמט דאס ארץ ישראל בילד, וואס דערשיינט אויף דער קאַנווע פון א פאַרביקער תנכישער מנוחהקייט (י. הירשהויט, צוקונפט, פעבר. 1969) ״דער דיכטער וואס איז דערצויגן אין ישיבות, פאַרגלייכט די שיינקייט פון ״גרענד־קעניאַן״ און ״יאָסעמיטי״ מיט פסוקים פון תהילים און חומש, ער איז אָבער אין זיין דיכטונג א לעבעדיקער טייל פון דער לאנדשאפט פון דער גאנצער וועלט״ (י.א. ראָנטש, מ. פרייהייט 14 אקט. 1973) **וועגן זיין עבודה ביים לעקסיקאָן״ ...פוקס איז צוגעגאנגען צו זיין עבודה, ווי די מסדרים פון דער גמרא. ער האָט געזען אז עס זאָלן נישט פעלן צוזאמען מיט די גרויסע שרייבערס, אויך די וואס זענען פאַרגעסן געוואָרן דורך די צייטן״ (ש. קאַנץ לעצטע נייעס 22 אקט. 1973) וועגן לאדזש של מעלה:** ״ווי אזוי האָט איין מענטש געקענט אזעלכעס באַווייזן.. עס איז ממש א קליינע ענציקלאָפּעדיא... פיל קאפּיטלעך לייענען זיך מיט טרערן אין די אויגן...(ח.ש. קאזדאן, אונדזער צייט, דעצ׳ 1974)

״פוקס האָט מיט גרויס ליבשאַפט ארויסגעברענגט פאַר דער יידישער געשיכטע פון זיין שטאט די אלע הונדערטער געשטאַלטן פון שרייבערס, קינסטלער און תלמידי־חכמים וואָס האָבן דורך הונדערטער יאָרן פון לאָדזשער שאַפערישקייט אָנגעוואָרי־מט די הערצער פון זייער עדה. ער האָט פאָר זייער זכרון אָנגעצונדן א נשמה ליכט, וואָס וועט אייביק לייכטן״ (משה דלוזשנאַווסקי, פרייע ארבעטער שטימע יולי 1973)

״עס האָט נאָך קיינער ווי פוקס, באַוויזן דעם יידישן גייסט, דעם יידישן פאַרמעסט אין די אלע געביטן פון יידישער יצירה, וואס ער ברענגט ארויס אין זיין ווערק״ (פּראָפ אריה טאַרטאַקאָווער, גשר נומער 3־4 ירושלים 1974)

״די אלע שרייבערס און דיכטערס, וואָס זיינען אומגעבראַכט געוואָרן דורך די נאַציס האָט פוקס זיי ווידער באַלעבט און נאָענט געמאַכט פאַר אונדזערע הערצער״ (בער גרין, יידישע קולטור, פעבר׳ 1973).

וועגן דער אַבטער הימל

״ער איז ווידער יונג געוואָרן, ווי מען וואָלט אין זיין נשמה אריינגעבלאָזן א הייסן פלאַם, זיינע לידער זיינען טיף יידיש, וואָס ער האט געירשנט פון זיינע זיידעס, די חסידישע רביים...אָבער ביי זיין גאנצן פייער און שטורעם האָט זיין נשמה א ווינקעלע פאר א ״תפילה בלחש״ און זיין ליד איז פאַרבונדן מיט יידישן קיום פון דורות״ (ישראל עמיאט, פּאָרווערטס 13 יולי 1975)

״ווען אפילו ווען פוקס שטייט פאר דער

גראָטעסקייט און וווּנדער פון דער נאַטור, אויך דאָרטן דערהערט ער די שטימע. פון "אנוכי" און צוזאַמען דערמיט, אַנטפּלעקט זיך פאַר אים די גאַנצע יידישע געשיכטע"

(חיים שפּילבערג, לעצטע נייעס, 20 אָקט, 19 אויג. 1977)

צו זיין באַזעצן זיך אין מאָנטרעאַל האָבן אים באַגריסט, מלך ראַוויטש, יוסף גאַלאַי, ח. סערלין, מישע העלמאַן, יעקב גראָסמאַן א.א. מיר ווילן בלויז דערמאָנען עטלעכע ווערטער פון יוסף גאַלאַי, געוו. רעדאַקטאָר פון "קאַנאַדער אַדלער". ער שרייבט "מיר וועלן חיים לייב פוקסן אויפנעמען בסבר פנים יפות, נישט בלויז ווי אַ חשובן גאַסט, נאָר ווי א צוגעקומענעם תושב, וועמעס באַזעצן זיך אין אונדזער שטאָט, איז א געווינס פאַר דער יידישער שרייבער־משפחה און וועט שטאַרקן דאָס יידישע קולטור־לעבן דאָ" (קאַנאַדער אַדלער, 27 טער סעפּט' 1974)

נאָך זיין באַזעצן זיך אין מאָנטרעאַל, האָט ער פאַרשטאַרקט זיין פּאָעטישע שאַפונג מיט ציקלען לידער וועגן קאַנאַדע, וואָס באַווייזן זיין נייעס שרייבערישן אימפּעט; אַזוי איז עס פאַרצייכנט אין פאַרשידענע ערטער. מיר ווילן בלויז צוגעבן די זאַמלונג **קאַנאַדיאַנאַ**, ביי דער יידישער פאַלקסביבליאָטעק, און אויך וואָס איז וועגן אים געשריבן אין 6 טן באַנד פון דער **ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ**, ירושלים, 1975.

פולען, משה (15 טער יאַנ' 1896 — 22 טער נאָוו' 1965)

פּאַרקירצטער נאָמען פון פּאָפּולאַנסקי. געב' אין סאַמגאָראָדאָק, ביי קיעוו, אוקראַינע. פון 1912 ביז צו זיין טויט, געוווינט אין וויניפּעג. אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער און יידישער קולטור־עסקן; לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון **דאָס יודישע וואָרט**, וויניפּעג' דאָרטן כסדר געדרוקט איבערזיכטן וועגן טעאַטער־ענינים, אַרטיקלען וועגן יידישע פּראָבלעמען און פּאָליטישע אויף אַקטועלע טעמעס. ער איז געווען דער מחבר פון טעאַטער שפּיל אין 3 אַקטן **א דאָרפישע ליבע**, וואָס איז אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון פאַני גאָלד, אויפגעפירט געוואָרן אויף דער ענגלישער בינע אין וויניפּעג. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין דער יידיש־ענגלישער פּרעסע און פּעריאָדיק פון מערב קאַנאַדע.

געשטאָרבן אין וויניפּעג.

אינפאָרמאַציע פון זיין משפחה אין וויניפּעג און פון יעקב זיפּער.

פיגלער, ישראל הלוי (1 טער דעצ' 1866 — 4 טער יוני 1939)

געב' אין בענדער, בעסעראַביע. געלערנט אין ישיבות, אַלגעמיינע שולן און דורך זעלבסט־בילדונג. ער איז געווען פון די ערשטע חובבי־ציון אין בעסעראַביע. פון 1893 ביז 1895 געלעבט אין ארץ ישראל און געאַרבעט ביים אויסלייגן די ערשטע באַן־ליניעס. צוליב פאַרשידענע סיבות צוריקגעפאָרן קיין בענדער און ביז 1908, דאָרטן געפירט א חדר מתוקן. פון סוף 1908 ביז צו זיין פּטירה, געוווינט אין מאָנטרעאַל. א צייט געווען א העברעישער לערער אין א תלמוד תורה, דערנאָך, געוואָרן אַן אייגנטימער פון א העברעיש־יידישער פּריוואַט־שול, און גלייכצייטיק געווען אַקטיוו אין יידישן לעבן. סעקרעטאַר

פון "יידישן רעליף קאָמיטעט" ער איז געווען פון די ערשטע מיטארבעטערס אין **קאַנאַדער אדלער** און חוץ ארטיקלען וועגן חינוך און אקטועלע יידישער פראגעס אויך געפירט דעם אָפטייל (א"פ. י. הלוי) "אנעקדאטן פון דער אלטער היים" וואָס האָבן אַ באַטייטונג פאַרן בעסעראבער יידישן פאָלקלאָר. ער איז דער מחבר פון 5 העפטן **פיגלערס יידישע שרייב מעטאדעם** מאנט' (1917-1919) יעדער העפט צו 24 ז' **דער אידיש אָנפאנגער** (א נייע מעטאדע צו לערנען לעזן און שרייבן אידיש) דאָרטן 1919, 32 ז' 4 העפטן **מטודה ללמד את הכתיבה העברית** (1919) א וויכטיקער אויפטו זיינער איז געווען זיין **באוועגלעכער, אילוסטרירטער אלף בית** געדרוקט אויף טעוועלעך און דערשינען אין גרויסע צאָלן. געשטאָרבן אין מאָנטרעאל.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, ב.7 מיט ביבליאָגראַפיע, ש. בעלקין די פועלי-ציון באוועגונג אין קאַנאַדע, אינדעקס קאַנאַדיאַנא. נעקראָלאָגן אין דער פרעסע.

פיגלער, ברוך-אהרן (16 טער יולי 1900 —)

געב' אין בענדער, בעסעראביע. זינט 1909 אין מאָנטרעאל. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. זון פון ישראל-הלוי פ' (זע) געזענדיקטער אדוואָקאט. פון די יונגע יאָרן טעטיק אין דער ציוניסטישער באַוועגונג, דער עיקר אין דער "הבונים" אָרגאניזאציע. א צייט געווען א לערער אין מאָנטרעאלער יידישע שולן. געדרוקט ארטיקלען וועגן יידישע און אלגעמיינע פראבלעמען אין **קאנאדער אדלער און דזשאוויש קראניקל**, מאנט' לאַנגע יאָרן געדרוקט זיינע איבערזעצונגען פון די יידישע קלאסיקער און ארטיקלען וועגן ציוניסטישע פראַגן. מחבר **פון מאנדאט ביז צו מדינת-ישראל**, (די געשיכטע פון הבונים אין קאנאדע מאנט' (1951, 112 ז' דעם עסקיז **געשיכטע פון ציוניזם** אין קאנאדע דאָרטן, 1961, 14 ז' (פריער געדרוקט אין **דזשואיש קראניקל**, דאָס **ח.מ. קייזערמאן-בוך**, מאנט' 1962, 494 ז' (אַ מאָנאָגראַפיע פון דעם יידישן שרייבער און כלל-טוער-(צוזאמען מיט דוד ראם)

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, ב.7 ש. בעלקין, די פועלי-ציון באוועגונג אין קאַנאַדע, אינדעקס. קאנאדיאנא.

פייגעלמאַן, יצחק (18 טער פעבר' 1902 — 20 טער דעצ. 1974)

געב' אין סטאָלין, לעבן פינסק, פוילן. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. פון די יונגע יאָרן, אקטיווער עסקן אין דער ציוניסטישער ארבעטער-באוועגונג. סעקרעטאַר פון "צעירי ציון" אין קאנאדע און פארזיצער פון מינסקער ברענטש פון ציוניסטישן ארבעטער פאַרבאַנד. פון 1921 ביז צו זיין טויט געוווינט אין טאָראָנטאָ. לאנגע יאָרן געווען א מיטארבעטער פון **קאנאדער אדלער**. דאָרטן חוץ ארטיקלען, לידער, דערציילונגען און פעליעטאָנען אויך געפירט דעם אָפטייל "די וועלט-פאַנאָראַמאַ". 1923-1924 געדרוקט די סעריעס "רייזע איבער מערב-קאנאדע" אין וועלכע ארויסגעברענגט זיין הייסע ליבע צו דער יידישער שפראך דאס לשון פון רוב מנין יידן פון דער ווייטער וועסט. ער איז אויך געווען א שטענדיקער מיטארבעטער פון **דאס אידישע**

וואַרט, ווין. פון 1922 ביז 1959, אינערליכער מיטארבעטער און זינט 1929, מיטרעדאַקטאר פון **דער אידישער זשורנאַל**, טאר׳ (דאָרטן אויך געדרוקט אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן יידישן טעאַטער. אין **יובל־בוך** פון **קאַנאַדער אדלער**, 1927, פאַרעפנטלעכט קאַפּיטלעך פון אַ גרעסערע אַרבעט "דאָס יידישע טעאַטער" באַטייליקט זיך אין **דער טאָג**, **מאָרגנזשורנאַל**, **הספר**, **הדואר**, חודש זשורנאַל **אידישע עמיגראַציע** (אַלע אין נ.י.) ער איז געווען אַ לאַנגיאָריקער קאַנאַדער, קאָרעספּאָנדענט פון ביאַליסטאָקער דאָס נייע לעבן, **ווילנער טאָג און פון יידישע צייטונגען אין לאַטיין־אַמעריקע. אינערלעכער מיטארבע־טער און נאָך א. רייזנווייגס פּלוצימדיקן טויט, דער רעדאַקטאָר פון די אידישע וועלט** (1932־1935) און פון וואָכנבל׳ **קאַנאַדער טריבונע** (ביידע אין טאָראָנטאָ) ער האָט אויך באַנוצט די פּסעודו׳ יצחק ציפורי, אַ יונגערלץ, יצחקי, יצחק פּ־מאַן, יוד פּעי, עובר אורח, אַ מאמין, א.א. געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ. זיין רייכער אַרכיוו (אין דער יידישער פאָלקסביבליאָטעק) פאַרמאָגט אַ צאָל מאַטעריאַלן וואָס זיינען וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון דער יידישער פּרעסע אין טאָראָנטאָ.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער **ליטעראַטור**, ב.7 מיט ביבליאָגראַפיע, מ. מאַנדעל, אידישער קעמפער נ.י. 2 טער יאַנ׳ 1975, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע.

פייער, אַברהם (מערץ 1852 — מערץ 1936)

געב׳ אין אושצא־זשיעלאָנאַ, ביי סטאַניסלאַוו, גאַליציע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג, געהאַט סמיכה אויף רבנות, אָבער פאַרנומען זיך מיט מסחר. איניקע יאָר אַרומגערייזט איבער אייראָפּע און אַזיע. צווישן אַנדערע לענדער, געלעבט אין מצרים און ארץ ישראל. דער עיקר זיך אָפּגעגעבן מיט ערד אַרבעט, וואָס האָט אים געבראַכט קיין מערב קאַנאַדע. לאַנגע יאָרן (פון 1911 ביז 1930) געלעבט אין סאַסקאַטון און געווען אַ פאַרמער. אַנגעהויבן שרייבן מיט אַרטיקלען וועגן דער וויכטיקייט פון באַזעצן יידן אויפן לאַנד אין דער ציוניסטישער "**די וועלט**", ווין, ער איז אויך געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון (**הצפירה** וואַרשע און **המצפה** קראָקע). (פון 1904 — דאָרטן געדרוקט א״פ אברהם ב״ר שלמה־מאיר) ער האָט אויך פון צייט צו צייט געדרוקט אַרטיקלען וועגן דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין מערב קאַנאַדע אין וויניפּעגער ציטונגען; דער עיקר אָבער האָט ער פאַררייביקט די צייטן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין מערב־קאַנאַדע אין זיינע העברעישע ספרים **זכרון אברהם**, נ.י. 1924 און **נשמת כל חי**, ווין, 1927. ער איז אויך דער מחבר פון אַ ספר וועגן יידישע פּראָבלעמען **לקוטי אברהם** סטרי, 1933. געשטאָרבן אין נ.י.

לויט פאַרשידענע קוואַלן און ע.בן עזרא, **דמויות**, ת.א. 1978, ז״ז 177־115.

פעדערמאַן, מאַקס (1900 —)

געב׳ אין כמיעלניק, קעלצער געגנט, פּוילן. אין 1907 געקומען קיין טאָראָנטאָ און דאָרטן באַקומען זיין יידישע און וועלטלעכע בילדונג. לאַנגיאָריקער אַרבעטער־טוער. פירער פון "פּוטער־אַרבעטער־יוניע". מיטגליד פון צ.ק. פון פּ.צ. אחדות העבודה פאַר

קאַנאַדע און צפון אַמעריקע און איר פאָרשטייער אין "יידישן ארבעטער קאָמיטעט" "קאַנאַדער יידישער קאָנגרעס" און אין די אַקציעס פאַר דער "הסתדרות" זינט 1940 געדרוקט אַרטיקלען פון יידישן און אַלגעמיינעם אַרבעטער־לעבן אין **פראַלעטאַרישער געדאַנק, דער יודישער זשורנאַל** (ביידע אין טאָר') **אונדזער וועג**, נ.י. און אין פאַרשידענע לינקע פ.צ. און מפ'מישע צייטשריפטן אין מדינת ישׂראל.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור, ב.7 מיט ביבליאָגראַפיע, קאַנאַדיאַנאַ.

פעלדמאַן משה (12 טער יאַנ' 1882 — 2 טער יוני 1962)

געב' אין לובאַר, אוקראַינע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אין 1923 געקומען קיין מאָנטרעאַל. א צייט געווען אַ פיזישער אַרבעטער, שפּעטער געוואָרן א יידישער לערער און אַן אָנפירער פון די יידישע "ארדן שולן" אין מאָנט' טאָר' און נ.י. מחבר פון א גרויסע צאָל לערנביכער און כרעסטאָמאַטיעס, וואָס זיינען אויסגענוצט אין די פּראָגראַמען פון די אָרדן־שולן אין קאַנאַדע און צפון אַמעריקע. אָנגעשריבן זייער א סך פון די שול־אינסצעניזאַציעס (איינעקע אויף די רייד פון די נביאים) וואָס זיינען דורך די קינדער געשפּילט געוואָרן. אין די יאָרן 1924־1927, איז ער געווען סעקרעטאַר פון "איקאָר" פאַר קאַנאַדע. לאַנגיאָריקער מיטאַרבעטער פון **דער קאַמף, דער וועג, פאָלקסבלאַט** (אַלע אין טאָר') רעדאַקציע מיטגליד פון קינדער־זשורנאַל **יונגוואַרג**, נ.י. (דאָרטן געדרוקט צענדליקע דערציילונגען, לידער, שפּילן און איבערזעצונגען פון העברעיש, רוסיש און ענגליש). באַטייליקט זיך אין **יידישע קולטור**, נ.י. (דאָרטן פאַרעפנטלעכט עסייען וועגן שול און קולטור ענינים, וואָס זיינען געשטאַנען אויף א הויכער מדרגה צוליב זייער סטיל און קלאָרער אויסטייטשונג. א גרויסער ליבהאָבער פון יידישער פּאָעזיע, האָט ער אונטערן פסעוודי' "משולם" געדרוקט רעצענזיעס און אָפּהאַנדלונגען וועגן די ווערק פון די יונגע פּראָלעטאַרישע שרייבער־גרופּע אין קאַנאַדע. ער האָט אויך אָנגעשריבן פאָרווערטער צו די ביכער פון א. ניסניעוויטש און ש. נעפּאָם. ליידער איז מיר נישט געלונגען פעסטצושטעלן די נעמען און די יאָרן וועגן זיינע ביכער. איך ווייס נאָר וועגן זיין בוך **מיין יידיש בוך**, לערנבוך פאַרן 4 טן יאָר עלעמענטאַר־שול, נ.י. 1962. לויט ווי מען גיט מיר איבער איז זיין פּראָגראַם וועגן יידישער געשיכטע לימוד, געווען די באַזע פאַר לערנען יידישע געשיכטע. געשטאָרבן אין ניו יאָרק.

"...ער איז געווען א שמח בחלקו און האָט זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגט אויף די נעבעכדיקע שכירות וואָס מען פלעגט אים צאָלן... ער איז געווען א פּעדאַגאָג פון גרויסן וויסן, און אַן איבערזעצער פון פיר שפּראַכן... ווען מען וועט שרייבן די געשיכטע פון דער יידישער ארבעטער באַוועגונג אין קאַנאַדע, וועט זיין נאָמען פאַרנעמען א זייער וויכטיקן פּלאַץ (יהושע גערשמאַן)

...ער איז געווען א גרויסער מומחה אין יידיש וויסן און ספּעציעל אין יידישער געשיכטע. א באַווירקטער פון די נביאים, האָט ער זייערע רייד אויסגענוצט אין זיינע שאַפונגען... (מאַניע ליפשיץ)

י. גערשמאַן, **וואכנבלאט**, טאָר׳ 14 טער יוני 1962, מאניע ליפשיץ, **בלעטלעך פון א לעבן**, טאָר׳ 1977, ז׳ 89־99. נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע.

פעלדער גדליה (12 מאי 1922 —)

געב׳ אין פּוילן. אין די יונגע יאָרן געקומען קיין קאנאדע. געלערנט אין ישיבות און באקומען סמיכה אויף רבנות. פון 1940, רב אין טאראנטא און טעטיק אין יידישן לעבן. וויצע־פּרעזידענט פון ״פּועל־המזרחי״ ער איז אויך אקטיוו אין טאָראָנטער אָפּטייל פון ״קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס״ געדרוקט ארטיקלען איבער רעליגיעזע פּראָבלעמען אין **דער אידישער זשורנאל**, טאָר. באטייליקט זיך אין די תורה־זשורנאלן **קול תורה**, טאָר׳ הפּוסק, הפּרדס א.א. נ.י. מחבר פון א צאל וויכטיקע ספרים און שאלות ותשובות, וואס באווייזן גרויס לומדות. צוו. אנד. **יסודי ישורין** (4 בענדער) **שאילות ישורין**, **נחלת צבי** (2 בענדער) אין 2 טן באנד איז אויך געדרוקט זיין וויכטיקער מאמר: ״ההלכה והפוסק בישראל״ וואס באלייכט א וויכטיקן פּראָבלעם פון אונדזערע טעג. אלע ספרים, זיינען דערשינען אין טאראנטא.

מ. גינזבורג, **קאנאדער אדלער**, מאָנט׳ 26 טער דעצ׳ 1960, הרב מאיר שווארצמאן, דארטן 9 טער פעב׳ 1962 און 26 פעב׳ 1965, נחמן שמן, **באציונג צו ארבעט און ארבעטער** ב.1 טאָר׳ 1963, אינדעקס, קאַנאַדיאַנאַ.

פראנק, משה־צבי (24 טער דעצ. 1897 — 12 טער אפּריל 1975)

געב׳ אין רעזשיצע, ביי האמעל, ווס״ר יידישע און אלגעמיינע בילדונג. פון די פריע יאָרן טעטיק אין דער ציוניסטישער באוועגונג. אין 1913 געקומען קיין מאָנטרעאל. שטודירט הומאניסטישע וויסנשאפטן און יורי אויף דער ״מק׳ גיל אוניווערסיטעט און באקומען דעם טיטל מאגיסטער. א צייט געווען א העברעאישער לערער אין דער ״שער־השמים״־שול, דערנאך אייניקע יאר געווען פּרינציפּאַל פון העברעישע שולן אין אָטאַווע און טאָר׳. שרייבערישע טעטיקייט אנגעהויבן מיט העברעאישע לידער, שפּעטער אויך געדרוקט זשורנאליס־טיש־פּובליציסטישע ארטיקלען, עסייען וועגן שרייבער און ביכער און **פאלעמישע מאמרים אין פארווערטס** (א״פ מ.מ. רייכענשטיין) **דער טאג, מארגענזשורנאל, הדואר א.א. נ.י.** לאנגיאריקער קאנאדער קארעספּאנ־דענט פון **הארץ**, ת.א. באטייליקט זיך אין **בטרם, הפועל הצעיר** א.א. געווען א נאענטער פריינט פון ראובן ברייני, וואס האָט געלויבט זיינע עסייען, ״וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט אן אייגנאַרטיקן סטיל און אייראפּע־ישער ״עספּרי״. ער האט אויך לאנגע יארן געשריבן פאר ענגליש־יידישע צייטונגען אין קאנאדע. מיטרעדאק־טאר מיט חיים גרינבערג פון ״**דזשואיש פראנטיר**״ נ.י. אין די יאָרן וואָס ער האט געלעבט אין מאָנט׳ כסדר פארעפנטלעכט זיינע ארבעטן אין **קאנאדער אדלער**. אייניקע יאר געווען מיטרעדאקטאר פון **דער אידישער זשורנאל** טאר׳. בעת ער האט געלעבט אין תל אביב, האט ער געדרוקט זיינע קארעספּאנדענצן פון מדינת ישראל סיי אין **קאנאדער אדלער**, אין דער **אידישער זשורנאל** און אויך אין **פארווערטס**. ״ער איז געווען א שרייבער מיט א טיפן אינטערעס פאַרן יידישן לעבן״ אין אלע זיינע וווין־ערטער (יהודה ראזענפעלד)

אומגעקומען אין אן אויטא־קאטאסטראפע אין טאראנטע. יהודה ראזענפעלד, **קאנאדער אדלער**, 15 אויג. 175, נעקראלאגן אין דער יידישער און ענגלישער פרעסע. אינפֿאָרמאציע פון שלמה ווייסמאן, מאָנט׳.

פרידמאן, יעקב (1889 —)

געב׳ אין שטעטל דאָרביאַן, ליטע. פון 1904 אין קאנאדע. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. אין די יונגע יאָרן געווען א חבר פון פ.צ. און פון די מיטבויערס פון ראדיקאלער ביבליאָטעק אין וויני׳ שפעטער אוועק קיין ניי־בראָנזוויק, דארטן רייך געווארן אָבער נישט איבערגעריסן מיט זיין ציוניסטישער און געזעלשאפטליכער טעטיקייט. אין די יונגע יארן געדרוקט לידער, סקיצן און קליינע דערציילונגען אין קאנאדער מזיק, דער בירגער און דאס יודישע ווארט (אלע אין ווינ.)

ש. בעלקין, **די פועלי־ציון באוועגונג אין קאנאדע**, ז״ז 44 און 45.

פריינקעל־זאלצמאן, פעסיע (23 פעבר. 1916 —)

געב׳ אין דווינסק, לעטלאנד. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. ביז 1941 געארבעט ווי א בוכהאלטערן, שפעטער ווען די היטלעריסטן האבן פארנומען לעטלאנד, געוועזן אין לאגערן אין דווינסק און ריגע פון וואנען געשיקט צום אומקום אין טויטן־לאגער שטוטהאף. דורך א צופאל, פון דארטן געשיקט ארבעטן אין אמוניציע פאבריקן ביז 1945. נאך דער באפרייאונג, געלעבט אין פליטים־לאגערן פון וואנען געקומען קיין מאנטרעאל אין 1947. אנגעהויבן שרייבן וועגן אירע איבערלעבענישן אין דייטשע לאגערן פון יוני 1941 ביז יאנ. 1945 און 1946 און דרוקן אין **קאנאדער אדלער** אין 1947, וואס טיילן פון דעם זענען אריין אין איר בוך **העפטלינג נומער 94171**, מאנט׳ 1949, 175 ז׳ מיט א ווארט פון דער מחברין און אן ארייננפיר פון מלך ראוויטש אין וועלכן ער שרייבט צוו. אנד. ״דאס בוך האָט חוץ א געשיכטלעך־דאָקומענטארן ווערט, מאכט עס אן איינדרוק מיט אוממיטלבארער קינסטלערישער שילדערונג און איז נאך א שטימע אינעם כאָר, וואס באשולדיקט די וועלט פאר די ליידן פון יידישן פאלק״ זינט איר דערשיינען פון בוך, אויך געדרוקט אין די יידישע צייטונגען אין מדינת ישראל, מעקסיקע א״א.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראטור, ב.3 ז׳ 533 מיט ביבליאָגראַפיע ישראל ראַבינאוויטש, **קאנאדער אדלער**, 5 טער נאוו. 1959, קאנאדיאנא.

פרענקעל, שלמה

ביאגראפישע ידיעות, נישט באקאנט. מיר ווייסן נאר אז ער האט געשטאמט פון רוסלאנד. אין 1905 געקומען קיין קאנאדע. געלעבט אין מאנט׳, ווינ׳ און טאר׳. לעקטאר און רעדנער אויף ליטעראריש טעמעס, דער עיקר וועגן דער יידישער און רוסישער ליטעראטור אין די יארן 1908־1909 געדרוקט דערציילונגען און איבערזעצונגען פון רוסיש און העברעיש אין **קאנאדער אָדלער**. שפעטער געווען א מיטארבעטער פון **דאס אידישע ווארט־קענעדער איד**, **דער בירגער** (ביידע אין ווינ׳) אין 1912, ארויסגעגעבן דאָס וואָכנבלאט

טאָראָנטער אידישע פּרעסע, דערשינען 16 וואָכן, צום מייסטנס מיט זיינע אַרטיקלען און דערציילונגען און איבערזעצונגען (פון 5טן יאַנ׳. ביז סוף מערץ 1912) שפּעטער צוריקגעפאָרן קיין ווינ׳ און דאָרטן אַרויסגעגעבן דאָס 16 זייטיקע וואָכנבלאַט **דאָס אידישע לעבען**, מערץ 1913, וואָס איז געווען ווי עס באַצייכנט עס א.מ. מאַנדעלבוים (פּנחס) ״אַ גוט רעדאַקטירטע שריפט און אַ פּלאַטפאָרמע פאַרן ציוניזם״ (דערשינען בלויז 4 נומערן צווישן זיי, אַ גרויסער פּסח־נומער) אין 1915 ווידער זיך באַוויזן אין מאָנט׳ און באַטייליקט זיך מיט דערציילונגען און איבערזעצונגען אין בריינינס **דער וועג**.

י.גוד, **דער בירגער**, נומ. 6, 8 און 10, 1913, פּנחס **קאַנאַדער אַדלער**, 6 — 8 און 15 אויג. 1915, **קאַנאַדיאַנאַ**.

צ

צאהלער, שלום (13 מערץ 1918 —)

געב׳ אין סטאַניסלוי, מזרח־גאַליציע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געלערנט אין ישיבות און באַקומען סמיכה אויף רבנות. דערנאָך געענדיקט אַ העברעישן לערער־סעמינאַר אין לעמבערג. אין די יאָרן 1937־1957, געלעבט אין ארץ ישראל און שטודירט אויפן העברעאישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. אין 1957 געקומען קיין טאָראָנטאָ. לערער אין אַ העברעישער שולע. אָנגעהויבן שרייבן מיט שירים אין העברעאישן זשורנאַל **הסולל** לעמבערג, שפּעטער געווען אַ מיטאַרבעטער פון לעמבערגער ט״צ **דער מאָרגן** 1935 — 1936, דאָרטן צוו. אַנד. פאַרעפנטלעכט אין המשכים דעם ראָמאַן פון יידישן לעבן אין פּוילן **די בלאָנדזשענדע יוגנט**. זינט 1957 פאַרעפנטלעכט דעם ראָמאַן **זינא אין דער יידישער זשורנאַל**, טאָר׳, די ראָמאַנען **מיט בלוט און פייער** (1959) און **די דרייסיק טעג** 1960, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין המשכים אין **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ זיי זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע אין לאַטיין־אַמעריקע און ישראל.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור ב.7. עס איז אויך געווען אַ מ. צאָהלער, וואָס האָט אין די יאָרן 1910־1915 געלעבט אין מאָנטרעאָל, און געדרוקט אַרטיקלען און סקיצן אין **קאַנאַדער אַדלער**.

ביאָגראַפישע פּרטים נישט באַקאַנט קאַנאַדיאַנאַ.

צוקער, מאיר (3 טער יולי 1910)

געב׳ אין איזשביצע, לובלינער געגנט, פּוילן. יידישע און טיילווייזע וועלטלעכע בילדונג. געלעבט אין לובלין, לעמבערג און פון 1933 ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה אין וואַרשע. בעת די נאַציס האָבן פאַרכאַפּט פּוילן, אַוועק קיין ווילנע, פון דאָרטן איבער יאַפּאַן אין 1948 געקומען קיין קאַנאַדע און זיך באַזעצט אין וויניפּעג. פון די יונגע יאָרן אַקטיוו אין דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג, צוערשט אין דער ״צוקונפט״ און שפּעטער אין ״בונד״ ער איז עד היום אויך אַקטיוו. סעקרעטאַר פון וויניפּעגער אָפּטייל אין ״יידישן קולטור קאָנגרעס״ ״יידישן אַרבעטער קאָמיטעט״ און אין אָרטיקע אָרגאַניזאַציעס. אָנגעהויבן שרייבן מיט אַרטיקלען וועגן אַרבעטער־פראַגעס אין וואָכנבלאַט **די אַרבעטער שטימע**, לעמבערג, (1928־1934) שפּעטער געדרוקט רעפּאָרטאַזשן אין **נייע פאָלקסצייטונג**, וואַרשע, זינט זיין באַזעצן זיך אין וויני׳, באַטייליקט זיך (אויך רעדאַקציע־מיטגליד) פון **דאָס יודישע וואָרט**, וויני׳ **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳, **אונדזער צייט**, **די יודישע שפּראַך** (ביידע אין נ.י.) אין דער ענגלישער אויסגאַבע די

פּילצאָליקע פּרעסע אין קאַנאַדע, ווינ׳ 1974, געדרוקט זיינע צוגאבן וועגן דער צייטונג דאס אידישע וואָרט. ער האט אויך געדרוקט אונטער די פּסעוודאָנימען מ. בראַצקי, צ. מאַקסים א.א.

לויט פארשידענע קוואלן. קאנאדיאנא.

צוקער, מרדכי־מאיר (25 טער סעפּט. 1907 —)

געב׳ אין אלעקסאנדראוו־קויאווסק, ביי וולאָצלאַוועק, פּוילן. געלערנט אין חדר און דורך זעלבסטבילדונג. ביז סעפּט. 1939 געלעבט אין וואַרשע, טעטיק אין דער פּ.צ. פּאַרטיי. שפּעטער אוועק קיין רוסלאנד. איבערגעלעבט דעם חורבן אין קאזאכסטאַן. פון 1946 ביז 1949, אין ווראצלאוו, מיטגליד פון ארטיקן יידישן קאמיטעט, סעקרעטאר פון דער פּ.צ. אין 1949 געקומען קיין מאָנטרעאל. א צייט געווען טעטיק אין געזעלשאפטלעכן לעבן. אנגעהויבן שרייבן מיט אַרטיקלען איבער געזעלשאפטלעכע פּראַגעס און אקטועלע יידישע פּראבלעמען אין **וואכנבלאט נידערשלעזיע**, וורוצלאַוו, 1946־1948, באַטייליקט זיך אין **דאס נייע לעבן, אונדזער וואָרט** (ביידע אין לאָדזש) אין קאנאדע געדרוקט ארטיקלען וועגן ציוניסטישע און אלגעמיין יידישע פּראַגעס אין **קאנאדער אדלער, אונדזער וואָרט**, א.א. קאנאדיאנא.

צוקער, שבע איטע (24 טער דעצ׳ 1931)

געב׳ אין וויניפּעג, מערב־קאנאדע אין א משפּחה פון יידישע קולטור־מענטשן. טאָכטער פון מרים און מאיר. פון די פּריע קינדער־יאָרן, איינגעזאפּט אין זיך די יידישע שפּראַך. געענדיקט די "י.ל.פּרץ" שול און שטודירט אויפן וויניפּעגער אוניווערסיטעט, קווינס־קאלעדזש און קאלומביא אוניווערסיטעט, און באַקומען איר מאַסטער דיגרי. גלייכצייטיק אין 1937, געענדיקט דעם יידישן לערער־סעמינאַר און באקומען אן אויסצייכענונג פאר אירע ארבעטן אויפן געביט פון דער יידישער שפּראך און ליטעראטור און אויך א דאָקטאָראַט. פון די יוגנט יאָרן טעטיק ווי א רעדנערין און שרייבערן. פּאָרזיצערן פון די מיידל־גרופּע אין דער "בני ברית" אין ווינ׳ (1966) דערנאָך אין דער יוגנט־באוועגונג "יוגנטרוף" און אין 1975, איר שליחטע איבער פארשידענע לענדער, ווו זי אגיטירט, דער עיקר די שטודירנדיקע יוגנט פּאַר מיטהעלפן אין דער אויפלעבונג פון דער יידישער שפּראך און קולטור. אין 1976 איז זי געווען א דעלעגאטין צו דער "וועלט־קאנפערע־נץ פאר יידישער קולטור" אין ירושלים און זי איז אין נאָמען פון אלע יוגנט־דעלעגאטן ארויסגעטראָטן מיט אַן איבערציינגנדיקע רעדע. נאָך ווי א זייער יונגע מיידל, פּארעפנטלעכט לידער אין **דאס אידישע וואָרט**, ווינ׳ און אויך אין **קינדער צייטונג**, נ.י. באטייליקט זיך מיט לידער, רעפּאָרטאַזשן, הומאָרעס־קעס און סאַטירישע איינאַקטערס אין **יוגנטרוף** (אויך איינע פון די רעדאַקטאָרן) **אויפן שוועל, יידישע קולטור** (ביידע אין נ.י.) **דאס נייע אידישע וואָרט**, ווינ׳ **קאנאדער אָדלער**, מאנט׳ **לעצטע נייעס**, ת.א. **אונדזער שטימע**, פּאריז, **דאס פרייע וואָרט**, ב.א. **דרום אפריקע**, א.א.

פערל וויסנבערג, **דאס נייע אידישע וואָרט**, ווינ׳ 11טער סעפּט. 1970, דר. מ. שעכטער, ד״ר

י. פעלץ, ריווע יאניש, **אויפן שוועל**, נ.י. 1973 1974, דוד באטווייניק **קאנאדער אָדלער**, מאנט' 24 יוני. 1975, אברהם שולמאן, **פאַרווערטס**, 12 פעבר' 1975 עני סטאן **הדסה מאַגאַזין** (ענגליש) יאנ' 1976, יוסף גאָלדקאָרן, **לעצטע נייעס**, ת.א. 29 אויג' 1976.

צימערמאַן, אברהם־משה (1886 — 1956)

געשטאמט פון גאליציע. יידישע און טיילווייזע אלגעמיינע בילדונג. שטודירט מוזיק אין לעמבערג און קראַקע. פון 1913 ביז צו זיין טויט, אין טאר'. באשעפטיקט ביי פארשידענע מלאכות. א צייט געווען קאָרעקטאר אין **דער יודישער זשורנאל** און דארטן אין די יארן 1914־1925 געדרוקט לירישע לידער, וואָס האבן באוויזן טאַלאנט. פון 1925, געווען נאענט צו דער לינקער יידישער באוועגונג. מיטארבעטער פון **דער אָנזאג**, **דער קאמף**, **דער וועג**, **וואכנבלאט** (אלע אין טאר') ווו חוץ לידער און קליינע נאָוועלן און רעפאָרטאזשן אויך געדרוקט יעדע וואָך אַ קאָלום "מוזיק נאָטיצן" אין וועלכע געשריבן חוץ וועגן מוזיק און פון קאנצערטן אויך ארטיקלען איבער יידישן טעאַטער און וועגן פאָרשטעלונגען, וואס זענען אין יענע יארן פאָרגעקומען אין טאָר'. לויט די ארכיוון אין דער נאציאָנאלער ביבליאטעק אין אָטאַווע, אינפאָרמאַציע פון יהושע גערשמאַן, טאר.

ק

קאגוט, דוד (5 יוני 1899 — 15 אויג. 1972)

געב׳ אין אַפּט, ראַדעמער געגנט, פּוילן. געלערנט אין חדר, ישיבה און דורך זעלבסטבילדונג. אין 1913 געקומען קיין קאנאדע און איינינקע יאָר, געווען א פּאַרמער ביי דער גרעניץ פון קוויבעק און אמעריקע. פון 1915 ביז צו זיין טויט, אין מאָנט׳. געווען באַשעפּטיקט ביי פארשידענע מלאכות און ביי מסחר. אַקטיווער עסקן אין דער ליבעראַל־פאַרטיי און פרעזידיום־מיטגליד פון רוסיש־פּוילישן פאַרבאַנד. זינט 1917 געדרוקט דערציילונגען קינדער־מעשהלעך און ארטיקלען אין **קאנאדער אדלער**, מאָנט׳ **דער טאָג, מאָרגענזשורנאל**, (ביידע אין נ״י) ער איז געווען רעדאקטאר פון ווכ״בל **קאנאדער אידישע פאסט** (א פרייע יידישע טריבונע 4 ז׳ יידישע און 4 ז׳ ענגליש, מאָנט׳ אפּריל 1930 ביז סעפּט. 1951) (מיט איבעררייסן) דאָרטן געדרוקט חוץ די לייטאַרטיקלען מיט ציוניסטישער טענדענץ אויך פעליע־טאָנען און נאטור בילדער אויך א״פ בר־דוב, איטשע מאיר לייענער, ד.ק.א.־א. געשטארבן אין מאָנטרעאל, אינ־פּאָרמאַציע פון זיין זון, עדי, קאנאדיאנא.

קאהם, משה (1894 —)

געב׳ אין פּאָריטש, ביי באָברויסק, ווס״ר. געלערנט אין ליטווישע ישיבות און באקומען סמיכה אויף רבנות. א צייט געלעבט אין ארץ ישראל. אין 1924, אויפגענומען פּאַר א רב אין וויניפּעג. מחבר פון ספרים וועגן פאַרשידענע אויסטייטשונגען פון דער הלכה. צווישן זיי: **ידי משה** (כולל חידושים ומחקרים ובירורי ספיקות בהלכה, (ערשטער טייל, ווינ׳ 1928, 128 ז׳ צווייטער טייל, ירושלים 1934, 160 ז׳ (תשובות להלכה עם פירושים,) דאָרטן כרענגט הרב קאהם ארויס אויך תשובות וועגן עניינים פון יידישן דין אין די היינטיקע צייטן. זאָל האָבן אין די יאָרן נאָך דעם אויפקומען פון מדינות ישראל, באזעצט זיך אין ירושלים.

אינפאָרמאציע פון וויניפּעגער תושבים, בית עקד ספרים, קאַנאַדיאַנאַ.

קאָהן, זעליג און ראזע

ביאגראפישע פּרטים, נישט באקאנט. מיר וויסן נאר אז זיי האבן געשטאמט פון ווארשע, פּוילן. פון 1905 האָבן זיי געלעבט אין מאָנטרעאַל. זעליג האָט געדרוקט פון 1908 ביז 1913 ארטיקלען אויף יידישע טעמעס און איבערזעצונגען פון העברעיש אין **קאנאדער אדלער**, פון וועלכע מיר זען אז ער איז געווען א בן־תורה. זיין שוועסטער ראָזא, האט אויך אין דער זעלבער צייט, **דאָרטן געדרו־קט רעצענזיעס און ארטיקלען וועגן**

יידישע און ענגלישע טעאַטער פאַרשטעלונגען, וואָס זיינען אין יענע יאָרן פאָרגעקומען אין מאָנטרעאַל.

לויט די ארכיוון פון קאנאדער אדלער. **קאנאדיאנא.**

קאהן-ענדעלמאַן, אגנוס (6 נאוו. 1893 — 5 טן אפריל 1980)

געב׳ אין ווישניעווא. ביי מארמארעש-סיגעט, אונגארן. אין 1904 געקומען קיין מאָנטרעאל און געארבעט אין א שאפ. גלייכצייטיק געענדיקט די יידישע מיטלשול און די העברעע קורסן. לאַנגע יאָרן געווען א לערערין אין די יידישע שולן אין אָטאווע און אין דער י.ל.פרץ-שול אין מאָנטרעאל. אָנגעהויבן שרייבן מיט קליינע דערציילונגען וואָס האָבן געוויזן טאלאנט און אייגנארטיקייט און האבן זיך אויסגעצייכנט מיט א שטילער ליריק אין די זאמלונגען **בליענדע צווייגאלאך**, מאנט׳ 1923-1924, דערנאך באטייליקט זיך אין **קאנאדער אדלער**, די ליטעראַרישע צייטשריפט **קאנאדע**(10-1, 1934-1940) און אין דער פעריאָדישער יידישער צייטשריפט פון די עלטערע קלובן בלבב (אלע אין מאָנט׳) געדרוקט אויך אונטער א. ענדעלמאַן.

אינפארמאציע פון שלום שטערן, **קאנאדיאנא.**

קאזשדאַן קעידזש, יוסף (21 טער סעפט׳ 1918 —)

געב׳ אין מינסקי, ווס״ר. אין 1930 געקומען קיין מאָנטרעאל און דאָ באקומען זיין יידישע און אלגעמיינע בילדונג. געענדיקט ד״ר פון סאָציאַלע וויסנשאַפטן, געשיכטע, פסיכאָלאָגיע און וועגן געזעלשאַפט-לעכע פראָבלעמען פון אַ צאָל אוניווערסיטעטן אין קאַנאַדע און די פאַרייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. ער איז פון זיינע פריע יארן אקטיוו אין יידישן געזעלשאפטלעכן און קולטור לעבן אין מאנטרעאל. צווערשט אין דער פ.צ.-יוגנט. עד היום איז ער פון די טעטיקסטע עסקנים אויף כמעט אַלע געביטן פון יידישן לעבן. געווען פאָרזיצער פון דער ״יידישער פאָלקסביבליאטעק״ י.י. סיגאל ליטעראטור-פאַנד, פון ״נאַציאָנאלן יידיש-קאָמיטעט״ ביים קאנאדער יידישן קאנגרעס, א.א. לעקטאָר און רעדנער. זינט 1947 זיך כמעט אינגאַנצן געווידמעט דער יידישער עמיגראציע קיין קאַנאַדע. עקזעקוטיוו אנפירער פון קאַנאַדער ״האיאס״ און איר פארשטייער ביי דער קאַנאַדער רעגירונג.

זיין ליטערארישע-וויסנשאפטלעכע אקטיוויטעט, אָנגעהויבן אין 1943 אין **קאַנאַדער אדלער**, מיט ארטיקלען וועגן יידישע פראבלעמען, וואָס האָבן ארויסגערופן אַנערקענונג סיי צוליב דער זאַכליכער און אקטועלער טעמאטיק און סיי דורך זיין אויפריכטיקן אַנאַליז. זינט דאַמאָלט פאָרעפנטלעכט א צאָל ארטיקלען און עסייען וועגן יידישע סאציאל-פאליטישע פראבלעמען, שול פראגעס און וועגן דער יידישער געשיכטע אין קאנאדע אין **קאנאדער אדלער**, מאנט. **דער יודישער זשורנאל** טאָר׳ **דאס אידישע ווארט**, ווינ׳ און די אויסגאבעס פון דעם **אינסטיטוט פאר יידישע עניינים ביים יידישן וועלט קאנגרעס**, נ.י. (טיילן פון זיי זיינען איבערגעדרוקט געווארן אין דער יידישע פרעסע איבער דער וועלט). פון גרויס וויכטיקייט זיינען די 24 ארטיקלען

וועגן "50 יאר יידישע פאָלקסשולן אין מאָנטרעאַל" (קאנאַדער אדלער, 1964) אין וועלכע ער ברענגט ארויס מיט גרויס וויסן און וויכטיקן אנאַליז די געשיכטע פון דער יידישער שול באַוועגונג און איר ווירקונג אויפן יידישן לעבן אין מאנטרעאַל.

און אזוי אויך זיינע 70 ארטיקלען וועגן 200 **יאר יידישע עמיגראציע קיין קאנאדע** (קאנאדער אדלער 1958 1959) וואָס דערציילן וועגן יידישן גערַאנגל פאר א מקום מנוחה פאר דער יידישער מאסע און וועגן דעם קאמף צו באַקומען בירגער־רעכט אין קאנאדע. דאָס ווערק איז דערשינען אין בוכפאָרעם, מאנט' 1960, 218 ז' מיט א הקדמה פון מחבר און אויך טיילן פון דער גרויסער ביבליאָגראַפיע. דאס בוך איז אויך איבערגעזעצט אין ענגליש און פראַנצויזיש און ווערט אויסגענוצט דורך לעקטאָרן און פּאָרשערס אין אוניווערסיטעטן. דר. ק' איז אויך געווען דער רעדאַקטאָר פון דער **אנטאלאגיע פון דער יידישער ליטעראטור** מאנט' 1973, 200 ז' און איז ספּעציעל געדרוקט מיט גרויסע שריפט פאר עלטערע מענטשן. ער איז א שטענדיקער מיטארבעטער פון כמעט אלע יידיש־ענגלישע און יידיש־פראנצויזישע אויסגאַבעס אין קאנאדע זינט 1953, איז ער רעדאַקטאָר פון **יעאס ניוס**, מאנט'. טיילן פון זיינע שריפטן זיינען אויך אריין און דער אַנטאָלאָגיע **קאנאדיש**, ב.א. 1974. פון זיינע צאָלרייכע ווערק אין ענגליש און פראַנצויזיש דאַרפן דערמאנט ווערן **קאפיטל איינס**, מאנט' 1962, וואס באַהאַנדלט די צייט פון דער פראנצויזישער ממשלה איבער קאנאדע (ווערט באנוצט ווי אַ לערנבוך אין שולן) **וויט פּעיט ענד טהענקס־גיווינג**, מאנט' 1962, ווי אויך זיין בראשור **טהע פאוון אף קאַנאַדיען היסטאָרי**, מאנט' 1955. ער האט אויך לאנגע יאָרן געדרוקט לייט אַרטיקלען און סעריעס פון זיינע רייזע באשרייבונגען א"ט "פון אָקעאַן ביז אקעאן". אין זיי געשילדערט און קינסטלעריש געמאָלט דאָס גאַנצע לאנד קאנאדע און זיינע עטנישע גרופּן, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל אין יידיש פאַרצייכנט מאָמענטן פון לעבן און קאמף פון די עטנישע גרופן (דערשינען אין קאנאדער אדלער, ליידער נישט אין בוכפארעם) וועגן ד"ר קעידזשס אַרבע־טן זיינע דערשינען אָפּשאצונגען אין פאַרשידענע צייטשריפטן. מיר קענען ליידער נישט געבן קיין פולע ביבליאָגראַפיע און מיר ברענגען נאָר בלויז א פאר ציטאטן.

...דר' קעידזש דערציילט נישט בלויז ווער עס זענען געווען די יידן וואס האבן אין פארשידענע צייטן איינגעוואנדערט קיין קאנאדע און פון וואנען זיי זענען געקומען נאר ער ברענגט ארויס די סיבות פאַרוואָס זיי זענען אוועק פון זייערע היים־לענדער...פון בוך דערוויסן מיר זיך וועגן דער מסירות נפשדיקער אנשטרענ־גונג פון יידישע ארגאניזאציעס אין קאנאדע, וואס זענען תמיד געשטאנען אויף דער וואך. ער ברענגט ארויס די גרויסע טעטיקייט פון יידישן עמיגראנטן הילפס־פאריין, די יידישע לאנדסמאנשאפטן א א, וואס האבן געהאלפן יידן קומען אין קאנאדע...

(י.שמולעוויטש, פאָרווערטס 16 אקט. 1960)

...ד"ר קעידזש גיט אין א ריי געשיכטלעכע סקיצן דעם אנהויב פון קאנאדע, וואס איז וויכטיק נישט נאר פאר שילער פון העכערע לערנאנ־שטאַלטן, נאר אויך פאר יעדן מין לייִ־

ענער...נ.י. גאָטליב **קאנאדער אדלער**, 31 מאי 1964. באזונדער ווילן מיר געבן באטש אייניקע ציטאַטן פון דעם פּאָר־שער פון יידישער עמיגראציע יעקב לעשטשינסקי (**קאנאדער אדלער**, 7 אויג. 1966) ער שרייבט..." דאס בוך 200 יאר יידישע עמיגראציע אין קאנאדע", איז זייער א נוצלעך בוך, נישט נאָר ווייל עס ברענגט ארויס אַ סך וויכטיקן מאטעריאַל וועגן יידישער עמיגראציע, נאר דאס בוך פאר־מאָגט אויך מער מעלות. פאר אונדזער ליטעראטור וועגן גורל פון יידישן פאלק אין אונדזערע יאָרן. ער ווייזט אונדז וויפיל זאָרג און מי, וויפיל הארץ און נשמה דער־יידישער ציבור לייגט אריין כדי צו העלפן זיינע ברידער און שוועסטער, וועלכע זענען געצוואונגען צו פּאַרלאָזן זייערע איינגעזעסענע נעסטן און זוכן א היים אין א ניי לאנד... דער מחבר האָט מיט גרויס פלייס און וויסן צונויפגעזאַמלט א גרויסן שלל פון מאַטעריאלן וואס דער היסטאָריקער פון קאנאדער יידנטום וועט אים בענטשן פאר זיין פלייס און בקיאות"...

מער צו זען מלך ראוויטש, **פנקס ב.1.** נ.י. 1965, לואיס ראזענבערג, ביבליאגראפיע־אין באנד 200 **יאר יידישע עמיגראציע**, מאנט' 1960, יעקב גראסמאן, **בני יידיש**, מאי־יוני 1973, נ.י. און אויך אין פארשידענע יארביכער מיט ביאגראפיעס וועגן יידישע פערזענלעכקייטן אין קאנאדע און די פאריייניקטע שטאַטן (אין ענגליש)

קאנער, לייב (1890 —)

געב' אין נאוואסעליץ, ביי דער רוסיש־עסטרייכישער גרעניץ פון בעסעראביע אין א משפחה פון א גמרא־מלמד. געלערנט ביים פאטער, אין א קעשעניעווער ישיבה און דורך זעלבסטבילדונג. אין 1906 געקומען קיין מאָנטרעאל און געטאָן פארשידענע ארבעטן לאנגע יארן געדרוקט אין קאנאדער אדלער, סקיצן, פעליעטאָנען און אַרטיקלען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט פאַלקסטימלעכקייט פון מיליע און א פיינער יידישער שפראך. דערמונטערט פון ראובן ברײנין האט ער אים צוגענומען צו דער רעדאקציע ארבעט בעת ב' האט ארויסגעגעבן זיין ט"צ **דער וועג** (1916־1915) דאָס גאנצע לעבן פראַקטיצירט וועגעטאריזם און וועגן דעם גערעדט אויף פארזאמלונגען סיי אין קאַנאַדע און סיי אין אמעריקע, ווו ער וווינט עד היום. אין 1913 אנגעשריבן א דראמע אין פיר אַקטן און 12 בילדער **מענדל בייליס־עלילת דם**, וואס איז אויפגעפירט געווארן אויף דער יידישער בינע אין אַמעריקע און קאנאדע דורכן בארימטן יידישן אקטיאר לואיס קרעמער.

ז. זילבערצווייג, **לעקסיקאָן פון יידישן טעאטער**, ב.6 ז' 4957, קאנאדיאנא.

קאפלאן משה בר' מאיר (1878 — 5 יוני 1964)

געב' אין קוידענאוו, ליטע. אייניקל פון בריסקער רב ר' יצחק הכוהן. יוגנט־חבר פון אברהם רייזען. געלערנט אין ישיבות און באקומען סמיכה אויף רבנות אבער נישט געוואלט ווערן קיין רב און אוועק קיין דרום־אפריקע ווו פארנומען זיך מיט מסחר. פון 1911 ביז צו זיין טויט געוווינט אין מאָנטרעאל. מיטגרינדער פון תלמוד־תורות און פון "ליטווישן פאריין" ביז 1943 געפירט א גרויסן מאגאזין פון לוקסוס־מעבל. "א טיפ פון אלט־יידישן דור, האט ער ליב געהאט תורה און מצוות. א בעל מידות האט ער צדקה געמאכט פאר זיין געבאָט".

אנגעהויבן שרייבן מיט לידלעך אויף טעמעס פון יידישע ימים טובים אין **אידישעס טאגעבלאט**, נ.י. 1908 און זינט 1911 געדרוקט 4 מאל אין וואך חוץ לידער אויף אקטועלע און יום טוב טעמעס אויך "פערל פון תלמוד" אפאריזמען און ווערטלעך" וואס האבן אַרויסגעוויזן גרויס בקיאות אין די מאמרי חז"ל. געשטארבן אין מאנטר־עאַל. "ער איז געווען דער תלמיד־חכם, וואָס האָט באַרייכערט די צייטונג מיט זיינע רייכע אפאריזמען און ווערטלעך און מיט זיינע פערלדיקע מאמרים פון תלמוד".

(ישראל ראבינאוויטש)

..."ער איז געווען פאראינטערעסירט אין אלעס וואָס יידישקייט פארלאנגט און געשטיצט זייער א סך יידישע אינסטיטוציעס אין מאָנטרעאל (מ. גינזבורג)

ישראל ראבינאוויטש **קענעדער אדלער** יובל אויסגאבע, 1957, מ. גינזבורג, **קאנאדער אדלער**, 10 יוני 1964. לויט די מאטעריאלן פון זיין ארכיוו אין דער יידישער פאלקס ביבליאטעק (3 קעסטלעך) **קאנאדיאנא.**

קאַפּלאַן, שמואל (1896 — 7 טער אָקט' 1962)

געב' אין א שטעטל ביי מינסק, ווס"ר. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. פון די פריע יאָרן, געווען אקטיוו אין דער ציוניסטישער ארבעטער־באוועגונג. מיטגליד און יאָרן גענעראל סעקרעטאר פון צ.ק. "צעירי ציון" איבער ווייסרוסלאנד. נאָך דער באלשעוויסטישער רעוואלוציע, געוואָרן ארעסטירט און קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון טורמע. אייניקע יאָר געלעבט אין פוילן און פון 1925 ביז 1949, געלעבט אין מאָנטרעאל. פון די אַקטיווע עסקנים אין "נאצ. ארב. פארבאנד", פ.צ.־פארטיי. לאַנגיאָרי־קער מיטארבעטער פון "האיאס" פאר קאנאדע און אין זיין נאָמען ארומגעפאָרן אָרגאַניזירן די נייע יידישע עמיגראנטן וואס זיינען געקומען קיין קאַנאַדע. ער איז געווען א באַקאַנטער לעקטאָר און רעדנער. פון 1925 ביז צו זיין באזעצן זיך אין סוף 1949 אין מדינת ישראל, געדרוקט אין **קאנאדער אָדלער**, מאנט' **דער יודישער זשורנאל**, טאָר' **דאס יודישעווארט**, וויני' ארטיקלען וועגן עמיגראציע־עניינים, יידישע און אלגעמיינע פראגעס און וועגן ציוניזם און מדינת ישראל, וואָס האָבן חוץ אן אינפארמאטיוון כאַראַקטער אויך אַנטהאַלטן וויכטיקע ידיעות וועגן יידישן לעבן. ער האָט זיך אויך באטייליקט אין די פ.צ. אויסגאבעס **דאס ווארט**, א.א. אין יובל בוך **קאנאדער אדלער**, 1927, פארעפנטלעכט טיילן פון זיין פאָרשונג "ביאגראפיעס פון יידישע קהילות אין מערב קאנאדע", וואס איז א וויכטיקער מקור צו דער געשיכטע פון יידישער קאלאניזאציע. אין יובל בוך **קאנאדער אדלער**, 1938, געדרוקט קאפיטלעך פון זיין פארשונג "וועגן לעבן פון יידישע פארמערס אין נאווא סקאָשיא און ניו־בראַנזוויק" וואָס זיינען איבערגעדרוקט אין דער יידישער פרעסע איבער דער וועלט. ער האט אויך פון צייט צו צייט געדרוקט פון זיינע ארבעטן אין **אידישער קעמפער** נ.י. און **דבר**, אין מדינת ישראל. געשטארבן אין תל אביב.

ש. בעלקין, **קאנאדער אדלער**, מאנט' 14 טער דעצ' 1962, **קאנאדיאנא.**

קאַפּלאַנסקי, אברהם־לייב (7 טער אויג׳ 1861 — 7 טער אויג׳ 1941)

פּיאָנער פון יידישן דרוק־וועזן אין מאָנטרעאַל. געב׳ אין ביאַליסטאָק, פּוילן. געלערנט אין חדר, פּאַלקסשול, דערנאָך געוואָרן א דרוקער־ארבעטער. פון 1888 ביז פאר זיין טויט געוווינט אין מאָנטרעאַל. אין 1895 בעת די וואַלן צום פּאַרלאַמענט, געברענגט פון ניו יארק די ערשטע יידישע שריפט און צום ערשטן מאל האט ער געדרוקט די וואל־פלאקאטן אין דער יידישער שפּראַך. ער איז אויך געווען דער רעדאַקטאר און אַרויסגעבער פון א צייטונגל, וואָס איז אין זיין רוב באַשטאַנען־פון אַנאָנסן און אויך לידער און נאָטיצן פון שטאָטישן כאַראַקטער, וואָס ער האָט אַליין געשריבן (דערשינען נאָר 3 נומערן) אונטערן נאָמען **דאס ליכט**, מאָנט׳ 1897. ער איז לאַנגע יאָרן געווען דער פּאַרוואַלטער פון "דער באַראָן־הירש" אינסטיטוציעס, צווישן זיינע פאַרדינסטן דאַרף מען אויך צורעכענען דאָס מיטגרינדן פון דער "יידישער עמיגראַציע געזעלשאפט", וואס פון איר איז ארויס דער "האיאס" ער איז געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

פנחס, **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט׳ 8טער אויג׳ 1915, א. ריינוויין, **דער איד אין קאַנאַדע**, טאָר׳ 1925, ז׳ 212, י. מדרש, **מאנטרעאל פון נעכטן**, מאָנט׳ 1943, ז׳ 18, ישראל ראַבינאָוויטש, **קאנאדער אדלער, יובל בוך** 1938, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע.

קאפשטיין ברכה (15 אפּריל 1909 —)

געב׳ אין פרילוקע, קיעווער גוב, אוקראַינע ביי א פּאטער, א שוחט. צו עלף יאָר געווארן א יתומה נאָךביידע עלטערן און דערצויגן פון א זיידע אין קעשעניעוו. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. געענדיקט דעם יידישן לערער־סעמינאר אין נ.י. פון 1924 ביז 1933 געלעבט אין וויניפעג, בייטאָג געאַרבעט אין א שאָפּ און ביינאכט געלערנט. דארטן אויך אנגעהויבן שרייבן לידער, וואָס האָבן געוויזן טאַלאַנט און אייגנארטיקייט. זינט 1935 באַקאַנט ווי א דיכטערין און פּראָזאַיקערן. אירע ערשטע לידער געדרוקט אין **ליטעראַרישע בלעטער, וואַרשע**, (1935) **האָבן ארויסגערופן גרויס אויפזען אזוי אויך די לידער געדרוקטע אין גערעכטיקייט, אידישער קעמפער, טאג, קינדער צייטונג, קינדער וועלט, קינדער זשורנאל** א.א. (אלע אין נ.י.) זי איז די מחברין פון א צאל ביכער מיט לידער און פּראָזע. צוו. אנד. **שטארק בין איך**, לידער, נ.י. 1939, 32 ז׳. **זינג מיין הארץ**, לידער דאָרטן, 1945, 160 ז׳ **יום־טוב און וואָך אין ישראל** (רעפּאָרטאַזשן) **געקליבענע לידער** נ.י. 1967, 200 ז׳ מיט איבערזעצונגען און מיט א פלאטע פון אירע צען לידער. זי איז פאַרטראָטן אין אייניקע **אנטאָלאָגיעס פון יידישער פּאָעזיע.**

וועגן אירע ביכער האבן געשריבן א גרויסע צאל שרייבערס. לעבט די לעצטע יארן אין מדינת ישראל און טעטיק אין דער יידישער ליטעראַטור.

ביבל ש.ניגער, **טאג**, 5 טער יאנ. 1941, מ.צ. פראנק, **פארווערטס**, 3 טער פעבר. 1943, יעקב גאלדשטיין, **אידישער קעמפער**, 10 טער יולי 1953, ב.צ. גאלדבערג, **טאג מ. זשורנאל**, 12 טער אויג. 1967, קאַנאַדיאַנא.

קאץ, בינימין (10 טער אויג׳ 1906)

געב׳ אין שטעטל פּאַראַדניצע,

וואָלין אין אַן אַרבעטער משפּחה. זייער יונג, געוואָרן אַ יתום נאָכן פאָטער. געלערנט אין חדר, רוסישע פאָלקסשול. אין 1921 מיט דער גרופּע פון יידישע יתומים נאָך די פּאָגראָמען, געבראַכט קיין טאָראָנטאָ און דאָרטן געוואָרן אַ יידישער דרוקער־אַרבעטער און געזעלשאַפט־לעך אַקטיוו. אָנגעהויבן שרייבן מיט אַ דערציילונג אין העברעיש אין זשורנאַל **המעין**, טאָר' 1924, פון וועלכן געווען דער רעדאַקטאָר. שפּעטער אַריבער צו יידיש וואָס האָט אויסגעברייטערט זיין טאַלאַנט. זיין ערשטע יידישע נאָוועלע "די ערשטע וועידזשעס" פאַרעפנטלעכט אין פּ.צ.־זשורנאַל **יוגנט** טאָר' 1924, שפּעטער געדרוקט לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען אין **דער אידישער זשורנאַל**. טאָר' פון 1925 געווען פאַרבונדן מיט דער לינקער שרייבער־גרופּע און באַטייליקט זיך אין **דער אנזאג** (1925) **דער קאמף**, **באגינען**, **העפטן**, **אין געווירבל** (אַלע אין טאָר') פון די אַלע איז ער אויך געווען אַ מיטגליד פון רעדאַקציע, ער האָט זיך באַטייליקט אויך אין **סיגנאל**, **מ. פרייהייט**, **דער האמער יידישער קולטור**, **רוויערד**, **פונקען**, א.א. נ.י. אין 1926 געגרינדעט דעם פּראָלעטאַרישן פאַרלאַג "אויפגאנג" וואָס האָט צוו. אנד. אַרויסגעגעבן זיינע ביכער **באגינען**, לידער, טאָר', 1928, 98 ז' די איינאַקטערס **דער האן**, **אינאיינעם** און די דערציילונג **רון** (אַלע אין טאָר' צו 28 ז') **ספעדיינא און אנדערע** לידער, דאָרטן, 1930 64 ז' **שיכעלעך אין חלום**, 1940, **דער חלום פון ברידער**, נ.י. 1947 112 ז' אַן איינדרוק האָט געמאַכט זיין גרעסערע פּאָעמע "אויפן רוקן פון ניאַגאַראַ" וואָס איז אַן אויסדרוק פון דיכטערישער באַגאַבונג, ווי עס כאַראַקטעריזירט אים מ.ח. קייזערמאַן "ער מאָלט בילדלעך און געדאַנקען פול, ווען ער שלייפט מער זיין ליד און באַפרייט זיך פון אויבנאויפיקייט" ב.ק. האָט געלעבט איניקע יאָר אין אַמעריקע, די לעצטע יאָרן, אין מדינת ישראל, אַקטיוו אין דער יידישער ליטעראַטור.

ח.מ. קייזערמאַן־וויטאַל **אידישע דיכטער אין קאנאדע**, אינדעקס, קאַנאַדיאַנאַ.

קאצענעלנבויגען, אוריה (1885)

געב' אין ווילנע, ליטע. געלערנט אין חדר און דורך זעלבסטבילדונג. פון די יונגע יוגנט יאָרן אַקטיוו אין יידישן געזעלשאַפטלעכן און קולטור לעבן. געלעבט אין בירן, שאַוועל, קאָוונע און מאָסקווע. אין 1906 אַריין אין "בונד" און אַ צייט געווען אַרעסטירט און געזעסן אין צאַרישע טורמעס, שפּעטער, צוליב זיין שטעלונג וועגן די **יידישע נאציאנאלע פראגע** און זיין קעגנערשאַפט צום "נייטראַליזם" אַוועק פון בונד און יאָרן געווען אַן אומפּאַרטייאישער עסקן. ערשט ווען ער איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, צוריקגעקומען קיין ליטע, זיך דערנענטערט צו דער "פאָלקספּאַרטיי". לאַנגע יאָרן געפירט וועגן אַ געמיינזאַמען יידיש־ליטווישן פראָנט קעגן די רוסישע אַסימילאַטאָרישע טענדענצן און פאַרעפנטלעכט אַ גרויסע צאָל אַרטיקלען אין יידיש און ליטוויש וועגן דעם (אין די יאָרן 1912־1913) אין **ווילנער טאג** און אין די ליטווישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס. ער האָט אויך צוליב דעם אַרויסגעגעבן די זאַמלביכער **ליטע**, באַנד 1. ווילנע, 1914, און באַנד 2 קאָוונע, 1924, וו צווישן אַנדערן געדרוקט זיין

מעמאָראַנדום "יידן און ליטווינער" **דערנאָך, געווען אין דער אָנפירונג פון דער "קאָוונער יידישער בילדונגס־געזעלשאַפט" און איר דעלעגאַט צום צוזאַמענפאַר פון ליטווישע יידן אין אַמעריקע.** (1927) **אָבער נאָר אַ קליינע צייט געלעבט אין ניו־יאָרק און פון סוף 1927 ביז 1938 געלעבט אין טאָראָנטאָ. לערער און פּרינציפּאַל פון די "אַרבעטער רינג־שולן", גלייכצייטיק געווען טעטיק אין אַלגעמיינעם יידישן קולטור־לעבן, שפּעטער צוריק־געפאַרן קיין ניו־יאָרק און געווען אין דער אָנפירונג פון "יידישן לערער־פאַרבאַנד", באַקאַנטער לעקטאָר און רעדנער. אָנגעהויבן ליטעראַרישע טעטיקייט מיט לידער אויף פאָלקסמאָטיוון און קליינע נאָוועלעס אין פאָלקסצייטונג,** ווילנע, 1906, דערנאָך באַטייליקט זיך **אין דער נייער וועג, דער טעלעגראַף, ראָמאַנצייטונג א.א.** (אַלע אין וואַרשע) **ווילנער טאָג, אידישע שטימע, פאָלקסבלאַט, נייס, די וועלט, די זאַמלונגען פון צייט־צו צייט,** די נייע 2 העפטן **ליטע,** 1922־1923 (אַלע אין קאָוונע) באַטייליקט זיך **אין צוקונפט, דער וועקער, פאָרווערטס, דער פריינד, קינדער צייטונג** (אַלע אין נ.י.) דאָרטן חוץ גרויסע טיילן פון זיינע איבערזעצונגען פון די ליטווישע און לעטישע "דיינעס" אויך געדרוקט סעריעס אַרטיקלען און פּאָלעמישע מאמרים וועגן **דער שפּראַך פראַגע,** ווו אָנגעגריפן די לעבליכע באַציונג צו יידיש און פּאָלעמיזירנדיקע אַנגריפן מיט די פאַרעקשנטע העברעיסטן. אין די יאָרן וואָס ער האָט געלעבט אין טאָראָנטאָ, זיך באַטייליקט אין א גרויסע צאָל פעריאָדישע אויסגאַבעס, צוו אַנד' אין

העפטן, ביי אונדז (אויך רעדאַקטאָר) ער איז אויך געווען א שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **דער יודישער זשורנאַל** (אַלע אין טאָר') און אויך אין **קאַנאַדער אַדלער,** מאָנט' **דאָס אידישע וואָרט,** ווינ'. געווען א מיטרעדאַקטאָר פון גרויסן זאַמלבוך **ליטע.** נומער 1, נ.י. 1951 און דאָרטן צווישן אַנדערע אַרבעטן אויך געדרוקט די עסייען "ליטע אין זכרון" "פון מיטלאַלטער ביז דער ערשטער וועלט מלחמה" און די וויכטיקע פאָרשונג "ליטוואַקעס "אין וועלכער געגעבן א קווערשניט וועגן כאַראַקטער און מהות פון ליטווישן יידנטום אין ליכט פון פּסיכאָאַנאַליז. אָבער דער עיקר פון זיין אַרבעט אין טאָראָנטאָ, איז געווען זיין גרויסער באַנד פון די דורך אים איבערגעזעצטע **דיינעס, טאָר'** 1930, 427 ז' אין וועלכן עס קומען אַריין זיינע פּרעצבטיקע, יאָרן לאַנגע, אַרבעט מיטן איבערזעצן די **ליטווישע דיינעס** (ז' 21 ביז זייט 224), מיט אַן "איינלייטונג 20 זייט "וועגן אָפּשטאַם און כאַראַקטער און די פאָלקסדיכטונג פון ליטווישן פאָלקסטום און פון זייט 225 ביזן סוף פון בוך זיינע איבערזעצונגען פון די **לעטישע דיינעס** מיט אַן איינלייטונג" וועגן מהות און פאָעטישער גענעזע פון לעטישן פאָלק־לאָר, וואָס איז צום ערשטן מאָל אין יידיש. אַ פאָרשונג וועגן דער פאָלקסדיכטונג פון די ליטווישע און לעטישע פעלקער. ער איז אויך דער מחבר פון דער בראָשור: **רשימה פון די זעקסהונדערט ווערטער, וואָס מיר באַגעגענען צום אָפטסטן אין קלאַס,** נ.י. 1939, 16 ז' (אַרויסגעגעבן פון אַרבעטער־רינג לערער־פאַרבאַנד) ער האָט אויך זיך געדרוקט אונטער די פּסעוודאָנימען: א.בודד, מ. אוריזאָן, מ. אוריאל, א.א.

ווענן זיינע איבערזעצונגען פון די דיינעס און ווענן זיין רייך און שעפעריש לעבן זיינען געשריבן א צאל וויכטיקע ארבעטן. מיר קענען לײדער נישט געבן קיין ציטאַטן. מיר מוזן אפשיקן צו: זלמן רייזען, **לעקסיקאָן ב.3.** מיט ביבליאָגראַפיע, און אויך ז. רייזען, **ליטעראַרישע בלעטער**, וואַרשע, 15 טער יאַנ. 1932, ח.מ. קײזערמאַן וויטאַל, **אידישע דיכטער אין קאַנאַדע**, מאָנט' 1934 ז"ז 152-149, לייב גאַרפינקעל, יידל מארק, רפאל באַסמאַן, אינדעקס, קאַנאַדיאַנאַ. **יהדות ליטאַ**, ב.3.

קאַרן רחל, (15 טער יאַנ' 1898 —)

טאָכטער פון חנה און וואָלף. געב' אין פּאַלוואַרג, סוכאַ־גורא "צווישן די דערפער פּאַדליסק און דושענקאַ, ביי מאַזשייסק, מזרח־גאַליציען". צו צען יאָר געוואָרן א יתומה נאָכן פאָטער, אַ מלומד וואָס האָט אין די נעכט געשריבן העברעישע עסייען וועגן פילאָזאָפישע פּראָבלעמען און דערצויגן דורך איר איינזאַם געבליבענע מוטער, וואָס האָט אויף איר משפּיע געווען. די ערשטע יאָרן געלערנט ביים דאָרפישן לערער אין דער פּוילישער שפּראַך, דערנאָך אייני־קע יאָרן, אין דער פּראָוויזאָרישער גימנאַזיע אין מאַזשייסק. די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה, איבערגעלעבט ווי יידישע פּליטים אין ווין. אין 1918 צוריקגעקומען אין שטעטל און דאָרט געלעבט ביז אָנהויב אויג' 1939. בעת די נאַציס האָבן פאַרנומען די געגענט, אַנטלאָפן קיין לעמבעריג, פון דאָרטן קיין קיעוו, דערנאָך אין וואַנדער־וועג קיין טאַשקענט, אופאַ, פערגאַנאַ און פון 1944 ביז מיטן 1946, אין מאָסקווע, פון וואַנען געקומען קיין לאָדזש. דאָרטן געוואָרן אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד אין באַנייטן יידישן שרייבער פאַריין און זיינס א דעלעגאַט אויפן "פען קאָנגרעס" אין שטאָקהאָלם. פון 1948, איז זי א שטענדיקע איינוווינערן פון מאָנטרעאָל.

איר ליטעראַרישע טעטיקייט אנגעהויבן מיט א ליד אין פּויליש "און דער וואַלד האָט זיך טרויעריק צערוישט "און מיט א דערציילונג "פּאָרוואָס" געדרוקט, אין יידיש־פּוילישן **נאָווי דזשענניק**, קראָקע, 1918, און אין דעמזעלבן יאָר מיט א דערציילונג "דער פידלער" אין דער פּוילישער סאָציאַליסטישער צייטשריפט **גלאָס פּרזשעמיסקי**, פּרעמיסלע.

צוליב די רדיפות אויף יידן אין נייעם פּוילן, באַשלאָסן מער נישט צו שרייבן אין פּויליש און איז אינגאַנצן אריבער צו יידיש. איר ערשט ליד אין יידיש "וור זיינען די שטאָלצע חלומות פון לעבן" פאַרעפנטלעכט אין **לעמבערגער טאָגעבלאַט**, 1919 און אירע אנדערע לידער, געדרוקט אין די **קאַלענדאַרן פון ד"ר** אנזעלם קליינמאַן, קראָקע (1919־1922) זיינען אויפגענומען געוואָרן ווי די שאַפונגען פון א נייע כמעט רייפע דיכטערין.

זינט 1923, געוואָרן באַרימט סיי ווי א דיכטערין און סיי ווי א פּראָזע־קינסטלערין. אזוי אויך זיינען אירע לידער אין זאַמלבוך **וואַרשעווער אלמאַנאַך**, וואָס האָבן אַרויסגערופן פּאָזיטיווע אָפּשאַצונגען פון דער קריטיק און דערמיט פאַרברייטערט אירע שאַפונגען; נישט בלויז אין לידער און דערציילונגען נאָר אויך אירע אַרטיקלען און רעצענזיעס וועגן שרייבער און ביכער האָבן באַוויזן איר אינערלעכע באַציונג צו דער יידישער ליטעראַטור סיי מיט איר וויסן און סיי מיט איר אריינלעבן זיך און מיט אַן אייראָפּעאישן אויפנעם. זי איז זינט

דאמאלט געווארן ווי כמעט א שטענדיקע מיטארבעטערן אין די יידישע וועלט, ווילנע, **ווארשאווער שריפטן, ליטעראַרישע בלעטער, נייע פאלקסצייטונג, ארבעטער־צייטונג, דאס ווארט** און פון א גרויסע צאל ליטעראַרישע זאמלונגען. זי האט אויך זיך באטייליקט אין **פאַרויס, וואכנשריפט פאר ליטעראַטור** א.א.

זי איז געווען א מיטגליד פון רעדאקציע אין מאדערנעם ליטעראַרישן זשורנאל אין גאליציע **צושטייער**, לעמבערג (1929־1931) איר ערשט בוך לידער **דאַרף**, ווילנע 1928 74 ז' איז זייער גוט אפגעשאצט. געוואָרן פון דער קריטיק, וואס האבן אנגעוויזן אויף דער אייגנארטיקייט פון אירע לידער, אזוי שרייבט זלמן רייזען" ווי איינע פון די ערשטע יידישע דיכטערינס אין גאליציע, ברענגט זי ארויס אין אירע לידער דעם אויסדרוק, די איבערלעבונגען פון א צארטער פרויען־נשמה... זי צייכנט זיך אויס מיט פרישקייט פון טאן, אוממיטלבארקייט פון געפיל, איינפאַכקייט און דארפישקייט פון בילד, פיינעם חוש פאר ריטם און מאדערנע לידער־פארמען...זי איז איינע פון די טאלאנטפולסטע פארשטייערינס פון דער יונגער יידישער פאעזיע"

און אהרן צייטלין (די יידישע וועלט, ווילנע, בוך,6, 1928)..." דאס אינטערעסאנטסטע אינם ערשטן בוך פון ר.ק. איז דער אופן ווי אזוי זי פארוואנדלט אין ליריק ריין־פראַזאַישע סוזשעטן... "זי איז אזוי קאנדענסירט אין בילד און אויסדרוק, אזוי שארף, עסענציעל, אז זייענדיק א פראזאיקערן, ווערט זי ווי נישט־ווילנדיק־ליריש... איר ערשט ביכל איז נישט גלאַט צוזאַג, ס'איז מער ווי דאַס. פאַראַן אין די לידער א פאַרטיקייט..."

אויך איר ערשטע דערציילונג אין יידיש "ערד" געדרוקט אין **גלאבוס**, ווארש' 1932 (רעד. י. באשעוויס און אהרן צייטלין) האָט איר פאַרשאַפט אן אייגן אָרט אין דער יידישער פראָזע. נאך מער האט מען אויפגענומען איר בוך **ערד**, ווארש' 1936, 326 ז' אין וועלכן עס זיינען אריין א גאַנצע ריי דערציילונגען אויך מאָטיוון און שילדערונגען פון יידישע, פוילישע און אוקראַינישע פויערים אין מזרח־גאליציע, אירע טיפן, געמאָלט אין דינעם, לירישן טאָן און פאַרב, רופן זיך איבער מיט די בעסטע דערציילונגען אויף טעמעס אין וועלכע דער פשוטער דארפס־מענטש באוויזט זיין מיליע אויפן פאָן פון דער נאַטור. (ח.ל.פ.)און אזוי האט אויך אויסגענומען איר בוך לידער, **רויטער מאָן**, 1937, ז' (אין פארלאג פון יידישן פען־קלוב) אין די יארן, ווען זי האט געלעבט אין רוסלאנד, באטייליקט זיך אין **סאוועטיש היימלאנד, אייניקייט**, א"א, מאסקווע און בעת איר וווינען אין לאדזש געדרוקט אין **דאס נייע לעבן, יידישע שריפטן, ארבעטער ווארט, ארבעטער צייטונג**, א גרויסע ליטעראַריש־שעפערישע אקטיוויטעט האט זי אנגעהויבן שוין אין די ערשטע צייטן נאכן באזעצן זיך אין מאָנטרעאַל ווו חוץ אין **קאנאדער אדלער**, זיך אויך באטייליקט אין כמעט אלע ליטעראַרישע זאמלונגען. זי האט געדרוקט לידער, דערציילונגען, עסייען וועגן ליטעראַרישע פראבלעמען, אפהאנדלונגען וועגן שרייבער און ביכער און טיילן פון אירע זכרונות וועגן די יאָרן אין וואגל. זי איז עד היום א שטענדיקע מיטארבעטערן אין **גאלדענע קייט**, און אויך זיך באטייליקט אין **היימיש, היום, לעצטע נייעס**, ישראל שטימע א"א, (ישראל)

אין אַמעריקע געדרוקט אין **צוקונפט**, **סביבה**, **אין זיך**, **אידישער קעמפּער**, **יידישע קולטור**, **פאַרווערטס**, **אויפן שוועל**, **זיין**, **קינדער־זשורנאַל**, **קינדער־צייטונג**, **אונדזער אייגן וואָרט**, די זאַמלונגען, **אַפּקלייב** (רעד. בעריש ווײַנשטיין) זי איז פאַרטרעטן אין ר. עדעלמאַנס, **יידישע כרעסטאָמאַטיע**, קאָפּענהאַגן 1966. אירע לידער זענען איבערגעזעצט אין העברעאיש, פּויליש, רוסיש, ענגליש, פראַנצויזיש און דייטש און זענען געדרוקט אין די פאַרשידענע אַנטאָלאָגיעס פון פּאָעזיע איבער דער וועלט.

באַקומען פּרעמיעס: לואיס למד, (2 מאָל) ה. לייוויק, איציק מאַנגער, י.י. סיגאַל, חיים גרינבערג, יידישער ביכער־ראַט און פאַר איר דערציילונג "בראַניע" א פּרעמיע פון יידישן קולטור־קאָנגרעס. איר ערשט בוך נאָכן חורבן, די לידער פון צער און פּיין **היים און היימלאָזיקייט**, ב.א. 1948, 256 ז' האָבן איבערגעגעבן די פאַרפּייניקטע שטימונגען און געפילן פון יידישן מענטש. אזוי אויך איר באַנד לידער, באַשערטקייט, מיט צייכענונגען פון ב.מלחי) מ. 1949, 116 ז', **נייַן דערציילונגען**, מאָנט' 1957, 326 ז' **פון יענער זייט ליד**, לידער, ת.א. 1962, 123 ז' **לידער און ערד־שירים אדמה** (פון איין זייט יידיש און דער צווייטער עברית, איבערגעזעצט פון שמשון מלצר) ת.א. 1966, 103 ז' **די גנאַד פון וואָרט**, לידער, ת.א. 1968, 94 ז' **אויף דער שאַרף פון א רגע**, לידער, ת.א. 1972, 111 ז', **פאַרביטענע וואָר**, לידער ת.א. 1977, 92 ז' איר אויסגעזעצט בוך **שניט** (לידער פון 1928 ביז 1941) וואָס האָט געזאָלט דערשיינען אין קיעוו, 1941 און איר ראָמאַן פון דאָרפישן לעבן, **מענטש פון מאַקרין**, (זיינען צוליבן נאַצישן אָנפאַל אויף רוסלאַנד, צוזאַמען מיט די כתב־ידן, פאַרניכטעט געוואָרן. ר.ק. האָט גרייט צום דרוק א בוך **עסייען וועגן יידישע שרייבער** (צווישן זיי וועגן די אומגעקומענע יידישע שרייבער אין רוסלאַנד).

וועגן אירע דריי ביכער וואָס זענען דערשינען ביז 1939, איז א סאַך געשריבן געוואָרן. לײַדער האָבן מיר געקענט געפינען בלויז אייניקע פאַרצייכענונגען. מיר וועלן דעריבער נאָר ברענגען א צאָל ביבליאָגראַפישע און כאַראַקטעריסטישע אָפּשאַצונגען וועגן איר.

..."אירע לידער זענען פול מיט טרויער, נאָר אפילו אינעם שווערסטן טרויער שיינט אין איר ליד אומגעריכט אויף א זוניקייט, אפילו א פרום־באַהאַלטענער שמייכל. דאָס איז דער סימן־מובהק פון אן אמתן פּאָעט...בעת זי זאָגט אין איין שורה אַז זי גרייט זיך צו דער "מתן שירה" און זי ברענגט די ווערטער און דאָס בילד ווי "א שטערן ווישט־אָפּ דאָס פּנים פון דער טרויעריקער לבנה" גלויבן מיר איר, ווייל עס איז עכט..."

(אפרים אויערבאַך)

..."זי קלויבט א פאַדים צו א פאַדים, א פאַרב צו א פאַרב און א שטריך צו א שטריך צום געוועלב פון איר דיכטערישער געשטאַלטונג. אַזוי וואַקסן אויס אירע שווערע, רייכע קאָמפּאָזיציעס, ווי שווער־זיידענע אָרנאַטן, ווי ביזאַנטישע שטיקערייען ...זי פאַרמאָגט אין זיך אַזעלכע הייוון, וואָס פאַרוואַנדלען דעם רויען ברייַ פון דער טאָגטעגלעכער ווירקלעכקייט, אינעם רויטן גליווייַן פון פּאָעזיע...

(רחל אויערבאַך)

..."אירע לידער זענען דער שטילער און איידעלער זיפץ און שעמעוודיקער צער...איר פּאָעטיש און פּרויאיש געמיט רעדן איין און דאָס זעלבע ממעמקים־לשון... איר נעכטן פאַרשיט מיט אש און איבערן מאָרגן, וואָס דער טונקעלער וועג, פירט צו אים, איז געווירעט דורך טרערן, וואס קיינער חוצן ליד דערזעען נישט..." אויסגעהיט פון סענטימענטאַליזם, איז איר געזאַנג פריש און לויטער ווי א דאָרפישער פרימאָרגן...

(דר׳ שלמה ביקל)

..."זי איז דורכאויס א פאעט וואָס שפּירט, אז די גרעסטע ברכה אין איר לעבן, די שענסטע טרייסט און די איינציקע פארגיטיקונג פאר אלץ, וואס איז איר אקעגנגעקומען און זי פארהאלטן אויף וועגן פון שרעק און אומגליק, איז איר ליד... "זי האט ליב שטילקייט און אין דער שטילקייט צערעדט זיך די דיכטערן און ס׳איז גוט זיך איינצוהערן אין אירע רייד...

(יעקב גלאטשטיין)

..."אין די שטימונג־ווייכע און בילד־קרעפטיקע שורות פון ר. ק׳ס פּראָזע איז פאראנען די הארבע פרייד פון זאַטן סטיל, דעם אראמאט פון קינסטלערישער חכמה. איר ליד איז אינטים און שטרענג אין תמצית פון זאָגערישער שיינקייט און אירע דערציילונגען־בילדערישער רעאליזם, וואָס האָט אין זינען דער וועלטס עלענטע און פארשעמטע"...אין ר.ק׳ס דיכטונג איז די נאטור־אין דער היים"...איר דיכטונג — ווי אלעמאל ביים לייענען אמתע דיכטונג דערוועקט די אילוזיע פון באנייטער ערשטמאליקייט...

(מ. גראס־צימערמאן)

..."דאָס געפיל פון פרעמדקייט, וואָס איז אין תוך גענומען, א מיסטישער מאָטיוו, טויכט־אויף אין אירע לידער...די פראַגן וואָס זי שרייט־אויס, בלייבן אויך אומפארענפערט... יעדער ווארט איז א פראגע־צייכן, יעדער פערז, א געשריי־אפהילך און קיין ענפער איז ניטא. בלויז אויטענטישע דיכטער זענען פעאיק אונדז מיטצונעמען אויף יענער זייט, זי ווייס עס און אירע לידער נעמען אונדז מיט "אויף יענער זייט פון ליד"...

(אליעזר וויזעל)

"...אין אירע לידער ציטערט און פלאטערט א דינער ליריזם און א שטילער צידוק־הדין, פאר דער לעצטער, דערווייל נאך־פארהוילענער רגע, וואס איז אָנגעגרייט פאר יעדן לעבעדיקן ..."דורך איר שאפן קען מען טיפער אריינבליקן נישט־נאָר אין איר אייגענער צייט, נאר אויך ממש דערשפירן דעם אָטעם פונעם אייביק גורלדיקן אין דער וועלט...

זי איז אַזאַ שאַפערישע פערזענלעכקייט, אין וועלכער די דינסטע ליריק לעבט זיך אויס אויפן קלאָרסטן אופן,

(יעקב זיפער)

..."שוין מיט אירע ערשטע לידער איז זי געוועזן א חידוש און א מחדש. זי איז געוועזן א נייע פאעטישע דערשיינונג און אין דער זעלבער צייט, א באנייערין אין דער יידישער ליריק. זי איז געקומען מיט א ניי ווארט, מיט א נייעם ניגון, מיט נייע בילדער און שטימונגען, אבער אין דער זעלבער צייט האט זי מיטגעבראכט א באנייונג אויפן געביט פון יידישן באנעם פון דער נאטור, א נייע אויסמעסטונג אין דער באציאונג צום פאסטאראלן פייזאזש, וועלכער האט זיך אויסגעזונגען מיט זיין גאנצער פילפארביקייט אין אירע לידער..."זי

האט אונדז געלאזט הערן דאס געזאנג פון אן ערדישער זינלעכקייט, אבער אין דעם געזאנג האבן מיר דערהערט דעם דירעקטן עכא פון יענעם סובלימירטן ״ברכי נפשי״ **(יצחק יאַנאַסאָוויטש)**

...״רחל קארן איז נישט קיין פאסיווע דיכטערן. זי באַגנוגנט זיך נישט מיט שטילן טרויערן מיט באַוויינען דאָס שלעכטס, מיט ארייננלידערן זיך אין דער אומפארמיידלעכקייט, פון דער רשעות און אַריבערדעקן זיך איבערן קאפ. זי רייסט איר אייגענעם טרויער, זי קאָן נישט שלום מאכן מיט דעם וואס מען האט גענומען איר ליכטיקע און ריינע זון און זי שווארץ און פינסטער געמאכט... **(ה. לייוויק)**

...״אירע לידער זענען דורכגעוועבט מיט נייע אין אונדזער ליטעראטור־ביז איר ניט געחלומטע, ניט דערזינגענע מאטיוון...״ אין אירע דערציילונגען איז זי ניט אוועק פון די ארימע פויערים־שכנים מיט פיצלעך ערד אדער גאָר אָן ערד...זי וואָרימט זיי אויס און ברענגט ארויס די גורל־געשטאלטן פון איר דאָרפישער סביבה...״זי שפילט אויף דער ערשטער דינער סטרונע פון א פידל. איר קאָליר איז דאָס וויאָלעט פון אַ פאַרנאכט... **(יידל מארק)**

...״איר ערשטע לידער־זאמלונג ״דאָרף״ האָט גלייך אויפגעעפנט די גרעניצן פאר איר פריידיקער פאַרוואָרצלטקייט מיט דער נאטור און אוניווערס. אירע עפישע דערציילע־רישע לידער פון גרויער אלטעגלעכקייט, וואָס פארמאגן שוין די גרונט־עלעמענטן פון איר וווּנדערלעכער בילדערישקייט... ״אירע חברטעס און חברים זענען געווען די וואלקנס, דער רעגן, די קוואַלן, דאס דאָרף און גאָטס באשעפענישן האָבן איר פארטרויט זייערע קלאנגען, ריחות, פארמען, זייערע סודות און אינסטינקטן. דערביי איז איר דארפיש יידיש לשון מיט זיינע לאקאלע אויסדרוקן און געשמאקע פראזאאיזמען אליין געווען א שטיק נאטור...

(מ. צאנין)

...״אלץ וואָס זי שרייבט אין פּאָעטישער און פּראָזאַאישער פאָרם, איז שאַרף בילדעריש און זייער רייף. איר שפּראַך איז זייער אָפּגעהיטן און איז כאַראַקטעריסטיש אין אונדזער ליטעראטור... בכלל זענען אין אירע שאַפונגען פאַראַנען דאָס אייביקייטס־געפיל פאר זיך, פאר דער וועלט און פארן יידישן ליד, וואָס שפּאַנט איבער אלע יידישע גלותן צו דויער...

(מלך ראוויטש)

אפרים אויערבאך, **אויף דער וואגשאל**, ב.1, ת.א. 1975, רחל אויערבאך, **צוקונפט**, יאנ. 1978, דר׳ שלמה ביקל **שרייבער פון מיין דור**, ב.2, ת.א. 1965, יעקב גלאטשטיין, **ט.מ. זשורנאל**, 27 טער מאי, 1962, מ. גראָס־צימערמאן, **אינטימער ווידעראנאנד**, יולי־אויג. 1964, אליעזר ווייזעל, **פארווערטס**, 16 טער נאוו. 1962, יעקב זיפער, **צוקונפט**, יולי־אויג. 1978, יצחק יאנאסאוויטש, **פנימער און נעמען**, ב.1, ב.א. 1971, ה. לייויק, **דער טאג**, 11 טער יולי 1948, יידל מארק, גאלדענע קייט, 79־80, 1973, דר. א. מוקדוני, **דער טאג**, 22 טער מאי, 1949, ישראל עמיאט, **צוקונפט**, דעצ. 1972, מ. צאנין, **לעצטע נייעס**, 10 טער יולי 1974, חיים קרול, **ארום זיך ווילנע**, 1936, ישראל ראבינאוויטש, **קאנאדער אדלער**, 28 טער סעפט. 1962, מלך ראוויטש, **מיין לעקסיקאן** ב.1 מאנט׳ 1945, **פר. ארב. שטימע**, 17 טער סעפט. 1947.

קארנבליט, זושע (28 טער סעפט. 1872 — 1 טער מאי 1929)

באגאבטער יידישער שריפטשטעלער

ראמאניסט און טעאטראל. געב' אין טשאַן, וואלין, ביז 15 יאר געלערנט אין חדר, ישיבות און ביי פריוואטע לערערס. פון די פריע יארן אנגעהויבן שרייבן שירים אין לשון קודש שפּעטער אריבער צו יידיש. אין 1892 געקומען קיין אמעריקע און געטאָן פארשידענע ארבעטן וואס האָבן אים נישט באפרידיקט. ערשט ווען ער האט געדרוקט זיין ערשטע ליד אין דער **ארבייטער צייטונג**, נ.י. 1893 האָט ער זיך גענומען צום שרייבן. ער איז געווען פון די ערשטע אינעוויניקסטע מיטארבעטער פון **פארווערטס**, ווו חוץ זשורנאליסטיש־פובליציסטישע ארבעטן אויך דאָרטן אין פארלויף פון יאָרן געדרוקט איבער 30 פארשידענע צייטונגס־ראמאנען, וואָס א טייל פארמאגן א ליטערארישן ווערט און האָבן באווירקט דעם יידישן מאסן־לעזער פון יענער צייט. זינט 1903, פארבונדן מיטן יידישן טעאטער און פארפאַסט א צאָל טעאטער־פּיעסן וואס זיינען געשפּילט געווארן אין די יידישע טעאטערן אין אמעריקע און קאנאדע. פון יולי 1910 ביז סוף 1913 געלעבט אין מאנט' און געווען דער נייעס־רעדאקטאר פון **קאנאדער אדלער** (דארטן חוץ די זשורנאליס־טישע טאָג־נייעס אויך געדרוקט הומאָרעסקעס און א צאָל צייטונגס־ראמאנען.) באטייליקט זיך אין **קונדס, קיביצער** א.א. אין דער **פרייע ארבעטער שטימע** פארעפנטלעכט א צאָל איינאקטערס, וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער סאטירישן געמיט. פון זיינע אלע פּיעסן איז נאר דערשינען דאס פאָלקסבילד אין דריי אקטן **מאטי מלך דער סטאלער**, פּרעמיסלע, 1908, 54 ז'.

מער וועגן זיין לעבן און שאפן זען: ז. רייזען, **לעקסיקאָן** ב.4 מיט ביבליאגראפיע, י.ל. מאלאמוט, קאנאדער אדלער, יובל בוך 1938, י. מדרש מאַנטרעאל פון נעכטן, 1947, ז' 76.

"ער איז געווען א ייד, א מזג טוב א מענטש און א גאל ער האָט דערמוטיקט צום שרייבן און געהאָלפן באשאפן א יידישע שרייבער גרופּע אין מאָנטרעאל"

קויפמאן, יהודה (אבן־שמואל) 31 טער מאַי 1889 — 23 טער פעבר. 1976)

געב' אין באַלטע, אוקראינע ביי א פּאָטער, א למדן, וואס האט אים געגעבן סיי א יידישע און סיי א וועלטלעכע דערציונג. תלמיד פון דער מאדערנער ישיבה פון רב צעיר, ווו ער האט זיך ארויסגעוויזן פאר א מתמיד, אבער נישט צופרידנגעשטעלט זיך נאָר שטודירט אין לאנדאנער און פאריזער אוניווערסיטעטן. אין הארבסט 1913, באלד נאך זיין אנקומען קיין מאָנטרעאל, נאך זייענדיק א סטודענט אין מ"ק גיל אוניווערסיטעט, טרעט ער אריין אין דער פ.צ. — פארטיי, וואָס פירט אים צו זיין אקטיוו אין אלע געזעלשאפטלעכע און פאליטישע אקציעס אין מאָנט' גרינדער פון דער פאלקסשול, פון "פאלקספארבאנד" פון דער "יידישער פאלקביבליאטעק" און פון די ערשטע פראָפּאָנירער פון "קאנאדער יידישן קאנגרעס". ער איז געווען אינגאנצן אריינגעטאָן אין דער פאָרשונג פון יידישן פילאָזאָפישן געדאַנק ביים יידישן פאָלק און אויף אלע געביטן צוגעטראָגן זיין אייגענע טייטש און וויסן. שוין אין זיין מאגיסטער ארבעט **וועגן דער אנטוויקלונג פון דער משנה** פארן מק" גיל אוניווערסיטעט (1917) דערקענט מען זיין אייגענעם דרך וואָס פארשטארק זיך אין דער **מאָנאָגראַפיע איבער ר' יום טוב ליפמאן מילהויזן**,

פאר וועלכער ער האָט באקומען זיין דאָקטאָר־דיגרי פון דראָפּסי קאָלעדזש, דערשינען אין 2 טיילן, פילא 1927) אָבער אין יענע יאָרן טראָץ זיין כסדרדיקער פארנומענקייט מיט אנדערע ענינים, ארבעט ער כסדר מיט אין **קאנאדער אדלער** (3 מאָל אַ וואָך) און נאָך מער אין ראובן בריינינס ט״צ **דער וועג** ווו ער איז איינער פון די הויפּט־מיטארבעטערס, ער דרוקט דארטן חוץ ארטיקלען אויף פּאָליטישע, ציוניסטישע און אלגעמיין־יידישע טעמעס אויך טיילן פון זיינע לעקציעס, וואס ער רעפערירט אין זיינע רייזעס איבער דער קאנאדער פּראווינץ. ער שרייבט אויך אין דער העברעישער פּעריאדיק אין אַמעריקע, (התורן) ער איז אויך געווען א מיטארבעטער פון דער פּ.צ. צייטשריפט **די קעמפּער שטימע,** מאנט. 1913־1914 רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאט **דאס ווארט 1915**, וואָס כמעט אליין אויסגעפילט מיט זיינע ארבעטן. דאָרטן אויך געדרוקט קאַפּיטלעך איבערן תנך און א צאָל ארטיקלען וועגן דערציאונג, וואָס זיינען דורך אים שפּעטער באנוצט געוואָרן, ווען ער איז געווען דער אנפירער פון יידיש־העברעישן לערער־סעמינאר אין ניו־יארק. אין 1917 רעדאַקטירט ער דאָס פאלק (קאנאדער אידישע ליטערארישע און נאַציאָנאַלע וואָכנשריפט) דערשינען אין מאָנטעראל פון 13 יולי ביז סוף נאָוועמבער 1917, דאָרטן פארעפנטלעכט אַ חוץ ליטעראַרישע אָפּהאנדלונגען, פּאָליטישע לייט־ארטיקלען אויך די סעריע **די אידישע רעוואלוציע אין וועלכע ממש נביאות** געזאָגט וועגן א יידיש ארץ־ישראל און די לייטארטיקלען. (א״פ תנא קמא) פון סוף 1917 ביז סוף 1926 געלעבט אין ניו־יארק, אבער כסדר ווייטער געשריבן אין **קאנאדער אדלער**, שפּעטער געלעבט אין ירושלים און דארטן זיך פאַרמאָסטן אויף גרויסע וויסנשאפטלעכע מחקרים. מיר שרייבן דער עיקר וועגן זיינע יאָרן אין קאַנאַדע. און ווי עס שרייבט שלמה וויסמאן האָט ק׳ "דורך די פיר יאָרן לעבן אין קאנאדע גאַר א סך אויפגעטאן פאר דער פאָרמירונג פון א ניי־יידיש קולטור־לעבן און פון א ניי־יידיש געזעלשאפטלעך לעבן בכלל דאָ אין שטאט און איבערן לאנד" און אומדערמידלעכער ארבעטער און פאָרשער האָט ער במשך לאנגע יארן געפורעמט זיין אנטאלאגיע וועגן די **מדרשי גאולה**, זיין וויסנשאפטלעכע אויסגאַבע מיט אן אייגנעם פירוש אויפן רמבמס **מורה נבוכים**, די איבערזעצונג פון אראבישן אריגינאל פון ר׳ יהודה הלויס **ספר הכוזרי** (פאר וועלכן באקומען דעם "פרס ישראל") מיר ווילן בלויז דערמאנען א צאל פון זיינע וויכטיקע הערות צו די ספרים, וואָס ווארפן א ניי ליכט אויף גרויסע יידישע גאונים. ליידער קענען מיר נישט אָפּגעבן צופיל אָרט פאר די ספרים געשאפענע, מחוץ קאנאדע אדער אמעריקע, דעריבער קענען מיר בלויז דערמאנען זיין צונויפשטעלן און רעדאקטירן דעם ערשטן **ענגליש־העברעישן ווערטערבוך**, וואָס ער האָט צוזאמען מיט י. אפרת און ב. סילקינער, אָנגעהויבן אין ניו־יארק (דערשינען אין ירושלים, 1927) ד״ר י.ק. איז נפטר געוואָרן **אין ירושלים.**

"קויפמאן איז אויך אין די פריע און "פרייע" יאָרן, געווען פילאָזאָפיש נוטה צום רעליגיעזן וועלט־באנעם. זינט זיין באזעצן זיך אין ארץ ישראל האט ער אנגעהויבן ארויסווייזן א דערנענטערונג צום טראדיציאנעלן לעבנס־שטייגער. אין די פיל

צענדליגער יאָרן פון זיין ארבעט איבער דעם רמבם און איבער ר' יהודה הלוי, האט ער זיך אַריינגעלעבט אין זייערע געדאנקען־און געפיל־וועלט און האָט זיך געדאנקלעך און געמיטלעך אידענטיפיצירט מיט דעם רעליגיעזן וועלט־באנעם" דאס גרויסע ווערק פונעם באַהאַרצטן און פּאָעטישן־רעליגיעזן דענקער ר' יהודה הלוי, האָט ערשט איצט באקומען זיין אמתדיקן תיקון..."עס איז קיין ספק ניט, אז קויפמאן האָט זיך פארדינט אן אויבן־אָן־ארט צווישן די פאָרשער פון דער יידישער מחשבה, און אז דורות וואָס וועלן נאָכקומען, וועלן דאַנקען דעם גרויסן מפרש און מתרגם, וואָס האט זיי דערנענטערט צו די קוואַלן פון דער יידישער מחשבה"

(שלמה וויסמאן)

צו זיין 90 יאריקן יובל, איז דערשינען א גרעסערע פאעמע לכבוד אים פון גרויסן פאעט חיים גראדע (אין גאלדענע קייט)

פנחס, **קאנאדער אדלער**, 6 אויג. 1915, ש. חיות, **אוצר בדוי השם** ווין 1933, י.ל. מאלאמוט, **יובל־נומער, קאנאדער אלדער**, 1938, ישראל ראבינאוויטש, **יובל נומער, 1957**, ש. בעלקין, **די פועלי־ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס, ג.קרסל, **לקסיקון הספרות העברית בדורות האחרונים**, ב.1. ת.א. שלמה וויסמאן, צוקונפט, אקט. 1976, קאנאדיאנא.

קויפמאן, נתן —

ביאָגראַפישע פרטים, נישט באַקאַנט. מיר ווייסן נאר אז ער האָט געשטאַמט פון גאליציע און געהאט אלגעמיינע בילדונג. פון 1911 ביז אנהויב צוואנציקער יארן געלעבט אין מאנטרעאַל און אקטיוו אין דער פ.צ. באוועגונג און ארום די שול און קולטור אינסטיטוציעס. באַגאבטער בעלעטריסט און איבערזעצער. אנגעהויבן שרייבן מיט סקיצן אין **לעמבערגער טאגעבלאט**, 1909. ער איז אויך געווען א מיטארבעטער פון אברהם רייזינס צייטשריפט דאס **נייע ווארט**, קראקע, 1910. שטענדיקער מיטארבעטער (זינט 1911) פון **קאנאדער אדלער** און בעת ברייינין איז געווארן רעדאקטאר, אים צוגעצויגן חוץ מיטן שרייבן דערציילונגען, פעליעטאָנען און איבערזעצונגען אויך צו אינערלעכער רעדאקציע־ארבעט (אין די יארן 1912־1913) דארטן אויך געדרוקט אין טעגלעכע פאָרזעצונגען זיין פון פוילישן אריגינאל איבערזעצטן ראמאן פון סט. פרזשיבי שעווסקי **דעם שטנס קינדער**, וואס האט ארויסגערופן א פאלעמיק מיט פישל געליבטער צוליב זיין איבערזעצונג א.נ. "דעם טייפעלס קינדער "און בריינינס שארפן ענטפער אז יענע איבערזעצונג טויג נישט. אין די יארן 1915־1916 געווען אָן אינערלעכער מיטארבעטער פון ברייינינס **דער וועג**, דארטן געפירט א וועכנטלעכן אפטייל "פון פוילישער פראָזע" פאר וועלכע איבערזעצט דערציילונגען פון וו. טעטמייער, ריימאָנט, און די קליינע דערציילונגען פון שענקיעוויטש. ער האט אויך איבערזעצט "דיאָניזיס טאָג־בוך" און אויך פון דער רוסישער ליטעראטור. ער האט אויך צו יעדן יום טוב איבערזעצט פון העברעאיש. און אויך זיינע אייגענע הומאָרעסקעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט א רייכער יידישער און בילדלעכער שפראך. זינט די צוואַנציקער יאָרן נישטאָ ווען אים קיין ידיעות.

געדרוקט אויך א"פ "קאקטעט"

פנחס, **קאנאדער אדלער**, 6 און 8 טער אויג. 1915, פראפ. ש. חיות, **אוצר בדוי השם**, ווין,

1933, ש. בעלקין, די פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע, אינדעקס, קאַנאַדיאַנאַ.

קייזערמאַן, חנניה־מאיר (6 טער מערץ 1884 — 24 טער דעצ. 1950)

געב׳ אין פּיאַטרע־ניאַמץ, רומעניע. געענדיקט א מיטל — און האַנדלס — שול אין יאַס. פון 1907 ביז 1910 געלעבט אין פּאַריז און געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער אַרב. באַוועגונג און אין די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען. פון אַנהויב 1910 ביז צו זיין פריען טויט, געלעבט אין מאָנט׳ און געווען פון די אַקטיווסטע מיטבויערס פון קאַנאַדער יידישן ישוב. מיטגרינדער און גענעראַל־סעקרעטאַר פון ״קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס״ פון יידיש־וועלטלעכן שול־וועזן, פון אַ צאָל יידישע יוניעס, ״יידישן עמיגראַנטן־פאַריין״, פאָלקסביבליאָ־טעק א.א. א גרויסן איינפלוס פאַרן אָרגאַניזירטן יידישן לעבן איבער גאַנץ קאַנאַדע, האָט געהאַט זיין טעטיקייט אין דער **פּועלי־ציון־פּאַרטיי** און אין 1916 געווען איר קאַנדידאַט צום מאָנטרעאַלער שטאָט־ראַט. די יאָרן 1921־1923 געלעבט ווי א חלוץ אין ארץ ישראל. געאַרבעט אויפן לאַנד, ביי בנין און אַקטיוו אין דער אַרבעטער באַוועגונג. ער איז געווען דער אָנפירער פון דער דעלעגאַציע פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס וואָס איז געפאָרן אין 1945־1946 קיין פּוילן און די די־פּי־לאַגערן אין דייטשלאַנד און עסטרייך און געבראַנגט הילף פאַר די אָפּגעראַטעוועטע פון די לאַגערן. שפּעטער אויך באַזוכט לאַטיין־אַמעריקע און ארץ ישראל.

אין זיין פּראָפעסיאָנעלער אַרבעט, נישט אָפּגעהאַלטן זיך פאַר די גרעסטע געפאַרן, אַזוי ווייסן מיר וועגן זיין מסירות נפש סיי ביים גרויסן שניידער־סטרייק (1912) און סיי ביים בעקער־סטרייק, ווו ער מאַרשירט אין אַ דעמאָנסטראַציע קעגן די שווערע אַרבעט־באַדינגונגען (1916). ער איז **אויך געווען באַקאַנט ווי א רעדנער און לעקטאָר סיי אין דורך אים מיטגעגרינדעטן יידישן ״פאָלקס־אוניווערסיטעט״ און סיי אויף** אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען. ליטעראַריש־זשורנאַליסטישע אַרבעט, אָנגעהויבן אין 1904 אין רומענישע אַרבעטער צייטונגען, שפּעטער אויך אין פראַנצויזישע. זינט 1910 אַריבער צו יידיש. געווען א שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אַדלער** (פון 1910) און דאָרטן געדרוקט חוץ זשורנאַליסטיש־פּובליציסטישע אַרטיקלען, אויך לידער, עפּיגראַמען, דערציילונגען, איבערזעצונגען פון ענגליש און פראַנצויזיש (צוו. אַנד. אַקאַוו. מירבאָס ראָמאַן **דער אָפּגרונד**, און קאַפּיטלעך פון וו. סטאַנגער עסיי **נאַטירלעכע ערציונג** (ביידע זיינען דערשינען אין בוכפאָרם) אין ק.א. אויך געדרוקט מאמרים וועגן דערציונגס־פּראָבלעמען, רעצענזיעס וועגן טעאַטער, מוזיק און קונסט. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **אונזער וואָרט** צווייוועכנטלעכע **צייטונג פון דער שניידער יוניע**, מאָנט׳ מ. 1911, דערשינען 20 נומערן, אויך רעדאַקטאָר **פאָלקסצייטונג** (1912) **דאָס וואָרט** רעד. יהודה קויפמאַן (1915) **דאָס פאָלק** (1917) **דער וועג** (רעד. ר. ברייניין) 1916־1915, דאָרטן געפירט א רובריק ״צייט־נאָטיצן״ אין וועלכע רעאַגירט אויף אַקטועלע יידישע פּראָבלעמען. זיין סעריע אַרטיקלען ״עקאָנאָמישע פּראָבלעמען אין ארץ ישראל״ (קאַנאַדער אַדלער, 1923) זיינען מאַטעריאַל צו דער

עקאַנאָמישער געשיכטע פון יידישן יישוב אין יענע יאָרן. ער איז אויך געווען א מיטארבעטער פון **דער אידישער ארבייטער, קאנאדער וואכנבלאט, ניילאנד** (1925־1926) די ליטעראַרישע זאמלונגען **קאנאדע, ניואנסן, דער קוואל** א.א. (אלע אין מאָנט׳) **דער אידישער זשורנאל, העפטן**, טאָר׳ **דאס אידישע ווארט, ווינ. אידישער קעמפער, טאג, די צייט, פר.ארב.שטימע** א.א. נ.י. **די צייט**, לאנדאן, און פון די העברעאישע **דואר היום, השדה, הפועל הצעיר** א.א. אין דער יידישער־ענגלישער פרעסע אין קאנאדע און ניו יארק פאַרעפנטלעכט איבערזעצונגען פון דער יידישער ליטעראַטור. בעת זיינע רייזעס איבער דרום־אמעריקע געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישן לעבן אין קאנאדע אין **די פרעסע, אידישע צייטונג**, ב.א. **די אידישע שטימע** טשילי, **היינט**, אורוגווי, א.א. אין דער צייטשריפט **אידיש אמעריקע**, נ״י. 1939 פאַרעפנטלעכט א קריטישע אַרבעט וועגן די מאָלערייען פון מאַרק שאַגאַל. פון אלע זיינע אַרבעטן זענען בלויז דערשינען: **אידישע דיכטער אין קאנאדע**, מיט א ווארט פון י.י. סיגאל מאנטרעאל, 1934 221 ז׳. דאס בוך, וואס איז, ווי עס שרייבט י.י. סיגאל, ״דער ערשטער צונויפזאמל פון ליטעראַריש־געשיכטלעכן מאַטעריאַל פון דער היגער יידישער ליטעראַטור, אָטעמט מיט דער עכטער וואַרימקייט און ליבשאַפט פון דיכטונג און האלטן פריש און אפּגעהיט... וויפיל דאנק עס וועט אייך בלייבן שולדיק דער היסטאָריקער פון דער אלגעמיינער יידישער ליטעראַטור פאַר אייער אנטקעגן טראָגן אזא קערבל מיט דאָקומענטן... איך ווייס אז איר וועט דעם דאַזיקן דאנק כשר פאַרדינען... איר זענט דער איינציקער וואס האט אינזינען געהאַט (און דאס איז ביי אנדערע דאס סאַמע לעצטע) איר האט די אידישע דיכטונג אַרויפגעהויבן הויך איבער אלעמענס קעפּ, ווי א קרוין אויפן קאָפּ פון דער גלייכגילט און ווען נישט די פּאָר איינציקע, וואָלט אַלעס פאַרגעסן געוואָרן״. (וואָרט צו ״אידישע דיכטער אין קאנאדע״) ער האט אויך אַרויסגעגעבן די בראָשורן: **נויט און הילף, דאס אויפבויווערק פון דזשוינט אין ארץ ישראל, וואס זענען אויך דערשינען אין ענגליש און שפּאניש. געשטאָרבן פון א האַרץ־אַטאַקע, אַהיימגייענדיק פון זיין ארבעט אין קאנאדער יידישן קאנגרעס אין מאָנטרעאל. ״...ער איז געווען דער באַגייסטערער פון כמעט אלע ליטעראַרישע אונטערנעמונגען און אויסגאַבעס אין קאנאדע, דער וועגווייזער פון אַקטיווער בוי פון יידישן יישוב אין מאָנט׳״ (ישראל ראבינאוויטש)**

ז. רייזען, **לעקסיקאָן ב.** פנחס, **קאנאדער אדלער** 6 טער אויג. 1915. ישראל ראבינאָוויטש, **יובל בוך קאנאדער אדלער**, 1932, 1938 און 1957. מ. גינזבורג, **קאנאדער אדלער**, 27 טער דעצ. 1950. ב.ג. זאַק, דאַרט 31 טער דעצ. 1950. ש. בעלקין, דאַרט 27 טער דעצ. 1955 און **די פועלי ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס. פ.טרעפּמאן **קאנאדער אדלער**, 27טער דעצ׳ 1955, ב. פיגלער און דוד ראָם **דאס ח.מ. קייזערמאַן בוך** (ענגליש), מאנטרעאל, 1962 484 ז׳ **קאנאדיאנא**, און לויט זיינע אַרכיוון אין דער יידישער פאַלקסביבליאָטעק. שלום שטערן, וואָכנבלאַט, טאָר 4 יוני 1973.

קיילעס, נפתלי־הערץ (15 טער אפּריל 1905 —)

געב׳ אין דאָרף גראַדזשיסק, ביי ביאַליסטאָק, פּוילן. געלערנט אין חדר,

פוילישע פאָלקס־שול און דורך זעלבסטבילדונג. פון 1921 ביז 1928, געלעבט אין וואַרשע, מיטאַרבעטער פון דער יידישער עמיגראַציע געזעלשאַפט, וואָס איז געווען אונטער דער פירונג פון דער פּאַרטיי „פאַרייניקטע" אין 1929 געקומען קיין מאָנטרעאל און ביז 1944 געווען אַ ביבליאָטעקאַר, אַ צייט פאַרוואַלטער פון דער „יידישער פאָלקסביבליאָטעק" און זיין פּרעזידענט אין די יאָרן 1967־1966. ער איז אַן אַקטיווער געזעלשאַפטלעכער טוער און עד היום, אַן אָנפירנדיקער מיטגליד פון פאַרשידענע אָרגאַניזאַציעס, דער עיקר אויפן קולטור־געביט.

אָנגעהויבן שרייבן מיט אַרטיקלען וועגן קולטור־ענינים, ליטעראַרישע פּראָבלעמען, ביבליאָטעק־פראַגעס און וועגן ביבליאָגראַפיע אין **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ 1930. זינט דאַמאָלט בסדר געדרוקט דאָרטן אַ לאַנגע צייט, (צווישן אַנדערן, זעקס ליטעראַרישע פאַרצייכענונגען וועגן זיינע שמועסן מיט ה. לייוויק, וואָס גיבן איבער לייוויקס צוגאַנג צו פאַרשידענע יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון דער מלחמה־צייט). גלייכצייטיק פאַרעפנטלעכט אין אַ העקטאָגראַפיר־טער אויסגאַבע **אַ ביבליאָגראַפיע וועגן לייוויקן** (1942) 250 פּאָזיציעס, באַטייליקט זיך אין **פרייע אַרבעטער שטימע**, דער טאָג (ביידע אין נ.י.) אין **ביבליאָטעק־בוך**, מאָנט׳ 1934, (פון וועלכן ער איז געווען רעדאַקציע־מיטגליד) פאַרעפנטלעכט חוץ די פאַרשונג „20 יאָר פאָלקסביבליאָטעק אין ציפערן (צוזאַמען מיט רחל אייזענבערג) צו וועלכע אויך געצייכנט די דיאַגראַמעס אויך אַנדערע פאָרשונגען וואָס זיינען וויכטיק צו דער געשיכטע פון דער פאָלקסביבליאָטעק.

ער האָט אויך געדרוקט אונטער פּי. עס, הערץ, א.א.

ישראל ראַבינאָוויטש, **קאַנאַדער אַדלער**, 6 טער נאָוו׳ 1932, י.י. דימענטשטיין, **ביבליאָטעק־בוך** 1934, ז׳ 61.

קירשענבוים, דוד (1 נאָוו. 1902 —)

געב׳ אין סאָלץ, ביי ריטשעוואָל, דאָדעמער געגנט, פוילן אין אַ רבנישער משפחה. אין די יונגע יאָרן, געלעבט אין קוראָוו און דאָרטן באַקומען זיין ערשטע דערציונג. אין 1921 געקומען קיין טאָראָנטאָ, פאָרגעזעצט זיין יידישע און אַלגעמיינע בילדונג און אין 1926 באַקומען סמיכה אויף רבנות. פון 1928 עד היום, רב און גייסטיקער ציוניסטישער מנהיג פון יידישן לעבן אין לאָנדאָן, אָנטאַריאָ, אָנגעהויבן שרייבן מיט אַרטיקלען אויף אַקטועלער יידישער טעמאַטיק און וועגן רעליגיעזע ענינים אין **דער אידישער זשורנאַל**, טאָראָנטאָ, 1924 פון וועלכן געווען ביז צו זיין אונטערגאַנג אין 1959, אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער. באַטייליקט זיך אין **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ **דאָס אידישע וואָרט**, ווינ׳ **מאָרגען־זשורנאַל**, נ.י. קענעדער נייעס, לאָנדאָן. מחבר פון אַ צאָל ספ־רים און ביכער אין יידיש און ענגליש, וואָס האָבן געפונען פּאָזיטיווע אָפּקלאַ־נגען אין דער יידישער פּרעסע סיי אין קאַנאַדע. און סיי אין אַנדערע לענדער צוו. אַנד. **פון אונדזערע גייסטיקע חריפות**, טאָר׳ 1937, ב.1, 142 ז׳ ב.2 180 ז׳ **שיפן אויפן ים**, מיט אַ פאָרוואָרט פון אַב. גאָלדבערג, טאָר׳ 1940, 93 ז׳ (דאָס ערשטע עבט־יידישע בוך, וואָס שילדערט די טראַגעדיע פון יידישע פּליטים אין די ערשטע יאָרן מלחמה און היטלער־חורבן) די בראָשור **אַלגעמיינער ציוניזם** טאָר־

1945, (אין יידיש און ענגליש) **פון די חסידישע אוצרות**, טאָר. 1948 574 ז׳ אין ענגליש: **מיקסט מערידזש אין דהי דזשואיש פיוטשיער**, 1958 144 ז׳ **פיהסט דעיס אנד. פעסט דעיס**, 1968, 245 ז׳ **רעלידזשן לאוו אַר העיט**, 1974, 220 ז׳. ער האט זיך אויך באטייליקט אין **יזכור בוך קארעוו**, 1955 ז׳ 778־786.

דאָרטן פארעפנטלעכט א סעריע לירישע שילדערונגען פון יידישן שטעטל וואס וויזן בעלעטריסטישע באגאבטקייט. צו זיין 20 יאריקער גייסטיקער פירערשאפט און צום דערשיינען פון בוך "פון די חסידישע אוצרות" איז דערשינען אַ **יובל שריפט** מיט ארטיקלען פון נחמן שמן, הרב מאיר שווארצמאן, גרשון פּאַמעראַנץ א"א, וואס שילדערן זיין איינפלוס אין יידישן לעבן פון זיין קהילה און וועגן זיין שריפטשטעלערישער טעטיקייט; "ער איז קיינמאל נישט אוועק פון "דארטן", פון יידישן לעבן אין פוילן. זיינע ספרים, אזעלכע שטילע און איבערצייגנדיקע. זיין יידיש־א פאָלקס — לשון, נישט אויסגעטראכט, נישט געבארגט פון אנדערע, נאר אן אייגן לשון גענומען פון אונדזער פאלקס קוואל (גרשון פאמעראנץ) "די יידישע טראגעדיע שיפן מיט פליטים אויף אלע ימים און קיין איין לאנד, וויל זיי נישט ארייינלאזן, האט ער געשילדערט מיט פיל טרויער און געמיט ווי פון אייגענעם וויי (הרב מאיר שוואַרצמאַן)

דר׳ איזידאר גאלדסטיק, **קאנאדער נייעס**, לאנדאן, 30 נאוו. 1937, שמשון ערדבערג, **טאג**, 9 טער 1939, אהרן צייטלין, דארט 15 טער יוני 1940, חיים ליבערמאן, **פארווערטס**, 15 טער מאי 1958, יעקב לעשטשינסקי, דארט 5 טער יוני 1958, ה.ל. גאָרדאָן, **מארגענזשורנאל**, 8 טער אקט. 1958, יעקב גלאטשטיין, דארט, 22 טער נאוו. 1958, **קאנאדיאנא**.

קירשענבוים, הערש־מאיר

(1891 — 31 יאנ. 1943)

געב׳ אין ליפסק, ראדעמער געגנט, פוילן אין א חסידישער משפחה. באקומען א שטרענג רעליגיעזע דערציונג אין חדר, ישיבה. א צייט געלערנט זיך צו זיין א שוחט, אבער קאליע געווארן און זיך דערנענטערט צום ארבעטער־ציוניזם. אונטערן איינפלוס פון דער מאדערנער יידישער און העברעישער ליטעראטור, אליין אנגעהויבן שרייבן אין די ישיבה־יארן און זיין ערשטע דערציילונג "א תשעה־באב" (אין וועלכער מען זעט די השפעה פון שלום אש) אפגעדרוקט אין **אונזער לעבן**, ווארשע, (1910), שפעטער געדרוקט דערציילונגען נאוועלעס און בילדער פון יידישן לעבן אין דער מאמענט, דער שטראהל, ראמאנענצייטונג (אלע אין ווארשע) אין 1913 געקומען קיין טאראנטא און באלד געווארן אקטיוו אין יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן. מיטגרינדער און סעקרעטאר פון דער ש"ע פאלקסביבליאטעק, אנפירנדיקער עסקן און א צייט נאצ. פרעזידענט "פון טאראנטער ארב. פארבאנד "און זיין דעלעגאט צום גרינדונגס־צוזאמענפאר פון "קאנאדער יידישן קאנגרעס", הסתדרות־קאמפיינען. איינקע מאל באַזוכט ארץ ישראל און וועגן דעם געדרוקט א סעריע באשרייבונגען. געווען פון די ערשטע מיטארבעטער און דערנאך (זינט 1916) רעדאקציע־מיטגליד פון **דער אידישער זשורנאל**, טאָר׳ ווו כסדר געדרוקט חוץ ארטיקלען, רעצענזיעס וועגן טעאטער און ביכער אויך א גאנצע רייע צייטונגס ראמאנען, ווי "דער פערברעכער" "די חסידישע טעכטער" "די אומשולדיקע" (א"פ בן מנחם) וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט

מיט א ריינער און רייכער פאָלקס שפּראַך און געווען צוגענגלעך פאַרן יידישן מאסן־לעזער. באַטייליקט זיך אין **קאַנאַדער אדלער**, **דער וועג** (ביידע אין מאָנט׳) **אידישע ארבייטער שטימע**, טאר. (1922־1923) **דאס אידישע ווארט**, ווינ׳. ער איז געווען דער רעדאַקטאָר־ארויסגעבער פון **קאַנאַדער אידישער האנדעלסמאַן**, (דערשינען חודשלעך, טאָר׳ 1934־1935) לאנגע יאָרן אָנגעפירט מיט דער הומאָריסטישער ביילאַגע צום אידישן זשורנאַל **״דער לץ״** וואס ער האט כמעט אליין אויסגעפילט מיט אַקטועלע לאַבערייקעס, לידער און פעליעטאָנען. געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ.

ז. רייזען, **לעקסיקאָן** ב.3, ש. בעלקין, **די פועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס, קאַנאַדיאַנאַ, אינפאָרמאַציע פון נחמן שמן, טאָר׳.

וואנען אין 1949 געקומען קיין מאָנטרעאל, ווו ער איז אַקטיוו אין אַ צאָל געזעלשאַפטלעכע און קולטור אינסטיטוציעס. אָנגעהויבן שרייבן מיט רעפּאָרטאַזשן און קאָרעספּאָנדענצן פון יידישן אַרבעטער לעבן אין פרייע יוגנט און אַרבעטער צייטונג (ביידע אין וואַרשע) 1932. ער איז אויך געווען אַן אינערלעכער מיטאַרבעטער פון דער צייטשריפט אויף דער פריי. שטוטגאַרט, 1946־1947, **אונדזער וואָרט**, בריסעל. זינט 1950 באַטייליקט זיך מיט אַרטיקלען אויף אַלגעמיין־יידישע און אַקטועלער טעמאַטיק אין **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט׳ **ראַדעמער שטימע**, טאָר׳, א.א. אין **ראַדאָמער יזכור־בוך**, ת.א. 1961, פאַרעפנטלעכט פאַרשידענע אַרבעטן וועגן זיינע איבערלעבונגען ביי די נאַציס.

פּראָלעטאַרישער געדאַנק, טאָר׳ אויג. 1945, קאַנאַדיאַנא.

קירשענבלאַט, משה (14טער דעצ׳ 1905)

געב׳ אין ראַדעם, פּוילן. געלערנט אין חדר, פאָלקסשול און דורך זעלבסטבילדונג. פון די פרייע יוגנט־יאָרן אַקטיוו אין דער לינקע פּ.צ.־פּאַרטיי. ביז דער נאַצישער אָקופּאַציע, געווען פּאָרזיצער פון דער ראַדעמער פּ.צ. אָרגאַניזאַציע און איר פאָרשטייער אין דער אָרטיקער קהילה־פאַרוואַלטונג. שפּעטער געווען אין געטאָ און ביז 1944 געאַרבעט אין אַמוניציע פאַבריקן. איבער־געלעבט די מלחמה אין נאַצישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן און באַפרייט געוואָרן דורך דער אַמעריקאַנער אַרמיי אין אַפּריל 1945. א צייט געלעבט אין פּליטים לאַגערן אין לאַנדסבערג און שטוטגאַרט, דערנאָך אין בריסעל פון

קלאַדמאַן, בנימין (22טער אַפּריל 1881־12 טער יאַנ. 1973)

געב׳ אין וואָלאָדאַרסק, אוקראַינע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. ביז 1901 געלעבט אין קיעוו, דערנאָך געקומען קיין טאָראָנטאָ, און געוואָרן איינער פון די בעסטע יידישע און העברעישע לערערס סיי אין טאָראָנטאָ און סיי אין אַטאַוואַ, ווו געלעבט אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. לאַנגע יאָרן געדרוקט אַרטיקלען וועגן חינוך, דערציילונגען און מאמרים, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט קלאָרקייט און אַנאַליז אין **דער יידישער זשורנאַל**, טאָר׳ **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט׳ **דאס יודישע ווארט**, ווינ׳. ווי אויך אין פאַרשידענע פּעדאַגאָגיע צייטשריפטן און זאַמלונגען סיי אין יידיש און סיי אין עברית אין

פאַרשידענע לענדער און אויך אין מדינת ישראל. מחבר פון לערנביכער אין יידיש און דער עיקר, אין עברית, וואָס זיינען באַנוצט געוואָרן אין יידישע און אין העברעאישע העבערע שול־קלאַסן אין קאַנאַדע. טיילן פון זיינע דערציילונגען וואָס שילדערן דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן אין אוקראַינע און פון טאָראָנטאָ, זיינען אריין אין זיין **בוך פון יענער זייט**, טאָר׳ 1953, 126 ז׳ אויך א צאל פון זיינע לידער אין יידיש און עברית געפונען מיר אין זיין בוך **מחזות ושירים**, טאָר׳. 1949, 96 ז׳ ער איז אויך דער מחבר פון **השיחון העברי** (3 טיילן, צו 48 ז׳ און פיר בענדער **שפה ברורה**, ת.א. — 1959־1972, יעדער באנד צו 160 ז׳ וואס זיינען דער עיקר געהילפס־ביכער פאר העברעישע לערערס. דערשינען אונטערן נאמען "בן תימן" ער איז אויך דער צוזאַמענשטעלער פון א צאל העברעישע כרעסטאָמאטיעס וואָס ווערן באנוצט אין העברעישע מיטל־שולן. געשטארבן אין טאראנטא.

טאראנטא סטאר, [illegible]5 [illegible] 1973 נעקראלאגן אין דער פרעסע. אינפארמאציע פון זיין איניקל צבי ק׳ און פון הרב נחמן שמן, טאָר׳ קאנאדיאנא.

קליגמאַן, יוסף (24 אויג. 1908 —)

געב׳ אין וואלאדארקע, קיעווער געגנט, אוקראינע. באקומען טראדיציאנעלע דערציונג אין חדר ישיבה, אויך געענדיקט א רוסישע גימנאזיע. פון 1926 אין קאנאדע. לאנגיעריקער לערער אין די יידישע־וועלטלעכע שולן. צוערשט אין לאנדאן, אנט. ווינדזאר און דעטרויט אין 1939 באקומען זיין מאסטער־דיגרי פון "וועין שטאָט קאָלעדזש". זינט 1963 פרינציפאל פון דער "באראכאוו־שול" אין טאר. פון די יונגע יארן אקטיווער טוער אין דער לינקער פ"צ — באוועגונג. מיטגליד פון צ"ק. פון "פ"צ־אחדות העבודה" אין קאנאדע. באקאנטער לעקטאר און רעדנער, דער עיקר וועגן יידישער ליטעראטור און זיינע פראבלעמען. אנגעהויבן שרייבן אין די יונגע יארן מיט עסייען וועגן יידישע שרייבער אין די ווכ"צ **די וואך**, בוקארעסט, 1923, (רעד. ד"ר שלמה ביקעל) זינט דעמאָלט זיך באטייליקט מיט עסייען וועגן יידישע שרייבער און ביכער, ארטיקלען וועגן פעדאַגאָגישע פראגעס און וועגן יידישע קולטור ענינים און איבערזעצונגען פון העברעיש אין **דאס אידישע ווארט**,, ווינ׳ (פון 1927) דערנאָך געווארן א שטענדיקער מיטארבעטער פון **דער פראלעטארישער געדאנק**, טאר׳ די לעצטע יארן איז ער (צוזאמען מיט יהודה טיבערג) מיטרעדאַקטאָר פון **אונדזער וועג**, טאָר. ער פירט אויך לעצטנס א העברעישן קאלום אין דער ענגליש־יידישער וואכנשריפט **קאנאדיען דזשואיש ניוס**, טאָר׳.

דר׳ יוסף קליגמאן צייכנט זיך אויס אין זיינע ארבעטן, וואס זיינען געשריבן אין אַ קלאַרער יידישער און העברעישער שפּראַך, אייגנאַרטיקן סטיל און קריטיש־ליטערארישן אנאליז. זיי זיינען א צושטייער צו דער יידישער ליטערארישער קריטיק. (ח.ל. פוקס)

קראַנץ, מרים (20 טער דעצ׳ 1914 —)

געב׳ אין פאביאניץ, ביי לאדזש, פוילן אין דער משפחה פון א חזן. אין 1922 געקומען קיין מאַנטרעאַל. געענדיקט די יידישע פאלקסשול, העבערע קורסן און שטודירט

הומאַניסטישע וויסנשאַפטן אויפן מאָנטרעאַלער אוניווערסיטעט. אייניקע יאָרן געווען א יידישע לערערין אין די פאָלקסשולן, דערנאָך אין דער אברהם רייזען־שול ביים אַרבעטער־רינג. אָנגעהויבן שרייבן מיט עסייען וועגן יידישער פאָעזיע אין די שול־יאָרן און דעביוטירט מיט א עסיי וועגן י.י. סיגאַל אין די אויסגאַבע (**בליענדיקע צווייגעלאַך**)רעד. שלמה ווייסמאַן מאנט' 1931, וואָס האָט באוויזן טאַלאַנט און אייגנאַרטיקייט, דער עיקר דורך איר צאַרטן טאָן און לירישער באַלייכטונג, זינט דאַמאָלט זיך באַטייליקט מיט לידער, עסייען, דערציילונגען און קינדער מעשהלעך אין **קאנאדער אדלער, מאנטרעאַלער העפטן, העפטן א.א.** (אלע אין מאנט') **פרייע ארבעטער שטימע, שריפטן** (רעד. אבע גאַרדין) **אויפן שוועל, אויפסניי, קינדער זשורנאַל, קינדער ציטונג, בני יידיש, אונדזער אייגן ווארט** (אלע אין נ.י.) **די פרעסע, אידישע שריפטן, דרום** (אלע אין ב.א.) ווי אויך אין **דרום אפריקע** און אין אנדערע זאמלונגען (אויך אונטער מ. וויינבערג)

גרייט צום דרוק אַ בוך **לידער און עסייען**, דאַרף דערשיינען אין סוף 1979, אין מאָנטרעאַל.

..."זי איז טאַלענטירט. דער עיקר אין איר שרייבן קומט ארויס בולט איר ממש פאַרליבטקייט אין דער יידישער דיכטונג, דערהויפּט בעתן באהאנדלען די פרויען דיכטונג אין דער יידישער ליטעראַטור."

(ח.ל. פוקס)

קראַסני, וואָלאַדימיר (1900־12 טער מאַי 1977)

ליטעראַרישער נאָמען פון זאב מיראַנסקי, געב' אין א שטעטל ביי כאַרקאָוו, אוקראַינע. יידישע און טיילווייזע אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט א סאָוויעטישע יידישע מיטלשול און א צייט שטודירט אין א פעד־טעכניקום, גלייכצייטיק געוואָרן א יידישער שריפטזעצער און געארבעט אין **כארקאָווער שטערן. דאָרטן געדרוקט זיינע ערשטע לידער. אין 1922 געקומען קיין קאנאדע. א צייט געלעבט אין וויניפעג, דערנאָך ביז 1950 אין טאָראָנטאָ. געווען א מיטגליד פון דער יונגער פראָלעטארישער דיכטער־גרופּע און באַטייליקט זיך אין פראוליטי באַגינען, העפטן, און געווירבל,** גלייכצייטיק געווען פון די הויפּט־מיטארבעטערס פון **דער קאַמף,** שפעטער פון **דער וועג** און **וואכנבלאט** (אלע אין טאר) אין די אלע אויסגאַבעס געדרוקט דערציילונגען, לידער, פאראדיעס און ליטעראַרישע קריטיק אין וועלכע גאָר שאַרף געשטראָפט די נייע, יונגע שרייבערס, וואָס גייען נישט אין די טריט פון דער סאָוויעטישער, נייער יידישער ליטעראַטור. ער האָט אויך ספאָראַדיש זיך באַטייליקט אין **דער האַמער, מ. פרייהייט און יידישער קולטור** און אנדערע לינקע אויסגאַ־בעס אין נ.י. נאָכן אויפקומען פון דער יידישער מדינה, געוואָרן נאַציאָנאַל געשטימט, פאַרלאָזט קאַנאַדע און זיך באַזעצט אין תל אביב. דאָרטן זיך מפרנס געווען פון פאַרשידענע אַרבעטן און אויך פון זיינע איבערזעצונגען פון רוסיש און ענגליש פאַר דער העברעישער און יידישער פרעסע. פון צייט צו צייט האָט ער אויך געדרוקט זיינע נייע זאַכן אין **פריי ישראל**, אָבער אין די נייע זאַכן האָט ער שוין אינגאַנצן געענדערט זיין מיליע און טאָן. געוואָרן

רואיקער סיי אין געמיט און סיי אין אויסדרוק, פון זיינע פסעוודאָנימען זיינען באַקאַנט: דער רויטער, א וואלף, דני זאב, א.א. געשטאָרבן איינזאַם אין תל אביב.

ח.מ. קייזערמאַן ווייטאל, **אידישע דיכטער אין קאַנאַדע**, מאָנט' 1934, אינדעקס. אינפארמאַציע פון רחל ראַוויטש, מאנט' און בן־עמי־פאָגעל, תל אביב, **קאַנאַדיאַנא**.

קרוגער, חיים (1876 — וטער יאַנ. 1934)

געב' אין מערעטיק, ביי פאָניוועזש, ליטע, געלערנט אין ישיבות און געשמט פאר אן עילוי. פון 1907 ביז צו זיין טויט, געוווינט אין מאָנט'. געוועזן א שוחט, בעל־תפילה, ראש־ישיבה און מטיף וועגן יידישע און אלגעמיינע פראַגעס, וואס ער האט דעפינירט לויט דער יידישער מסורה און על־פי דער לערע פון חז"ל. א גרויסער מתמיד, האט ער אין די ערשטע יאָרן אין מאָנט', זיך אויך פארפולקומט אין וועלטלעכע וויסן, וואָס האָט אים נעענטער געברענגט צו זיין באַהאַוונטקייט אין די פראָבלעמען וואָס ער האָט באַריירט אין זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן. אָנגעהויבן שרייבן אין די יוגנט־יאָרן אין לשון־קודש און נאָך אין 1902 פאַרעפנטלעכט עטלעכע פעליעטאָנען אין **הצפירה**, וואַרשע און אין **הזמן**, ווילנע. ער איז געוועזן פון די ערשטע רעדאַקציע־מיטגלידער פון **קאַנאַדער אָדלער**, און ביז צו זיינע לעצטע טעג, פאַרעפנטלעכט כמעט טעגלעך אַרטיקלען, פעליעטאָנען, עסייען וועגן דערציונג א"א. באַזונדערס דאַרפן דערמאָנט ווערן זיינע עסייען אויף טעמעס פון יידישער געשיכטע, יידישע פילאָזאָפיע, וואס ער פלעגט יעדן פרייטיק באַלויכטן אין א צוגענגלעכער פאָלקס־שפּראַך און נאָענט געמאַכט פארן ברייטן עולם. (צווישן זיי) די סעריעס וועגן די מקובלים פון צפת, דער ארי הקדוש, ר' יהודה הלוי (ספּעציעל וועגן דעם "כוזרי" ר' סעדיה גאון, פילון היהודי, יוסף פלאוויוס און דער עיקר זיין גרויסע פאָרשונג וועגן "רמבם און זיין צייט" וואס דורך זיינע אַרבעטן האט ער זיי דערנענטערט צו די יידישע פאָלקס־מאסן און אויך באַרייכערט, ווי עס שרייבט ישראל ראַבינאָוויטש־(סיי אונדזער אַלטער רבנישע ליטעראַטור און סיי די רענעסאַנס־עפּאכע פון דער נייער צייט"..) פון זיינע געדרוקטע ווערק זענען בלויז אַרויס אין בוכפאָרם **ר' סעדיה גאון**, מאָנט' 1930, 132 ז' **דער רמבם, זיין לעבענסוועג און זיין שאַפן**, דאָרטן 1933, 279 ז' וואָס איז פון די פּאָפּולערסטע ביכער אין יידיש וועגן רמבם. ער האט אויך געדרוקט אונטער. חקר, שאָכאַט, דאָבל־קוף א גאַסט, היימאַן צינמאַן, פעטער ברוך, א.א. נפטר געוואָרן אין מאָנטרעאַל.

מער וועגן אים זען: ז. רייזען, **לעקסיקאָן** ב.3 מיט ביבליאָגראַפיע, פראָפ. ש. חיות, **אוצר בדוי השם**, ישראל ראַבינאָוויטש, **יובל בוך קאַנאַדער אָדלער**, 1932, 1938 מ. גינזבורג **יובל בוך ק.א. 1957**, **קאַנאַדיאַנא**, אינפאָרמאַציע פון זיין זון דוד.

קרייצער, מענדל (1902 — 5 טער נאָוו. 1964)

געב' אין סאָסנאָווצע, פּוילן אין אַן אַרבעטער־משפחה. יידישע און טיילווייזע אַלגעמיינע בילדונג. פון די פריע יוגנט־יאָרן טעטיק אין דער לינקער פ.צ.־פּאַרטיי. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געקומען קיין טאָראָנטאָ איינינקע יאָר געוועזן אַן אַרבעטער, שפּעטער, אייגנטימער פון

א רייזע־ביורא און לאנגע יארן געווען אקטיוו אין דער אָנפירונג פון "האיאס". נאכן חורבן פוילן, באלד אין 1945, געלאָפן אין די פליטים־לאגערן אין דייטשלאַנד און ממש געראַטעוועט די אָנגעקומענע פון די לאגערן און רוסלאנד און זיי געהאָלפן עמיגרירן אין דער פרייער וועלט און דער עיקר קיין מדינת ישראל, וווהין ער איז אויך געפאָרן זיך באזעצן. געווען א חבר פון דער יונגער פראַלעטארישער דיכטער־גרופע אין טאָר. וואס האָבן זיך גרופירט ארום די ליטעראַרישע זאמלונגען, **באגינען, העפטן, אין געווירבל פראָלעטאַרישער געדאַנק**, ווי אויך אין **דער יודישער זשורנאל** (אלע אין טאָר') באטייליקט זיך אין **קאנאדער אדלער**, מאָנט'. א"א. געדרוקט לידער, נאָוועלן און קליינע דערציילונגען און פון צייט צו צייט, אַרטיקלען איבער יידישער פאעזיע. געווען א מיטגליד פון א פארלאג, וואָס האָט ארויסגעגעבן די ווערק פון יונגע שרייבער אין טאָר. צווישן זיי זיין ביכל **נאָוועלן**, טאר. 1928, 32 ז' וואָס אנטהאלט 4 פון זיינע נאָכנישט געדרוקטע נאָוועלן וואס האבן געוויזן טאלאנט. געשטאָרבן אין ירושלים.

ח.מ. קייזערמאַן־וויטאל, **אידישע דיכטער אין קאנאדע**, אינדעקס. נחמן שמן, **אידישע נייעס** טאָר' 20 טער נאָוו. 1964, **קאנאדיאנא.**

קריסטאל, חיים־מאיר (1865 — 5טער מיי 1928)

געב' אין ראָדעם, פוילן. געלערנט אין ישיבות. תלמיד פון הרב ריינעס פון ווען באקומען סמיכה אויף רבנות. פון די יונגע יאָרן, טעטיק אין דער רעליגיעזער־ציוניסטישער באַוועגונג פון "מזרחי" און אירס א דעלעגאט צום צווייטן ציוניסטישן קאנגרעס אין באזעל. ביז צו זיין קומען אין 1904, אין אמעריקע געווען א מטיף־רייזנדער דערנאך ביז 1910, געווען רב און ראש־ישיבה אין ניו יאָרק און גלאָווערסוויל. אין 1911 געקומען קיין קאנאדע און ביז 1919 געווען רב אין קוויבעק, שפעטער אין מאנט', מיטגרינדער און א צייט פרעזידענט פון שטאטישן "מזרחי" און מיטגליד פון "וועד העיר". נאך אין פוילן געדרוקט ארטיקלען אויף ציוניסטישע און רעליגיעזע טעמעס אין **הצפירה, וואַרשע**. אין קאנאדע פאַרעפנטלעכט מאמרים וועגן רעליגי־עזן ציוניזם און וועגן אקטועלע יידישע פראַגעס אין **קאנאדער אדלער**, מאנט' **מארגענזשורנאל** און מזרחי־צייטשריפטן. מחבר פון ספרים צווישן אנד. **חקר דבר** (געשריבן אין 1910) ארויסגעגעבן פון זיינע זין, מאָנט' 1960, 33 ז' דאָס ספר באהאנדלט ענינים פון חליצה און יבום און איז אינטערעסאנט מיט זיינע אויספירן, וואס זיינען אקטועל אין יידישער הלכה אין אונדזערע טעג. נפטר געווארן אין מאָנטרעאל.

הו איז הו אין קאנאדיען זשורי, קאנאדער אדלער, 7 טער מאי 1928, אינפארמאציע פון זיין זון אברהם, **קאנאדיאנא.**

קריסטאל, לעאָן־דוד (7 טער מאי 1900 — 21 טער מערץ 1963)

געב' אין ווארשע, פוילן. אין די יונגע יארן געקומען קיין קאַנאַדע. א צייט געלעבט אין קוויבעק און פון 1910 ביז צו זיין פריען טויט, אין מאנט'. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. געענדיקטער אדוואקאט פון פראנצויזישן אוניווערסיטעט, פון "מק־גיל" אין מאָנטרעאל ווי אויך פון "ניו יארקער אוניווערסיטי" אין 1926, באקומען זיין

דיפּלאָם אלס אדוואָקאט. פון די פריע יוגנט־יאָרן אָקטיוו אין דער ציוניסטישער באוועגונג. מיטגרינדער פון דער יוגנט־ארג. "יהודה הצעיר", שפּעטער טעטיק אין דער אלגעמיין — ציוניסטישער און אין דער כלל־ישאלדיקער אקטיוויטעט אין דער שטאט. פון 1950 ביז צו זיין פטירה, געווען דער פאַרטרעטער פון דער ליבעראל־פּארטיי פאר דער "אוטרימאנט־געגענט" אין קאנאדער פּארלאמענט און זיך ספּעציעל אפּגעגעבן מיט יידישע אינטערעסן. באַקאַנטער רעדנער און לעקטאָר אייניקע מאָל באזוכט די יידישע מדינה און נאך דער מלחמה אין 1956, צוזאמען מיט א דעלעגאציע פון פּארלאמענט־דעלעגאטן באזוכט ישראל. זינט 1926 געדרוקט ארטיקלען וועגן פארשידענע יידישע און אלגעמיינע פּראבלעמען אין **קאנאדער אדלער** (דאָרט אויך אין די יארן 1926־1927 געפירט א קאלום וועגן שטייער ענינים). שפּעטער געדרוקט וועגן "מאָנטרעאלער יידן אין העברעע פראָפעסיעס" וואָס האָט צום ערשטן מאָל ארויסגעברענגט די אייגנארטיקייט פון א גרויסער צאל יידישע כלל־פערזענלעכקייטן פון היגן יידישן ישוב (יובל אויסגאַבע ק.א. 1927) זיינע ארטיקלען וועגן באזוך פון דער קאנאדער פּארלאמענטס דעלעגאציע אין ישראל (ק.א. אדל. 1960) זענען איבערגעדרוקט געווארן אין **לעצטע נייעס** און סיי אין **הארץ** אין ישראל ווי אויך אין **קאנאדער דזשואיש קראָניקל** פון וועלכן א צייט געווען דער רעדאקטאר.

איבערזעצט פון יידיש און צוגעגעבן זיינע הוספות און הערות צו ישראל ראבינאוויטשעס בוך **די געשיכטע פון אידישן שול פּראבלעם אין קוויבעק**, מאנט' 1926, געשטארבן פון א הארץ־אטאקע בעתן צוגרייטן א רעדע פאר זיין נייעס קאמפּיין צום פּארלאמענט אין מאָנטרעאל.

22 טער מערץ 1963, מ. גינזבורג, **קאנאדער אדלער** 17טער יאנ. 1960, אויך נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע. קאנאדיאנא.

קרישטאַלקע, שפרה (19 טער דעצ. 1909 —)

געב' אין טישעוויץ, לובלינער געגנט, פוילן. באקומען א יידיש־נאציאנאלע און פרומע דערציונג. געענדיקט א פוילישע פאלקסשול און דעם יידישן לערער־סעמינאר אין ווילנע. פון די יונגע יאָרן געווען אקטיוו אין דער פ.צ. באוועגונג. פון 1933 אין מאָנטרעאל. פון 1936 ביז 1975, געווען א לערערין אין די פּרץ־שולן, אנגעהויבן שרייבן אין די פריע יוגנט־יארן מיט דערציילונגען און זינט 1938 פארעפנטלעכט ארטיקלען וועגן שול און קולטור־ענינים, דערציילונגען, עסייען וועגן ביכער און שרייבער אין **פּרץ־שול בוך**, מאנט' (1938) **קאנאדער אדלער**, מאנט' **דער וועג**, **וואָכנבלאט**, טאָר' **מ. פרייהייט**, **יידישע קולטור** (ביידע אין נ.י.) **חשבון**, ל.א. **פנקס טישעוויץ**, ת.א. 1970 זי איז די מחברין פון א רייע ביכעלעך פאר קינדער, וואס זענען געלערנט געווארן אין די פּרץ־שול צוו. אנד. **די שול, אין דער היים, א גוט־שבת, חנוכה, פסח, צוליב די קינדער־וועגן** (אַ פורים מעשה'לע) **וואָסזשע בין איך? די באָבע דערציילט**, די **זון און די לבנה**, **דער עפּל**, א"א (צאָל זייטן אין יאָרן פון דערשיינען, פארשידן) איר ארבעט **"דער־לימוד אלס לעבעדיקע שפּראך**, מיט צייכענונגען פון קינסטלער י. שיינבלום, איז אין 1960

אַרויסגעגעבן פון "קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס" און איר **יידיש־פּראָגראַם פאַר די שול־קלאַסן 1 און 2** איז דערשינען ווי אַן אויסגאַבע פון די פּרץ־שולן, מאַנט׳ 1970. געדרוקט אויך א"פ מ. פישער.

ישראל ראַבינאָוויטש, **קאַנאַדער אדלער**, 29 טער מאי 1938, משה קאַץ, **מ. פרייהייט**, 6 טער נאָוו. 1945, אברהם באַראַבאַן, **יידישע צייטונג**, ת.א. 9 טער אַפּריל 1971, ב. אַרנשטיין, **קאַנאַדער אדלער**, 18 טער יוני 1971

קרישטאַלקע, שלום (4 טער פעבר. 1905 — 16 טער אויג. 1977)

געב׳ אין לודמיר, וואָלין. יידישע און טיילווייזע אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט א "תרבות־שול" און דורך זעלבסטבילדונג. פון 1933 ביז צו זיין פריען טויט, געוווינט אין מאָנטרעאַל, געווען א שאַפּ־אַרבעטער, גלייכצייטיק אַקטיוו אין יידישן אַרבעטער און קולטור־לעבן. לאַנגיעריקער גענעראַל־סעקרעטאַר פון "פּאָלקס־אָרדן" און טעטיק פאַר די יידיש־וועלטלעכע שולן, "ייוואָ" א.א. פון די יונגע יאָרן א באַגייסטערטער ליבהאָ־בער פון דער יידישער ליטעראַטור און א זאַמלער פון ביבליאָגראַפישע מקו־רות. ער האָט געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישע קולטור פּראָגעס, ביבליאָגראַ־פישע פאַרצייכענונגען און קאָרעספּאָנדענצן אין **קאַנאַדער אדלער**, מאַנט׳ **וואָכנבלאַט**, טאָר׳ **יידישע קולטור**, **מ. פרייהייט**, נ.י. **די פּרעסע**, ב.א. **נייע פּרעסע**, פּאַריז, א.א. אין **פּנקס טישעוויץ**, ת.א. 1970, פאַרעפנטלעכט די סקיצן "ר׳ אברהם שטערן, ז"ז 154־158 און דער קעמפער פון וואַרשעווער געטאָ, יהושע שטענגעל" ז"ז 251־262, וואָס שילדערן דאָס לעבן פון צוויי פאַרשידענע טיפּן פון לודמירער יידן און זייערע שטרעבונגען. אויף דעם שטעלט זיך אָפּ יעקב זיפער וואָס שרייבט: "צו די הויפּט־ביאָגראַפיעס אין **פּנקס טישעוויץ**, איז דער פיין־געצייכנטער פּאָרטרעט פון רעליגיעזן דענקער און מחבר ר׳ אברהם שטערן, א ווויכטיקער בייטראָג..." ח.ל. פוקס דערציילט: "בעת איך האָב געאַרבעט אויף ביאָגראַפיעס פאַרן **לעקסיקאָן** און פלעג נישט וויסן גענויע ביבליאָגראַפישע פּרטים, האָט מיר שלום תמיד אַרויסגעהאָלפן"...

אויף דער טרויער־אזכרה צום 25 יאָריקן אומברענגען די יידישע שרייבערס אין סאָוועטן פאַרבאַנד, דעם 16 טן אויג׳ 1976, האָט ער זיך אַזוי שטאַרק איבערגענומען אַז בעת ער האָט געהאַלטן אין מיטן לייענען משה קולבאַקס א ליד, געקריגן א שווערע האַרץ־אַטאַקע און געשטאָרבן.

בער גרין, **מ. פרייהייט**, נ.י. 26 טער מערץ 1971 אַרנשטיין, בנימין **קאַנאַדער אדלער**, מאַנ׳ 18 טער יוני 1971, אַלעף, **דאָרטן, 26 טער אויג׳ מ. טרעפּמאַן, דאָרטן**, חיים שפּילבערג, **28טער אָקטאָבער 1976. נח ברעסקא, יידישע קולטור**, נומ. 1 1978.

קרישטאַלקע, אהרן (1 טער יולי 1940 —)

געב׳ אין מאָנטרעאַל, זון פון שפרה און **שלום ק׳** אין א שטוב פון יידישע קולטור־טוערס און שרייבערס. געענדיקט א יידישע טאָג־שול, מיטלשול. נאָכן ענדיקן מק־גיל אוניווערסיטעט אין מאָנטרעאַל, שטודירט פילאָזאָפיע און געשיכטע אין אוניווערסיטעט פון לאָנדאָן און באַקומען זיין דיפּלאָם. אָנגעהויבן שרייבן מיט לידער אין די גאָר פריע יאָרן און דרוקן צו 9 יאָר. דעביוטירט מיט צוויי **לירישע לידער**, וואָס האָבן באַוויזן טאַלאַנט אין

זשורנאל **יונגוואַרג**, נ.י. 1949. זינט דאַמלט באַטייליקט זיך מיט לידער, עסייען וועגן ליטעראַרישע פּראָבלעמען, אַרטיקלען אויף אַקטועלע יידישע און וועלטלעכע טעמעס, טיפן פון יידישע געלערנטע און וועגן יידיש-וועלטלעכע קולטור און שול-קאַמף אין **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ **וואַכנבלאַט**, טאָר׳ **יונגוואַרג**, **יידישע קולטור**, נ.י. דאָרטן באַקומען אין 1959 פּאַרן בעסטן ״ליד פון יאָר״ (1958) מאָרגן-פרייהייט, אונדזער אייגן ווינקל (אַלע נ.י.) **די פּרעסע**, ב״א, **נייע פּרעסע**, פּאַריז, **אונדזער פריינד**, מאָנטעווידעאָ, א.א. ער איז פאַרטראָטן אין נ. מייזלס **אַנטאָלאָגיע פון יידישן וואָרט**, נ.י. 1955, ש. ראָזשאַנסקיס **קאַנאַדיש**, ב״א 1974 א.א. באַטייליקט זיך אויך אין די ענגלישע פּאָעטישע זשורנאַלן און אין אַ צאָל יידיש-ענגלישע צייטונגען. זיין איינציק בוך (דערשינען צו זיין בר-מצוה) **גוט מאָרגן דיר וועלט**, לידער, פּאָעמען און משלים, מיט פאָרווערטער פון שלום שטערן און זישע וויינפּער, מאָנט׳ 1953, 105 ז׳ איז מיט גרויס אויפמערק, אויפגענומען אין דער יידישער ליטעראַטור און מיט ליבשאַפט אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי דאָס בוך פון דער יוגנט, פון אַ נייער גענעראַציע יידישע שעפערס. ווי עס שרייבט ז. וויינפּער...״דער יונגינקער אהרן ק׳האָט אַן אויג פאַר דער נאַטור... דאָס דאַרף מען ספּעציעל אונטערשטרייכן״... און שלום שטערן זאָגט: ...דער וווּנדער פון זיין פּאָעטישן טאַלאַנט האָט זיך ביי אים אַנטפּלעקט דורך פאַרשידענע פערזן ווי אויך דורך די שיינע, שטילע און האַרציקע קינדער-לידער״... ש. ניגער (טאָג-מ. זשורנאַל, 7 טער מערץ 1954) שטעלט זיך באַזונדער אָפּ אויף זיין יידיש, וואָס איז ריין און רייך און לייכט און שפּילעוודיק. באַזונדערס די פרישע בילדער, וואָס ער מאָלט אין זיינע לידער...נ.י. גאָטליב (קאַנ. אַדלער, 21 טער אַפּריל 1954) איז צופרידן פון א.ק. לידער, וואָס פירן אַוועק אין נייע, פאַרביקע וועלטן. ער שילדערט אויך לעבעדיק די וועלט פון קינדער״... וועגן די נייע לידער וואָס ער דרוקט עד היום, שרייבט שלום שטערן (מ. פרייהייט, 20 מערץ 1960) דאָס ליד ״וויגער-וויגער״ באַטש ער וויכט-אָפּ פון אַנגענומענעם נוסח, איז פול מיט זיין אייגענעם פּאָעטישן שטייגער און ווירקט מיט וואַרימקייט פון דיכטערישער איבערלעבונג.

א.ק. איז לערער פון געשיכטע און פילאָזאָפיע פון וויסנשאַפט אין דאָוסן-קאָלעדזש. ישראל ראַבינאָוויטש, **יובל בוך קאַנאַדער אַדלער**, 1959.

קרעמער, אַרי׳-לייב (1918 —)

געב׳ אין כעלם, פּוילן. יידישע און טיילווייזע וועלטלעכע בילדונג. פון 1930 ביז 1938, תלמיד פון ליובאַוויטשער ישיבה אין וואַרשע, דערנאָך ביז דער מלחמה אין 1939, ראש ישיבה אין קאַלושין. בעתן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, איבער יאַפּאַן אין 1941 געקומען קיין מאָנט׳. מנהל פון די ליובאַוויטשער ישיבות. געדרוקט אַרטיקלען וועגן חינוך און מאמרים אויף יידישע רעליגיעזע טעמעס אין **דער חבר**, מאָנט׳ 1942-1946, **קאַנאַדער אַדלער**, און אין אַ צאָל יידישע און העברעישע אויסגאַבעס פון ליובאַוויטשער חינוך-אָפּטייל און נ״י.

קאַפּיטאָ ישראל — (23 טער יוני 1915 —)

געב׳ אין סערצין ביי שעדלעץ, פּוילן אין א חסידישער משפּחה. געלערנט אין חדר און קאַלודינער ישיבה. אין די יאָרן פאר דער צווייטער וועלט מלחמה, געלעבט אין ווארשע. דאָרטן געוואָרן טעטיק אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, גלייכצייטיק אין די אָוונטן געלערנט וועלטלעכע לימודים, ווי אויך אין אַ פאַך־שול, וואָס געענדיקט ווי א מייסטער. בעת די נאַציס האָבן פארנומען פּוילן, אוועק קיין רוסלאַנד און ביז צו זיין צוריקקומען קיין פּוילן אין 1945, געלעבט אין טשקאַלאָוו און זיך מפרנס געווען פון פיזישער ארבעט. פון נאָוועמבער 1945 ביז אנהויב פון די פופציקער יאָרן געלעבט אין דייטשע "די־פּי" לאַגער ניי־אולם און ווי א פאַרשטייער פון געראַטעוועטע יידן געווען אויפן נירענבערגער פראָצעס קעגן די הויפּט אָנפירער פון נאַצישן אויסראָטונג פון די יידן.

זינט מיטן 1953, לעבט קאַפּיטאָ אין טאָראָנטאָ, ווו ער איז אַקטיוו אין אַלע יידישע געזעלשאַפטלעכע און קולטור אונטערנעמונגען.

זיין שרייבערישע טעטיקייט אנגעהויבן אין די דרייסיקער יאָרן מיט בילדלעך פון יידישן ארעמען און ארבעטער לעבן אין **אונדזער עקספּרעס** און אין דער פּוילישער ראַדיקאַלער צייטונג **דזשענניק פּאָפּולארני** (ביידע אין ווארשע).

ער איז אויך געווען טעטיק ווי א ספּעציעלער קאָרעספּאָנדענט פון נירענבערגער פּראָצעס אין **דאָס נייע לעבן**, לאָדזש, **די נייע פּרעסע**, פּאַריז, וואָס זיינען צוליב זייער וויכטיקן אינהאַלט, איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער יידישער פּרעסע אין פאַרשידענע לענדער. באַזוכט מדינת ישראל און פון דאָרטן אין 1976 געוויילט אייניקע וואָכן אין פּוילן באַזוכט די חרובע יידישע שטעטלעך און א צאָל פאַרניכטונגס לאַגערן און געדרוקט רעפּאָרטאַזשן סיי אין די יידישע **אונדזער וועג**, טאָראָנטאָ, **יידישע צייטונג**, תל אביב, און דער עיקר אין **דער טאָראָנטער סטאַר, וויקאַריער טיימס, קענעדיען דזשואיס..ניוס**, א.אנד. וואָס האָבן באַקאַנט געמאַכט וועגן דער יידישער לאַגע און וועגן די אויסזיכטן פון א יידישן ישוב אין פּוילן.

לויט פאַרשידענע צייטשריפטן.

ר

ראָבאַק, אברהם אהרן (19 טער יאַנ׳ 1890־6 טער יאַנ׳ 1965)

געב׳ אין גאָניאָנדז, ביי ביאַליסטאָק, פוילן. אין עלטער פון 2 יאָר געקומען מיט די עלטערן קיין מאָנטרעאַל. יידישע לימודים געלערנט אין א תלמוד תורה און וועלטלעכע אין פּאַלקשול און מיטלשול. צו 17 יאָר אריין אין "מק גיל אוניווערסיטעט", דאָרטן שטודירט פילאָזאָפיע און פסיכאָלאָגיע. אין 1912 געענדיקט מיט א גאָלדענעם מעדאַל דערנאָך שטודירט אין "האַרוואַרד־אוניווערסיטעט", דאָרטן באַקומען זיין מאַסטער דיגרי. אין 1917, געוואָרן א לעקטאָר אין דער "שול פאר סאָציאַלע וויסנשאַפטן" אין באָסטאָן. פון 1938, איז ער לאַנגע יאָרן געווען פּראָפעסאָר פאר פסיכאָלאָגיע אין "קעמברידזש אוניווערסיטעט", אָבער דאָס האָט אים נישט אינגאַנצן באַפרידיקט. ער האָט געהאַט אַן אַנדערן אידעאַל: דאָס איז די יידישע שפּראַך. צו איר האָט ער געדינט מיט אַלע פיבערן פון זיין נשמה. שוין אין זיינע פריע יאָרן בעתן לערנען אין מק גיל, האָט ער אָפּגעריסן צייטן בכדי צו שרייבן אין זיין באַליבטער שפּראַך: יידיש. און טאַקע שוין זיינע ערשטע אַרטיקלען אין **קאַנאַדער אַדלער** (1908) באַווייזן זיין ליבשאַפט און די אחריות פאר יידיש. דאָס האָט אים געבראַנגט דעם פאַרדינטן כבוד אז אין זעלבן יאָר, איז ער געוואָרן (דער ערשטער יונגער מענטש) דער רעדאַקטאָר פון דער צייטונג. זינט 1913, זיך כמעט אינגאַנצן געווידמעט דאָס שרייבן (סיי אין יידיש און סיי אין ענגליש) אזוי אז מען האָט אים אנגעטרויט צו ווערן רעדאַקטאָר פון יידיש־ענגלישן **קאַנאַדיען דזשואיש קראָניקל** און די גרעסטע יידישע זשורנאַלן און צייטשריפטן האָבן זיך געגרויסט מיטן דרוקן פון זיינע שריפטן. ער איז געווען פון די שטענדיקע מיטאַרבעטערס אין **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ **דאס נייע לעבן**, (רעד. ד״ר ח. זשיטלאָווסקי) **די ליטעראַרישע וועלט, ליטעראַטור און לעבן, דאס אידישע פאלק** (רעד. ד״ר יהודה קויפמאַן) אידישער קעמפער, ווי אויך אין דער טעגליכער יידישע פרעסע פון גאַנץ אמעריקע. אין 1918 (צוזאַמען מיט ח. זאַלאַטאַריאָוו) געווען פון די הויפּט־פּובליציסטן אין דער **וואַהרהייט**. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **דער טאָג, מאָרגנזשורנאַל, פאָרווערטס** (אַלע אין נ.י.) ער האָט פאַרעפנטלעכט ביז טויזנט אַרטיקלען, איבערהויפּט וועגן יידישע קולטור־פּראָגעס, יידישע מוזיק, הומאָר ליטעראַרישע קריטיק איבער שרייבער און ביכער. דערמיט איז ער געוואָרן, ווי עס שרייבט זלמן רייזען" איינער פון די געציילטע יידישע שריפטשטעלערס, וואָס האָבן פון זייער פּריסטער קינדהייט זיך באַוויזן אין דער נייער וועלט (אמעריקע) און דער עיקר־באַוויזן אויפצוהאַלטן די ריינקייט

און די פֿאָלקסטימלעכקייט פון זייער יידישן סטיל". דר א. ראָב' איז געווען איינער פון די פּיאָנערן פון דער יידישער פרעסע און זשורנאליסטיק אין קאַנאַדע און א ווירקענדיקע קראַפט אין יידישן לעבן פון קאַנאַדע בכלל. דאָס האָט זיך אויך ארויסגעוויזן בעתן גרינדן די ערשטע יידישע פאלקסשול אין מאָנטרעאל, וואס ער האָט אין זיינע ארטיקלען פראָפּאַגירט און פּאָפּולאַריזירט "ווי א נאציאנלער קנין". ער האָט עס געטאָן מיט דער גרעסטער ליבשאפט סיי אין דער יידישער און סיי אין דער יידיש־ענגלישער פרעסע. אין דער זעלבער צייט האָט ער **דער ערשטער** געקעמפט פאַר לערנען יידיש אין די אוניווערסיטעטן. אָנהויבנדיק פון זיינע ערשטע ארבעטן אין **קאנאדער אדלער** (אנהייב 1908) האט ער ביז צו זיין פטירה, אפילו קראנקערהייט, געדרוקט וויכטיקע ארבעטן סיי אין טעגלעכן ק.א. און אויך אין כמעט אלע זיינע **יובל ביכער**, דאָרטן ספּעציעל זיך אָפּגערופן וועגן דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און וועגן דער יידישער שפּראַך. דאָס זעלבע, אין **פילאָזאָפישע שריפטן פון ייווואָ** ב.2 דאָרטן געשריבן וועגן א צאָל מחברים פון אַלטע ספרים אין יידיש. און אזוי אויך אין **ייווא בלעטער**, **יידישע שפראך** אין ליטעראַרישע בלעטער און **ביכער וועלט** (ביידע אין וואר") פארעפנטלעכט א צאָל וויכטיקע פאָרשונגען צווישן זיי: "י.ל. פרץ ווי א פסיכאלאג," יידישע טיפן אין דער אלגעמיינע ליטעראַטור" ער איז אויך געווען א מיטארבעטער פון **פרייע ארב. שטימע**, **יידישער קולטור** די זאמלונגען **העפטן**, **יידיש** (אלע אין נ.י.) **די יידישע וועלט**, **פאַרויס**, מעקסיקע, א.א. זיין סעריע עסייען "די נייע טענדענצן אין דער יידישער שפראך" זיינען ראוי צו ווערן א מוסטער פון יאָ־אדער נישט־באנוצן נייע ווערטער אין דער יידישער רעד־און שרייב־שפראך. אין **ספר מנחה ליהודה** (געווידמעט דעם פאָלקלאָרי־סט און תלמיד חכם יהודה עלזעט־אבי־דע) פאַרעפנטלעכט אין עברית די אַר־בעט "תפיסות העולם בפולקלור היהו־די" ער האט איבערגעזעצט. לאַסאַלס **קאפיטאל און ארבייט**, נ.י. 1916, 434 ז'. מחבר פון א גרויסע צאל ווערק וועגן פסיכאלאגיע און פילאזאפיע (אין ענגליש). רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט **דער אידישער זשורנאל**, באָסטאָן, 1922. פון זיינע ביכער אין יידיש מוזן דערמאָנט ווערן **די אימפעריע יידיש** (אפאלאגיש ספר וועגן יידישער ליטעראטור און אירע שרייבער איבער דער וועלט) מעקסיקע 1958, 554 ז' **דער פאלקסגייסט אין דער יידישער שפראך**, פאריז 1964, 705 ז'. מיר דארפן אויך דערמאנענען די בראָשור **קריטיק אדער קריצעניש** (אן ענפער ש. ניגער) באָסטאָן, 1941. דר ראבאק איז אויך דער מחבר פון א צאָל בראָשורן אין וועלכע ער פראָפּאַגירט **יידיש ווי א וועלט שפראך**. דאס ארט דערלויבט נישט צו געבן מערערע אָפּרופן און ציטאַטן. ווילן מיר בלויז געבן א קליינע כאראקטעריסטיק פון מלך ראוויטש.

"ער איז געווען ממש א פאַנאַטישער ליבהאָבער פון יידיש און זיין פרייוויליקער אַמבאַסאדאָר פאר דער יידישער און אלוועלטלעכער קולטור... אין בוך פון די ניסים פון יידישן לשון, וועט די געשטאלט פון א.א. ראבאק, געדעכנט ווערן ווי איינער פון די 7 עיקר ניסים" (מלך ראוויטש, קאַנאַדער אָדלער, מאנט' 20 טער יוני 1965) א טייל פון זיינע פסעוודאנימען:

היסטאָריקוס, אב המתבונן, בר ברקא, בעל שם, בן עם הספר, פסיכיקוס.)

מער וועגן זיין רייך לעבן און שאפן זען: פנחס, **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט' 6 טער און 8 טער אויג' 1915, זלמן רייזען **לעקסיקאָן**, ב.4 מיט ביבליאָגראַפיע, א. אַלמי **ליטעראַרישע בלעטער**, 16 טער מיי 1930, ש. ניגער, **דער טאָג, 21** 20 טער אָקט. 1940, דר א. מוקדוני, **מאָרגנזשורנאַל**, 4 טער מיי 1958, ב.ג. זאַק, **קאַנאַדער אַדלער**, 15 טער יוני 1958, א. לעיעלעס **טאָג־מאָרגן זשורנאַל**, 15 טער נאָוו. און 13 טער דעצ' 1964, שלום שטערן, **וואַכנבלאַט**, 18 טער אויג' 1965, ג. ווייסמאַן, **פען פראַפילן**, ת.א. 1979.

ראַבינאָוויטש, יעקב — (16 טער אָקט. 1909 —)

געב' אין קאָוונע, ליטע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון די יונגע יאָרן טעטיק אין דער ציוניסטישער אַרבעטער באַוועגונג. געהילף סעקרעטאַר פון דער "סירקין געזעלשאַפט" "פ.צ. פּאַרטיי" אין קאָוונע, און דעלעגאַט צו א צאָל ציוניסטישע קאָנגרעסן. געווען 5 יאָר אין קאָוונער געטאָ, דערנאָך פון 1945 ביז 1948 אין איטאַליע. מיטגליד פון צענטראַל קאָמיטעט פון פּליטים, סעקרעטאַר פון דער פ.צ. פּאַרטיי. זינט 1948, אין מאָנטרעאַל און אַקטיווער עסקן אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן. עקזעקוטיוו־מיטגליד פון "קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס" 5 יאָר געווען א לערער אין "עדת ישראל" מיטלשול און 3 יאָר, אין ניו־פאַונלאַנד. איינצקע יאָר געווען לאַנד־דירעקטאָר פון דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג און אין איר נאָמען באַרייזט קאַנאַדע, דאָס זעלבע אויך ווי דער לייטער פון חינוך־דעפּאַרטמענט ביים "קרן התרבות" אין קאַנאַדע.

אָנגעהויבן שרייבן מיט אַרטיקלען אויף יידישער טעמאַטיק אין די וו״צ **דאָס וואָרט**, קאָוונע, 1933 פון וועלכער ביז צו דער סאָוויעטישער אָקופּאַציע, געווען א שטענדיקער מיט־אַרבעטער, ער איז אויך געווען קאָוונער קאָרעספּאָנדענט פון **יידישע בילדער**, ריגע. זינט 1945 געווען איטאַליענישער קאָרעספּאָנדענט פון **דבר ת.א. דאָס וואָרט**, פּאַריז, **אַפריקאַנער יידישע צייטונג**, יאָהאַנ. **יידישע צייטונג**, נ.א. **דאָס וואָרט, דער וועג, די שטימע** (אַלע אין מעק.) **פאָרווערטס, טאָג, מאָרגן זשורנאַל** (אַלע אין נ.י.) זינט 1948, מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אַדלער**, דאָרטן, חוץ זשורנאַליסטישע אַרבעטן אויך (צוזאַמען מיט אהרן הורוויץ), געפירט די וועכנטלעכע "מדור עברי". באַטייליקט זיך אין **דאָס יודישע וואָרט**, ווינ'. פון 1974 רעדאַקטאָר פון דער מאָנטרעאַלער זייט פון **דער אַלגעמיינער זשורנאַל**, נ.י. רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון בוך **בלעטער יידיש ליטע**, ת.א. 1974 222 ז'(דאָרטן צווישן אַנד. פאַרעפנטלעכט א סעריע פון 18 טרויעריקע עפּיזאָדן וועגן די יידן אין קאָוונע אין די מלחמה־יאָרן, אויך א גרויסע צאָל ביאָגראַפיעס פון ליטווישע יידן איבער דער וועלט. געדרוקט אויך א"פ. א האָרן, א קאָוונער, א"א.

יוסף פרידלענדער, **קאַנאַדער אַדלער**, 20 טער פעבר. 1976, **קאַנאַדיאַנא**.

ראַבינאָוויטש, ישעיה (22 טער נאָוו. 1904 — 17 טער יולי 1972)

העברעיש־יידישער שריפט־שטעלער, קריטיקער און פּעדאַגאָג. געב' אין האָראָדקאָוו, אוקראַינע. באַקומען יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט א לערער־סעמינאַר

און א צייט שטודירט אויפן קיעווער אוניווערסיטעט. אין 1924 געקומען קיין קאַנאַדע און א צייט, געווען א העברעישער לערער אין וויניפּעג, דערנאָך זיך באזעצט אין טאָראָנטאָ. פון 1935 ביז 1960, געווען פּרינציפּאַל פון די "פּארבאנד־שולן" און גלייכצייטיק ווייטער שטודירט אויפן אוניווערסיטעט. 1950 באקומען זיין ד"ר טיטל פון טעאלאגישן סעמינאר אין נ.י. 1967־1960 פּראָפעסאָר פון העברעאישער ליטעראטור אין "קאלעדזש פאר יידישע וויסנשאפטן" אין שיקאגא. 1969 געוואָרן פארבעטן קיין ישראל פון נשיא זלמן שזר, אין ענינים פון דער העברעישער ליטעראטור און וועגן זייער ווירקונג אויף דער נייער ישראל־יוגנט אבער אין 1970 צוריקגעקומען קיין טאר' אנגעהויבן שרייבן מיט שירים אין יידיש און דעביוטירט מיט א גרויסע פאעמע "קאנאדע" אין **דאס יודישע ווארט**, ווינ'. וואָס האָט געוויזן גרויסע דיכטערישע באַגאבונג אָבער צוליב זיין פאָרשן די נייע העברעישע ליטעראטור, אויף א צאל יארן אוועק פון יידיש. ערשט אין מיטן די זעכציקער יאָרן (אונטערן איינפלוס פון אהרן צייטלין) צוריקגעקומען צו יידיש, אבער נישט צו דיכטונג נאר צום ליטעראַרישן עסיי. זיינע ערשטע עסייען געדרוקט אין די יום־טוב נומערן פון **אידישער קעמפער**, האָבן געוויזן זיין דרך אין דער ליטעראַרישער קריטיק, שפּעטער זיך באטייליקט אין **סביבה**, **צוקונפט** א.א. נ.י. דער עיקר אָבער אין דער **גאלדענער קייט**, ישראל, ווו פאַרעפנטלעכט א צאָל פון זיינע פסיכא־אנאליטישע שטודיעס וועגן דער נייער העברעישער ליטעראטור צוו. אנד אין די נומ. 41־40 די עסיי וועגן ביאַליק "אין די ראַנגלענישן פון הלכה און אגדה", וואָס האָבן ארויסגערופן גרויס אויפמערק צוליב זיין נייער באלויכטונג פון ביאַליקס שירה. ער האט זיך באטייליקט (אנהויבנדיק מיטן מוסף צום דבר) אין די בעסטע העברעישע צייטשריפטן אין ישראל און אמעריקע. פאר זיינע ספרים וועגן דער נייער העברעישער ליטעראטור באקומען דעם למד פרייז, נ.י. און די. י.י. סיגאל ליטעראטור־פּרעמיע מאָנט' מחבר פון **הספרות במשבר הדור**, נ.י. 1947, 279 ז' **בחבלי דרום**, **דארט**, 1949, 257 ז' **יצר ויצירה**, ירושלים 1951 (צוזאמען מיט אברהם עפשטיין) ארויסגעגעבן די 2 בענדער **סופרים עבריים באמריקה**, נ.י. 1952, וואָס האָבן משפיע געווען צו דער געשטאלטיקונג פון דער נייער העברעישער. ליטעראטור און זיינע שאפערס אין אמעריקע. **נר דולק** (סיפורי מעשיות, ת.א. 1954, 220 ז'.) דערשינען אין זיין אייגענער יידישער איבערזעצונג, ת.א. 1975 312 ז' (א.נ. א ליכט ברענט) **הסיפורת מחפשת גיבור** ת.א. 1967, 267 ז' **שרשים ומגמות**, ירושלים 1967, 283 ז' **אדם מול נופו** (עסייען וועגן דער מאדערנער העברעאישער דיכטונג מיט אן אריינפיר פון שמעון האלקין, ת.א. 1976 271 ז') זיין בוך **מהכא להתם** און זיין גרויסע פאעמע אין יידיש **מערב־קאנאדע** זיינען פארבליבן אין כתב־יד. י.ר. האט זיך אויך באטייליקט אין דער יידיש ענגלישער פעריאדיק און א טייל פון זיינע עסייען, זיינען דערשינען אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון מ. ראלסטאן, שיקאגא, 1968.

נפטר געווארן אין טארנאטא.

ג. קרסל, **לקסיקון הספרות העברית**, ב.2., אברהם עפשטיין, **צוקונפט**, נ.י. מערץ 1949 ישראל ראבינאוויטש, **קאנאדער אדלער**, 2 טער נאוו' 1959, י. אבישוב, **לעצטע נייעס**, ת.א. 25 טער יוני 1960, מלך ראוויטש, **פנקס**,

ב.1 נ.י. 1965, שלמה ווייסמאַן, אידישער קעמפּער, נ.י. 25 טער אויג׳ 1972.

ראַבינאָוויטש, ישראל (15 טער סעפּט. 1894 — 17 טער מערץ 1964)

מוזיקאָלאָג, שריפטשטעלער און רעדאַקטאָר. געב׳ אין ביטען, גראָדנער געגנט, פּוילן אין אַן אָרימער משפּחה פון קלעזמערס און בדחנים. באַקומען א טראַדיציאָנעלע דערציאונג. שפּעטער פּאָרגעזעצט זיין וועלטלעכע בילדונג. צו 13 יאָר געווען אַ מיטגליד פון אַ קלעזמער־קאָמפּאַניע, געשפּילט אויפן פייקל און פידל, גלייכצייטיק געווען אַ שטיקל בדחן און שוין ווי א יונגער בחור, פאַרפאַסט אין גראַמען פאַרשידענע לידער דער עיקר ״כלה־באַזעצבצן״ וואָס האָבן אויסגענומען ביים עולם. אין 1911 געקומען קיין מאָנט. און ביז אָנהויב 1918 געאַרבעט אין אַ שניידער־שאַפּ אָבער אויך ווייטער זיך אפּגעגעבן מיט מוזיק, דער עיקר מיט יידישע, וואָס האָט אים געברענגט צום שרייבן. אָנגעהויבן ליטעראַרישע טעטיקייט מיט אַ סאַטירע אין **קאַנאַדער האָן** מאָנט׳ 1913 (רעד י.ל. מאַלאַמוט) אָבער זיך אינגאַנצן געווידמעט צום שרייבן, מיט אַן אַרטיקל וועגן **די קלאַטשע** פון מענדעלע מוכר ספרים אין **קאַנאַדער אַדלער** (18 יאַנ. 1918) דערנאָך זיך באַטייליקט מיט אַרטיקלען וועגן יידישער מוזיק און יידישע ליטעראַטור אין **דער וועג** (**דעטרויט**) **אין דער יודישער זשורנאַל** טאָר׳ פון יולי 1918 ביז צו זיין טויט, אינערלעכער מיטאַרבעטער און שפּעטער שעף־רעדאַקטאָר פון קאַנאַדער אָדלער מאָנט׳ (פון 1924) און חוץ זיין טעגלעכן קאָלום ״גוט מאָרגען״ אין וועלכן ער האָט אַנאַליזירט סיי וועלטלעכע געשעענישן און ספּעציעל די אַקטועלע יידישע פּראָבלעמען, אויך כסדר כמעט טעגלעך געדרוקט זשורנאַליסטיש־פּובליציסטישע אַרבעטן, באַריכטן וועגן קאָנצערטן, טעאַטער אָפּ־האַנדלונגען וועגן מוזיק, דערציונגס־פּראָבלעמען און עסייען וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט א וואַרימער באַציונג צום יידישן שרייבער און דער ליטעראַטור בכלל. דאָס האָט אים דערהויבן צו ווערן א פירנדיקע פּערזענלעכקייט אין אַלגעמיינעם און יידישן לעבן אין קאַנאַדע. דערמיט האט ער אויך דערהויבן דעם **קאַנאַדער אדלער** וואָס איז געוואָרן די וויכטיקע פּאָזיציע פון יידישן קולטור־לעבן. אין זיינע סעריעס אַרטיקלען וועגן יידישער מוזיק, איז באַזונדער וויכטיק די סעריע ״יידישע מוזיק, איר מקור און איר ווירקונג אויף דער וועלט־מוזיק״ פּאַרעפנטלעכט אין **קאַנאַדער אדלער, צוקונפט**, און ווי עס שרייבט דער מוזיקאָלאָג א.ח. מאַירסאָן, איז ער געוואָרן ״דער וואָרט־זאָגער פון דורות וואָס זיינען דערצויגן געוואָרן אין דער יידישער טראַדיציע, פון זיי ציען זייער יניקע די יידן פון קאַנאַדע. ״י.ר. האָט געהאַט גרויסע פאַרדינסטן אין פּאָפּולאַריזירן יידישע פאָלקסמוזיק און חזנות, וואָס לויט אים האָט זי משפּיע־געווען אויף דער וועלט־מוזיק. באַטייליקט זיך אין די ליטעראַרישע זאַמלונגען **ניואַנסן, זשורנאַל קאַנאַדע**, מ. 1825 (וואָס ער האָט צוזאַמען מיט א.ש. שקאָלניקאָוון רעדאַקטירט) **מאָנטרעאַלער העפטן, קאַנאַדער זשורנאַל, העפטן א.א. ניוואַרקער וואָכנבלאַט**, חשבון, **ייוואָ־ל.א. בלעטער, יידישע קולטור א.א.** (נ.י.) ער איז געווען מיטרעדאַקטאָר

(אנהויבנדיק פון 1927) פון די יובל־ביכער **קאנאדער אדלער** ביז 1957 און דאָרטן פאַרעפנלעכט חוץ זיינע ארטיקלען וועגן יידישער ליטעראטור און טייל ארבעטן וועגן יידישער מוזיק און ליטורגיע וואס זיינען אריין אין זיין בוך **מוזיק ביי יידן** מאָנט׳ 1940, 209 ז׳ (דערשינען אין דער ענגלישער איבערזעצונג פון דיכטער א.מ. קליין, מאָנט׳ 1952, 321 ז׳) אייניקע מאל באזוכט ארץ־ישראל און זיינע ארטיקלען (קאנ. אדלער 1935־1936) זיינען איבערגעדרוקט געוואָרן אין דער יידישער פרעסע אין פוילן, ענגלאנד און דרום אמעריקע. דאָס זעלבע וועגן ער איז צוריקגעקומען אין 1953 פון א באזוך אין דער יידישער מדינה. זיינע וויכטיקע ארבעטן וועגן יידישן שול־געראנגל זיינען אריין אין זיין בראָשור **די געשיכטע פון אידישן שול־פראגראם** אין קוויבעק, מאנט׳ 1926, 24 ז. (איבערזעצט אין ענגליש דורך ל. קריסטאַל, 20 ז׳). ער איז געווען צווישן די מיטגרינדער פון דער ״יידישער פאָלקסביבליאָטעק״ פון ערשטע יידישע שולן און דער פרייוויליקער לערער פון דעקלאמאציע. אקטיווער עסקן און דעלעגאט פון די פ.צ. צום קאנאדער יידישן קאנגרעס. צו זיין זעכציק יאָריקן יובילײַ (26 דעצ. 1954) איז דערשינען א ספעציעלע אויסגאבע **לכבוד ישראל ראבינאוויטש**, 32 ז׳. געשטאָרבן אין מאנטרעאל.

...ער איז געווען מער ווי דער רעדאַקטאָר פון קאנ. אדלער, ער איז געווען דער ערן־מאן סיי אין זיין געשריבן וואָרט און סיי אין זיין געזעלשאַפטלעכער פאַזיציע...

...ער איז געווען דער ״פאַרגינער״ און נישט קארג געווען אויף א גוט ווארט פאר א צווייטן שרייבער אדער מוזיקער... זיין קאָלום וועגן מוזיק־פראגעס, האט ער פארוואנדלט אין אַן אמתן ״שיר של יום״ און דערמיט אנגעווארעמט די הערצער פון די יידישע מוזיקער און חזנים, וואס האבן געדארפט זיין גוט ווארט...(מ. גינזבורג, 20 טער מערץ 1964)...״זיינע אוניווערסיטעטן זענען געווען ביכער און ספרים און זיינע פראפעסארן־זיין אייגענער ווילן צו לערנען, וויסן און קענען...״ ער איז געווען א געבוירענער מוזיקאַלאָג, אבער נישט נאר דער ריטם פון מוזיק האט ער באנומען, נאר אויך דעם ריטם פון לעבן, דעם ריטם פון דער ליטעראטור, פון פּאָליטיק און ספעציעל פון דער יידישער פּאָליטיק אין דער יידישער וועלט און פון קאנאדער יידנטום (מלך ראוויטש. דאָרטן) ״...מיט י. ראבינאוויטשן איז אוועק א פראמינענטער וואָרטזאָגער פון א דור...ער האט געלעבט און געווירקט אין די גורלדיקע צייטן פון אונדזער גלות־געשיכטע... און ס׳איז נישט געווען קיין לייכטע אויפגאבע פאר אים צו קאָמענטירן טעגלעך אויף די פורעניותן, וואָס זיינען באַפאַלן אונדזער פאָלק״ יוסף גאַלאַי, (דאָרטן) ...״י.ר.ס. נשמה־זיידנקייט האָט באשיינט זיין געשטאַלט און געשאַפן א באזונדערע אַטמאָספערע אַרום זיינע שטילע רייד בעל פה און אַרום זיינע קלאָרע און לאָגישע רייד־בכתב״... אין זיין טאָג־איין און טאָג־אויסיקער ״גוט־מארגן״ האט ער ארויסגעברענגט די פראבלעמען פון הונדערטיעריקער יידישקייט און גייסטיקער היימישקייט אויף דער קאַנאַדער ערד״ דר שלמה ביקל, קאנאדער אדלער, 20 מאי 1964)

מער וועגן זיין לעבן און שאפן זען: זלמן רייזען, **לעקסיקאן**, ב.4, מיט ביבליאָגראַפיע, דוד תדהר, **אנציקלופדיה לחלוצי היישוב ובוניו**, ב.1. ש. בעלקין, **די פועלי ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס, **קאנאדער**

אדלער, 20 טער מערץ, 1964, רחל קארן **דארט**, 23 טער מערץ 1964, יעקב גלאטשטיין, **ט.מ. זשורנאל**, 14 טער פעבר. 1954, דר׳ שלמה גאָלד, **קאנאדער אדלער**, 10 טער יוני 1964, חנה ווידערמאן, דארטן 17 טער יאנ. 1977, חיים שפילבערג, דארט, 14 טער אפריל 1978.

ראבקין עליע (דעצ. 1887–17 טער יולי 1978)

געב׳ אין באָברויסק, ווס״ר אין אַן אַרבעטער־משפחה. יונג געוואָרן אַ שניידער־ארבעטער און אַקטיוו אין דער יידישער ארבעטער־באוועגונג. פון 1902 ביז צו זיין טויט, א טוער אין ״בונד״ סיי אין רוסלאַנד און סיי אין די אלע לענדער ווו ער האט געלעבט. איינינקע מאָל געווען אַרעסטירט און קנאפע 3 יאָר געזעסן אין צאַרישע טיורמעס. צוליב פאליציייאישע פארפאָלגונגען, אוועק קיין אויסלאנד און אייניקע יאָר געלעבט אין ליעזש, בעלגיען, דארטן געארבעט איז א שטאל־פאבריק גלייכצייטיק געדרוקט קאָרעספאָנדענצן פון ארבעטער לעבן אין אומלעגאַלע און לעגאלע פּעריאָדישע אויסגאבעס פון ״בונד״ אין סוף 1913 געקומען קיין מאָנט׳ און געווארן אקטיוו אין דער יידישער מענער־שניידער יוניע און בעתן גרויסן סטרייק, דעם (״וויינבערג־סטרייק״ סוף 1913 אנהויב 1914) געווען פון די אָרגאַניזירערס פון דעם ערשטן לאקאל אין מאָנט׳ פון דער ״אמאלגעמייטעד״ שפּעטער געווען אירס א וויצע־פּרעזידענט און ביז סוף 1918 איינער פון די אנפירערס פון די יידישע מענער־שניידער אין מאָנט׳. ער איז געווען דער איינציקער מאָנטרעאַלער קארעספּאָנדענט פון סאָצ. וואכנבלאַט **די אידישע וועלט**, נ״י 1913–1918 און חוץ וועגן ארבעטער־פראגעס אויך געדרוקט ארטיקלען אויף סאָציאַליסטישע טעמעס, וואָס האָבן באַוויזן זיין אינטערעס אין די פּראָבלעמען פון יידישן און אלגעמיינעם ארבעטער־לעבן. לאנגע יארן געווען מיטרעדאקטאר פון די ווכ״בל, **פארטשריט און אדוואנס** נ״י. אויך פון צייט צו צייט באטייליקט זיך אין **קאנאדער אדלער**, מאָנט׳ און די ענגלישע סאָצ. צייטשריפטן. ער האט איבערגעזעצט פון רוסיש אויף יידיש דאס בוך פון בונדישן פּיאָנער לעא בערנשטיין, **ערשטע שפּראצונגען**, ב״א 1958, וואָס איז א וויכטיקער צושטייער צו דער יידישער ארבעטער־באוועגונג. געשטארבן אין נ״י.

קאַנאַדער אָדלער, מאָנט׳ 20 טער יאנ. 1914, ש. בעלקין, **די פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס, שלום הערץ, **אונדזער צייט**, נ״י, יולי אויג. 1978.

ראָגאַן, לעאָן.

ביאָגראַפישע ידיעות־נישט באקאנט. מיר וויסן נאָר, אז ער איז אנהויב 20טן י.ה. געקומען פון רוסלאַנד קיין קאַנאַדע און געוואָרן אַן ארבעטער. ביז צו דער רעוואלוציע אין 1917, געלעבט אין טאָראָנטאָ, שפּעטער צוריקגעפארן קיין רוסלאנד. אנגעהויבן צו דרוקן לידער, וואס זענען באהויכט מיטן רוסישן ראָמאַנטיזם אין 1912 אין **דער יודישער זשורנאל**, טאראנטא פון וועלכן ביז אנהויב 1919 געווען א שטענדיקער מיטארבעטער. באטייליקט זיך אין **קאנאדער אדלער**, מ. **דער וועג** (רעד. ר. בריינין) **דער בירגער** (רעד. יוסף גודמאַן), ווינ׳. ווייטערע פּרטים — אומבאַקאַנט. **לויט ארכיוו־מאַטעריאַלן אין קאנאדיאנא.**

ראַגינסקי, סענדער (1865־1937)

געב׳ אין יעקאַטערינעסלאַוו, אוקראַינע. געענדיקט א רוסישע פאָלקסשול און שטודירט מוזיק און מאָלעריי. אין 1908 געקומען קיין קאַנאַדע. א צייט געלעבט אין טאָר׳. דאָרטן געווען א פאָטאָגראַף, דערנאָך ביז 1933 געלעבט אין מאָנט׳. זינט 1909 געדרוקט לידער פון ראָמאַנטישן כאַראַקטער, פאעמען און קליינע דערציילונגען אין **קאַנאַדער אדלער**, **דער וועג** (איןביידע אויסגאַבעס געדרוקט צו צוויי מאָל אין וואָך) **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ באַטייליקט זיך אין **דער גרויסער קונדס**, נ״י **קאַליפאָרניער אידישע שטימע**, ל״א, א״ אנד.

געשטאָרבן אין לאָס אַנדזשעלעס.

אינפאָרמאַציעס פון זיין משפחה אין מאָנט. און לאָס אַנדזשעלעס, **קאַנאַדיאַנאַ.**

ראגעל, יוסף (9 טער אויג. 1911 —)

געב׳ אין טשעשאַנאוו, גאַליציע, אין א חסידישער משפחה. געלערנט אין ישיבה און געענדיקט א פריוואַטע פוילישע גימנאַזיע. ביז צו דער מלחמה אין 1939, געלעבט אין טאָרנע און באַלד ווי די נאַציס האָבן פאַרנומען די שטאָט, ד.9 טן סעפט׳, געווען צווישן די ערשטע יידן פאַרשיקט צו ווערן אין לאַגער פוסטקאָוו פון וואַנען אַנטלאָפן און ביז זומער 1944; געווען אין די געטאָס פון טאָרנע און ריישע, דערנאָך ביז צו זיין באַפרייונג, געווען אין די טויטן־לאַגערן פון אוישוויץ, בוכענוואַלד, א.א. אנהויב מאַי 1945 געוואָרן באַפרייט און ביז 1948 געלעבט אין פליטים־לאַגערן, פון וואַנען געקומען קיין מאָנטרעאל און ביז 1955 געטאָן פאַרשידענע אַרבעטן, גלייכצייטיק פאָרגעזעצט זיין שטודיום און אין 1976 באַקומען זיין ב.א.־ דיפלאָם, ווי א ״שעפערישער שרייבער״. אָנגעהויבן שרייבן לידער אין **די פאַסט**, קראָקע, 1938 און ביז דער מלחמה, פאַרעפנטלעכט לידער און פאָעמעס אין **צושטייער**, לעמבערג, **ליטעראַרישע בלעטער**, וואַר׳, **שטעגן**, סטאַניסלע, **בעלגישע בלעטער** (אַנטווערפּן) א.א. זינט 1948 באַטייליקט זיך אין **קאַנאַדער אדלער**, **מאָנטרעאַלער העפטן** (אַלע נומערן) **דער יודישער זשורנאַל**, **וואָכנבלאַט**, טאָר׳ **דאָס יודישע וואָרט**׳ וויני׳. **געצעלטן**, **אונדזער צייט**, **פרייע אַרב. שטימע**, **צוקונפט**, **יידישע קולטור** (אַלע נ.י.) **די צייט**, **לשון און לעבן**, לאָנדאָן, **פרייע האַריזאָנטן**, פּאַריז. **פּאַרויס**, **אויפן שוועל** (מעקסיקע), **היימיש**, א.א. ער איז פאַרטראַטן אין די פּאָעזיע־זאַמלונגען **אַפּקלייב**, נ.י. (רעד. בעריש וויינשטיין) **טאָרנער יזכור בוך** און אין א צאָל ענגליש־יידישע צייטשריפטן אין קאַנאַדע. א טייל פון זיינע לידער אין דער העברעישער איבערזעצונג פון שמשון מעלצער, זענען אריין אין דער אַנטאָלאָגיע ״**על נהרות**״ ת.א. זיין **בוך אוישוויץ**, מיט אן אַריינפיר פון מחבר און צייכענונגען פון גיטאַ קייזערמאַן, מאָנט׳ 1951, 94 ז׳. האָט באַקומען די צבי קעסעל־פּרעמיע, מעק. 1951, גרויס אויפזען האָבן אַרויסגערופן זיינע ענגלישע ביכער, **די ווידוי פון א אוישוויץ־נומער**, מאָנט׳ 1972, 44 ז׳ און **פּאָעמען פאַר מיין מוטער**, דאָרטן, 1975 71 ז׳ (אַרויסגעגעבן פון קאַנאַדער אוניווערסיטעט מיט אילוסטראַציעס פון סילוויאַ אַרי.) אין 1976 אַרויסגעקומען מיט א פאַרשלאַג צו לערנען וועגן יידישן אומקום דורך די

נאַציס אין די קאַנאַדער אוניווערסי־טעטן און אַליין געגעבן לעקציעס אויף דער טעמע אין אייניקע אוניווערסי־טעטן. מיר ברענגען אייניקע ציטאַטן וועגן זיין דיכטונג.

צו זען דעם סנה פון אוישוויץ, דאַרף מען האָבן אויגן וואָס זענען באַשאַנקען מיט אזא יתירהדיק ליכט, וואָס קיין שום געוויינט־לעכער בן־אדם, פאַרמאָגט עס נישט...

...פון יוסף ראַגעלס בוך, קריגן מיר א שטיקל באַגריף פון א טויטנלאַגער, גראַד דערפאַר וויל ער האָט עס פאַר אונדז אזוי פשוט טאָג־בוך־מעסיק, פאַרשריבן..(**אידישער קעמפער** 4 טער יולי, 1951. יעקב גלאַטשטיין)

...זיין בוך "אוישוויץ" איז א בוך פון א דיכטער, וואָס האָט זיך געהיט. אַז אוישוויץ זאָל נישט ווערן קיין טעמע, נאָר זיך האַלטן נאָענט צו זיך און צו די דלד־אמות פון זיינע נאָענטע, וואָס אויף זיי האָט זיך אויסגעגאָסן דער גאַנ־צער בעבער פון ווייטיק...זיינע לידער צו זיין מאַמען, איז דער ווייַ פון אַלע מאַמעס, וואָס זענען פאַרפייניקט געוואָרן...י.י.סיגאַל) **קאַנאַדער אַדלער**, 19 טער נאָוו. 1951.

...יוסף ראַגעל האָט מיט זיינע לידער אויפגעשטעלט א מאָנומענט פאַרן יידישן חורבן" (מענדל נייגרעשל, **קאַנ. אַדלער** 23 טער דעצ. 1951)

...דער פאָעטישער אייגדריק פון י. ראַגעלס אוישוויץ־ביכער, איז דער שטילער אַרומנעמענדיקער טרויער, וואָס ווירקט אויף אונדז מיט דער פשטות און ערלעכקייט פון זיין ליד..) א.מ. פוקס **ניי וועלט**, ת.א. 22 טער אָקט. 1952.

ראַוויטש, מלך (27 טער נאָוו. 1893 — 20 טער אויג. 1976)

ליטעראַרישער נאָמען פון זכריה חנא בערגנער. געב' אין רעדים, מזרח־גאַליציע. באַקומען בלויז וועלטלעכע בילדונג. 1908־1910, געלערנט אין א האַנדלס־שול אין סטאַניסלע, דערנאָך, ביז מיטן 1912 געאַרבעט ווי א באַנק־אָנגעשטעלטער אין לעמבערג און ביז צו דער ערשטער וועלט־מלחמה אין ווין. מאָביליזירט אין דער עסטרייכישער אַרמיי און פאַרוווּנדעט אויפן פראָנט. באַפרייט, איז ער צוריקגעקומען קיין ווין, פון דאָרטן אין 1921 געקומען קיין וואַרשע אייניקע יאָר געאַרבעט אין דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע ("ציש"א") פון 1924 ביז צו זיין פאַרלאָזן פוילן אין 1934, געווען סעקרעטאַר פון יידישן ליטעראַטן־און זשורנאַליסטן פאַריין. אין צווישן צייט באַזוכט אין נאָמען פון דער "ייוואָ" דרום־אַפריקע, די באַלטישע לענדער און אויסטראַליע. אין 1934 צום ערשטן מאָל באַזוכט די פאַראייניקטע שטאַטן. אין 1935, אויף זיין רייזע קיין אויסטראַליע, דורכגעפאָרן א צאָל לענדער אויך פוילן און רוסלאַנד. 1936־1938, געוווינט אין מעלבורן, דאָרטן חוץ ליטעראַרישע טעטיקייטן, ווי דאָס רעדאַקטירן דעם ערשטן אויסטראַלישן זאַמלבוך **אויסטראַלישע שריפטן**, געווען דער גרינדער און לערער פון דער ערשטער יידישער נאָכמיטיק־שול. אַיין יאָר געלעבט אין אַרגענטינע, דערנאָך אין נ.י. און מעקסיקע פון וואַ־נען אין אויגוסט 1941 געקומען קיין מאָנטרעאַל. 14 יאָר געאַרבעט אין דער יידישער פאָלקס־ביבליאָטעק. ער האָט געגרינדעט און במשך פון די יאָרן, אָנגעפירט מיטן יידישן פאָלקס־אוניווערסיטעט. אין 1950, צום ערשטן מאָל באַזוכט די יידישע מדינה, שפּעטער ווידער געררייזט איבער אייראָפּע. 1954־1956, געלעבט אין ישראל פון וואַנען צוריקגעקומען און ביז צו זיין אוועקגיין, געלעבט און געשאַפן אין מאָנט', וואָס ווערט א דאַנק אים, א צענטער פון דער יידישער ליטעראַטור, גרינדער און א צייט פאָרזיצער פון שרייבער־פאַריין, איז א לעקטאָר און רעדנער. אָנגעהויבן שרייבן לידער אין 1908 און דורך דער השפעה

פון ש.י. אימבער, געדרוקט דאָס ערשטע ליד אין **דער אידישער אַרבייטער**, לעמבערג, 1910, וואָס האָט אַרויסגערופן אויפמערק ביים עלטערן דור יידישע שרייבער פון גאַ־ליציע, וואָס האָבן געלעבט אין ווין. זינט דאַמאָלט זיך באַטייליקט מיט לי־דער, דערציילונגען, עסייען וועגן יידי־שע ליטעראַרישע און קולטור־ענינים, רייזע באַשרייבונגען און קריטיק, כמעט אין דער גאַנצער יידישער פרעסע און פעריאָדיק איבער דער יידישער וועלט. פון 1911 ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, זיך באַטייליקט אין **דער אידישער אַרבייטער, לעמבערגער טאַגעבלאַט, מאָרגען־פאַסט, ווין, קריטיק, ווין, פאָלקסצייטונג, אַרבעטער צייטונג, ביכער וועלט, ליטעראַרישע בלעטער** (אויך מיטגרינדער און רעדאַקטאָר) **רינגען, כאַלאַסטרע, אַלבאַטראָס, סמבטיון, קולטור** (אַלע אין וואַרשע) **פאָרווערטס, צוקונפט, פרייע אַרב. שטימע, אידישער קעמפער, לייוויק־אַפּאַטאָשו זאַמלביכער** א״א (אַלע אין נ״י) ספּעציעל דאַרף דערמאָנט ווערן זיין רעדאַקטירן די ליטעראַטור־זייט פון דער **פאָלקסצייטונג** ווו חוץ אייגענע שאַפונגען, אויך אַרויסגעפירט יונגע טאַלאַנטן און זיינע ענטפּערס, וואָס האָבן משפיע געווען אויף די יונגע און נייע כוחות פאַר דער יידישער ליטעראַטור. פון זיין באַזעצן זיך ביז צו זיין פּטירה אין מאָנטרעאָל, געווען א שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ **אונדזער וואָרט**, פּאַריז, **לעצטע נייעס**, ת.א. **די פרעסע**, ב.א. **דער וועג**, מעקסיקע, **אויסטראַלישע אידישע צייטונג**, מעלבורן **אַפריקאַנישע יידישע צייטונג**, יאָה׳. **די צייט, אידישע שטימע**, לאָנדאָן, און אויך אין **גאָלדענע קייט, היימיש, קיום**, פּאַריז, **דווקא**, ב.א. און פון כמעט אַלע ליטעראַרישע זאַמלונגען אין קאַנאַדע, ניו יאָרק און איבער דער יידישער וועלט. ער איז רעדאַקטאָר פון די 3 העפטן די וואָג, וואַר. 1922, די צוויי ערשטע **אויסטראַלישע אַלמאַנאַכן** מיטגרינדער פון יידישן, פּען־קלוב אין פוילן, אָרגאַניזירער פון לעקציעס פון יידישע שרייבערס איבער דער יידישער פּראָווינץ. אָנגעשריבן איבער 50 הקדמות צו יזכור־ביכער און ״אַריינפיר ווערטער״ צו ביכער פון יונגע שרייבערס. איבערגעזעצט דיכטונגען פון דער וועלט פּאָעזיע. ער האָט באַקומען די ל.למד, צבי קעסל, נ. כאַנין, ש. ניגער, ה. נ. כאַנין, ש. ניגער, ה. לייוויק י.י. סיגאַל (2 מאָל) און איציק מאַנגער פּרעמיעס. און ספּעציעל דאַרף דערמאָנט ווערן די באַגריסונג צו ראַוויטשן פון קאַנאַדער קולטור־מיניסטער בעתן באַנקעט פון דער וועלט־אויסשטעלונג ״עקספּאָ״ אין וועלכער ער האָט אונטערגעשטראָכן ראַוויטשעס פאַרדינסטן אין פלעגן און שאַפן אויף יידיש, ווי דער שפּראַך פון יידישן פאָלק. (25 סעפּט. 1967)

זיין ערשט ביכל לידער **אויף דער שוועל**, לעמבעריג 1912, 64 ז׳ האָט נאָך דער אָפּשאַצונג פון י.ל. פּרץ (היינט 17 יולי 1912) וואָס האָט געשריבן ״מ.ר., א נייער, כמעט אומבאַקאַנטער נאָמען איז, ווי דער רוב פון יונגע פּאָעטן, דורכאויס ליריקער, דער מאָטיוו זיינער־יידישע בענקשאַפט. ער האָט אַ האַרציקן טאָן״... די ווערטער פון פּרצן האָבן צוגעגעבן מוט און קוראַזש דעם יונגען דיכטער, וואָס איז אָראָפּגעריסן געוואָרן פון זיין אייגענעם רעדאַקטאָר

מאיר גייער און געמוטיקט דורך די גרופע ווינער פאעטן און דער עיקר ש.י. אימבער, וואָס האָט אין **דער יודישער ארבטער**, 26 טער יולי 1912 געשריבן "עס רעדט צו אייך א זייער צאַרטע, ווייכע נשמה, א קינדיש־נאַיווע און א אומענדלעך גוטע... דאס איז דער הויפט־שטריך פון ראַוויטשעס שאַפן" אָט די ווערטער האָבן ראַוויטשן געגעבן די פאָעטישע פליגלען צו דיכטן די לידער וואָס זיינען אַרויין אין **רואינענגראַז**, 1917, 48 ז' אין וועלכע ער ברענגט ארויס נייע, פאַר יענער צייט, מאָטיוון. א וויכטיקער באַרג ארויף איז דאָס בוך **שפינאזע** פאָעטישער פרווו אין פיר ציקלען: דער מענטש, דאָס ווערק, די שפין, קטורת, ווין 1919, 570 ז' וואָס האָט אַרויסגערופן באַגייסטערטע אָפרופן ווי עס האָט אים באצייכנט י.י.סיגאל "ער פאַר־נעמט אַן אָנגעזען אָרט אין דער יידישער פאָעזיע פון איר נאכמלחמהדיקן פעריאָד"... לויט זיין אייגענער כאַראַקטעריסטיק, געהערט ער צו די אידעאַליסטן אין דער קונסט, און איז דער פארטרעטער פון דער שיטה אין דער יידישער דיכטונג" און ראובן אייזלאַנד כאראקטעריזירט ר' שאפונגען "...באַ־גריף ווערט ביים אים פאַרוואַנדלט אין עמפינדונג, עמפינדונג־אין געדאַנק און אלץ דערהייבט זיך צו דער הויך פון הייליקן גלויבן"... א נייע ווענדונג זיינען די שאַפונגען וואָס זיינען אַריין אין **די נאקעטע לידער**, וואַרשע 1922, 186 ז' **דער קערן פון מיינע לידער**, דאַרט 1922, 167 ז' און אין די **פרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן**, דאָרט 1924, 156 ז' אויך די פאָעמען וואס זיינען אריין אין **די פיר זייטן פון מיין וועלט**, וויל' 1928, 128 ז' זיי זיינען אינטערעסאנט דורך די גאנץ נייע מאָטיוון (געזאַנג צום מענטשלעכן קערפער, געזאַנג צו דער זון, געזאַנג פון האַס און ליבע צום יידישן פאלק, משפט איבערן טויט) און וועלכע מיר געפינען פון איין זייט די ווירקונג פון די נביאים און פון דער צווייטער־די ווירקונג פון וואָלט וויטמאַן ח.ל.פ. מ.ר. איז אויך דער מחבר פון די דראַמעס: **בלוט אויף דער פאָן**, סאָציאלע דראמע אין 3 אקטן, וויל' 1929, 128 ז' **ווייב און מאַן**, (דריי פאמיליען דראַמעס־א היים אין א האַרבסט נאכט, ליבע און טויט, דריי פרויען וואָס האָבן ליב (וואַרשע 1931, 260ז'...)אין די לידער און פאָעמען פון זיין ערשטן שאפערישן פעריאד, שטאַרק אומבאַהאָלפן איז דער שפראַך האָט ער דערנאָך אלץ מער גובר געווען די דייטשמעריזמען און אין זיין האַלב־דערציילערישן האַלב מאלעריש־לירישן סטיל, געשאפן זיין אייגענע פאָרם... דאס מאכט אים פאַר איינעם פון די אָריגינעלסטע פאָרשטייער פון אונדזער נייער ליריק...(זלמן רייזען)

מער וועגן אים ביז 1928, זען זלמן רייזען **לעקסיקאן ב.4.** מיט ביבליאגראַפיע, פון 1931 ביז צו זיין באַזעצן זיך אין מאָנטרעאל אין 1941, זיינען דערשינען **קאָנטינענטן און אָקעאַנען**, לידער, באלאדן און פאָעמעס, וואַרשע 1937, 356 ז' **איבער אויסטראַליע**, רייזעבילדער און רעפאָרטאַזשן, דאַרט 1937, 112 ז' **לידער און באלאדן פון די לעצטע דריי־פיר־יאַר**, מעקסיקע, 1940, 120 ז' א גרויסע ליטעראַרישע טעטיקייט האט ר' אנגעהויבן באלד נאכן באזעצן זיך אין קאנאדע און ביז 1945 כסדר געאַרבעט אויף ווערק וואָס זאָלן פאראייביקן סיי די יידישע שרייבערס פון פוילן און סיי וועגן זיינע איבערלעבענישן זינט ער איז געוואָרן

א יידישער דיכטער. דאס ערשטע בוך פון דער סעריע איז געווען **מיין לעקסיקאן** ב.1, מאנט׳ 1945 280 ז׳ וואס נעמט אריין 92 פען־פּאָרטרעטן פון יידישע דיכטער, דערציילער, דראמאטורגן אין פוילן צווישן די צוויי גרויסע וועלט־מלחמות. דער באנד, הגם ר׳ האָט געגעבן זיינע פּאָרטרעטן דורך דער פריזמע און גענעזע פון זיינע באָאָבאַכטונגען האָט ארויסגערופן די באגייסטערונג פון דער קריטיק, וואס האט אנגעוויזן אויף די גרויסע געווינסן פון דעם לעקסיקאן, ווי א גוטן מאטעריאל פאר קומענדיקע ביאָגראַפיעס פון שרייבערס. (צווייטער ב. 1947, 299 ז׳) מיט 99 פען־פּאָרטרעטן פון פובליציסטן, זשורנאליסטן, מאָלער, פּאַרטיי־פירער, קולטור־טוער אין פוילן צווישן די צוויי גרויסע וועלט־מלחמות; **דער דריטער באנד**, וואָס נעמט אריין פען־פּאָרטרעטן פון יידישע און העברעאישע שרייבערס אין מדינת ישראל, מאנט׳ 1958, 493 ז׳ נעמט אריין 268 נעמען. עס דרוקט זיך דער פערטער באנד **מיין לעקסיקאָן**, וואָס דאַרף דערשיינען אין 1979 מיט נאָך 22 נעמען פון יידישע פען־מענטשן איבער דער וועלט . 67 **לידער** (לירישע, סאטירישע, סאציאלע און פילאזאפישע ב.א. 1946, 168 ז׳.) **איינעמס יידישע מחשבות אין צוואנציקסן יארהונדערט** (עסייען בעיקר אויף די טעמעס: א. וועגן צונויפשטעלן און קאנאניזירן א המשך פון ספר־הספרים ב.די. ליניע און קרייז אָדער ייד און וועלט) ב.א. 1949, 208 ז׳ **די קרוינונג פון א יידישן דיכטער אין אמעריקע**, נ.י. 1953, 72 ז׳ **די לידער פון מיינע לידער** (א כינוס אויפגעקליבן פון דרייצן זאַמלונגען) מ. 1954, 448 ז׳ אילוסטראציעס פון יאָסל בערגנער און אַ ביבליאָגראַפיע פון י. י. ישורין (40 ז׳ 1080 פאזיציעס מיט צוגאבעס פון וו. אַסטריגער) **דאס מעשה־בוך פון מיין לעבן** ב.1. ב.א. 1962, 387 ז׳, ב.2 דאָרט, 1964, 325 ז׳ ב.3, ת.א. 1975 442 ז׳ (אלע בענדער מיט אילוסטראציעס פון אַדרי בערגנער) **עיקר שכחתי**, לידער און פּאָעמעס, מאנט׳ 1969, 170 ז׳ אין עברית **חמישים שירים** (איבערזעצט א.ד. שפיר) צייכענונגען יאסל בערגנער, ת.א. 1969, 159 ז׳ **ספר המעשיות של חיי**, ת.א. 1976, ז׳ (איבערגעזעצט פון משה יונגמאַן, אילוסטרירט פון אַדרי בערגנער. אלע דריי בענדער אין איין פארגרעסערטן באנד, 564 ז׳) מ.ר. האט צוזאמען מיט זיין ברודער הערץ בערגנער, ארויסגעגעבן דאס בוך פון זיין מוטער הינדע בערגנער **אין די לאנגע ווינטער נעכט**, מאנט׳ 1946, 104 ז׳. איבערזעצט פון דייטש **די סיבה** פון לעאָנארד פראנק וואר. 1924 און פ. קאַפקאַ, **דער פראצעס**, נ.י. 1966. ער האט רעדאקטירט: **טויט ציקלוס**, לעמבערג, 1919, **לידער פון דער פריוהייט**, ווין, 1919 (דארטן זענען פאראנען זיינע איבערזעצונגען פון א צאל וועלט־בארימטע דיכטער) **די וואָג** וואַרשע. 1922, **ווארשעווער אלמאנאך**, **דארט**, 1923 (צוזאמען מיט הלל צייטלין און ז. סעגאלאָוויטש) **פרץ ביבליאטעק**, **דארט**, 1923 (מיט נ. מייזל) **ליטעראַרישע בלעטער**, **דארט** (פון 1924 ביז 1926. צוזאמען מיט נ. מייזל, פרץ מארקיש און י.י. זינגער)**ווארשעווער שריפטן**, 1927 (צוזאמען מיט אהרן צייטלין, י. שיפּער, משה זילבורג און יהושע פערלע) **פאלקסצייטונג פאר ליטעראטור** (ביילאָגע צו דער פאלקסצייטונג פון 1927 ביז 1935) **ליטעראטור און לעבן** (ביילאגע צו **אויסטראלישע יידישע**

נייעס, מעלבורן 1936־1938) **דער קאָנטינענט**, מעקסיקע 1941, (צוזאַמען מיט משה ראָזענבערג) **די ליטעראַרישע וואָך**, וועכנטלעכע ביילאַגע **צום קאַנאַדער אַדלער**, (צוזאַמען מיט משה ראָזענבערג) **די ליטעראַרישע וואָך**, וועכנטלעכע ביילאַגע **צום קאַנאַדער אַדלער**, **(צוזאַמען מיט י.י. סיגאַל**, 1943־1949) **יצחק נחמן שטיינבערג געדענקבוך**, **נ.י.** 1961, **אַלמאַנאַך יידיש**, נ.י. 1961 (צוזאַמען מיט יעקב פּאַט און זיינוועל דיאַמאַנט) **דאָס אַמאָליקע יידישע וואַרשע**, מאָנט׳, 1966.

צוזאַמענגעשטעלט מיט אַן אַריינפיר: ש. ניגער, **שלום אַש זיין לעבן און שאַפן**, נ.י. 1966, זיינע לידער זיינען איבערגעזעצט אין העברעיש, פּויליש, דייטש, ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש א״א און געפינען זיך אין פאַרשידענע אַנטאָלאָגיעס איבער דער וועלט. זיין אַנטאָלאָגיע ״גאַליציע״, 15 דיכטער פון עלטערן דור״ י.מ. ברענדער, אשר באַראַש, מלך כמיעלניצקי, יוסף לעווי, סאַלאַמאַן דעמביצער, יוסף גרינזייד, יעקב מעסטעל, מלך ראַוויטש, י. דרייקורס, אורי צבי גרינבערג, משה לייב האַלפּערן, מיכל ווירטה, דוד קעניגסבערג, ניסן פאַרבמאַן, (צוגעגרייט נאָך אין 1920, צוליב עפּעס א סיבה נישט דערשינען. אַזוי אויך זיינען נישט דערשינען צוליב דער מלחמה אין 1939 א צאָל שוין אויסגעזעצטע ביכער, וואָס עס האָט שוין רעקלאַמירט דער פאַרלאַג ״טאָמאָר״ אין ווילנע די ביכער: 1. זיגזאַגן איבער דער וועלט, 2 בריוו פון שטילן אָקעאַן, 3 אַמעריקע, דאָס לאַטיינישע, 4, דורך אַזיע ביז מאַנדזשוריע, 5, איינמאָל אין אַפריקע־אייביק אין אַפריקע, 6 אייראָפּעישע זיגזאַגן־ביז אוראַל, 7 דער פינפטער קאָנטינענט־אויסטראַליע, 8, מענטשן רעדן צו מיר, 2 בענד דערציילונגען (פריער געדרוקט אין דער וואַרשעווער ״פאָלקסצייטונג״ 9, בריוו פון צענטראַל־אויסטראַליע, 10, אין תוהו ובוהו פון וועלט, מענטש און ייד. פון זיינע קלענערע אַרבעטן זיינען דערשינען: **ש. ש. פרוג**, (אַרויסגעגעבן דורך ראַוויטשן) אין דער סעריע 5 נפטרים, ווין 1920, 48 ז׳. **פּראָ. פּרץ מאַרקיש**, וואַר׳ 1922, 31 ז׳ **קעגן דעם קריטיקער דוד איינהאָרן**, **ווין, 1922**, **16 ז׳ צו דער יידישער יוגנט**, וואַרשע, 1934, 38 ז׳. ער איז **געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.**

ווייל ראַוויטשן האָבן געשריבן כמעט אַלע יידישע שרייבערס איבער דער וועלט. מיר קענען ליידער נישט געבן קיין פולע ביבליאָגראַפיע. מיר ווילן אָבער צוגעבן צו י. ישורינס ביבליאָגראַפיע פון 1954, נאָך 1100 פּאָזיציעס וואָס וואַרטן אויף זייער פּובליקאַציע. מיר מוזן זיך אויך באַגרענעצן מיט געבן נאָר א קליינע צאָל כאַראַקטעריסטיקעס און אָפּשאַצונגען פון זיין פּערזענלעכקייט, לויטן סדר פון א.ב.

״...ער איז געווען געבענטשט מיט א קינסטלעריש אויג פון א הויכער און געלייטערטער מאָס... זיין פּראָזע, שטייט אויף א העכערער טרעפּ... ראַוויטש האָט געגלויבט אַז ער שטייט אויף אין שאָטן פון א גילגול. עס איז איינער פון זיינע גלויבנס, וואָס זיינען היפּש מיסטיש... מ.ר. וואָס איז אין זיינע לידער, א בעל תכלית־עטישן תכלית, איז אין זיינע דערציילונגען לגמרי אַנדערש, ער האָט אויפגעבויט א יידישע וועלט, ער האָט דעם בנין נישט באַפּוצט, נישט אויפגעהאָנגען קיין פליטערלעך אויף אים. איר פילט אָבער דעם קינסטלערישן אונטערשטראָם פון

ליבשאפט צו דער דאָזיקער וועלט״
(אפרים אויערבאך)

...״ער, וואָס איז געשטאַנען פון איין זייט קעגן בלוט־פארגיסונגען אין דער רעוואָלוציע, און פון דער אנדערער זייט, איז ער דאך געשטאנען ביי די טויערן פון דער רוסישער רעוואלוציע, איז פארבליבן דער אידעאליסט, וואָס האָפט אויף דעם ניצחון פון דער זעלבער רעוואלוציע... די שטעלן אין זיינע מעמוארן פלעפן ממש מיט זייער פסיכאָלאָגישער אריינדרינגונג און ווייַזן אונדז די צייט...
(יעקב באטאשאנסקי)

...״דער מאטיוו פון ״לא תרצח״ איז דער פאעטיש־בולטסטער און קינסטלעריש־שטארקער אין זיין שאפן...אבער אויך אין אנדערע שאַפונגען זיינע, דערזען מיר דעם שארפן אויסטענהנען זיך פאר מענטשלעכקייט מיט גאט און מיט דער וועלט״ (דר. שלמה ביקל)

...״זיינע באלאדן פארמאגן די אויפריכטיקסטע ווירקונג פון א נייער דערקענטניש...מיר דערזען ווי אזוי דער מענטש קערט זיך אפ פון זיין לעבנס־פארבלענדעניש און דערזעט פלוצים דעם לעבנס אמתן״ (חיים בעז)

...״ער געהערט צום טיף פאעטן, וואס האבן קיינמאל נישט געפראוועט יחוד און אפגעזונדערטקייט. ער איז פון ערשטן מאמענט, ווען ער האט זיך באוויזן, גלייך געקומען מיט א שליחות פון א יידישן קינסטלער און מיט א זעלבסט־היפנאז צו ווירקען מיט זיין ווארט און צו גלויבן, אז אים איז באשערט צו פארגעטלעכן די באציונג פון מענטש צו מענטש״
...ער האט זיך דערגלויבט ווי א לייקענער צו אן איובדיקן גלויבן. זיין ליבשאפט צום יידישן פאלק פארמאגט דעם ציטער פון רעליגיע...זיין גרייטקייט צו דינען אלץ וואס דאס יידישע פאלק האלט טייער...עס איז זיין עבודה אין דער טאג־טעגלעכקייט פון יידישער עקזיסטענץ״
(יעקב גלאטשטיין)

...״ער, פארנעמט א באזונדערע ראלע אין דער פארמירונג פון אונדזער ליטעראטור. ער איז באלד פון זיין אנהויב געקומען אין דער יידישער ליטעראטור אריין, ווי א פאעט וואס טראגט אויף זיין קאַרק די לוחות פון א נייעם מענטשלעכן צוזאמענלעבן... ראוויטש דער גרויסער מאמין און וואָס עלטער מיר זענען געווארן, אלץ מער האָבן מיר אָנגעהויבן צו פארשטיין, אז אין דער דאָזיקער אמונה איז נישט פאַראַנען קיין נאַיוויטעט, נאר פארקערט, אין איר איז פאַראַנען די גרויסע חכמה פון דעם איש תם וישר... ער איז צו דער אמונה געקומען מיט נישט קיין גרינגען און לייכטן וועג... דער עיקר איז וואָס זיין גאנג אין דער הויך איז אלע מאל געווען א ציל־באוואוסטער... שוין יארן ווי ער שטייט פאר אונדז, ווי אויף א פיעדעסטאל... ער שטייט ווי א מענטשצו וועלכן מיר קוקן ארויף... און אויב מיר האבן היינט צו טאג א נר תמיד־פייער, וואס האלט אויף די גאַנצקייט און די משפחדיקייט פון אונדזער ליטעראטור, איז עס א דאנק דער פערזענלעכקייט: מלך ראוויטש...״ (יצחק יאנאסאוויטש)
...״ער איז געווען פון א קליינער מחנה גאטזוכנדיקע, גאט־דורשטנדיקע, נאך קיינמאל זייער דארשט נישט געשטילט... פריער פאר אלץ זענען זיינע לידער־זיין פערזענלעכע תפילה״... נישט־נאר פראזע

שרייבנדיק, פֿאַלט ער אפט מאל אריין אין עצבֿות, נאר אויך אין זיינע געזאנגען... מ.ר. איז א וואנדערער און א ייד־ריכטיקער א וואנדערדיקער ייד־און ווען ער וואגלט, וואגלט מיט מיט אים זיין מוזע, טראגט זיך מיט אים איינײנעם איבער אלע זיבן ימען, איבער קאנטינענטן און אקעאנען... זיינע פראסטע רייד מיט גאט, זענען רייד וועגן לעבן און טויט און יידישקייט — און דאס זענען כמעט אלע זיינע לידער און באלאדן... אין זיינע "קאנטינענטן און אקעאנען" קומען צום אויסדרוק דאס וועלט־געפיל, דער קאסמישער אטעם וואָס באהויכט פּאָעזיע מיט רעליגיע"

(ש. ניגער)

..."ער איז געווען א פארליבטער אין דער יידישער ליטעראטור נישט דערפאר וויל ער איז א יידישער דיכטער, פון די שעפער פון דער מאדערנער יידישער פאעזיע, א יידישער עסייאיסט, א קריטיקער, א לעקסיקאָגראַף פון דער יידישער ליטעראטור, נאר וויל־און דאס איז זעלטן אפילו ביי א סך יידישע שרייבער־ער האָט דאס פולע באוואוסטזיין פון דער גיגאנטישקייט פון דער יידישער ליטעראטור, וואס האט אין פארלויף פון איין יארהונדערט באשאפן אזא מעבטיקע, קינסטלעריש־דערהויבענע ליטעראטור... מלך ראוויטש, דער כהן גדול אירער פילט עס מיט אלע זיינע רמח איברים פון זיין גוף און מיט אלע נשמה־פעדים פון זיין גאנצן וועזן... (מ. צאנין)

..."א באזונדערן ארט פארנעמען ביי ראוויטשן די שרייבער־אנפאנגער. מען קען מיט באשטימטקייט זאגן, אז עס איז נישט געווען אין פוילן קיין איין יונגער שרייבער, וואס זאל נישט אָנקלאַפּן אין דער טיר מיט אַ פעקל כתבים... ווען נישט דער חורבן, וואס האט אפגעמעקט די טויזנט יאר יידישע שעפערישקייט אין פוילן, וואלט ראוויטש געווארן ווי י.ל. פרץ אין זיין צייט־דער מדריך, דער וועגווייזער אויפן געביט פון דער יידישער ליטעראטור.." (רחל קארן)

..."אין ראוויטשן האָבן מיר איינעם פון די סאמע קרעפטיקסטע און געדאנקענרייכע פאָרשטייער פון דער מאָדערנער יידישער פּאָזעזיע. ..ער לידלט נישט סתם אין דער וועלט אריין. אים מאטערן די שווערע פראָבלעמען פון א סך געלייזטע און נישט־געלייזטע רעטענישן... ער וויל זיך דערגרונטעווען צום סאמע יסוד פון אייביקן סוד. ער געהערט צו די מענטשן וואס זוכן גאט... אויף אלע זיינע וועגן, האט זיין גייסט געבלאנדזשעט זוכנדיק... (ישראל ראבינאוויטש)

..."מלך ראוויטש פארנעמט א צענטראלע פאזיציע אין דער יידישער ליטעראטור. שוין העכער ווי זעקס צענדליק יאר ווי ער איז פארבונדן בכל לב ונפש מיט דער יידישער ליטעראטור, וואס ער האט באַרייכערט מיט זיינע לידער, דראמען, עסייען, אפהאנדלונגען און ארטיקלען... אומעטום האט ער אי געשריבן און אי געארבעט לטובת אונדזער קולטור און געזעלשאפטלעכקייט..." זיינע ביכער "דאס מעשה בוך פון מיין לעבן" איז פול מיט באַשרייבונגען און שילדערונגען פון יידישן לעבן געשריבן מיט בענקשאפט אין א טאָן פול מיט צער און עלעגיע..." (דר. אליהו שולמאן)

אפרים אויערבאך, **טאג־מ. זשורנאל**, 15 טער יולי 1962, י. באטאשאנסקי, **די פרעסע, ב.א.** 24 טער מערץ 1962, דר' שלמה ביקל, **שרייבער פון מיין דור** ב.2 . ת.א. 1965, חיים בעז, **שרייבער און ווערק, ת.א.** 1971, יעקב גלאטשטיין, **אידישער קעמפער**, 17 טער פעבר. 1964, לייזער דאמאנקעוויטש, **אונדזער**

וואַרט, פּאַריז, 30 טער מערץ 1963 י. זיפּער ק.א. מאָנט. 23טן נאָוו. 1973 אברהם טאַבאַטשניק, **דיכטער און דיכטונג**, נ.י. 1965, יצחק יאַנאַסאָוויטש, **פּנימער און נעמען** ב.1. ב.א. 1971, ש. ניגער, **בלעטער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראַטור**, נ.י. 1959 און **יידישע שרייבער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט**, נ.י. 1964, מ. צאַנין **לעצטע נייעס**, ת.א. 30 טער יולי, 1976, רחל קאָרן, **קאַנאַדער אָדלער 2 טער סעפּט. 1977**, **ישראל ראַבינאָוויטש, דאָרט**, 16 טער אויג. 1954, דר אליהו שולמאַן, **פאָרווערטס**, 28 טער מערץ, 1976, משה שטאַרקמאַן, **סביבה, דעצ' 1964**.

ראַוויטש־אייזענבערג, רחל (29 טער אויג' 1906 —)

געב' אין שטעטל אָרעכאָוו, וואָלין. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט אַ רוסישע גימנאַזיע, און א העברעישע שולע. אין 1923 געקומען קיין מאָנטרעאַל און דאָ פאַרגעזעצט איר בילדונג. געענדיקט א האַנדלס־שול און ענגלישע אוונט־קורסן. פון 1926 ביז 1954, געווען א ביבליאָטעקאַרין אין דער "יידישער פאָלקסביבליאָטעק" אין די יאָרן כסדר געדרוקט די יערלעכע ביבליאָטעק־באַריכטן און קליינע אַרטיקעלעך וועגן ביבליאָטעק־פּראָבלעמען, און וועגן פאַרשידענע ענינים אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט' **ליטעראַרישע בלעטער**, וואַרשע, א.א. אין **ביבליאָטעק בוך**, 1934 (פון וועלכן זי איז געווען א רעדאַקציע־סעקרעטאַרן, פאַרעפנט־לעכט חוץ דעם באַריכט פון 20 יאָריקער ביבליאָטעק טעטיקייט (צוזאמען מיט ה. קיילעס) אויך די פאָרשונג "די באַזוכער פון אונדזער ביבליאָטעק" אין וועלכן זי ווייזט ארויס א פּסיכאָלאָגישן צוגאַנג און כאַראַקטעריסטיק פון יידישן לייענער עולם. זי איז אויך געווען רעדאַקציע־סעקרעטאַר פון גרויסן בוך **דאָס אַמעריקע יידישע וואַרשע**, מאָנט', 1966. זי האָט אויך צוגעגרייט צום דרוק דאָס בוך פון פראַנץ קאַפקאַ **דער פּראָצעס**, נ.נ. 1966 און צוזאמען מיט מלך ראַוויטש, די דערציילונגען פון א.מ. פוקס, **די נאַכט און דער טאָג** נ.י. 1961. א ווערטפולן באַשטייער האָט זי געמאַכט צו דעם **ד"ר י.נ. שטיינבערג בוך**, נ.י. 1961, דורך אירע זייער געלונגענע איבערזעצונגען פון רוסיש, פּויליש און דייטש און אויך מיטן פאַרפולן די ביבליאָגראַפיע מיט נייע מאַטעריאַלן. געדרוקט דער עיקר אונטער רחל אייזענבערג.

"זי האָט דערפילט די העכסטע מיסיע פון אַ ביבליאָטעקאַרן, געהאָלפן אויסשלייפן דעם ליטעראַרישן געשמאַק ביי די לייענער, געשטאַנען אין נאָענטער פאַרבינדונג מיט די מיטגלידער פון דער ביבליאָטעק, און מיטגעווירקט צו דערציען א דור פון ערנסטע לייענער"

(יעקב גראָסמאַן)

יעקב ראַבינאָוויטש, **קאַנאַדער אָדלער**, 6 טער נאָוו' 1932, י.מ. דימענטשטיין, **ביבליאָטעק־בוך**, 1934, ז' 61, דוד ראָם, **ביבליאָטעק בוך 1957־1914**, ז' 31 **(ענגליש)** **יעקב גראָסמאַן, יובל שריפט פון דער ביבליאָטעק 1964־1914**, ז' 23.

ראַזען, י. (ביאָגראַפישע פּרטים —

נישט באַקאַנט) מיר ווייסן נאָר אַז ער איז אין 1913 געקומען פון פּוילן קיין קאַנאַדע. געדרוקט סקיצן, פעליעטאָנען און צייטונגס־אַרטיקלען אין **קאַנאַדער אָדלער**, פון 1915 געווען א אינערלעכער מיטאַרבעטער פון **דער אידישער זשורנאַל**, טאָר. זאָל האָבן עמיגרירט קיין אַרגענטינע.

פּנחס, **קאַנאַדער אָדלער**, 6 אויג. 1915, **קאַנאַדיאַנאַ**.

ראָזען, מענדל (16 טער מיי 1906־27 טער מיי 1977)

געב׳ אין פולאַוו, לובלינער געגנט, פוילן, ווו זיין פאָטער, יהודה, איז געווען א מורה הוראה און מחבר פון א פירוש אויפן חומש **אלפי יהודה.** געלערנט ביים פאָטער, אין בית המדרש און וועלטלעכע לימודים ביי א לערער. צו 16 יאָר אַוועק קיין ווארשע און ביז 1929 געאַרבעט טישלעריי. דערנאָך, ביז פאַר זיין אוועקגיין געווינט אין מאָנטרעאָל און געווען אקטיוו אין יידישע לייען־קרייזן, וואָס האָבן זיך געווידמעט דער נייער יידישער ליטעראַטור און דער יידיש־וועלטלעכער קולטור. זיי האָבן זיך גרופּירט אַרום זשורנאַל **בלבב,** (אויסגאַבע פון די עלטערע יידישע קלובן און דערשיינט אין יידיש און העברעיש אייניקע מאָל אין יאָר.) ער האָט אין דער אויסגאַבע אנגעהויבן צו דרוקן זיינע עסייען וועגן יידישער ליטעראַטור און וועגן מדינת ישראל און אויך וועגן אנדערע יידישע פּראָבלעמען. א גרויסער טייל פון זיי, זיינען אריין אין זיין בוך **עסייען פון א הדיוט,** 42 אַרבעטן וועגן יידישע ליטעראַטור און אַנד׳ ענינים, מאָנט׳ 1976, 216 ז׳. „אין זיינע ארבעטן דערזען מיר די ראַנגלענישן פון א פיינפילנדיקן מענטש, וואָס זוכט צו געפינען אַ באשייד אויף די שווערע פּראָבלעמען פון א ייד אין דער היינטיקער אומרויקער צייט״ (ח.ל. פוקס)

געשטאָרבן נאָך א קורצער קראַנקהייט אין מאָנטרעאָל.

אינפאָרמאַציע פון זיין פרוי, פון שלום שטערן, קאַנאַדיאַנאַ.

ראָזענבוים, צבי (1916 —)

געב׳ אין מעזריטש, פוילן אין אַ פרומער סוחרישער משפחה. געלערנט אין דער שטאָטישער תלמוד־תורה, שפּעטער געענדיקט די העברעישע תרבות־שול.

די יאָרן פון צווייטער וועלט מלחמה, איבערגעלעבט אין רוסישע ארבעט־לאַגערן אין קאָמי ס.ס.ר. און סיביר. אין 1946 צוריקגעקומען קיין פוילן, אבער נאָכן באַזוכן מעזריטש אוועק אין די פּליטים לאַגערן. און ביז צו זיין באַזעצן זיך אין טאָראָנטאָ, אין 1950, געווען אַקטיוו אין יידישן לעבן, דער עיקר אין דער „היסטאָרישער קאָמיסיע״, אין דייטשע **פּליטים־**לאַגערן, אנגעהויבן שרייבן לידער און פּאָעמען דער עיקר וועגן חורבן טעמאַטיק. אין דער צייטשריפט **פון לעצטן חורבן** און לידער און פּאָעמען צו דרוקן ערשט אין 1950 אין **דער יודישער זשורנאַל, קאַנאַדער נייעס** (ביידע אין טאָראָנטאָ). צווישן זיי די גרעסערע פּאָעמע „יזכור מעזריטש״ (אנגעשריבן אין 1946). אין זיינע לידער ברענגט ער ארויס דעם צער און ווייטיק פון א דיכטערישן געמיט און ווייזט טאַלאַנט.

לויט פאַרשידענע קוואַלן, **קאַנאַדיאַנאַ.**

ראָזענבערג, אברהם (6 טער אקט. 1905 — 21 טער סעפּט. 1972)

געב׳ אין לובלין, פוילן. געענדיקט א יידיש־וועלטלעכע שול, שפּעטער געוואָרן אַן ארבעטער. פון 1920 ביז צו זיין טויט געווינט, אין מאָנטרעאָל. טעטיק אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן אין „איקוף״, פאַלקסאָרדן א.א. אין 1935 געווען מאָנטרעאָלער דעלעגאַט צום יידישן

קולטור־קאָנגרעס אין פּאַריז. אָנגעהויבן שרייבן מיט אַרטיקלען איבער פּאָליטישע, קולטורעלע און ליטעראַרישע פּראָבלעמען אין **דער קאַמף**, טאָר׳ (1924־1939). מיטאַרבעטער און שפּעטער, מיטרעדאַקטאָר פון **וואָכנבלאַט**, טאָר׳, (1941־1972) באַטייליקט זיך אין **מ. פרייהייט, יידישע קולטור** (ביידע נ.י.) געשטאָרבן אין מאָנטרעאָל.

וואָכנבלאַט, 4 טער אָקט. 1972.

ראָזענבערג, אַהרן־אלימלך

(1881 — 14 טער יאַנ. 1960)

תלמיד חכם און מקובל. עלטסטער זון פון הרב יידל ר׳ געב׳ אין לאָדזש. פּוילן, געלערנט ביים פּאָטער און אין ישיבות. פון 1912, אין קאַנאַדע, צוערשט אין טאָראָנטאָ און פון 1920 ביז צו זיין פּטירה געוווינט אין מאָנט׳. דאָס גאַנצע לעבן געשריבן ספרים אויף תורה. זיך אָפּגעזאָגט צו ווערן רב נאָכן פּאָטערס פּטירה, נאָר זיך מפרנס געווען פון זיין אַ שוחט. מחבר פון ספר **לקוטי בית אהרן**, חלק א, מאָנט׳ 1954, 262 ז׳ מיט הסכמות פון די רבנים הירשהאָרן און הירשפּרונג און אַ הקדמה פון מחבר. דאָס ספר, וואָס אַנהאַלט 800 מאמרים אויף דער פּרשה בראשית על פּי דרוש און קבלה, באַווייזט חריפות. נפטר געוואָרן אין מאָנטרעאָל. אַנדערע טיילן פון זיין חיבור זענען צוליבן פלוצלינדיקן טויט פון מחבר, געבליבן אין כתב־יד.

קאַנאַדער אָדלער, 15 טער יאַנ׳ 1960, נחמן שמן, **קדושה אין יידישן פאַמיליען־לעבן**, ת.א. 1977 (אין פאַרשיידענע קאַפּיטלעך) אינפאָרמאַציע פון זיין זון.

ראָזענבערג, יידל (יהודה)

27 טער אָקט. 1860 — 23 טער אָקט. 1935.

גרויסער למדן און מקובל, מחבר פון צענדליקער ספרים. געב׳ אין סקאַרישעוו, ראַדעמער געגנט, פּוילן, אין אַ משפּחה, וואָס ציט איר יחוס פון ר׳ יהודה החסיד. דערצויגן אויף תורה און חסידות, האָט ער שוין ווי אַ יונגערמאַן געשמט, ווי דער "סקאַרישעווער עילוי" צו 17 יאָר חתונה געהאַט און זיך באַזעצט אין טאַרלע און צו 20 יאָר באַקומען סמיכה אויף רבנות אָבער נישט געוואָלט ווערן קיין רב און ביז 1885, זיך מפרנס־געווען פון אַ קליין אייזן געוועלבל. גלייכצייטיק אָנגעהויבן שרייבן רבנישע ספרים און פּאָלקסטימלעכע מעשות אין יידיש. צוליב אַ שׂריפה, וואָס האָט אַ טייל געמאַכט פון זיין געוועלבל, באַשלאָסן אָנצונעמען דעם אַמט פון אַ רב אָבער צוליב די צאַרישע געזעצן, געדאַרפט באַלייגן עקזאַמען פון 4 קלאַסן גימנאַזיע און הרב ר׳ האָט עס געטאָן דורך אַליין־בילדונג און איז צום סוף 1888 געוואָרן אַ רב אין טאַרלע, וואָס צוליב זיין חסידות, איז ער געקרוינט געוואָרן ווי דער "טאַרלער רבי" שפּעטער איז ער אַ צייט געווען אַ מורה־הוראה אין לובלין, וואַרשע און פון 1900 ביז 1912, אַ מיטגליד פון לאָדזשער ראַבינאַט. דאָרטן, מחבר געווען און אַרויסגעגעבן אייניקע דרוש־ספרים און כמעט אַלע יידישע מעשה־ביכלעך. אין זעלבן יאָר פאַרבעטן געוואָרן אָנצונעמען דאָס רבנות אין דער שיל פון "פוילישע יידן" אין קאַנאַדע און ער איז ביז סוף 1917, געווען יושב־ראש פון וועד הרבנים אין טאָר. דערנאָך פון 1918, ביז צו זיין פּטירה, רב און יושב ראש פון וועד הרבנים אין מאָנט. הרב ר׳ איז געווען אַ

מחבר פון ווערק אויף פארשידענע געביטן, אנהויבנדיק פון פילפול־ספרים, דרוש און הלכה, ביז קבלה און פון א גרויסע צאל ביכלעך, וואס ווערן צוגערעכנט ווי "פאלקסליטעראטור" אויף יידיש און אויך פון א צאל ווערק פון דער אלטער הלכה־ליטעראטור, וואס ער האט איבערגעזעצט פון לשון־קודש אויף יידיש. זיין ערשט ספר אויף די סדרות פון דער וואך **פרי יהודה**, מיט הסכמות פון גדולי פוילן, בילגאריי, 1895, 164 ז'. זיין פירוש "מגלה עמוקות", איז אָנערקענט געווארן, ווי א ספר פון א גאון. אין זעלבן ספר באַווייזט ער זיין דרך אין קבלה, דורך זיין פאַרטייטשן דעם חילוק צווישן דער קבלה פון "ארי" און דער קבלה פון ר' משה קורדובירה. א וויכטיקער אויפטו איז זיין ספר **ידות נדרים**, ווארשע, 1903, 62 ז', וואָס האָט געהאָלפן קלאָר מאַכן אלע "כלומרס" פון מסכת נדרים. ער איז אויך דער אויסטייטשער פון ספרל **גורל העשירות לרב צמח גאון**, דארט, 1904, 24 ז'. ער גיט אויך ארויס אין אַ פאָפולערן יידיש זיין ספר **אבני חושן משפט**, אַ געניטע באשרייבונג פון אלע שטיינער פון חושן־משפט, זייערע נעמען און סגולות, וואָס יעדער שטיין פאַרמאָגט, לאדזש, 1905, 46 ז' (דערשינען אין א צאָל אויפלאַגעס) ער גיט ארויס זיין פירוש **אור צח**, צום **ילקוט אליהו**, וואַרשע, 1905, 66 ז' אין לשון קודש און עברי טייטש־יידיש, אין וועלכן ער קלערט אויף על פי קבלה די פערזענלעכקייט פון אייביקן יידישן מבשר־טוב. (דערשינען אין א גרויסער צאָל אויפלאַגעס אונטערן נאמען **ספר אליהו הנביא**) זיין ספרל **דרשה צמר ופשתים** (וועגן שעטנז) אין לשון קודש און יידיש (ארויסגעגעבן בעתן שניידער־סטרייק, מאנט' 1913־1914, 32 ז') ווי זיינע ספרימלעך **מקוה ישראל** (ווי צו מאָכן אין יעדן הויז א קליינע מקוה, לאדזש, 1909, 30 ז' **מאור החשמל** (ווי אזוי צו באנוצן אין שבת און יום טוב די עלעקטרישע באלייכטונג, מאָנט' 1914, 16 ז' האָבן ארויסגערופן אַ פאָלעמיק מיט אַ צאָל רבנים (זען ספר **אמרי חיים** פון הרב חיים לאַנדוי) דאס ספר איז אויך דערשינען ווי א מוסף צום חודש זשורנאל **שערי ציון**, ירושלים, 1939. זיין ספר **הקריא הקדושה**, נ.י. 1919, 128 ז' (צווייטער אויפלאגע 1939), איז מיט יידישער איבערזעצונג" אז אלע אידעען פון אלע קלאַסן זאָלן פערשטעהן די דינים. עס אנטהאלט אויך די נעמען, וואָס ווערן באנוצט אין יידיש עד היום. הרב ר' האט אויך איבערזעצט אין פשוטן יידיש דאס ספר **מילון דרבנן**, ווארשע, 1927, 42 ז'. פון 1900 ביז 1925, כסדר געארבעט אויף זיין לשון קודשיקער איבערזעצונג פון זהר, זיבן בענדער צו וועלכע ער האָט צוגעגעבן זיין פירוש **זיו הזהר** און זיינע **השמטות הזהר**, די ערשטע אויסגאבע, דערשינען, ווארשע 1925 און אויך שפעטער אין פארשידענע אנדערע אויסגאבעס אין קאנאדע, אמעריקע און ארץ ישראל. ער האט אויך מחבר געווען אין יידיש און לשון קודש א ספרל, מאָנט'. 1927 אין וועלכן ער שטעלט זיך קעגן די וואָס האָבן געשריבן אַז משה דע לעאָן איז דער מחבר פון זהר. ער באווייזט אַז דער אמתער מחבר (לויט לשון פון יענער צייט) איז ר' שמעון בן יוחאי. זיין 8 טער באנד פון זהר איבערזעצונג א.נ. **נפלאות הזוהר**, מ, 1929, 162 ז' (די **וואונדערלעכע מעשיות פון זהר הקדוש**) זענען איבערגעדרוקט געוואָרן אין פארשידענע ישובים, די לעצטע אין ירושלים, 1966. ער האט אויך דערוועגן

געדרוקט א סעריע ארטיקלען אין **קאנאדער אדלער**, א גרויסן רושם האט געמאכט זיין ספר אין לשון קודש און יידיש **נפלאות מהרל מפראג**, די בעשרייבונג פון די גרויסע וווּנדער וואס דער באַרימטער גאון האט באַוויזן דורכן באַשאַפן דעם גולם, וואָס ער האט געמאַכט כדי מלחמה צו האַלטן קעגן דעם עלילות דם) מיט א הקדמה פון מחבר און א כתב-מכירה פון הרב חיים שאַרפ שטיין פון מעץ, אז ער האָט פאַרקויפט דעם כתב-יד פון מהרלס איידעם ר׳ יוסף כץ צו הרב ראָזענבערג. דאס ספר איז דערשינען צום ערשטן מאָל אין ווארשע 1904, 76 ז׳ פיל מאָל איבערגעדרוקט אַנאָנים, שפעטער, אין לאָדזש און פיעטריקאוו אין 1907 162 ז׳ דערשינען אין פארשידענע לענדער, דאָס לעצטע, מאָל ארויסגעגעבן פון איש שלום, ירושלים 1966. דאס ספר וואָס איז א רייכע זאַמלונג פון לעגענדעס וועגן פראגער גולם און זיין באַשאַפער, ר׳ בצלאל ליוואי, האט הרב ראָזענבערג באַאַרבעט אין גערעדטן און הארציקן פאָלקסטימלעכן יידיש, לויט א פעקל כתבים, וואס זיינער א קרוב האָט געפונען אין דער ביבליאטעק פון מעץ און זענען געשריבן געוואָרן פון מהרל״ס איידעם ר׳ יצחק כץ. אין דער באַאַרבעטונג האט ר׳ נישט געענדערט דעם זייער נאַיוון פאָלקסטימלעכן, טראַדיציאָנעלן סטיל און דאָס ספר איז דער איינציקער מקור פון דעם ציקל גולם-לעגענדס, וואָס האָט אינספירירט א גרויסן טייל פון דער יידיש-קינסטלערישער ליטעראַטור״ (זלמן רייזען) עס האט אויך דירעקט באווירקט ה. לייוויקס ״גולם״ (גרשון שלום) און אויך דוד איגנאטאוס ״מעשיות פון אלטן פראג״ און י.י. טרונקס לעצטע חסידישע פאלקס-מעשות (ח.ל. פוקס) א באזונדערע ווירקונג אויפן יידישן פאָלקסמענטש, האָבן געהאַט ר׳ס פאָלקסביכער אין לשון קודש און יידיש ווי **ספר אליהו הנביא** (אלע מעשות פון אליהו הנביא, ארויסגענומען און באארבעט פון זהר, תלמוד בבלי און ירושלמי, מדרשים, זמירות צו מוצאי שבת און תפילות) ערשטע אויסגאבע, לאָדזש, ווארשע, פיעטריקאָוו, 1911, 93 ז׳ צו זיי געהערן אויך **תפארת ממהר״ל משפאָלע** (די וווּנדערלעכע מופתים פון שפאָלער זיידע, זיין לעבנבעשרייבונג פון יידל טאַרלער) לאָדזש, 1910 162 ז׳ **נפלאות בית לוי** (מעשות פון ר׳ לוי יצחק פון בערדיטשעוו) פיעטריקאָוו, 1910 **חכמת שלמה המלך** (לויטן דברי הימים) איבערזעצט אין יידיש פון יוסף יעבץ) דאַרטן, 1914 71 ז׳ (דערשינען א נייע אויסגאבע, ירושלים, 1924 מיט א ציטאט פון חובת הלבבות, שער הבטחון, פרק ג׳) **ספר אליהו הנביא** (מעשות וועגן דער מצווה פון מלוה מלכה, דארט, 1916, 94 ז׳ צווייטע פארגרעסערטע אויסגאבע, וואַרשע, 1922, 120) ער איז אויך דער מחבר פון ציקל מעשות א.נ. **דער גריידיצער, ר׳ אליהו גוטמאכער זצ״ל** (6 מעשות, דערשינען אין העפטן צו 24 ז׳) צווישן זיי **צוויי שותפים, צוויי וואלד סוחרים, צוויי קינדער, פיר מכשפות, די ארימע יתומה, שלושה אחים** לאדזש, 1908, (דערשינען אין גרויסע אויפלאגעס, די לעצטע, ירושלים, 1922, אין טאַשן פאָרמאַט וואָס זענען ווי סוזשעטן אויסגענוצט אין טייל פאָלקסטימלעכע מעשות פון י.ל. פרץ ביז י. באַשעוויס) ער האט אויך אין אַ פאָלקס-טימלעכן יידיש (לויטן רמב״ם ספר רפואות) באַאַרבעט און אַרויסגעגעבן **סגולות ורפואות אין צוויי טיילן א.י. (סגולות, קמיעות און עצות) ב. רפאל המלאך**

(**פאַרשידענע רפואות און רעצע־פּטן, איבערזעצט פון די בעסטע דאָקטאָר־ביכער**) **לאָדזש 1907 צו 128 ז' האַמעאָפּאַטיע** (**ווי אַזוי צו היילן זיך ביי זיך אינדערהיים**), **פּיעטריקאָוו**, 1911 62 ז'. ער האָט אויך ווי אַ רב רעאַגירט אויף צייט־פּראָבלעמען און אַרויסגעגעבן פאַרשידענע ביכלעך, צווישן זיי: **סדר הפּרוזבול**, מיט אַ פאָרם ווי אַזוי אים צו מאַכן, אין יידיש און לשון קודש, פּיעטריקאָוו 1910, 12 ז' **דער קריזיס פון לאָדזש־וואַרשע**, דאָרט 1912, 24 ז' (וועגן קריזיס ביי יידישע האַנט־וועבערס און זיינע עצות ווי אַזוי זיי צו פאַרמיידן).

ער האָט אויך אין מאָנט' אַרויסגע־געבן איינציקע קליינע ביכעלעך צוו. אנד. **אַ בריוועלע פון די זיסע מאַמאַ** (צו איהרע זיהן און טעכטער פון אידישען פאָלק) 1913 — 1914 צו 12 ז'. טייל ביכעלעך זענען אויך דערשינען א"פ. א גראַף. (ז. רייזען, צוגאָב צו פּסעוודאָניאַמען, ייוואָ־בלעטער, ווילנע 1938) ..."זיינע ספרים געשריבן אין דער פאָלקסטימלעכער שפּראַך, ווי די מעשׂיות פון שפּאָלער זיידן, דער דאָזיקער אויסטערלישער געשטאַלט פון חסידישן פאָלקס עפּאָס, וואָס ר' האָט באַאַרבעט אויפן גרונד פון אַ כתב־יד, וואָס ער האָט באַקומען פון שפּאָלער זיידעס אוראייניקלעך, ווי אויך אויפן סמך פון עלטערע "סיפורי מעשׂיות" און מינדלעכע דערציילונ־גען, האָבן חוץ דעם ריין־פאָלקלאָריסטישן ווערט, אויך אַ זייער גרויסן קולטור־היסטאָרישן ווערט, ברענגענדיק זייער אַ רייכן מאַטעריאַל פאַר דעם פאָרשער פון יידישן עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן און פון די באַציאונגען צווישן דער יידישער וועלט און דער נישט יידישער... זיין ספר **רפאל המלאך**, אַנטהאַלט עצות און רעצעפּטן פון דער פאָלקסמעדיצין און פאָלקסהיגיענע און ווערט באַנוצט פון אַ סאַך חסידישע רביים אין זייער פּראַקטיק" (זלמן רייזען) "...ר' באַזיצט אַ זאַפטיקן, פאַרביקן העבסט־פאָלקסטימלעכן סטיל פון אַ דערציילער סיי אין העברעיש און סיי אין יידיש. פון זיינע מעשׂיות ווייעט די תמימות, די באַגייסטערונג, די גרויסע ליבע פון מחבר צו זיינע העלדן, ערטערווייז, באַזונדערס אין די מעשׂיות וועגן שפּאָלער זיידען, דערהויבט זיך זיין סטיל צו אַ הויכער, קינסטלערישער מדרגה, ניט פאַרלירנדיק דערביי דעם חן פון אומגעקינצלטער פאָלקסטימלע־כער שאַפונג. אַ מאַן פון אַ דיכטערי־שער נשמה מיט אַ שטאַרקער נייגונג צו מיסטיציזם, האָט ער אַ באַזונדערע ליבשאַפט צו מערקווירדיקע לעגענדעס, מיט וועלכע ס'איז אַרומגעוועבט אין דער פאַנטאַזיע פון פאָלק דער אַפּשיין פון די לעגענדאַרע העלדן, אליהו הנביא, דער שפּאָלער זיידע, דער פּראָגער רב און אנד." (אַ ליטווין) ..."ער איז געווען מיין רבי אין די פריע יאָרן אין לאָדזש און עס קען זיין אַז מיין דיכטערישער גאַנג, איז פון אים באַאווירקט געוואָרן דורך זיינע מעשׂיות, וואָס איך האָב פון אים געהערט אין די יאָרן 1911־1912. ער קען דעריבער צוגערעכנט ווערן צו די בעסטע פאָלקלאָריסטן וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט" (ח.ל. פוקס)

צו זיין זיבעציק יאָריקן יובל, וואָס איז געפייערט געוואָרן דורכן וועד העיר צוזאַמען מיט דער שיל "הדרת קודש אנשי פוילן" אין מאָנטרעאַל, איז דערשינען **דער 8 טער באַנד פון זיין זהר־איבערזעצונג איז לשון קודש,** וואָס הגם סיי אין פוילן און אין ארץ

ישראל האט עס ארויסגערופן גרויס אויפמערק, איז אין מאנטרעאַל אנגעגאנגען א פאלעמיק דערוועגן צוו. אנד. פון למדן שמשון דונסקי, וואָס האָט אים פאַרגעוואָרפן פאַרוואָס ער האָט נאר איבערגעזעצט די טיילן וואס זענען פארבונדן מיט די פסוקים פון תנך און ער האט נישט איבעגעזעצט די טיילן, וואס אַנטהאַלטן דעם אמתן מהות פון זהר" אין זיין ענטפער האט הרב ר' דערקלערט אז ער האט אויסגעמיטן בכיוון די "קבלה־טיילן" ווייל זיין ציל איז געווען צו געבן די טיילן פון זהר, וואס זיינען צוגענגלעך פאַרן פשוטן לערנער און ער האלט אז מען טאָר נישט מגלה זיין די סודות פון זהר פארן פשוטן מענטשן (קאנאדער אָדלער, 31 מערץ 1931) נפטר געווארן אין מאנטרעאל געלאזט אין כתב־יד א צאָל ספרים וועגן יידישע עניינים און אייניקע איבערזעצונגען פון פאָלקסטימלעכן כאַראַקטער.

זלמן רייזן, לעקסיקאָן ב.4 מיט ביבליאָגראַפיע, **בית עקד ספרים**, **קרית ספר**, ירושלים. ישראל ראבינאוויטש, **קאנאדער אדלער יובל ביכער**, 1927, 1932, 1938 און **קאנ. אדל**, פון וטן מערץ 1931, 2 טער נאוו. 1959. צבי כהן, דארט, 8 טער מערץ, שמשון דונסקי, דארט 19 טער מערץ 1931 מרדכי גינזבורג, **דארט** 25 טער אקט. 1935, חיים לייב פוקס, **לאדזש של מעלה**, ת.א. 1972, אינדעקס, מלך ראוויטש, **פנקס** ב.1. נ.י. 1965, **קאנאדיאנא. אינפאָרמאַציע פון זיין טאָכטער.**

ראזענבערג, לואיס (7 טער יוני 1893 —)

דעמאָגראַף, עקאָנאָמיסט, סאָציאָלאָג, דערציער, רעדאַקטאָר און מחבר. געב' אין גאניאנדז, ביי ביאליסטאק, פוילן. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. אין די פריע יוגנט־יאָרן געקומען קיין ענגלאנד, דאָרטן פאָרגעזעצט זיין בילדונג. געענדיקטער ד"ר פון עקאָנאָמישע וויסנשאפטן פון די אוניווערסיטעטן פון לידז און לאנדאן. פון 1915, אין קאַנאַדע. אייניקע יאָר געווען א לערער איז קאלגארי און וויניפעג. פון 1919 ביז 1940, פאַרוואַלטער פון דער יידישער קאלאניזאציע געזעלשאַפט "איקא" פאר מערב קאנאדע און ביז 1972, דער וויסנשאפטלעכער רעדאַקטאָר פון אלע אויסגאבעס פון "קאנאדער יידישן קאנגרעס" געווען רעדאַקטאָר פון דער ניו־יארקער אויסגאבע פון דער **דזשואיש ענציקלאפעדיא פאַר קאנאדע (1942) און דארטן געדרוקט א צאל ארבעטן וועגן די יידן אין קאַנאַדע, וואָס האבן אים בארימט געמאכט איבער דער יידישער וועלט. אָנגעהויבן שרייבן אַרטיקלען וועגן יידישער עמיגראציע און אויף כלל־יידישער** טעמאטיק אין די **צייט**, לאנדאן, 1913. אין יענע יארן אויך גע־שריבן העברעיש און אייניקע ארבע־טן פארעפנטלעכט אין **הצפירה**, וואָר־לאַנגע יאָרן געווען א מיטארבעטער און א צייט, רעדאַקטאָר פון **דאָס יודישע וואָרט**, ווינ'. דארטן חוץ וועגן עמיגראציע־פראבלעמען, יידישע קולטור־פראַגעס אויך געדרוקט די לייט־ארטיקלען, וואס האבן זיך אויסגעצייכנט מיט קלאָרקייט און מיט פשטות. באטייליקט זיך אין **קאנאדער אדלער**, מאנט' **דער יודישער זשורנאל**, טאר' **צוקונפט**, **ייווא־בלעטער**, **פאלק און לאנד** (אלע אין נ.י.) **בתפוצות הגולה**, ירושלים, א.א. **אין ביבליאטעק־בוך**, מאָנט' 1955,

פאַרעפנטלעכט די וויכטיקע פאָרשונג ״שפּראַך און מוטער־שפּראַך ביי קאַנאַדער יידן״ (ז״ז 166־126) וואָס האָט צום ערשטן מאָל אַרויסגעברענגט די ספּעציפֿישע שפּראַך־שטרעמונגען און אַקטועלע ווירקלעכקייט פֿון דעם קאַנאַדער יידישן יישוב. דער עיקר אָבער פֿון זיינע פֿאָרשונגען וועגן יידישן לעבן קאַנאַדע פאַרעפנטלעכט אין ענגליש, ווו אַנגעשריבן כמעט אַ גאַנצע ליטעראַטור, וואָס טיילן דערפֿון זענען אַריין אין די בענדער ״די יידן אין קאַנאַדע״. ל.ר. איז אַ מיטאַרבעטער פֿון **יידישער זשורנאַל פֿאַר סאָציאַלאָגיע**, לאָנדאָן און פֿון **סטודיע פֿון דער יידישער באַפֿעלקערונג**, (העברעיש), ירושלים.

ש. בעלקין, **די פועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס, אויך אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ 9 טער אויג׳ 1963, **ענציקלאָפּעדיאַ יודאַיקאַ**, ירושלים, **ייוואָ־בלעטער**, נ.י. 1955, ישראל ראַבינאָוויטש, **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ 5 טער נאָוו׳ 1959, יעקב זיפּער, **דאָרטן**, 27 טער סעפּט׳ 1972, **קאַנאַדיאַנאַ**.

ראָזענבערג, לייבוש (5 טער אויג. 1892 — יולי 1972)

געב׳ אין באָדזשעצין, קעלצער געגנט, פּוילן באַקומען אַ חסידיש־טראַדיציאָנעלע דערציאונג. אין 1908, אַוועק קיין וואַר׳. אַ צייט געאַרבעט ווי אַ שילדן־מאָלער און אין די אָוונטן געלערנט אויף שפּראַך קורסן, וועלטלעכע לימודים. אין וואַר׳. אויך געענדיקט אַ צייכן־שול און ביז צו זיין קומען אין 1913 קיין טאָראָנטאָ, זיך מפרנס געווען פֿון מאַכן צייכענונגען צו ביכער און קאַריקאַטורן צו הומאָריסטישע זשורנאַלן. אין וואַרשע נאָך געדרוקט לירישע לידער אין **דער שטראַהל**, **ראַמאַנצייטונג**. וואַר׳ 1913 ביז פּערציקער יאָרן געווען אַן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער פֿון **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳. דאָרטן כסדר געדרוקט לידער, מעשהלעך, סקיצן, פעליעטאָנען און איין אַקטערס צוו׳ אַנד׳ די קאָמעדיע אין איין אַקט. **אַ טעמאַ**, וואָס איז אויפֿגעפֿירט געוואָרן דורך אַ דראַמקרייז ל.ר. האָט אויך אין **זשורנאַל** געדרוקט זיינע איבערזעצונ־גען צוו׳ אַנד׳ **דער שוואַרצער שלייער** פֿון טשאַרל דיקענס, די דראַמע פֿון מעטערלינק **לעבנס סודות**. ער איז געווען אַ מיטאַרבעטער אויך פֿון **קאַנאַדער אָדלער** מאָנט׳ **דאָס אידישע וואָרט**, **קאַנאַדער מזיק** (ביידע אין ווינ.) בעת ברייני האָט אַרויסגעגעבן די ט״צ **דער וועג**, 1915, האָט ער צוגעצויגן ר׳ צו מיטאַרבעטן אין זיין צייטונג. ר׳ האָט דאָרטן געדרוקט, דער עיקר איבערזעצונגען פֿון דער פּוילישער ליטעראַטור, זיינע דערציילונגען און בילדער פֿון יידישן לעבן אין פּוילן און זיין איינאַקטער **פֿערפֿירט**. אַ צייט, געווען אַקטיוו אין דער פּועלי־ציון באַוועגונג און געווען דער גרינדער און איניציאַטאָר פֿון טאָראָנטער ״ליטעראַטן פֿאַריין״, וואָס האָט אַרויסגעגעבן דעם ערשטן ליטעראַרישן זשורנאַל אין קאַנאַדע דאָס זאַמלבוך, **קאַנאַדע**, טאָר. 1919, 100 ז׳ פֿון וועלכן ר׳ איז געווען רעדאַקטאָר. ער האָט דאָרטן פֿאַרעפֿנטלעכט אַ צאָל לירישע לידער, וואָס זענען געווען באַהויכט מיט דער ראָמאַנטיק פֿון דער פּוילישער און רוסישער פּאָעזיע, ל.ר. איז געווען פֿון די עסקנים אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול־באַוועגונג, אין דער פּאַרטיי פּ.צ. און אירס אַ דעלעגאַט צום ערשטן קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס. ער איז געווען דער סעקרעטאַר פֿון ״הילפֿס־קאָמיטעט פֿאַר יידישע

מלחמה־געליטענע פאר דער אַנטאַריער פראָווינץ. פון סוף 1943 ביז זיין קראנק ווערן, געלעבט אין ווינדזאָר, שפעטער אריבער קיין דעטרויט און דאָרטן געשטאָרבן.

ל.ר. האט אויך געדרוקט אונטער פסעווד: ל. קאָוואַל, לייזער מזיק, לייזערקע א.א. ז. רייזען **לעקסיקאָן**, ב.4, ש. בעלקין, **די פועלי־ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס. ישראל ראבינאוויטש, יובל בוך **קאנאדער אדלער**, 1927, 1938 און 1959, אינפארמאציע פון זיין משפחה, קאַנאַדיאַנאַ!

ראָזענפאַרב, חוה (9 טער פעבר. 1923 —)

טאכטער פון אברהם און סימע, וואס ציט איר יחוס פון ר׳ יונתן אייבעשיץ. געב׳ אין לאָדזש, פוילן. געענדיקט די יידיש־וועלטלעכע ״מעדעם שול״ און א יידיש־פוילישע גימנאזיע. פון אנהויב 1940 ביז סוף אויגוסט 1944, געווען אין לאָדזשער געטאָ און באשעפטיקט ווי א יידישע לערערין אין אן אונטערערדישע שולע ביים מעטאַל־רעסאָרט. בעת דער ליקווידאציע פון געטאָ, פארשיקט קיין אוישוויץ, שפעטער געארבעט אין אמוניציע פאבריקן ״זאזעל״ ביי האַמבורג פון וואַנען פארטריבן אין טויטן־לאגער בעלזען־בערגען. פון דעם 15 אפריל 1945, באפרייט דורך דער ענגלישער ארמיי. אומלעגאַל אריבער די גרעניץ קיין בעלגיען און ביז 1950, געארבעט ווי א יידישע לערערין אין בריסעל, פון וואנען דעם זעלבן יאָר געקומען קיין מאַנטרעאל. אָנגעהויבן שרייבן צו 8 יאר מיט לידלעך צו וועלכע אליין געמאלט בילדער, וואס זענען אויסגעשטעלט געוואָרן דורך דער ״צישא״ אין פארשידענע לענדער. אין די געטאָ־יאָרן, אנטוויקלט איר טאַלאנט אין אירע לידער, עסייען און טיילן פון איר גרויסן ראָמאַן ״דער בוים פון לעבן״, וואס האט זי בארעכטיקט צו ווערן א מיטגליד אין ״קינסטלער און שרייבער־קרייז״ פון ישראל לייזעראָוויטש. און ספּעציעל זיך אויסגעצייכנט אין לידער, וואס איינס פון זיי ״רעגן״ מיט דער מוזיק פון דוד בייגעלמאן (געשריבן אין ל. געטאָ, הארבס 1943) איז געזונגען געוואָרן און אויפגעפירט אין א פּראָגראַם פון ״געטאָ־טעאַטער״ אבער איר אמתע ליטעראַרישע אקטיוויטעט ערשט אָנגעהויבן מיט דער ״באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד״ געדרוקט אין **צוקונפט**, נ.י. יוני 1946, וואָס האָט ארויסגערופן גרויס אָפּקלאנג און זי׳ אוועקגעשטעלט ווי א דיכטערן מיט גרויסער באגאבונג... זינט דעמלט זיך באַטייליקט מיט לידער, דערציילונגען באַלאַדן, טיילן פון ראָמאַן, עסייען, רייזע־באַשרייבונגען און פראַגמענטן פון דראמעס אין **צוקונפט**, **אונדזער צייט**, **פרייע ארבעטער שטימע**, **סביבה**, **דער וועקער**, **קולטור און דערציונג**, **אונדזער אייגן וואָרט** א.א. נ.י. **קאנאדער אדלער**, **מאָנטרעאַל**, **העפטן** (מאנט׳) **יידישע וואָרצלען**, ראטשעסטער **לשון און לעבן**, **די אידישע שטימע**, לאָנדאָן, **גאָלדענע קייט**, לעצטע נייעס, לעבנפראַגן, היימיש (אלע אין ישראל) קיום, אונדזער שטימע א.א. פאריז, **אונדזער ליד**, בריסעל, פּאַרויס, מעקס. און אויך אין ליטעראַרישע זשורנאַלן און צייטשריפטן אין עברית און ענגליש.

אין בוכפאָרם: **די באַלאַדע פון נעכטיקן וואַלד**, מיט א צאל לידער געשריבן אין לאדזש. מיט א פאַרוואָרט פון דער דיכטערן, לאָנדאָן, 1947, 56 ז׳ (ארויס אין א ספעציעלער טאשן אויסגאבע מיט א וואָרט פון ארויסגעבער ה. הערשמאַן, מ, 1948,

56 ז׳ ארויס אויך (א״נ. געטא און
אנדערע לידער) א צווייטע אויפלאגע,
מיט צייכענונגען פון ב. מלחי, מאנט׳
1948, 102 ז׳) **דאס ליד קעלנער
אברהם פאעמע, לאנדאן, 1947,**
87 ז׳, **דער פויגל אין געטא,**
טראגעדיע אין 3 אקטן מיט א הקדמה
פון מחבר, מ. 1958, 181 ז׳ (געשפילט
אין עברית אין טאעטער "הבימה", תל
אביב, 1965) **ארויס פון גן עדן,** לידער
און באלאדן, ת״א 1965, 186 ז׳ **דער
בוים פון לעבן,** טרילאָגיע ת.א.
1972, 3 טיילן, 1950 ז׳ איבערגעזעצט
אין עברית דורך שלמה שנהוד וואס
ווערט באטראכט ווי די עפאפיי און
זאגא פון חורבן הן צוליב די צאל זייטן
און הן צוליבן קינסטלערישן מהות פון
דער טעמע פון חורבן און זיינע
געשטאלטן. (אליין איבערגעזעצט טייל
אין ענגליש) באקומען דעם מאנגער
פרייז 1979. טיילט לעצטנס איר
היים צווישן מאָנטרעאל און מעלבורן
און פארעפנטלעכט א טייל פון אירע
ארבעטן אנגעשריבן אין אויסטראליע.
(זיי ווייזן איר טאלאַנט ווי אַ קינסטלע־
רין סיי פון גוטע רעפארטאזשן
און רייזע באשרייבונגען און אויך איר
עסיי וועגן די אויסטראלישע שריי־
בערס, איז געמאלט און געשילדערט
מיט גוטע אויגן פון אויסערגעוו־
וויינטלעכער קראַפט, וואָס נאָר א
גרויסער קינסטלער קען אזוי שרייבן)
(ח.ל.פ.) וועגן אירע שאפונגען איז א
סאך געשריבן געוואָרן. מיר קענען
אָבער זיך דערלויבן נאָר צו געבן
אייניקע ביבליאָגראפישע מקורות און
עטלעכע אויסצוגן פון ארטיקלען וואס
באַלייכטן און כאַראַקטעריזירן אירע
לידער, דראמעס און דער עיקר איר
וויכטיקן בוך וועגן לאדזשער געטא.
מיר ווילן דערביי אונטערשטרייכן איר
גרויסן טאלאנט, וואס דוקא אין די
פינצטערע געטא־יארן האט זיך ביי איר
ווי א יונג מיידל, אנטוויקלט דאס
שרייבערישע געפיל און וואס
דערהויבט זי, ווי א וויכטיקע שרייבערין
אין אונדזער דור. אזוי שרייבט א.
גלאנץ־לעיעלעס (דער טאג, נ.י. 1 מאי
1948)... צווישן די לעבנגעבליבענע פון
לאגער, איז אויך געווען א יונג מיידל
פון לאָדזש־א פאעטעסע וואָס האָט
שוין געשריבן אלס יונגע שילערין און
האט אויך אנגעהאלטן איר שרייבן אין
לאדזשער געטאָ־איר נאמען איז —
חוה ראזענפארב" יעקב גלאטשטיין
(ט.מ. זשורנאַל, אידישער קעמפער, 3
דעצ. 1948) ח.ר. איז א קינד פון אונדזער
תקופה, ממש דיכטעריש געבוירן
געוואָרן פון דעם שווידער אין יסורים. זי
האט דורכגעלעבט דעם גאנצן גרויל,
געראטעוועט און ארויס פון אומגליק
מיט א בוך לידער...זי איז געוואָרן א
נאמען אין דער יידישער נאָך־חורבן
פאָעזיע... דער לעבעדיגער (ט.מ.
זשורנאל 19 טער יוני 1959) שטעלט זיך
אפ וועגן דער דראמע **דער פויגל אין
געטאָ,** וואָס "כאָטש סימבאָליש, קען
מען, ווען מען זאל פון די דריי אקטן
מאכן בלויז צוויי "אויפפירן אויף דער
בינע, און זי וואָלט געווען גוט אפילו ווי
א חורבן־שילדערונג אין דער
איצטיקער צייט. **יצחק יאנאסאוויטש**
(פנימער און נעמען ב.2.) שרייבט וועגן
איר גרויס ווערק **דער בוים פון
לעבן"**... ח.ר״ס ראָמאַן וועגן לאָדזשער
געטאָ הויבט זיך קינסטלעריש ארויס
פון די אלע קינסטלערישע חורבן־
שילדערונגען און בלייבט שטיין ווי א
גיגאנטישער טורעם וואָס דאָמינירט
מיט זיין מאָנומענטאלישקייט איבער
דער גאנצער מאוויימדיקער לאנדשאפט
פון אונדזער חורבן־ליטעראטור..." זי
האָט נישט פארזען קיין איין וויכטיקן
דעטאַל פון געטאָ־לעבן וואָס האָט מיט

א מוראדיקער קאָנסעקווענץ געפירט צום טויט..."נאר אין פייער פון נסיונות, נאר אין פיין פון טויט־געפאר, דערזען זיין אמתן כאראקטער און דורך זיין כאראקטער־זיין באַשערטן גורל. איר ראָמאַן "דער בוים פון לעבן" איז א מעכטיקער קינסטלערישער שפיגל אין וועלכן מיר דעזעען זיך אליין מיט א וויטיקלעכער קלאָרקייט און מיט אן אמת וואָס צווינגט אונדז צו חשבון־הנפש..." דר׳ א. מוקדוני **דער אמעריקאנער**, 29 טער אקט. 1948) שרייבט וועגן איר...פון די לידער פון דער יונגער דיכטערין גייט־אויף דער דינער ציטער דער געוואַלטיקער וויטיק פון די צום טויט־פארמשפטע לאגער־יידן, וואָס זענען געווען ארומגעצוימט מיט די שטעכיקע דראטן אין מיטן פון דייטשן דזשונגל, פון יידישן טויטן־וואַלד..."

מער וועגן איר שאַפן צו זען: מאַקס וויינרייך (פ. בערמאַן) **פאָרווערטס**, 6 טער אפּריל 1947, מלך ראַוויטש, **פר. ארב. שטימע**, יוני 1947, **לעא פינקעלשטיין, קולטור און לעבן** מערץ 1950, י. ראפאפארט, **גאלדענע קייט**, אקט. 1965, י. עמיאט, **צוקונפט**, אָקט. 1965 י. יאנאסאוויטש, **פנימער און נעמען** ב.1, חיים לייב פוקס, **לאדזש של מעלה**, אינדעקס חיים הימלפארב, **בשער**, נומ. 5, ת.א. 1974. יוסף סגל, **מאָזניים**, ת.א. טבת תשל"ט.

ראטשטיין, יחיאל — פייוול
(1907 — 21 טער מאי 1952)

געב׳ אין ראדזין, פוילן. אלס קינד געקומען קיין ווארשע און דארט באקומען יידישע און אלגעמיינע בילדונג. געענדיקט דעם פעדאגאגישן פאַקולטעט פון דער "פרייער וושעכניצא" אין ווארש׳ און ביז 1939 געווען א לערער אין פויליש־יידישע שולן. בעת די נאציס האָבן פאַרנומען וואַרשע, אַוועק קיין ביאַליסטאָק, דערנאָך, פון 1941 ביז 1945 איבערגעלעבט די מלחמה אין קאָקאַנד (מיטלאזיע) בעת דער רעפאטריאציע פון פוילישע בירגער פון רוסלאַנד, צוריקגעפארן קיין פוילן, אבער אין 1947 אוועק אין דייטשע **פליטים** לאגערן. א צייט געווען אין שוועדן און פון דאָרטן געקומען קיין קאַנאַדע. פון 1951 ביז צו זיין פריען טויט, געווען א יידישער לערער אין דער פרץ־שול אין קאַלגאַרי.

אנגעהויבן שרייבן מיט איבערזעצונגען פון דער פוילישער בעלעטריסטיק אין י.מ. ווייסענבערגס **אינזער ווארט**, ווארׂ. דערנאָך געדרוקט דערציילונגען, ליטעראַרישע קריטיק און איבערזעצונגען אין **אונזער ווארט, ליטערארישע בלעטער, פארויס, וואכנשריפט פאר ליטעראטור, מאמענט, באפרייונג** א"א ווארשע. נאָך דער מלחמה זיך באטייליקט אין **דער מאָרגן**, מינכען. אין קאַנאַדע געדרוקט אין **דאס יודישע וואָרט**, וויני׳ **דער יודישער זשורנאל**, טאר׳ ער איז געווען דער איידעם פון י.מ. ווייסנבערג. געשטאַרבן אין קאַלגאַרי.

אינפאָרמאַציע פון פערל ווייסנבערג, ח.ל.פוקס און קאַנאַדיאַנאַ.

ראם, דוד (10 טער אויג׳ 1910)

פירנדיקער ביבליאָגראַף, אַרכיוויסט און פאָרשער פון יידישן לעבן און זיין ליטעראַטור אין קאַנאַדע. געב׳ אין ווילנע, ליטע. אין 1921 געקומען קיין קאַנאַדע און זיך באזעצט אין וואַנקוווער. דאָרטן פארגעזעצט זיין בילדונג. אין 1936 באקומען זיין דיגרי פון ליטעראַטור און פילאָזאָפיע פון "אוניווערסיטעט אף בריטיש־קאָלומביאַ" אין וואַנקוווער. פון 1938, אין מאַנטרעאל. שטודירט און

באַקומען זיין דיגרי אין 1939 פון מק׳גיל — אוניווערסיטעט אין "ביביליאטעק־פירונג "ער האָט אויך שטודירט ליטעראטור אין דער אוניווערסיטעט פון סיאטל (1938־1936). זיין ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער טעטיקייט אין יידיש און ענגליש אָנגעהויבן אין **דער יידישער ביולעטין**, וואס ער האָט רעדאַקטירט אין וואַנקוווער (1938־1934) דערנאָך געווען א רעדאַקציע־מיטגליד פון **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ און רעדאַקטאָר פון זיין ענגלישער זייט... פון 1943 ביז 1953, איז ר׳ געווען רעדאַקטאָר פון **קאנגרעס ביולעטין מאנט׳ פון 1953 ביז 1972, געווען דער דירעקטאר פון דער "יידישער פאַלקסביבליאָטעק"** **זינט 1935, איז ער א ספּאָראַדישער מיטאַרבעטער פון קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ **דער יודישער זשונאַל**, טאָר׳ **דאס יודישע ווארט**, ווינ׳, **פאָרווערטס**, נ.י. און דאָרטן פארעפנטלעכט פארשידענע ארבעטן וועגן יידישע פראבלעמען. ער האט זיך באטייליקט אין **שלמה־וויסמאַן** בוך, מאָנט׳ 1961, **ל. צוקער־בוך**, דארטן, 1968. ער איז געווען רעדאקטאר פון זאמלבוך **לכבוד ישראל ראבינאַ־וויטש** (צו זיין 60 יעריקן יובל) מאָנט׳ 1954. צום 200 יעריקן יובל פון יידן אין קאנאדע, האָט ער ארגאניזירט **די געקליבנע ביבליאגראפיע**, די "**בראנפמאן זאמלונג יידיש קאַנאַדיאַנאַ" אין וועלכע עס געפינען זיך כמעט אלע יידישע אויסגאבעס אין קאנאדע. וואָס א טייל פון זיי זיינען זעלטענע (זיי געפינען זיך אין דער יידישער פאַלקסביבליאָטעק) צוזאמען מיט יעקב גראסמאן, רעדאַקטירט דאָס ביבליאָטעק־בוך**, מאנט׳ 1957, 166 זייטן יידיש און 114 ז׳ ענגליש און אויך **דאס יובל בוך פון דער יידישער פאַלקסביבליאָטעק**, מאָנט׳ 1964, (אין יידיש און ענגליש). זינט 1967, איז ד.ר. פראָפעסאָר פון יודאיקע אין מק־גיל אונוווערסיטעט און לעקטאָר פון ליטעראטור אין "קאָנקאָרדיאַ־אוניווערסיטעט" (ביידע אין מאנט׳).

ער איז פון 1972, דער הויפּט־ארכיוויסט ביים "קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס" און האט דורך די יארן איינגעזאמלט טויזנטער וויכטיקע דאקומענטן, וואָס וועלן דורכן קומנדיקן יידישן היסטאָריקער באנוצט ווערן אין שרייבן די געשיכטע פון קאנאדער יידישן יישוב, און ער איז רעדאַקטאָר פון די יאָרביכער **קאנאדער יידישע ארכיוון** (אין ענגליש) זיי זיינען דערוויייל דערשינען אין 13 בענדער און נעמען ארום די יאָרן פון 1900 ביז 1937. ער איז דער מחבר פון וויכטיקע ווערק אין ענגליש וועגן דער קאנאדער יידישער געשיכטע. צווישן זיי: **מאנאגראפיע פון ח.מ. קייזערמאן** (צוזאמען מיט ב. פיגלער) **דער יידישער בייטראג צו דער קאנאדער ליטעראטור** (3 בענדער) **דער יידישער אנטייל אין קאנאדער בראשית, וואלקנס איבער די 30 קער יארן**, 4 בענדער (וועגן אנטיסעמיטיזם אין קאנאדע)

זינט 1960 איז ער אַ מיטגליד פון קולטור־ראט, ביי דער רעגירונג פון קוויבעק.

באַאַרבעט לויט פארשידענע מקורות. מ. סמבטיון, **קאנאדער אדלער**, מאנט׳ 6 טער אָקט׳ 1963, קאַנאַדיאַנאַ.

ראסקעס, דוד־הערש (2 טער מערץ 1948 —)

געב׳ אין מאָנטרעאַל אין א משפחה פון יידישע קולטור־עסקנים. זון פון

מאשע און לייבל. נאָכן ענדיקן די יידישע פֿאָלקסשולן, שטודירט וועגן יידישער, העברעישער און וועלטליכער ליטעראַטור אין פֿאַרשידענע אוניווערסיטעטן. 1975 באקומען פֿאַר זיין פֿארשונג **אייזיק-מאירדיק און דער אויפֿקום פֿון דער יידישער פֿאָלקס-ליטעראַטור**, זיין דאָקטאָראַט פֿון "בראַנדייס-אוניווערסיטעט" פֿון די פֿריע יוגנט-יאָרן אקטיוו אין דער יידישער יוגנט און קולטור-באַוועגונג. מיטגרינדער (1964) פֿון **יוגנטרוף** און מיטרעדאַקטאָר. דאָרטן, כמעט אין אלע נומער פֿאַרעפֿנטלעכט דערציילונגען, הומאָרעסקעס, עסייען און רעצענזיעס, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט א רייכער יידישער שפּראַך, פֿאַרטיפֿטן אַנאַליז און דרייסטע פֿאָדערונגען צום יונגען יידישן שרייבער. (באַזונדערס דארפֿן דערמאָנט ווערן זיין סעריע ארטיקלען וועגן די גרופּע "יונג-ישראל") וואָס ער האָט אַרויסגערופֿן ווייטער צו ארבעטן פֿאַר דער יידישער ליטעראַטור אין מדינת ישראל. באטייליקט זיך אין **קאנאדער אדלער**, מאנט' **גאלדענע קייט**, ת.א. **דער וועקער, קולטור און דערציונג, אויפֿן שוועל, יידישע שפּראַך, קינדער-זשורנאַל** (אלע אין נ.י.) ער באטייליקט זיך מיט ארבעטן וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין א צאָל ענגלישע צייטשריפֿטן וואָס גיבן אָפּ אָרט וועגן דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור (ספּעציעל אין **דאָס פֿעלד פֿון יידיש**, נ"י) ווו ער האָט געדרוקט" עסייען וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין 19טן י.ה. איבערזעצט פֿון ענגליש ד.מ. דייווין, **דער אָוונט טונקלט** (זכרונות וועגן איציק מאַנגער) ת.א. 1974, 64 ז' אין דער ענגלישער אנטאלאגיע **א שטעטל**, (רעד. רות ווייס) נ.י. 1974, פֿאַרעפֿנטלעכט א צאָל נאָוועלן פֿון דער יידישער ליטעראַטור צוו" אנד. יוסף אפּאטאשוס **א ראמאן פֿון א פֿערד-גנב**. פֿון זיינע ווערק אין ענגליש, איז דערווייל בלויז דערשינען **דאס שטעטל בוך** (צוזאמען מיט דינה ראסקעס) נ.י. 1975, 327 ז' וואָס איז א נוצלעך און וויכטיק לערנבוך פֿאַר מיטלשולן וועגן מזרח-אייראָפּעישן יידישן פֿארשניטענעם לעבן. ער האט אויך ארויסגעגעבן די זאמלונג **נאכטווערטער-א מדרש אויפֿן חורבן** (לידער, תפֿילות מיט נאָטן אין יידיש און ענגליש)וואשינגאטן, 1971, 59 ז'. זיין עסיי הויפּט-שטרעמונגען אין דער היינט-צייטיקער יידישער ליטעראַטור-פֿארשונג" אין דער **גאלדענע קייט**, ת.א. נומ. 94, ז' 145-160, איז א נייע ווענדונג אין דער טענדענץ און באַציונג צו דער יידישער ליטעראַטור, וואס לויט אים, דארף נאכן חורבן, דורך "נייע אנאליזן" אָפּגעשאצט און געפּאָרשט ווערן האָט ארויסגערופֿן א פּאלעמיק אין די יידישע ליטעראַטור-קרייזן אין אמעריקע.

ד.ר. איז זינט 1976 רעדאַקטאר פֿון ענגלישן **ייוואָ-עניועל**, נ.י. ער איז אויך זינט 1971 לעקטאָר איבער יידישער ליטעראַטור פֿון די "אוריאל וויינרייך זומער-פּראָגראַמען" ביים ייוואָ. און פֿון 1976, איז ער געהילף-פּראָפֿעסער וועגן "ליטעראַטור ביי יידן" אין "יידישן טעאלאגישן סעמינאַר" אין נ.י. פֿון זיינע פּסעווד. איז באקאנט: ר' יוזיפּל".

ינגנטרוף, נ"י, נומ. 20, **גאלדענע קייט**, ת.א. נומ. 94, ז' 160, ד"ר אליהו שולמאן, **אונדזער צייט** נ"י, יאנ. 1978, **דער וועקער**, דארט, יולי-אויג. 1978.

ראַפּאַפּאָרט, שבתי (28 טער אקט. 1898 — 10 טער יאַנ. 1951)

געב׳ אין אַפּט, קעלמער געגנט, פּוילן אין א משפּחה פון רבנים און לומדים. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט א יידיש־פּוילישע גימנאַזיע אין לובלין, דערנאָך געווען א תלמיד פון א רבנים־סעמינאַר אין ווין. פון 1920 ביז 1923, אין וואַרשעווער יידישן לערער־סעמינאַר און נאָכן ענדיקן, געוואָרן א יידישער לערער אין לוגע און פּרוזשאַני. פון 1929 ביז צו זיין פּריען טויט, אין קאַנאַדע. לערער און פּרינציפּאַל פון יידיש־וועלטלעכע שולן אין קאַלגאַרי, וויניפּעג און טאָראָנטאָ. פון די פריע יוגנט־יאָרן אַקטיווער טוער (דער עיקר אויפן שול־און קולטור געביט) אין דער פּאַרטיי פון דער לינקער פּ.צ. צוערשט אין פּוילן און דערנאָך אין קאַנאַדע. גרינדער פון ערשטן יידישן לערער־פאַריין אין קאַנאַדע. ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין **יוגנט פּאָן, אַרבעטער צייטונג**, וואַרשע, 1921 מיט עסייען וועגן דער נייער יידישער ליטעראַטור, ביז 1929 זיך אויך באַטייליקט אין **שפּראַכצונגען ליטעראַרישע בלעטער** (אַלע אין וואַרשע) אין קאַנאַדע געווען א סטאַבילער מיטאַרבעטער פון **פּראָלעטאַרישער געדאַנק, אונדזער וועג**, טאָר׳ **דאָס יודישע וואָרט**, וויני׳ **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ ווו געדרוקט אַרטיקלען וועגן קולטור און שול ענינים, אָפּהאַנדלונגען וועגן דער יידישער ליטעראַטור און שרייבער, רייזע־באַשרייבונגען (דער עיקר וועגן ישראל) געשטאָרבן פון א האַרץ־אַטאַק בעת א לעקציע וועגן דער וויכטיקייט פון דער יידישער דערציונג און דער יידישער קולטור אין טאָראָנטע. צו זיין זכרון אין דערשינען די **זאַמלונג שבתי ראַפּאַפּאָרט**, טאָר׳ 1955, 223 ז׳ מיט אַרטיקלען, אָפּשאַצונגען און זכרונות פון ה. לייוויק, נ. כאַנין, ח.ש. קאַזשדאַן, פּאַליק זאָלף א.א. און אַן אָפּקלויב פון זיינע אַרבעטן וועגן דער יידישער ליטעראַטור, פּעדאַגאָגישע באַטראַכטונגען, וועגן אַלגעמיין יידישע ענינים און פאַרצייכענונגען וועגן מדינת ישראל.

מ. ניימאַן, פּראָלעטאַרישער געדאַנק, יאַנ. 1951 קאַנאַדיאַנאַ.

רובאַלסקי, נתן (30 טער דעצ. 1883 — 30 טער יולי 1963)

געב׳ אין פּאַוועליטש, קיעווער, געגנט אוקראַינע. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. פון 1922 ביז צו זיין טויט געוווינט אין מאָנטרעאַל. אַרבעטער און קולטור־עסקן. גרינדער פון "זשיטלאָווסקי לייען־קרייז" און מיטאַרבעטער פון דער יידישער פאָלקס ביבליאָטעק. אָנגעהויבן שרייבן מיט לידער אין די יונגע יאָרן, שפּעטער געדרוקט לידער, דערציילונגען און אַרטיקלען, וואָס אין זיי האָט ער געשילדערט די ווירקונג אויף קאַנאַדער יידן בעת זיי האָבן זיך דערוווּסט וועגן יידישע איבערלעבונגען אין די חורבן־יאָרן, אין **קאַנאַדער אדלער, דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ ווי אויך אין די ליטעראַרישע זאַמלונגען: **מאָנטרעאַל מאָנטרעאַלער העפטן, קאַנאַדער זשורנאַל** (אַלע אין מאָנט׳) געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

נעקראָלאָגן אין קאַנאַדער אָדלער, מאָנט׳ 1 טער אויג׳ 1963, אינפאָרמאַציע פון זיין פרוי און פון שלום שטערן, קאַנאַדיאַנאַ.

רובין, רות (רבקה רויזענבלאַט)
1906 —

בארימטע מוזיקאָלאָגין, פאָרשערין פון עטנישע פאָלקסלידער, מחברין און לעקטאָרן, געב' אין מאָנטרעאל. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט די יידישע י.ל. פרץ שולן און דעם יידישן לערער־סעמינאר. דערנאָך שטודירט פאלקסמוזיק און הומאַניסטישע וויסנשאַפטן. 1976 באַקומען דאָקטאָר־דיפּלאָם פון יעלאָספּרינג אוניווערסיטעט. פון די פריע יוגנט־יאָר, זיך געווידמעט דעם יידישן פאָלקסליד וואָס האָט זי באַרימט געמאַכט איבער דער וועלט. אָנגעהויבן שרייבן מיט לירישע לידער אין די שול־יאָרן און צו דרוקן אין 1921 אין די שול־אויסגאַבעס **גריניקע ביימעלעך**, **קינדער צייטונג** א.א. (אַלע אין מאָנט') באַטייליקט זיך אין **קאַנאַדער אַדלער**, די ליטעראַרישע זאַמלונגען **קאַנאַדע רעוויו** א.א. אין אַנהויב צוואַנציקער יאָרן באַזעצט זיך אין ניו יאָרק אירע נאַטור־לידער, געדרוקט אין **צוקונפט**, נ.י. 1925 האָבן געוויזן דיכטערישע באַגאַבונג און אייגנאַרטיקייט. פון יענע יאָרן, זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיטן יידישן און פעלקערלעכן פאָלקסליד און וועגן דעם פאַרעפנטלעכט ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען, און עסייען, וואָס האָבן קלאָר געמאַכט סיי דאָס וועזן און סיי די מאָטיוון פון עכטן פאָלקסליד ר.ר. האָט אויך געדרוקט טיילן פון אירע זכרונות, לידער און ליטעראַרישעאָפּהאַנדלונגען וועגן פאָלקס־ליד אין **יידישע קולטור**, **זאַמלונגען**, **מ. פּרייזהייט**, **אַלמאַנאַך אין דינסט פון פאָלק**, א.א נ.י. **וואָכנבלאַט**, טאָר' און אין פאַרשידענע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין קאַנאַדע, אַמעריקע און אַנדערע לענדער. ר.ר. האָט בלויז אַרויסגעגעבן איין בוך **לידער**, נ.י. 1929, 64 ז' מיט אַ פאָררעדע פון ש. ניגער. דער עיקר אַרבעט אָבער אירע איז דערשינען אין ענגליש, וואָס האָבן זי אַוועקגעשטעלט אין די ערשטע רייען פון די פאָרשערס פון יידישן און אַלגעמיינעם פאָלקסליד, אירע ביכער **אַ אוצר פון יידישע פאָלקסלידער**, נ.י. 1950, 244 ז' **יידישע פאָלקסלידער אין יידיש און ענגליש**, דאַרטן, 1955, 96 ז' **די שטימע פון פאָלק** (די געשיכטע פון יידישן פאָלקסליד) נ.י. 1963, 556 ז', איז מיט ליוב אויפגענומען געוואָרן פון דער קריטיק זי איז אַקטיוו אין פאַרשידענע אינסטיטוציעס צו פאָרשן דאָס פאָלקסליד אין אַמעריקע, מדינת ישראל א"א לענדער און זי איז אַ לעקטאָרן אין קאַלעדזשעס און אוניווערסיטעטן. איז אויך אַ זאַמלערן פון אַנאָנימע פאָלקסלידער פון פאַרשידענע פעלקער. זינט 1945 האָט זי אַריינגעזינגען און אַרויסגעגעבן איבער הונדערט טאַשמעס אין פּלאַטן און אין 1967 איז אויף איר נאָמען געעפנט געוואָרן דער "אַרכיוו פון יידישן פאָלקסליד" אין חיפה.

אַ גרויסער שאַד, וואָס זי האָט נישט ווייטער געשריבן אירע נאַטור לידער און ווי עס האָט געשריבן ש. ניגער"... אירע לידער זענען... די ערשטע זאַמלונג פון אַ יידישע דיכטערין, וואָס איז אויסגעוואַקסן און ערצויגן אין קאַנאַדע. עס איז די ערשטע צאַרטע פּרוכט פון דער נייער יידישער דערציונג אין דער וועלט... אין אירע לידער איז דאָ יוגנטלעכע פּאָעזיע. אירע פערזן זענען איינגעהאַלטן, די ווערטער קלאָרע, געצאַמטע. דאָס איז דער ערשטער שטילער געשאַנק דער יידישער ליטעראַטור פון דער יידישער שול אין אַמעריקע, אַ געשאַנק וואָס

וועט אנגענומען ווערן מיט פרייד" ש. ניגער, **פאָרוואָרט צום בוך לידער**. און מלך ראַוויטש (קאַנאַדער אָדלער, 14 טער פעבר. 1965) ווייזט אָן אויף דעם שייכות פון אירע ערשטע און אייגענע גוטע לידער, וואָס האָבן זי דערפירט ביז צו ווערן די עכטע און טאַלאַנטירטע איבערגעבערין און אויסטייטשערן פון יידישן פאָלקסליד... זי איז געווען די ערשטע בלום אין דער צייט פון די ניסים פון דער יידישער ליטעראַטור אויפן אמעריקאַנער קאָנטינענט... איר וועט דערהערן אין דער שטילער מוזיק פון איר ליד דעם עכטן טאָן פון ניגון אין דורותדיקן יידישן פאָלקסליד. איר בוך, **די שטימען פון פאָלק**, אָנגעפיקעוועט מיט הונדערטער ציטאָטן און א טויזנט הערות, זענען געזאַמלט פון א פאַכמאַן און דער עיקר, וואָס זי שטייט תמיד מיט אירע שאַפונגען צום דינסט פון פאָלק.. ב.צ. גאָלדבערג (טאָג-מאָרגנזשורנאַל, 19 טער יאַנ. 1964) ווייזט-אָן, אַז "אין בוך קומען אריין א גרויסע צאָל יידישע פאָלקסלידער, באַלד פינף הונדערט. אין יידיש מיט לאַטיינישער שריפט, זייט ביי זייט איבערזעצט אויף ענגליש. דאָס בוך איז א סאַך דאָקומענטירט, תמיד איז אנגעוויזן די קוואַלן פון וועלכע זי האָט געשעפט אירע ידיעות... עס איז א פיאָנערן אַרבעט אויף ענגליש. אין יידיש, ווייס איך אויך נישט פון אַזאַ סיסטעמאַטיש-אָרגאַניזירטן און ארומנעמענדיקן ווערק, וואָס זאָל געבן יעדער טעמע און יעדער פעריאָד...עס איז א זייער נוצליך בוך פאַר יעדער יידישער שטוב... דער דיכטער בער גרין (מ. פרייהייט, נ.י. 3 טער מיי 1964) שטעלט זיך דער עיקר אַפ אויפן אפהיטן די יידישע פאָלקס נשמה, וואָס קומט צום אויסדרוק אין ווערק **דער אוצר פון "יידישער פאָלקלאָר שאַפונג"** און וועלכן מיר דערהערן דאָס געוויין פון פאַרפייניקטע יידישע דורות, וואָס רוט רובין האָט אין איר עבודת הקודש, נישט געלאָזט פאַרגעסן ווערן פון פאָלקס-זכרון".

רויזן, אשר (10 טער פעבר' 1900 —)

געב' אין סאָמפאָלנע, קאַלישער געגנט, פוילן. געלערנט אין חדר, ישיבה און אין א רוסישער גימנאַזיע. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט מלחמה, געלעבט אין בערלין און פון סוף 1917 ביז 1920 שטודירט אין "הומבאָלד אינסטיטוט". אין סוף 1920 געקומען קיין מאָנטרעאַל און א צייט געאַרבעט אין רעדאַקציע פון **קאַנאַדער אדלער**. אונטערן איינפלוס פון י.י. סיגאַל, ווען ער האָט געוויזן א צאָל פון זיינע יוגנט-לידער, וואָס ער האָט נאָך געשריבן אין שטעטל, האָט ער אויך אין מאָנט' אָנגעהויבן שרייבן לידער, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט טאַלאַנט און באַגאַבונג, און דער עיקר מיט א גלאַטער און קלאָרער יידישער שפּראַך, געפיל און ריטם. באַטייליקט זיך אין **קאַנאַדער אָדלער, ניואַנסן, רוועדר** (אלע אין מאָנטרעאַל) פון 1925, לעבט ר' אין ניו יאָרק. און איז זיך מפרנס פון זיין קירזשנער-אַרבעט, פון צייט צו צייט שרייבט ער ווייטער זיינע לידער, וואָס ווירקן דורך זיינע מעטאַפאָרן, און בילדער. צווישן זיי די גרעסערע פאָעמע "דער נביא" וואָס ער האָט געדרוקט אין **שריפטן**, נ.י. ווינטער 1925 (רעד. דוד איגנאַטאָוו) צוליב דער מחלוקת צווישן די שרייבער, נישט געוואָלט מער דרוקן, אָבער אונטערן איינפלוס פון א צאָל דיכטער אין אָנהויב פון די זיבעציקער יאָרן, ווידער אָנגעהויבן צו דרוקן זיינע

לידער. מיר זען זיי אין די **זאמלונגען**, נ.י. וואָס פאַרמאָגן אַן אייגענעם טאָן און מיר דערפילן זיין עכטן דיכטערישן געמיט. ווי עס האט נאָך אין 1934 געשריבן ח.מ. קייזערמאַן אין זיין בוך **אידישע דיכטער אין קאנאדע, מאָנט'** ז' 71 און 73.

עס וואלט געווען געווונטשן אז אשר רייזן זאל צוזאמענעמען זיינע לידער וואס זיינען צעווארפן איבער פארשידענע צייטשריפטן און זיי איינזאמלען אין אַ בוך.

(ח.ל. פוקס)

רייזענמאַן, שראַגע־פייוול (189
1892 — 23 טער יוני 1978)

געב' אין פראַגע ביי וואַרשע, פוילן. אור אייניקל פון ר' יעקב עמדין. געלערנט ביי גרויסע רבנים און געשמט פאר אן עילוי. פון 1908 ביז 1911, געלעבט אין צפת, און געווען א תלמיד פון "הרידבז" פון וועמען באקומען סמיכה אויף רבנות. 1919־1914, געפירט רבנות אין גאַלאַץ, רומעניען. פון 1921 ביז צו זיין פטירה, רב און א צייט אויך יושב ראש פון וועד הרבנים פאר אָנטאַריער פראָווינץ. מחבר פון א צאָל ספרים אין וועלכע ער האָט אַרויסגעבראַכט די הייליקייט און שיינקייט פון ארץ ישראל און ספעציעל פון ירושלים. צווישן זיי: **תפארת ירושלים** (ליקוטים מסיפרי ראשונים ואחרונים על טוב ירושלים) צפת, 1933 — 1930, 3 טיילן צו 49 ז'. **אמרי שפר**, דאָרטן 1937, 96 ז' **תחית ציון**, טאָר' 1942, 64 ז'. נפטר געוואָרן אין טאָראָנטאָ.

אשר זקראנד, **תולדות אנשי שם**, נ.י. 1950, ז' 131, **בית עקד ספרים**, נעקראָלאָגן אין דער פרעסע, קאנאדיאנא.

ריטשמאַן, יעקב (15 טער יאנ' 1891 —)

געב' אין קריוו, לעטלאנד. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. פון 1903 ביז סוף 1912, געלעבט אין וויניפעג. א צייט געווען א לערער אין דער ארטיקער תלמוד תורה, שפעטער זיך אינגאנצן געווידמעט דער ליטעראטור. ער האט געדרוקט נאוועלן, הומארעסקעס און זיינע איבערזעצונגען פון דער העברעישער און רוסישער ליטעראטור אין **קאנאדער איד, דאס אידישעווארט, קאנאדער מזיק, דער בירגער** א.א. (אלע אין ווינ') אין 1913 באזעצט זיך אין ניו יארק און א צייט געווען רעדאקציע סעקרעטאר פון דער העברעישער טאג־צייטונג **היום**, נ.י. דארטן אויך געדרוקט פון זיינע איבערזעצונגען, דער עיקר אבער אין דער **פרייע ארבעטער שטימע, אידישעס טאגעבלאט, דער טאג**, ווו צווישן אנדערן פארעפנטלעכט זיינע איבערזעצונגען פון טאָלסטאָי, טשעכאָוו, ארציבאשעוו א.א. אין דער צייטשריפט **דער בירגער**, (אלע 14 נומערן, ווינ') געדרוקט זיין ראמאן פון רוסישן לעבן און דער עיקר פון דער רוסישער סטודענטנשאפט **וואלס געגען וואלס**. פון זיינע אלע איבערזעצונגען איז נאר דערשינען אין בוכפאָרעם, ל. אַנדרייעוס דער־ציילונג **דער טומאַן** נ.י. 1910 אַ טייל פון זיינע **יידישע פאלקסמעשיות** (פריער געדרוקט אין אידישעס טאגעבלאט) איז אין זיין ענגליש, נ.י. 1922 אין יענע יאָרן געווווינט אין בראָנקס און זיך מפרנס געווען פון געבן העברעישע לעקציעס. ווייטערע ידיעות, נישט באקאנט.

פנחס, **קאנאדער אדלער**, מאָנט' 6 טער און 8 טער אויג' 1915, י. גוד, **דער בירגער**, נומ. 8

און 9, ווינ׳, אינפאָרמאַציע פון שכנים, קאַנאַדיאַנאַ.

ריינהארץ, אברהם (17 דעצ. 1893 — 18 מאַי 1974)

געב׳ אין וואַרשע, פוילן געענדיקט א רוסישע רעאַל־גימנאַזיע און שטודירט כעמיע, פיזיק און מאַטעמאַטיק אויפן וואַרשעווער פאָליטעכניקום און אויפן אוניווערסיטעט אין נאַנסי וואו באַקומען זיין דיגרי. געווען לאַנגע יאָרן א לערער פון עקזאַקטער וויסנשאַפט אין די יידישע מיטלשולן אין פאַרשידענע שטעט אין פוילן, ווי אויך אין ווילנער יידישן לערער־סעמינאַר. בעת די באָלשעוויקעס האָבן פאַרכאַפּט ווילנע, אַרעסטירט געוואָרן און פֿאַרשיקט אין לאַגערן אין ווייטן צפון. אין 1941 באַפרייט דורך דער אַמנעסטיע און מיט דער פוילישער אַרמיי געקומען קיין ארץ ישראל, דערנאָך געלעבט אין פּאַריז פון וואַנען אין 1949 געקומען קיין קאַנאַדע. לאַנגע יאָרן געווען אַקטיוו אין יידישן אַרבעטער לעבן פון טאָראָנטאָ. קאָמיטעט־מיטגליד פון "בונד" און סעקרעטאַר פון מענדעלסאָן ברענטש אַרב. רינג. באַקאַנטער לעקטאָר און רעדנער. ביז 1939 געווען אַ מיטאַרבעטער פון א גרויסע צאָל זאַמלונגען און צייטשריפטן, וואָס האָבן זיך געווידמעט יידישער דערציונג צווישן זיי: **שול־וועגן, די נייַע שול** און אַנד. אין וואַר׳ און וויל׳. ער האָט אויך איבערגעזעצט אין יידיש פון פראַנצויזיש, רוסיש און פויליש ביכער וועגן כעמיע און פיזיק, וואָס זענען דערשינען אין פאַרלאַג "קולטור־ליגע" וואַרשע.

אין קאַנאַדע באַטייליקט זיך מיט אַרטיקלען (דער עיקר אויף וויסנשאַפטלעכע טעמעס) אין **אונדזער צייט, דער וועקער, קולטור און דערציונג, בני יידיש** א.א. ניו יאָרק, **אונדזער שטימע**, פאַריז, **פאָרויס, די שטימע**, מעקסיקע א.א. געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ... ער איז געווען א זעלטן שיינער און דערהאַבענער מענטש, און זיין בונדיזם האָט ער דערהויבן צו אַן אידעאַל... (עמנואל שערער, **אונדזער צייט**, נ.י. יולי, 1974) **קאַנאַדיאַנאַ.**

ריינעווין, אברהם (1887 — 18 מאַי 1932)

געב׳ אין מעזריטש, ביי שעדלעץ, פוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. אייניקע יאָר געלערנט אין סלאָבאָדקער ישיבה. אין די יונגע יאָרן צוגעשטאַנען צו דער פּאַרטיי פון אַרבעטער "ציוניסטן־סאָציאַליסטן" (ס.ס.) און צוליב פּאָליציייאישע פאַרפאָלגונגען, געמוזט אַנטלויפן פון רוסלאַנד. פון סוף 1907 ביז סוף 1908 געלעבט אין לאָנדאָן און געווען א אַגיטאַטאָר פאַר זיינע איבערצייגונגען. פון אָנהויב 1909 ביזן סוף פון זיין לעבן, אין טאָראָנטאָ. שטודירט אויפן אָרטיקן אוניווערסיטעט הומאַניסטיק און ענגלישע ליטעראַטור, גלייכצייטיק ווידער געוואָרן אַקטיוו אין יידישן לעבן, צוערשט ביי דער ס.ט. און פון 1915 אין דער פועלי ציון פּאַרטיי. אין 1910 געווען מיטגרינדער און פרייווילליקער לערער אין דער ערשטער יידישער שול אין טאָר׳ גרינדער און לאַנגיעריקער פאָרזיצער פון דער "שלום עליכם ביבליאָטעק". בעת דעם קאַמפּיין פאַר גרינדן "קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס", גענומען אַ גרויסן אָנטייל און געווען א דעלעגאַט פון דער טאָראָנטער פ.צ. אָרגאַניזאַציע. ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן

מיט אַרטיקל "וועגן דער נאַציאָנאַלער פראַגע אין רוסישן פּאַרטיי־אָרגאַן **וואָזראַזשעניע**, 1906, אָבער באַלד אַריבער צו יידיש. רעדאַקציע־מיטגליד פון די צייטשריפטן **פאָלקסשטימע**, קיעוו־ווילנע, **דער נייער וועג**, **אונדזער וועג**, **דער וועג**, א"א (אַלע אין ווילנע) ער האָט זיך אויך מיטבאַטייליקט אין דער פּאַרטיי־פּרעסע פון די ס.ס. אין אַמעריקע און אויך געדרוקט אין פאַרשידענע זשורנאַל, ווי **דאָס נייע לעבן** (רעד.דר. זשיטלאָווסקי) **דער אידישער קעמפּער** אין אַמעריקע פון אָנהויב 1913 ביז א יאָר פאַר זיין טויט, געווען רעדאַקציע־מיטגליד און פון 15 נאָוו. 1915, שעף־רעדאַקטאָר פון דער ט"צ **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר' און כמעט טעגלעך געדרוקט אַרטיקלען חוץ אויף אַקטועלע יידישע און אַלגעמיינע פּראָבלעמען, אויך עסייען וועגן יידישע קולטור־פּראָגרעס, יידישער דערציונג, רעצענזיעס וועגן ביכער און טעאַטער אויך א גרעסערע צאָל נאָוועלן און דערציילונגען, וואָס האָבן געוויזן באַגאַבונג ווי א בעלעטריסט. אין זאַמלבוך **קאַנאַדע** אַקט. 1919 פאַרעפנטלעכט די גרעסערע דערציילונג "אין א קאַנאַדער שטאָט" אין וועלכער געשילדערט דאָס יידישע לעבן פון יענער צייט אין טאָראָנטאָ. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין די צייטשריפטן **ניילאַנד**, מאָנט' **באַגינען**, **העפטן**, טאָר' **די פעדער**, **דער נייער דור**, **דער טאָג** (אַלע אין נ.י.) ער איז געווען רעדאַקטאָר פון די וואָכנבלעטער **קאַנאַדער טריבונע**, **די יידישע וועלט**, טאָר' 1931־1932. פון אַלע זיינע אַרבעטן זיינען נאָר דערשינען אין בוכפאָרעם: **ארץ ישראל אין יידישן לעבן**, טאָר' 1921, 147 ז' (אין וועלכן ער באַשרייבט די ארץ ישראל מאַטיוון אין דער יידישער שאַפונג, אָנהויבנדיק פון תנך ביז צו דער מאָדערנער העברעישער און יידישער ליטעראַטור) **קאַנאַדע, איר געשיכטע און אַנטוויקלונג**, דאָרטן, 1923, 144 ז' **דער איד אין קאַנאַדע** (פון דער פראַנצויזישער פּעריאָדע ביז צו דער מאָדערנער צייט, ב.1, טאָר' 1925, 244 ז' מיט בילדער פון וויכטיקע קאַנאַדער יידישע פּערזענלעכקייטן) באַנד 2, **מאַטעריאַלן צו דער יידישער עמיגראַציע און צו געשיכטע פון קאַנאַדער יידן**, דאָרטן 1927, 340 ז'. וואָס אַנטהאַלטן וויכטיקע מאַטעריאַלן וועגן יידישן לעבן אין קאַנאַדע און זיין קולטור. א באַזונדערן ווערט האָט זיין רשימה פון דער יידישער און העברעישער פּרעסע, וואָס ביז אים איז נישט געווען קיין פאַראַנטוואָרטלעכער מקור פון איר וואוקס און ווירקונג. **ציוניזם און די יידן פראַגע** טאָר' 1928. 32 ז'. ער איז געווען דער מחבר פון א צאָל פּיעסן און דראַמאַטישע בילדער, וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין די יידישע טעאַטערן אין קאַנאַדע, אַמעריקע און אַנדערע לענדער. ער האָט איבערגעזעצט א רייע ראָמאַנען פון דייטש און ענגליש פאַרן **דער יודישער זשורנאַל**. צוו. אַנד; י. פינגער־מאַנס **מענטשן אין אַפּגרונד**, עליאָט טאַבענקינס ראָמאַן, **וויטעט דערגרייכט** א"א. געשטאָרבן פון א האַרץ־אַטאַקע ביים צוגרייטן דעם צווייטן נומער וואָכנבלאַט **די אידישע וועלט**, פון וועלכן עס איז דערשינען בלויז איין נומער פון 20 טן מאַי 1932.

פנחס, **קאַנאַדער אַדלער** פון 6טער און 8 טער אויג. 1915, זלמן רייזען, **לעקסיקאָן** ב.4.ז. זילבערצווייג, **לעקסיקאָן פון יידישן טעאַטער**, אינדעקס. ב.ג. זאַק, **יובל נומער**

קאנאדער אדלער 1927, ישראל ראבינאוויטש, דאָרטן און **קאנאדער אדלער**, 2 טער נאוו. 1959, יוסף הארן, **ספר מעזריטש**, ב"א, 1952, ז' 228, יצחק פייגעלמאן, **דער יודישער זשורנאל**, טאר' וטער מערץ 1953, ש. בעלקין, **די פועלי־ציון באוועגונג אין קאנאדע**, 1956, אינדעקס, מלך ראוויטש, **פנקס** נומ. 1, נ.י. 1965, קאנאדיאנא.

רייִנהארץ, מאניע (לעווין) 5 טער מאַי 1899 — 10 טער יאַנ. 1979)

געב' אין רודניע, ווס"ר. פון 1907, 1921 געלעבט אין לאדזש. געענדיקט אַ רוסיש־פוילישע גימנאַזיע, דערנאָך שטודירט עקאָנאָמישע און פּאָליטישע וויסנשאַפטן אויף דער "וושעכניצא" אין ווארשע, גלייכצייט געווען א לערערין אין די אוונט־שולן פון דער "ציִשא", ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, געווען א לערערין אין סווענציאַן אין די יידיש־וועלטלעכע גימנאזיעס אין ווילנע און געווען אקטיוו אין יידישן געזעלשאפטלעכן און קולטור־לעבן. ראטמאן פון "בונד" אין ווילנער שטאט־ראט. בעת די באָלשעוויקעס האָבן פאַרנומען ווילנע, געוואָרן ארעסטירט און פאַרשיקט אין א קאַנצ.־לאגער אין צפון־אוראל, לויט דער אמנעסטיע פאר געוו. פוילישע בירגערס, באַפרייט געוואָרן און מיט דער ארמיי פון גענ'. אַנדערס געקומען קיין ארץ־ישראל. פון 1944 ביז 1949, אין פּאַריז. דערנאך געקומען קיין טאָראָנטאָ. געווען א לערערין און ביז 1969, פרינציפּאַל פון דער יידישער "ארב'. רינג"־שול. אקטיווע טוערן אויפן געביט פון דער יידישער שול און יידישער קולטור. אָנגעהויבן שרייבן אין **יוגנט־וועקער**, ווארשע 1925, דערנאך, אין **סאָציאליסטישע יוגנט־שטימע**, **לאָדזשער וועקער** (ביידע אין לאדזש) **פּאָרויס**, **וואכנשריפט פאר ליטעראַטור**, ווארשע. דאָרטן געדרוקט פארשידענע ארבעטן וועגן דער יידישער ליטעראטור, שול־פראבלעמען און פּאָליטישע ארטיקלען וואָס האָבן אַרויסגערופן גרויס אויפזען דורך דער קלאָרער יידישער שפראך און אַנאַליטישע געדאַנקען צוגאַנג. פון 1946 ביז 1949 געווען א רעדאקציע־מיטגליד און א צייט, רעדאקטאר פון דער ט"צ. **אונדזער שטימע**, פּאַריז. אין קאַנאַדע זיך באטייליקט אין **קאנאדער אדלער**, **מאנט' דער יודישער זשורנאל** טאָר' א"א. איז אויך אין **אונדזער צייט**, **דער וועקער**, **קולטור און דערציונג בני־יידיש**, (אלע אין נ.י.) און אויך אַ שטענדיקע מיטארבעטערין פון **פארויס**, מעקסיקע **לעבנספראגן**, ת.א. **אונדזער געדאנק**, מעלבורן א"א. געדרוקט אויך אונטער מ. לעווין. זי איז געווען א טאַלאַנטירטע און גוט־באַקאַנטע רעדנערין און לעקטארין.

געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ.

אונדזער צייט, נ.י. מערץ־אפּריל 1979 נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע קאַנאַדיאַנאַ.

ש

שאַטאַן, משה־יחיאל (1885 — 14טער יוני 1967)

געב׳ אין קוטנע, פוילן אין א חסידישער משפחה. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. פון 1903 ביז צו זיין טויט, געווען אקטיוו אין "בונד" און די יידישע ארבעטער פאריינען אין פוילן און קאנאדע. אין 1926 געקומען קיין קאנאדע און געווען טעטיק אין יידישן געז. לעבן מיטגרינדער און א צייט, פארזיצער פון די אברהם רייזען־שול. לעקטאָר און רעדנער. אָנגעהויבן שרייבן מיט דערציילונגען פון יידישן ארבעטער לעבן אין **לאדזער טאגעבלאט**, 1910, דערנאך געדרוקט דערציילונגען, ארטיקלען וועגן יידישן טעאטער, געזעלשאפטלעכע ענינים און יידישע צייט־פראגעס אין **לאדזער פאלקסבלאט**, **לאדזשער וועקער**, **פאלקסצייטונג**, **לעבנספראגען** (ביידע אין ווארשע) זינט זיין באזעצן זיך אין מאָנטרעאל, באטייליקט זיך אין **קאַנאַדער אָדלער** (דאָרטן צוו. אנד. געדרוקט זיין גרעסערע נאָוועלע "דער קריזיס") און אויך אין **קאנאדער זשורנאל**, **מאנטרעאלער העפטן**, **יארביכער פון ארב־רינג** (אלע אין מאנט׳) אייניקע יארן געווען קאַנאַדער קאָרעספאָנדענט פון **פארווערטס**, נ.י. און געדרוקט ספאָראַדיש אין **אונדזער צייט** **דער וועקער** (אלע אין נ.י.) **פארויס**, מעקסיקא א.א. אין **קוטנער יזכור בוך**, ת.א. 1968, פארעפנטלעכט זכרונות וועגן קוטנער גאון ר׳ שיעלע קוטנער און וועגן שלום אשן אין זיין קוטנער פעריאד, וואס גיבן צו א שטריך צו אַשס לעבן און שאפן. אין בוכפארם: **ביים וואָגזאל**, נאָוועלן, לאדזש 1920, 72 ז׳ **אין שטורעם**, נאוועלן פון יידישן רעוואָלוציאָנערן לעבן, לאדזש 1923 80 ז׳. געדרוקט אויך א״פ מ. טאן, א קוטנער א.א. געשטארבן אין מאנט.

מ. סאַבאָטקאַ, **דער וועקער**, אקט. 1967, חיים שאטאן, **אונדזער צייט**, דעצ׳ 1967, חיים לייב פוקס, **לאדזש של מעלה**, ת.א. 1972, אינדעקס.

שאַליט, מרדכי (1877 — 1936)

געב׳ אין אַ שטעטל ביי זשיטאָמיר, אוקראַינע. געלערנט אין ליטווישע ישיבות און דורך זעלבסטבילדונג. אין 1905 אוועק פון רוסלאנד און געקומען קיין וויניפעג, א צייט געווען א העברעישער לערער, דערנאָך אריבער אין דער יידישער קאלאניע "אידענברידזש" דארטן פון 1906 ביז אנהויב צוואנציקער יארן געווען א שוחט און א העברעיש־יידישער לערער. געדרוקט דערציילונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט א פאָלקסטימלעכן יידיש און אייגנארטיקן קאָלאָריט אין **קאנאדער איד**, **דאס יידישע ווארט**, **דער בירגער** (אלע אין ווינ׳). באטייליקט זיך אין **דער יודישער זשורנאל**, טאר׳

קאַליפאָרניער אידישע שטימע און אויך ספאַראַדיש אין דער יידישער פרעסע אין ניו יארק.

צוליב קראנקהייט אוועק פון קאנאדע און זיך באזעצט אין קאליפארניע און דאָרטן געשטאָרבן.

לויט די ארכיוון פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע געזעלשאפט מאָנט׳ אינפאָרמאַציע פון מ.י. ניטיקמאן, ווינ׳ קאַנאַדיאַנא.

שאפירא, מאיר (3 יולי 1886 — 1948)

פיאנער פון דער יידישער פראָווינץ־פרעסע אין אמעריקע. געב׳ אין טאלאטשין, ביי מאהילעוו, ווס״ר. פון 1898 ביז אנהויב 1906, געלעבט אין מינסק. איניקע יאר געלערנט אין דער ״שואבי־מים״ שול און פאר זיך, וועלטלעכע לימודים און שפראכן. אין 1906, אוועק קיין ארץ ישראל און געארבעט אין פרדס, אבער צוליב מאלאריע, אוועק קיין אמעריקע און באזעצט זיך אין סט. לואיס דארטן געווען דער רעדאקטאר און ארויסגעבער פון טאָגבלאט **דער פארשטעהער**, (1908) דער נאָך פון וואָכנבלאט **אידישע וועלט** (1910) אויף דער פאַרבעטונג פון וואָלאָפסקין געקומען קיין מאָנטרעאל און אין די יאָרן 1911־1912 געווען געהילפס־רעדאַקטאָר פון **קאנאדער אדלער**, שפעטער פון זיין טאָראָנטער אָפּ־לונג. דארטן געדרוקט חוץ פובליציס־טיש־זשורנאליסטישע אַרטיקלען אויך פעליעטאנען הומאריסטישע מעשהלעך, דערציילונגען (אויך אונטער ״אשמדאי״ ״מעפיסטאפעל״ א.) בעת בריינין אין געוואָרן רעדאקטאר פון ק.א. אוועק קיין ברוקלין, דארטן ארויסגעגעבן די **ברוקלין־בראנזוויל פאסט**. אנהויב צוואנציקער יאָרן אריבער צו ענגליש און געוואָרן א מיטארבעטער אין דער ענגלישער פרעסע אין נ.י. ווייטערע ידיעות־נישט באקאנט.

ז. רייזען, **לעקסיקאָן** ב.4, י.ל. מאַלאַמוט, **יובל בוך קאנאדער אדלער**, 1938 קאַנאַדיאַנאַ.

שאפירא, שמואל־מאיר (16 טער סעפט. 1887 — 17 טער סעפט. 1958)

איינער פון די פיאנערן פון דער יידישער פרעסע אין קאנאדע. געב׳ אין מאָזיר, ווס״ר, אין דער משפחה פון א שוחט. באקומען א שטרענג־ארטאדאקסישע דערציונג. אין די יונגע יארן אוועק קיין מינסק, דארטן געענדיקט א טעכנישע שול און געווען אקטיוו אין ״בונד״. פון 1905 ביז צו זיין טויט, געוווינט אין טאָראָנטאָ. א צייט געווען סעקרעטאַר פון דער שניידער־יוניע און אָרגאנייזער פון דער יידישער פראָפעסיאָנעלער באוועגונג, וואָס האָט אים דערפירט צו ווערן א טוער ארום דער הסתדרות און פון ארבעטער־ציוניזם, געווען זייער טעטיק אין דער ארבעט לטובת צוזאמענרופן א קאנאדער יידישן קאנגרעס און א דעלעגאט אויפן ערשטן צוזאַמענפאָר פון דער פ״צ־פארטיי, און אירס א מיטגליד ביז זיינע עלטערע יארן. ליטערארישע טעטיקייט אָנגעהויבן נאָך אין רוסלאנד אין דער בונדישער פעריאדיק, אין קאַנאַדע געווען פון די ערשטע מיטארבעטערס און שפעטער רעדאקטאר פון **דער יודישער זשורנאל** טאָר׳ (1931־1957) דאָרטן חוץ זשורנאליסטיש־פובליציסטישע אַרטיקלען אויך געדרוקט, סקיצן, פעליעטאָנען, הומארעסקעס אויך

(אונטער ב.באַראַץ) אייניקע צייטונגס־ראמאנען צוו. אנד. **די שיינע רבקה דאס זינדיגע מיידעל** וואָס האָט אויסגענומען ביים פאָלקסטימלעכן עולם (איבערגעדרוקט אין דער פראווינץ פרעסע אין פוילן) געווען טאָראָנטער קארעספאנדענט פון **מארגען זשורנאל**. באטייליקט זיך אין **דער וועג** (רעד. ר. בריינין) **דאס פאלק** (רעד. יהודה קויפמאן) רעדאקטאר פון הומאריסטישן וואָכנבלאט **דער מזיק**, (1920־1922) **און פון אידישע נייעס** (ביידע אין טאר׳) אין זיינע הומארעסקעס און פעליעטאָנען זיך געחתמעט "שמש".

געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ.

פנחס, **קאנאדער אדלער**, 6 און 8 אויג. 1915, ז. רייזען **לעקסיקאָן** ב.4, י. ראַבינאָוויטש, **יובל בוך קאנאדער אדלער**, 1938, ב.ג. זאק, **יובל בוך** 1957, מלך ראוויטש, סעפט. 1958 **קאנאדיאנא**. מלך ראוויטש, **פנקס ב.1.** נ.י. ש. בעלקין, **די פועלי ציון באוועגונג אין קאנאדע**. אינדעקס. נחמן שמן, אידישע נייעס, טאָר׳ 1965.

שאפיר, משה-מרדכי (3 טער יאנ. 1909 -)

געב׳ אין שאַץ, בוקעווינע אין א משפחה פון א חזן-שוחט. באַקומען יידיש און טיילווייזע אלגעמיינע בילדונג. אין 1930 געקומען קיין מאָנטרעאַל. א צייט געווען אן ארבעטער. פון 1943 א יידיש-לערער אין די פרץ און פאָלקסשולן. ער איז אויך א לעקטאר אין יידישן לערער-סעמינאר. (זינט 1965) פון די יונגע יאָרן פאראינטערעסירט אין יידישן פאָלקלאָר און ספעציעל פון בוקעווינער געגנט. צוליב דעם איז זיין ערשטער ארויסטריט אין דער יידישער ליטעראטור געווען מיט א "בריוו אין רעדאקציע" **ליטערארישע בלעטער**, ווארשע, (1928) (וועגן הערשעלע אסטראפאליער) נאך פריער אנגעהויבן שרייבן לידער און דעביוטירט מיט אן ארטיקל וועגן "ייווא" אין **טשערנאָוויצער בלעטער**, (1929) (אונטער מ.מ. שעבטער) זינט דעמלט פאַרעפנטלעכט לידער, עסייען וועגן שרייבער און ביכער און ארטיקלען וועגן יידיש און אויף געזעלשאפט־לעבע, שול און קולטור־פראגעס אין **קאנאדער אדלער, מאנטרעאלער העפטן, העפטן פראָליט, קאנאדער זשורנאל** (אלע אין מאָנט׳) **דער קאַמף, וואכנבלאט**, טאָר׳ **סביבה, אידישער קעמפער, צוקונפט, יידישע קולטור, אויפן שוועל, יידישע שפראך, פעדאַגאָגישער ביולעטין, קינדער זשורנאל, זיין, אונדזער אייגן ווינקל**, א.א.נ.י. **גאָלדענע קייט, היימיש**, (ישראל) **פאר אונדזערע קינדער**, פאריז, א"א.

אין בוכפארם: **א סטעזשקע**, לידער, מאנט׳ 1940, 192ז׳ **איך קום א היים**, לידער, דאָרטן, 1963, 210 ז׳ **אויף מיין פידעלע ליד**, לידער, 1966, 86 ז׳ **דער שטערן וואגן**, לידער, 1968, 80 ז׳ **א רגע דאכטעניש, לידער** 1969, 70 ז׳ **בורא מיני חלומות**, לידער, 1971, 99 ז׳ **מיט דער לידער טארבע**, לידער 1973, 110 ז׳ **אין מיין געפאַלנקייט**, לידער נ.י. 1975, 104 ז׳ **מיט צוגענייגטע רייד**, לידער, נ.י. 1977, 104 ז׳ **די פלייט פון מיינע לידער**, לידער, מאָנט׳ 1978, 94 ז׳ **די ליפּן פון מיין טרוער**, לידער, מאָנט׳ 1979, 105 ז׳ (דערשינען מיט דער מיטהילף פון מיניסטעריום פאר פילקולטורן אין אָטאווע) **פיר איילן עלנטקייט**, לירישע לידער, מאנטרעאַל 1980, 105 ז"ז. פאר זיינע לידער באקומען די י.י. סיגאל ליטעראטור־פרעמיע און די צבי קעסל־פרעמיע. א צאָל פון זיינע לידער זיינען אַריין אין אַנטאָלאָגיעס פון יידישער

פאעזיע. צו זיין 65 יעריקן יובל איז דערשינען א ספעציעלער נומער **אויפן שוועל** (נ.י. מיי־יולי 1974) מיט ארטיקלען וועגן זיין לעבן און שאפן. ער האט אויך געדרוקט אונטער מ.מ. שעכטער, בן חיים מ.ש. מיר וועלן איצט ברענגען אייניקע אָפשאצונגען און ציטאַטן וועגן אים און זיינע לידער.

„...ער איז א טיף פילנדיקער דיכטער מיט אַן אייגענעם שטענדער אין דעם בית־השירה פון דער יידישער וועלט־פאעזיע״...(מלך ראוויטש)

„...זיין גאנג איז דער גאַנג פון סענטימענטאליזם צו האַרציקייט. זיין טאָן איז דער טאָן פון פאלקס־לידערישער נישט געצווימטקייט פון געפיל. ער איז אַרומגענומען מיט א גרויסער אחריות צו זיינע אפקלויבן, וואָס באַרייכערן די יידישע דיכטונג״ „מ.מ. שאפיר איז א פאלקסדיכטער, אבער פון א העכערן סאָרט און צום ערשטן מאל וואָס איך געפין ביי א יידישן דיכטער א שטיקל בדחנות נישט א נאכקרימעניש און א קאַריקאטור, נאר ממש בדחנות... ער וואָרצלט טיף אין פאלקס־יידישקייט און אין פאָלקסטאָן, פון זיינע לידער קוקט אַפער די יידישע אמונה אין העכערע וועלטן, אין א חסד. (יצחק באשעוויס) „מ. שאפיר האָט געזוכט צו זאָגן דיכטעריש א קדיש נאָך דער פארשניטענער עדה פו זיין שטעטל...״ער היט־אָפ ווי נאָר מיגלעך דעם גראַם, אבער פּאַעזיע איז נישט פאַר אים בלויז גראַם און ריטם, נאָר עפעס מער...״ יצחק קאהאן)

קלמן מרמר, **מ. פרייהייט**, נ.י. 28 אויג. 1940, נ.י. גאטליב **קאנאדער אדלער**, מאנט׳ 5 טער סעפט׳ 1940, ישראל ראבינאוויטש, **דארטן**, 30 טער אקט׳ 1959, 26 טער פעב׳ 1965, מלך ראוויטש, **דארטן** 2 טער נאוו, 1959, איידע מאזע, **וואכנבלאט**, טאר׳ 6 טער פעבר׳ 1961, י. באטאשאנסקי, **די פרעסע**, ב.א. 25 יוני 1963, יעקב גלאטשטיין, **טאג מ. זשורנאל** נ.י. 8 טער סעפט׳ 1963, דר׳ שלמה ביקל, **צוקונפט**, נ.י. דעצ׳ 1963, ב.ג. זאק, **קאנאדער אדלער**, מאנט׳ 12 טער מיי 1963, יצחק באשעוויס **פארווערטס**, נ.י. 10 טער פעבר׳ 1967, גרשון פאמעראנץ, **דער יודישער זשורנאל**, טאר׳ 28 טער אויג׳ 1967, ד״ר ישראל שטערן, **קאנאַדער אדלער**, מאנט׳ 2 טער אפריל 1969, י. פאנער, **גאלדענע קייט** ת.א. נומער 70־69.

שוואַרצמאַן, מאיר (28 טער דעצ. 1901 — 12 טער נאוו. 1968)

געב׳ אין זאַגאָראָוו, קאַלישער געגנט, פוילן אין א חסידישער משפחה. געלערנט אין חדר, בית המדרש און ישיבות. תלמיד פון גאון ר׳ מאיר־דן פלאָצקי, פון וועמען באקומען סמיכה אויף רבנות. אויך געלערנט ביי לערערס וועלטלעכע לימודים און שפראכן. אייניקע יאָר, געווען א העברעאישער לערער אין א פויליש־יידישער מלוכה־שול אין איזשביץ, דערנאָך ביז צו זיין קומען אין קאַנאדע, געווען א רב אין שעדלעץ און טעטיקער אָנפירער פון דער אגודת־ישראל אין פוילן. אין 1938 געקומען קיין קאנאדע, און 2 יאר געווען דער מנהל פון דער „עץ חיים״ תלמוד תורה אין טאראנטא. דערנאך, פון 1941 ביז צו זיין פריען טויט, רב און גייסטיקער מנהיג און יושב ראש פון וועד הרבנים אין וויניפעג. דארטן געגרינדעט א ישיבה „בית ישראל״ ווו ער האט געגעבן לעקציעס אין די העכערע קלאסן, גלייכצייטיק געענדיקט דעם הומאניסטישן פאקולטעט פון מאניטאבער אוניווערסיטעט און באקומען דעם טיטל ד״ר. אנגעהויבן שרייבן שירים אין יידיש און העברעאיש אין **דער איד**, ווארשע (1918) און אין די אויסגאבעס פון דער אגודת ישראל **הקדם**, **דגלנו**, און **דרכנו**. זינט דעמלט פארעפנטלעכט לידער, נאוועלן, דערציילונגען,

קינדער־לידער און מעשהלעך, ווי אויך אפהאנדלונגען וועגן שרייבער, ביכער און ספרים אין **אידישעס טאגבלאט, ארטאדאקסישע יוגענט בלעטער הדרך, מוריה** (אלע אין ווארשע) **בית יעקב זשורנאל, קינדער גארטן, דער אידישער ארבייטער** (אלע אין לאדזש) פון 1922 ביז צו זיין פאַרלאָזן פוילן, געווען אן אינערלעכער מיט־ארבעטער און מיטרעדאקטאר פון **אונדזער וועג**, שעדלעץ. אין אמעריקע פארעפנטלעכט זיינע זאכן אין **מארגען זשורנאל, דער טאג, אידישע שטימע, דאס יודישע ווארט**, דער אמעריקאנער א״א, נ.י. אין ארץ ישראל געדרוקט אין **קול ישראל, המודיע, הצופה** א״א אין קאנאדע געווען א שטענדיקער מיטארבעטער פון **קאנאדער אדלער, דער יודישער זשורנאל**, טאָר. **דאס יודישע ווארט**, ווינ. ווי חוץ וועגן לויפנדיקע יידישע און אלגעמיינע פראבלעמען און ליטעראַרישע איבערזיכטן אויך געדרוקט אין סעריעס זיינע ארבעטן וועגן ערשטן גערער רבי (דער חידושי הרים״) און צען קאפיטלעך וועגן קאצקער רבי, וואס זענען אין א פארבעסערטער און פארגרעסערטער פארם אריין אין זיינע ספרים און ביכער אויף יידיש און עברית. ער איז געווען דער מחבר פון א ביכל מעשהלעך פאר קינדער **די ליליען**, שעדל, 1924, 36 ז׳ (באנוצט געווארן אין די בית יעקב מיידל־שולן אין פוילן) אין קאנאדע זיך דער עיקר אָפגעגעבן מיט היסטאָרישע פאָרשונגען וועגן פוילישן חסידות, דרשות אויף תורה און וועגן יידיש־רעליגיעזן לעבן. א גרויסן פלאַץ איז זיין לעבן און שאַפן האָט פארנומען די ליידן פון יידישן פאלק אין די ביטערע יארן פון דער שואה, און ער האט כמעט טעגלעך געשריבן וועגן נישט לאזן פארגעסן פון פאלקס זכרון. זיין ערשט בוך **אונדזערע יום טובים** ווינ׳. 1946, 138 ז׳ האָט אים באַרימט געמאכט צווישן קאַנאַדער יידן, ווי א באַהאוונטער אויסטייטשער פון דער ספעציעלער וויכטיקייט פון די יידישע יום טובים. זיינע דרשות וועגן דער סדרה פון דער וואָך **מאיר עיני ישראל** זענען דערשינען אין 5 בענדער, ווינ׳. **דער יידישער פלאַם** (וועגן נצח ישראל און יידישע צרות אין אלע צייטן) מיט אַ פאָרוואָרט פון מחבר אין וועלכן ער שרייבט.. מיט כוונה האב איך דעם ספר געשריבן אין יידיש, כדי פאַלקסמענטשן זאָלן זיך אויך קאָנען דערנענטערן צום הייליקן יידישן נר תמיד ווינ׳. 1958, 566 ז׳ זיינע וויכטיקע ארבעטן וועגן ״חדושי הרים״ א.ט. **הרבי הראשון מגור**, איז בלויז דערשינען אין עברית אין דער איבערזעצונג פון א. ברוינער, ירושלים, 1958, מיט א הקדמה פון מחבר, 180 ז׳ אזוי אויך זיינע **פרקים בתולדות החסידות ובתורתה, המאור הגדול**, איז אין דער איבערזעצונג פון י. שן דערשינען אין ישראל, 1962, 366 ז׳ און זיינע ארטיקלען וועגן דער שואה און יידישן קיום איז דערשינען א.נ. **אש תמיד**, בני־ברק, 1962, 288. ז׳ מיר דארפן נאָך דערמאָנען זיין ספרל פון שירים, **נצנים** ירושלים, 1945, אין וועלכן הרב ש׳ האָט באוויזן זיין פאָעטישע באַגייסטערונג אין דער 677 ז׳ דער שיינקייט פון דער נאטור און אין אויפנעמען דאָס לעבן ווי אַ דיכטער. די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן איז ער געווען א גרויסער בעל־יסורים און אדורכגעמאכט 2 זייער שווערע אפעראציעס אויף די פיס, דאך האט ער ווייטער געשריבן סיי אין יידיש און סיי אין עברית. ער האט ממש מיט די לעצטע כוחות (אין זיינע דרשות) מעורר

געווען צו העלפן מיט אלעם מדינת ישראל. ער האט אויך געדרוקט אונטער פארשידענע נעמען דער עיקר אונטער דר״ש בן מאיר.
נפטר געווארן אין וויניפּעג.

וועגן הרב ש׳ זיינען געדרוקט געווארן א גרויסע צאל אָפּהאַנדלונגען. מיר קענען זיך ליידער נישט דערלויבן צו ברענגען ציטאטן אדער גרעסערע באשרייבונגען מיר מוזן זיך בלויז באַגעניגענען מיט אייניקע ווערטער וועגן זיין בוך ״דער אידישער פלאם״ ״עס איז א גרויס און אן ארומנעמענדיק ספר. עס גיט איבער די אידייען פון דער צייט און כולל פיר ביכער און גיבן אן אריינבליק אין הרב ש׳ שאפנסיי אין זיינע פארשונגען וועגן פוילישן חסידות ״די מאָנאָגראַפיעס וועגן קאָצק און גער״ און סיי אין זיינע ארבעטן וועגן די יידישע יום טובים, וואָס לויט אים האָבן זיי צעמענטירט דאָס יידישע לעבן און אויך זיין ביאגראפיע פון ״רמבם״ וואס ער האט אנגעשריבן שטייענדיק ביי זיין קבר אין טבריה״. באזונדער שטעלט זיך שמן אָפּ אויף זיינע ליטעראריש־קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן און בילדער פון ארץ ישראל. ״דער מחבר, אַ וויכטיקער רבנישער שריפטשטעלער, דער־פאַרענער זשורנאליסט דיכטער און עסייאיסט, האָט אויף זיך גענומען א זייער גרויסע אויפגאבע־אין איין בוך אַריינעמען אזויפיל עבודה, וואס איז געגוג פּאַר יאָרן. ״...ער צייכנט זיך באזונדער אויס מיט זיינע איבערזעצונגען סיי פון די מאמרי חז״ל און סיי מיט די פסוקי תנ״ך. ער איז איבערטרעפלעך און עס איז א מחיה צו זען ווי אזוי ער גיסט איבער פון לשון הקודש אדער אראמעיש אין מאמע־לשון״... הרב ש׳ שרייבט פשוט, דער טאָן פון זיין שרייבן איז דער פאָלקסטימלעכער, דערפאַר דער טיף־דורכגעלעבטער... ער איז געבענטשט מיט א פליסיקן סטיל און דערציילערישן נוסח... ער איז אינדערהיים אין גער ווי ער איז אין ארץ ישראל (נחמן שמן)

זלמן רייזען **לעקסיקאָן ב.4.** **מיט ביבליאגראפיע**, אשר ז. ראנד, **תולדות אנשי שם**, נ.י. 1951, ז׳ 134, י. כספי און יוסף הארן, **ספר שדלץ**, ב.א. 1956, משה פראגער, פון **נאענטן עבר**, ב.2., נ.י. 1956, נחמן שמן, **קאנאדער אדלער**, מאנט׳ 11 טער אויג׳ 1958 און 17 טער נאוו׳ 1966, אפרים טויבענהויז, **דארטן**, 6 טער מערץ 1961, **דאס אידישע** **ווארט**, וויניפעג נאָוו׳ 1966, **קאנאדיאנא.**

שובין, חיים־אהרן (30 טער מאי 1880 — 30 טער יוני 1056)

געב׳ אין נעוועל, ביי וויטעבסק, ווס״ר. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. אין 1910 געקומען קיין גאלוועסטאָן אָבער באלד אריבער קיין קאַנאַדע. לאַנגע יאָרן געלעבט אין טאראנטא, און געווען אַקטיוו אין יידישן לעבן. גרינדער און אָנפירער פון א העברעאישע פאָלקסשול געווען א מיטארבעטער פון **דער יודישער זשורנאל**, טאר׳ (פון 1915 ביז אנהויב 50 קער יאָרן) דאָרטן פארעפנטלעכט חוץ ארטיקלען וועגן חינוך, מאמרים אויף רעליגיעזע און נאציאנאלע מאָ־טיוון און פעליעטאָנען אויך איבער־זעצונגען פון רוסיש און ענגליש. אין בוך־פאָרעם, **די טויזנט געבאטן**, ערש־טער טייל, טאָר, 1939, 170 ז׳. פון 1950 געלעבט אין מאָנטרעאל און דאָ געשטאָרבן.

אינפאָרמאַציע פון זיין טאָכטער, קאַנאַדיאַנאַ.

שובער, צבי (14 טער יולי 1905 — 1973)

ליטעראַרישער נאָמען פון הערש טאָבטערמאַן. געב׳ אין פילעוו, לובלינער געגנט, פוילן. באקומען א טראַדיציאָנעלע, דערציִונג און דורך זעלבסטבילדונג וועלטלעכע לימודים. פון 1930 ביז צו זיין טויט, געוווינט אין טאראנטא און געטאָן פאַרשידענע אַרבעטן. געווען אַקטיוו אין יידיש־געזעלשאפטלעכן און קולטור־לעבן. אָנגעהויבן שרייבן מיט דערציילונגען פון שטעטלדיקן לעבן אין די יונגע יארן און דעביוטירט מיט א נאָוועלע אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר. 1932. זינט דאַמלט פאַרעפנטלעכט נאָוועלן, דערציילונגען, רעפּאָרטאַזשן, און טיילן פון ראָמענען אין **דער יודישער זשורנאַל, וואכנבלאט**, טאָר׳. **קאנאדער אדלער**, מאָנט׳ **פארווערטס**, נ״י א״א. ארויסגעגעבן אין בוכפאָרעם: **דאס גאָלדענע קאלב**, ראָמאַן, ת.א. 1968, 448 ז׳ (פריער געדרוקט אין פארשידענע צייטונגען אין קאַנאַדע, דרום־אַמעריקע און ישראל) **די פארכישופטע וועלט פון אמאָל** (דערציילונגען פון אַמאָליקע יידישע שטעטלעך אין פוילן, ב״א, 1973, 237 ז׳ מיט א ״במקום הקדמה״ (17 ז׳) אין וועלכער ער גיסט אויס זיין צעווייטיקט הארץ אויפן יידישן חורבן אין פוילן אין דער צייט פון נאַציִשער אכזריות. געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ.

קאנאדער אדלער, 6 אויג. 1973. **אינפאָרמאַציע פון רחל בעסערמאַן**, **טאָר׳**. נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע, קאַנאַדיאַנאַ.

שוחט, יעקב־עמנואל (1935)

געב׳ אין באזעל, שווייצאַריע, אין א רבנישער משפּחה, געלערנט אין ישיבות און וועלטלעכע לימודים, צוערשט אין באַזעל, דערנאָך אין טאָר. ווו ער האט זיך באזעצט אין 1951. זינט 1957 רב פון דער ״אנשי־קעלץ״ שיל. ער איז אויך פּראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע אין טאָר׳. אוניווערסיטעט. פאָרשער פון חסידות. געדרוקט אַרטיקלען אויף יידישע טעמעס און וועגן חסידות אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳. **דער אלגעמיינער זשורנאַל**, **הפרדס** (ביידע, נ״י) **שערים**, ישראל, א״א. מחבר פון א צאל ספרים אויף לשון קודש און ענגליש. צוו״ אנד״ **הערות אופן תניה**, נ״י 1968, 354 ז׳ **הערות וציונים לספר כתר שם טוב**, נ״י 1974, **הערות וציונים לס״סר לקוטי אמרים** פון מעזריטשער מגיד, דאָרטן, 1974, **הערות וציונים צו צוואת הרי״בש**, דאָרטן, 1975, 122 ז׳ **מפתח על תורת הב״שט**, דאָרטן, 1977, 57 ז׳.

ש.י. סימכאוויטש, **קאנאדער אדלער**, 1 טער סעפּט. 1978, קאַנאַדיאַנאַ.

שומיאַטשער, אסתר (1 טער אקט. 1899 —)

געב׳ אין האָמעל, ווס״ר, אין א אינטעלעגענטער, יידיש־וועלטלעכער משפּחה. אין 1904 געקומען קיין קאנאַדע און ביז 1919 געלעבט אין אלבערטא און קאלגארי. דאָרטן באקומען איר יידישע און אלגעמיינע בילדונג. אָנגעהויבן שרייבן לידער אין ענגליש און נאך איר באקענען זיך מיט פּרץ הירשביין (וואס איז שפּעטער געוואָרן איר מאן) אריבער צו יידיש. געדרוקט לידער, פאעמען, קינדער־שפּילן, מעשהלעך און עסייען וועגן פאעזיע און קונסט־פראגן. דעביוטירט מיט א קינדער־שפּיל אין פערזן אין דריי

בילדער, **אין טאל**, נ.י. 1920, וואס האט באוויזן טאלאנט. זי האט באַרייזט כמעט די גאַנצע וועלט און בעתן באזוכן ווארשע אין 1922, באַווירקט געווארן פון דער יידיש־ליטעראַרישער סביבה און זיינע דיכטער, אויף תמיד זיך פארבונדן מיט דער יידישער ליטעראטור. אירע ערשטע לידער אין **אלבאטראס** ווארש׳, 1922, וואָס האָבן זיך אויסגעטיילט פון אלע יידישע לידער אין יענער צייט, הן דורך באנוצן דעם פרייען פערז און הן דורך דער עקזאטיק פון די מאטיוון, האָט זי אוועקגעשטעלט ווי איינע פון די מאדערנע יידישע פרויען־דיכטערינס אין דער יידישער ליטעראטור. זינט דאַמלט זיך באטייליקט אין **ליטעראַרישע בלעטער, כאלאס־טרע, פאלקסצייטונג, ארבעטער צייטונג, רינגען א״א, וואַר. די אידי־שע וועלט,,** (ווילנע־בערלין) **גריניקע ביימעלעך, ווילנער טאג, צוקונפט, אידישער קעמפער, אין זיך, געצעלטן, סביבה, האמער, מ. פרייהייט א״א** נ״י. **גאלדענע קייט, היימיש, לעצטע נייעס א״א, ישראל, חשבון, קאליפארניער אידישע שטימע, דער אידישער פירער,** א״א ל.א. זי איז פארטראטן אין די אנטאלאגיעס: נ. מייזעל **אמעריקע אין יידישן ווארט**, נ.י. 1955, ז׳ 778־779 (וועגן ניו יארק און דעם פאעט א.מ. דילאן) מרדכי יפהס, **ארץ ישראל אין דער יידישער ליטעראטור**, ב.1, ת.א. 1961, בעריש וויינשטיינס פאעזיע־זאמלונגען **אפקלייב** נ.י. (אין פארשידענע יארן) ווי אויך אין ענגלישע און העברעישער ליטעראַרישע זאמלונגען אין בוכפאָרעם: **אין טאָל**, נ.י. 1920, 26 ז׳ **פאסן ליכט** (קינדער וועלט אין 5 ביי־ דער)נ.י. 1925, 48 ז׳ **אין שעה׳ן פון ליבשאפט, לידער**, ווילנע, 1930, 284 ז׳ **אלע טאג**, לידער און פאעמען, נ.י. 1939, 147 ז׳ **לידער**, ל.א. 1956 156 ז׳. זי האט איינציקע מאל באזוכט די יידישע מדינה און אירע ארץ ישראל לידער פארמאגן א באזונדערן אראמאט. (ח.ל.פ) עטלעכע יאר געווען גאסט־פראפעסאר פון יידישער ליטעראטור אין פעסטאלומאַ־אוניווערסיטעט און זיך אויסגעצייכנט סיי מיט אירע רעפעראטן און סיי מיט איר שיינער פערזענלעכקייט ווי עס שרייבט וועגן אירע ערשטע אין יידיש דיכטערישע שאפונגען מלך ראוויטש״... אירע ערשטע לידער זענען ווי געהאנגען אויף דינע זיידענע פעדים, אדער דירעקט אראפ פון די הימלען, אדער פון צווייגן פון פאַלמע ביימער״...זיי זענען געווען פאעטיש און שיין ווי אמתע פאעזיע״ אויך אין אירע לידער אין בוך ״שעהען פון ליבשאפט״ זעט מען דעם איינפלוס פון אַרומפאָרן און אויפנעמען די שיינקייטן פון דער וועלט״ ליידער האט זיך אונדז נישט איינגעגעבן צו געפינען נאך מער ציטאטן אדער פון רעצעניעס וועגן אירע אריגינעלע שאפונגען. מיר קענען בלויז ברענגען די פאר שורות ביבליאגראפיע.

זלמן רייזען, **לעקסיקאן** ב.4 מיט ביבליאָגראפיע, מלך ראוויטש, **קאנאדער אָדלער**, מאנט׳ 19 דעצ׳, 1958, לייב פיינבערג, **יידישע קולטור**, נומער 10־9, 1939, נ. מייזעל **אמעריקע אין יידישן ווארט**, נ.י. 1955.

שוסטער, אהרן (22 טער אפריל 1899 —)

געב׳ אין ליפקאַן, בעסעראביע אין אן ארימער משפחה. צו זעקס חדשים געווארן א יתום נאכן פאטער און דערצויגן דורך זיין מוטער. ביז 13 יאָר

באקומען א טראַדיציאָנעלע דערציונג אין א חדר מתוקן, דערנאָך געלערנט אין אליעזר שטיינבערגס "פראָגימנאַזיע". א צייט געווען א סופליאָר ביי אַמאַטאָרישע טעאַטער־טרופעס, אָבער מפרנס זיך געווען פון זיין א האָר־שערער. פון 1921, שטענדיקער תושב פון מאָנטרעאַל און אקטיוו אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן און קולטור־לעבן. מיטגרינדער פון בעסאַראַבער הילפס־פאַריין. לעקטאָר איבער יידיש ליטעראַרישע און קולטור־פראַגעס אין די גאָלדן־עלטער קלובן און אין ציוניסטישן ארבעטערפארבאנד. אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין די יונגע יאָרן און דרוקן ערשט אין 1945 מיט אַרטיקלען און ליטעראַרישע פאָרטרעטן וועגן ליפקאַנער שרייבער, בילדער פון אַרטיקן יידישן לעבן און זכרונות אין **קאַנאַדער אדלער**, מאַנט׳. וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט א פאָלקסטימלעכן בעסאַראַבער יידיש און אָריגינעלע בילדערישע שילדערונגען, וואָס האָבן געוויזן טאַלאַנט. (טיילן פון זיי זענען אריין אין זיין בוך **ליפקאַן פון אַמאָל**, מאָנט׳ 1957 217 ז׳ מיט צייכענונגען פון י. מלמוד). זיין בוך, וואָס איז א צושטייער צו דער יידישער געשיכטע פון ליפקאַן, איז אויך וויכטיק דורך זיינע ליטעראַרישע קינסטלערישע עסייען וועגן די ליפקאַנער יידישע און העברעישע שרייבערס: יהודה שטיינבערג, אליעזר שטיינבערג, יעקב שטערנבערג, משה אַלטמאַן, דר׳ מיכאל קויפמאַן און אליעזר גרינבערג, וואָס ער שילדערט אין מיליע פון ליפקאַן. א.ש. האָט זיך אויך באַטייליקט אין **ספר זכרון לקהילת ליפקני**, ת.א. 1965.

דר׳ שלמה ביקל, **קאַנאַדער אָדלער**, 14 טער מאי 1963, י. שמולעוויטש, **פאָרווערטס**, נ.י. 21 טער מאַי 1963, **קאַנאַדיאַנאַ**.

שורעם, אברהם (16 טער יוני 1901 —)

געב׳ אין ראָוונע, פוילן. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג. געענדיקט א פוילישע גימנאַזיע און שטודירט הומאַניסטישע וויסנשאַפטן אויפן מאָסקווער אוניווערסיטעט. פון די יונגע יאָרן, אקטיוו אין דער חלוצישער באַוועגונג. אינסטרוקטאָר פון "החלוץ" פאַר פוילן און ליטע. זינט 1921 אין מאָנטרעאַל. אַ צייט געווען סעקרעטאַר פון דער "אַמאַלגעמייטעד שניידער יוניע". שפּעטער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער פ.צ.־פּאַרטיי. לאַנגיאָריקער אָנפירער פון אַלע קאַמפּיינען פאַרן אַרבעטנדיקן ארץ ישראל. עקזעקוטיוו־דירעקטאָר און פאָרשטייער פאַר קאַנאַדע פון דער "הסתדרות" אין מדינת ישראל. געדרוקט אַרטיקלען וועגן יידישע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען און אויף אַקטועלע פראַגעס אין **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט׳ **אידישער קעמפער**, **פאָרווערטס** (ביידע אין נ.י.) געווען רעדאַקטאָר פון די פּועלי־ציון צייטשריפטן **אונדזער וואָרט** מאָנט׳ 1928 און **דאָס וואָרט**, דאָרטן 1945־1959. באַטייליקט זיך אויך אין יידיש־ענגלישע צייטשריפטן אין מאָנטרעאַל.

לויט פאַרשידענע קוואַלן, ש. בעלקין **די פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס. קאַנאַדיאַנאַ.

שחורי, ע. (23 טער סעפּט. 1917 —)

געב׳ אין דוראַוונע, ביי באַראַנאַוויטש, פוילן. געלערנט אין מירער ישיבה. פון 1938 אין טאַראָנטאָ. פון די יונגע יאָרן געשריבן שירים און הומאָרעסקעס אין יידיש און עברית, און דרוקן ערשט אין 1948 אין

אילוסטרירטער יידישער וואכנ־שריפט, ת.א. פון 1954 ביז סוף 1957, מיטאַרבעטער פון **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר' דאָרטן, חוץ הומאָריסטישע לידער, דערציילונגען, פעליעטאָנען אויך יעדן פרייטיק געדרוקט א קאלום "די פרשה פון דער וואָך" זיין גרעסערע דערציילונג "צוריק א קינד" (דער יודישער זשורנאַל — 1956) איז איבערגעדרוקט געוואָרן אין די **אידישע צייטונג**, ב"א. באטייליקט זיך אין **מעריב**, ת.א. **טאג־מ. זשרונאל** נ.י.

לויט פאַרשידענע קוואַלן, קאַנאַדיאַנאַ.

שטיין, ישראל (1885 — 1945)

געב. אין זיראָוויטש ביי מינסק, ווס"ר, יידישע און אלגעמיינע בילדונג. געלערנט אין בית המדרש און ביי פריוואטע לערערס. אייניקע יאָר געלעבט אין מינסק און אין וואַרשע. פון 1907 ביז צו זיין טויט, אין קאַנאַדע, צוערשט אין מאָנטרעאַל און שפעטער, אין וויניפעג. געווען פון די גרינדער פון **ציוניסטישן יוגנט־פאריין "מכבייער"** און בעת דער שפאלטונג געגרינדעט א פאריין "השחר" וואס איז געווען די יוגנט ארגאניזאציע פון פ.צ.־פּאַרטיי פאר מערב־קאנאדע. נאָך אין מינסק, געווען אקטיוו אין דער ציוניסטישער ארבעטער באוועגונג און געדרוקט מאמרים אין דער פרעסע. פון 1908 ביז 1916 געווען אַן אינערלעכער מיטאַרבעטער און א צייט. נייעס־רעדאקטאר פון **קאנאדער אדלער**, מאנט' און חוץ לייט־ארטיקלען אויך געדרוקט פעליעטאָנען, זשורנאַ־ליסט־פובליציסטישע מאמרים, באַטיליקט זיך אין **דער יונגער מאקאבייער**" (רעד ש. שניאור) **דאס פאלק**, **דאס ווארט** (אלע אין מאָנט') אין ווינ'. געווען א מיטארבעטער פון **קאנאדער איד**, **דאס יודישע ווארט**, **קאנאדער מזיק**, **דער בירגער**, דארטן חוץ פאליטישע ארטיקלען און פעליעטאנען אויך געפירט **אין דאס יודישע ווארט**, א קאלום "פון צייט צו צייט" אין וועלכן רעאגירט אויף אקטועלע יידישע פראבלעמען און בעת זעלטשען איז געווען אויף אורלויב איז שטיין געווען זיין פארטרעטער ווי א רעדאַקטאָר. געדרוקט אויך א"פ י"ש, משה שטן א"א פון 1916 ביז צו זיין טויט, געווען דער סעקרעטאר פון פועלי ציון פאַר מערב־קאנאדע. געשטארבן אין וויניפעג.

פנחס, **קאנאדער אדלער**, 6 טער און 8 טער אויג. 1915, ש. בעלקין, **די פועלי־ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס. אינפארמאציע פון מ.י. ניטיקמאַן, וויניפעג.

שטיינבערג, חנה (10 טער יוני 1896 — 4 טער פעבר' 1942)

געב' אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק, אוקראינע. געענדיקט א רוסישע גימנאזיע און יידישע לימודים געלערנט ביי פריוואטע לערערס. אין 1914 געקומען קיין קאנאדע און ביז צו איר פריען טויט, געוווינט אין מאָנטרעאַל. די ערשטע יאָרן געארבעט אין א שניידער־שאפ און נאך איר חתונה זיך אינגאַנצן אָפּגעגעבן מיט פאַרזעצן איר בילדונג און מיט יידישער ליטעראטור. נאך ווי א יונג מיידל אָנגעהויבן צו שרייבן לירישע לידער און צו דרוקן ערשט אין 1926 אין **קאנאדער אדלער**, מאנט'. שוין אירע ערשטע **לירישע לידער אויף מאטיוון פון ליבע** און נאטור, האָבן איר געברענגט אנערקענונג. זי איז ביז צו איר קראנק־ווערן אין 1940, **געווען א שטענדיקע מיטארבעטערן פון קאנאדער אָדלער**

און פון זיינע **יובל נומערן**. זי האט זיך אויך באטייליקט אין **רוויערד**, (אלע נומערן) **פראָליט**, **ניואַנסן**, **מאנטרעאל**, (אלע העפטן) **באגינען**, **וואכנבאלט**, טאָר׳, **צוקונפט**, **די פעדער**, **ניו יארקער וואכנבלאט** א.א. נ.י.

אין בוכפארעם **בלעטער אין ווינט**, לידער און פאעמען מיט א נאָכוואָרט פון אײדא מאזע, מאָנט׳, 1944, 74 ז׳. (**שער בלאַט פון ב. מלחי**) געשטארבן אין מאָנטרעאַל.

...אירע לידער אטעמען מיט א ברויזנדיקער ליידנשאפט און געמיט פון א פיינפילנדיק הארץ און א פארבענקטער נשמה" ח.מ. קייזערמאן)

ח.מ. קייזערמאַן-וויטאַל, **אידישע דיכטער אין קאנאדע**, מאָנט׳ 1934, ז׳ 111-115, י. ראבינאָוויטש **יובל בוך קאנאדער אדלער**, 1938 י. י. סיגאל, **קאנאדער אדלער**, 9 טער פעבר. 1945, מ.מ. שאפיר, **וואכנבלאט**, טאָר׳ 8 טער פעבר. 1945, בער גרין, **מ. פרייהייט**, 16 טער פעבר. 1945, ש. טענענבוים, **די שטימע**, מעקסיקע, 10 טער מיי 1945, מרים קראַנט, **אונדזער אייגן ווארט**, נ.י. דעצ׳ 1978, נעקראָלאַגן אין דער פרעסע, **קאנאדיאנא**.

שטילמאַן, אברהם (3 פעבר. 1903 —)

יידישער און ענגלישער שריפטשטעלער און נאוועליסט. באַרימטער כירורג און אוראלאג געב׳ אין ניי-אושיצע, ביי דינעוויץ, פאדאליער געגנט, אוקראינע. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. נאך אין אוקראינע, געשטודירט מעדעצין זינט 1925, אין מאָנטרעאַל געענדיקטער אוראלאג און כירורג פון פארשידענע אוניווערסיטעטן אין קאנאדע און אמעריקע. פון 1931 ביז 1970, אינעווייניקסטער מיטארבעטער פון **קאנאדער אָדלער**, מאָנט׳, דארטן חוץ זיין קאלום "פאר אייער געזונט" געדרוקט אויך אויף יידישע טעמעס, דער עיקר אין **די יובל ביכער פון קאנאדער אדלער**, ווו צוו. אַנדערן געדרוקט די עסייען "הונדערט יאר מעדיצין, "אנאטאמיע פון מענשלעכן קערפער" און טיילן פון זיין שטודיע "אידישע מעדיקער אין מאָנטרעאַל **1957-1907" ער איז אַ מחבר פון א** צאל ביכער, דער עיקר אין ענגליש. זיין איינציק בוך אין יידיש **לייב און לעבן** (געשפרעכן פון א דאָקטאָר איבער לייבלעך-נאָענטע ענינים, מיט א הקדמה פון מחבר) ווארשע, 1932, 298 ז׳, האָט ארויסגערופן גוטע אָפרופן פון דער קריטיק אין פוילן און אמעריקע און טיילן דערפון זענען איבערגעדרוקט אין דער יידישער פראווינץ-פרעסע. זיינע מעדעצינישע ארטיקלען אין **קאנאדער אדלער**, זענען אויך איבערגעדרוקט געווארן אין דער יידישער פרעסע אין לאטיין-אמעריקע, מעקסיקע און אנד. לענדער. פאַר זיינע נאָוועלן אין ענגליש, באקומען אין 1968 די ח.מ. קייזערמאן-פרעמיע ביים קאנאדער יידישן קאנגרעס.

י.י. סיגאל, **קאנאדער אדלער**, 27 טער נאָוו. 1932, **קאנאדיאנא**.

שטערן, אברהם (12 טער יולי 1978 — 2 טער מערץ 1955)

למדן, מקובל און מחבר. געב׳ אין טישעוויץ, לובלינער געגנט, פוילן אין א חסידישער משפחה. געלערנט אין בית-המדרש און פארזיך און באקומען סמיכה אויף רבנות. ביז 1938, געווען דיין און שוחט פון עופות, אין שטעטל, דערנאָך, ביז צו זיין פטירה, אין מאָנטרעאַל, גלייכצייטיק (שלא על מנת לקבל פרס) געלערנט מיט אן עולם אין

די שילן "יבנה" און "צעירי דת ודעת", וואָס האָבן אים אויפגענומען פאַר זייער מורה־דרך און רבי.

אָנגעהויבן שרייבן שירים אין יידיש און לשון־קודש נאָך אין די בית־המדרש יאָרן שפּעטער געשריבן חוץ חידושי תורה, אויך פאָלקסטימליכע מעשיות אין יידיש. ער איז געווען א מחבר פון ספרים. זיין ערשט ספר **עדות בישראל** (חידושים אויף תלמוד און פוסקים, מאָנט' 1943, 282 ז') האָט געמאַכט א רושם אין די לומדישע קרייזן, אזוי אויך זיין צווייט ספר **קבו־צת כתבי אגדה**, דאָרטן, 1947, 600 ז' (וואָס איז אייגנאַרטיק אין מהות און אינהאַלט) אנטהאַלט זאמלונגען פון זיינע בריוו צו די קינדער וואָס זענען געווען צעשפּרייט אין פאַרשידענע לענדער (פּוילן, ליטע און קאַנאַדע) און ער האָט זיי פון וויטן מדריך געווען. זיי זענען געשריבן אין א היימישן און פאָלקסטימלעכן יידיש און לשון־קודש אדורכגעפלאָכטן מיט חידושי־תורה, חסידות און קבלה און א שלל פון יידישן פאָלקלאָר און פאָלקס־מעשיות. דער עיקר גיבן זיי איבער די זאָרגן פון א פאָטער וועגן זיין משפחה און זענען א זייער וויכטיק מאַטעריאַל צו פאַרשן דאָס יידישע לעבן צווישן ביידע וועלט מלחמות. זיין דריט ספר **חוטים משולשים**, דאָרטן, 1953, 200 ז' באַשטייט פון דריי טיילן א. חסידישע מעשות געשריבן אין א פאָלקסטימ־לעכן, אידיאָמאַטישן יידיש (איבערדערציילט פון אלטע חסידים אין פּוילן) ב. "שרי בישכר" און ג. אוריין תליתאי (חידושים אויף תורה, תלמוד, תוספתאס און "רמבם") די אלע ספרים האָבן געפונען א גוטן אָפּקלאַנג אין די רבנישע און ליטעראַרישע קרייזן. אזוי שרייבט ישראל ראַבינאָוויטש "ווען איר לייענט די וואונדער־מעשות, האָט איר נישט דעם איינדרוק, אַז איר לייענט "ליטעראַטור" נאָר איר הערט זיך צו צום דערציילן פון א טיף־גלויביקן חסיד, וואָס איז א מאמין אין אלעם, וואָס ער האָט איבערגענומען פון דער חסידישער מסורה, זיין אופן פון דערציילן איז ווי פון סאַמע ערשטן חסידישן קוואַל "באַזונדער איז וויכטיק איבערצוגעבן וואָס עס שרייבן די מאָנטרעאַלער רבנים "הרב יהושע הירשהאָרן שטעלט זיך באַזונדער אָפּ אויף זיין צימצום אין באַהאַנדלען חידושי תורה, וואָס ער האָט מיט אַ תמימות, וואָס איז געווען אייגן נאָר צו גדולי תורה פון פאַרגאַנגענע דורות"... ער האָט אויך פאַרשטאַנען די יסודות פון די נאַציאָנאַלע געפילן פון דור, א זאַך וואָס איז געווען פרעמדלעך צו די אַמאָליקע רבנים". הרב פּ. הירשפּרונג שרייבט: "ער האָט פאַרמאָגט אַזאַ פאָלקסטימלעכן לשון, וואָס האָט אלע תלמודישע חנען און דערמיט גורם געווען א חשק צו לימודי התורה... און עס איז געווען אַ פאַרגעניגן צו הערן זיינע געדאנקען, אָפּשאַצונגען און מיינונגען, וואָס זענען אַלע מאָל געווען לשמה".

ער איז נפטר געוואָרן אין מאָנטרעאָל.

הרב שט' איז געווען דער פאָטער פון די שרייבער און יידיש־העברעישע לערערס: יעקב זיפער, יחיאל שטערן, שלום שטערן, דר' ישראל צבי שטערן (איש יאיר) שפרה קרישטאלקע און הענע מאָרדער ע"ה און דער זיידע פון דעם יונגסטן אין קאַנאַדע־געבוירענעם יידישן פאָעט אהרן קרישטאלקע.

חיים ליבערמאַן, **פאָרווערטס**, נ.י. 29 מאַרץ 1950, ישראל ראַבינאָוויטש, **קאַנאַדער אדלער**, מאָנט' 4 טער מאַרץ 1955, הרב יהושע הירשהאָרן, **דאָרטן**, 3 טער אפּריל 1956, י. לעוויטאַס **דאָרטן**, 21 פעבר' און 30 טער מאַרץ 1955, מנשה אונגער, **דער טאָג**, נ.י. 21 אפּריל 1955, אברהם ביק, **מ' פּריוואַט**, נ.י. 8 טער

מאַרץ 1955, שלום קרישטאלקע, **פנקס טישעוויץ**, ת.א. 1970 (דארטן איז אויך איבערגעדרוקט פון הרב שט׳ ספר **קבוצת כתבי אגדה**, די פאלקס מעשה ״דער טישעווי־צער משיח בן יוסף״) דוד ראָם. **אנצ׳ יוד׳**, ירושלים, 1974.

שטערן, יחיאל (1 טער יולי 1903 —)

געב׳ אין שעברעשין, און דערצויגן אין טישעוויץ לובלינער געגנט, פוילן אין א חסידישער משפחה. געלערנט אין חדר, בית־המדרש און ביי לערערס וועלטלעכע לימודים. פון 1926 ביז סוף 1929, געווען א תלמיד פון יידישן לערער סעמינאר אין ווילנע און נאָכן פאַרענדיקן, געוואָרן א יידיש־העברעישער לערער אין פארשידענע שטעט און שטעטלעך אין פוילן (צוו. אנד. אין די ציש״אָ־שולן). אין 1936 געקומען קיין קאנאדע און געווען א יידישער לערער און פרינציפאל אין וויני׳, קאלגארי און עדמאנטאן און לערער פון דער פרץ־שול אין מאנט׳. אויך הויפט־לערער און פאַרוואַלטער, פאראנטווארטלעך דער עיקר פאַר די פעדאַגאָגיע־לימודים פונעם העברעיש־יידישן לערער־סעמינאר ביים קאנאדער יידישן קאנגרעס, מאנט. אנגעהויבן שרייבן מיט לידער (און געווען מיטגליד פון ״יונג ווילנע״) אין 1919 און צו דרוקן ערשט אין **קאַנאַדער וואָכנבלאַט**, מאָנט׳ 1929. שפעטער אויך פארעפנטלעכט לידער, דערציילונגען אַרטיקלען וועגן חינוך א.א. באטייליקט זיך אין **וואָכנשריפט פאר ליטעראטור, ליטעראַרישע בלעטער, פּאָרויס, פּאָלקסצייטונג** (אלע אין וואַר׳) **ייווא־בלעטער, ווילנער טאג, פעדאגאגישע שריפטן** (אלע אין ווילנע) **שריפטן פאר פסיכאלאגיע און דערציונג, בלעטער פאר דערציונג, די יידישע שול, קולטור און דערציונג, אונדזער שול, צוקונפט** א.א. (נ.י.) **די אידישע וועלט,** מעקסיקע) **דאס יודישע ווארט,** וויני׳ **קאנאדער אדלער** מאנט׳. אין **שול־פנקס,** שיק. 1946, פאַרעפטלעכט די עסיי ״וועגן תנך־לימוד אין שול״ וואָס האָט ארויסגערופן א פאלעמיק מיט די א.ג. ״פראגרעסיווע״ שול טוערס. מחבר פון מעשהלעך פאר שול־קינדער צוו. אנד. **דער נשיא הלל, בערעלע און דאס הינטעלע**ביידע מאָנט׳ 1946 צו 14 ז׳ וואָס זענען באַנוצט געוואָרן אין די יידישע שולן. זיין איינציק בוך **חדר און בית־המדרש,** מיט אַ פאָרוואָרט פון לייבוש לערער, נ.י. 1946, 128 ז׳ איז זייער גוט אויפגענומען געווארן אין די פעדאַגאָגישע קרייזן און איבערגעזעצט אין ענגליש פון דר. שלמה נאָבעל אין דער ענגלישער אויסגאבע פון ״ייווא״. דאָס בוך האָט זיך אויך פארדינט דעם ל.למד פרייז פאר ליטעראטור, נ.י. 1946, און איז אויך אויסגענוצט געווארן פון פראָפ׳ שאַרפשטיין אין זיין שטודיע ״וועגן יידישן חינוך אין פוילן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות״ און אין די ענגלישע ביכער פון זבאָראָווסקי און הערצאָג, נ.י. 1950 און אויך אין דער פאָרש־ארבעט **דאס שטעטל** פון דינה און דוד הערש ראסקעס נ.י. 1975.

דר׳ א מוקדוני, **מארגענזשורנאל,** נ.י. 23 טער מאַי 1952, דוד ראָם, **ענצ. יוד,** ירושלים, 1974, **קאנאדיאנא.**

שטערן, ישראל־הערש (איש יאיר) 11 אקט. 1913 —)

מאדערניסטישער פאעט און עסייאיסט אין יידיש און ענגליש.

מאטעמאטיקער. געב׳ אין טישעוויץ, לובלינער געגנט, פוילן אין א חסידישער משפחה. דערצויגן אין טראדיציאנעלן גייסט, אבער אויך געלערנט די מאדערנע יידישע קולטור אין יידיש און העברעיש ער האט אויך געענדיקט א זיבן — קלאסיקע פוילישע מלוכה־שול און אין 1935, דעם טעכניקום פון ״אָרט״ אין ווילנע. פון די יונגע יארן אקטיוו אין יידיש־געזעלשאפטלעכן און קולטור־לעבן. צוערשט אין דער יוגנט אָרגאניזאציע פון די לינקע פועלי־ציון, שפעטער אין דער אלגעמיינער ציוניסטישער ארבעטער באַוועגונג אין שטעטל, ווילנע און קאנאדע. אין 1937 געקומען קיין מאנטרעאל און דא פארגעזעצט זיין בילדונג און באקומען דאקטאראטן פון מאטעמאטיק און פילאזאפיע פון א צאל אוניווערסיטעטן אין קאנאדע און די פאר. שטאטן. פון 1937 ביז 1956 געווען א לערער פון יידיש און העברעיש אין פארשידענע שטעט אין קאנאדע און אויך 11 יאר געהילפס־פרינציפאל פון די ״פרץ־שולן״ אין מאנטרעאל. באקאנטער לעקטאר. אָנגעהויבן שרייבן מיט לידער אין די יונגע יארן אין **דאס פרייע קינד**, ווארשע 1928 אבער ביז 1963, נישט געוואלט דרוקן נאר געשריבן פאר זיך. שפעטער באטייליקט זיך מיט לידער, ארטיקלען, עסייען וועגן ליטעראַרישע פראבלעמען, דערציילונגען אין יידיש און ענגליש. צוו. אנד. אין **״קאנאדער אדלער״** מאנט׳ **צוקונפט, אידישער קעמפער, דער וועקער, פרייע ארב. שטימע, טאָג־מ. זשורנאַל, אויפן שוועל, זיין, דרך, אונדזער אייגן ווינקל, אונדזער אייגן ווארט, קינדער צייטונג, בני־יידיש** (אלע אין נ.י.) **ישראל שטימע, לעבנס־פראגן, פראבלעמען, פנקס טישעוויץ** (אלע אין ישראל) **חשבון** ל.א. **יידישקייט, לאנדאן**, א.א. מחבר פון בוך **ויהי בימי** לידעראון פאָעמען־, מאָנט׳ 1975, 176 ז׳. מיט צייכענונגען פון זיין טאָכטער איידל שטערן.

(ער האט אויך (לויט שלמה סיימאן) באַארבעט און צוגעגעבן לידער און דעם ענגלישן גלאָסאר פאר די לערנביכלעך **אברהם רייזען און מאני לייב** (ביידע מאָנט׳ 1974־1975 צו 36 ז׳ און זיי ווערן באנוצט אין די יידישע שולן. ער האט רעדאקטירט און צונויפגעשטעלט דעם נומער ״יידישע פאעזיע״ פון דעם אינטערנאציאנאלן ענגלישן זשורנאל **פאעט**, (דערשינען אין אינדיע. 1968 און זיינע צוויי זאמלונגען אין ענגליש זיינען פאָזיטיוו אָפגעשאַצט געוואָרן פון דער ענגלישער קריטיק.

זיינע לידער געפונען זיך אין דער אנטאלאגיע קאנאדיש, ב.א. 1974, און אין א צאל אנטאלאגיעס פון פאעזיע אויף ענגליש. צוו. אנד. אין י. לעפטוויטש **דהי גאלדן פיקאק**, פאריז לאנדאן און זיינע ביכער אויף ענגליש איז צו דערמאנען **אויס דעם ברעננדיקן בוש**, רוים, 1968, 20 ז׳ פאר זיינע ענגלישע לידער באקומען 2 גאלדענע מעדאלן. ...״דאָס זיינען לידער וואס אטעמען מיט אייביקן טרויער און בענקשאפט. מיט טראגישן גורל פון וועלט און מענטש. דאָס זיינען נישט קיין ליידיקע ווערטער אָן בילדלעכקייט, אָן אימאזש, אָן וויזיע...״ די שורות וויגן זיך מיטן קלאַנג פון די ווערטער. זייער קלאַנג און ריטם בלייבן מיט אונדז לאַנג נאכן לייענען... די שפראך איז פשוט און קלאָר״. (זלמן שלאסער).

...״די בעסטע אילוסטראציע פון איש יאירס דאגה צו מענטש און

מענטשלעכקייט, איז די פּאָעמע "ויהי בימי" דאָ קומט צום אויסדרוק דאָס אַלעס וואָס מען קאָן געפינען צעזייט און צעשפּרייט אין די אַנדערע לידער פון בוך. (משה יונגמאַן)

..."די צוגערויבטע רו פון פּאָעט, קומט צום אויסדרוק אין גאַנצן בוך. די טעמאַטיק, מיט וועלכער איש יאיר לעבט און ברענגט צום אויסדרוק אין זיין שרייבן... ער האָט געגעבן דעם חורבן־רעאַליטעט, א נייע אַנטוויקלונג... ער שרייט אויס דעם צער פון אונדזער דור" (לייבל טענצער)

...דר י. שטערנס עסיי" זכור את אשר עשה לעמלק... לא תשכח, שימערט מיט הויכער אינטעלעקטואַלקייט און פּאַרטיפּעטקייט. ער באַמיט זיך אַרומצונעמען די עקזיסטענץ־פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק נאָך דער שואה־טראַגעדיע " (אברהם באַראַבאַן)

א. באַראַבאַן, **יידישע צייטונג**, ת.א. 9 טער אַפּריל 1971, ב.גרין **מ. פרייהייט**, נ.י. 26 טער דעצ' 1971 י. עמיאָט, **פאָרווערטס** 9 טער אַפּריל 1976, זלמן שלאַסער, **חשבון** ל.א. סעפּט. 1976, משה יונגמאַן, **ישראל שטימע**, 19 טער יאַנ. 1977, **ל. טענצער**, **קאַנאַדער אַדלער**, 21 טער אָקט. 1977, צבי שטאַק, **בני יידיש**, נ.י. מאַרץ אַפּריל 1976, לייב וואַסערמאַן, **זיין**, נומ. 80, יוני 1976, און **חשבון**, נומ. 92. וואָלף שניידער, **אונדזער אייגן ווינקל**, נ.י. דעצ' 1976, חיים שפּילבערג, **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט' 13 טער אָקט' 1978.

שטערן, שלום־יוסף (5 טער יאַנ' 1906 —)

געב' אין טישעוויץ, לובלינער געגנט, פוילן אין א פרומער חסידישער משפחה. באַקומען א טראַדיציאָנעלע דערציונג אין חדר, ביי זיין פאָטער און בית־המדרש, דורך זעלבסטבילדונג געלערנט העברעיש און אַלגעמיינע לימודים. ביז צו זיין קומען אין קאַנאַדע, אין 1927, זיך מפרנס געווען פון געבן פּריוואַטע העברעישע לעקציעס. אין די ערשטע יאָרן אין מאָנטרעאַל, א צייט געאַרבעט אין אַ פּרוכטן־געשעפט. שפּעטער אייניקע יאָר געווען א פאַרקויפער פון יידישע און העברעישע ביכער. אייניקע חדשים געווען א לערער אין דער "פּרץ־שול" געמוזט איבעררייסן צוליבן קראַנק ווערן און איבער 2 יאָר פאַרברענגט אין דער "מאָונט־סיני" סאַנאַטאָריע אין סיינט־אַגאַטה אין די לאָורענשן בערג, אין אָנהייב דרייסיקער יאָרן ווידער געוואָרן א יידישער לערער אין דער "ווינטשעווסקי" — שול און פון 1938 ביז 1963 איר פּרינציפּאַל. ש.ש. איז א באַקאַנטער לעקטאָר דער עיקר וועגן דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע, וואָס ער פירט עד היום אין קלובן פון [illegible]ערע, באַזוכט מדינת ישראל, פראַנקרייך, שווייצאַריע און פוילן. אָנגעהויבן שרייבן גלייכצייטיק אין העברעיש און יידיש מיט לידער און דערציילונגען און דעביוטירט מיט א דערציילונג פון יידישן שטעטלדיקן לעבן אין **הכוכב**, וואַרשע לאָדזש 1926 (רעד. א. ליובאָשיצקי) און "אונדזער שטימע", בעלעם 22 סעפּט. 1926 מיט א דערציילונג "מיין היים שטעטל" וואָס האָבן געוויזן טאַלאַנט און באַגאַבונג, אין קאַנאַדע, כמעט אינגאַנצן אַריבער צום ליד און צו גרעסערע פּאָעמען, וואָס האָבן אַרויסגערופן אָנערקענונג. שוין זיינע ערשטע לידער געדרוקט אין דער זאַמלונג **באַגינען**, (צייטשריפט פון דער יונגער אימיגראַנטישער, פּראָלעטאַרישער יונגער דיכטער־גרופּע) טאָר 1928, האָבן אים אַריינגעשטעלט אין דער רשימה פון צוזאָגנדיקע, איינפלוסרייכע שאַפערס... זינט דאַמאָלט געדרוקט

לידער, עסייען וועגן יידישע שרייבערס, אַרטיקלען אויף קולטור־און שול־טעמאטיק רעצענזיעס וועגן ביכער און שרייבער אין **דער אויפקום**, נ.י. 1928, פ.צ.־אויסגאבע, **יוגנט**, 1929, **קאַנאַדער אָדלער, העפטן, קאנאדער זשורנאל, מאנטרעאל, פראָליט**,(אלע אין מאָנט׳) **צוקונפט**, נ.י. (פון 1928 ביז 1939) **ליטעראַרישע בלעטער** (ווארשע) און אין כמעט דער גאנצער ״פראגרעסיווער״ פרעסע און פעריאדיק איבער דער וועלט. ער איז א שטענדיקער מיטארבעטער פון **פרייהייט, יידישע קולטור, זאַמלונגען** (אלע אין נ.י.)**וואכנבלאט דער וועג, דער קאמף, באשיידן** (אלע אין טאר׳) **באטיילקט זיך אין: יידישע שריפטן, פאָלקסשטימע** ווער׳, **פריי ישראל, ישראל שטימע, מעריב אונדזער שריפט**, א.א. (ישראל)

ארויסגעגעבן אין בוכפארעם: **נאָענטקייט, ליבע און נאטור לידער**, טאר׳ 1929, 43 ז׳ וועגן זיי שרייבט ח.מ. קייזערמאן (אידישע דיכטער אין קאנאדע, מאנט׳ 1934, ז׳ 49־141) ״זיינע נאטור לידער זאגן עדות אויף זיין טאלאנט. זיין שטילע ליריק, סיי אין טאן און סיי אין אינהאלט אטעמען מיט עכטער פאעטישער שטילקייט״ **עס ליכטיקט**, לידער, מאנט׳ 1941, 172 ז׳ וועגן זיי שרייבט י.י. סיגאל״ זיינע **ערשטע לידער, נישט בלויז וואס מען האט זיי באַגעגנט צום ערשטן מאל**, נאר זייער ערשטקייט איז באשטאנען אין דעם וואס זיי האבן עדות געזאגט **אז עס איז צוגעקומען אין דער יידישער** ליטעראטור אריין נאך א מאדערנער יידישער פאעט, וואס ארבעט אויף זיך״ (**קאנאדער אדלער, 21 פעבר׳ 1941**) **זיין בוך לידער און פאעמען**, מאנט׳ 1944, האט ארויסגערופן פאזיטיווע אפהאנדלונגען אזוי שרייבט שאול **מאלץ** (פר. ארב. שטימע, נ.י. 2 טער אפריל 1948) וועגן זיין בוך **אינדערפרי דאָרטן 1945** 281 ז׳ ״יעדער **ליד** אטעמט מיט טראדיציע, ער האט נישט בלויז געזאגט קדיש נאך די קדושים, נאר פארהיילקט זייער אנדענק אין ליד״.

חוץ ווי א שטילער סובטילער און אינטימער שאַפער פון קליינעם ליד, האט זיך ש.ש. אויף באַריִמט געמאכט דורך זיינע גרעסערע ווערק אין וועלכע ער שילדערט אין ברייטע לייוונטן ווי א **עפישער ליריקער דאס איינהיימישן זיך** פון יידן אויף קאנאדער ערד און דאָס לעבן און שטרעבן פון דער פראנצויזישער באפעלקערונג אין דער קוויבעקער פראווינץ. מיר מיינען זיינע ביכער אין **קאנאדע ב.1** מאָנט׳. 1960, 480 ז׳ און **אין קאנאדע** ב.2 מאָנט׳־ווארשע 1963, 233 ז׳ (הילע פון מ. קיש) **וועגן זיי שרייבט דוד ספאַרד...״די וואנדערונגען פון צענטראלן העלד פון** בוך, דער דיכטער און שטעטלדיקן בעל חלומות יאסל.

...״ער זוכט מיט א צעוויטיקט הארץ **דעם יסוד פון זיינע ראנגלענישן, וואס** ער פלעכט צוזאמען אין לירישע שטימונגען מיט וואָכנדיקע גראָע געשעענישן פון רויע און טרויעריקע **פאקטן פון לעבן... ש.ש. שאַפט זיין** אייגענעם און אייגנארטיקן סטיל״. (פאָלקסשטימע ווער׳, נומ. 1159־158)

דער צווייטער טייל פון בוך אין קאנאדע איז איבערגעזעצט אין ענגליש דורך יהודית ראטשטיין, מאָנט׳ 1967 און באקומען א סובסידיע פון מיניסטעריום פאר עטנישע קולטור אין קאנאדע.

ער איז אויך דער מחבר פון ראָמאן אין פערזן **דאס ווייסע הויז**, ווער׳ 1967, 284 ז׳ איבערזעצט אין **עברית** דורך שמשון מלצר, ת.א. 1972, אין **ענגליש** דורך מאַקס ראָזנפעלד, אין

פראַנצויזיש דורך גי מאיו (פאר דער פראַנצויזישער איבערזעצונג באַקומען א סובסידיע פון "קאנאדער קאנסול" וועגן ווערק שרייבט בער גרין צוו' אנד' דאס ווערק איז א טיף-פּאַרטראַכט ליבטיק-ליריש-פּאַעטיש ווערק, וואָס וועט זיכער פאַרנעמען א חשוב אָרט אין אונדזער יידישער ליטעראטור אין אַמעריקע, דאָס איז דורכאויס א קאנאדיש-יידיש ווערק **עפּעס נייעס אין אונדזער ליטעראטור**" עס איז אן ערליך געזאנג צו לעבן און ליבע, צום מענטשן פון ערלעכער מי" (מ. פריידהייט, נ.י. 22 טער אקט' 1967) א נייער אויפשטייג אין **די משפחה אין קאנאדער און דאס הויז פון פראפעסאר סידני גאלדסטאן**, מאנט' 1978, 333 ז'. וועגן די צוויי נאוועלן פאעמען שרייבט י.א. ראנטש (**יידישע קולטור**, נ.י. אפריל, 1976)

..."ביידע נאוועלן פארנעמען זיך כמעט מיט די זעלבע פראבלעמען. דאס איז די משפחהשאפט פון צוויי יידישע הויזגעזינטן אין דער איצטיקער צייט. ער דערציילט וועגן לעבן פון יידישן עמיגראנט און זיינע אין קאנאדע געבוירענע קינדער. אן ענין וואס רירט אן פאקטיש כמעט יעדער יידיש הויז... ער דערציילט פשוט, פארשטענדלעך כמעט ביבליש... ער ברענגט ארויס די הויפּט שטריכן פון זיינע העלדן און מיר זען די זיגזאגן פון דור צו דור... ער ברענגט אויך ארויס אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען פון געמישטע חתונות" פון דער כמעט זעלבן מיליע און זשאַנער זיינען די קאַפּיטלעך פון זיין נייעם ווערק". "סיימאן און שילא", וואס דרוקן זיך אין א צאל ליטערארישע אויסגאבעס איבער דער וועלט. ער האט אויך באקומען פאר זיינע ליטעראַרישע פאַרדינסטן די "ח. זשיטלאווסקי" און די "איקוף" פרעמיעס (ביידע אין נ.י.) זיינע לידער זענען איבערגעזעצט אין עברית ענגליש, **פראנצויזיש**, **פויליש**, **רוסיש** און דייטש און זענען אריין אין פּאָעטישע אנטאלאגיעס און פארשידענע שפראכן.. א צאל פון זיינע לידער זענען רעקארדירט און געלייענט און געזונגען דורכן ארטיסט און רעציטאטער חיים אָסטראָווסקי. וועגן ש.ש. זענען דערשינען אפשאצונגען פון יידישע שרייבערס אין גאר דער וועלט. ליידער מוזן מיר זיך באגרעניצן און אויך אפילו ביבליאָגראַפיע קענען מיר נישט געבן אין א פולער צאָל... מיר מוזן אָבער מאכן אן אויסנאם פאר די הארציקע ווערטער פון פראָפעסאָר בערל מארק, וואס ער האָט געשריבן אין זיינע ממש לעצטע טעג פון זיין לעבן. ער שרייבט: "... כל זמן מען לייענט שלום שטערנס וואָך-אויס-און וואַר-איין זיינע שאפונגען און זיינע קאָבעדיקע אַרטיקלען, כל זמן מען זעט פאַר זיך די טיף-ברויזנדיקע סטראָפן פון זיינע נייעסטע שאַפונגען, ווערט מען אינערלעך דערמוטיקט און מען באקומט א פארשטארקטן גלויבן, אז עס איז נישטא קיין יסוד פאר שטימונגען פון רעזיגנאַציע. (**וואכנבלאט**, טאר' 8 טער מיי 1966)

געדרוקט אויך אונטער: י. עלבאן, שיש, א.א.

הערץ בערגנער, **אויפבוי**, מעלבורן, אקט' 1945, יעקב גאָטליב, אליעזר היימן, **מיר אליין**, קאוונע, 1930 יעקב גלאנץ, **יידישע וועלט**, מעק. נומ' 3-4, 1945. יעקב באטאשאנסקי **די פרעסע**, ב.א. 15 טער מאַרץ 1945, זישע ווינפער, **מ. פרייהייט**, 18 טער סעפט. 1949, ס. מילער, **וואכנבלאַט 1 טער מארץ 1956**, ב. שלעווין, **אונדזער וואָרט** פאריז, 17 טער מאַרץ 1960, אברהם ביק, **מ. פרייהיט**, 22 טער מאי 1960, חוה סלוצקי-קעסטין פריי **ישראל**, ת.א. 30 טער מאי 1968, יודזשין ארענשטיין, **יידישע קולטור**, נאָוו. 1976, א טרעמבאָוואַלסקי, **פּאָלקסשטימע ווארשע**, 7

טער אפריל 1977, משה דיאמאנט ישראל שטימע, ת.א. טער 12 אָקט. 1977.

שײנזאָן, יוסף־דוב (15 טער אפריל 1907 —)

געב׳ אין אָניקשט, קאָוונער געגנט, ליטע. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. פאַרענדיקט א יידיש־העברעאישן לערער־סעמינאַר און שטודירט 3 יאָר מעדעצין אויפן קאָוונער אוניווערסי־טעט. ביז 1940, געלעבט אין קאָוונע און געווען אקטיוו אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן קולטור לעבן אין ליטע. געווען דער אָנפירער פון דער "מכבי" אָרגאַניזאַציע. בעת די באָלשעוויקעס האבן פארכאפט ליטע, געוואָרן ארעסטירט און ביז 1945 געווען פאַרשיקט אין סאָוועטישע לאגערן אין ווייטן צפון. שפעטער געלעבט ביז 1948 אין דייטשע **פליטים־לאַגערן** פון וואַנען געקומען קיין קאַנאדע. באַזעצט זיך אין מאָנטרעאל און זיך כמעט אינגאנצן געווידמעט דעם יידישן חינוך. פון 1948 ביז 1964, **געווען געהילפס־פרינציפאל און דער־ציונגס דירעקטאָר אין דער "עדת ישראל" מיטלשול. אָנגעהויבן שרייבן מיט ארטיקלען וועגן קונסט אין אידי־שע שטימע, קאָוונע. פון 1946 ביז 1948 געווען אַ מיטאַרבעטער פון דאס וואָרט** מינכען און רעדאַקטאָר פון העברעישן זשורנאַל **ניצוץ. באַטייליקט זיך מיט ארטיקלען וועגן חינוך־פראַגעס, רייזע־באַשרייבונגען און אויף אַלגעמיין־יידישע און קולטור־ענייַ־נים אין קאנאדער אדלער**, מאָנט׳ אין העברעאישן **שבילי החינוך**, נ.י. א״א. ארויסגעגעבן אין בוכפארם: **ישראל אין אויפבוי** (איינדרוקן פון א רייזע) אין וועלכן ער מאלט אן אלגעמיין בילד פון יידישן לעבן און וועגן אויפבוי **פון יידישן היימלאַנד געזען מיט די** **אויגן פון א גוטן באאבאכטער**, מינכען **1948, 430 ז׳. זינט 1948 געארבעט אויף** לערנביכער און ספעציעל פאר די העברעישע שולן אין קאנאדע. זיין ערשט בוך **שפת ישראל**, מאָנט׳ 1954, 138 ז׳ באווייזט זיין ערנסטן צוגאנג צום פראבלעם פון לערנביכער נאכן חורבן, אזוי אויך **שפת ישראל**, ב. 1955, 140 ז׳ **שפת ישראל** ג. 1959, 202 ז׳ און **שפת ישראל ד.** 1960, 419 ז׳ וואָס זענען אויך פארפולט מיט אייגענע **מעשהלעך חוץ זיי האָט ער אויך פארפאַסט די הילפס־ביכלעך תרגילון א און ב. א וויכטיקער אויפטו איז זיין בשבילי החומש**, וואס איז א הילפס בוך צו פארשטיין דעם אייביקן חומש. ער איז אויך דער רעדאקטאר פון די זאמלונגען **שאלות בהסטוריה**. די אלע ביכער ווערן באנוצט אין די **העברעאישע מיטלשולן אין קאנאדע**. פאַר זיינע גרויסע באמיונגען, באקומען אין 1975 די י.י. סיגאַל־פּרעמיע פאר **ליטעראטור און דערציונג.**

לויט פארשידענע קוואלן, קאַנאַדיאַנאַ.

שימאַנאָוויטש, שרה (10 טער מאַרץ 1910 —)

געב׳ אין דאָקשיץ ביי ווילנע, ליטע אין א רבנישער משפחה. אין די יונגע יארן אריבער קיין סווענציאן, ווו איר פאטער ר׳ אהרן טומארקין אין געוועזן רב. באקומען א טראַדיציאָנעלע דערציונג און פריוואט געענדיקט א זיבן קלאסיקע רוסישע פּאַלקסשול. יאָרן געלעבט אין כאַרקאָוו, סאַמאַריקאַנט און נאך דער צווייטער וועלט־מלחמה, אין פאריז פון וואנען אין 1952 געקומען קיין מאָנטרעאל. אקטיווע טוערן פאר **מדינת ישראל און פאר אלע מוסדות נוסח־ליובאַוויטש. זינט 1970 געדרוקט** לידער אויף רעליגיעזע און נאציאנאלע

מאַטיוון, פאָלקסטימלעכע פּאָעמען און צייט־לידער וועגן מדינת ישראל. דער יידישער שפּראַך אין **טאָג־מאָרגען זשורנאַל, אַלגעמיינער זשורנאַל,** נ.י. קאַנאַדער אַדלער, מאָנט׳. אין בוכפאָרם געזאַנג **פון א אידן,** ת.א. 1973 85 ז׳ יידיש און 16 ז׳ **עברית, וואָס האָט געפונען** אנערקענונג צוליב איר אייגענעם פרומען טאָן און ווי עס שרייבט אין זיין הקדמה הרב פ. הירשפּרונג: ״פון אירע שירים קוקט אַרויס א רעליגיעזער געדאַנק און א לערע מוסר״

י. סירקין **דער אַלגעמיינער זשורנאַל,** נ.י. 8 טער אויג. 1976.

שמערלער, אהרן־יוסף (17 טער יוני 1883 —)

קאַנאַדער נאָמען פון א.י. שמעלניצקי. געב׳ אין סאָלאַטווינע, מזרח־גאַליציע. געלערנט אין בית המדרש און דורך זעלבסטבילדונג אַלגעמיין וויסן און שפּראַכן. פון די **יונגע יאָרן טעטיק אין דער יידישער** סאָציאַליסטישער באַוועגונג, צוערשט אין דער ס.ט. און ביזן סוף פון זיין לעבן אין דער פ.צ.־פּאַרטיי. טעאָרעטיקער, לעקטאָר און רעדנער. אין 1902, **געקומען קיין אַמעריקע און געטאָן** פאַרשידענע אַרבעטן. פון 1914 געלעבט אין טאָראָנטאָ. געענדיקטער אינזשינער בעמיע פון טאָראָנטער אוניווערסיטעט, גלייכצייטיק אנגעהויבן שרייבן אַרטיקלען איבער אַרבעטער־פּראָגעס אין **דער יודישער זשורנאַל,** טאָר׳ **פון וועלכן אין 1915** געוואָרן אן אינעווייניקסטער מיטאַרבעטער. דאַרטן חוץ פּובליציסטיש־זשורנאַליסטישע מאמ־רים און צייטונגס־אַרבעטן אויך געדרוקט אין המשכים זיינע איבערזעצונגען ראָמאַנען פון דזשעק לאַנדאָן (א״פ ה. רייס) און קליינע דערציילונגען פון עדגאַר עללען **פּאָ. געוועזן קאַנאַדער קאָרעספּאָנדענט פון דער טאָג,** נ.י. **אין יענע יאָרן געוועזן** רעדאַקטאָר פון חודש־זשורנאַל **די נייע צייט,** טאָר׳ (1913־1914) דאָרטן געדרוקט אונטער פּסעוודאָנימען דערנאָך כסדר געשריבן פאַרן **וואָכנבלאַט: די אַרבייטער צייטונג, דאָרט, 1917־1918 (דערשינען 6 חדשים)** אין 1920 באַזעצט זיך אין ניו־יאָרק און **געוואָרן א מיטאַרבעטער פון דוד** פּינסקיס ט״צ **די צייט** (1920־1922) דאָרטן חוץ אַרטיקלען אויף סאָציאַליסטישע און נאַציאָנאַלע טעמעס, מאמרים וועגן געזעלשאַפט־פּאָליטישע ענינים אויך געדרוקט אין **פאַרזעצונגען דעם סאָציאַליסטישן ראָמאַן פון א. עדוואַרדס קאַמראַד יעטא** (א״פ יוסף נאַרדאָווסקי) נאָכן אונטערגאַנג פון דער צייטונג, אוועק אַרבעטן אין דער פּועלי ציון פּאַרטיי און אַרומגעפאָרן איבער אַמעריקע און קאַנאַדע אין די אינטערעסן פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין ארץ־ישראל. ווייטערע ידיעות־נישט באַקאַנט.

ז. רייזען, **לעקסיקאָן ב.4** ש. בעלקין, **די פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע,** אינדעקס, **קנאַדיאַנאַ.**

שניאור, שלמה־חיים (1884 — 10 טער מאַרץ 1958)

איינער פון די פּיאָנערן פון דער פּועלי־ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע. מיטשאַפער פון כמעט אַלע **געזעלשאַפטלעכע שול און קולטור־** אינסטיטוציעס אין מאָנטרעאַל. געב׳ אין ווילנע, ליטע, האָט ער נאָך אין זיינע סטודענטישע יאָרן, געשפּילט א

גרויסע ראלע אין דער ציוניסטיש־סאציאליסטישער באוועגונג (ס.ט.) און צוליב פּאָליצייאישע פאַרפאָלגונגען געמוזט אין 1905 אנטלויפן פון **רוסלאנד און געקומען קיין אמעריקע,** ביז 1908 געווען א טוער אין דער ס.ט. פּאַרטיי און בעת דער קאָנפערענץ אין באָסטאָן, (1906) ווי א דעלעגאט פון פילאדעלפיע, אנגעהויבן זיך דערנענטערן צו די פּ.צ. און שפּעטער **געוואָרן איינער פון אירע פירערס און** טעאָרעטיקערס. פון 1907 ביז צו זיין טראַגישן טויט, געווען א פייערדיקער רעדנער און האָט משפיע געווען חוץ **מיט זיינע איבערצייגטע אויספירן** אויך מיט זיין אופן רעדן, וואס איז תמיד געווען פול מיט אייגנארטיקן פאלקסהומאָר. נאך אין רוסלאנד **אָנגעהויבן שרייבן סיי אין רוסישן וואזראזשדעני און אין יידישן דער וועג,** ווילנע. באלד נאך זיין קומען אין מאנטרעאל געווארן א מיטארבעטער פון **קאנאדער אדלער,** צוערשט ווי א נייעס־שרייבער און שפּעטער ווי נייעס־רעדאקטאר און ביז 1910, ווי איינער **פון אירע הויפּט־מיטארבעטער. ער האט חוץ זשורנאליסטיש־**פּובליציסטישע מאמרים, אויך א צייט געפירט דעם אפּטייל פון הומאר און טעגלעך געדרוקט א קאלום "יידישע פאלקסגעשיכטע אין קורצן" (באארבעט לויט קארפּעלעס) א קורצע געשיכטע פון יידן אין קאנאדע און אין **פארזעצונגען זיינע איבערזעצונגען פון** עדגאַ פּאָ און דיקענס א"א. ער איז געווען א מיטגרינדער פון דער ערשטער נאציאָנאַל־ראדיקאלער שול, פון דער ערשטער יידישער ביבליאטעק **און דער ערשטער אגיטאַטאר פון** צוזאמענרופן א "קאנאדער יידישן קאנגרעס" (זע קאנאדער אדלער, 24 יוני 1908) חוץ דעם איז ש.ש. אויך געווען מיטרעדאַקטאָר פון הומאָריסטישן וואָכנבלאט **דער פּיפערנאטער,** פון **קאנאדער האָן** (ביידע מאָנט' 1910־1911) פון 1911, זיך אינגאנצן געווידמעט די פּארטיי **ארבעט, דער עיקר צווישן דער יוגנט** און צוליב דעם ארויסגעגעבן די צייטשריפט **דער מאקאבייער** אויך **דאס וואכנבלאט די קעמפער שטימע** (סוף 1912־1913) וואס ער האט כמעט אליין אויסגעפילט מיט זיינע ארבעטן און אויך דעם אפּטייל "דער יונגער מאקאבייער". א גרויסע ראל האט ער געשפּילט בעת עס איז געשאפן געווארן די וואכנצייטונג, **די פאלקסצייטונג,** (1912) דארטן **פאַרעפנטלעכט ארטיקלען אויף** פארשידענע טעמעס סיי פון יידישן כלל לעבן און פון דער ארבעטער באוועגונג. שפּעטער געווען א מיטארבעטער פון **דאס ווארט** (1915) **דאס פאלק** (1917) (ביידע רעדאגירט פון יהודה קויפמאן) **אידישע ארבייטער שטימע** א"א, ווי אויך פון **פינסקיס די צייט, נ.י. ער איז געווען** רעדאַקטאָר פון **סוווערניר־זשורנאל (דערשינען צו דער 5 טער פועלי־ציון פארטיי קאָנווענשן. מאנט' 1910)**

אן איבערגעגעבענער אוהב יידיש, האָט ער ווי א מיטגליד פון פּ.צ.צ.ק. **תמיד פאַרטיידיקט די יידישע קולטור און ליטעראטור, און וועלכער ער האט צוגלייך מיט ארץ ישראל, געזען דעם חיזוק פון יידישן פאלק, געוואָרן פּאַראַליזירט אין מיטן א רעדע וועגן ארץ ישראל אין סעפּט. 1926 און 32 יאָר איבערגעלעבט אין אומהיילבארן שפּיטאָל אין ווערדאָן און דאָרטן געשטאָרבן.**

...זיינע "וואָך־איין, וואָך־אויס" נאָטיצן **וועגן וועכנטלעכע פּאסירונגען,** געשריבן אין א וויציק, שפּאַסיקן טאָן,

האָבן תמיד געטראָפן "אין פינטל אריין"... ער איז אריבערגעקומען פון ווילנע א פּאַרטיקער טוער, א מין היימישער משכיל, וואָס האָט באַזעסן **יידישן און וועלטלעכן וויסן און שוין** פון זיין ערשטער לעקציע, ווינטער 1907 האָט ער צוגעצויגן די יידישע מאַסן און אינטעליגענץ צו זיינע אידייען און מעשים... א רעדנער, א פירער, א וואָרטזאגער צו וועמען מען האָט זיך צוגעהערט... (ב.ג. זאק)

פנחס, **קאנאדער אָדלער**, מאָנט׳ 6 טער און 8 טער אויג׳ 1915. י.ל. מאלאַמוט, **יובל בוך קאנאדער אדלער** 1938, ש. בעלקין, **די פועלי ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס. **לייט ארטיקל ק.א. 12** טער מארץ 1958. ב.ג. זאק, **דארטן** 16 טער מארץ 1958. ישראל ראבינאוויטש, **יובל בוך קאנאדער אדלער**, מאנט׳ 1957. ברוך צוקערמאן, **זכרונות ב.1**, נ.י. 1962. נעקראלאָגן אין דער פרעסע. אינפאָרמאציע פון פרוי אָבערמאן, קאַנאַדיאַנא.

שניאורסאן, שלמה־זלמן (1889 — 1946)

געב׳ אין צפת, ארץ־ישראל אין א רבנישער משפחה. געלערנט אין **ישיבות און ביי פּריוואַטע לערערס** וועלטלעכע לימודים און שפּראַכן. אין 1924 געקומען קיין מאַנטרעאַל און ביז מיטן 1945, געווען א לערער אין דער "שערי־ציון" תלמוד תורה. פון די פריע קינדער־יאָרן געשריבן לידער און **אָנגעהויבן צו דרוקן אין העברעישע** צייטונגען אין ארץ ישראל. אין קאַנאַדע געדרוקט לירישע לידער, פּאָלקסטימלעכע פּאָעמעס און אויף נייע און טראַדיציאָנעלע ארץ־ישראל מאָטיוון, וואָס האָבן באַוויזן טאַלאַנט און א צאַרטן אויפנעמען (ספּעציעל אין זיינע נאַטור־שטימונגען) אין **קאנאדער אדלער, העפטן** (1937) **קאנאדער זשורנאל**, (רעד. ישראל ראַבינאָוויטש און א.ש. שקאָלניקאָוו (1940) זיך באַטייליקט אין **דער יודישער זשורנאַל** טאָר׳ **דאס יודישע וואָרט**, ווינ׳ **צוקונפט, אידישער קעמפער** (ביידע אין ניו יארק) **קאליפארניער אידישע שטימע**, ל.א. א״א. מחבר פון בוך **ביי דיינע טויערן**, מאָנט׳ 1943, 92 ז׳. (לידער און פּאָעמעס וועגן צפת און אנד. ארץ **ישראל־מאָטיוון) וואָס האָבן געאָטעמט** מיט אַ שטילקייט פון א לירישן געמיט און פון א בענקענדיקער יידישער נשמה. א קראַנקער איז ער אין ווינטער 1945 געפאָרן קיין לאס אנדזשעלעס און דאָרטן געשטאָרבן. געלאָזט אין כתב־יד א צוגעגרייט צום דרוק בוך **פּאעמען און לידער אויף קאנאדער** מאָטיוון און גרעסערע פּאָעמעס צוו. זיי "רבי יוסף דילה רינה" וואָס דארף פארנעמען 48 ז׳ אין דרוק.

קאנאדער אדלער, יובל בוך 1938, ישראל ראבינאוויטש, **קאנ. אדלער**, 6 טערנאוו. 1959. מלך ראוויטש, **פנקס**, ב.1, נ.י. 1965, אינפארמאציע פון פרוי מגיד, מאַנט׳ קאנאדיאנא.

שנייד־אויפזער, מרים (1924 —)

געב׳ אין שטעטל לאהוסק, ביי מינסק, ווס״ר. אין א חסידישע משפחה. איר פאטער, הרב משה גאלדשמיט, האט געשמט ווי א גרויסער תלמיד־**חכם. א קינד פון 2 יאָר, געקומען מיט די** עלטערן קיין ארץ־ישראל און באזעצט זיך אין חברון: באקומען אן אלזייטיקע דערציונג. אין 1945 געענדיקט דעם **העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים** און דעם מזרחי לערער־סעמינאר. זינט 1948, באקאַנט ווי אן אייגנאַרטיקע שרייבערין אין אלע פארמען, דער עיקר פאעזיע, וואס זענען גוט אויפגענומען **פון די העברעישע שרייבער־און** קריטיקער. באטייליקט זיך, אין **גליונות, מאזנים, דבר, דבר־הפועלת**,

א.א. ת.א. אין בוכפארם **עד תום,** שורות, (1960) **שירי סתיו,** (1965) **עת רצון,** שירים (1972) אין פראזע: **רומן במכתבים,** (1949) טײלן פון אירע לידער זענען איבערגעזעצט אין ענגליש. לעבט זינט 1963, אין טאָראָנטאָ, א צייט געווען א לערערין אין העברעישע מיטלשולן און לעקטאָרן איבער העברעישער ליטעראטור אין "בית מדרש למורים". און פון 1972 קאָנסולטאַנט איבער יידישער דערציונג ביי דעם "קאַנאַדער יידישן קאנגרעס "אין טאר'.

ג. קרסל, **לקסיקון הספרות העברית** ב. מרחביה, 1967, ז' 63־96 קאנאדיאנא.

שנייד, נפתלי (אטא) (30 טער יאַנ. 1900 — 12 טער מאַי 1972)

קונסטמאָלער, סקולפּטאָר, היסטאָריקער, מחבר און מעצענאט. געב' אין שטעטל יאַבלאָנקאָווע, ביי דער טשעכיש־פוילישער גרענעץ. פון 1919, געלעבט אין ביעלסקי, פוילן, דערנאָך אין ווילנע און פון 1939 ביז אין 1963 אין ארץ ישראל און אמעריקע. פון 1963 ביז צו זיין טויט, געווינט אין טאראנטא, יידישע און אלגעמיינע בילדונג. געענדיקטער דאקטאר פון אלט־קלאסישער קונסט, פילאזאפיע און אלטע קונסט־געשיכטע פון ווינער אוניווערסיטעט און פון דער פאריזער סארבאנע. אין 1936 געווארן לייטער פון קונסט־אפטייל פון "ייוא" אין ווילנע. דערנאך פון 1940 ביז 1960, פראָפעסאָר פון אָריענטאַלער קונסט אין חיפה'ער טעכניקום זיינע ערשטע אַרטיקלען אין יידיש איבער געשיכטע און מאָלעריי געדרוקט אין דער זאמלונג: **משה אפּעלבוים, זיין לעבן און שאפן,** ווארשע 1931, דערנאך אויך זיך באַטייליקט אין **ליטעראַרישע בלעטער, ווילנער טאג, ייווא־בלעטער,** וויל' **שלעזיש־זאגלעמביער וואָכנבלאט** ווי אויך אין דער העברעישער און יידישער פרעסע אין מדינת ישראל מחבר פון א צאל ווערק צוו'. אנ'. **ציורי בית הכנסת בדורא־אירופאס** ת.א. 1946, **רעמבראנדס תנך־אילוסטראציעס** (1947) **אמנות יון הקלסית** (1948) **די אלטערטימלעכע כינעזישע מאלערייען,** (דייטש, 1934) ער איז אויך געווען א מחבר פון אַ צאָל דראַמאַטישע ווערק אין ענליש צוו. אנד. **דער מענטש וואס באשאפט זיין אייגענעם גיהינום** טאר' 1970, געשטארבן אין טאראנטא.

ג. קרסל, **לקסיקון הספרות העברית,** ב. מרחביה, 1967 ז' 963, **לעקסיקאן פון דער נייער יידישער ליטעראטור,** ב.1 (אין דער ביאגראפיע פון משה אפעלבוים) נעקראלאגן אין דער פרעסע, קאנאדיאנא.

שניידער, שלמה (29 טער אויג' 1897 — 7 טער פעבר' 1936)

געב' אין דינעוויץ, פּאָדאָליע. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. געענדיקט א רוסישע רעגירונגס־גימנאזיע אין קאמענעץ־פּאָדאָלסק. צוליב נישט האָבן די מיגלעכקייט ווייטער צו שטודירן, געוואַנדערט איבער אייראָפּע און שווייצאריע מיטן מיין אנצוקומען אין א העברען לערן־אנשטאלט, אָבער זעענדיקט די שוועריקייטן איז ער אין 1913, אנגעקומען קיין קאנאדע און געמאכט זיין היים אין מאָנטרעאָל. דא איז ער געוואָרן טעטיק אין דער ציוניסטישער ארבעטער־באוועגונג. ער איז אויך געווען צווישן די מיטבויערס פון די יידישע פאלקסשולן און איינער פון אירע לערערס. ער איז געווען צווישן די הייסע אנהענגערס צו שאפן דעם

"קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס" און א דעלעגאַט פון דער פ.צ. פּאַרטיי צו דעם "גרינדונגס צוזאַמענפאַר" (1919) נאָך אין 1915, איז ש.ש. געווען צווישן די מאָנטרעאַלער יידישע שרייבערס, וואָס האָבן געשאַפן א יידיש-קולטורעלע און א ליטעראַרישע סביבה. ביז 1924 געלעבט אין מאָנט׳, דערנאָך אייניקע יאָרן געווען א יידישער לערער אין די פאַרבאַנד שולן אין נ.י., שפּעטער אריבערגעפאָרן קיין לאָס-אַנדזשעלעס און פון 1927 ביז צו זיין פריען טויט, געווען א לערער אין די אַרטיקע "אַרב׳ רינג" שולן. אָנגעהויבן שרייבן מיט לירישע און נאַטור-לידער אין די יאָרן פון זיין וואַנדערן איבער די בערג פון שווייצאַריע. אָבער צו דרוקן ערשט אין סוף 1918 אין **קאַנאַדער אָדלער**, מאָנט׳ וואָס האָבן אַרויסגערופן אָנערקענונג. דאָרטן ביז צו זיין פאַרלאָזן קאַנאַדע, געדרוקט חוץ לידער און פּאָעמעס אויך דערציילונגען, אַרטיקלען וועגן שול-פּראָגעס און טיילן פון זיינע איבערזעצונגען פון דער אייראָפּישער ליטעראַטור. ער האָט זיך אויך באַטייליקט אין **דער קוואַל** (רעד. א. אַלמי) די זאַמלונגען **אַרבייט** (רעד ל. מעלצער)**די יידישע וועלט**, אַלע העפטן פון **רוישרד, ניואַנסן, עפּאָכע און** פון לעצטן-מיטרעדאַקטאָר צוזאַמען מיט י.י. סיגאַל און א.ש. שקאָלניקאָוו, אַלע אין מאָנט׳. ער איז אויך געווען אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **קינדער-זשורנאַל, קינדער-צייטונג, אויפקום, אונדזער בוך, אידישער קעמפער, צוקונפט** א.א. ניו יאָרק. אין צוקונפט אויך פאַרעפנטלעכט זיין קינסטלערישע דערציילונג "צלמים" וואָס האָט זיך מהות איבערגערופן מיט דער **דערציילונג פון ל. שאַפּירא "דער צלם"** און אַרויסגערופן גרויס אויפמערק אין די יידישע ליטעראַטור קרייזן און פון די אָנגעזעענסטע קריטיקער. ער האָט זיך אויך געדרוקט אין **גרינינקע ביימעלעך**, וויל׳ און אין צייטונגען און ליטעראַרישע אויסגאַבעס אין קאַנאַדע, אַמעריקע, פּוילן און איבער דער וועלט. אין די יאָרן ווען ער האָט געלעבט אין לאָס-אַנדזשעלעס, פאַרברייטערט זיין טאַלאַנט און געווען א שטענדיקער מיטאַרבעטער אין **קאַליפאָרניער אידישע נייעס, דער פּירער, אידישע שטימע**, און דער עיקר איז די זאַמלונגען **מיסיסיפּי** (דאָרטן חוץ לידער און דערציילונגען אויך פאַרעפנטלעכט אין נומער 4 פון יאָר 1929 צום ערשטן מאָל א ביבליאָגראַפיע פון דער קאַליפאָרניער יידישע פּרעסע) זיין ערשט בוך **שפּילערייען** (אויפגאַבן, רעטענישן און שפּילן מיט זיינע אייגענע אילוסטראַציעס, נ.י. 1925, 128 ז׳, איז באַנוצט געוואָרן אין די יידישע פאַרשולן אין קאַנאַדע, אַמעריקע, פּוילן און איבער דער וועלט. לאַנגע יאָרן געאַרבעט אויף זיינע איבערזעצונגען פון דער אייראָפּעישער ליטעראַטור. פון זיי זיינען נאָר דערשינען **די ברכה פון דער ערד, וואַר׳** 1926 און **קינדער פון דער צייט**, וואַר׳ 1927, ביידע פון קנוט האַמסון (צוערשט געדרוקט אין דער יידישער פּרעסע). ער איז אויך געווען א מחבר פון א צאָל קינדער-פּיעסן צווישן זיי **גרינס אויף שבועות, חנכה געלט**, ווילנע, 1933, יעדער צו 20 ז׳ וואָס זיינען אויפגעפירט געוואָרן אין די יידישע שולן. **טיילן פון זיינע נאַטור-לידער זיינען אריין אין מייזעלס** אַנטאָלאָגיע **אַמעריקע אין יידישן וואָרט, נ.י.** 1955. זיינע נישט-געדרוקטע שאַפונגען זיינען נאָך זיין

יונגען טויט פאַרלאָרן געוואָרן. געשטאָרבן אין לאָס־אנדזשעלעס. ליידער איז מיר נישט צו האנט געקומען קיין וויכטיקע אָפּשאַצונגען וועגן זיין לעבן און שאפן און מיר מוזן זיך באגנוגענען בלויז מיט אייניקע ווערטער וואָס האָט וועגן די יאָרן פון זיין לעבן אין קאנאדע, געשריבן ח.מ. קייזערמאַן־וויטאַל "...זיינע לידער זענען אלע געשריבן אין א מאָדערנעם יידיש און זיי קלינגען מוזיקאַליש".

זלמן רייזען, **לעקסיקאָן ב.4**, מיט ביבליאָגראַפיע, דר יעקב שאצקי **אלגעמיינע ענציקלאָפעדיע ב. יידן** ג' ז' 183, נ.י. 1943, ש. בעלקין, **די פועלי ציון באוועגונג אין קאנאדע**, אינדעקס, **אמעריקע און יידישן וואָרט**, נ.י. 1955, נעקראָלאָגן אין דער פרעסע און קאַנאַדיאַנאַ.

שעכטער, אסתר (1867 — 21 טער מערץ 1953)

געב' אין מעזיבאָזש, פאדאליע אין א משפחה פון משכילים. געלערנט אין חדר און ביי פריוואַטע לערערס, שפעטער בעת מ. ספעקטאר איז געקומען אין שטאָט, געלערנט ביי אים. צו 19 יאר אוועק קיין אָדעס און דאָרט פאַרגעזעצט איר בילדונג, דערנאָך שטודירט אויף אַקושעריע אין קאַמע־נעץ פאָדאָלסק, אבער שפעטער צוריקגעפארן קיין אדעס און געעפנט א דרוקעריי. פון 1905 ביז צו איר טויט, אין קאנאדע, געלעבט אין מאנטראל און וויניפעג. און געווען אקטיוו אין ייד־שן געזעשאפטלעכן לעבן, איבערהויפט ביי די "ראַדיקאלן" פון 1918 ביז 1952, געווען קארעספאנדענט פון מערב קאנאדע און וויניפעג פארן **דער טאג**, נ.י. זי האט אויך געשריבן וועגן אלע יידישע ענינים און וועגן קולטור־פראגן אין **דאס יודישע ווארט**, ווינ. (פון 1911 ביז 1952) איר באשרייבונג "פאַרוואָס איך בין אַוועק פון דער אַלטער היים און וואָס האָב איך דערגרייכט אין אַמעריקע" האָט באַקומען אן אויסצייכענונג פון דער "ייוואָ", נ.י. 1943 אין בוכפאָרם: **די געשיכטע פון מיין לעבן**" ווינ'. 1951, 80 ז'. דאָס בוך וואָס גיט איבער א שטיק יידישע געשיכטע פון וויניפעג, איז אויך וויכטיק פאַרן פאָרשער פון יידישער עמיגראַציע. חוץ דעם האט זי אין בוך א טייל פון אירע דערציילונגען און ארטיקלען וועגן יידישן טעאַטער און יידישן קולטור לעבן אין מערב־קאנאדע., געשטאָרבן אין וויניפעג.

מ. זעלטשען, **דאס יודישע ווארט**, 28 טער סעפ. 1950, נעקראָלאגן אין דער יידישער פרעסע, קאַנאַדיאַנאַ.

שעכטער, יונה, ל. (18 טער דעצ. 1886 — 1972)

געב' אין טשערנאָוויץ, בוקעווינע אין א פרומער משפחה. יידישע און טיילווייזע אלגעמיינע בילדונג. אייניקע יאָר געלערנט אין א סיגעטער ישיבה. **ביז 1904 געלעבט אין טשערנאָוויץ און** געווען א העברעישער לערער. אין סוף 1904 געקומען קיין אמעריקע און ביז צו זיין באזעצן זיך אין 1910 אין האַמילטאָן, געווען באשעפטיקט אין א **תלמוד־תורה אין ברוקלין. אין** האַמילטאָן פאָרגעזעצט זיין בילדונג **און א צייט געווען א נאָטאַר, דערנאָך א** רייזע־אגענט און פון 1934 ביז צו דער **צווייטער וועלט־מלחמה, אין די** האטעל־ביזנעס. ער איז געווען פון די וויכטיקסטע ציוניסטישע עסקנים, ערשטער פרעזידענט פון דער האַמילטאַנער אפטייל פון נאציאנאל־פאנד, לאַנגיעריקער סעקרעטאר פון נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד". **מיטגרינדער און לערער פון דער נאָצ־**

ראַדיקאַלער שול און א. אינסטיטוציעס אין שטאַט. אָנגעהויבן שרייבן נאָך אין די טשערנאָוויצער יאָרן און צו דרוקן מיט אַרטיקלען אויף נאַציאָנאַל־רעליגיעזע טעמעס אין **מאָרגען־זשורנאַל**, נ.י. (1906) און ביז 1953 זיין שטענדיקער קאָרעספּאָנדענט פון האַמילטאָן, גלייכצייטיק געווען אַ מיטאַרבעטער **פון דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ (פון 1915 ביז 1959) ער האָט אויך ספּאָראַדיש זיך באַטייליקט אין **אידישער קעמפּער**, און אין ד. פּינסקיס, **די צייט**, נ.י. געשטאָרבן אין **האַמילטאָן**.

ד׳ צבי כהן, **די יידן אין קאַנאַדע**, (ענגליש) ט. 1934, ש. בעלקין, **די פּועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס, אינפאָרמאַציע פון זיינע 2 זין אין **האַמילטאָן, קאַנאַדיאַנאַ**.

שעק, שלמה (2 טער יאַנ. 1900 —)

געב׳ אין לאַקאָטש, וואָלין. צו 5 יאָר געוואָרן אַ יתום נאָכן פאָטער. יידישע און טיילווייזע אַלגעמיינע בילדונג. אין די יונגע יאָרן געווען אַקטיוו אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג דער עיקר אין דער חלוצישער טעטיקייט פון ״דרור״ פון 1924 ביז סוף 1927 געלעבט אין ארץ־ישראל און **געטאָן פאַרשידענע אַרבעטן אַ צייט פאַרוואַלטער פון אַן אַרבעטער קיך און** פון 1928 ביז 1934 געווען סעקרעטאַר פון דער יידישער קהילה אין לאַקאָטש. פון 1934 אין טאָראָנטאָ לאַנגיעריקער סעקרעטאַר פון ״פּאָלקס אָרדן״ אָנגהויבן שרייבן מיט אַרטיקלען אין **דער וועג**, שפּעטער אין **דער קאַמף, וואָכנבלאַט**, (אַלע אין טאָר) זיינע אַרטיקלען אויף אינטערנאַציאָנאַלע **און אַלגעמיינע טעמעס, צייכענען זיך** אויס מיט אַ לייכטער שפּראַך און מיט **קלאָרקייט.** דרוקט אויף **פּעליעטאָנען** א״פ. שין.

לויט פאַרשידענע קוואַלן, קאַנאַדיאַנאַ.

שפּייער, בן־ציון (1885 — 1935)

געב׳ אין מאָהילעוו, ווס״ר. יידישע און אַלגעמיינע בילדונג געענדיקט דעם פּט״ב אוניווערסיטעט מיטן טיטל דר׳ פון ליטעראַטור און קונסט־געשיכטע, ביז צו זיין באַזעצן זיך אין קאַנאַדע, אין 1910, געווען קונסט־קריטיקער און **פעליעטאָניסט פון דער רוסישער ט״צ ריעטש**, פּט״ב. פון מיטן 1910 ביז 1935 געלעבט צווערשט אין אָטאַווע און אין טאָראָנטאָ, ווו פאַרנומען אַ זער בכבודיקן אָנזען אין דער יידישער שרייבער־משפחה. באַרימטער לעקטאָר און רעדנער. מומחה אין דער געשיכטע פון יידישער קונסט פון די אַלטע צייטן ביז צו אונדזערע טעג. ער איז געווען פון **1910 ביז צו זיין באַזעצן** זיך אין 1915, אין טאָר׳. אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ און פון 1915 ביז צו זיין פריען טויט, אינערלעכער מיטאַרבעטער פון **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳. באַטייליקט זיך אין ר. ברייונינס **דער וועג, די פאָלקסצייטונג** א״א אין מאָנט׳: ווי אויך אין **דאָס אידישע וואָרט**, ווינ׳. און ספּאָראַדיש אין דער יידישער פּרעסע אין נ״י. אין די אַלע צייטונגען געדרוקט חוץ פעליעטאָנען, אַרטיקלען וועגן יידישע און אַלגעמיינע קונסט, רעצענזיעס וועגן אויסשטעלונגען אויף דערציילונגען, וואָס האָבן געוויזן טאַלאַנט. זיינע אַרטיקלען וועגן **קונסט אין קאַנאַדע. דר׳ ב.ש. האָט זיך** דעם געגעבן, וואָס האָבן באַקאָנט דעם יידישן מאַסן־לעזער **מיט יידישער** קונסט אין קאַנאַדע. דר, ב.ש. האָט זיך

אויך באטייליקט אין דער רוסישער און ענגלישער פּרעסע אין אַמעריקע און קאנאדע. געשטאָרבן אין טאָראָנטאָ.

פנחס, **קאנאדער אדלער**, מאָנט׳ 6 טער און 8 טער אויג. 1915, אינפאָרמאַציע פון זיין אלמנה, קאַנאַדיאַנאַ.

שמואלזאָן, משה (5 טער דעצ 1871 — 5 טער מאַי 1947)

געב׳ אין דאָרף מאַכאַרסטשיק, ביי בראַסלאַוו, פּאָדאָליע. געלערנט אין חדר און דורך זעלבסטבילדונג. אין 1894 געקומען קיין אמעריקע און ביז 1909 געלעבט אין ניו־יאָרק און פון 1909 ביז 1942, אין מאָנטרעאל, שפּעטער אַריבער אין א דאָרף נעבן אָלבאני. דאָס גאַנצע לעבן זיינס, געלעבט פון פיזישער ארבעט אָבער זיך אינגאנצן אָפּגעגעבן מיט דער יידישער ליטעראַטור. אנטדעקער פון נייע, יונגע טאַלאַנטן, וואס ער האט געמוטיקט צו שרייבן, דער עיקר אין זיין מאנטרעאלער פעריאָד... ער איז געווען דער גרינדער פון ערשטן שרייבער קרייז און אין 1916 פאַרזיצער פון ערשטן יידישן שרייבער־פאַריין אין מאָנט׳. ער איז אויך געווען דער ערשטער וואָס האָט אריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור, י.י. סיגאַלן און געזען מען זאָל אים דרוקן אין **קאנאדער אָדלער**, צו 13 יאָר האָט מ.ש. אנגעהויבן שרייבן לידלעך און מעשהלעך אין העברעיש און צו 17 יאָר אריבער אינגאנצן צו יידיש. זיין ערשטע זאַך "לאנדסלייט" (אונטערן פסעוודאָנים "ביינס") איז געווען געדרוקט אין 1901 אין דער **ארבייטער צייטונג**, נ.י. דערנאָך פאַרעפנטלעכט "אַ מאָנאָלאָג פון א גרינעם ייד" אין דוד פינסקיס **אָוונטבלאַט**, נ.י. (1903) וואָס האָט ארויסגערופן אויפמערק פון פינסקין, וואָס האָט אים דערמוטיקט צו שרייבן. זינט דאַמאָלט, פאַרעפנטלעכט דערציילונגען, סקיצן, פעליעטאָנען, דראַמאַטישע פיעסן א״א זאכן אין דער כמעט גאנצער יידישער פּרעסע און פעריאָדיק אין אמעריקע און קאנאדע. זינט 1908 איז ער געווען א שטענדיקער מיטאַרבעטער פון **קאנאדער אדלער**, דארטן געדרוקט דאס רוב פו זיינע סקיצן און דערציילונגען צוו. אנדערע אין פארזעצונגען "דער סוד" א היסטאָרישע אָפּהאַנדלונג אין 4 אקטן (געגאַנגען איבער 4 חדשים אין 1914) באטייליקט זיך אין **צוקונפט, פּרייע ארב. שטימע, דער ארבייטער, אידישער קעמפּער**, פון די ערשטע נומערן, פ.ל.א. 1906)**יוגענד, 2, פּריַיע געזעלשאפט, נייע שטימע, נייע שטונדע** א״א (אַלע אין ניו־יאָרק) **דער פריינד, ראמאנצייטונג**, (ווארשע) **פאלקסצייטונג, דאס ווארט, דאס פאלק**, א״א (מאָנט׳) **ארבעטער פריינד, די צייט**, (לאנדאן),גאנץ באזונדער דאַרפן דערמאָנט ווערן זיינע דערציילונגען וואָס ער האָט אין זיינע לעצטע יאָרן געדרוקט אין די **יובל — ביכער פון קאנאדער אדלער**. צוו. אנד. די דערציילונג "ביים אָפענעם קבר" וואָס איז אַ מייסטערווערק פון פסיכאָלאָגישער באַהאַנדלונג און סטיל, (ח.ל.פ.) פון זיינע טויזנטער געדרוקטע נאָוועלן, דערציילונגען און אַרטיקלען וועגן שרייבער און ביכער איז נאר דערשינען איין באנד, **דורך וועלטן און צייטן**, נ.י. 1918, 347 ז׳ וואָס האָט ארויסגערופן גרויסן לויב פון דער קריטיק, וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט סיי אויף דער קורצקייט און סטיל פון זיינע סקיצן, וואָס קענען פאַרגלייכט ווערן צו די בעסטע קלאַסישע קליינע דערציילונגען אין

דער וועלט־ליטעראַטור און סיי זיינע פּסיכאָלאָגישע און פּאַרטיפּטע טיפן און געשטאַלטן, וואָס זענען געווען איינציק אין דער יידישער נאָוועלע. ער האָט אויך געדרוקט אונטער מ. בן שמואל. געשטאַרבן איינזאַם און פאַרגעסן אין אַ דאָרף הינטער אַלבאַני, ניו יאָרק שטאַט. ליידער האָבן מיר נאָר אַ קליינע צאָל אָפּשאַצונגען וועגן זיין לעבן און שאַפן. מיר ברענגען זיי אין די ווייטערע שורות. אַזוי שרייבט י.י. סיגאַל אין **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ 11 טער מיי 1947 "..די אייביקע טעמע: מענטש איז ביים אים געווען־מגילת אש, ביי וועלכן מען מוז זיך בריען די פינגער און די נשמה, אין זיינע הונדערטער סקיצן, דערציילונגען, האָבן זיך אַדורכגעוואָרפן געשטאַלטן אָנגעטאָן מיט די פאַרשידנסטע נעמען, דאָס זענען אָבער אין תוך געווען פסעוודאָנימען פון מ.ש. ער איז געשטאַנען הינטער יעדן פון זיינע העלדן, ער האָט דורך זיי אַדורכגעקוקט, אַרויסגעחלומט זיינע חלומות"... בעתן שרייבן האָט ער תמיד געהאַט דאָס שטאַרקסטע אויג פון די קלאַסיקער פון דער וועלט־ליטעראַטור... פון זיינע דערציילונגען האָבן געשפּרודלט חריפותדיקע איינפאַלן, פּסיכאָלאָגישע טיפקייט... בכלל איז מ.ש. געווען אַריינגעטאָן בכל נפשו אין תהומותדיקע טיפקייטן פון דער קינסטלערישער ליטעראַטור..."

..."ער איז געווען אין מאָנטרעאַל און אפשר אין גאַנץ קאַנאַדע דער ערשטער וואָס האָט געשאַפן אַ קינסטלערישע סביבה... און מיר אַלע האָבן זיך געוואָרעמט אין זיין בליק, אין זיין וואָרט... זיין פּאַטערלעכע נאָענטקייט און קליגשאַפט, האָט אַרומגענומען... אָן אים וואָלטן מיר אפשר נישט געהאַט די שריפטשטעלערס, ווי נחום פּערלמאַן, א. בענדזשאַמין און אַנדערע אין יענע צייטן, וואָס האָבן געהאָלפן שאַפן אַ קאַנאַדער יידישע ליטעראַטור...

(ישראל ראַבינאָוויטש)

...."אין מאָנטרעאַל איז אין אָנהויב פון דעם יאָרהונדערט שוין געווען טעטיק אַ טאַלאַנטירטע גרופּע שרייבערס. דער טעטיקסטער איז געווען דער טאַלאַנטירטער סקיצן־שרייבער מ. שמואלזאָן. אַליין אַ באַגאַבטער מענטש און ליידנשאַפט־לעכער ליבהאָבער פון דער יידישער ליטעראַטור, האָט ער געהאַט אַן אויג אויף יעדן וואָס האָט געדרוקט אַ טאַלאַנטירט וואָרט, אים אויפגעזוכט, געבראַכט אים צו זיין היים און אים באַגייסטערט און דערמוטיקט ווייטער צו שאַפן... זיין הויז איז געוואָרן דער ליטעראַרישער צענטער פון שטאָט... דער קלוגער מ.ש. איז תמיד געווען גרייט איבערצולייענען אַ מאַנוסקריפּט פון אַ יונגען טאַלאַנט און מיט וואַרעמער פּאַטערלעכקייט, דערמוטיקט די וואָס האָבן אַרויסגעוויזן אַ סימן פון טאַלאַנט.

(ח.מ. קייזערמאַן)

פנחס, **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ 6 טער און 8 טער אויג׳ 1915, זלמן רייזען **לעקסיקאָן** ב.4. מיט ביבליאָגראַפיע ח.מ. קייזערמאַן וויטאַל, **אידישע דיכטער אין קאַנאַדע**, מאָנט׳ 1934, ז׳ 66־65, י.ל. מאַלאַמוט, **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ יובל בוך 1938, י. מדרש, מאָנטרעאַל פון נעכטן, מאָנט׳ 1947, י.י. סיגאַל, **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט׳ 11 טער מיי 1947, ישראל ראַבינאָוויטש, דאָרטן, 18 טער מיי 1947 און 6 טער נאָוו׳ 1950, ש. בעלקין **די פּועלי ציון באַוועגונג אין קאַנאַדע**, אינדעקס. נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע, און **קאַנאַדיאַנאַ**.

שמן, נחמן (15 טער מאַרץ 1912 —)

געב׳ אין כאָדעל, ביי לובלין, פּוילן. אין אַ חסידישער משפחה וואָס ציט

איר יחוס פון דורות רבנים. ביז 17 יאר געלערנט אין בית המדרש און באקומען סמיכה אויף רבנות פון שטעטלדיקן רב, שפעטער פון אנדערע רבנים (צווישן זיי הרב מיכלזאָן אין װאַרשע) אין סוף זומער פון 1930, געקומען קיין טאָראָנטאָ און געוואָרן א תלמיד מופלג פון הרב גרויבארט, וואָס האָט אים צוגעצויגן צו דער ישיבה "עץ חיים", פון וועלכער ער איז אַ צאָל יאָרן געווען איר מנהל. דורך דער צייט פאַרפולקאָמט זיך אין וועלטלעכע לימודים און שפראכן. אָנגעהויבן צו שרייבן וועגן חידושי תורה און אויף רעליגיעז-נאַציאָנאַלער טעמאַטיק נאך אין די בית-המדרש יאָרן אין פוילן און דעביוטירט מיט א מאמר וועגן חנוכה אין **דער יודישער זשורנאַל**, טאָר׳ 1930 (אונטער הרב נ. בוימאייל) וואס האָט ארויסגערופן אנערקענונג פון דאמאלסדיקן רעדאַק־טאָר א. ריינווין, וואָס האָט אים צוגעצויגן צו דער צייטונג. פון 1931 ביז 1959 (אונטער דער רעדאקציע פון ש.מ. שאַפּירא) געוואָרן אַ שטענדיקער מיטארבעטער. דאָרטן פאַרעפנטלעכט הונדערטער וויכטיקע מאמרים אויף היסטאָרישע, רעליגיעזע און כלל ישראל טעמעס, עסייען וועגן שרייבער ביכער און ספרים, ליטעראַרישע אפּהאנדלונגען, ווי אויך טיילן פון זיינע שפּעטערדיקע ביכער, חוץ אונטער נ.שמן, אויך אונטער די פּסעוודאָני־מען: נחמני, בר נש, בן שלמה, אַן אייגענער, וואָס האָבן אַרויסגערופן אלגעמיינע אַנערקענונג הן צוליב דער טעמאַטיק און הן צוליב זייער קלאָרן סטיל, פאָלקסטימלעכער שפראַך און ליטעראַריש־קינסטלערישער פּאַרטיי־פונג. און באַציונג אין 1932 געוואָרן אויך א מיטארבעטער פון **קאַנאַדער אדלער**, מאנט׳ **דאס יודישע וואָרט**, טאָר׳ **דאס נייע יידישע וואָרט**, ווינ׳ **מאָרגענזשורנאַל**, און פון צייט צו צייט, אין **דער טאָג**, **פאָרווערטס**, **צוקונפט**, **אידישער קעמפער**, **די פעדער**, **אונדזער אייגן ווינקל**, **אונדזער אייגן וואָרט** (אלע אין נ.י.) דער חודש זשור׳. **יידישע וועלט**, **דער וועג**, **די שטימע** (אלע אין מעקס.)**דער יידישער וועג**, שיק. **יום טוב בלעטער**, **דרום אפריקע**, יאהאנ.,**היינט**, אורוגוויי, **די יידישע צייטונג**, **די פרעסע**, **ב.א. לעצטע נייעס**, **יידישע צייטונג**, **היימיש**, ת.א. א.א. הרב ש׳האט זיך אויך באטייליקט אין די העברעישע **הפרדס**, **המאור**, **הצופה**, א.א. זיינע ארטיקלען "רייזע איבער יידישע ישובים" (פריער געדרוקט אין **קאנאדער אדלער**) זענען איבער־געדרוקט כמעט אין דער גאנצער יידישער פרעסע איבער דער וועלט. ער איז אויך באַקאַנט ווי אַ מיטארבעטער פון **רעליגיעזע ארבעטער שטימע** (אויך רעדאַקטאָר) **ראָדעמער שטימע**, **יידישע נייס** (אלס אין טאָר׳) ער איז געווען רעדאַקטאָר פון א גרויסע צאל יובל זאמלונגען פון די יידיש־פולישע לאנדסמאַנשאַפטן אין טאָר׳ **פון ספר היובל ת"ת עץ חיים**" טאָר׳, 1943, 545 ז׳ פון **ספר זכרון ר׳ יצחק מאיר קאראלניק**, **דארטן**, **1975**, **82 ז׳ יידיש** און ענגליש. "ווי אַן אונדער מידלעכער פאָרשער פון רעליגיעזן יידנטום, באלייכטן זיינע ספרים די יידיש־עטישע פראָבלעמען פון יידישן פאָלק דורך כמעט אלע זיינע תקופות און ער ברענגט ארויס די יידישע פרינציפּן און יסודות פון דער יידישער אמונה, וואס זיינע הויפּט־מצוות זענען די באַציונג פון מענטש צו מענטש, אָן אונטערשיד צי ייד, אָדער אַנדערע **אמונות**" (ח.ל.פוקס) אין בוכפאָרם: **פאשיזם אין אייראפע**, טאָר׳ 1939, 324 ז׳, (מיט

אן איינלייטונג פון ש.מ. שאפּירא) **די באַציונג צום פּרעמדן** (לויט תנך, תלמוד און רבנישע ליטעראַטור) מיט הערות און אַ פּאָרוואָרט, דאָרטן, 1945, 248 ז׳, **ביאָגראַפיע פון אַ וואַרשעווער רב** (וועגן הרב צבי יחזקאל מיכלזאָן) מיט אַ פאָרוואָרט פון ישראל ראַבינאָוויטש, מאָנט׳ 1948, 88 ז׳ די בראָשורן **הרב יהודה לייב גרויבאַרט, הרב יודל ראָזענבערג** (ביידע ווי קליינע מאָנאָגראַפיעס, פריער געדרוקט אין ספר היובל ״עץ חיים 1943) **אָרטאָדאָקסיע אין טאָראָנטאָ** (פריער געדרוקט אין יובל נומער **דער יודישער** טאָר׳ 1950, 32 גרויסע ז׳, **לובלין,** (שטאָט פון תורה, רבנות און חסידות, איר געשיכטע פון איר באַגינען ביז צו איר אונטערגאַנג. 1951, 541 ז׳ יידיש און אייניקע אין ענגליש), **געזאַנג פון חסידות,** ב.1 318 ז׳, ב.2, 344 ז׳, ב.א. 1959, מיט אַ במקום אַריינפיר און גרויסע הערות און נאָמען אינדעקס מיט אַן אַריינפיר, וואָס גיט איבער דעם ציל פון מחבר און זיין ספר, **באַציונג צו אַרבעט און אַרבעטער** (סאָציאַלער יושר לויט תנך, תלמוד און יהדות) מיט אַ במקום הקדמה, ב.א. 1963, ב.1 486 ז׳ ב.2 478 ז׳ מיט הערות און נאָמען אינדעקס, וואָס זענען אַ וויכטיק מאַטעריאַל פאַרן פאָרשער און לעזער, **באַציונג צו דער פרוי,** מיט אַ במקום הקדמה (10 ז׳) און הערות און אינדעקס ב.א. ב.1 1968, 581 ז׳ ב.2 1969, 673 ז׳. מיר ווילן ספּעציעל **דערמאָנען די קאַפּיטלעך ״יידיש אַלס** מאַמע־לשון״ ״יידישע פאָלקס־ליטעראַטור״ און ״נייע עפּאָכע״ פון וועלכע מיר זען די אינערלעכע באַציונג פון מחבר צו דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור און זיינע אָנווייזונגען וועגן דער באַציונג פון דער פרוי שרייבערין צו דער יידישער מדינה און איר וועג, ווי אַ פרוי און מוטער **קדושה אין יידישן פאַמיליע־לעבן** (לויט תנך, יהדות און ליטעראַרישע שטודיעס, מיט אַ הקדמה פון מחבר 18 ז׳) און הערות צו יעדן קאַפּיטל, ב.1. ת.א. 1977, 445 ז׳ ב.2, ת.א. 1978, 550 ז׳פ. נ.ש. האָט פאַר זיינע פאָרשונגען באַקומען דעם צבי קעסל פּרייז פאַר ליטעראַטור און אַ פּרעמיע פון קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, פאַר דעם ווערק באַקומען אין 1979 ד.י.י. סיגאַל־פּרעמיע פאַר ליטעראַטור, אין מאָנטרעאַל, זינט ער איז געקומען קיין טאָראָנטאָ, טעטיק ווי אַ מחנך און קולטור־עסקן. לאַנגיעריקער סעקרעטאַר פון ״פעדעראַציע פון פּוילישע יידן״ אין טאָראָנטאָ און 24 יאָר געווען עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר פון דער אָרטאָדאָקסישער דיוויזיע פאַר כשרות, ביים קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס, צענטראַלער ראַיאָן.

וועגן זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן און ספרים האָבן געשריבן די אָנגעזעענסטע יידישע שרייבערס און קריטיקערס. ליידער קענען מיר נישט געבן קיין גרעסערע ביבליאָגראַפיע און אויך נאָר אַ קליינע צאָל אויסצוגן פון דער קריטיק. מירן זיך מוזן באַגנוגענען מיט אַ צאָל וויכטיקע אָפּהאַנדלונגען בכדי צו באַלויכטן הרב שמנס וויכטיקע עבודה.

״דאָס בוך איז אַ באַטייטנדיקער ביייטראָג צו דער יידישער ליטעראַטור פון יונגען קאַנאַדער שרייבער אויף אַ טעמע וואָס איז זייער אַקטועל... ״וואָס איז די באַציונג צום פּרעמדן, צום ״גוי״ וואָס מיט דעם ווערט באַצייכנט יעדער מענטש, וואָס איז נישט קיין ייד, וואָס זאָגט די תורה, דער תנך, דער תלמוד און מפרשים וועגן דעם?

...נ. שמן האָט געמאַכט אַ שטודיום

וועגן דער באציונג פון יידן צום פרעמדן. ער האט צונויפגעזאמלט כמעט אלעס און עס קאנדענסירט אין זיין בוך און וואס גיט אן אויספירלעכע אפהאנדלונג אין קלארע אויסטייטשונ־גען..."עס איז ווערט אז די יידישע יוגענט זאל זיך באקאנען מיטן דעם בוך, וועלכער איז צוגעפאסט סיי פאר דעם וואס וויל שטודירן און סיי פארן אלגעמיינעם לעזער..."(ש.מ. שאפירא, לייטארטיקל, **דער יודישער זשורנאל**, 26 אויג. 1945) **וועגן באציונג צום פרעמדן.**

..."נ. שמנס "לובלין" איז ניט קיין חורבן־בוך, עס פאַרנעמט זיך ניט מיטן גורל פון לובלין אונטער די נאציס, דאס ווערט געטאן אגב־אורחא. זיין ספר גיט די געשיכטע פון לובלין פון די ערשטע צייטן זינט דארט איז געווארן א יידישער יישוב ביז אונדזערע טעג, די טעג פון איר אונטערגאנג.." ..עס איז א ווערק פון גרויס חשיבות. זיינע אָנוויזונגען און באמערקונגען, ווייזן־אָן די מקורות פון וועלכע מען קען א סך לערנען... (**חיים ליבערמאַן פארווערטס**, נ.י. 8 טער מארץ 1952)

..."זיין פארגעטערונג צו די רעליגיעזע גאונים וואס האבן לובלין גרויס געמאכט האט אין זיין בוך (בעסער ספר) ארייננגעלייגט אזוי פיל ארבעט, ווי אין א וויסנשאפטלעך...אַ גרויסע מעלה איז וואס נ.שמן איז אליין א לובלינער, אליין א בן תורה ער איז ניט קיין זייטיקער פארשער. לובלין האט אים דערצויגן... פון דאנען פילט מען די ווארימקייט און היימישקייט פון בוך וואס איר וועט ביי קיין אנדערן פארשער זעלטן געפונען" (דר' א מוקדוני, מארגענזשורנאל, נ.י. 4 טער אפריל 1952)

..."נ. שמן וועלכער האט זיך שוין לאנג בארימט געמאכט מיט זיינע פארשונגען, האט זיך אין ספר לובלין, אליין איבערגעשטיגן. דאס איז נישט קיין וואָכעדיק, בוך, נאר א שבת־קודשדיקער ספר, א ספר פאר גרויס און קליין, פאר לומדים און בני־תורה, פאר מתנגדים און חסידים, פאר פרומע און אויפגעקלערטע... דאס איז א ריזיק ווערק אנגעפיקעוועט מיט וויכטיקן היסטאָרישן מאטעריאַל, מיט טרעפלעכע הערות, וואס באווייזן דעם מחברס גרויסע מי ביים אפקלייבן דאס מאטעריאל, בכדי אַז זיין ספר לובלין זאל כאטש זיין א מצבה נאך דער שטאט פון תורה, רבנות און חסידות"... (הרב מאיר שווארצמאן, **דאס יודישע וואָרט**, ווינ. 4 טער אפריל 1952)

..."נ.שמן, איז באמת א זייער טיכטיקער אַרבעטער אין געביט פון שאפן. ער איז עלול אויפצוטאן גרויסע זאכן פאר אונדזער יידיש וויסן, יידיש שאפן און יידיש לשון... "זיין געוואלדיקע ערודיציע, סיי אין יידישן און סיי אין אלגעמיינעם וויסן... ער האט צוגעטראגן דאס גרויסע און רייכע מאטעריאל פארן קומנדיקן היסטאריקער פון דער יידישער באוועגונג... אין די צוויי בענדער "באציונג צו ארבעט און ארבעטער" האט דער מחבר צונויפגעקליבן א שלל מאטעריאלן פארן פארשער פון יידישן נעכטן. זיי זיינע א וויכטיקער צושטייער פארן יידישן לייענער וואס וויל דערגייין די קוואלן פון יידישער עטיק" (צבי שטאָק, דער וועקער, נ.י. 1 טער סעפט' 1964)

..."נ. שמן, א באקאנטער תלמיד־חכם און היסטאריקער האט באשאפן א מאָנומענטאל ווערק, וואס באווייזט אז יידישקייט איז דער אמתער קוואל פון סאציאליזם. אין די צוויי בענדער "באציונג צו ארבעט און ארבעטער"

זאגן עדות און באווייזן אז ליבע פאר ארבעט, דרך ארץ פארן ארבעטס־מענטש, איז א זייל פון יידישקייט..."ער האט פאקטיש אויפגעבויט אין זיין ווערק א סאציאלע פילאזאפיע פון יידישקייט, א יידישע רעליגיעזע פילאזאפיע, פון מענטש בכלל"... "נ. שמן גלויבט אז די לייזונג פון דער ארבעטער־פראגע איז ניט בלויז קיין עקאנאמיש פראבלעם. עס איז ענג פארבונדן מיט דער גאולה פון דער גאנצער מענטשהייט...

(יצחק באשעוויס, **פארווערטס**, נ.י. 29 טער דעצ. 1960)

ווענן די צוויי בענדער **קדושה אין יידישן פאמיליע־לעבן**, שרייבט יוסף פרידלענדער" נ.שמנס ספר קען קלאסיפיצירט ווערן ווי א פרדס. דער פארנעם איז אויסערגעוויינטלעך גרויס. ער האט חוקר ודורש געווען אין כמעט אלע קוואלן... אויב די פרוי אין אונדזער תקופה פון פרויען־ליבעראציע האלט ביים דערגרייכן פולשטענדיקע רעכט און גלייכהייט, איז עס לויט שמנען־א המשך פון דער ביבלישער תקופה און איינפלוס...ער באַזינגט טאקע דעם גורל פון דער פרוי ביי יידן, ער האט אויסגענוצט גרויסע קוואלן: תלמודישע, מדרשדיקע, רבנישע, חסידישע, און וועלטלעכע מקורות כדי צו באשרייבן די קדושה אין יידישן פאמיליע לעבן, וואס אין זיין צענטער שטייט די יידישע פרוי"

(פאלקסבלאט, תל אביב, יוני 1979)

שפילבערג, חיים (21 טער מיי 1913 —)

געב' אין קאָלק, ביי לוצק, וואָלין. יידישע און אלגעמיינע בילדונג. פון די יונגע יארן, טעטיק אין דער ציוניסטיש רעוויזאניסטישער באוועגונג אין וואָלין. אין 1937 געקומען קיין ווארשע און ביז צו דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט מלחמה אין 1939 גע־ווען א מיטארבעטער פון צ.ק. אין דער "נייער ציוניסטישער ארגאניזאציע" בעת די נאציס האבן זיך דערנענטערט קיין וואַרשע, אוועק קיין ליטע און פון דאָרטן עמיגרירט קיין אינדיע פון וואַנען אין 1948 געקומען קיין מאָנטרעאל. דאָ איז ער געווארן איינער פון די אקטיווסטע עסקנים אין יידישן פאלקסלעבן. לעקטאָר און רעדנער. איניקע יאָרן איז ער געווען פאָרזיצער פון "מזרח־ראיאָן פון יידיש־קאמיטעט" ביים קאַנאַדער יידישן קאָנגרעס און זיינס אַ דעלעגאַט צו דער יידישער קולטור־קאָנפערענץ אין ירושלים (1976) צוויי מאָל אויסגעקליבן געוואָרן פאר דעם פאָרזיצער פון דער "יידישער פאלקס ביבליאטעק" ער איז אויך טעטיק אין אַנדערע אינסטיטוציעס אין שטאט. אָנגעהויבן שרייבן מיט ארטיקלען וועגן ציוניסטישע און כלל־יידישע פראָבלעמען אין 1935. באַטייליקט זיך אין **ראָוונער לעבן**, **קאָוולער לעבן** א.א. וואָכנבלעטער אין וואלין. אין זיין ווארשעווער פעריאָד איז ער געווען א מיטארבעטער פון דער רעוויזיאָניסטישער יידישער צייטשריפט **המדינה**. דערנאָך אין די יאָרן ווען ער האט געלעבט אין אינדיע, געוועזן קארעספאנדענט פון דער העברעישער ט"צ **המשקיף, ת.א.** (רעד אייזיק רעמבא). זינט ער האָט זיך באזעצט אין מאָנט' איז ער א מיטארבעטער פון **קאנאדער אדלער**, דאָרטן דרוקט ער אַרטיקלען דער עיקר אויף ליטעראַרישע טעמעס. אין די זאמלונגען **עיונים בינלאומים ת.א.** מארץ 1957, פארעפנטלעכט די

פּאַרשונג "יסודותיה הרוחניים של הודו" (הדת והפילוסופיה של ההינדואיזם) ז"ז 32־22 (טאַפּלטע זייטן), וואָס האָט אַרויסגערופן גרויס אַפּלאַנג. באַטייליקט זיך אין **אידישער קעמפער, פּרייע אַרבעטער שטימע** (ביידע אין נ.י.) **לעצטע נייעס** ת.א. זיינע עסייען וועגן שרייבער און ביכער, צייכענען זיך אויס מיט קלאָרקייט פון געדאַנק און אויפנעם, און באַווייזן זיין גרויסע ליבשאַפט צו דער יידישער און העברעישער פּאָעזיע. ער האָט גרייט צום דרוק: **זשאַבאָטינסקי־שרייבער און קריטיקער** (טיילן געדרוקט אין קאַנאַדער אַדלער) און **גאָט און מענטש־דיאַלאָג אין די ביכער פון עלי וויזעל**. ער איז הויפּט רעדאַקטאָר פון קאַנאַדער אַלמאַנאַך. ער דרוקט אויך אונטער: הרשחוק, בן רבקה, א.א.

ב.צ. גאָלדבערג, דער טאָג, נ.י. 28 טער פעבר' 1954, ז. קאַמאַי, אידישער קעמפער נ.י. 8 טער יולי 1958.

שקאַלניקאָוו, אַבּרהם־שלמה

(23 טער אויג. 1896 — 13 טער פעבר. 1962)

געב' אין כיימעץ, מינסקער געגנט, ווסר', אין אַן אַרבעטער משפחה. ביז 9 יאָר געלערנט אין חדר, שפּעטער בעת זיין וואַנדערן איבער רוסלאַנד, דורך זעלבסטבילדונג, געלערנט רוסיש און שפּראַכן. פון צייט צו צייט, זיך דערנערט פון צופעליקע אַרבעטן. אין **1919 געקומען קיין מאָנטרעאַל און געוואָרן אַ בעקער־אַרבעטער**, גלייכצייטיק אָנגעהויבן שרייבן לידער, וואָס הגם נאָך רויע, האָבן זיי דאָך **פאַרמאָגט אַן אייגענעם נוסח און האָבן** אַרויסגעברענגט אַ טרויעריק געמיט פון א דיכטער. זיינע ערשטע **לידער אין "ניואַנסן"**, 1921, האָבן אָנגעוואָרימט מיט צוטרוי צו זיינע שאַפונגען וואָס האָט זיך אויך באַשטעטיקט דורך אַנדערע לידער זיינע. זינט דאַן, האָט זיך זיין טאַלאַנט פּאַר־ברייטערט און חוץ לידער, אויך געדרוקט פּאָעמען, מעשהלעך, מיניאַטורן און עסייען וועגן שרייבער און ביכער. ער האָט זיך באַטייליקט אין **קריטיק**, ווין 1919 (רעד. מלך ראַוויטש) **עפּאָכע**, מאָנט' 1922 (און מיטרעדאַקטאָר מיט א. אַלמי און י.י.סיגאַל) די דריי העפטן **קאַנאַדע**, (1925) וואָס ער האָט רעדאַקטירט צוזאַמען מיט חיים טאָלמאַטש און הערש הערשמאַן. א באַזונדערן אויפשטייג זענען זיינע לידער און אַרטיקלען אין זשורנאַל **רוויערד**, 1927, וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט י.י. סיגאַל. ער איז געווען אַ שטענדיק באַטייליקטער אין **קאַנאַדער אָדלער** מאָנט' און אויך פון **דער קאַמף, דער וועג, וואַכנבלאַט**, די אויסגאַבעס **באַגינען, אין געוווירבל** (אַלע אין טאָר'.) **שריפטן**, נומ. 8, **צוקונפט, דער האַמער, מ. פרייהייט, געצעלטן, זיין** (אַלע אין נ.י.) **חשבון** ל.א. **היימיש, ישראל שטימע**, א.א. ת.א. טיילן פון זיינע לידער זענען אַריין אין נ.מייזלס אַנטאַלאָגיע **אַמעריקע אין יידישן ליד**, נ"י 1955, אין בעריש וויינשטיינס זאַמלונגען פון בעסטן ליד פון יאָר, **אַפּקלייב** און אין מרדכי יפּהס **ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור** ת.א. 1961. צוזאַמען מיט נ.י. גאָטליב, אַרויסגעגעבן די צען העפטן פאַר **ליטעראַטור, מאָנטרעאַל** (1932־1935) בוכפאַרעם: **פאַר א ברענענדיקער זון**, לידער. 1921, 40 ז' **לידער**, 1926, 150 ז' **אין ליכט פון טאָג**, לידער, 1939, 70 ז' (אַלע זיינען דערשינען אין

מאָנטרעאַל). געווען דער מאַן פון דער פּאָעטעסע אסתר סיגאַל און שוואגער פון י.י. סיגאַל.

"...ער איז געקומען קיין מאָנט׳ מיט א האַרץ פול מיט לידער און מיט הענט גרייטע צו טאָן יעדער אַרבעט אויף צו פאַרדינען זיין ערלעך שטיקל ברויט. דאָ האט ער אפגעלעבט און אפגעהאַרעוועט זיין לעבן און אין יעדער פרייער שעה זיך פארנומען מיט לידער וואָס האָבן פּלאַטערדיק געגליט אין יעדן סטראָף מיט אַריגינעלע און שטראַליקע פּאָעטישע שורות, אין פאַרלויף פון זיינע איבער פערציק יאָרן פון זיין לעבן אין מאָנטרעאַל...זיינע ביכער האָבן גוט אפגעקלינגען אין דער יידישער ליטעראַטור... (מלך ראַוויטש)

..."אין אים רעאגירן צוויי הויפּט טענדענצן. איינע פון "אזוי געראָפענע קאָמפּלעצירטקייט" די צווייטע, א ריין פּאָעטישע. און ווען די פּאָעטישע קומט צום אויסדרוק, קומט זי אין גאַנץ צאַרטע פערזן אין א ריין דיכטעריש געפיל" (ח.מ. קייזערמאַן וויטאַל)

שקאַלניקאָוו באַזיצט א גרויסע מאָס פון דיכטערישער אינטעסיוויטעט..." זיין אויג איז שטאַרקער אַנטוויקלט, פון זיין אויער...ער זינגט מיט דער שפּראַך פון בילדער און פאַרבן"
(ישראל ראַבינאָוויטש)

ער איז געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

זלמן רייזען, **לעקסיקאָן, ב.4 מיט** ביבליאָגראַפיע, ח.מ. קייזערמאַן־וויטאַל, **אידישע דיכטער אין קאַנאַדע,** מאָנט׳ 1934, ז׳ 67־63, ישראל ראַבינאָוויטש, **קאַנאַדער אָדלער,** מאנט׳, **יובל בוך 1927 און 1957,** מלך ראַוויטש, **דאָרטן,** 19 טער פעבר׳ 1962 און אין **פּנקס,** ב.1, נ.י. 1965, שלום שטערן, **וואָכנבלאַט,** טאָר׳ 8 טער מאַרץ 1962, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע, **קאַנאַדיאַנאַ.**

ת

תלפיות, שמואל (19 טער יוני 1877 — 21 טער נאָור' 1951)

געב' אין ניישטאַט, ליטע. געלערנט אין טעלזער ישיבה און דורך זעלבסטבילדונג, וועלטלעכע לימודים און שפּראַכן. פון 1894, ביז צו זיין אוועקגיין, געלעבט אין מאָנטרעאַל מיטגרינדער און איינער יאָרן, פאָרזיצער פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. געווען דער פאַרמיטלער צווישן דער קאַנאַדער רעגירונג און די יידישע גרופּעס פון רוסלאַנד, וואָס האָבן זיך פאַרנומען צו באַזעצן זיך ווי פאַרמערס אין מערב־קאַנאַדע און געהאָלפן שאַפן מיטלען פאַר דעם. ער האָט ביז צו זיינע לעצטע לעבנס יאָרן געזאָרגט פאַר דער העברעישער קולטור, דער עיקר פאַר עבט־יידישן חינוך און אים געשטיצט מיט זיינע מיטלען, נאָך אין די ישיבה־יאָרן געדרוקט זיינע ערשטע קאָרעספּאָנדענצן וועגן דעם געמאַטערטן לעבן פון די טעלזער ישיבה־בחורים אין **המליץ**, פּט״ב און צוליב דעם אַרויסגעטריבן געוואָרן פון טעלזער ישיבה און געוואָרן א וואַגלער און ביז צו זיין באַזעצן זיך אין מאָנטרעאַל, געלעבט אין דייטשלאַנד, האָלאַנד און ענגלאַנד און וועגן יידישן לעבן אין יענע לענדער און זיינע פּרנסות אין יענע יאָרן געדרוקט קאָרעספּאָנדענצן אין דער העברעישער און יידישער פּרעסע אין ענגלאַנד, פּוילן און רוסלאַנד. אַן איבערגעגעבענער ״חובב עברית״ און אַ פאַרטיפטער אין חכמת־ישראל און זיינע ספרים, האָט ער זיין פרייע צייט אָוועקגעגעבן מרביץ תורה צו זיין צווישן די קאַנאַדער לומדים און פאַר זיי געהאַלטן א שיעור יעדע וואָך וועגן תורה ענינים. ער איז געווען לאַנגע יאָרן קאַנאַדער קאָרעס־פּאָנדענט פון **הצפירה**, וואַרשע, **המליץ**, פּט״ב, **הצופה**, ווילנע, **הלאום** נ.י. און פון א גרויסער צאָל צייטשריפטן אין רוסלאַנד, ארץ ישראל, אַמעריקע און קאַנאַדע. זיינע סעריעס ״מכתבים מקנדה״ וואָס ער האָט נאָך געדרוקט אין זיינע ערשטע יאָרן אין קאַנאַדע (פון 1895 ביז 1907) זיינען אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי ערשטקלאַסיקע ידיעות פאַר די יידן אין אוקראַינע און רומעניע, וואָס האָבן געזוכט א מקום פאַר זייער עמיגראַציע...(פּרטים אין די ערשטע יידישע און העברעישע צייטונגען אין דער וועלט).

ער איז געווען דער ערשטער רעדאַקטאָר פון ״אילוסטרירטן יידיש־ענגלישן וואָכנבלאַט״, **די פאָלקס־צייטונג**, נ.י. 1896, וואָס ער האָט כמעט איינער אליין אויסגעפילט מיט זיינע אַרטיקלען, פעליעטאָנען און איבערזעצונגען, דער עיקר, פון דער נייער העברעישער פּראָזע, ער איז אויך געווען פון די ערשטע מיטאַרבעטערס פון אידישעס טאַגעבלאַט, אידישע גאַזעטטן פאָרווערטס, שפּעטער פון מאָרגענזשורנאַל, דער טאָג א.א. נ.י. דאָרטן חוץ אַרטיקלען, און

פּעליטעאָנען אויך געדרוקט אַ צאָל צייטונגס־ראָמאַנען, וואָס איינער פון זיי: **פּרייז ליבע אדער חתונה אויף פּראָבע**, האָט אַרויסגערופן אַ פּאָלעמיק צווישן די לעזער אונטערן טיטל "צי אַ יידישע צייטונג מעג יאָ, אָדער נישט באַרירן, אַזעלכע טעמעס" (זע: **קאַנאַדער אַדלער**, יוני־אויגוסט 1911־1910) אין די אַלע צייטונגען און צייטשריפטן האָט ער אויך געדרוקט אייניקע הונדערט אַרבעטן אויף טעמעס פון חכמת־ישראל, יידישע וועלט־פּערזענלעכקייטן (צווישן זיי וועגן די חכמי־התלמוד), און קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן ספרים און וועגן נייע ביכער פון דער יידישער און העברעישער ליטעראַטור. אין **קאַנאַדער אַדלער** (פון 1908 ביז פאַר זיין פּטירה), פאַרעפנטלעכט עסייען וועגן חינוך און אויך אַ גרויסע צאָל איבערזעצונגען פון דער העברעישער נייער פּראָזע (צווישן זיי כמעט אַלע ראָמאַנען און דערציילונגען פון א.א. קאַבאַק) ש.ת. איז לאַנגע יאָרן געווען פון די אָנגעזעענע און איינפלוסרייכע יידישע פּערזענלעכקייט אין מאָנטרעאַל. און כאָטש ער איז געווען תמיד פאַרנומען מיט זיינע מסחרים, אַוועקגעגעבן פיל צייט און געלט פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. פון זיינע הונדערטער אַרבעטן סיי אין עברית און סיי אין יידיש איז בלויז דערשינען אין בוכפאָרם זיין בוך: **געקליבענע שריפטן** (אַ זאַמלונג אָפּהאַנדלונגען איבער חכמת ישראל) מיט הקדמות פון הרב ה. אַבראַמאָוויטש און הירש וואָלאָפּסקי, מאָנט' 1939, 303 ז' (שער בלאַט פון ב. מלחי) ער האָט אויך געדרוקט אונטער פּסעוודאָנימען (דער עיקר אונטער ק. בערנאַרד) ער איז אויך לאַנגע יאָרן געווען שטענדיקער מיטאַרבעטער פון דער ענגליש־יידישער און פון דער ענגלישער פּרעסע און פעריאָדיק אין קאַנאַדע. נפטר געוואָרן אין מאָנטרעאַל.

פּנחס, **קאַנאַדער אַדלער**, מאָנט' 6 טער און 8 טער אויג' 1915, זלמן רייזען **לעקסיקאָן** ב.4. ביבליאָגראַפיע, אינפאָרמאַציע פון זיין זון, נעקראָלאָגן אין דער יידישער און ענגלישער פּרעסע, פון 23 טער נאָוו' 1951, **קאַנאַדיאַנאַ**.

10) **תרשיש, לייזער — שמואל** טער אַפּריל 1867 — 22 טער אַפּריל 1931)

געשטאַמט פון אַ שטעטל אין מערב־רוסלאַנד. באַקומען אַ שטרענג־רעליגיעזע דערציונג אין חדר, ישיבה, ווי אויך דורך זעלבסטבילדונג. איבערגעלעבט די ערשטע רוסישע רעוואָלוציע פון 1905 אין אָדעס. דערנאָך אויסגעוואַנדערט קיין אַמעריקע און אין ניו־יאָרק געטאָן פאַרשידענע אַרבעטן. אין 1909 געקומען קיין מאָנטרעאַל און געוואָרן אַקטיוו אין יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן, דער עיקר אין דער "מזרחי" פּאַרטיי און אייניקע יאָרן געווען איר־יושב ראש־פאַר קאַנאַדע. נאָך אין רוסלאַנד געדרוקט פאַרשידענע אַרבעטן אויף כלל־יידישער טעמאַטיק. לאַנגע יאָרן איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער פון **קאַנאַדער אַדלער**, און דאָרטן פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און מאמרים וועגן יידישע און ציוניסטישע פּראָגעס און וועגן יידישן חינוך. זיינע וועכנטלעכע אויסטייטשונגען פון דער "סדרה פון דער וואָך" האָבן געוויזן גרויס לומדות. געשטאָרבן אין מאָנטרעאַל.

קאַנאַדער אָדלער, מאָנט' 25 טער אַפּריל 1931, נעקראָלאָגן אין דער פּרעסע, אינפאָרמאַציע פון זיין משפּחה און יעקב זיפּער.

קירצונגען און ראשי־תיבותן וואָס ווערן באַנוצט אין בוך

א״א — און אנדערע
אאז״וו — און אזוי ווייטער
א״ב — אלף בית
א״ג — אזוי גערופענער
אד״גל׳ — און דאס גלייכן
אויג. — אויגוסט
א״וו — און ווייטער
א״ט — אונטערן טיטל
א״י — ארץ ישראל
אלג׳ — אלגעמיינער
א״נ — אונטערן נאמען
א״פ — אונטערן פסעוודאנים
אָקט׳ — אקטאבער
ב׳ — באַנד
ב״א — בוענאס איירעס
בב׳ — בענד
געב׳ — געבוירן
געז׳ — געזעלשאפט
ד״א — דרום אפריקע
ד״ה — דאס הייסט
ד״ז — דער זעלביקער
דר׳ — דאקטאר
ה״ן — העפטן
וואַנק — וואַנקוווער
וואַר. — ווארשע
וויל. — ווילנע
וויג. — וויניפעג
ווכ״בל — וואכנבלאט
ווס״ר — ווייסרוסלאנד
ז׳ ז״ז — זייט, זייטן
זמ״ב — זאמלבוך
זש׳ — זשורנאל
ח״ש — חודש שריפט
ט׳ — טייל, טיילן
ט״ב — טאָגבלאט, טאג־בלעטער
טמ״זש — טאָג מארגן זשורנאל
טאָר׳ — טאָראָנטא
יאנ׳ — יאנואר
י״ה — יארהונדערט
ייד׳ — יידיש
ייווא — יידישע וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט
ל״א — לאס אנדזשעלעס
לעקסיקאָן — ז. רייזנס לעקסיקאָן
מאנט׳ — מאנטרעאל
מ. זשונ. — מארגנזשורנאל
מ.פריי — מארגנפרייהייט
מעקס. — מעקסיקע
נאוו. — נאוועמבער
נומ. — נומער
נ.י. — ניו יארק
ס״ד — סאציאל דעמאקראטן
סעפט. — סעפטעמבער
עקז׳ — עקזעמפליארן
ענציק.יוד. — ענציקלאפעדיע יודאיקא, ירושלים
פא״י — פועלי אגודת ישראל
פט״ב — פעטערבורג
פסעווד — פסעוודאנימען
פ״צ — פועלי ציון
פראָפ׳ — פראפעסאר
פא״ש — פרייע ארבעטער שטימע
צוו״א — צווישן אנדערע
צישא — צענטראלע שול ארגאניזאציע
צ״ט — ציוניסטן טעריטאריאליסטן
צ״ק — צענטראל קאמיטעט
צ״ש — צייט שריפט
קאַל׳ — קאליפארניע
קאָמ׳ — קאמוניסטן
רעד׳ — רעדאקטאר, רעדאגירט
ש״ה — שארית הפליטה
שו״ת — שאלות ותשובות
של״ה — ספר שני לוחות הברית
ת.א. — תל אביב
תנ״ך — תורה נביאים וכתובים
ת״ת — תלמוד תורה

ביכער פון חיים לייב פוקס

דורשטיקע לעמער, לידער, פאעמעס און תפילות, פארלאג "קולטור ליגע", וואַרשע 1926.

זינגט מיר די וועלט, לידער, פארלאג "יינג יידיש", לאדזש 1936.

בר־גיוראס לעצטער וועג, היסטארישער ראמאן, פארלאג "יינג יידיש", לאָדזש 1939.

שעה פון ליד, לידער און פאעמעס, פארלאג "פען ביכער", פאריז 1951.

דאס יידישע ליטערארישע לאדזש, מאנאגראפיע, "ציקא" פארלאג, ניו־יארק 1957.

די טעג נייגן די קעפ, לידער און באלאדעס, "ציקא" פארלאג ניו־יארק 1969. באקומען די "ליזע און ווילי שאר ליטעראטור פרעמיע.

לאדזש של מעלה, מאנאגראפיע, פארלאג י.ל. פרץ, תל־אביב 1972. באקומען "גאנאפאלסקי ליטעראטור פרעמיע", פאריז 1974.

זונפארגאנג, ארץ ישראל לידער און נאטור אימפרעסיעס פון מיינע רייזעס איבער דער וועלט, פארלאג "יידישער ליטעראטן פאריין", חיפה 1972.

דער אכטער הימל, לידער, פאעמעס און תפילות, "ציקא" פארלאג, ניו־יארק 1974. באקומען "נחום יוד" פרעמיע פאר פאעזיעביים "יידישן קולטור קאנגרעס", ניו־יארק.

100 יאר יידישע און העברעישע ליטעראטור אין קאנאדע, לעקסיקאן פון יידישע און העברעישע שרייבער און מחברים פון ספרים אין קאַנאַדע, ארויסגעגעבן פון "ח.ל.פוקס בוך פאנד קאמיטעט, מאנטרעאל 1980, מאנוסקריפט באקומען פרעמיע פון "י.י. סיגאל קולטור פאנד" פארן יאר 1978.

גרייט צום דרוק:

מיין זיידע דער בית יוסף, לידער און פאעמעס.